STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00310

BOTSHANI

Chawa Rosenfarb

Permanent preservation of this book was made possible by
Joe Medjuck
in memory of
Ben Medjuck

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חוה ראָזענפֿאַרב

באָטשאַני

חוה ראָזענפאַרב

באָטשאַני

וועלט
ראַט
פֿאַר ייִדיש
און ייִדישער
קולטור

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל

חוה ראָזענפאַרב

באַטשאַני

(אַ ראָמאַן)

אַרויסגעגעבן פון וועלטראַט פאַר יידיש און יידישער קולטור

תשמ״ג — 1983

CHAWA ROSENFARB

BOCIANY

חוה ראָזענפֿאַרב / באָטשאַני

פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב, ברנר 14

נדפס בישראל תשמ״ג

©

Copyright by Chawa Rosenfarb

456, Barton Ave, Montreal H3P IN4, Canada

Printed in Israel

דפוס „אורלי״, רח׳ עקיבא איגר 8, ת״א.

צווייטער טייל

קאַפּיטל איינס

1

די שטאָט לאָדזש האָט אויסגעזען ווי אַ ריזיקע שיף מיט הונדערטער קוימענס וואָס אירע וואָלקנדיקע זיילן האָבן אונטערגעשפּאַרט דעם הימל; אַ שיף וואָס שווימט אויף די כוואַליעס פון אומרו צו אַ ווייטן, אומבאַקאַנטן פּאָרט. אַ נעפּל־דיקע גרויקייט איז געהאַנגען איבער די לאַנגע, שמאָלע גאַסן און די שמוציקע מויערן; אַ גרויקייט אַזאַ וואָס הענגט געוויינטלעך איבער גאַנגוועגן פון אַ גרויער שיף אויף אַ גרויען ים, אונטער אַ גרויען הימל — אין אַ טריבן, גרויען טאָג. די מענטשן, די טראַמווייען, די וואַגנס און וועגעלעך וואָס האָבן זיך באַוועגט איבער די אַרטעריעס פון די טוכלע גאַסן און געסלעך האָבן, ווי טונקעלע פלעקן אויפן גרוי, געצויגן אין אַלע ריכטונגען.

אַ שיף — אַ מוראַשניק.

אויב האָט אין דער שטאָט אַ בלענד געטאָן ערגעץ אַ שמץ גרין, איז דאָס געווען דאָס קברים־גרין איבער די גרוזעס פון אַן אָפּגעברענטער פאַבריק, איבער די רויט־שוואַרצע בערג מיט ציגל און צעשפּליטערט גלאָז, אַרום די אייזן־פונדאַמענטן וואָס האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט ווי אויסגעקרישלטע ציינשפּיצן און אונטערגעהאַלטן אַ שטיקל מויער מיט אַ פּאָר פענצטערלעכער. אמת, שפּעטער אַריין איז צוגעקומען אַ ביסל גרינס אויף דער איינציקער אַלעע אין שטאָט — דער פּראָמענאַדע — צי אין די צווי פּאַרקן, צי אין אַ סקווער דאָ און דאָרט. אָבער בדרך־כלל האָט די שטאָט פון קיין קאָליר, פון קיין פאַרב נישט געוווּסט. אַנשטאָט דעם ריח פון בלומען, איז זומערצייט געהאַנגען איבער דער שטאָט דער ריח פון רויך, אויסגעמישט מיט די ריחות פון די רינשטאָקן און אָפּטריטן, ווייל לאָדזש האָט קיין קאַנאַליזאַציע נישט פאַרמאָגט.

אָבער ווי מאַנאָטאָן און פאַרחושכט דער אויסזען פון לאָדזש איז געווען, האָט ער נישט אָנגעטייט אויף פאַרגליווערטקייט, אויף טויטקייט, צי צעפאַלונג. פאַרקערט. אונטער אָט דעם איינטאָניקן שלייער האָט געהאַמערט דאָס צעגליטע, אייביק יונגע, תמיד־זיך־באַנייענדיקע האַרץ פון דער שטאָט.

אַן אומגעדולד, אַ דינאַמישער אימפּעט, אַ מוסקולירט־אָנגעדראָלענער, אַנ־

געלאַדנטער דראַנג אינעם מאַרגן אַריין, אַן עלעקטריזירנדיקע שפּאַנונג האָבן געוויעט ווי נצחונדיקע ווינטן איבער דער שטאָט. זייער אמתער קאָליר איז געווען דער קאָליר פון די מאַנסטערס צו וועלכע די שטאָט האָט געדינט: די פאַבריקן. ציגל־רויט. פייערדיק. אַ שטאָט וואָס האָט נישט געהאַט קיין צייט און נישט דאָס געמיט זיך צו זאָרגן פאַר אַזעלכע נאַרישקייטן ווי שיינקייט, באַקוועמלעכקייט — און זי האָט אַפילו נישט געשפּירט, אַז דאָס זאָל איר פעלן. ווייל זי איז געווען פאַרשיכורט מיט איר פאַנטאַסטישן ווּקס, מיט דער „פּראַכט" פון די קוימענס וואָס האָבן אויפגעשפּראָצט איינער נאָכן אַנדערן, זיך מיט רויכיקע אָרעמס געשטרעקט צו די הימלען און מיטן רויך געשריבן אויף זיי די נעמען פון אַלץ ווייטערע אָפּזאַצמערק. דער הונגעריקער בער — די צאַרישע אימפּעריע — האָט גיך פאַרשלונגען אַלץ וואָס לאָדזש האָט אים דערלאַנגט, און האָט פאַרלאַנגט נאָך און נאָך.

איז לאָדזש געווען צעריסן פון צוויי סתּירותדיקע תאוות, וואָס די רויכיקע קוימענס האָבן זיי אויפגעבלאָזן און צעפלאַקערט. איינע איז געווען צו געלט... גאָלד... באַנקנאָטן. אַ שטאָט וואָס האָט זיך געבאָדן אין אַ שוימיקן ים פון וועקסלען און וועקסלען. זיי האָבן פאַרפּלייצט נישט נאָר די שופלעדער פון די דייטשע פאַבריקאַנטן, די ערשטע פאַבריק־בויערס — נאָר פון דער כּסדר־שטייגנדיקער צאָל ייִדן, נעכטיקע לוינוועבערס, נעכטיקע גראָשנדיקע קרעמערס, געוועזענע מלמדים, לומדים, חסידים, מתנגדים און ליטוואַקעס וועלכע האָבן זיך דאָ באַזעצט נאָכן גירוש פון מאָסקווע.

פון דער אַנדערער זייט, איז די שטאָט מיטגעריסן געוואָרן מיט דער צווייטער תּאווה — פון די וועלכע האָבן די ציגלנע מאָנסטערס, די פאַבריקן, באַדינט; די וועלכע האָבן מיט דער פּראַצע פון די אייגענע הענט בייגעטראָגן דערצו, אַז דאָס געלט זאָל פליסן מיט צעגליטערטע שטראָמען אין די שופלעדער פון יענע, די מזלדיקע. די תּאווה פון די אַרבעטערס צו אַ נייעם וועלט־סדר, צו יושר. גיך האָבן זיי אַנטדעקט דעם כּוח פון אייניקייט און האָבן אים אויסגעפּרוּווט אין שטרייקן, אויף דעמאָנסטראַציעס און באַריקאַדן.

דאָס יאָר 1905 האָט אויפגעריסן די שטאָט ווי אַ קורצשלוס, אַן עקספּלאָזיע. און הגם די יאָרן וואָס זיינען נאָכגעקומען האָבן אַנגעבראַכט די שוואַרצע רעאַקציע און אַ געפיל פון אָפּהענטיקייט, האָט לאָדזש אין איר אייגענעם ריטעם נאָך אַלץ געפילט דעם אומרו פון דערוואַרטונג: די דערלייזונג האָט געמוזט נאָכקומען.

איינגעוואָרצלט אין דער ווירקלעכקייט האָט לאָדזש געחלומט חלומות.

די פאַבריק־סירענעס, עלעהיי סירענעס פון אַ שיף, האָבן יעדן פאַרטאָג געוועקט די שטאָט מיט זייער מאָנימדיק־אויסגעצויגענעם געוויי — און האָבן גערופן די מוראַשקעס, די טויזנטער און טויזנטער אַרבעטערס, צו האָוועון און איילן און פול מאַכן די צעעפנטע פּיסקעס פון די טויערן פון די ציגלנע מאָנס־

טערס וואָס האָבן זיי איינגעשלונגען. די זעלבע סירענעס האָבן געוועקט די בעלי־בתּים פון די פאַבריקן און וואַרשטאַטן, די סוחרים, די מעקלערס זיך צו פעדערן און לויפן אין די „קאַנטורן", די קאַפּעהייזער, די בערזעס — אויס־צופּרווון נייע איינפאַלן, נייע דערפינדונגען פון מוסטערן פון שטאָפן, קאָמבי־נאַציעס פון גאָרן, נייע מאַשינען, מאַכן טראַנזאַקציעס, שרייבן קאָנטראַקטן, שרייבן און נעמען וועקסלען און נאָך אַ מאָל וועקסלען. — צוועלף אַ זייגער ביי טאָג האָבן זיך די סירענעס ווידער געהערט, און זעקס פאַר נאַכט — אויף ס'ניי.

אַזוי האָבן די סירענעס צעשניטן דעם לאָדזשער טאָג, אויסער די זונטיקס און די חגאות, אויף חלקים; יעדער חלק מיט זיין אייגענער שטימונג, אייגענער שפּאַנונג. אַזוי האָבן די סירענעס וואָך געהאַלטן די חלומות וואָס לאָדזש האָט געחלומט.

2

בינהלע איז אָנגעקומען קיין לאָדזש אין אַ שפּעטן אָוונט. דעם מעל־סוחרס בויד מיט וועלכער זי איז מיטגעקומען האָט געצויגן דורך שמאָלע, לאַנגע גאַסן גע־טונקענע אין אַ חושך, וואָס איז דאָ און דאָרט אויפגעריסן געוואָרן מיטן געלן ליכט פון אַ גאַז־לאַמטערן.

בינהלען איז אויסגעקומען, אַז זי פאָרט אין מיטן פון אַ טיפן טייך, אָן וואַסער, וואָס זיינע ברעגעס זיינען געווען די שוואַרץ־שטיינערדיקע מויערן ביי די זייטן. זי איז געזעסן אין דער בויד לעבן דעם סוחרס קראַנקן ווייב, וועלכע האָט שטיל געקרעכצט, און האָט געהאַלטן דאָס שלאָפנדיקע עופעלע אויף דער שויס. זי, בינהלע, ווי מיד זי איז געווען פון דער לאַנגער נסיעה, האָט מורא געהאַט איינצודרעמלען אויף אַן אויגנבליק, נישט היזק צו האָבן דעם חלום וואָס זי האָט געחלומט וואַכערהייט. יעדער מאָל וואָס אַ דאָראָזשקע מיט אָנגעצונדענע לאַמטערנעס איז איר פאַרבייגעפאָרן, צי אַ וואָגן מיט ברענענדיקע שטורקאַצן, האָט זי אומגעקערט דעם קאָפּ און נאָכגעקוקט דעם ליכט, ביז אַ צווייטס האָט אויפגעטויכט פאַר איר.

ווער איז דאָס געפאָרן אין אָט די טונקעלע וועגענער? וואוהין איז מען געפאָרן? און ווער האָט דאָס געוואָכט הינטער די פענצטער מיט די אָנגעצונדענע ליכטער אין די הויכע, שוואַרצע מויערן, אַצינדער, ווען אין באַטשאַני איז מען שוין לאַנג געשלאָפן? און ווער זיינען דאָס געווען די שאַטנס וואָס האָבן זיך מחנותוויז באַוועגט דרויסן, לענג־אויס די מויערן — בעת אין באַטשאַני האָבן בלויז שדים אַרומגעשפּאַצירט צווישן די כאַלופּעס?

זי איז געווען אַזוי דערשטוינט און איבערגענומען מיטן בילד וואָס האָט זיך שאַטנדיק־סודותדיק פונאַנדערגעוויקלט פאַר אירע אויגן, אַז דאָס האַרץ האָט

איר אַזש געקלאַפּט, אַ סלינע איז איר אַזש געקומען אין מויל. און איר האָט זיך, נישט געקוקט אויף דער מידקייט, געגלוסט אַזוי צו פאָרן און צו פאָרן. אָבער ווען זיי האָבן זיך דערנענטערט צום מיטן פון דער פּיעטריקאָווער־גאַס, האָט דער מעל־סוחר זיך אַ קער געטאָן צו איר פון דער קעלניע און געפרעגט, צי זי האָט דאָ קרובים ביי וועמען זי וואָלט געקאָנט איבערנעכטיקן.

„ס׳דען...״ האָט זי אַ צעטומלטע געענטפערט.

„טאָ ווו זאָל עך דיך אַראָפּלאָזן?״ האָט ער געפרעגט.

„אַ ביסל ווייטער״, האָט זי געענטפערט.

„אין באַלוט מיינסטע?״

„ס׳דען...״ האָט זי אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

אין אַ באַלעבטן טייל פון באַלוט, ביי דער קירך פון דער הייליקער פּאַננע מאַריע, האָט דער מעל־סוחר פאַרהאַלטן די בויד און זיך ווידער אַ קער געטאָן צו איר. „ס׳ט צוטרעפן אַליין פון דאַנען?״

„ס׳דען...״ האָט זי אַ זאָג געטאָן, אַוועקגעלייגט דאָס עופּעלע אין דער שויס פון דעם סוחרס ווייב און איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער בויד.

„אַ שיינטשינקן דאַנק!״ האָט דער סוחר איר צוגערופן.

„שמירטץ ענק אויס די שאַנק!״ האָט זי אים אויפן באַטשאַנישן שטייגער געענטפערט, זיך מער נישט אומגעקוקט אויף דער בויד, נאָר זיך אַ קער געטאָן און אַרומגעקוקט ווו זי געפינט זיך.

זי האָט באַמערקט אַ שוואַרצע מחנה מענטשן ציִען אין איר ריכטונג און זי האָט זיך געכאַפּט, אַז זי געפינט זיך לעבן דער אַריינגאַנג־טיר פון אַ קאַשטשאָל. פון דער אָפענער טיר האָט געשלאָגן אַ ליכט. האָט זי זיך דערנענטערט אַהין און איז אַריין אין קאַשטשאָל צוזאַמען מיט די גויים.

אין קאַשטשאָל איז פאַרגעקומען אַ נאַכטמעסע. בינהלע האָט זיך אַוועקגע־זעצט אויף אַ לאַנגער, האַרטער באַנק וועלכע איז איר אויסגעקומען אַזוי באַקוועם און איינלאַדנדיק נאָך דעם לאַנגן טאָג זיצן איינגעקאַרטשעט אין דער בויד, אַז די אויגן זיינען איר באַלד צוגעפאַלן. זי האָט געקעמפּט מיטן שלאָף. זי האָט געמוזט זיין וואַך און זען וואָס זי האָט ווייטער צו טאָן. אָבער דעם גלחס קול איז געווען זינגעוודיק־איינשלעפערנדיק און זי האָט ווידער געכאַפּט אַ דרעמל. זי האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן דעם שמאָלן פּולפּיט פון פאָרנט, מיטן אָרעם אונטערגעבעט אונטער דער באַק, און זי האָט זיך איבערגעוועקט ווען דער עולם האָט גענומען זיך פונאַנדערגיין. זי האָט זיך שוועך אויפגעשטעלט, געשטופּט זיך מיט אַלעמען צו דער טיר — און דאָ, אויפן וועג אַרויס, איז איר געפאַלן אין די אויגן דאָס הילצערנע, פיין־אויסגעשניצטע קאָנפעסיאָנאַל־ביידל. האָט זי זיך אַ שטופּ געטאָן אַהין און אַריינגעשפּרונגען הינטער דעם פירהאַנג.

ווען די ליכט אין קאַשטשאָל זיינען אויסגעגאַנגען און בלויז אָן איילאַמפּ

איז געבליבן ברענען לעבן אַלטאַר, האָט זי זיך אַרויסגעשלייכט פון דער באַהעלטעניש, אַרומגעוואַנדערט לענג־אויס די ווענט און אַנטדעקט די זאַקריסטיע.

זי האָט דרינען אונטערגעוואַרט אַ ביסל, ביז זי האָט זיך צוגעוויינט צו דער פינצטערניש. דאָס ליכט וואָס האָט זיך אַריינבאַקומען פון פינצטערן דרויסן דורכן ווענטילאַציע־פענצטער האָט קוים־קוימיק באַלויכטן אַ גלחישע סוטאַנע אויף אַ הילצערנעם שטענדער. זי האָט אַ כאַפּ געטאָן די סוטאַנע, פאַרוויקלט זי אין אַ קנויל און איז צוריק אַרויס אין קאָשטשאָל־זאַל. זי האָט בדעה געהאַט זיך אויסצוציִען אויף אַ באַנק, נאָר דאָ האָט זי אונטערן אַלטאַר באַמערקט דעם טעפּעך וואָס מען האָט אויף ביי נאַכט איינגעוויקלט און אַרונטערגערוקט אונטערן טיש. האָט זי זיך נישט געפוילט, האָט צוריק פונאַנדערגעוויקלט דעם טעפּעך, אַוועקגעלייגט די פאַרקנוילטע סוטאַנע ווי אַ קישן צוקאָפּנס, און האָט זגראַבנע זיך צוריק פאַרוויקלט צוזאַמען מיטן טעפּעך ביז אונטערן אַלטאַרטיש אַרונטער. זי איז איינגעשלאָפן מיט אַ האַרטן, פעסטן שלאָף.

גלייך ווי דער גלאָק האָט זיך צעקלונגען אויף דער ערשטער פרימאָרגן־מעסע, האָט בינהלע זיך אַרויסגעוויקלט פון איר געלעגער, פאַרווישט אַלע שפּורן נאָך זיך און זיך צוריק באַהאַלטן אין ביידל פון קאָנפעסיאָנאַל.

ווען די אַרבעטערס אויפן וועג צו דער אַרבעט און די פויערים פון די דערפער אַרום דער שטאָט — די וואָס זיינען דורך דער נאַכט אַריינגעקומען קיין לאָדזש מיט די סחורות, וואָס זיי האָבן געוומען צום אויסאַרבעטן „אויסוועטס״, ביי זיך אויף די וועבשטולן; צי די מיט גרינסן און מילכוואַרג — האָבן געוומען אַריינ־שטראָמען אין קאָשטשאָל, האָט בינהלע זיך אַפּגעשלייכט פון הינטער דער פירהאַנג און האָט זיך צוזאַמען מיט זיי אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק — איבער־צוטראַכטן איר מצב און נאָך צושלאָפן אַ ביסל, ווייל ס'איז ערשט געווען אַרום פינף פאַר טאָג. די אויגן האָבן איר געקלעפּט און איר גוף האָט זיך טאַקע, שלאַבעריק, אָנמאַכטיק, גענומען אויסבייגן צו דער זייט.

ווען זי האָט זיך דערכאַפּט און געוואָלט זיך אָנשפּאַרן מיט די אָרעמס אָן שמאָלן פּולפּיט, האָט זי באַמערקט דאָס קליינע אַלטע גלחל, דעם קאַנאָניק, אַרומגיין צווישן עולם מיט אַ טעלער, זאַמלען נדבות.

זי האָט אויף גיך אַ גרייך געטאָן צום בוזעם און אַרויסגענומען די שמאַטקע וווּ זי האָט געהאַלטן פאַרוויקלט די פּאָר קאָפּעקעס וואָס יעקב האָט איר מיטגע־געבן. זי האָט געזען ווי די פויערים וואַרפן אַריין מטבעות און נעמען אַ רעשט, האָט זי אַריינגעוואָרפן אַ גאַנצע צווייער־קאָפּעקע אין קאַנאָניקס טעלער און גענומען אַ רעשט — אַ פינפער. גלייך דערנאָך האָט זי זיך אויפגעשטעלט, איבער־געצלמט און איז אַרויס פון קאָשטשאָל.

זי האָט זיך צעוואַנדערט איבער די גאַסן, אַ צעטומלטע, דערשטוינטע, מיט ברייט־פונאַנדערגעריסענע אויגן. דאָס לעבן וואָס האָט פּולסירט אַרום איר איז

איר אויסגעקומען אַזוי משונהדיק־אומפאַרשטענדלעך, אַז ס׳איז אַזש געווען קאָ־מיש. די מענטשן האָבן אויסגעזען ערגעץ צו לויפן, ווי מען וואָלט זיי נאָכגע־יאָגט, טייל אַהין, אַנדערע אַהער. זיי האָבן אַלע אויסגעזען בייז און געהאַט אויסגעקרימטע פּנימער, ווי זיי וואָלטן געליטן פון צאָנווייטיק. אָבער צום מערסטן האָט זי געגאַפּט אויף די צעקלונגענע טראַמווייען וואָס האָבן גיך פאַרבייגע־שווינדלט פאַרביי אירע אויגן. דעם ערשטן אויגנבליק איז איר איינגעפאַלן, אַז אָט די וועגענער אָן פערד דינען דערויף, אַז מען זאָל אין זיי אַוועקפירן דאָס גאָלד וואָס מען „שאַרט אין די גאַסן” פון לאָדזש, אין ווייט־פאַרשטעקטע באַ־העלטענישן. און געפאָרן זיינען זיי אַזוי שנעל, כּדי אַפילו דער גיכסטער גנב זאָל זיי נישט קענען דעריאָגן.

נאָך אַ פּאָר שעה וואַנדערן האָט זי זיך געקויפט אַ פּאָר בייגל פאַרן פּינפער וואָס זי האָט אַרויסגענומען פון קאַנאַניקס טעלער. זי האָט באַשלאָסן צו זיין שפּאָרזאַם און האָט זיך דערלויבט אויפצועסן נאָר איין בייגל.

זי האָט זיך גיך צוגעוויינט, אַז די מענטשנשטראָמען זאָלן זי שטופּן, שטויסן, מיטטראָגן מיט זיך. גאָר אָפט האָבן די שטראָמען זי צוגעבראַכט צו אַ גרויסן ציגלנעם געביי מיט הונדערטער צעציטערטע, צעקלונגענע פענצטער־שייבלעך. זי האָט געזען ווי די טויערן פאַרשלינגען די מענטשן־מאַסע און פאַרמאַכן זיך, עלעהיי תּפיסה־טויערן און זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס זיינען געווען די לאָדזשער פאַבריקן וועגן וועלכע יעקב האָט איר דערציילט. האָט זי זיך אַ קער געטאָן פון זיי און האַסטיק אַוועקגעשפּאַנט ווייטער. אמת, ס׳איז איר אַפילו אויפן רעיון נישט געקומען צוריקצופאָרן קיין באַטשאַני — דער ריטעם פון לאָדזש האָט זי היפּנאָטיזירט. ער האָט געשטימט מיט איר אייגענעם אומרו — נאָר אין אַזאַ צעזשומעטער תּפיסה, אין אַ פאַבריק, האָט זי נישט בדעה געהאַט אַריינ־צופאַלן.

איבערגעקומען דעם טאָג מיט די פּאָר בייגל, האָט בינהלע ווידער איבער־גענעכטיקט אין קאַשטשאַל פון דער הייליקער פאַננע מאַריע.

אָט די קוואַרטיר האָט געפונען חן אין אירע אויגן. די קירך איז געשטאַנען אָפן ביי טאָג און ביי נאַכט און אינעווייניק האָט זי קיינער נישט געטשעפּעט. האָט זי זיך גאָר גיך פאַרהיימישט דרינען. זי האָט אין דער זאַקריסטיע אַנטדעקט דעם קאַראַף מיט קריסטוסעס בלוטוויין און אַ פולע שיסל מיט קריסטוסעס גוף־אָפּלאַטקעס. פאַרן שלאָפן גיין, אַז עס האָט איר אַ נאָג געטאָן „אונטערן לעפעלע”, האָט זי זיך אונטערגעלענט דאָס האַרץ מיט אַ זופּ פון דעם קאַראַף און פאַר־ביסן מיט אַ פּאָר מעדנימדיקע אָפּלאַטקעס.

אין קאַשטשאַל זיינען געפּראַוועט געוואָרן דריי מעסעס אַ טאָג און זונטיק און אין די חגאות אַ מעסע יעדער שעה. ווען ס׳האָט בינהלען אויסגעפעלט אַ

פאַר קאָפּעקעס, האָט זי זיך אין מיטן טאָג אויך אַריינגעכאַפּט צו דער מעסע, זיך באַשטייערט מיט אַ שיינער נדבה ווען דער אַלטער קאַנאַנדיק איז אונטער־געקומען מיטן טעלער — און האָט געגומען אַ רעשט נאָך אַ שענערע מטבע.

איין מאָל, ווען דאָס האַרץ איז איר אויסגעגאַנגען צו פאַרזוכן אַ ביסל וואַרעמס, האָט זי זיך אַנגענומען מיט מוט און איז צו צו דער נאַנע וועלכע האָט אין דער פרי געפּוצט די הייליקע כּלים. קודם האָט זי זיך איבערגעצלמט, שפּעטער האָט זי מיט צוניפגעלייגטע הענט אַנידערגעקניט פאַר דער נאַנע, לסוף האָט זי זיך צעוויינט.

די נאַנע האָט זי אַנגענומען פאַר דער האַנט, געהאָלפן איר זיך אויפשטעלן און אַזוי האָט בינהלע, אין דעם דאַרפישן פויליש וואָס זי האָט געהאַט אויסגע־לערנט ביי יאַדווישען, אַ כליפּע געטאָן: „יאַ ביעדנאַ שעראַטאַ... געקומען פון דאָרף זוכן פּאַדלאַגעס אַפּצושייערן... פאַר אַ ביסעלע וואַרעמס".

די נאַנע האָט, נישט־אָפּלאָזנדיק איר האַנט, זי אַריינגעפירט אין דער פלע־באַניע. „דאָס אָרעמע קינד איז הונגעריק", האָט זי ווייך אַ זאָג געטאָן צו דער פאַרפאַרעטער פעטער גאַספּאַדיניע, וועלכע האָט געטראָגן אַ שוואַרצע שירץ און אַ שטאַרק געקראַכמאַלעט ווייס טיכל אויפן קאָפּ. „ז'יט אונדז אָפּשייערן די פּאַדלאָגעס אין דער פלעבאַניע".

די גאַספּאַדיניע האָט עפּעס אַ מרוקע געטאָן אין גוידער אַריין, אָנגעשעפּט אַ שיסעלע קאַשע פון דער פרישטיק־דעניצע און עס אַוועקגעשטעלט אויפן טיש, לעבן דעם אַלטן קורצזיכטיקן קאַנאַניק. איבערגעבויגן נאָענט צום טיש, האָט דער אַלטעטשקער מיט אַ פליסטער געציילט די מטבעות וועלכע ער האָט אין דער פרי געהאַט צונויפגעזאַמלט בעת דער מעסע. ביי בינהלען האָט דער בויך זיך צעבורטשעט און זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דעם שיסעלע קאַשע. ערשט ביים אויסקראַצן עס, האָט זי פאַרנומען דעם קאַנאַניקס מאַנאָטאָנעם שעפּטש: „נאַשטשע... נאַשטשע..."

„דאָס אָרעמע קינד נעבעך..." האָט זי דערהערט ווי די נאַנע לאָזט אַרויס אַ רחמנותדיקן זיפץ. „ז'איז אַזוי הונגעריק, אַז ז'האָט אפילו אָן דעם פאָן בוג פאַרגעסן..."

בינהלע האָט זיך גלייך געכאַפּט, זיך אַ פּאָר מאָל איבערגעצלמט, צונויפ־געלייגט די הענט און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. אירע אויגן זיינען געלאָפן אַהין און צוריק צווישן איר לערן שיסעלע און דעם קאַנאַניקס פולן טעלער מיט מטבעות — און אַזוי האָט זי אויף אַ קול געזאָגט די תּפילה וואָס זי האָט אויס־געלערנט ביי יאַדווישען אין שטוב, אין באַטשאַני. זי האָט הויך געקראַצט דעם באָדעם פון שיסעלע מיטן לעפל. די קאַשע האָט געהאַט אַלע טעמען אין דער וועלט. די גאַספּאַדיניע האָט פאַרשטאַנען, אַז ס'וואָלט געווען אַ מיצווה צו דער־לאַנגען דער אָרעמער יתומה נאָך אַ שעפּלעפל קאַשע.

בעת זי האָט דאָס געטאָן, האָט זי אַ פרעג געטאָן בינהלען: „קאָנסט גוט שייערן פּאַדלאָגעס?"

אויפן אָנבליק פון אָנגעפּילטן שיסעלע האָט בינהלע ענטוזיאַסטיש אויסגע־רופן: „יאַק קרעדאַ!"

דער קאַנאַניק האָט אַ צאַפּל געטאָן, פאַרגעסן ווו ער האַלט און צוריק אַריינגעשאַרט אַלע מטבעות וואָס ער האָט געהאַט אַרויסגעלייגט אויפן טיש, אין טעלער אַריין. ער האָט אָנגעהויבן דאָס ציילן פון אָנהייב אָן.

איצט האָט בינהלע געגעסן פּאַמעלעכער און האָט זיך מער קאָנצענטרירט אויפן אַלטן קורצזיכטיקן קאַנאָניקס טעלער מיט מטבעות. זי האָט לייכט צו־געשאָקלט מיטן קאָפּ צום ריטעם פון זיין שעפּטשענדיקן קול: „נאַשטשע... אַשטשע".

אַ ליכטיקער געדאַנק האָט אויפגעבליצט אין איר מוח און זי האָט אויסגע־רופן: „שלעכט געציילט, פּאַטערל!"

איידער די גאָספּאַדיניע האָט באַוויזן צו קומען צו זיך פון שטוינען, איז בינהלע אויפגעשפּרונגען, זיך אַ שטעל געטאָן לעבן דעם קאַנאַניק, מיטן רוקן צו דער גאָספּאַדיניע, איבערגעקערט דעם טעלער אויפן טיש און גענומען הויך און גיך ציילן די מטבעות. זי האָט זיך אַזוי איבערגעבויגן איבערן טיש, אַז דער לויזער אַרבל פון איר יאַקע איז אויסגעקומען נאָענט צו די מטבעות, געבליבן אונטערגעהויבן ווי אַ ברייטער שפּאַלט פון אַ אויפגערוקט שופלעדל. זי האָט, ציילנדיק, אַ קער געטאָן דעם קאָפּ און זיך אַרומגעקוקט. די נאָנע איז צוריק געווען אין קירכזאַל, די גאָספּאַדיניע האָט יאָ געהאַלטן אַן אויג אויף איר, אָבער זי האָט זיך געפונען גלייך הינטער איר רוקן. האָט בינהלע פלינק צוזאַמענגע־שאַרט די מטבעות, צענערלעך צו צענערלעך, פינפערלעך צו פינפערלעך, זיי אויסגעשטעלט אין קופּקעלעך און זיך גענומען צו דער מאָסע איינצלנע קאָ־פּעקעס. בעת־מעשה האָט זי אַ פּאָר פון דאָ און אַ פּאָר פון דאָרט אַריינגעשאַרט צו זיך אין אַרבל.

„זאָל דיך גאָט באַלוינען, מיין קינד", האָט דער קאַנאָניק זיך געווישט די אָנגעשטרענגטע אייגלעך. „וויפל האָסטע זשע אָנגעציילט אַלץ אין איינעם?"

בינהלע האָט פּאַמעלעך איינגעפאַלדעוועט דעם אַרבל אַרום איר געלענק, אים פעסט צוגעהאַלטן מיט דער אַנדערער האַנט און זיך פאַרנייגט פאַרן קאַנאָ־ניק. „פיר רובל!" האָט זי אים געמאָלדן. זי האָט גיך אויסגערופן צו דער גאָספּאָ־דיניע: „בוג זאַפּלאַטש!" און צוהאַלטנדיק דעם אַרבל, זיך אַ לאָז געטאָן צום קירכזאַל.

אויפן וועג האָט זי זיך פאַרשטעקט צווישן צוויי רייען בענק אין דער זייַ־טיקער נישע, אַרויסגעטרייסלט די מטבעות פון אַרבל און זיי פאַרשטעקט אין אַ שוך. זי איז אונטערגעקומען צו דער נאָנע וועלכע האָט זיך נאָך אַלץ גע־

פארעט ביי די כלים אויפן אלטאר און זי געפרעגט וועלכע פאדלאגעס זי דארפט אפשייערן.

דעם טאג האט זי זיך געקויפט א האלב ברייטל און א גאנצן הערינג.

אזוי האט זי יעדער מאל, ווען עס האט זיך איר פארבענקט נאך א ביסל וואַרעמס און נאך א שטיקל ברויט מיט הערינג, געשייערט די פאדלאגעס אין דער פלעבאניע — פאר א שיסעלע קאשע מיט א „דאלעווקע”, און האט גע־האלפן דעם קאנאניק ציילן די מטבעות פון זיין טעלער. טאמער האט איר דאס געוויסן פון צייט צו צייט א דליבע געטאן, אז זי דינט זיך אפּ פאר א טובה מיט א גנבה, האט זי זיך אנגעבייזערט אויף זיך פאר אזא איינפאל. וואס פאר א גנבה האט דאס געקאנט זיין? האט זי זיך נישט פארדינט א נדבה פונקט אזוי גוט ווי די הונגעריקע פאר ווּעמען דאס געלט איז געזאמלט געווארן? דערצו איז זי געווען א יתומה און אפילו קיין קרוב האט זי דא אין דער שטאט נישט געהאט. דריטנס, זיינען די נדבות פון דעם קאנאניקס טעלער געגאנגען פאר גוים — און זי איז געווען א ייִדיש קינד. און איין ייִדיש קינד איז געווען מער ווערט ווי צען גוייִשע. דערצו האט זי שוין גוט געוווּסט ווי שלעכט די גוים האבן געקאנט זיין צו די ייִדן.

די איבעריקע צייט פון טאג האט זי געזוכט ארבעט אין איר פאך: ווי א דינסטמיידל. זי האט זיך גיך משער געווען, אז דא, אין באלוט, ווו זי איז געווען איינקווארטירט, האט זי נישט געהאט וואס צו זוכן. האט זי זיך ארויסגעלאזט קיין ווילקע, דעם שטאטצענטער. זי האט ארומגעוואנדערט איבער דער עלעגאנ־טער, אטעם־פארכאפנדיקער פיעטריקאווער־גאס און איז פארקראכן אין די ריזי־קע הייף, וועלכע זיינען געווען ארומגערינגלט מיט אזש פיר־שטאקיקע הייזער־קאסטנס, יעדער הויף ווי א קליין שטעטל. זי איז געקראכן איבער טרעפּ, איבער שטאקן און שטאקן, ביז זי האט זיך געכאפט, אז סיי אין די קעלערס, סיי אויף די גאר הויכע שטאקן האבן געוווינט נאר קבצנים. די גבירים האבן געוווינט אויפן ערשטן, העכסטנס אויפן צווייטן שטאק און אויף זייערע טירן זיינען געווען אנגעקלאפּט גלאנציקע מעשענע פלעטלעך, מיט אויסגעגראווירטע נעמען. האט זי זיך גענומען צו באארבעטן נאר די דאזיקע טירן.

נאר עפּעס האט זי גאר קיין מזל נישט געהאט צו די ווייבער וועלכע האבן איר אט די טירן געעפנט. אדער זי האט זיך באגעגנט פנים־אל־פנים מיט א דינסטמויד, אדער די בעל־הביתטע האט זי דערזען, זיך פארקרימט, צי גאר גע־מאכט א דערשראקן פנים ווי זי, בינהלע, וואלט געווען א נישט־גוטע און איידער בינהלע האט באוויזן צו עפענען דאס מויל און אויסצורעכענען אירע מעלות, אירע פעיִקייטן און קענטענישן אין פאך, האט זיך די טיר פארקלאפּט פאר איר נאז. אז זי האט געהאט א ביסעלע מער מזל, האט מען איר נאכגערופן און דער־לאנגט א שטיקל ברויט.

אַזוי האָט זי זיך אַרומגעטראָגן פון הויז צו הויז, פון די הויפּטגאַסן פאַר־וואַנדערט אין זייטיקע געגנטן, אויסגעמאָסטן די שטאָט אין דער לענג, אין דער ברייט; און ס'איז זי באַפאַלן דאָס מאָדנע געפיל, אַז הגם זי האָט זיך געפונען אין לאָדזש — איז זי דאָ נישט געווען. ווי די שטאָט וואָלט זיך געהאַלטן אָפּגע־צוימט פון איר מיט אַן אומזעעוודיקן צוים, זי נישט געלאָזט זיך אַריינוואַרפן אין איר צעכוואַליעטן אומרו און שווימען אין אים ווי אין אייגענע.

אַז זי איז מיד געוואָרן פון אַרומוואַנדערן און דער מוט האָט גענומען אַראָפּ־פאַלן ביי איר, האָט זי זיך געטרייסט מיט יעקבס ווערטל: „אַפילו ווען מען זעט דאָס קבר אָפן, טאָר מען נאָך אַלץ נישט אויפהערן האָפן". אַלץ וואָס זי האָט געדאַרפט איז געווען אָפּכאַפּן דעם אָטעם, אָפּרוען די פיס.

איז זי אַריין אין אַ גרויסן הויף, אַן אַרומגעמויערטן מיט די הויכע הייזער־קאַסטנס, און זיך אַוועקגעזעצט אויף דער פּלומפּ. מענטשן זיינען געקומען און געגאַנגען, קינדער האָבן אַרומגעהאַוועט אין סטאַדעס, געשריגן, געיאָגט זיך, געקאָפּעט אַ באַלעם, געהאָפּסלט איבער שטריק, צי זיך געשלאָגן. שכנות האָבן געמאַטלט אין גרופּקעלעך פאַר די אַריינגענג, צי זיך געקריגט דורך די אָפענע פענצטער. אַלע מינים הענדלערס זיינען אַריינגעקומען דורכן טויער און אויס־גערופן זייערע סחורות מיט צעצויגענע ניגונים.

אַ גלעזער מיט אַ קעסטל גלאָז אויף די פּלייצעס האָט געשריגן: „ווייבער פון אונטן... ווייבער פון אויבן... עך שטעל אַריין שויבן!"

דאָ האָט אַ צווייטער ייִד גערופן: „צו פאַרלייטן טעפּ... שיס... וויאַדרעס!"

אַ שמאָטע־קלייבער איז אָנגעקומען מיט אַ וועגעלע. „פּאַניע אי פּאַני... טאַלעזשיקי זאַ גאַלגאַני!" האָט ער גערופן.

טייל מאָל האָט זי צוגעזען אַ ספּעקטאַקל פון אַ הויפזינגער וואָס האָט געגעבן אַ קאָנצערט. צוהאַלטנדיק זיך מיט איין האַנט פאַרן אויער, האָט ער צוגעטאַנצט און זיך צוגעקלאַפּט מיט אַ שטעקן. צי אַ משפחה קונצן־מאַכערס האָט זיך גאָר באַוויזן מיט אירע אַקראָבאַטישע וווּנדערס, וואָס זיי האָבן אויס־געפירט אויף אַ פונאַנדערגעשפּרייטן, געלעכערטן זאַק. צי זי האָט בייגעוווינט אַ גאַנצן קאָנצערט פון כּלי־זמרים, קאַליקעס, וואָס האָבן קאָנצערטירט אויף קרומע, לאָמע, הייזעריק־גרילצנדיקע אינסטרומענטן. צי זי האָט גאָר געזען דעם קאַטערינקע־שפּילער מיטן ים־חזירל אויף דער קאַטערינקע.

ער האָט פאַרקויפט רפואות אויף קאַפּוויטיק, האַרצוויטיק און צאָנווייטיק און האָט גערופן: „איך זאָג פיר... ווער וויל זעך לאָזן פירזאָגן? די גאַנצע פּושעשלאָשטש, פּושישלאָשטש און טראַזשניעישאָשטש, פאַר אַן איינציקן צווייער!"

בינהלע האָט שטאַרק געוואָלט זיך לאָזן פירזאָגן וואָס עס וועט מיט איר געשען אין אָט דער שטאָט, דער פרעמדער, אָטעם־פאַרכאַפּנדיקער. אָבער ס'איז

איר אַ שאָד געווען אַ צווייער. צווייטנס האָט זי מורא געהאַט, אַז דער קאַטאַ־ריניאַזש וועט איר פירזאָגן, אַז דער טאַטע וועט זי קומען זוכן און וועט זי געפינען.

אין דעם גרויסן הו־האַ פון הויף האָט זי פון צייט צו צייט געזען די עלעגאַנטע מאַדאַמעלעך פאַרבייצייַען ווי וואַנדערנדיקע שטערן וואָס באַלייכטן אַ גרויען הימל. אויסגעפּוצט אין מאַנטלען מיט פוטערנע קאַלנערס, צי מיט פוקסן פאַר־וואָרפן אַרום די העלדזער, די אײדעלע הענט באַהאַלטן אין וואַרעמע פוטערנע מופקעס, האָבן זיי אײדל־פאַרזיכטיק געטרעטלט אין די שיך מיט הויכע קנאַפּלען און געצויגן צו זיך אַלעמענס בליקן. בינהלען זײַנען זיי אויסגעקומען נאָך מלכותדיקער אויסגעפּוצט ווי דעם אַרענדאַרס טעכטער אין באַטשאַני און ס'איז נישט שייך געווען אײפּערזיכטיק צו זיין אויף אַזעלכע לייכטנדיקע, פּראַכטיקע „ווענוס", ווייל זיי האָבן גאָר געהערט צו אַן אַנדער מין באַשעפענישן. זיי האָט מען נאָר געקאָנט באַוווּנדערן מיט אַ סלינע אין מויל.

אַז בינהלע האָט די זעלבע דאַמעלעך געזען אַרויסקוקן פון די פענצטער פון די ערשטע שטאָקן, פון אונטער טיולענע גאַרדינען, האָט איר אויסגעזען, אַז באַדינען אַזאַ געשטאַלט, וואָלט געווען דאָס גרעסטע גליק וואָס זי וואָלט געקאָנט פאַר זיך אויסחלומען. און זי האָט מיט אמתער קינאה באַטראַכט די דינסטן אין די ווייסע שירצלעך, מיט די חנעוודיקע היטעלעך אויף די קעפּ, אַראָפּקומען פון יענע מלכותדיקע דירות באַלאָדנט מיט קישנס און איבערבעטן, מיט אונטער־בעטן און טעפּעכלעך, זיי אויסצוקלאַפּן מיט געפלאָכטענע שטרויקלאַפּערס איבער די צעשטעלטע דרענגער אויפן הויף. פאַר וואָס האָט מען אין אָט די דירות נישט אַראָפּגענומען אַפילו די קייטלעך פון דער טיר, ווען זי, בינהלע, האָט אָנגע־קלאַפּט ? פאַר וואָס האָט מען זי אַפילו נישט אויסגעהערט ?

ביז די סיבה האָט זיך צעליכטיקט, אַליין פון זיך, אין איר קאָפּ : איר הולדן! איר אויסזען איז געשטאַנען צווישן איר און דער שטאָט. די מאַדאַמעלעך האָבן דאָך פון איר אויסזען נישט געקאָנט וויסן ווי שטאַרק זויבער זי, בינהלע, איז געווען ווי אַ משרת. דער אויסזען איז געווען וויכטיק אין לאָדזש און אַפילו אין באַטשאַני איז דאָך געווען אַ ווערטל : „דאָס אייבערשטע קלייד פאַרדעקט די אונטערשטע לייד".

ווי נאָר דאָס איז איר קלאָר געוואָרן, האָט זי זיך דערמאָנט וועגן דער ראַ־זורע מיטן שפּיגל אין פענצטער וואָס זי האָט געזען אויף אַ דערבייַיקער גאַס. זי האָט זיך אַ יאָג געטאָן אַהין און דורך דער שויב געכאַפּט אַ גוטן לאַנגן בליק אויף זיך.

ערשט איצט האָט זי זיך דערזען אין איר גאַנצער העסלעכקייט, אין דער צעכראַסטעטער ספּאָדניצע מיט טויזנט צויטן, מיטן אויפגעטרעטן זוים, די צע־שליסענע וואַטענע יאַקע וואָס פון יעדן לאָך האָט די וואַטע אַרויסגעסטאַרטשעט

ווי אַן אַרויסגעשטעקטע ווייסע צונג. זי האָט דערזען די צעשויבערטע, געלע צעפּ, פאַרקאַלטנט פון וואַכן נישט קעמען. און אַרומגעקראַנצט האָבן די צעפּ אַ פּנים וואָס איז געווען פול מיט געלע זומער־שפּרענקעלעך, צונויפגעגאָסענע מיט די שמוצפלעקן פון די אויערן ביז צו דער נאָז.

דער כעס האָט זי אַזש אונטערגעהויבן. „מאַרזעפּע! מעשה־בהמה!" האָט זי אַ בייג געטאָן דעם קאָפּ צו דער שויב, זי שיִער נישט אויסגעהאַקט, און אַרויס־געשטעקט די צונג צו זיך אין שפּיגל.

ווען זי האָט זיך אַ ביסל באַרויִקט, האָט זי זיך גענומען גוט צוקוקן צו די פּרויען וועלכע זיינען איר פאַרבייגעגאַנגען. נישט אַלע זיינען געווען אַזוי אויס־געפּוצט ווי די מאַדאַמעלעך פון די ערשטע שטאָקן, ווייט דערפון. אָבער אַפילו די פּאַטשיילעס וואָס די כּערסטע האָבן געטראָגן אויף זיך האָבן אויסגעזען ביז גאָר עלעגאַנט אין פאַרגלייך מיט איר הולך. און אַזוי האָט זי אָנגענומען אַ באַ־שלוס, אַז זי מוז באַלד אויפן אָרט, טאַקע שוין, ווערן אַ מענטש — אַפילו ווען עס זאָל איר אויסקומען צו גנבענען און צו גזלענען.

איצט, אַז זי איז געגאַנגען פון איין גרויסן הויף צום אַנדערן, איז איר אויפמערקזאַמקייט נישט געווען אָנגעשפּיצט צו די רייכע פענצטער, נאָר צו די שטריק אויף וועלכע וועש האָט זיך געטריקנט און מלבושים האָבן זיך גע־לופטערט. אַוודאי האָט זי זיך משער געווען, אַז דאָס אַלץ איז געווען גוט געהיט. ווער וואָלט דאָס געלאָזט אַזעלכע אוצרות הענגען אויף הפקר? — און זי האָט טאַקע אָפּגעוואַרט, אַז עס זאָלן זיך מאַכן צוויי געלעגנהייטן צוזאַמען: סיי אַ גוט שטיקל מלבוש אויף אַ שטריק, סיי אַ סומאַטאָכע אויף אַ הויף. נאָר צו אַזאַ גליקלעכן צופאַל האָט מען אויך געדאַרפט האָבן מזל.

ערשט אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט עס איר צוגעשפּילט, דאָס מזל, טאַקע אַ טאָפּלטס: אַ פולע שטריק מיט וואַשנע מלבושים און אַ לוויה פון עפּעס אַ גאָר וואָזשנעם שיינעם ייִדן, ביידע זאַכן אויף איין און דעם זעלביקן הויף.

דער הויף איז געווען שוואַרץ פון קאַפּאָטעס און ייִדישע היטעלעך, די לופט אַרום — פול מיט געשרייען, יללות, מיט רייד און מיט זיפצן. אין ערשטן אויגנ־בליק האָט בינהלע זיך געמוזט אַזש פאַרשטעלן די אויערן, כּדי זי זאָל קענען צוזאַמענגעמען די געדאַנקען. און אַזוי האָט זי באַשלאָסן אַראָפּצוכאַפּן פון דער שטריק אַ לייטיש קליידל, אַ מאַנטל אפשר אויך. אָבער גלייך האָט זי זיך מישב געווען און דאָס אָפּגעלייגט אויף אַ צווייט מאָל. אין דעם מאָמענט האָט זי גע־דאַרפט אַ שטיקל „עפּעס" וואָס זאָל לייזן אַלע אירע אויסזען־פּראָבלעמען מיט איין שאָס, נעמלעך: זי האָט זיך גאָר שטאַרק גענייטיקט אין אַ דער זויבערער, געקעסטלטער פּאַטשיילע אין רויטע און גרינע קראַטן, וועלכע האָט אַזוי צוציִענ־דיק געפלאַטערט הינטער די רוקנס פון אַ קנויל חסידים.

צו איר עגמת־נפש, האָט זי גלייך דערזען דערזען אָן אויסגעצויגן בחור ועלכער האָט מסתּמא געהיט די אוצרות, ווייל ער האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן דער שטריק און זיך נישט געשטופּט מיטן המון צום פּראָנט צו. ער איז נאָר געשטאַנען אויף די שפּיץ פינגער, געהאַלטן דעם קאָפּ פאַרריסן, דעם דאָרן האַריקן האַלדז אויסגעשטרעקט אַזוי הויך, אַז ער איז אויסגעקומען העכער פון די חסידים אַרום אים. ווייזט אויס, אַז ער האָט דאָך געחלשט צו כאַפּן אַ גוטן בליק אויפן אַריינגאַנג פון וואַנען דער בר־מינן האָט באַלד געזאָלט אַרויסגעטראָגן ווערן.

בינהלע האָט זיך צוגעדרענגט גאָר נאָענט צו דער שטריק, אונטערגעשאַרט זיך הינטערווײַלעכץ הינטער די רוקנס פון דער גרופּע חסידים, און זיך אַ שטעל געטאָן צווישן זיי און דעם אויסגעצויגענעם בחור. דער בחור האָט דערשפּירט דעם באַריר פון בינהלעס אָרעם, געוואָרפן אַ בליק אויף איר און אָפּגעשפּרונגען אַ טראָט, ווי אַן אָפּגעבריטער — אַקוראַט אַזוי, אַז בינהלע זאָל זיך קענען אַ שטעל טאָן צווישן אים און דער פאַטשיילע. זי האָט זיך אויך געשטעלט אויף די שפּיץ פינגער, אויך פאַרריסן דעם קאָפּ אין דער הייך, און דערווייל האָט זי, מיט די הענט הינטער זיך, אַראָפּגעצויגן די פאַטשיילע פון דער שטריק. הינטער איר רוקן האָט זי אײַנגעקנוילט די פאַטשיילע וויפל זי האָט געקאָנט, דערנאָך זי אַ כאַפּ געטאָן צו דער זייט צו, זיך אַ פּרעס געטאָן צווישן דער גרופּע חסידים — און שוין איז זי געווען אין סאַמע מיטן פון המון און זיך געשטופּט צום טויער צו.

אין דער זעלבער רגע האָט מען אַרויסגעטראָגן דעם אָרון פון אַרויסגאַנג. בינהלען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זי הערט צווישן די ספּאַזמאַטישע געשרייען וואָס זיינען אויסגעבראָכן אויפן הויף, אויך דאָס קול פון דעם אויסגעצויגענעם בחורל. דער המון האָט זיך אַ פּראַל געטאָן פאָרויס, זיך געפּרעסט צו כאַפּן אַ בליק אויף דעם שיינעם ייִדנס אַלמנה און מיט די אייגענע אויגן אָפּצושאַצן ווי ווייט זי איז נאָך געווען פון חלשן. און אַזוי האָט מען ממש אַרויסגעטראָגן בינהלען פון הויף — מיט דער פאַטשיילע.

דרויסן האָט בינהלע זיך גלייך אײַנגעהילט אין דעם בגדי־מלכותדיקן סטרוי און גענומען פאַראַדירן איבער דער פּיעטריקאָווער־גאַס. אַז מען האָט איר אַ שטויס געטאָן, האָט זי שטאָלץ צוריקגעשטויסן מיטן עלנבויגן — ווי אַן אמתע לאַדזשעריץ.

3

די פאַטשיילע האָט אָפּגעטאָן אַ כּישוף מיט בינהלען. זי האָט אָנגעהויבן צו טראַכטן גאָר אַנדערע טראַכטענישן. עס האָט איר גענומען עקלען פאַרן קלאָפּן אין טירן, פאַרן געדאַנק פון זיין אַ משרת און דינען און באַדינען, און קיין רגע פון איר לעבן, אַפילו נישט די נעכט, זאָל געהערן צו איר. זי האָט געוואָלט זיין

אַ מענטש פאַר זיך, כאָטשבי נאָך דער אַרבעט. אוודאי האָט זי געמוזט צאָלן אַ טייערן פּרייז דערפאַר. אָבער האָט זי דען עפּעס אַ מאָל יאָ באַקומען בחינם — סיידן זי האָט געגנבעט? און אַזוי ווי זי האָט גנבענען נישט געוואָלט און אַ לאַדזשערין האָט זי יאָ געוואָלט בלייבן, האָט זי איינגעזען, אַז זי האָט קיין ברירה נישט געהאַט, און געמוזט זען צו טאָן וואָס די מערסטע פרויען אין לאָדזש, די פרויען אין פּאַטשיילעס, האָבן געטאָן.

אויף מאָרגן, ווי נאָר די ערשטע סירענעס האָבן זיך צעוויעט, האָט זי זיך אַרויסגעשלייכט פון קאַשטשאָל.

אין גרוי פון פרימאָרגן האָבן זיך די גאַסן באַוועגט ווי זיי וואָלטן פאַרמאָגט שווימענדיקע טראָטואַרן. אין אַלע ריכטונגען האָבן געצויגן די לאַנגע פּראָצעסיעס פון טונקעלע שאָטנס — די מאַנספאַרשוינען אין אָפּגעטראָגענע בגדים, צעדריוול־טע שאַליקעס אַרום די העלדזער, פאַרקנייטשטע מאַטשעיאָווקעס אויף די קעפּ; פלעשעלעך קאַווע האָבן שפּיציק אַרויסגעשטאַרצט פון זייערע קעשענעס. די ווייבער מיט פּאַטשיילעס איבער די קעפּ, קיישלעך אויף די אָרעמס, זיינען געגאַנגען צו צוויי און צו דריי, געאָרעמט, צוזאַמענגעטוליעט, זייערע פּנימער האָבן אַרויסגעלויכטן פון די טיכער מיט אַן אַשיק־מאַטער בלייכקייט.

בינהלע האָט נאָכגעפאָלגט די שטראָמען, דאָ אין איין ריכטונג, דאָ אין דער אַנדערער, ביז זי איז אַריינגעקומען אין דער פּלאַצקער־גאַס — אַ שמאָלע גאַס מיט געביידעס פון טעקסטיל־פאַבריקן פון ביידע זייטן.

די מאַסע מענטשן אין דער גאַס איז וואָס אַ מאָל געדיכטער געוואָרן און האָט זיך פונאַנדערגעשפּאָלטן אין דער ריכטונג פון די אָפענע טויערן. בינהלע האָט זיך אַרומגעקוקט, דאָ אויף רעכטס, דאָ אויף לינקס — און לסוף גענומען נאָכגיין אַ גרופּע ווייבער וואָס האָט גערעדט ייִדיש צווישן זיך. דער קלאַנג פון לשון האָט זי געמאַכט פילן אַ ביסל היימישער. זי האָט אַפילו חשק געהאַט אַ פרעג צו טאָן איינע פון די ווייבער ווי אַזוי מען קאָן זיך אַריינבאַקומען אַרבעטן אין אַזאַ פאַבריק. אָבער זי האָט דאָס אויפגעגעבן. די ווייבער וואָלטן זי אויס־געלאַכט, צי אפשר גאָר אָפּגענאַרט, צי גאָר אין גאַנצן זי פאַריאָגט. מענטשן האָבן נישט ליב געהאַט, אַז אַנדערע זאָלן אויך האָבן זייער דאָברע מזל.

די ייִדישע פרויען זיינען אַריין דורכן טויער פון אַ פאַבריק, און בינהלע — גלייך נאָך זיי. אויפן הויף האָט זיך דער שטראָם אַרבעטערס צעטיילט אין קלענערע שטראָמען, מענער באַזונדער, פרויען באַזונדער. ביי די אַריינגענג האָט מען זיך שוין געשטופּט.

די פרוי וועלכע איז געווען שטאַרק צוגעקוועטשט צו בינהלען, האָט אַ האַלבן קער געטאָן דעם קאָפּ צו איר און זיך אָפּגערופן מיט אַ זיפץ: „דער קליינער ממזר האָט מיר ס׳לויפּעניש".

אַ רגע האָט בינהלע נישט פאַרשטאַנען וואָס זי האָט דאָ געהערט, אָבער גלייך

האט זי זיך געכאפּט. „צוואָרעך איז די בעסטע זאַך", האָט זי געדינט מיט אַן עצה.

די פרוי האָט אומגעדולדיק זיך אַ טרייסל געטאָן: „ווו נעם עך צוואָרעך? כ'האָב נישט אויף קיין פלאַש מילך ביז דער ווייפּלאַטע. מיין אַלטער, ר'זאָל נישט דערלעבן אַלט צו ווערן, איז דאָך שוין אויף אורלאָפּ".

בינהלע האָט נישט געהאַט קיין אַנונג וואָס „אורלאָפּ" האָט געמיינט, אָבער זי האָט נישט געוואָגט איבערצופרעגן. אַנשטאָט דעם, האָט זי אַרויסגעצויגן פון בוזעם די שמאַטקע ווו זי האָט געהאַלטן פאַרקניפּט די קאָפּעקעס פון די „צדקה־באַשטייערונגען" פון דער קירך און אַן גרויסן יִשוב־הדעת דערלאַנגט דער פרוי דעם גאַנצן פינפער וואָס האָט איר געזאָלט דינען צו קויפן בייגל.

ערשט איצט האָט די פרוי זי צודרינגלעך אַנגעקוקט און זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ. „אוי, געוואַלד!" האָט זי אויסגערופן. „כ'האָב געמיינט, אַז כ'רעד צו מינדלען! ביסט אַ מבין ווי צעקאַרקעוועט עך בין? ווו אַרבעטסטע, אין דער הייך?"

„יאָ, אין דער הייך", האָט בינהלע געשאָקלט מיטן קאָפּ. „און דו ווו אַרבעטסט?"

„ביים שיינעם משהן", האָט די פרוי מיט אַ בולטן שטאָלץ געענטפערט. „אַז מ'עט דערלעבן מאָנטיק", האָט זי צוגעגעבן, בעת זיי האָבן זיך געשטופּט צו די טרעפּ, „'על עך דיר אָפּגעבן דעם פינפער, אַ לעבן אויף דיר. ווי הייסטע, האָסטע געזאָגט?"

„בינהלע הייס עך און ס'ברענט נישט מיטן פינפער. אפשר ווילסטע, אַז כ'זאָל אַ קוק געבן אויף דיין יאַטל? כ'האָב אַ מאָל געאַרבעט ביי אַ פעלדשער", האָט בינהלע אויך מיט אַ בולטן שטאָלץ פאַרגעשלאָגן. „ווי הייסטע?"

„צפורה הייס עך, אַ געזונט אויף דיין קאָפּ. וואַרט אויף מיר פאַרן טויער נאָכן פּייראַנט".

די פרוי איז פאַרשוווּנדן אויפן ערשטן שטאָק, די אַנדערע זיינען אַרויף העכער. איז בינהלע אַרויף מיט די אַנדערע. זי איז אַרויפגעקומען אין אַ גרויסער, שטויביקער האַלע מיט צעפּלאַצטע טינקוועגט. לענג־אויס די נעפּלדיק־שמוציקע פענצטער זיינען געווען אויסגעשטעלט לאַנגע שמאָלע טישן. פונאַנדערגעוויקלטע באַלן שטאָף זיינען געלעגן איבער זיי. טייל פרויען האָבן זיך אוועקגעזעצט ביי איין ריי טישן און אַרויסגענומען נופּאַייזנס און נאָדלען, זייער ענלעכע צו די וואָס בינהלע האָט באַנוצט אין דער פליוש־פאַבריק. אַנדערע זיינען אוועק צו אַ צווייטער ריי טישן, מיט נופּאַייזנס און „קוקערס", גענומען זוכן „סקאַזעס" אין די באַלן סחורה. בינהלע האָט זיך דערפילט אַ ביסל רויִקער. זי איז געווען היימיש מיט דעם וואָס מען האָט דאָ געטאָן.

די פרויען, אַן די פאַטשיילעס, זיינען געווען אַ סך לייטישער אָנגעטאָן ווי

זי, בינהלע. קיינער האָט נישט געטראָגן קיין צעריסענעם צויטנדיקן ראָק, ווי זי, און נישט געהאַט קיין לעכער אין די בלוזעס, ווי זי. איז זי אַ פּאָר מינוט געבליבן אין דער פּאַטשיילע. אַ פּאַטשיילע האָט געמאַכט איין פרוי אויסזען ענלעך צו דער אַנדערער, האָט זי מורא געהאַט, אַז ווי נאָר זי וועט זיך פון איר באַפרייען, וועט מען דערקענען, אַז זי איז אַ פרעמדע. אָבער בלייבן צו לאַנג אין איר האָט זי אויך נישט געטאָרט. און זי האָט געמוזט וואָס גיכער פאַרכאַפּן אַ פרייען פּלאַץ ביי אַ טיש און זיך אַוועקזעצן.

בעת זי האָט מיט אַן אומזיכערער באַוועגונג גענומען אַראָפּציִען די פּאַטשיילע, האָט זיך אַ ייִדענע פאַרקוקט אויף איר, איז צוגעקומען, אַ טאַפּ געטאָן די פּאַטשיילע און זיך צעסמאַטשקעט מיט די ליפּן. „זעץ נאָר די שאַנקייט! ריינע וואָל!"

בינהלע האָט אומרויִק אַ ריס געטאָן די פּאַטשיילע פון דער ייִדענעס האַנט. נאָר גלייך האָט זי זיך באַזינען, פונאַנדערגעוויקלט דאָס טוך און עס פאַרוואָרפן איבער דער פרויס אַקסל. „ס'קליידט דיר!" האָט זי חבריש, נערוועז אויפגעלאַכט.

די בליקן פון די פרויען אַרום זיינען געהאַנגען נישט אויף דער פּאַטשיילע, נאָר אויף בינהלען. די פרוי דערלעבן האָט געגלעט די פּאַטשיילע אויף איר בוזעם און געפרעגט: „דער שיינער משה האָט דיך אַרויפגעשיקט דאָ אַהער, הע? און וויפל ס'טע באַצאָלט פאַר דער פּאַטשויל? אַ מאַיאַנטעק אַוודאי".

„בחינם!" האָט בינהלע אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען און בעת־מעשה גע־זוכט מיט די אויגן אַן אָרט וווּ זיך אַוועקצוזעצן.

די פרוי האָט געשאָנקען בינהלען אַ קלוגן שמייכל און געמאַכט אַן אייגל צו איר: „אַ חתן, הע?"

„ס'דען..." האָט בינהלע קלוג צוריקגעשמייכלט.

די ייִדענע האָט זיך געכאַפּט, אַז זי פאַרמאַטלט זיך. זי האָט גיך אַ וואָרף געטאָן די פּאַטשיילע ווו אַלע פּאַטשיילעס זיינען געלעגן. „מער פעלט אונדז נישט!" האָט זי אויסגערופן, „נאָר אַז דער גזלן זאָל אונדז דערווישן מאַנקי־רירן באַלד אין דער פרי!" זי האָט אַ שלעפּ געטאָן בינהלען פאַרן אַרבל און איר אַנגעוויזן אויף אַ פריי אָרט אַ פּאָר טישן ווייטער פון זיך. „קאָנסט שוין דאָרט בלייבן", האָט זי אויפגעקלערט בינהלען. „ברכה וואָרט שוין אויפן מלאך־המות. נו, וואָס שטייסטע?" האָט זי זי אַ שטופּ געטאָן צום פרייען טיש.

בינהלע האָט בגנבה געוואָרפן קורצע בליקן אויף אירע שכנות פון ביידע זייטן און געפּרוווט זיי נאָכטאָן; גענומען אַ רויטלעך זייפקריידל וואָס איז געלעגן דערנעבן, צעשאָרט די הענט איבערן צעוויקלטן שטיק סחורה וואָס איז געווען אויסגעשפּרייט פאַר איר אויפן טיש, און גענומען זוכן קאַלטנס אין געוועב. די שכנה פון רעכטס האָט אויפגעכאַפּט בינהלעס פאַרשנדיקן בליק.

„וואָס האָט דיך עפּעס דער שיינער משה אַרויפגעשיקט אַהער אין גיהנום

אַריין?״ האָט זי אַ פרעג געטאָן. אַלע אין זאַל האָבן, ווייזט אויס, שוין געוווּסט פון וואַנען בינהלע איז דאָ דערשינען. „און וואָס אַרבעטסטע ווי אַ ליימענער גולם, דער אַשמדאַי קומט דאָך באַלד אַריין. ווו׳ סטע דיין קוקער?״

„כ׳האָב אים פאַרלוירן״, האָט בינהלע אַרויסגעשטאַמלט.

„אַ שיינע מעשה! מער פעלט דיר נישט!״ האָט די פרוי אויסגערופן און איז ערגעץ נעלם געוואָרן. באַלד איז זי געווען צוריק. „נאַ!״ האָט זי בינהלען אַריינגעשטופּט אַ קוקער אין דער האַנט. „ס׳אַ קוקער וואָס קאָן דיך בלינד מאַכן. גוט פאַרן מיסט. אָבער האַלט אים כאַטש אין דער האַנט. ער האָט אַ משוגעת וועגן קוקערס. טאָמער זעט ער דיך אָן אַ קוקער, גיב עך נישט קיין צווייער פאַר דיין לעבן״. זי האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט און ווידער האָט איר בינהלע נאָכגעטאָן. ביי פּליוש איז דאָס זוכן און אויסצופן די הויקערס פון שטאָף געווען נאָר אַ קליין ביסעלע אַנדערש. זי האָט ווידער דערהערט דער שכנהס פראַגע: „אָבער מיט וואָס האָסטע דיך פאַרזינדיקט ביים שיינעם משהן? ער שטעלט זיך דאָך נישט אויף קיין לאָבזעס. ס׳איז דאָך אַ גן־עדן אונטן ביי אים. מיר׳ט ער שוין צוגעזאָגט, אַז ווי נאָר ס׳מאַכט זיך ביי אים פריי אַ טיש, נימט ער מיך אַראָפּ, אפשר ט׳ער מיך צונעמען אויף דיין אָרט. אויף משהס אַ וואָרט קאָן מען קאָמיעני־צעס שטעלן״.

בינהלע האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי איז אַזוי פאַרטאָן אין דער אַרבעט, אַז זי הערט נישט וואָס די שכנה רעדט צו איר. אָבער דאָ האָט זיך איר געמאַכט אַ מיכשול מיט אַ „הויקער״ וועלכער האָט זיך נישט געלאָזט אויס־צופּן, סיידן מען זאָל מאַכן אַ לאָך אין שטאָף. האָט זי זיך אַ קער געטאָן צו דער שכנה.

„זאָג נאָר״, האָט זי אַ מורמל געטאָן. „ווי אַזוי האָט ער... דער אַשמדאַי, ליב מען זאָל צו רעכט מאַכן אָט אַזאַ... אַזאַ הויקער?״

די פרוי איז צוגעשפּרונגען צו בינהלעס טיש און אין אַן אויגנבליק פאַראַר־בעט דעם קנויל אין שטאָף. „ס׳ט נישט לאַנג געאַרבעט ביים שיינעם משהן, הע?״ האָט זי אָפּגעמאָסטן בינהלען מיט אַ ביטולדיקן בליק. נאָר גלייך האָט זי צוגעגעבן: „קיק דיך צו, שנעל, ׳על עך דיר ווייזן הוק־שטוק ווי די זאַך גייט צו״. זי האָט גענומען פירן בינהלעס לינקע האַנט איבערן שטאָף, זי געלערנט אַפילו מיט די פינגערשפּיצן ווו דער געוועב איז אַנגעשוואָלן און איר אָנגעוויזן ווי אַזוי אויסצודליבען די פעדעם, אַז דער הויקער זאָל נעלם ווערן און ווי זיי צו פאַראַרבעטן. „אַ קונץ פון פעדערן־שלייסן״, האָט די פרוי אַ זיפץ געטאָן. „די צרה איז וואָס די דאגות פאַרטראָגן דעם קאָפּ ערגעץ אַנדערש און מען פאַר־זעט. דער עיקר איז נישט צו פאַרזען״.

די פרוי האָט קוים באַוויזן צוריקצוגיין צו איר טיש, ווי יונה סוואָלאַטש, דער מייסטער, איז אַריינגעקומען מיט אַ באַל „סקאַזאָוואַנער״ סחורה, אָדער,

ווי די ווייבער האָבן דאָס גערופֿן, „אַ קלעצל” סחורה, אויף די אַקסלען. אין זאַל איז געוואָרן אַזוי שטיל, אַז דאָס זשומען פֿון די וועבמאַשינען אויף די אַנדערע שטאָקן איז אויסגעקומען ממש איבער די קעפּ, גאָר נאָענט.

יונה אַליין האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט נאָר וואָס געהאַט אַראָפּגעריטן פֿון אַ פֿייערדיקן שטורעם־וואָלקן מיט דעם באַל שטאָף ווי מיט עפּעס אַ הייליקער מגילה אויפֿן אַקסל. ער האָט געהאַט אַ קאָפּ פֿלאַמיק־רויטע האָר, אַ גנביש קאַפּע־לע אויפֿן סאַמע שפּיץ־קאָפּ, אַ פּאָר רויטע וואָנצעס, אַ רויט בערדל און רויטע פּאות. ער האָט געהאַט אַ גרויס ברייט מויל מיט אָנגעלאָפֿענע בוריק־רויטע ליפּן און ער איז געווען געשטופּלט. אין די שטיוועלעך וואָס ער האָט געטראָגן, מיט דער שוואַרצער רובאַשקע פֿאַרשטעקט אין די פֿאַרשנאַלטע הויזן, האָט ער גיכער אויסגעזען אויף אַ קאָזאַק ווי אויף אַ באַלוטער חסידישן בחור. זיין שטערן איז געווען פֿאַרקנייטשט און פֿונקען האָבן געשלאָגן פֿון זיינע טונקעלע גרינע אויגן.

ער האָט אַ לויף געטאָן מיטן „קלעצל” סחורה לענג־אויס די רייען טישן און זיך צעגוואַלדעוועט: „וועמעס איז דאָס אָפּגעקלאַגטע שטיקל אַרבעט?” די פֿרויען זיינען נאָך טיפֿער אַראָפּגעזונקען מיט די קעפּ איבער די טישן. יונה האָט גענו־מען מאַכן גרויסע שפּרייזן פֿון איין טיש צום אַנדערן, און האָט מיט דער פֿרייער האַנט געקלאַפּט די פֿרויען אין די הינטנס אַריין. „דיינס? דיינס?” די פֿרויען האָבן אויפֿגעצאַפּלט, אונטערגעשפּרונגען אויף די בענק און געשאָקלט מיט די קעפּ אויף ניין. יונה האָט בינהלען אויך נישט פֿאַרמיטן און איר אַ קלאַפּ געטאָן אין הינטן. נאָר דאָ האָט ער אָנגעשפּיצט די רויטע ברעמען און זי באַטראַכט מיט אַ פּאָר בייסיק־פֿרעגנדיקע אויגן.

„ס׳איז מיינס!” האָט זי אַ וויַיז געטאָן אויפֿן באַל סחורה, איידער ער האָט באַוויזן צו עפֿענען דאָס מויל.

„דיינס?” האָט ער פֿאַרמרוזשעט די אויגן און מיט דער האַנט געמאַכט אַ דעכל איבער זיי, ווי ער וואָלט זי וועלן בעסער אָנקוקן. דערנאָך האָט ער אַריבערגעטראָגן דעם בליק אויף בינהלעס שכנות. בלייכע, דערשראָקענע, האָבן זיי געהאַלטן די קעפּ אַראָפּגעלאָזט. „און... ווער ביסטע דאָס אַ שטייגער למשל?” האָט ער אַ פֿרעג געטאָן בינהלען, הגם זי האָט אַרויסגעלייענט פֿון זיין פּנים, אַז ער האָט שוין גאַרנישט געדאַרפֿט פֿרעגן.

„דער שיינער משה האָט מיך אַרויפֿגעשיקט”, האָט בינהלע אים דרייסט גע־קוקט אין די אויגן אַריין.

„ווען געשיקט? וואָס געשיקט?” האָט יונה זיך צוגערוקט נאָענט צו בינהלען און געקראָכן איבער איר מיט די גרינע אויגן.

ניין, מען האָט אים נישט געדאַרפֿט לייגן קיין פֿינגער אין מויל. ער האָט געהאַט פֿאַר זיך אַ מויד מיט רויטע באַקן, מיט אַ פֿרישער הויט, מיט אַ לעבע־

דיקן בליאַסק אין די אויגן. זי האָט נישט געהערט אַהער. זי איז געווען אַ גרינע אין פּאַד, אָבער נישט בכּלל אַ גרינע. דערויף האָט עדות געזאָגט איר באַנעמען זיך... דאָס קוקן גלייך אין די אויגן אַריין... דאָס מודה זיין זיך צו אַ „קלעצל" סחורה וואָס זי האָט אויף די אויגן נישט געזען... די חוצפּה. קלאָר ווי דער טאָג, אַז די פּאַרדעכטיקע מויד האָט דאָ געשפּילט טעאַטער. האָט מען געמוזט מיטשפּילן, ביז עס וועט קלאָר ווערן...

יונה האָט זיך אַ כּעס געטאָן ווי ער וואָלט בינהלען געגלייבט אויפן וואָרט: „משה דער קראַסאָוויעץ וואַרפט מיר צו די גאַנצע בלאָטע! דער מערזאָוויעץ! קום אַהער דאָ!" האָט ער בינהלען אַ צי געטאָן פאַרן צאָפּ אין מיטן זאַל אַריין. „עץ זענט אַלע עדות!" האָט ער אויסגערופן צו די פרויען. „טאָמער פאַר־ריכטסטע נישט די סחורה ביז מאָרגן באַלד אין דער פרי, אַז ס'זאַל נישט בלייבן קיין איין סקאָזע, פליסטע פון דאַנען ווי דער שוואַרצער פעפער וואַקסט!"

פאַר אַלע אין די אויגן האָט ער בינהלען נאָך אַ מאָל אַ קנייפּ געטאָן אין הינטן און אַ וואָרף געטאָן דעם באַל סחורה אויף אירע אָרעמס. ער האָט זיך אַ יאָג געטאָן איבער דער האַלע און נישט אויפגעהערט צו קנייפּן און מוסר צו זאָגן די איבערגעשראָקענע פרויען. ווען ער איז ווידער פאַרביי בינהלען, האָט ער געמאַכט צו איר אַן אייגל, ווי ער וואָלט איר וועלן זאָגן: „מיר קענען זיך אויף די קונצן!"

ווי נאָר ער איז אַרויס, האָט זיך אַן אויפגערעגטע שושקעריי אַ טראָג געטאָן איבער דער האַלע. בינהלע האָט נאָך נישט באַוויזן צו קומען צו זיך פון דער באַגעגעניש מיט יונהן, ווי אַ מיטל־יאָריקע, גרוי־האָריקע פרוי מיט אַ פּאָר העלע וואָרעמע אויגן האָט צומאַרשירט צו איר, אָנגעכאַפּט איר האַנט און זי פעסט געדריקט.

„אַ דאַנק, חברטע!" האָט זי הויך אַ זאָג געטאָן.

בינהלע האָט אויסגעגלאָצט אויף איר די אויגן. „ז'זענען זיך טועה", האָט זי צוריקגעכאַפּט די האַנט.

די פרוי האָט ענערגיש געדרייט מיטן קאָפּ: „כ'בין מיך נישט טועה. האָסט מיר געראַטעוועט דאָס לעבן, חברטע!"

„וואָסאָראַ חברטע בין עך איהן?" האָט בינהלע געשטאַמלט. „כ'האָב איהן קיין מאָל אויף די אויגן נישט געזען".

„אַ חברישן דאַנק!" האָט די פרוי איבערגעחזרט מיט אַ האַרציקן ענטוזיאַזם און אַוועקמאַרשירט אין אַנדערן עק זאַל.

„זייער שיין פון דיין זייט", האָט בינהלעס שכנה פון דער רעכטער זייט אַ פליסטער געטאָן. „דער פּראָלעטאַריאַט דאַרפט זיך האַלטן צוזאַמען און זיך איינשטעלן איינער פאַרן אַנדערן. ווי הייסטע?"

„בינהלע..."

זי האָט זיך געפרעגט וואָס פאַר אַ יאָט אָט דער פּראָלעטאַריאַט איז געווען, וואָס מען האָט זיך געמוזט מיט אים צוזאַמענהאַלטן, אָבער זי האָט נישט געוואָלט איבערפרעגן די שכנה. דערווייל האָט זי געהערט ווי אַ פליסטער טראָגט זיך פון טיש צו טיש: „בינהלע הייסט זי".

זי האָט געפילט ווי מען וואַרפט איר צו נייגעריקע, פריינדלעכע בליקן פון אַלע זייטן. די ערשטע וואַרעמע בליקן וואָס מען האָט איר געשענקט אין אָט דער שטאָט. זי וואָלט זיך געפרייט מיט דעם גוטן געפיל. דערצו האָט איר די שכנה פון דער רעכטער זייט געמאָלדן, אַז דער זאַל פרויען האָט זיך צונויפגעשמועסט און באַשלאָסן, אַז יעדע איינע וועט אָפּגעבן אַ ביסל צייט און פאַרריכטן די „סקאַזעס" אין דעם באַל סחורה וואָס יונה האָט איר צוגעוואָרפן, בפרט וועט דאָס טאָן די חברטע וואָס האָט די אַלע טעותים געמאַכט. בינהלע האָט דאָס באַטראַכט פאַר אַ גוטן סימן. אפשר וועט זי בלייבן דאָ אַרבעטן. די פרויען האָבן איר געוואָלט טאָן אַ טובה, פון יענעם מין גרויסע טובות וואָס זי האָט זעלטן דערפאַרן אין איר לעבן. זי האָט גאָרנישט געוווסט ווי אַזוי זי וועט זיך זיי קענען אָפּדינען. אין לעבן איז דאָך גאָרנישט געקומען אין דער האַנט אַריין בחינם. פאַר יעדער זאַך האָט מען געמוזט באַצאָלן, סיידן מען האָט געגנבעט... — אָבער ס'איז געווען יונהס קנייפּ אין הינטן וואָס האָט זי נישט צו רו געלאָזט. דעם גאַנצן טאָג האָט זי געפילט אָט דעם קנייפּ. נישט, אַז ער האָט איר וויי געטאָן — ער האָט גורם געווען אַ ווידערווילן צו זיך, עפּעס ווי מען וואָלט געווען שמוציק, נישט אויפן פּנים, נאָר אין זיך.

ס'האָט נישט לאַנג גענומען און יונה סוואָלאַטש איז ווידער געווען אין דער האַלע מיט אַ קלעצל „סקאַזאַוואַנער" סחורה אויפן אַקסל. ווען ער האָט גענומען לויפן פון איין טיש צום אַנדערן און געדונערט: „דיינס? דיינס?" — האָט בינהלע נישט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו אים, אָבער געהאַלטן די חושים וואַך. אַזוי האָט זי פאַרמיטן זיין קנייפן. אין דער רגע וואָס ער האָט זיך פאַרמאַסטן... האָט זי געשיקט זיך געגעבן אַ רוק צו דער זייט.

אין אַנדערן עק זאַל האָט עמעץ זיך שטיל מודה געווען צו דעם באַל „סקאַזאַוואַנער" סחורה. פון דאָרט האָט זיך געהערט יונהס שאַרף, גרילציק קול: „ווי אַ באַלאַן 'עסטע אַרויספּליִען פון דאַנען!" דערנאָך האָט ער אויסגערופן צום גאַנצן זאַל פרויען: „געדענקט, ס'פעלן נישט קיין נופעריִנס און שטאָפּעריִנס וואָס בעטן זיך אַרבעט! אַ שטאָפּערין איז נאָך אַלץ אַ מריינע אין פאַך, אַ 'ריסטאָקראַטקע! טאָ נעמט ענק דאָס גוט אין זינען אַריין!"

בינהלע האָט געהערט ווי זיינע טריט דערנענטערן זיך. דאָס מאָל האָט זי נישט באַוויזן אָפּצושפּרינגען אין אַ זייט און ער האָט איר אַ קנייפּ געטאָן. זי האָט זיך האַסטיק אומגעקערט, אָבער ער איז שוין נישטאָ געווען.

אַזוי איז פאַרביי איר ערשטער טאָג אין דער פאַבריק. די סירענע האָט זיך צעוויעט און בינהלע האָט מיט די שטראָמען אַרבעטערס, וואָס זיינען אָנגעקומען פון אַלע שטאָקן, זיך אַרויסגעלאָזט אין גאַס. דרויסן האָט אויף איר געוואַרט צפורה, די מאַמע פון דעם קראַנקן קינד. זיי זיינען אַוועק צו פוס, דורך אַ באַקאָנטן וועג, קיין באַלוט, לענג־אויס דער שטאָט — ביז זיי זיינען אָנגעקומען אין פייפער־געסל. אויפן וועג אַהין האָט בינהלע דערציילט צפורהן וועגן זיך און ווי אַזוי זי האָט זיך היינט אַריינגעדרייט אין דער פאַבריק.

„אויב קענסטע די אַרבעט", האָט צפורה זי דערמוטיקט, „ט'דיר אפשר געלינגען צו בלייבן. און ווו וווינסטע ?"

„דאָ נישט ווייט. ביי דער הייליקער פאַננע מאַריע", האָט בינהלע נאָכלעסיק געענטפערט.

„מ'דערקענט באַלד, אַז ד'ביסט אַ פּראָווינצערין", האָט צפורה באַמערקט. „מ'זאָגט אויפן פּלאַץ קאַשטשעלני און פּאַרטיק". אָנגעקומען אין פייפער־געסל, האָט צפורה זיך צוגעבויגן צו בינהלען. „זאָלסט דיר נישט מיינען, אַז אויב עך ווין דאָ, איז דאָס עפּעס אַ סימן. כ'בין אַ וויטישע. קיין מאָל נישט געווען קיין אַזוינע און כ'על אויך נישט זיין. און מיין שטיקל ברויט פאַרדין עך מ'יר מיט מיינע צוויי הענט און נישט מיט ווייסט שוין וואָס. מיין טאַטע ז'אַ גערער חסיד. ר'גייט איבער די הייף און פאַרקויפט 'טאָלעזשיקי זאַ גאַלגאַני'. אַן ערלעכע פּרנסה. און כ'על... כ'על דיר אויסזאָגן דעם אמת. כ'אַרבעט טאַקע ביים שיינעם משהן, אָבער קיין שטאָפּערין בין עך נישט. אַ רוימערין בין עך ביי אים און כ'פאַרדין אָנדערטהאַלבן רובל אַ וואָך".

בינהלע האָט קוים פאַרשטאַנען וואָס די פרוי רעדט צו איר. „און ווו'סטע געזאָגט איז דיין מאַן ?" האָט זי איבערגעפרעגט.

„מיין אַלטער ?" צפורה האָט בייז אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ. „ער זאָל נישט דערלעבן אַלט צו ווערן. אויף אורלאָפּ איז ער. הלוואי זאָל ער שוין נעמען אָן אורלאָפּ אייביק. אַז ס'קומט אָן דער ווינטער, לאָזט ער זיך אַרויס אויף אַ גנבהלע, כּדי מ'זאָל אים אַריינזעצן אין קרימינאַל. און אַזוי קומט ער איבער די פרעסט ביי גאָט אין אַדעס. אַ לאַכטיק לעבן האָט ער, אָן אַ ווייב, אָן אַ קינד, אָן דאגות־פּרנסה. די פרעס שטעלט מען אים אונטער אונטערן מויל, אַז פרעסן זאָלן אים שוין די ווערעם. און איך מאַרדעווע מיך דאָ אַליין מיט די בענקאַרטעס, ז'זאָלן מיר לעבן און געזונט זיין. נאָך אַ גליק וואָס עך האָב אַ גוטן קאַוואַלער, אַ קונדן־שלעפּער, באַרגט ער מיר יעדער וואָך אַ פּאָר קאָפּעקעס, אַז די ווייפּלאַטע לאָזט זיך מיר אויס".

„וואָסאַראַ פאַך איז אַ קונדן־שלעפּער ?" האָט בינהלע געפרעגט.

„ביסט טאַקע אַ פּראָווינצערין", האָט צפורה מיטפילנדיק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. „ס'אַ פאַך ווי אַלע פאַכן. ס'ט דאָך געזען ווען מ'איז פאַרביי די קראַ־

מען. דער קונדן־שלעפּער הענגט זיך אָן אָן אַ כלאַפּ, צי אָן אַנדערן כאַם וואָס גייט פאַרביי און רעדט אין אים אַזוי לאַנג אַריין, ביז דער יאָלד לאָזט זיך אַריינשלעפּן אין דער קראָם אַריין. און פאַרלאָז דיך אויף מיין קאַוואַלער. ער האָט אַ פּיסקעלע געשליפן ווי אַ ברילִיאַנט, לעבן זאָל ער. ער קאָן דיר אַזוי איינרעדן, אַז שוואַרץ איז ווייס און אַז בלאָטע איז גאָלד, אַז איידער ד׳קוקסט דיך אַרום, גייסטע אַרויס פון דער קראָם אַ באַגליקטע, מיט אַ שטיק מיסט אין דער האַנט. ר׳האָט טאַקע שיין פּרנסה און ר׳איז אַ וויטישער פון קאָפּ ביז פיס".

בינהלע האָט געוואָרפן אַ זייטיקן בליק אויף צפּורהן. ערשט איצט, אַז צפּורה האָט גערעדט וועגן איר „קאַוואַלער" און איר פּנים האָט אַ ביסל אויפגעשיינט, איז בינהלען קלאָר געוואָרן, אַז צפּורה איז נישט געווען קיין אַלטע יידענע, נאָר פאַרקערט, אַ גאָר יונגע נאָך. צפּורהס פּנים האָט געהאַט, ווי די פּנימער פון די מערסטע פרויען אין דער פאַבריק, דעם קאָליר פון בלאָטע, נאָר אַ ביסל געלבלעך. איר שטערן איז געווען שטאַרק גערונצלט, אָבער זי האָט געהאַט אַ שיין פריש מויל, שוואַרצע קלאָרע אויגן מיט לאַנגע וויִעס פאַרקרייזלט אַרויף צו, אַ חנעוודיק נעזל און אַ חן־גריבעלע אין דער גאָמבע.

זיי זיינען צוגעקומען צו אַ כאַלופּע פאַר וועלכער עס איז, ווי אָן ערנוואָד, געווען אויסגעשטעלט אַ שורה מיידלעך אויסגעפּוצט אין שרייִק־פאַרביקע, נעטע קליידער, מיט ביליקע, אויסגעדליבעטע „פוקסן" פאַרוואָרפן אַרום די אָפּענע דעקאָלטן און די העלדזער. זיי האָבן געהאַלטן לאַנגע שוואַרצע בייטלען אונטער די אָרעמס, גערייכערט פּאַפּיראָסן און זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט מיט אָן אַקסל, זייטיק, די פיס אין די הויכקנאַפּלדיקע שיך פאַרקרייצט און איין היפט אַרויסגעשטופּט צום דרויסן. זיי האָבן געשווידערט פון קעלט און די דיקע שיכטן פּודער און פאַרב אויף זייערע פּנימער האָבן נאָך בולטער אַרויסגעבראַכט די גערונצלטע הויט. ס׳איז געווען נישקשהדיק קאַלט אין גאַס.

„וואָס מאַכט מיין ממזר ?" האָט צפּורה אַ פרעג געטאָן איינע פון די מיידלעך.

„ר׳האַלט אין איין מאַכן", האָט דאָס מיידל געצויגן מיטן אַקסל. „מיינע שונאים זאָלן נישט מאַכן בעסער".

צפּורה איז אַריינגעלאָפן אין פינצטערן אַריינגאַנג און בינהלע נאָך איר. זיי זיינען אַרויפגעקומען אין אַ לאַנגן פינצטערן קאָרידאָר מיט אַ סך טירן; משונהדיקע קלאַנגען האָבן זיך געטראָגן פון הינטער זיי.

צפּורה האָט נישט אויפגעהערט צו פאַרזיכערן בינהלען: „ס׳איז דאָס לייטישסטע הייזל אויף דער גאַנצער פּייפּעראָווקע, גלייב מיר. דירה־געלט צאָלן זיי פאַר מיר, ווייל כ׳וואַש פאַר זיי די וועש. ביי זיי איז דאָך שבת־זונטיק די גרעסטע גראַטשקע. און ז׳כאַפּן מיר אַ בליק אויף די ממזרים און גיבן זיי עפּעס אין מויל אַריין איידער כ׳קום אַהיים".

זיי זיינען אַריינגעפאַלן אין אַ פאַרחושכט צימער, די פענצטער אַזוי שמוציק,

אַז זיי האָבן אויסגעזען מאַט. אין צימער איז געשטאַנען אַ טיש, אַ האַלב־איינגעזונקענע קיך און אַ פּאָר שטרוישעניקעס זיינען געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע. צוויי קינדער מיט נאַקעטע הינטנס זיינען אויף אַלע פיר אַנטקעגנגעקראָכן צפּורהן, אַ דריטס איז געשלאָפן אויף אַ שטרוישעניק. צפּורה איז צוגעפאַלן צום שלאָפנדיקן קינד, עס אונטערגעהויבן און אַריינגעלייגט אין בינהלעס אָרעמס. בינהלע האָט דערפילט די פייכטקייט פון די שמוציקע ווינדלעך צו גלייך מיט דעם שטאַרקן שלעכטן ריח וואָס האָט איר אַ דריי געטאָן אין די נאָזלעכער.

„נו, וואָס זאָגסטו?" האָט צפּורה געפּאָרשט בינהלעס פּנים מיט אַ פּאָר גרויסע, אומרויִקע אויגן. דאָס קינד האָט זיך צעמיאָוקעט מיט אַ שוואַך קולכל.

בינהלע האָט געמאַכט אַ גרימאַסע און גיך אַ זאָג געטאָן: „מוזסט לויפן צו אַ פעלדשער מיט אים. ד׳זעסט דאָך אַליין, אַז ער זשיפּעט קוים". זי האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ שמאַטע פון אַ שעניק, איינגעוויקלט דערמיט דאָס קינד און עס אַרונטערגענומען אונטער דער פּאַטשיילע. די אַנדערע צוויי קינדער האָבן געריסן צפּורהן פאַר דער ספּאָדניצע און זיך אָן איר אָנגעהאַנגען מיט ווילדע געשרייען. זי האָט זיך אָפּגעיאָגט פון זיי מיט הילכיקע פּעטשלעך אין די נאַקעטע הינטנס. בינהלע האָט זי אַ שלעפּ געטאָן פאַרן אָרעם: „קום, מ׳מוז ראַטעווען ס׳קינד".

עפּעס איז זי, בינהלע, שטאַרק גערירט געוואָרן פון דעם טראָגן אַזוי נאָענט צו איר בוזעם דאָס וואַרעמע, צעציטערטע גופל פון צפּורהס קינד. דער ריח וואָס האָט זיך געטראָגן דערפון איז געווען אַ מיאוסער, דאָך האָט דאָס זי נישט געאַרט. עס האָט גראָד גורם געווען, אַז זי זאָל געבן אַ טראַכט וועגן איר אייגענער מאַמען, טראַכטן מיט אַ ווייכקייט, אַ צערטלעכקייט; טראַכטן, ווי זי וואָלט אַליין געווען איר אייגענע מאַמע.

אַרויסגעקומען אין גאַס מיטן קינד, האָבן די מיידלעך אַרומגערינגלט בינהלען און צפּורהן. „גלייב מיר", האָט זיך אָפּגערופן איינע פון זיי. „די בעסטע זאַך וואָלט געווען ד׳זאָלסט צולויפן מיט אים צו די ציגיינער אין טאַבאָר".

בינהלע האָט קאַטעגאָריש געדרייט מיטן קאָפּ: „אַ פעלדשער מוז מען האָבן!" זי האָט זיך אַ קער געטאָן צו צפּורהן: „וווּ וווינט ער?"

צפּורה האָט געצויגן מיט די אַקסלען און געקוקט אויף די מיידלעך צעטומלט, פרעגנדיק. „כ׳זאָל אַזוי נישט וויסן פון קיין שלעכטס", האָט זי געפּרעפּלט. „כ׳האָב קיין מאָל נישט געברויכט קיין פעלדשער".

„גייטץ צו גייגערן", האָט אַ צווייט מיידל געעצהט און די איבעריקע האָבן זי אונטערגעהאַלטן.

אויפן וועג האָט צפּורה דערקלערט בינהלען: „גייגער איז אַ פערד־דאָקטער, אַז די ערד זאָל ער קאָפּען. די מיידלעך גייען צו אים ווען ז׳ברויכן אַ טובה... דו׳סט אַריינגיין מיטן קינד, הע?" איר בליק האָט זיך באַגעגנט מיט בינהלעס. „דו ביסט אַ פרעמדע. קאָנסט דיך אַרויסדרייען פון אים..."

בינהלע האָט נישט פאַרשטאַנען. „איך קאָן האָבן געלט... שפּעטער אַ ביסל. זאָג אים, אַז ד'עסט אים שפּעטער באַצאָלן".

„ביי גייגערן איז נישטאָ קיין שפּעטער", האָט צפּורה אַרויסגעקרעכצט. זי האָט אויסגעזען גאָר צעטראָגן. פאַר גייגערס הויז האָט זי זיך פאַרהאַלטן, נישט אַנטשלאָסן וואָס צו טאָן. לסוף האָט זי אַ ציִ געטאָן בינהלען מיט זיך. „נו קום, כ'האָב דען אַן עצה? און באַצאָלן מוז ער אַליין, טאָקע שוין".

גייגער, דער פערד־דאָקטער, האָט געוווינט אין אַ האַלב־הילצערנעם, האַלב־געמויערטן הייזל ביים ראָג פון דער פייפער־גאַס. אַז מען איז אַריינגעקומען אינעווייניק, האָט מען זיך געפונען אין אַ שטאַל אַרומגעלייגט מיט שטרוי. אַ פּאָר פערד זיינען געלעגן אונטער די ווענט און צוויי יונגען האָבן זיי געקאָרמעט.

ווי נאָר די צוויי פרויען מיטן קינד האָבן זיך באַוויזן אין שטאַל, האָבן די יונגען זיך ליאַרעמדיק צעזונגען: „גייגער! גייגער! צוויי כּלות זענען גע־קימען!"

פון אַ זייטיקער טיר אין דער טיף פון שטאַל האָט גייגער זיך באַוויזן אויף דער שוועל. קודם איז ער צו צו די קראַנקע פערד, ווי ער וואָלט די פרויען נישט געזען; אַרומגענומען די פערד פאַר די גריוועדיקע העלדזער, צוגעטאָן דאָס מויל צו זייערע מאָרדעס און זיי כּלומרשט געקושט אין די ליפּן. „וואָס מאַכסטע, קאַכאַנקע?" האָט ער געבורטשעט צו דער קאָבילע אין ווינקל און ערשט פון דאָרטן אָפּגעמאָסטן די „כּלות" מיט די אויגן. לסוף איז ער אונטערגע־קומען, זיי שווייגנדיק באַטראַכט פון דער נאָענט און געלאָזט זיי באַטראַכטן — אים.

ער איז נישט געווען קיין הויכער, אָבער אַ פעסטער, אַ שווער־לייביקער, מיט אַ ברייטן מאַסיוון קאַרק און אַ פּאָר גרויסע אויערן, וואָס האָבן אויסגע־זען טאָפּלט גרויס ווייל זיי האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט פון אַ פולשטענדיק אָפּגע־גאָלטן קאָפּ. בינהלע האָט אַרומגענומען מיט די אויגן זיין פיגור, וואָס איז אויסגעקומען העכער ווי זי איז געווען, מחמת ער האָט געטראָגן אַ פּאָר מאַסיווע שטיוול אַרומגעפּאַסט אַרום די נאָגאַוויצעס פון זיינע מיט בלוט־פאַרפלעקטע ברייטשעסן־הויזן. זי האָט געקוקט אויף דעם אַנגעקנאָטענעם קיילעכדיקן פּנים וואָס האָט אויסגעזען ווי אויסגעהאַקט פון אַ שטיק שטיין, אויף די קליינע אייגלעך פון אַ מין שטייניקן גרוי, ווי זיי וואָלטן קיין בליק נישט געהאַט — און די שדים פון באַטשאַני זיינען איר אויסגעקומען מענטשלעכער ווי אָט דער מענטש דאָ.

איידער צפּורה האָט באַוויזן אים עפּעס אויפצוקלערן, האָט גייגער, מיט אַ קורצן, פעטן פינגער אויף וועלכן ער האָט געטראָגן אַ סיגנעטרינג, אַוועקגע־שאַרט דעם קינדס ווינדל. „דעזינטעריע האָט עס", האָט ער פעסטגעשטעלט מיט אַ טרוקן קול. פון דער אונטערשטער קעשענע פון די רייטהויזן האָט ער אַרויס־

גענומען אַ פּאַק צעקנייטשטע פּאַפּירלעך, אָפּגערגענומען פון אונטערן אויער אַ טעמפּ שטיקל בלייער, עפּעס אויפגעשריבן אויף אַ פּאַפּירל און עס דערלאַנגט צפורהן. „דריי מאָל אַ טאָג אַ לעפעלע״, האָט ער אַ זאָג געטאָן און גענומען צפורהן פאַרן אָרעם. „דיין יאַטל, הע ?״

צפורה האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און שוין האָט זי גייגער געפירט אין דער ריכטונג פון זייטיקן צימער. „כ׳בעט אייך, פּאַניע גייגער...״ האָט בינהלע נאָך באַוויזן אויפצוכאַפּן צפורהס קול, איידער די טיר האָט זיך הינטער זיי פאַרמאַכט.

בינהלע איז מיטן קינד אין די אָרעמס אַרויס אין דער גאַס און גענומען שפּאַצירן פאַרן טויער, אַהין און צוריק, אַהין און צוריק. זי האָט געביסן די ליפּן פון אומבאַהאָלפנקייט און כּעס. אַ ווייטיק און אַ צער האָבן זי אַדורכגעגענומען ביז צום מאַרך פון די ביינער. גייגער איז געווען אַ ווילדער אָקס, ערגער ווי דער טייוול אַליין, פאַר וועלכן זי האָט זיך נישט געשראָקן. גייגערס פליישיקייט, זיין מענטשלעכע פאַרעם איז געווען גרויליק.

— און צפורה איז איר, בינהלען, מיט אַ מאָל לייבלעך נאָענט געוואָרן. ס׳איז איר אויסגעקומען ווי זי אַליין וואָלט געווען צפורה, געווען דאָרט דרינען ביי גייגערן. זי האָט געוואָלט איר העלפן, זיך העלפן — אָבער ווי אַזוי ? זי האָט געביסן די ליפּן, אָן אויפגערעגטע גיך געוויגט דאָס קינד אין די אָרעמס און אַלץ געשפּרייזט אַהין און צוריק, ווי זי וואָלט זיך געפונען אין אַ שטייג. די וועלט איז איר געווען ענג. „קום שוין אַרויס, צפורה, קום שוין...״ האָט זי געפּליסטערט. ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז אַן אייביקייט איז פאַרביי זינט צפורה איז פאַרשוווּנדן הינטער גייגערס טיר.

לסוף האָט זיך צפורה באַוויזן פאַר איר: דאָס פּנים צעפּלאַמט, אַ קרומער שמייכל אויף די אָנגעשוואָלענע ליפּן, די טונקעלע אויגן פייערדיק־צעגליט, רויטע פלעקן אויף די באַקן. זי האָט פאַרריכט די פאַטשיילע איבערן צעשויבערטן קאָפּ. „ס׳איז גאָרנישט. שוין... פּטור. אַראָפּ פון מאַרק״, האָט זי אָפּגעזיפצט. „אַבי ס׳קינד זאָל מיר זיין געזונט״. און זי האָט, ווי זי וואָלט געווען שיכּור, אַ קוש געטאָן דאָס פּאַפּירל וווּ דער נאָמען פון דער רפואה פאַרן קינד איז געווען פאַרשריבן.

בינהלע איז מיטן קינד אַרויף אין צפורהס שטוב און צפורה איז אַוועק צו איר „קאַוואַלער״ זיך באָרגן דאָס נייטיקע געלט אויף דער רפואה. ווען זי איז צוריקגעקומען האָט איר בינהלע פאָרגעשלאָגן: „כ׳על איבערנעכטיקן ביי דיר, ׳על עך דיר העלפן אַכטונג געבן אויפן קינד״.

אַזוי איז זי געבליבן וווינען ביי צפורהן אויף דער פּייפער־גאַס.

4

דעם טאָג פון דער „וויפּלאַטע" האָבן זיך די פרויען אַרומגעשטעלט אַרום יונה סוואָלאַטש. ער האָט יעדער איינע אויסגערופן ביים נאָמען און איר באַצאָלט מזומן, די נופּערקעס צוויי, די שטאַפּערקעס דריי רובל. בינהלען האָט אַזש פאַרפּעלט אָטעם. אַזוי פיל געלט! — ווען אַלע נעמען זיינען שוין געווען אויסגערופן, האָט זי זיך צוגעשטופּט צו יונהן.

„איך האָב נישט געקראָגן!" האָט זי דרייסט אַ זאָג געטאָן.

דערזען בינהלען, האָט יונה זי אָפּגעמאָסטן מיט די בליקן פון קאָפּ ביז פיס, עפּעס ווי ער וואָלט געווען נישט זיכער וואָס צו טאָן. זיין בליק, שאַרף, פאַר־דעכטיק, האָט זיך גרין אַריינגעשפּיזלט אין אירע אויגן. נאָר אין אַן אויגנבליק האָבן זיך די אויגן געביטן, זיך צעצונדן ווי גרינע לעמפּלעך. אַ לצנישער שמייכל האָט אַ שפּיל געטאָן אויף זיינע ליפּן. ער האָט געמאַכט אַ טראָט אויף צוריק. אָנגעשפּיצט די ברעמען און צוגעטראָגן די ליסטע מיט די נעמען צו דער נאָז.

„וואָס איז דאָס עפּעס?" האָט ער כלומרשט זיך געחידושט.

„וואָס זאָל זיין? אַלע האָבן געזען, אַז כ'האָב נישט געקראָגן באַצאָלט!" האָט בינהלע אים אַ צי געטאָן פאַרן אַרבל, אָפּצווענדן זיין בליק פון דער ליסטע.

כלומרשט דערשטוינט, האָט ער זיך אַ קראַץ געטאָן מיט דער בליי אונטערן גנבישן קאַפּעלע און אַ פרעג געטאָן: „ווי הייסטע אַ שטייגער למשל?"

„בינהלע הייס עך", האָט זי געענטפערט.

„בי־ינהלע!" האָט ער איר נאָכגעשפּעט און זיך צעשטשירעט מיט די צוויי רייען געזונטע גרויסע ציין. „מיט אַזאַ בי־ינהלע ווי דו קאָן מען זיך קרעקן, ווייסטע כאַטש, קראַסאַוויצע?" די פרויען וועלכע זיינען געשטאַנען אַרום, צו־פרידן מיט זיך, האָבן פאַררוקט די „וויפּלאַטע" אין די בוזעמס און מיטגעלאַכט מיט יונהן, חניפהדיקע קליינע געלעכטערלעך. ער האָט זיך צוגערוקט גאָר נאָענט צו בינהלען און די ווייבער האָבן זיך צעפּישטשעט און צעכיכיקעט. „ווי נאָך הייסטע אַ שטייגער למשל?" האָט ער געפרעגט.

בינהלע האָט דערפילט ווי יונה וואָלט זי אָפּגעגאָסן מיט אַ קאַלטן עמער וואַ־סער. ווי נאָך האָט זי געהייסן? יאָ, זי האָט געוווּסט, אַז זי האָט געהאַט נאָך אַ נאָמען, אַ משפּחה־נאָמען. דער מוח האָט פיבערדיק געאַרבעט אים זיך צו דערמאָנען. זי האָט אים קיין מאָל נישט באַנוצט, דער טאַטע אויך נישט. נאָר אין די גויִישע שטאָטביכער איז ער געווען פאַרשריבן. זי וועט דאָך נישט זאָגן יונהן, אַז זי איז בינהלע, יאָסעלע דעם קאַלך־הענדלערס. זי האָט געהערט ווי יונה האָט אויסגערופן די נעמען פון די אַנדערע פרויען. זי וועט זיך נישט צו נאַר מאַכן. און זי וועט זיך מער נישט רופן בינהלע אויך נישט — נאָר בינה. דאָס פּנים האָט איר אָנגעהויבן צו פלאַמען.

די פרויען זיינען זיך פונאַנדערגעלאָפן צום אַרויסגאַנג. נאָר די מיטל־יאָריקע פרוי וועמען בינהלע האָט דעם ערשטן טאָג „אָפּגעראַטעוועט" איז גע־בליבן שטיין דערלעבן. דערזען בינהלעס פאַרלעגנהייט, האָט זי זיך אָפּגערופן: „וואָס ווילט איר פון איר האָבן, יונה? זי האָט דאָך געאַרבעט ביים שיינעם משהן, דערפאַר האָט איר זי נישט אויף דער ליסטע".

„ביים קראַסאָוויעץ משהן, טאַקע?" האָט ער געמאַכט אַ כלומרשט ערנצט פּנים. „טאַ לאָז זי גיין צו משהן". און ער האָט צוגעגעבן מיט אמתן כעס. „וואָס איז דאָס איהנס געשעפט, מאַדאַמעשי? געבן זי נאָר אַ נעם די פּיס אויף די פּלייצעס, איינס־צוויי!" ער האָט איר אַ ווייז געטאָן די טיר מיטן לאַנגן שאַרפן פינגער.

ווי נאָר די פרוי איז פאַרשוואונדן און יונה איז געבליבן אַליין מיט בינהלען, האָט זיך זיין פּנים געביטן. עס איז געוואָרן פאַרביסן, און דאָך האָט ער אויס־געזען ווי נישט זיכער מיט זיך.

„די אַנדערע וואָך 'על עך דיר שוין אויסצאָלן. דערווייל ביסטע נאָך נישט ווערט קיין גראָשן. און... און ביי משהן האָב עך נאָכגעפרעגט..." ער האָט זי אָנגעכאַפּט פאַר דער טאַליע און מיטן פּנים גאָר נאָענט צו איר, צוגעגעבן. „וואָס מיינסטע, כ'בין אַזאַ שוטה? כ'ווייס דאָך די קונץ", האָט ער זיך היזע־ריק צעפּליסטערט. „די בונדאָוועצעס, די אחדותניקעס, האָבן דיך אַריינגעשיקט, אַז כ'זאָל פאַר דיר די כאַלערע קריגן, הע? זאָלסט מיך אָפּסמען... אַ מעסער מיר אַריינשניידן אין האַרץ, הע?" זי האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס ער איז אויסן געוועזן און זי האָט אַ פאַרהיפּנאָטיזירטע געפּאַרשט זיין פּנים. אַן אימה, אַן אמתע אימה האָט געטליִעט אין זיינע אויגן. די בונדאָוועצעס, די אחדותניקעס — ווער זיינען זיי געוועזן? עפּעס האָט זי זיך דערמאָנט: אַ חברה געוועזן אין דער פאַבריק, אין באָטשאַני... יעקב האָט איר געזאָגט וועגן זיי. אַוודאי, זיי זיינען געוועזן בונדאָוועצעס... בונטאָוועצעס! „מאַך נישט אַזאַ פּנים", האָט יונה זיך אומבאַקוועם צעכיכיקעט. „כ'בין נישט קיין פּראָוואָקאַטאָר... אַ גוטער ייִד בין עך... און זיי זענען שונאי־ישראל... ז'האָבן דיך פאַרפירט... ס'ט אַליין איינזען!" זיין האַנט האָט אַ וויש געטאָן איבער איר באַק מיט אַן אומגעריכטער, מאָדנער ווייכקייט. ער האָט זי פעסטער צוגעפּרעסט צו זיך. „אַז ד'עסט מיך לאָזן דיר אַ קוש געבן אין די זאַפטיקע פּיעגעס, 'על עך דיר לאָזן מיר נאָכשפּיאָנעווען וויפל ד'ווילסט". ער האָט צוגעדריקט איר גאַנץ לייב צו זיך. „ביסט אַ שיינע, בי־ינהלע..."

„כ'בין אַ מאַרזעפּע!" האָט זי אויסגעשריגן און זיך אַרויסגעריסן פון זיינע אָרעמס. דאָ איז איר עפּעס איינגעפאַלן און זי האָט צוגעגעבן: „פאַררעד מיר קראַנטער נישט די ציין און לעק דיך נישט אונטער צו מיר, ווייל ס'עט דיר סיי ווי נישט העלפן! און טאָמער הערסטע מיך נישט אויף צו קנייפּן און צו טשע־פּען מיט מיר... און טאָמער צאָלסטע מיר נישט אויס די וויפלאָטע די אַנדערע

וואָך... און טאָמער ׳עט מיר פֿעלן אַ האָר פֿון קאָפּ, ׳על עך זאָגן די אחדותניקעס און ז׳עלן דיך נאָך פֿריִער בענדיקן ווי דעם צאַר ניקאָליי!״ און זי איז אַרויס־געלאָפֿן פֿון דער האַלע.

דרויסן האָט די חברישע מיטל־יאָריקע פֿרוי געוואַרט אויף איר. זי האָט בינהלען געגומען אונטערן אָרעם און זיי זײַנען צוזאַמען אַראָפּ די טרעפּן. „גייסט נישט אַרײַן צום שײַנעם משהן נאָך דער ווי־פֿלאַטע?״ האָט די פֿרוי אַ פֿרעג געטאָן ווען זיי זײַנען פֿאַרבײַ די האַלע פֿון ערשטן שטאָק.

„כ׳על זי שוין נעמען פֿון אים... שפּעטער״, האָט בינהלע געענטפֿערט אַ פֿאַרסאָפּעטע. זי האָט זיך נישט געקאָנט אָפּטרייסלען פֿון דער איבערלעבונג מיט יונהן.

„קענסט דיך מיט אים פֿערזענלעך... כ׳מיין געזעלשאַפֿטלעך?״ האָט די פֿרוי פֿאַרזיכטיק געפֿרעגט.

„מיט וועמען?״ האָט בינהלע נישט פֿאַרשטאַנען.

„מיטן שײַנעם משהן״.

„ס׳דען...״ בינהלע איז שוין געוואָרן אין גאַנצן צעטומלט. „ר׳איז מײַנער... ר׳איז מײַנער אַ געוועזענער קאַוואַלער״.

„איר׳ט געהאַט פּאָליטישע חילוקי־דעות, הע?״

„ס׳דען...״ האָט בינהלע אָפּגעשניטן.

„אַזוי, פֿאַרשטיי עך שוין״, האָט די פֿרוי צופֿרידן אַ פּרעס געטאָן בינהלעס אָרעם. „דערפֿאַר האָט ער דיך אַרויפֿגעשיקט אַרבעטן צו יונהן סוואַלאַטש. דאָס איז זי, מײַן טײַערע, די פּעצעקישע מאָראַל. מ׳וויל טאַנצן אויף צוויי חתונות, מאַכן די רעוואָלוציע דאָ און בויען די מדינה דאָרט, הע?״

„יאָ, דאָס איז זי״, האָט בינהלע אײַנגעשטימט. זי האָט זיך געפֿרעגט צי די פֿרוי רעדט צו איר טאַקע פּראָסט־פּשוט יִדיש, צי עפּעס פֿאַרמישט זי דאָס מיט אַן אַנדער לשון.

אויף דער גאַס האָט די פֿרוי נאָך אַ מאָל אַ דריק געטאָן בינהלעס אָרעם. „כ׳בין שטאַרק צופֿרידן וואָס ד׳ביסט אַן אייגענע. כ׳האָב גוט געהערט ווי ד׳האָסט אַרײַנגעזאָגט יונהן סוואַלאַטש״.

„ווײַל ער האָט זיך דאָס פֿאַרדינט!״ האָט בינהלע שטאָלץ אויסגערופֿן. „אוודאי בין עך אַן אייגענע. כ׳קום טאַקע פֿון באַטשאַני, אָבער כ׳בין שוין אַ לאָדזשע־רין מיטן קנאַק. פֿאַרלאָז דיך אויף מיר!״

די פֿרוי האָט אַרויסגעלאָזט אַ שווערן זיפֿץ. „אין נײַנצן פֿינעף, מײַן טײַער קינד... בין עך אויך געווען...״

„אין באַטשאַני?״ האָט בינהלע געשטוינט.

„ניין, אין ׳בונד׳. דאַמאָלס איז געווען אַ לעבן. אויף דער באַריקאַדע אויף וואָלבאָרסקע בין עך געשטאַנען. און די שטרײַקן, די דעמאָנסטראַציעס, די קלעפּ

מיט נאַגייקעס וואָס כ'האָב מיטגעמאַכט! מ'האָט געמיינט שוין־שוין... די רע־וואָלוציע געווינט און מ'ווערט אַלע אויסגעלייזט. און היינט, ווייסטע דאָך אַליין... זענען טויטע צייטן... און רייס בעסער נישט צו פיל איין מיט יונהן סוואָלאַטש. ר'איז גערעכט, אַז אַ שטאָפּערין איז נישט סתּם קיין אַרבעטערין און אַ נופּערקע אויכעט נישט. די אַריסטאָקראַטקעס פון פּראָלעטאַריאַט זענען מיר. און אונדזער פאַבריק איז דאָך בעסער ווי יעדער אַנדערע, די איינציקע אין שטאָט וואָס האַלט אַ פּאָר ייִדן. ד'ווייסט דאָך אַליין. דער קאַמף, אַז מען זאָל צולאָזן ייִדישע אַרבעטערס אין די פאַבריקן איז פאַרשפּילט פּונקט ווי די גאַנצע רעוואָלוציע. דער ייִדישער קאַפּיטאַליסט איז פּונקט אַזאַ אַנטיסעמיט ווען ס'קומט צום ייִדישן פּראָלעטאַריאַט, ווי דער גויִשער. בלויז אונדז, ייִדישע שטאָפּערינס און נופּערינס, נעמט מען אַריין אומעטום... דערווייל, פאַרשטייסט? דערפאַר טאָקע מוזסטע דיך אַצינדער היטן פאַר יונה סוואָלאַטש ווי פאַר פייער".

די פרוי האָט געזען ווי בינהלע שאָקלט צו מיטן קאָפּ צו יעדער פּעסטשטשע־לונג וואָס זי האָט געמאַכט. ס'איז איר אויפן זינען נישט געקומען, אַז בינהלע האָט קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען און האָט שוין פון לאַנג געהאַט אויפגע־געבן צו פּרוּוון פאַרשטיין.

בינהלע האָט אָפּגעאַרבעט נאָך אַ וואָך אָן געהאַלט, און כּדי נישט צו מוזן אָנקומען צו צפּורהן וועלכע איז איבערגעקומען די וואָך אַ דאַנק איר „קאַוואַלער", האָט בינהלע אַלע טאָג זיך אַריינגעשלייכט אין קאַטשטשאַל, זיך באַשטייערט מיט אַ נדבה און גענומען אַ „רעשט" פון קאַנאַניקס טעלער.

די קומענדיקע וואָך האָט יונה סוואָלאַטש זיך באַוויזן אין דער האַלע ווי

בינהלע איז געוואָרן אומרויִק, זי האָט דערקענט דאָס מוסטער פון דעם באַל ווי דער שטייגער, אַ יאָג געטאָן צווישן די טישן. „וועמעס שטיקל אַרבעט איז דאָס?" האָט ער געערוועט. „דיינס? דיינס?"

בינהלע איז געוואָרן אומרויִק. זי האָט דערקענט דאָס מוסטער פון דעם באַל שטאָף איבער וועלכן זי האָט די פאַרגאַנגענע פּאָר טעג געהאָט געאַרבעט. ווען יונה האָט זיך דערנענטערט צו איר, האָט זי באַמערקט, אַז זיינע גרינע אויגן צינדן זיך אָן, נישט מיט קיין כּעס, נאָר מיט יענעם פלעמל וואָס זי האָט אויפגע־כאַפּט אין זיי, ווען זי איז געווען מיט אים אויג אויף אויג.

זי האָט זיך אומזיכער אָפּגערופן: „מיינס".

„כ'ווייס, אַז ס'איז דיינס", האָט ער זיך צוגעבויגן צו איר און אַ כריפּע געטאָן אויף איר אויער. דערנאָך האָט ער אויסגערופן בקול־רם: „איך, ענקער מייסטער זאָג ענק, אַז דאָס איז דאָס בעסטע שטיקל אַרבעט אין דער גאַנצער האַלע! נעמטס ענק אַ ביישפּיל, ווייבעלעך!" און צו בינהלען האָט ער צוגעגעבן

אויף אַ קול: „דערפֿאַר... דערפֿאַר... צו די שטאָפּערינס ׳על עך דיך צושטעלן! די אַנדערע וואָך!״ און ער איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון דער האַלע.

בינהלען האָט זיך דער קאָפּ פֿאַרדרייט, דאָס פּנים האָט איר אויפֿגעפֿלאַמט. האָט זי גוט געהערט? וואָס איז מיט דעם יונהן סוואַלאַטש געשען? האָט ער טאַקע אַזוי מורא געהאַט פֿאַר איר? ער האָט דאָך איר די גאַנצע צווייטע וואָך קיין איין מאָל נישט קיין קנייפּ געטאָן. ער האָט דאָך געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער באַמערקט זי איבער הויפּט נישט.

„זי האָט נאָך גוטע אויגן...״ האָט זי געהערט ווי די שכנות פּליסטערן צווישן זיך.

„ער האָט אַ גוט אויג אויף איר...״ האָבן אַנדערע אייפֿערזיכטיק געמורמלט.

„ווער ווייסט וועלכע שטאָפּערין ס׳עט פֿליִען די אַנדערע וואָך...״ האָט מען זיך געשושקעט. קיינער האָט בינהלען מער נישט צוגעוואָרפֿן קיין פֿריינדלעכע בליקן. פֿאַרקערט, מען האָט געקוקט אויף איר מיט אָפֿענעם כּעס.

ווען ס׳איז געקומען צו דער „ווילפּלאַטע״ סוף־וואָך, האָט זיך יונה צוגעשאַרט צו בינהלען בעת די ווייבער האָבן אים אַרומגערינגלט. „ווי הייסטע, האָסטע געזאָגט?״ האָט ער געפֿרעגט.

„בינה הייס עך״, האָט זי געענטפֿערט.

„דאָס ווייס עך שוין״, איז ער געוואָרן אומגעדולדיק. „ווי נאָך?״

ווי דער טאַטע, יאַסעלע, וואָלט געשטאַנען איבער איר און איר איינגערוימט אויפֿן אויער, האָט זי אויסגערופֿן: „בינה יאַסקאָוויטש הייס עך!״

צוויי רובל זיינען געלעגן אין איר האַנט. זי האָט קוים צוגעגלייבט די אויגן. זי איז געווען רייך. זי איז געווען גליקלעך.

אויפֿן וועג אַהיים מיט צפּורהן, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט קויפֿן צוואָרעך אויסצוהיילן צפּורהס קינד פֿון כראָנישן שילשול. גייענדיק מיט צפּורהן, האָט בינהלע אַראָפּגענאַשט אַ פּאָר זופּ פֿון צוואָרעך און דערלאַנגט צפּורהן דאָס טעפּעלע, כּדי דער יצר־הרע זאָל איר נישט צורעדן צו כאַפּן נאָך אַ זופּ. פֿאַרביי דעם שאַכערמאַרק, האָט בינהלע זיך געקויפֿט אַן אָפּגעטראָגענע, אָבער גאַנצע ספּאָדניצע. זי האָט זיך נישט געקאָנט צוגלייבן, אַז דאָס געלט איז געווען איר אייגנס, אַז די ספּאָדניצע איז געווען אירע — אַ פֿאַרדינטע, נישט קיין געגנבֿעטע. ס׳איז געווען אַ מאַכטיק געפֿיל; עס האָט פֿונאַנדערגעשפּאַרט די וועלט פֿאַר איר, צעבלאָזן האָפֿענונגען, פֿאַנטאַזיעס. אפֿשר וועט זי זיך אַ מאָל אָנזאַמלען גענוג געלט צו קויפֿן זיך אַ ווייסע אויסגעהאָפֿטענע בלוזקע מיט ריזשקעס אונטערן האַלדז, אפֿשר אַ הוט, אַזאַ ווי זי האָט געזען פֿרויען טראָגן אום שבת.

פֿרייטיק פֿאַר נאַכט האָט באַלוט שטאַרק דערמאָנט אָן באָטשאַני. די גאַסן זיינען געווען מער געפּאַקט ווי געוויינטלעך. דאָס קלאַפּן פֿון די וועבשטולן, וואָס האָט זיך געהערט פֿון די פֿאַרטער־פֿענצטער און איז געווען די אייביקע באַגלייט־

מוזיק צום טומל פון די גאַסן, איז ווי האַסטיקער געוואָרן. אַרום האָט אַלץ געהאָוועט מיט אַ טאָפּלטן טעמפּאָ. די געזעלן האָבן אָפּגעטראָגן די פאַרטיקע שטיקער אַרבעט; די זאַקן־מאַכערס, די שטריקערס, די הענטשקע־מאַכערס האָבן אָפּגעליפערט די לעצטע קנוילן מיט אויסגעפּאַרטיקטער סחורה. ווייבער און מיידלעך זיינען געלאָפן מיט די טשאָלנטער צום בעקער. די קרעמלעך זיינען געווען פול־געפּאַקט.

פרייטיק נאָך דער אַרבעט האָט בינהלע געלאָזט צפּורהן אַהיימגיין, און אַליין האָט זי גענומען וואַנדערן איבער די גאַסן. די באַלוטער הייזקעס, נידעריקע, פאַרחושכטע האָבן אויסגעזען אַזוי ענלעך צו די כאַלופּעס פון באַטשאַני, אַז זי האָט פאַרגעסן ווו זי איז. איר געדאַנק איז געווען דאָרט, צווישן ברייטן און שמאָלן טאָפּאָליע־וועג... זי האָט געזען דעם באַלוטער שמש אַרומלויפן און קלאַפּן אין די לאָדנס: „ליכט־צינדן!" האָט ער גערופן. שבת־ליכטלעך האָבן אויפגעלויכטן אין די פענצטער. אָפּגעוואַשענע קינדער, אויסגעפּוצט אין שבתדיקע בגדימלעך האָבן זיך באַוויזן אין די הייף. אויף די שוועלן זיינען אַרויס מיידלעך מיט אויסגעצוואָגענע קעפּ, אין זויבערע קליידער. שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן דאָס געגיי פון דער שול — גרופּקעלעך יִידן אין קאַפּאָטעס און שטריימלעך. זי האָט אַריינגעקוקט דורך די פענצטער. משפּחות זיינען געשטאַנען אַרום די טישן. זי האָט געהערט דאָס געזאַנג: „שלום־עליכם מלאכי השרת..." אַ טאַטע האָט גענומען אַ בעכער אין האַנט און געמאַכט קידוש.

בינהלע האָט געזען איר טאַטן, יאַסעלען, מאַכן קידוש אין דער היים, אין דער כאַלופּע, אַרום אים — אַלע זיבן קינדער... פייגעלע די שוועסטער האָט געשפּאַסט מיט אַבעלען דעם שטאָטנאַר. דאָס קינדערשע געלעכטער ביים טיש האָט אָפּגעפינקלט אין טאַטנס גרויע אויגן... ווי אויפגעלעבטע פונקען אין אש...

דעם שבת נאָך בינהלעס ערשטער „ווייפּלאַטע" האָבן בינהלע און צפּורה באַשלאָסן צו פּראַווען אַ יום־טוב. שבת, באַלד אין דער פרי, האָבן זיי זיך גענומען אויפצורוימען דאָס צימער; דאָס הייסט, צפּורה האָט געראַמט — און בינהלע האָט געדאַרפט צוקוקן און לערנען ווי אַזוי מען רוימט אין לאָדזש. צפּורה איז אָנגעגאַנגען צווישן אירע שכנות פאַר אַ וויטיש־זויבערער און זי האָט דאָס מיט שטאָלץ געלאָזט וויסן בינהלען.

דאָס ערשטע וואָס צפּורה האָט, ווי אַן אמתע לאָדזשערין, געטאָן, איז געווען נעמען זיך צו די שטרוישעניקעס. זי האָט אַזוי גרינטלעך אויפגעטרייסלט דעם שטרוי אין זיי, אַז אַ רויך איז אַזש געגאַנגען. דער רויך האָט אַ פאַרשפּרייט געטאָן ריחות איבערן צימער וואָס האָבן קיין שום שייכות מיט פאַרפומען נישט געהאַט און זיינען געווען אַזוי שטיקנדיק, אַז מען האָט געדאַרפט האָבן אַ געפערלעכן קאַטאַר, צי סתם אַ נאָז פאַרמויערט מיט אייזן־בעטאָן דאָס צו פאַר־

טראָגן, און זיך לכל־הפּחות נישט צעניסן. דערנאָך האָט צפּורה זיך ערשט גע־נומען אויסצוקלאַפּן די שעניקעס מיט אַ באַרשט. פון דעם האָט זיך געמאַכט אַ צונגאָבשטויב וועלכער האָט געגרייכט אין האַלדז אַריין און דאָרט געקרעלט און געדראַפּעט ווי די באַרשט אַליין וואָלט אַהין פאַרפאַרן.

פאַרטיק געוואָרן מיט די שעניקעס, האָט צפּורה זיך גענומען צום קערן די פּאַדלאָגע. „יעדן פעליקן שבת קער עך אויס!״ האָט זי זיך געריימט פאַר בינהלען און האָט פונאַנדערגעשפּרינקלט טראָפּנס וואַסער איבער דער פּאַדלאָגע, ווי דער פּרייז פון וואַסער וואָלט פאַרמאָגט דעם ווערט פון גאָלד. בעת־מעשׂה האָט זי אויפגעקלערט בינהלען: „אַז מען צעגיסט צו פיל וואַסער, מאַכט זיך אַ בלאָטע און די פּאַדלאָגע ווערט פאַרשוווערט״.

אַז זי האָט זיך גענומען צום אויסקערן גופא, האָט זיך דער שטויב ערשט רעכט אַ הייב געטאָן פון דער פּאַדלאָגע און זיך אין דער לופטן אויסגעמישט מיטן שטויב פון די שעניקעס. פאַרטיק געוואָרן דערמיט, האָט צפּורה פונאַנ־דערגעשיט געלן זאַמד — און דער זאַמדשטויב האָט זיך אויסגעמישט מיטן שטויב פון די שעניקעס און דער פּאַדלאָגע, און די גאַנצע שטוב איז איינגעהילט געוואָרן אין אַ געדיכטן נעפּל.

אין אָט דעם שטויביקן נעפּל זיינען אַרומגעקראָכן די נאַקעטע הוסטנדיקע קינדער און זיך געפרייט מיט דער מאַמען. קיין פענצטער האָט צפּורה קיין מאָל נישט געעפנט, ווייל ערשטנס, האָט זי מורא געהאַט פאַר אַ צוגווינט וואָס האָט חלילה געקאָנט באַפאַלן די קינדער. צווייטנס, האָט מען די פענצטער נישט געטאָרט רירן, ווייל זיי זיינען געהאַנגען אויף איינצלנע זאַוויאַסעס. בינהלע האָט געקוקט אויפן לאָך אין דער שויב וואָס איז געווען פאַרשטופּט מיט אַ שמאַטע. אפשר האָט זיך פון דאָרטן יאָ אַריינבאַקומען אַן אָטעם לופט פון דרויסן?

בינהלען האָט זיך אַזאַ זויבערקייט וואָס האָט געקרעלט אין האַלדז בשום־אופן נישט געלייגט אויפן שׂכל. „וואָס טויג מיר אַזאַ רוימען?״ האָט זי אַרגומענטירט מיט צפּורהן. „אַז ד׳עסט נישט רוימען, ׳עט מען כאַטש נישט הוסטן. ווען עך בין געווען אַ משרתת ביי דער רופאטע, האָט מען געמוזט האַלטן אַלע פענצטער אָפן, אַז מען האָט געראַומט״.

צפּורה האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און זי אויסגעלאַכט: „וואָס ווייסט עץ, פראָווינצער? ביי אונדז אין לאָדזש רוימט מען אויף אַ מאָדערנעם פאַסאָן״.

בינהלע האָט נישט געגעבן קיין צעבראָכענעם צווייער פאַר אַזאַ מאָדער־נעקייט. זי האָט געבענקט נאָך די זיסע ריחות, נאָך דער קלאָרקייט און די טעמען וואָס די לופט פון באַטשאַני האָט פאַרמאָגט.

שפּעטער האָבן זיי געגעסן אַ גוט מיטאָג: אַ קרופּניק אָן פליישׁ און אָן ביינער, מיט ברויט, און נאָכגעטרונקען ציקאָריע־קאַווע. די קינדער זיינען געווען זאָט און האָבן זיך געשפּילט אויף דער פּאַדלאָגע. בינהלע און צפּורה, די קעפּ

אויסגעצוואָגן מיט נאַפט, זיינען געזעסן אין די שבתדיקע ספּאָדניצעס, פּאַרטיפט אין אַן ערנצטן שמועס וועגן אַ תכלית פאַר בינהלען און וועגן צפּורהס טרויע־ריקער „פּאַלאַזשעניע אין דער הייראַט". בינהלע האָט שטאַרק צוגערעדט צפּורהן, אַז זי זאָל אָפּהאַקן מיט איר מאַן.

„האָסט אים אין לויוויטש, דעם לאַכודראַק. שלאָג אים אויף אַ כפרה!" האָט זי נישט געקאָנט צוקוקן צפּורהס טרערן.

צפּורה האָט וויינענדיק זי אויסגעלאַכט. „ביסט אַראָפּ פון זינען? ווו 'על עך נעמען אַ בעסערן, ברענען זאָל ער? ר'איז דאָך גאָלד מיט בריליאַנטן. ר'זיצט אָפּ אַ ווינטער אין תפיסה און כ'האָב אַ האַלב יאָר קאָפּ־מנוחה".

„דיין קאַוואַלער איז אפשר אַ גרעסערע מציאה", האָט בינהלע אַרגומענטירט.

„מיין קאַוואַלער!" האָט צפּורה אויסגערופן. „נ'ווי' געוואַלד און געשריגן. ד'ווייסט דאָך נישט וואָס ד'רעדסט, לאָ־עלינו. ער'ט חתונה האָבן מיט אַ וויסטער שנאָרערין ווי איך? מיט דריי קליינע קינדער? און זיך אָנטאָן אַ זאַק אויפן האַלדז? ביסט פון זינען אַראָפּ? אַ קאַוואַלער פּאַסט זיך צו זיין אַ קאַוואַלער און נישט קיין מאַן, אַז נישט 'עט ער דאָך ווערן אויס קאַוואַלער".

בינהלע האָט אַנטשלאָסן אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ: „איך 'על קיין מאָל נישט חתונה האָבן. כ'ברויך אַ מאַן, ווי כ'ברויך אַ הויקער!"

ווידער האָט צפּורה נישט איינגעשטימט מיט איר: „ווילסט בלייבן אַן אַלטע מויד, אַ פּאַרזעסענע?"

בינהלע האָט געצויגן מיט די אַקסלען. „ווי' קאָן עך זיין אַן אַלטע מויד, אַז כ'בין נישט אַלט? ווי קאָן עך זיין אַ פּאַרזעסענע, אַז כ'האָב נישט קיין געדולד איינצוזיצן?" זי האָט זיך צעלאַכט.

צפּורה האָט אומצופרידן געשאָקלט מיטן קאָפּ: „לאַך, לאַך! נאָך אַ יאָר און נאָך אַ יאָר, שפּעטער 'עסטע שוין נישט לאַכן. אַ מיידל אָן אַ מאַן איז יעדן איינעמס שטשערקע".

„און מיט אַ מאַן איז זי בלויז דעם מאַנס שטשערקע, דאָס איז דער גאַנצער אונטערשייד", האָט בינהלע זיך געהאַלטן ביים איריקן. „און אַז ד'ווילסט וויסן", האָט זי אַנטשלאָסן צוגעגעבן, „'על איך קיינעמס שטשערקע נישט זיין, נישט מיט אַ מאַן און נישט אָן אַ מאַן". דאָ האָט זי זיך מיט אַ מאָל פאַרטראַכט און אַ ביסל ווייניקער זיכער מיט זיך, זיך פאַרטרויט פאַר צפּורהן: „כ'ווייס נישט ווי מיך אומצוגיין מיט יונהן סוואָלאָטש, פאַרשטייסט? שטענדיק האָב עך מורא, אַז ער'ט אונטערקומען און מיר געבן אַ קנייפּ אין הינטן, כאָטש ער האָט מיך די גאַנצע וואָך נישט געקנייפּט, און אַז איך 'על אים געבן אַ פּליאַסק אין דער מאָרדע און אַלץ 'עט גיין אין דר'ערד אַריין".

„די איינציקע ברירה וואָס ד'האָסט", האָט צפּורה באַלערנדיק באַמערקט, „איז אָפּצוּווישן זיך ס'מויל, אויב ד'ווילסט בלייבן אין דער פאַבריק. זיי צופרי־

דן, אַז ד׳געפּעלסט אים און ער וויל דיך מאַכן פאַר אַ שטאָפּערין. מ׳טאָר נישט איבערציִען דאָס שטריקל, פאַרשטייסטע מיך״.

„איך ׳על יאָ איבערציִען דאָס שטריקל, טאָמער הייבט ער מיט מיר אָן״.

צפּורה האָט זי אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט: „ווי לאַנג איז דער שיִער צו זיין אַ פּראָווינצערין, הע? געוויין דיך צו צו אים און אָן עק זאָל דאָס נעמען״.

„איך קאָן מיך נישט צוגעוויינען, נו?״

„פאַר וואָס נישט, וואָס טוט ער דיר, נאַרישער קאָפּ? ער גיט דיר אַ קוועטש, אַ קנייפּ, אַ סמאָטשקע. ס׳איז בעסער ווי קלעפּ, יאָ צי ניין? און אַפילו אויב ער נעמט זיך צו דיר נאָ פעסט, איז דאָך דאָ... גייגער. ביסט דאָך נישט אַליין אויף דער וועלט. און זאָרג דיך נישט, ר׳עט שנעל מיד ווערן. ער האָט ליב פרישע אויפּס. און דאַמאָלס ׳עסטע שוין נישט זיין אַזוי האַנאַראָווע״.

דעם זעלבן אויפדערנאַכט, נאָך דעם ווי די קינדער זיינען איינגעשלאָפן, זיינען צפּורה און בינהלע אַרויס אין גאַס „זיך איבערגיין שפּאַנצירן״ אויף דער פּייפּעראָווקע, ווי מען האָט די פּייפּער־גאַס גערופן. דרויסן איז געווען האַלב־פינצטער, די גאַנצע גאַס באַלויכטן נאָר פון צוויי גאַזלאָמפּן און פון די ליכטער פון די פענצטער און קנייפּעס. אין דעם טונקעלן ליכט האָבן זיך געדרענגט די מחנות „חתנים״ און „כּלות״, „מאַדאַמס״ מיט זייער סוויטע און אויך די אַנדערע איינוווינערס פון פריילעכן געסל און פון די שכנותדיקע געסלעך.

צפּורה האָט בינהלען אָנגעוויזן אויף דעם און יענעם, דערציילט וועגן יעדן איינעם אַ זאַפטיקע מעשׂה און ערנצט אויפגעקלערט: „ד׳ווייסט פאַר וואָס די גאַס הייסט ׳די פּייפּעראָווקע׳, הע? ווייל ס׳איז גענוג צו געבן אַ פייף, און ס׳קומט אַרויס אַ מיידל. אַז ד׳עסט מיך פרעגן, איז דאָס די היימלעכסטע און בעסטע גאַס פון לאָדזש. מ׳זאָל מיך באַגליקן וואָלט עך אַפילו קיין ווילקע מיך נישט אָוועקגעצויגן פון דאַנען. וואָס דאַרף עך לויפן אין שטאָט אַריין, אַז יעדן אויפ־דערנאַכט קומט די גאַנצע שטאָט דאָ אַהער, פון רייכסטן ביזן אָרעמסטן? דאָרט איז דאָך אַזאַ נודנעקייט, אַז מען קאָן איינשלאָפן גייענדיק. דאָ זעסטע דאָס ראַכטיקע לעבן, פאַרשטייסט וואָס עך מיין?״

בינהלע האָט פאַרשטאַנען און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. צפּורה איז געווען גע־רעכט. ס׳איז געווען אָטעם־פאַרכאַפּנדיק דאָ צו שפּאַצירן מיט צפּורהן און באַ־טראַכטן דעם פאַרביקן עולם, די שלעפּערס, די שיכּורים, די פּראַנטן און ווילע־יונגען מיט די אויסגעסטרויעטע מוידן, וועמען צפּורה, וועלכע איז געווען אויס־געקאָכט מיט יעדן איינעם, האָט כּסדר אָפּגעשטעלט — כּדי פאַרצושטעלן איר נייע „קאָלעזשאַנקע״. צו מאָל האָט זיך בינהלע דערמאָנט אָן די שדים וואָס האָבן געהוליעט יעדער נאַכט אין באַטשאַני. זעלטן האָט זי עמעץ דאָרט געזען. דאָ זיינען זיי געווען אָנצורירן. דאָ איז געווען זייער שטאָט פון פאַרגעניגן — זייער יריד. און ס׳האָט זיך געגלוסט סיי אַריינצוּוואַרפן זיך אין דעם לעבן דאָ, פּונקט

ווי צפורה ווערן אַן אייגענע אין אַט דער „שטאָט", און ס'האָט זיך געגלוסט צו האָבן אַן אייגן ווינקל גראָד ערגעץ אַנדערש. ווייל דאָ האָט זי זיך אויף גאָר אַ באַזונדערן אופן געפילט ווי אַ „פּראָווינצערין".

יאָ, נישט געקוקט דערויף וואָס די לופט דאָ איז געווען אַזוי עלעקטרי־זירנדיק, האָט זי, בינהלע, זיך געפילט שטאַרק אומבאַקוועם צוליב די בליקן מיט וועלכע די מאַנספּאַרשוינען האָבן זי אַדורכגעשטאָכן דורך דער האַלב־פינצ־טערניש. נאָך ערגער האָט זי זיך געפילט פון די אויסרופן, דעם פייפן צו איר, די רייד וואָס מען האָט איר פאַרבייגייענדיק איינגערוימט אויפן אויער, וועלכע זי האָט קוים פאַרשטאַנען. וואָס האָבן זיי אַלע געוואָלט פון איר? ווי קומט וואָס מען האָט זי איבער הויפּט באַמערקט? זי איז דאָך געווען אַ „מאַרזעפּע" און די מוידן וואָס זיינען דאָ מחנותוויז פאַרבייגעגאַנגען זיינען דאָך געווען טויזנט מאָל שענער און עלעגאַנטער פון איר.

צפורה האָט זי באַרויִקט: „אַז ד'גייסט מיט מיר, האָסטע נישט וואָס מורא צו האָבן. ז'ווייסן, אַז עך בין אַ וויטישע און ז'האָבן דרך־ארץ פאַר וויטישע. אויסער דעם שאַנצט זיי מיין קאַוואַלער צו אַזוי פיל קליִענטן, אַז זיי ציטערן פאַר אים ווי פיש אין וואַסער".

„ווו איז ער עפּעס, דיין קאַוואַלער?" האָט בינהלע געוואַגט דאָס ערשטע מאָל אַ פרעג צו טאָן. זי האָט שוין צוויי וואָכן געוווינט ביי צפורהן און זי האָט באַמערקט, אַז צפורה לויפט צו איר קאַוואַלער נאָר ווען זי ברויכט געלט צו פאַרענדיקן די וואָך.

צפורה האָט אַ וואָרף געטאָן דעם קאָפּ און מיט די פינגער אַריינגעפּרעסט די פּאַליעס פון אירע האָר. „ווייס עך ווו ער איז, אַ לעבן אויף זיין קאָפּ?" און זי האָט גיך געענדערט די טעמע. זי האָט אַ ווייז געטאָן אויף אַ הייזל פאַר וועלכן ס'האָט זיך געשטופּט אַן עולם פראַנטן מיט זייערע מוידן. „אַז ד'ווילסט קאָן מען אַריינגיין דאָ אין דער קנייפּע אויסטרינקען אַ גלאָז ביר און ס'עט אונדז נישט אַראָפּפאַלן קיין האָר פון קאָפּ. ס'ט שוין אַ מאָל פאַרזוכט אַ גלעזל ביר, פּראָווינצערין?" זי האָט אַנגעקוקט בינהלעס פאַרגאַפטע פּנים. „גלייב מיר, ד'ווייסט נישט וואָס אַ קנייפּע איז!" האָט זי אויסגערופן.

„אַ קרעטשמע מיינסטע?" האָט בינהלע איבערגעפרעגט.

„פאָלג מיך אַ גאַנג!" האָט צפורה זיך געווילט. „אין אַ קרעטשמע קומען אַריין פּויערים, כאַמעס, צי חסידים, גראָשעדיקע לולבס. דאָ אין דער קנייפּע קומט אַריין דאָס שמאַלץ פון באַלוט! ס'ט געהערט פון בערלען קרול? היינט רופט מען אים דער לאָמער קרול, אַז לאָם זאָלן זיינע שונאים ווערן. ער איז דער גרעסטער קאַסע־ברעכער פון לאָדזש. פאַר אַ יאָרן איז מיט אים געשען אַ מיכשול. ר'איז נעבעך געשפּרונגען פון אַ צווייטן שטאָק בעת אַ גנבה און האָט צעבראָכן אַ פוס. דאַרפסט אַנקוקן אַ יונג אַ ביסל. קיין גרויסער קראַסאַוויעץ איז ער טאַקע

נישט, און ר׳האָט שוואַרצע ציין פון קייען צו פיל טאַבאַקע, אָבער ד׳דאַרפסט זען אַן אָסאָבע. שטאַרק ווי שמשון הגיבור און קלוג ווי המן־הרשע, אָבער ער איז שוין דווקא נישט קיין רשע. דער משוגענער משה גוטניק, וואָס צווישן די וועבערס רופט מען אים צאַקראַטעס און ער פירט די קאָמאַנדע אין דער וועבערי־שער שענק, האָט געמאַכט פון בערל קרולן אַ ראַכטיקן צאַצאַליסט. אויסער דעם קאָן בערל לייענען אין חומש־ביכל ווי אַ וואַסער און אַ צייטינג אויכעט. און פאַרשטייסט, אַז בערל איז אין דער קנייפּע, האָב עך נישט וואָס מורא צו האָבן אינעווייניק. ווייל די צאַצאַליסטן זענען פונקט אַזוי ווי די גלחים. ז׳האָבן זיך אַ נדר געגעבן צו לעבן ווי צדיקים און זיי זענען נאַר, אַז די גבירים זאָלן דאָס אויסקרענקען. און בערל קרול, הלוואי וואָלט ער געווען אַן אמתער קרול, גלייכט דרינען אויס די דין־תורות צווישן די בלאַטע און די חתנים מיט די כלות און אַפילו צווישן די מאַדאַמען און די קליענטן, ווייל אַלע ווייסן, אַז ער האַלט מיט דער גערעכטיקייט. דערנאָך טרינקט מען דרינען אויס גאַנצע פעסער ביר און מען פרעסט צו געגדזנס מיט גריוועגעס ביז צום צעפּלאַצט ווערן. נו, ד׳ווילסט כאַטש אַריינקוקן אינעווייניק?״

בינהלע האָט באַטראַכט די פראַנטן און די מוידן וואָס האָבן זיך געדרענגט פאַר דער קנייפּע. דער ריח פון ביליקן אָדעקאָלאָן האָט געקיצלט אין די נאָז־לעכער. „לאָמען כאָטש אַריינקוקן״, האָט זי איינגעשטימט און געלאָזט צפורהן זיך שטופן פאָרויס.

די אָפענע טיר פון דער קנייפּע איז געווען פאַרהאַנגען מיט אַ מין באַוועגלע־כער גאַרדין פון קאָלירטע צעראַטע־סטענגעס. דורך די שפּאַרעס וואָס זיי האָבן געלאָזט האָט מען אינעווייניק, אין דעם שיין פון די אָנגעצונדענע פּאַר נאַפטלעמפּ, געקאָנט זען אַ גרויסן רויכיקן נעפּל, אין וועלכן קעפּ אויף קעפּ זיינען ממש געהאָנגען איבער די טישן ביז צום סופיט. קופלעס ביר האָבן בורשטין־ברוין געלויכטן אין דער טונקל, אויגן האָבן געבליצט, העגט האָבן ווי סטאַדעס פייגל געפלאַטערט אין דער לופטן. אַ טומל, געשרייען, קללות און געלעכטער האָבן זיך אויסגעמישט מיט שיכורן זינגעניש וואָס האָט זיך געקנוילט אַרום די טישלעך. צום ריח פון אָדעקאָלאָן איז צוגעקומען דער ריח פון בראָנפן, ביר, ציגאַרן, פּאַפּיראָסלעך, און אַזוי אַ שלאָג געטאָן בינהלען אין קאָפּ, אַז ער האָט זיך איר אַזש פאַרדרייט.

אַ פּאָר הענט האָבן אַ צערוק געטאָן דעם פירהאַנג און אַ גאָל־אָפּראַזירטער קאָפּ האָט זיך באַוויזן צווישן די צעראַטע־פּאַסמעס איבער דער טיר. אַ האַנט האָט אָנגעכאַפּט צפורהן פאַרן געלענק, אַ קול האָט זיך דערהערט: „וואָס קיקסטע אַריין, כלהשי? קום אַריין און קיק אַרויס!״

צפורה האָט שוין געהאַלטן דעם פוס איבער דער שוועל, זיך געלאָזט ציִען פון דער האַנט, אָבער בינהלע האָט אויפן אָנבליק פון דעם גאָלן קאָפּ געגעבן

זי אַ שלעפּ אויף צוריק, און צפּורה איז אַריינגעפּאַלן אין אירע אָרעמס. בינהלע האָט זי אַרויסגעשלעפּט פון דעם לייבער־קנויל און אויפגערעגט זיך צעשריִען: „כ׳וויל נישט אַריינגיין!"

„ביסט אַ מעשׂה־בהמה!" האָט צפּורה זיך פאַלש צעלאַכט. „האָסט דערקענט גייגערן, הע? אַז גייגערן זאָל זיך אים שוין דער קאָפּ. אָבער דער לאָמער קרול און משה גוטניק זענען דרינען, וואָלט גייגער אונדז געשטעלט אַ ביר און קיין האָר פון קאָפּ וואָלט אונדז נישט אַראָפּגעפאַלן. און ד׳וואָלסט אינעווייניק שייען מאַגנאַט אויך געקאָנט אָנקוקן מיט די אייגענע אויגן. כ׳האָב אים דרינען געזען, כ׳שווער דיר".

„כ׳דאַרף קיינעם נישט אָנקוקן!" האָט בינהלע זי געשלעפּט ווייטער אַוועק פון דער קנייפּע.

„וואָס הייסט?" האָט צפּורה איר צוגעוואָרפן אַ ביטולדיקן בליק. „ד׳ווייסט דען ווער ס׳איז שייע מאַגנאַט? דאָס איז דאָך טאַקע שייע מאַגנאַטס קנייפּע, אַז צעברעכן זאָל ער שוין די גנאַטעס. שייע מאַגנאַט הייסט שייע מאַגנאַט ווייל ר׳איז געוואָרן אַ מאַגנאַט ווען ר׳האָט געמאַכט אַ מאַיאָנטיק ביים מאַכן בגנבה מאַנאָ־פּאָלקע ביי זיך אויפן הויף, אין אַ קאַמער. אויסער דעם האָט ער דאָך דאָס שוואַרצע קאַרטנהייזל הינטער דער קנייפּע, אַז פאַרשוואַרצט זאָל ער ווערן. דרינען, אין דעם קאַרטנהייזל, שטעלט מען נישט אײן קיין צווייערס, שרעק דיך גאָרנישט. דרינען שטעלט מען איין מאַיאָנטקעס! דאָס שמאַלץ פון באַלוט, די גרעסטע קאַרפּנקעפּ פון גנבים־פּאַך און די גרעסטע עופות־הענדלערס וואָס שיקן עופות, מיידלעך הייסט דאָס, אַזש קיין אַרגענטינע, שפּילן דרינען אָן אָקע. און צו שייען מאַגנאַט, הלוואי זאָל ער שוין מיטן מלאך־המוות אָן אָקע שפּילן, געהערן דאָך אַלע הייזלעך אויף דער פייפּעראָווקע, הלוואי וואָלט שוין אַ קבר אויפן גוטן אָרט צו אים געהערט. יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק מאַכט ער עקסמיסיעס. נאָך גוט ס׳איז דאָ אַ בערל קרול און אַ משה צאַקראַטעס אויף דער וועלט, נאָך גוט ס׳זענען דאָ צאַצאַליסטן אויף דער וועלט, וואָס שטעלן זיך איין פאַר די אָרעמע־לייט, און שייע מאַגנאַט ציטערט פאַר זיי ווי אַ פיש אין וואַסער, אַז פיש זאָלן אים שוין טאָקע פרעסן".

צפּורה האָט נישט באַוויזן אַרויסצושיטן דעם גאַנצן לעקסיקאָן פון קללות אויף שייע מאַגנאַטס חשבון, ווי הינטער זיי, טאַקע פון שייע מאַגנאַטס קנייפּע, האָבן זיך אָנגעהויבן טראָגן ווילדע קולות, קלאַנגען פון צעבראָכן גלאָזוואַרג, אַ קנאַקעריי פון האָלץ. אין גאַס האָט זיך געמאַכט אַ געלויף.

„מ׳שלאָגט זיך!" האָט מען געווען גערופן פון אַלע זייטן און דער עולם שפּאַצירערס האָט זיך אַ לאָז געטאָן אין דער ריכטונג פון דער קנייפּע.

צפּורה און בינהלע האָבן זיך אָנגעכאַפּט פאַר די הענט און אויך גענומען לויפן אויף צוריק, אויפגעהייטערט און געשפּאַנט. זיי האָבן זיך געשטופּט דורכן

המון, צו זיין וואָס נענטער צו דער סצענע ווו דער ספּעקטאַקל האָט זיך אָפּגעשפּילט.

„גייטץ אַוועק! מאַכטץ אַ וואַרע!" האָט אַ חברה־מאַן מיט פאַרשאַרצטע אַרבל געררעוועט אויף אַלע כּלים.

הענט האָבן צונויפגעבונדן די לויזע פּאַסן פון דעם פּירהאַנג און זיי פאַר־נומען צו דער זייט ווי צוויי לאַנגע צעפּ. באַלד האָט מען טאַקע פון אינעווייניק אַרויסגעטראָגן אַ צעבלוטיקטן פאַרשוין און דערנאָך נאָך איינעם. די חברה וואָס האָבן אַרויסגעבראַכט די פאַרווונדיקטע האָבן זיי אַוועקגעלייגט פאַר דער טיר און זיך געכאַפּט צו שלאָגן איינע די אַנדערע. פון דער קנייפּע האָבן זיך אַרויס־געשיט צעקאָכטע יונגען, אַריבערגעשפּרייזט איבער די גופים פון די פאַרוווּנ־דיקטע און האָבן זיך מיט געביילטע פויסטן געוואָרפן אויף די שלעגערס. באַלד איז פון זיי אַלעמען געוואָרן איין צערעוועטער קנויל פון הענט, פּיס, רויטע־רויע פּנימער, צעגייווערטע, צעשוימטע מיילער. דער המון שפּאַצירערס האָט זיך אָפּגערוקט אויף צוריק און צוגעקוקט מיט צעפּינקלטע אויגן. אַ סלינע איז אַזש גערונגען פון די מיילער.

בינהלע האָט אין דעם געדראַנג פאַרלוירן צפּורהן. און דאָ האָט זי, אָן אַריינגעמויערטע צווישן די צוקוקערס, דערפילט ווי הענט הייבן אָן צו קריכן איבער איר לייב. זי האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, מיטן קאָפּ און די אָרעמס גענומען בויערן אַ וועג אַרויס פון געדראַנג און איז אַנטלאָפן צו צפּורהס הויז. באַלד איז צפּורה אונטערגעקומען אָן אויפגערעגט־צעשמייכלטע.

„וואָס ביסטע אַנטלאָפן, פראַווינצערין?"

„ווו ביסטע געווען?" איז בינהלע אויף איר אַרויפגעפאַלן און זיך ווידער דערפילט זיכער.

„ווו האָב עך געזאָלט זיין? לעבן דיר בין עך געשטאַנען". צפּורה האָט אָנגענומען בינהלען פאַרן אָרעם. „יעדן שבת־צו־נאַכטס שלאָגט מען זיך אַ ביסל. ס'אַ טיאַטער אָן בילעטן. שרעק דיך גאָרנישט, די זשאַנדאַרמען רופט מען דאָ נישט. צווישן זיך 'עלן זיי זיך אויסגלייכן און ז'עלן נאָך הייגט אויסזויפן אַלע פעסער ביר און אויפפרעסן דאָס גאַנצע געגדזונס. קום", האָט זי אַ ציי געטאָן בינהלען, „'עט מען קראַנטער צוגיין צו בורקעס קנייפּע".

בינהלע האָט זיך געלאָזט ציִען פון איר. זי האָט באמת נישט מורא געהאַט און זי איז געווען נייגעריק. זי האָט נאָר נישט געקאָנט פאַרליידן ווען פרעמדע הענט זיינען געקראָכן איבער איר לייב.

„אַזוי פיל שענקען און קנייפּעס!" האָט בינהלע געשטוינט.

„ס'דען האָסטע געמיינט?" האָט צפּורה שטאָלץ פאַרריסן דעם קאָפּ. „סוף־כּל־סוף וווינט מען דאָך נישט ערגעץ אין פּיפּידאָווקע. דאָ האָט יעדער פאַך אַ שענק פאַר זיך, די קצבים, די פורמאַנעס, די בעלי־מלאָכות. דאָ קענגן איבער איז,

זעסטע, טאָקע די וועבערס שענק. דאָ האָבן געפּלעגט אַריינקומען די צאַצאַליסטן אין די רובאַשקעס, מיט די גרויסע גזשיוועס. אָבער יעצט זעט מען בלויז אַ פּאָר. די איבעריקע האָט דער צאַר פאַרשיקט קיין סיבעריע. נאָר אונדזער משה צאַקראַטעס, אַ געזונט אויף אים, קומט נאָך דאָ אַריין מיט זיין חברה און אין די אַנדערע קנייפּעס אויך. ער האַלט רעדעס פאַר די גנבים און ער לייענט פאַר מעשׂה־ביכלעך אויכעט. ער אַליין שרייבט אויך גראַמען. דערפאַר רופט די וועבער־חברה אים צאַקראַטעס. און ער האָט פאַר קיינעם נישט קיין מורא, ווייל דאָ מסרט מען נישט, סיידן אַן אַבלאַווע. מסרן איז די גרעסטע זינד אין באַלוט און דערפאַר, זעסטע, האָט יונה סוואַלאַטש אַ פּסק־דין העגנען איבער זיין קאָפּ".

„פאַר וואָס עפּעס?" בינהלע איז רויט געוואָרן, זי האָט אַליין נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס.

„ווייל ער איז אַ מסור".

„וועמען האָט ער געמסרט?"

„די צאַצאַליסטן, וועמען דען?"

„כ'פאַרשטיי נישט קיין איין וואָרט וואָס ד'רעדסט", איז בינהלע מאָדנע אויפגערעגט געוואָרן.

„ווייל ד'ביסט אַ פּראָווינצערין, פאַרשטייסטע נישט. אַז ד'עסט דיך אויסגרינען, 'עסטע שוין פאַרשטיין. זעסט", האָט צפּורה אָנגעוויזן אויף אַ פענצטער וואָס זיי זיינען פאַרבייגעגאַנגען. „הערסט ווי ס'קלאַפּן די וועבשטולן דרינען? גיב אַ קיק אַריין, ני", האָט צפּורה צוגעשטופּט בינהלען צום פענצטער.

בינהלע האָט אַריינגעקוקט און דערזען אַ טונקל־באַלויכטענע שטוב פול מיט שאַפעס, טישן, בעטן — און וועבשטולן. איבער יעדן וועבשטול איז געשטאַנען אַ ליכטל וואָס האָט באַלויכטן אַ צעכראַסטעטן ייִדן, מיט אַרויפגעשאַרצטע אַרבל, זיצן איינגעהויקערט און וואָרפן די „שיץ" אַהין און צוריק.

„פאַרשטייסט", האָט צפּורה אויפגעקלערט, „היינט איז שבת־צו־נאַכטס און זיי דרינען זעצן זיך צוריק צו די וועבשטולן גלייך נאָך הבדלה, און ז'עלן אַזוי אָפּאַרבעטן ביז פאַר טאָג. ווילן די צאַצאַליסטן, אַז אַ מענטש זאָל כאָטש האָבן אַ שטיקל שבת־צו־נאַכטס פאַר זיך". זי האָט שווער אָפּגעזיפצט. „אַז ד'עסט מיך פרעגן, 'עלן ז'בלייבן ביים וועלן. דערפאַר רופט מען דאָך משהן צאַקראַטעס דער משוגענער משה".

בינהלע האָט גענומען אַריינקוקן אויך אין די אַנדערע פענצטער וואָס זיי זיינען פאַרבייגעגאַנגען. „אומעטום אַרבעט מען", האָט זי באַמערקט.

„ס'דען מיינסטע? ייִדן, אַז ז'אַרבעטן, אַרבעטן זיי. אין די פאַבריקן לאָזט מען זיי נישט אַריין. לאָזן ז'זיך דאָ אַרויסצוּיִען דעם מאַרך פון די ביינער, ביי די ייִדישע בעלי־בתים". צפּורה האָט אָנגעקוקט בינהלען מיט אַ שטאָלצן בליק. „ס'ט געמיינט, אַז אויף דער פּייפּעראָווקע ווינען בלויז בלאַטע, הע? ני, זעסטע

שוין. און געב אַ קיק, אַ שטייגער״, האָט זי אַנגעוויזן אויף דער כאַלופּע וואָס זיי זיינען פאַרבייגעגאַנגען. „דאָ דרינען וווינען בלויז שמאַטע־קלייבערס. ווי היישעריקן לאָזן זיי זיך יעדן טאָג אַרויס איבער לאַדזש. פון מיסט לעבן זיי, אָבער ז׳פאַרדינען זיך ערלעך דאָס שטיקל ברויט. און דאָס זעלבע די קאַטעריניאַזשעס און הויפזינגערס וואָס וווינען דאָ אין די הייזער, צי די קונצן־מאַכערס. און כ׳רעד שוין נישט פון די בעטלערס וואָס פאַרדינען זיך ערלעך זייער שטיקל ברויט. וואָס מיינסטע, ס׳איז אַזוי לייכט אַרומצוגיין דעם גאַנצן טאָג מיט אַן אויג פאַרשטעלט, צו מאַכן זיך אויסזען בלינד? צי מען מאַכט זיך לאָם, איין פוס אַרומגעבונדן, און מען גייט דעם גאַנצן טאָג אַרום אויף קוליעס? גלייב מיר, אַז מ׳קאָן פון דעם אַליין בלינד און לאָם ווערן. און טאָמער מיינסטע, אַז די באַלוטער מענטשן, ווייל ז׳האָרעווען אַזוי שווער, זענען קאַלטע טרופעס, קאָנסטע דאָך זען אַליין. אין ערגעץ זינגט מען נישט אַזוי פיל ווי ביי אונדז אין באַלוט, אין ערגעץ דערציילט מען זיך נישט אַזוי פיל מעשיות און וויצן. און כ׳קאָן דיר שווערן, אַז קיין שום באַלוטער ציט נישט קיין ווילקע. יאָ, צוויי מאָל אַ טאָג קאָנסטע זיי זען ציִען אַהין. אין דער פרי, ציִען אַהין די וואָס אַרבעטן אין ווילקע, און אויף דער נאַכט ציִען אַהין די וואָס גייען אויף צאַצאַליסטישע סכאַדקעס. כ׳וואָלט נישט געהאַט קיין קינדער אין שטוב, וואָלט עך אַ מאָל אויך געגאַנגען, גלייב מיר. משה צאַקראַטעס האָט מיך שוין אַ סך מאָל געוואָלט מיטנעמען. און סכאַדקעס, פּראָווינצערין, מיינט נישט, אַז מען טרעפט זיך אויף די סכאַדעס, די טרעפן, נאָר מען טרעפט זיך אין אַזעלכע ערטער וואָס קיינער ווייסט נישט...״ זי האָט באַמערקט, אַז בינהלע הערט זיך נישט צו, האָט זי איר אַ טרייסל געטאָן פאַרן אָרעם. „וואָס׳טע דיך אַזוי פאַרקלערט, הע?״

„וועגן בעטלערפאַך״, האָט בינהלע זיך פאַרענטפערט און זיך פאַרקרימט. „ביי מיר איז דאָס נישט קיין פאַך, אַפילו לאָם, צי בלינד״.

„וואָס ביסטע אויסן?״ האָט צפורה נישט פאַרשטאַנען. „וואָס זענען זיי קיין מענטשן נישט?״

„מענטשן זענען זיי, אָבער נישט מיין סגאַל. כ׳וואָלט שוין קראַנטער געגנ־בעט, ווי געבעטלט״.

„ס׳אַ זאַך פון געוווינהייט״, האָט צפורה אַנגענומען דעם באַלערנדיקן טאָן. „לעבן מוז מען, טאָ וואָס איז דער חילוק ווי אַזוי, אַבי מען הרגעט נאָר נישט?״ זיי האָבן זיך דערנענטערט צו בורקעס קנייפּע און צפורה האָט ווידער געדינט מיט אינפאָרמאַציע. „כ׳על נישט זאָגן, אַז ביי בורקען שלאָגט מען זיך נישט. פאַרקערט, דאָ קען מען דיר פון אינעווייניק אַרויסטראָגן אַזאַ מת, אַז קיין דאָקטער ט׳אים שוין נישט העלפן. אָבער דאָ מאַכט מען דאָס שאַ־שטיל. מען פאַרווישט דאָס עסק באַלד צווישן זיך. ווייל דאָ קומט אַריין נאָך אַ בעסערער סאָרט קליענטן ווי צו שייע מאַגנאַט, אַז פּוילן זאָל ער שוין אין קאָמיסאַריאַט.

דאָ קומט למשל אַריין פסח־וואָלף קאַצאַפּ וואָס האָט אַ רעסטאָראַן אויף פּיעטרי־קאָווער־גאַס. ער האַנדלט אויך מיט עופות, הונדערטער מיידלעך האָט ער שוין אַוועקגעשיקט קיין אַרגענטינע, אָבער ער רייבט זיך צווישן די גרעסטע קעפּ פון ווילקע. אַפילו מיט די אַרטיסטן איז ער פּאַן בראַט״.

„וואָס זענען אַרטיסטן?״ האָט בינהלע געפרעגט.

„אַרטיסטן״, האָט צפורה אויפגעקלערט, „דאָס איז דער בעסטער סאָרט קונצן־מאַכערס, פּורים־שפּילערס אַזעלכע. זיי אַרבעטן נישט אויף דער גאַס און גייען נישט איבער די הייף. זיי טוען דאָס אין אַ סאַליע וואָס מען רופט טיאַטער און דער עולם קומט צו זיי... אויף בילעטן. און דאָ ביי בורקען״, האָט צפורה ווייטער אויפגעקלערט. „אין דער קנייפּע, קומען נישט אַריין אַזוי פיל גנבים ווי פּאַטאַשניקעס, פאַרשטייסט?״

„ניין, וואָס זענען פּאַטאַשניקעס?״

צפורה האָט געלאָזן איר קלאָר געמאַכט: „אַ חברה לייטישע יונגען זענען זיי. ז׳גנבענען זיך אין ערגעץ נישט אַריין. ז׳שטייען אין די גאַסן, אין די טויערן. אַז ס׳פאָרט אַדורך אַ וואָגן מיט קעטעס, מיט קעסטלעך שוס, כאַפּן זיי אַראָפּ אַ קאַסטן סחורה, צי גאָרן, צי וואָס ס׳מאַכט זיך. שפּעטער פאַרקויפן זיי דאָס צו די וועבער־בעלי־בתּים אין די וואַרשטאַטן און האָבן שיין פּרנסה דערפון״.

„ביי אונדז אין באָטשאַני וואָלט מען דאָס יאָ אָנגערופן גנבה״, האָט בינהלע באַמערקט.

צפורה האָט נישט באַוויזן איר צו ענטפערן. איר פּנים האָט מיט אַ מאָל אויפגעשיינט. זי האָט דערזען די „כּלות״ פון איר הויז פאַרביישפּאַצירן מיט זייערע „חתנים״ און מיט אַ קרענצל אַנדערע „חתנים״ און „כּלות״.

„צ׳ווילץ מיטגיין, מיידעלעך?״ האָט אַ זגראַבנער „חתנדל״ מיט פריזיערסקע וואַנצעלעך, אין אַ האַרטן שוואַרצן הוט און אַ לאַק איבערן שטערן אַ דריי געטאָן מיט אַ שפּאַציר־שטעקעלע און אָנגעכאַפּט צפורהן פאַר דער טאַליע. „מ׳גייט אויף דער ציגאַנסקער זאַבאַווע כאַפּן אַ טענצל!״

שוין האָבן צפורה און בינהלע זיך געררוקט פאָרויס מיט דער גאַנצער חברותא.

דער ציגיינער־טאַבאָר האָט זיך געפונען נישט ווייט, לעבן די הינטער־שטאָטישע פעלדער. דער נומער זעקס־און־צוואַנציק אויף דער גאַס, וואָס האָט געפירט אַהין, האָט זיך גערופן „דער פּונקט״, ווייל ווייטער פון דאַנען זיינען יידן בדרך־כּלל נישט געגאַנגען. אָבער די חברה פון פייפער־געסל זיינען נישט געווען קיין געוויינטלעכע יידן, זיי זיינען דאָך אַליין געווען אַ מין ציגיינערס. האָבן די שניידער־יונגען, די שוסטער־יונגען, די וועבער־יונגען און די געזעלן פון באַלוט געמעגט צושפּאַצירן שבת־צו־נאַכטס נאָר ביז „דעם פּונקט״ און זיך אומקערן, אָבער די „חתנים״ און די „כּלות״ האָבן זיך בנעימותדיק שפּאַצירט ווייטער.

נאָך אַ פּאָר מינוט גיין ווייטער פון „דעם פּונקט", זיינען ערשט די אויס־געפּוצטע „חתנים" געוואָרן אַנדערע מענטשן. ביז אַהער האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן גאַנץ וויטיש אין דער גאַס. אַצינד האָבן זיי זיך געמאַכט באַקוועם, אַראָפּגע־נומען די שטייפע קראַגנס, צעקנעפּלט די מאַרינאַרקעס מיט די וועסטן, אַרויס־גענומען פון קעשענע די פלעשלעך „מאַנאַפּאָלקע" און האָבן געזופט שפּאַצירנ־דיק. איינער פון זיי האָט שוין געהאַלטן בינהלען אַרום דער טאַליע; די אַנדערע אין דער חברה זיינען אויך אַלע געגאַנגען אַזוי „געקניפּט און געבונדן"; דערנאָך האָט ער געלאָזט די האַנט אַראָפּגליטשן זיך נידעריקער און ער האָט גאָר אינטים געריבן זיין באַק אָן בינהלעס.

האָט בינהלע נישט לאַנג געטראַכט און געגעבן אַ שלידער אַראָפּ די פרעמדע האַנט פון זיך. שוין איז זי געגאַנגען אַליין לענג־אויס דעם רינשטאָק, אָפּגע־רוקט פון דער צוזאַמענגעקלעפּטער הייטערער גרופּע, און אין דער טונקל באַ־גלייט מיט די אויגן אַ דערטרונקענעם שטשאַר וואָס האָט זיך געלאָזט טראָגן פון דעם גיך־לויפנדיקן שטראָם רינשטאָק־וואַסער.

צפּורה איז אונטערגעלאָפן צו בינהלען און געשטראָפט די חברה: „וואָס ווילט עץ פון איר האָבן? ז'איז דאָך אַ פּראָווינצערין". זי האָט גענומען בינהלען אונטערן אָרעם און האָט זי באַרויִקט: „כ'זאָל ריין זיין פון שלעכטס, אַז ז'זענען נישט אויסן קיין שלעכטס".

דער ציגיינער־טאַבאָר איז געווען באַלויכטן מיט קאָלירטע לאַמטערנעס און מיט שטורקאַצן. פון פאַרנט, פאַר די ציגיינערשע בוידן און געצעלטן זיינען געווען אויסגעשפּרייט גרויסע זעק. אויף זיי זיינען געווען אָנגעהויפנט קאָלעק־ציעס פון פּאַטשערקעס, פאַרביקע שטרויענע קוישן און שיך, און דער עיקר: קופערנע פּאַטעלניעס, ראָנדלעס, טעפּ פון אַלע גרייסן, וואָס די ציגיינער האָבן אַליין אויסגעאַרבעט. ציגיינערקעס אין טראַכטן פון קאָלירטע שמאַטעס, אויסגע־צירט אין צענדליקער בייטשלעך קרעלן, אין אויערריינגען און בראַסלעטן, זיינען געזעסן לעבן די אויסגעשטעלטע חפצים צום פאַרקויפן, איטלעכע מיט אַ נאַקעט ציגיינערל ביי דער ברוסט, אָדער אין דער שויס, צי גאָר אין אַ זעקל פאַרבונדן אַרום די פּלייצעס. זיי האָבן גערופן די קונים צו זיך אין אַ מין ציגיינערישן פּויליש — און עס האָבן זיי צוגעקלימפּערט די פּאַטשערקעס און די בראַסלעטן, און ס'האָט געלאָקט דער בליאַסק פון די קויל־שוואַרצע אויגן און דער רייץ פון די האַלב־אויפגעדעקטע לויזע בריסטן.

ביי קליינע, נידעריקע טישעלעך זיינען געזעסן די פּירשפּרעכערקעס, די „וורוזשקעס" און פירגעזאָגט די צוקונפט פאַר אַ פינפער פון קאָרטן, צי פון דער האַנט און פאַר אַ צענער פון ביידע.

אין מיטן טאַבאָר האָט געשפּילט די ציגיינערשע קאַפּעליע, אַזוי פייערדיק, אַז די כלי־זמרים אַליין האָבן נישט געקאָנט איינשטיין אויף די פיס און האָבן

מיטגעטאַנצט מיטן המון. אַ פּאָר פון זיי האָבן געמאַכט אַקראָבאַטישע קונצן, שפּילנדיק אויף די אַקאָרדעאָנען, צי מיט די האַרמאָשקעס ביי די מיילער — בעת אַרום זיי איז אָנגעגאַנגען דער ווילדער טאַנץ. אַלץ און אַלע האָבן זיך געדרייט אין אַ שיכּורן, התפּעלותדיקן ווירוואַר. ספּאַדניצעס זיינען געפלויגן אין דער לופטן, אַ פישטעריי, אַ פייפעריי האָט פאַרטויבט די אויערן. די ערד האָט אויס־געזען מיטצוטאַנצן אונטער די פיס און פון די קאָלירטע לאַמטערנדלעך איז געוואָרן אַ מין קאָלירטער קאָנפעטי־רעגן פון פונקען און צעצונדענע סטענגעס וואָס האָבן אַרומגעוויקלט דעם גאַנצן טאַבאָר.

דער ווילדער ריטעם האָט אַ צעברויז געטאָן דעם אומרו אין בינהלעס גלידער. צוהאַלטנדיק צפורהס האַנט, האָט זי געגומען זיך באַוועגן, וויגן, אונטער־שפּרינגען. די „חתנים" און די „כלות" האָבן זיך שוין געטראָגן אין קאָפּ־שווינדל־דיקן טאַנץ.

אַט האָט עמעץ אַוועקגעכאַפּט צפורהן. בינהלע איז געבליבן שטיין ווי אַן אומבאַשיצט קווייטל אין אַ שטורעם. אַרום איר האָט אַלץ געיאָגט, געשווינדלט, געשטויסן זי אַהער, אַהין. דער ווינט פון צעפלויגענע קליידער האָט זי מיט־געטראָגן, פאַרוויקלט... און בעת־מעשה האָט זי נישט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן פון די טאַנצנדיקע ציגיינער, פאַרכאַפּט געוואָרן פון זייער שיינקייט, באַוווּנדערט די קרעמפּע גופים אויף די לייכטע ספּרוזשינעדיקע פיס, זייערע לאַכנדיקע שוואַרצע פּנימער, די צעפלויגענע שוואַרצע טשופּרינעס. אַ פאַרגאַפטע האָט זי נאָכגעפאָלגט מיט די בליקן די יונגע ציגיינערינס אין די אויסגעשניטענע בלוזעס, די פאַרביקע פאַטשערקעס אויף די בראָנדזענע העלדזער, זייערע ווייסע ציין און ווייסע אויגאַפּלען וואָס זיינען ווי פאַרבייגעשוווּמען אין דער לופטן. אונטערגע־הויבן מיט די פעכערס פון די לויזע קאַרוזעלע־אַרטיקע ספּאַדניצעס, זיינען זיי געפלויגן ווי אויף פליגל אין די הענט פון זייערע פאַרטנערן. אַן אומבאַקאַנטער, צוציִענדיקער כּוח איז געווען אין דער לייכטקייט, דער הייסער אַנגעלאַדנטקייט פון די באַוועגונגען.

ווי זי איז אַזוי געשטאַנען, צעטומלט, פאַרכישופט — האָט אַ ציגיינער אונטערגעכאַפּט בינהלען און זי אַ טראָג געטאָן מיט זיך אינעם קנויל פון צעווירבלטע לייבער.

אַ געקרייזלטן קאָפּ האָר האָט ער געהאַט און אַ פּאָר אויגן ווי שטורקאַצן, וואָס האָבן געלאַכט און געבליצט. ווי ער וואָלט געהאַט אַ טראַמפּאָלינע מיט פייער־קנאַקעס אונטער די פיס, האָט ער אַ הייב געטאָן בינהלען אין דער לופטן, געוואָרפן זי אין זיינע הענט, געדרייט זיך מיט איר אין ווינטיקע אומקרייזן, אַז עס האָט אַזש פאַרהאַקט דעם אָטעם. זיינע אָרעמס זיינען געווען אַרום איר, אויף איר, אויף יעדן ברעקל פון איר לייב האָט זי זיי געפילט — און ס'האָט זי נישט געאַרט. פאַרקערט, ס'האָט זיך געגלוסט אויסצושרייען: „פעסטער! גיי־

כער! העכער!״ ער זאָל זי נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל אַ וויג טאָן אין די אָרעמס און זי נאָכלאָזן אין פֿלי. און זי האָט טאַקע אָנגעהויבן צו שרייען און פּישטשען און גוואַלדעווען פּונקט ווי די אַנדערע מוידן. דער שוואַרצער ציגיינער האָט געשטשירעט די ציין מיט אַ ווייסער הנאה און פֿון די ברענענדיקע שוואַרצ־אַפּלען געשפּריצט מיט פֿונקען אויף איר.

אין דער התפּעלותדיקער שווינדלעניש, אין דער שוואַרצקייט פֿון קעפּ, אין דעם קאַלירפֿול־צעפּינקלטן גראַנאַט פֿון דער נאַכט, האָט זי דערזען אַ רויטן קאָפּ פֿאַרביימיניען פֿאַרביי די אויגן. נאָר איינעם אַזאַ רויטן מענלעכן קאָפּ האָט זי געקענט. און זי האָט אים גיכער דערשפּירט ווי דערזען: יונהן סוואַלאַטש, אָן אַ קאַפּעלע אויפֿן קאָפּ, פֿאַרווירבלט אין טאַנץ מיט אַ יונגער ציגיינערקע מיט לאַנגע צעפֿלויגענע האָר וואָס האָבן שוואַרץ געפֿלאַטערט אין דער לופֿטן. אויף אַ רגע האָט זיך איר, בינהלען, אויסגעדאַכט, אַז דאָס האַלט יונה זי אין די אָרעמס; אַז דאָס וואַרפֿט ער זי אין דער לופֿטן ביז צום אָטעם־פֿאַרלירן.

עס האָט שוין געשאַריעט אויף טאָג ווען דער עולם האָט זיך אַהיימגעלאָזט פֿון דער ציגיינערשער זאַבאַווע. צפּורה האָט געהאַלטן בינהלען אונטערן אָרעם און געוואָרפֿן קינאהדיקע בליקן אויף די „כּלות״. „ביסט אַ מבֿין״, האָט זי געפּליס־טערט אויף בינהלעס אויער, „ווי די חתנים האָבן זיך די נאַכט געלאָזט קאָסטן פֿאַר די מיידן? זעסט עפּעס די שנורן פּאַטשערקעס אויף די העלדזער?״ זי האָט זיך געפּרוּווט טרייסטן: „ווער ס׳איז זיי מקנא. ז׳עלן נעבעך מוזן אויסקרענ־קען פֿאַר יעדער איינציקער קרעל״.

כּדי זיך אַ ביסל אָפּצוקילן און ווערן ראָמאַנטיש, האָבן די „חתנים״ באַשלאָסן זיך איבערצושפּאַצירן: אָדער קיין ווילקע אויפֿן „דעפּטאַק״, דאָס הייסט דער פּיעטריקאָווער־גאַס, אָדער צוגיין אויפֿן בית־עולם, די צוויי ערטער אין שטאָט ווו חבֿרה איז געגאַנגען אויף „ראַנדקעס״. מען האָט נישט געקאָנט אָפּמאַכן צווישן זיך ווו צו גיין און אַ פּאָר פּאַרלעך זיינען טאַקע אַוועק קיין ווילקע. צפּורה און בינהלע זיינען מיטגעקומען מיט די אַנדערע — אויפֿן בית־עולם אין באַלוט, אויף דער וועסאָלער גאַס.

לעבן בית־עולם איז געווען אַ משוגעים־הויז. דורכן גרוי פֿון פֿאַרטאָג האָט זיך פֿון דאָרט געטראָגן אַ שדימדיקער טומל: געשרייען, געוויינען און די מאָדנע־קלינגענדיקע, הויכע רייד פֿון די משוגעים. די „חתנים״ האָבן זיך גענומען צו די „כּלות״ און יעדער האָט אָוועקגעפֿירט זיינע צו אַ מצבֿה־שטיין און פֿאַר־שווּנדן הינטער אים. בינהלע און צפּורה זיינען געבליבן זיצן אויף אַ שטיינערנער רעם פֿון אַ קבֿר און האָבן צוגעקוקט צו דעם וואָס עס האָט זיך געלאָזט זען.

אַז דאָס געלעכטער און דאָס כיכיקען פֿון די מוידן איז פֿאַרשטומט געוואָרן, האָט צפּורה אַ פּליסטער געטאָן אויף בינהלעס אויער: „אַצינדער, זעסטע, איז

צייט זיך אָפּצוטראָגן, אַנישט קאָנען זיי אונדז ליאַדע מינוט צורופן און זיך נעמען צו אונדז אויך..."

און זיי האָבן זיך אַרויסגעשלייכט פון בית־עולם.

5

יונה סוואָלאָטש האָט געהאַלטן וואָרט און צוגעשטעלט בינהלען צו די טישן פון די שטאָפּערינס. זי האָט זיך אויסגעלערנט אַרבעטן מיט דער נאָדל און דעם נופּאייזן און איז געוואָרן אַזוי געשיקט אין פאַרכאַפּן די „אייגלעך" און לעכער, אין פאַרצירעוועט די „סקאָזעס" אין די שטאָפּן, אין נישט אַדורכלאָזן קיין איין פעלער אין געוועב, אַז זי האָט זעלטן באַקומען אַ „קלעצל" סחורה צוריק. אַפילו די אויסגעפּרוּווטע שטאָפּערינס האָבן זי באַוואונדערט און מקנא געווען. די זאַך איז נאָר געווען, וואָס זי האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן יונהן סוואָלאָטש אין דער האַלע. נישט, אַז ער האָט זיך באַזונדערש געטשעפּעט צו איר, נאָר זי האָט געלעבט אין דער כסדרדיקער מורא, אַז ער וועט.

ער האָט זי אומרויִק געמאַכט.

האָט זי באַשלאָסן אויסצוגעפינען אויף דער אייגענער האַנט וועגן שיינעם משהן, דעם מייסטער פון ערשטן שטאָק, דעם גוטן העלד פון דער שטאָפּעריי אין בערמאַנס טעקסטיל־פאַבריק, אין וועמען אַלע שטאָפּערינס און נופּערינס זיינען געווען פאַרליבט איבער די אויערן.

זי האָט זיך אויסגעפּוצט צו דער אַרבעט אין איר נייער שבתדיקער ספּאָד־ניצע און נאָכן „פּייראַנט" זיך אָוועקגעשטעלט ביים אַרויסגאַנג פון דער פאַבריק. הגם זי האָט שוין דאָ געאַרבעט אַ שיינע פּאָר וואָכן, האָט זי נאָך דעם שיינעם משהן נישט באַוויזן צו זען. צפּורה האָט זיך תמיד אַהיימגעאײַלט נאָך דער אַרבעט. היינט האָט בינהלע אַהיימגעשיקט צפּורהן.

זי האָט נאָכגעקוקט יעדן מאַנספּאַרשוין וואָס איז פאַרביי דעם הויף און גאָר גיך, לויט די בליקן וואָס האָבן פון אַלע פרויען־פּנימער אַ שטראַל געטאָן אין איין ריכטונג, צו איין מענלעכער געשטאַלט, זיך משער געווען, אַז דאָס איז ער: דער שיינער משה בכבודו ובעצמו.

זי וואָלט אים אַזוי אויך דערקענט. דער ערשטער בליק אויף אים האָט באַשטעטיקט, אַז ער האָט זיך פאַרדינט דעם גוואַלדיקן שם. ער איז טאַקע געווען אַ שיינער, אייגנטלעך נישט אַזוי ווייט ער אַליין — ווי זיין הולך. ער איז געווען אויסגעפּוצט ווי ער וואָלט נאָר וואָס אַרויסגעשטיגן פון אַ קאַרעטע און אָנגעקומען גלייך צו אַ חתונה. ער האָט ממש אויסגעזען ווי אַן אַמעריקאַנער — אין דעם געשטרייפטן, געפּאַסטן אָנצוג, דעם פּאַפּירענעם קראַגן מיט אַ שניפּס, די געטרעס אויף די שיך און דאָס שטעקעלע מיט דער גאָלקע אונטערן אָרעם. און צו דעם

הולך צו האָט ער ערשט געהאַט אַ פּיין קיילעכדיק פּנים פון אַ מילכקאַליר, נאָך אַ גאַנץ יונגס, מיט אַ פּאָר פּריזיערסקע וואָנצעלעך וועלכע זיינען געווען אין דער לעצטער מאָדע. דאָס נעזל איז ביי אים געווען געטאָקט־דין, די גאָמבע גוטמוטיק־אונטערגעהויבן, די ליפּן זיס־צעשמייכלט און זאַפטיק ווי טיילעכלעך פון אַ מאַלינאָווער פּאָמעראַנץ. אַ שטייפער לאָק פון ברוינע האָר האָט פּאַצעטיש אָפּערגעקוקט פון אונטער זיין פּאַנאַמע־הוט, געגרייכט ביז צו זיין דינער ברוינער ברעם.

ער האָט געקנאַקט באַניעקערן. ווען ער האָט אויסגעשפּיגן די שאָלן מיט די חנעוודיק־אָנגעשנאָבלטע ליפּן, האָט דער שטעקן אונטער זיין אָרעם זיך אַ הייב געטאָן אין דער לופטן, ווי אָפּצוטרייבן די מיידלעך וועלכע זיינען אים נאָכגעגאַנגען פון אַן אָפּשטאַנד.

בינהלע האָט געשטאַרט אויף אים מיט ברייט צעעפנטע אויגן. דאָ, אויף דעם פאַרגרויטן הויף, צווישן די פּאַרבייאיילנדיקע מענער אין גרויע, אָפּגעטראָגענע שובעס, צווישן די ווייבער אין פּאַטשיילעס, אין דעם ים פון מאַטע, אויסגעגרינטע פּנימער, האָט דער שיינער משה אויסגעזען ווי אַ בן־מלך, צי לכל־הפּחות אַ פּריץ פון אַ רייכן הויף.

אירע בליקן האָבן זיך אויף אַ רגע באַגעגנט מיט זיינע און פון איבערגענומענקייט האָט בינהלע אַזש געמאַכט אַ טראָט נענטער צו אים. ער האָט פּאַמעלעך איר פאַרביישפּאַצירט און בעת־מעשה פּאַרגעסן צוצוטראָגן צו די ליפּן די באַניעקער וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט. זי, בינהלע, האָט זיך אויך אויסגעטיילט מיט איר אויסזען פון דער אַרומיקער גרויקייט: מיט איר געשטעל, דעם אויסגעגלייכטן רוקן, דער פרישער הויט און דעם דערשטוינט־בייגעריקן, דרייסטן בליאַסק פון אירע שיפּע אויגן.

ער האָט געמאַכט צו איר אַן אייגל און מיט אַ צופרידן שמייכעלע איר צוגעוואָרפן די פראַגע: „וואָס קיקסטע מיך אַזוי אָן?"

דערהערט זיין געוויינטלעך מענטשלעך קול, אין אַ געוויינטלעך מענטשלעך לשון, איז בינהלע גלייך געקומען צו זיך. אָט האָט זי שוין געשטעלט אַ פּאָר טריט לעבן אים. „איר זענט דאָס דער שיינער משה, הע?" האָט זי אַ פרעג געטאָן.

ער האָט צוגעטראָגן אַ באַניעקער צום מויל און זי אַרומגענומען מיט די רויטע ליפּן ווי ער וואָלט זי געקושט. מיט בולטער הנאה האָט ער געגעבן אַן אײדעלן קנאַק מיט די ציין, אײדל אַ שפּיי געטאָן די שאָל און זיך אָפּגערופן: „יאָ, וואָסי דען?" זי האָט אָנגעשפּיצט די בליקן אויף זיין מויל און באַוואונדערט ווי געשיקט און עלעגאַנט ער האָט אויפגעקנאַקט אַ צווייטע באַניעקער און זי מיט די ציין אַרויסגעשיילט פון דער שאָל. „וואָס קיקסטע אַזוי?" האָט ער זאַכלעך איבערגעפרעגט.

„מ׳טאָר נישט קיקן?" האָט זי זאַכלעך צוריקגעפרעגט.

„מ'מעג, נאָר אויף בילעטן".

„וויפל קאָסט אַ בילעט?" איז זי אַריינגעפאַלן אין זיין טאָן.

ער האָט זיך צעלאַכט מיט אַ פריי, יינגליש געלעכטער: „אַלץ אויספאַר־קויפט!" זיכער מיט זיך, האָט ער זי לייכט אַנגענומען פאַרן אָרעם. „וואָס פרעגסטע מיך עפּעס צי עך בין דער שיינער משה? מ'זעט דען מיר נישט אָן אויפן פנים?"

זי האָט זיך דערלויבט צו וואַרפן אויף אים נאָך אַ בליק פון דער זייט.

„מ'זעט..." האָט זי באַשטעטיקט.

„אויב אַזוי, טאָ פאַטשענסטויע דיך!" ער האָט אויסגעשטרעקט צו איר דאָס טיטל מיט די באַניעקערן און זי מכבד געווען.

זי האָט אַריינגעטאָן די האַנט אין טיטל און גענומען אַ באַניעקער. זי האָט אים זייטיק באַטראַכט, געוואָלט קנאַקן די באַניעקער פּונקט אַזוי איידל ווי ער. זי האָט באַמערקט, אַז ער האָט געהאַט זויבער־פאַרשווירענע נעגל, בעת אירע זיינען געווען לאַנג, מיט שוואַרצע ראַנדן. זי האָט זיך צוגעזאָגט צו קויפן זיך אַ שערל ביי דער נאָענטסטער „וויפּלאַטע".

זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן אויף דער גאַס ווו דער המון אַרבעטערס האָט אָנ־געהויבן שיטער ווערן. זיי האָבן געקנאַקט באַניעקערן, זיך געמאָסטן מיט די בליקן און געשמייכלט צו די באַניעקערן — מיט די מיילער, און איינער צום אַנדערן — מיט די אויגן. אין בינהלעס קאָפּ האָט זיך געבאַמבלט אַ פראַגע: זאָל זי אים שוין בעטן, אַז ער זאָל זי אַריינגעמען אַרבעטן אין זיין האַלע, צי וואַרטן אויף אַ צווייטער געלעגנהייט? — אַזוי ביז זיי האָבן זיך געכאַפּט, אַז די גאַס איז געוואָרן אָפּגעליידיקט און אַז מען שליסט שוין די פאַבריק־טויערן. ער האָט זי לייכט אָנגעכאַפּט פאַר אַ צעפּל און אַ צי געטאָן פאַרויס.

צוגעקומען צום ראָג, האָט דער שיינער משה צוגעטראָגן צוויי פינגער צום ראַנד פון זיין פאַנאַמיע־הוט, אין אַ מין מיליטערישן סאַלוט, און איז אַריינגעשפּרונ־גען אין אַ טראַמווי. בינהלע האָט אָוועקגעוואַנדערט ווייטער. זי האָט נישט געהאַט צו וועמען זיך אַהיימצואיילן. אַ פאַרחלומטע, נישט־דאַיִקע, האָט זי פאַמעלעך שפּאַצירט אין דער ריכטונג פון באַלוט און איז אין געדאַנק אָנגע־גאַנגען מיטן שמועס מיט משהן. ס'איז ביי איר קיין ספק נישט געווען, אַז זי וועט אַריבערגיין אַרבעטן צו אים אין דער האַלע. דאָס האָט זי געוואָלט און דאָס האָט זי געמוזט אַדורכפירן.

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר די געשעפטן אויף דער פּיעטריקאָווער־גאַס און זיך פאַרגעשטעלט ווי זי טראָגט אויף זיך יעדער שיין קליידל וואָס זי האָט געזען אַרויסגעשטעלט אין די שויפענצטער. זי האָט זיך אויך צוגעזאָגט, אַז ווי נאָר זי וועט אָנהייבן אַרבעטן ביים שיינעם משהן, וועט זי זיך כאַטש איין מאָל אַ וואָך „פונדעווען" אַ טראַמווי־רייזע אַהיים. זי האָט שוין פון לאַנג געוווּסט, אַז ווער עס האָט נאָר געהאַט די פּאָר קאָפּעקעס, האָט זיך געקאָנט מהנה זיין

מיט אַזאַ לוקסוס־נסיעה. זי האָט זיך אויך איינגעחזרט אין קאָפּ דאָס נייע אינ־טעליגענטע וואָרט: „פּאַטשענסטויע דיך”, וואָס זי האָט געהערט פון משהן.

אָנגעקומען אין די געפּאַקטע באַלוטער געסלעך, האָט זי שפּאַצירט איבער זיי מיט אַ פּאַמעלעכן, געמיטלעכן טראָט. ס'האָט זיך איר היינט בשום־אופן נישט געגלוסט אַהיימצוגיין. זי האָט זיך פאַרהאַלטן לעבן די געשטעלן אין די טויערן און לענג־אויס די הייזער, ווו ייִדן און ייִדענעס האָבן פאַרקויפט שפּיגעלעך, בערשטלעך, מעסערלעך, קעמלעך. זי האָט זיך געקויפט אַ בייגל און קייענדיק, אַריינגעקוקט אין די פענצטער פון די כאַלופּעס. פון דאָרט האָט זיך געהערט דאָס ריטמישע קלאַפּן פון די וועבשטולן, אַ מאָנאָטאָן־אָנגענעמער, וואָרעם־האַלציקער ריטעם; געהערט דאָס זשומען פון די ניימאַשינען, זאָקן־מאַשינען.

די איינגעזונקענע כאַלופּעס האָבן וואָס אַ מאָל אָפּטער אָנגעבראַכט באַטשאַ־ני אויף איר רעיון. זי האָט ממש געזען דאָס שטעטל פאַר די אויגן, געשמעקט די מחיהדיקע לופט און עפּעס האָט פאַרקלעמט ביים האַרצן. אויף די דעכער פון די כאַלופּעס אין באַלוט זיינען נישט געוועזן קיין נעסטן פון באַטשאַנעס, און הינטער באַלוט איז נישט געוועזן קיין ווייסער באַרג און קיין בלויער באַרג, נישט קיין בעריאָזע־וועלדל, נישט קיין סטאַוו און נישט קיין טאָפּאָליע־וועגן.

דער בחור יעקב איז בינהלען געקומען אויפן זינען, אין די דריי־פערטלדיקע הויזן, דער קורצער צעפלויגענער איבעצע, דעם פליִענדיקן טלית־קטן — ווי ער איז געלאָפן מיט איר אין גאָס רעגן איבערן ברייטן טאָפּאָליע־וועג; ווי זיי זיינען געשטאַנען צוגעקלעפּט צו דער וואַנט פון דער סטאָדאָלע, צוגעקלעפּט צו זיך און זיך פעסט געהאַלטן פאַר די הענט... דער שטורעם־רעגן האָט געשפּריייט אַ וואָסערדיקן פירהאַנג פון שמאָלן דעכל ביז אַראָפּ צו דער סאַמער ערד, ווו ער איז אָפּגעשפּרונגען מיט זיילן טראָפּנס ווי מיט קרעלן־פּראַנדזן. דעמאָלט האָט זי אַנטדעקט דעם ווונדערלעכן כוח פון אַ באַריר...

אַ שוואַרצע קאַץ איז איר פאַרבייגעלאָפן לענגס־אויס דער מויער. אַ שוואַר־צע קאַץ איז געווען אַ שלעכטער סימן ביי די ווייבער פון באַטשאַני. בינהלען איז גראָד איינגעפאַלן, אַז עס וואָלט געווען אַ גוטע זאַך צו האָבן אַן אייגן קעצל, זי זאָל קאָנען עס האַלטן אין די אָרעמס און עס גלעטן, ווען איר וועט ווערן קאַלאַמוטנע אויפן האַרצן, ווי אַצינדער. זי האָט נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון דער שוואַרצער קאַץ, איר נאָכגעגאַנגען ווי זי וואָלט זיך געלאָזט פון איר פירן ערגעץ. אַזוי איז בינהלע צוגעקומען צו אַ טויער ווו אַ ציגיינערקע איז געזעסן אויף אַ זאַק. די קאַץ איז אַרויפגעשפּרונגען אויף דער ציגיינערקעס אַקסל.

„פּאַוורוזשיטש... קאָרטן לייג איך...” האָט די ציגיינערקע געהאַלטן אויס־געשטרעקט די האַנט צו די פאַרבייגייערס און מיט דער אַנדערער האַנט געגלעט דעם שוואַרצן האָריקן עק פון דער קאַץ.

בינהלע האט געשטוינט אויף זיך אליין. אט האט זי געהאלטן א פינפער אין דער האנט און שוין איז זי געזעסן אנטקעגן איבער דער ציגיינערקע אויפן זאק און געמורמלט: „זאג מיר פאר...״

„פאר א פינפער לייען איך בלויז פון דער האנט״, האט די ציגיינערקע געזאגט און ארויסגענומען דעם פינפער פון בינהלעס האנט. דערנאך האט זי אויסגעגלייכט בינהלעס דלאניע איבער אירער, און אנגעשפיצט דעם בליק אויף אירע האנטשטריכן. „א... שיינע פאניענקע...״ האט זי א פיר געטאן א לאנגן שווארץ־שפיציקן נאגל איבערן דיקן שטריך ארום גראבן פינגער. „א גאנצע שערענגע ליכטער זע איך... איינס און צוויי און דריי, און א גרויס ליכט זע איך פון פארנט. א חתן. און ס׳ווערט ליכטיקער און ליכטיקער. און שפעטער זע איך...״ האט דער פינגער מיטן נאגל איבערגעהיפּט אויף א צווייטן שטריך. „מיין שווארצע קאץ זע איך... שווארץ ווי די נאכט... פינצטער ווי דער בעל־זעבוב...״ דער פינגער איז צוריקגעשפרונגען צו דער ערשטער ליניע. „אבער א סך ליכטער זע איך... גרויס מזל, שיינע פאניענקע״, האט זי טרויעריק געשאקלט מיטן קאפּ. „כ׳זע א חתונה, זע איך. ד׳גייסט אין קאשטשאל אריין... אין א שווארץ קלייד״.

„וואס עפּעס אין א שווארץ קלייד?״ האט בינהלע א וויקל געטאן די פינגער.

די ציגיינערקע האט צוריק אויסגעגלייכט איר דלאניע. „ווייל... ווייל דאס איז נישט דיין ערשטע חתונה... נאר דיין לעצטע. די לעצטע מאדע ט׳זיין אזא...״

בינהלע האט צוריקגעכאפּט די האנט. „וואס עפּעס אין קאשטשאל אריין? וואסארא מאדע איז דאס פון שווארצע קליידער צו א חתונה... א סך חתונות? און מיט קריסטן נאך דערצו?״ האט זי פארצווייפלט אויסגעשריגן.

די ציגיינערקע האט זיך צעשאקלט מיטן קאפּ. „א יידישן קאשטשאל האב איך געמיינט... און מאשקע ט׳זיין דיין חתן״. זי האט געעפנט א גרויס מויל און געוויזן בינהלען צוויי רייען רויטע יאסלעס אן איין צאן, א טונקל־שווארץ מויל, ווי זי וואלט גרייט געווען צו פארשלינגען בינהלען אין אט דער שווארצקייט, דער ארומגעזיימטער מיט רויט.

בינהלע איז אנטלאפן און האט א לאנגע ווײַלע נישט געקאנט קומען צו זיך. „און פאר דעם האב איך נאך געפטרט א פינפער!״ האט זי זיך נישט געקאנט מוחל זיין. אבער דא האט דאסווארט „מאשקע״ א קלינג געטאן אין איר זכרון. האט די ציגיינערקע געמיינט דעם שיינעם משהן? זי האט זיך צעלאכט און זיך אפּגעטרייסלט פונעם פחד וואס איז זי באפאלן. זי האט נישט געגלייבט אין פירזאגעכצער. דער שווארצער נאמען וואס די ציגיינערקע האט אנגערופן... די שווארצע קאץ... דערמיט האט די ציגיינערקע געמיינט די נאכט פון טויט; אז זי, בינהלע, וועט שטארבן ווי אלע מענטשן שטארבן. און וואס שייך דעם חתן, צי די חתנים, האבן דאך אלע יידן געהייסן מאשקעס ביי די גוים. דער שיינער

משה האָט טאַקע זי, בינהלען, היינט שטאַרק צעטומלט — דערין איז קיין ספֿק נישט געווען.

בינהלע האָט פֿאַרלוירן די דרייסטקייט נאָך אַ מאָל אָפּצושטעלן דעם שיינעם משהן אויפֿן וועג אַהיים פֿון דער אַרבעט. זי האָט אים גאָר אויסגעמיטן. „וואָס האָב איך מיך צו רייסן צום שיינעם משהן", האָט זי אַרגומענטירט מיט זיך. „וואָס פֿעלט מיר ביי יונהן סוואָלאַטש ?"

אייגנטלעך האָט זי דאָך געדאַרפֿט ליב האָבן צו אַרבעטן ביי יונהן סוואָלאַטש. זי האָט פֿאַרדינט אַן אוצר מיט געלט ביי אים — אַזש דריי רובל אַ וואָך. און יונה אַליין האָט באַקומען אַן אומדערקלערלעכן דרך־ארץ פֿאַר איר. איצט, אַז ער האָט זיך פֿאַרבייגעטראָגן מיט די „קלעצלעך" פֿון „סקאַזאַוואַנער" סחורה פֿאַרביי איר טיש, האָט זי געפֿילט זיינע בליקן אויף זיך. אַז זי האָט זיך אַ קער געטאָן און אויפֿגעכאַפּט דעם בליאַסק פֿון זיינע גרינע אויגן, האָט ער אַוועקגע־דרייט דעם קאָפּ. און ער האָט זי מער נישט געקנייפּט אין הינטן.

זי איז געווען גוואַלדיק שטאָלץ און צופֿרידן מיט זיך. זי איז געוואָרן אַ לייט אַן קיינעמס הילף. אַ מענטש פֿאַר זיך. און ס'איז איר קיין מאָל אין לעבן נישט אַזוי גוט געווען. יאָ, ערשט איצט האָט זי פֿאַרשטאַנען וואָס דער בחור יעקב האָט געמיינט מיט דעם זאָג, אַז אין לאָדזש שאַרט מען גאָלד אין די גאַסן. זי האָט זיך געפֿילט ווי אַן אמתע לאָדזשערין און ווי אַ גבירטע דערצו.

זי האָט בכּלל אויפֿגעהערט אַהיימצוגיין מיט צפּורהן נאָך דער אַרבעט. זי האָט ליב געהאַט צו וואַנדערן איבער די גאַסן פֿון דער שטאָט. אויפֿן וועג האָט זי געשלאָסן באַקאַנטשאַפֿטן מיט בחורים און מיידלעך, און האָט אַפֿילו באַגעגנט אַ פּאָר מיידלעך פֿון באַטשאַני. זי האָט זיך פֿאַרחברט מיט זיי, טייל מאָל מיט־געגאַנגען מיט זיי אין זייערע קוואַרטירן; ווייל דאָ, אין לאָדזש, האָט דאָס קומען פֿון דעם זעלבן שטעטל גורם געווען מ'ען זאָל זיך פֿילן ווי מען וואָלט געהערט צו דער זעלבער משפּחה.

אָבער צום ליבסטן איז איר געווען צו וואַנדערן איבער דער פּיעטריקאָווער־גאַס. די שויפֿענצטער האָבן זי געצויגן צו זיך ווי מאַגנעטן. שעהען לאַנג האָט זי געקאָנט אָפּשטיין פֿאַר זיי, זיך שאַרן פֿון איין פֿענצטער צום אַנדערן און אַנפֿרייען די אויגן מיט די קליידער, די סחורות, בייטלען, שיך און קיין־מאָל־נישט־געזעענע פּרוכטן און מאכלים. אין מיטן וועג האָבן געקלונגען די געפּאַקטע טראַמווייען, האָבן געקלאַפּט די צענדליקער וועגענער און בוידן פֿולע מיט גויים און ייִדן פֿון די דערפֿער און די אַרומיקע שטעטלעך.

די לוינוועבער פֿון דער פּראָווינץ האָבן שוין געהאַט אָפּגעליפֿערט די סחורות און איצט זיינען זיי צוריקגעפֿאָרן מיט „קעטעס" און קעסטלעך „שוס". אויף טייל וועגענער האָט בינהלע געקאָנט זען די גענדז און הינער אין שטייגן, וואָס

די פויערים האָבן מיטגעבראַכט, און זיינען איצט געפאָרן דאָס פאַרקויפן צו זייערע סטאַלע קונים אין שטאָט. די גענדז און הינער האָבן אַנגערייצט איר חשק צו עסן אַ שטיקל פלייש. האָט זי זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ יאַטקע. די פּרייזן פון פלייש האָבן געהאַלטן אין איין שטייגן און אַלץ אויף וואָס זי האָט זיך געקאָנט דערלויבן איז געווען אַ פונט געמאָלן פלייש. אַ ביסל האָט זי געגעסן דערפון רויערהייט און אַז זי האָט אַהיימגעבראַכט דאָס איבעריקע, האָט צפורה אַריינגעבראָקט דערין וויפל ברויט עס האָט זיך געלאָזט, און זיי האָבן פּרייטיק־צו־נאַכטס און שבת געהאַט מלכותדיקע מאָלצייטן.

ביז צפורהס מאַן האָט זיך באַוויזן אין שטוב.

זומערלעב האָט זיך אונטערגערוקט און צפורהס מאַן האָט זיך אין אַזאַ צייט נישט געלוינט צו זיצן אין קרימינאַל. און מיט איר גבר אין דער היים איז צפורה מער נישט געווען די זעלבע. קודם האָט צפורה אים אָפּגעגעבן דעם גרעסטן און בעסטן חלק פון אַלץ וואָס מען האָט געקאָכט אין שטוב. געאַרבעט האָט ער נישט, צוגענומען ביי צפורהן דאָס גאַנצע פאַרדינסט האָט ער יאָ. און דורך צפורהן האָט ער פאַרלאַנגט, אַז בינהלע זאָל אים אָפּגעבן אויך אירס — פאַר דירה־געלט און אויסהאַלטונג. צו בינהלען גופא האָט ער איבער הויפּט נישט גערעדט און געמאַכט זיך זי נישט זען. אויסער דעם, האָבן מאַן און ווייב זיך נישט אויפגעהערט צו קריגן, וואָס דאָס האָט געמיינט, אַז ער האָט פּאַדאַ־וועט און צפורה האָט געוויינט.

געווען איז צפורהס גבר אַ דראַבנע נפשל, אַ פאַרוואַקסענער ווי אַ קודלאַטער הונט, מיט אַ גרויסן בויך, אַן איינגעפאַלענעם ברוסטקאַסטן און אַן אויסגערונ־דיקטער פּלייצע. ער האָט געהאַט אַ פּאָר לאַנגע הענט וואָס ער האָט זיי ליבערשט געלאָזט אין גאַנג, אַנשטאָט צו רעדן. אָדער ער האָט מיט זיי גע־שליידערט וואָס עס איז אים געקומען צווישן די פינגער. אַז בינהלע האָט זיך אַ מאָל אַריינגעמישט, האָט ער צפורהן טאָפּלט פּאַדאַוועט. ביי נאַכט האָט ער מיט אָט די הענט געשלעפּט צפורהן אויף זיין שעניק אַרויף.

פון דעסטוועגן האָט בינהלע זיך דערלויבט צו קויפן אַ שערל מיט אַ קאַם פון איר „וויפּלאַטע". זי האָט זיך געקויפט אַ שטיקל זייף און יעדן טאָג זיך אָפּגעוואַשן דאָס פּנים מיטן האַלדז ביי דער פּלומפּ אויפן הויף. זי איז אויך געקומען צו אַ נייער „איבערגעגאַנגענער" בלוזקע, טאָקע נישט אַזאַ שיינע ווי די פון וועלכער זי האָט געחלומט, אַזאַ מיט ריזשקעס — אָבער די בלוזקע האָט געהאַט אַ שיין הויך קראַגעלע און איז געווען די שענסטע אויפן שאַכער־מאַרק. זי האָט אויך געהאַלטן שטאַרק זויבער אירע האָר און אַפילו אין דער וואָכן האָט זי אין זיי אַריינגעפלאָכטן אַ ברייטן שלייפבאַנד.

זי האָט זיך נאָך אַלץ געהאַלטן ביי דעם כּלל וואָס זי האָט אַנטדעקט גלייך ווי זי איז געקומען קיין לאָדזש, אַז „דאָס אייבערשטע קלייד פאַרדעקט די

אונטערשטע לייד"; אַז ס'איז נישט געווען אַזוי וויכטיק ווער אָדער וואָס מען איז — ווי דאָס בילד וואָס מען האָט פון זיך געמאַכט, ווי מען האָט אויסגעזען. און אַז זי האָט שפּאַצירט איבער דער פּיעטריקאָווער־גאַס האָט זי זיך צוגעזאָגט צו קויפן די שיינע קליידער, נישט ווען זי וועט שוין זיין רייך, נאָר גלייך ווי זי וועט זיך אָנזאַמלען דאָס געלט אויף זיי; און זיי, די קליידער, וועלן איר ערשט ברענגען דאָס אמתע עשירות.

אָבער כדי צו קויפן זיך אָט די קליידער וואָס זי האָט געזען אין די שויפענצ־טער, כדי אָפּצושפּאָרן געלט אויף זיי, האָט זי זיך געמוזט אָרויסציִען פון צפּורהס שטוב. יאָ, הגם דאָס הארץ האָט איר וויי געטאָן פאַר צפּורהן, האָט זי מער ניט געוואָלט וווינען מיט איר.

ביי נאַכט, אויף איר נייעם שטרוישעניק וואָס זי האָט זיך געמוזט קויפן, ווייל זי האָט געפלעגט שלאָפן אויף דעם גברס שעניק — האָט זי לאַנג אַריינ־געטראַכט אין צפּורהס מצב. צפּורה האָט נישט געקאָנט ווערן קיין פּרעמדע. צפּורה איז געווען אַ טייל פון איר, פון בינהלען. און אַז בינהלע האָט ביי נאַכט געהערט ווי צפּורה ראַנגלט זיך מיט איר גבר, האָט זי געפילט ווי ווערעם וואָלטן געקראָכן איבער איר אייגענעם לייב. זי האָט געוואָלט פאַרשטאָפּן די אויערן, אַנטלויפן, און זי האָט זיך פיינט געהאַט פאַר דער משונהדיקער אייפער־זוכט, וואָס האָט זיך אויפגעוועקט אין יעדן קעמערל פון איר לייב.

אין דער פרי, אויפן וועג צו דער אַרבעט, איז זי צוגעשטאַנען צו צפּורהן. „וואָס שלאָגסטע אים נישט אויף אַ כפּרה, מעשה־בהמה וואָס ד'ביסט? ר'איז דאָך אַ גאָרנישט מיט אַ נישט, און ד'לאָזט דיך נאָך שלאָגן פון אים אויכעט. ווען כ'זאָל נישט וויסן, אַז ער'ט זיך נוקם זיין אָן דיר, וואָלט עך אים צעריסן אויף שטיקער, ווי ד'זעסט מיך אַ לעבעדיקע".

„שאַ..." האָט צפּורה, איר קול פאַרכריפּעט מיט טרערן, זי באַרויִקט. „ס'איז נישט אַזוי געפערלעך. אונדז זענען מער אַזאַ פאַרפאַלק, ני... אַזוי איז דאָס: ביי טאָג צום גט און ביי נאַכט אין בעט. ווען ער וואָלט מיך נישט ליב געהאַט, וואָלט ער מיך נישט געשלאָגן, ברענען זאָל ער".

בינהלע האָט זיך דערמאָנט ווי איר חברטע יאַדווישע אין באַטשאַני האָט געפלעגט אויסטייטשן פאַר וואָס איר טאַטע שלאָגט די מאַמען, די יאַנקאָווע. נאָר דאָ האָט זי זיך דערמאָנט אַ ווערטל וואָס זי האָט געהערט ביי איר אייגע־נעם טאַטן אַ מאָל. זי האָט איבערגעשלאָגן צפּורהן אין די רייד: „אַז מען שלאָגט דעם נאָר אין אַ שטויסל, זאָגט ער, אַז מען מיינט נישט אים, נאָר דעם פעפער".

„יאָ, כ'ווייס", האָט צפּורה טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ. „ביי אונדז זאָגט מען: 'אַז מען שפּייט דער זונה אין פּנים, זאָגט זי, אַז עס רעגנט'. און דאָך שווער עך דיר, אַז עס אַרט מיך נישט. וואָס איז דער אומגליק, אַז מען כאַפּט שוין אַ פּאָר קלעפּ פון אַן אייגענעם מאַן, אַן אומגליק זאָל אים טרעפן.

די וועלט גייט אונטער? ער׳ט מיך נישט דערהרגענען, האָב נישט קיין מורא״.

„אוודאי ט׳ער דיך נישט דערהרגענען״, האָט בינהלע זיך געקאָכט. „ער׳ט דאָך פאַרלירן אַ פּרנסה־געבערין, און אַ משרת, און אַ בחינמדיקע מויד אין בעט אַריין, און אַ מאַמע צו זיינע יורשים!״

אָבער אויפגעטאָן האָט בינהלע גאָרנישט.

ביסלעכווייז האָט זי גענומען „אַראָפּגנבענען״ פון איר פאַרדינסט וויפל זי האָט געהאַלטן פאַר נייטיק און זיך נישט אומגעקוקט אויף דעם „גבֿרס״ וואָר־טשען און נישט אויף צפורהס שעמעוודיקע פאַרוווּרפן. זי האָט געשפּאָרט, געלייגט אַ קאָפּעקע צו אַ קאָפּעקע, געהאַלטן דאָס „קניפּל״ פאַרשטעקט אין בוזעם, זיך קיין מאָל נישט געשיידט דערמיט, און איצטער, נאָך דער אַרבעט, אַנשטאָט צו קוקן אין די שויפענצטער, געוואַנדערט איבער די גאַסן און געזוכט אַ צימער פאַר זיך.

זי האָט זיך אויסגעפּרעגט ביי הויזוועכטערס. יאָ, דירות זיינען געווען פרייע, אָבער אַפילו אויף אַ קליין צימערל אין צענטער שטאָט האָט מען געדאַרפט באַצאָלן „אָפּטרעט־געלט״, אַ סומע וואָס זי האָט נאָך אַלץ נישט פאַרמאָגט. איין מאָל האָט זי, כּדי זיך צו דערמוטיקן, זיך דערוויל „געפּונדעוועט״ אַ לאָדע. דער טאָג איז געווען אַ זוניקער, און אַצינד, פאַר נאַכט, איז די זון געשטאַנען אין די פענצטער פון די אייבערשטע שטאָקן. האָט בינהלע געוואַנדערט אין אַט דעם גרוי־וואַרעמען ליכט, געלעקט די לאָדע און געחלומט אירע „גרויסע״ חלומות וועגן דעם גליק וואָס האָט געוואַרט אויף איר ערגעץ, מאָרגן, איבער מאָרגן.

אַזוי קוקנדיק, נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס עס טוט זיך אין גאַס, האָט זי באַמערקט גרויסע לאַסטוועגענער מיט מעבל, איינעם און נאָך איינעם. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז די לעצטע פּאָר טעג האָט זי כּסדר געזען אַזעלכע טראַנספּאָרטן פון שטובֿ־חפצים, בעטגעוואַנט, כּלים, מעבל. האָבן זיך טאַקע אַזוי פיל מענטשן גענומען איבערציען אין נייע דירות? צי זיינען זיי גאָר געפאָרן אויף זומער־וווינונג אַזוי שפּעט נאָכן זומער?

„דו... צעפּל!״ האָט זי דערהערט אַ קול הינטער זיך, איבערן אויער. עמעץ האָט זי אַ צי געטאָן פאַר אַ צעפּל. דער שיינער משה האָט זיך באַוויזן לעבן איר.

„איך הייס נישט צעפּל!״ האָט זי זיך נישט פאַרלוירן און גיך אָפּגע־גענומען דאָס צעפּל צו פאַרנט צו. ערשט דערנאָך איז זי צעטומלט געוואָרן; פון דער זייט, מיט פאַרזשמורעטע אויגן אַריינגענומען זיין עלעגאַנטע שיינ־קייט און האָט זיך פאַררייטלט.

„ווי דען הייסטע?״ האָט משה פאַרטשעפּעט דעם בליק אָן איר צונג וואָס האָט זיך מעכאַניש־גיריק געגליטשט איבער דער לאָדע אין איר האַנט.

„בינה הייס עך״, האָט זי אַ שלינג געטאָן און אים געמאָלדן.

„ד'אַרבעטסט ביי יונהן סוואַלאַטש, הע?" האָט ער געפרעגט ווי ער וואָלט געהאַט פאַרגעסן זייער ערשטע באַגעגעניש.

דאָס איז געווען אַ באַקוועמע פראַגע צו בעטן דעם שיינעם משהן, אַז ער זאָל זי אַריינגעמען אַרבעטן צו זיך אין דער האַלע. זי האָט זיך גיך אָפּגע־פאַרטיקט מיט דער לאַדע, צוגעגרייט זיך אַרויסצוקומען מיט דער בקשה. נאָר דאָ האָט זי גאָר, צו איר אייגענעם שטוינען, דערהערט ווי זי רופט זיך אָפּ: „ר'איז נישט קיין סוואַלאַטש".

ער האָט אויך געשטוינט, און הויך פאַרשאַרצט די ברעמען. „טאָ פאַר וואָס רופן אים די ווייבער אַזוי?"

„גייט און פרעגט ביי די ווייבער", האָט זי אָפּגעשניטן, הגם זי האָט בשום־אופן נישט געוואָלט רעדן אַזוי שאַרף צו אים.

„פאַר וואָס רופט מען מיך נישט משה סוואַלאַטש?" האָט ער ווייטער געפרעגט.

„אייער מזל!" האָט זי, קעגן איר ווילן, נישט געביטן דעם טאָן.

„ד'ווייסט ווי מען רופט מיך, הע?" האָט ער געמאַכט אַן אייגל צו איר און זי ווידער אַ צי געטאָן פאַרן צעפּל. זי האָט כּעסיק אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ. ס'איז איר אויסגעקומען ווי ער וואָלט געחוזקט פון איר. נאָר דאָ האָט ער צוגעגעבן: „דו'סט מיר אַנומלטן געזאָגט, אַז דער נאָמען שיינער משה פּאַסט מיר, געדענקסט?"

„און אַז ער פּאַסט אייך, טאָ וואָס?"

„דאַנק עד דיר אַצינדער פאַרן קאָמפּלימענט".

„פאַרן קאָמפּלימענט?"

„פאַרן קאָמפּלימענט", האָט ער פאַמעלעך איבערגעחזרט און זי האָט זיך פאַרצייכנט דאָס נייע פרעמדע וואָרט אין זכרון. „און כ'האָב דיך דאַמאָלס פאַרגעסן צו פרעגן דיין פאַמיליע־נאָמען", האָט ער זיך איבערבעטנדיק צו איר צעשמייכלט.

זי האָט זיך נישט געלאָזט איבערבעטן, הגם זי האָט נישט געוווּסט מיט וואָס ער האָט זי אייגנטלעך באַליידיקט. „בינה יאַסקאַוויטש הייס עך", האָט זי שטאָלץ פאַרריסן דעם קאָפּ.

„זייער אַנגענעם אייך צו באַקענען, פאַננע יאַסקאַוויטש", האָט ער זיך קאַוואַלערסקע פאַרנייגט פאַר איר און אַ קלאַפּ געטאָן מיט די אָפּצאַסן. דאָס האָט איר אויסגעזען קאָמיש און זי האָט זיך געמוזט צעשמייכלען. „און איך הייס משה פּיעקאַזש", האָט ער זיך פאַר איר פאָרגעשטעלט. „און זי האָבן זייער שיינע ציין, און זייער שיינע צוויי צעפּ, און וואָגולע אַ זייער שיין פּנים, פאַננע יאַסקאַוויטש".

„אַ דאַנק פאַרן קאָמפּלימענט!" האָט זי אַ שאָס געטאָן מיטן נייעם וואָרט,

און ווי געוויינטלעך, ווען זי האָט געוואָלט עמעצן פּאַרווילן, האָט זי צוגע־געבן: „אין באַטשאַני האָט מען מיך סיי ווי גערופן מאַרזעפּע".

„ווייל אויף איהם דאַרפט מען זיין אַ מבין, פּאַננע יאַסקאָוויטש", האָט ער נאָך אַלץ אין דעם קאָמיש־טעאַטראַלישן טאָן געזאָגט. „און דאָס וואָרט איז מאַזעפּע, נישט מאַרזעפּע".

„כ'ווייס", האָט זי געלאַכט. „אָבער מיך האָט מען גערופן מאַרזעפּע, ני, האָב עך אַן עצה?" לאַכנדיק האָט זי אים אָנגעוויזן אויף די וועגענער באַ־לאָדנטע מיט מעבל: „קיקט!" האָט זי אויסגערופן, „מ'ציט זיך אויף זומער־וווינונג ווען עס גייט צום ווינטער!"

זיין טאָן האָט זיך גלייך געביטן. ער איז ערנצט געוואָרן. „ס'גייט טאַקע צו ווינטער. ס'קומט אַ מלחמהלע. מ'פּאַרט אין די דערפער און די קליינע שטעטלעך. דאָ ט'מען מעגן לייגן די ציין אין בייטל אַריין. אפשר ט'מען מיך גאָר נעמען אין מיליטער... כאָטש פון פּריזיוו ט'מען מיך באַפרייט. אַ... אַ מאַכער ט'מיר געמאַכט אָדערן אויף די פיס".

זי האָט געוואָרפן אַ זייטיקן בליק אויף אים. משה האָט גאָרנישט אויס־געזען דער זעלבער. דאָס גאַנצע „פּרינצלעכע" איז פאַרשוווּנדן פון זיין פּנים און ער איז איר אויסגעקומען ווי אַ יינגל, אַ קינד ממש, מיט גרויסע, קינדערשע אויגן.

„ס'האָט ווי געטאָן?" האָט זי מיטפילנדיק געפרעגט.

„אַ קינדערשפיל אַנטקעגן דעם וואָס עס דערוואַרט אין מיליטער... צי חלילה אויפן שלאַכטפעלד".

ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ שווייגן און זי האָט עפּעס נישט געפונען קיין מוט אין זיך, עס איבערצורייסן. זי האָט נישט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן פון אים. ווו איז פאַרשוווּנדן דער שיינער משה, דער באַרימטער מייסטער פון בערמאַנס פאַבריק? ער איז איר אויסגעקומען אַזוי נאַענט און אייגן און זי האָט אים אַזוי שטאַרק געוואָלט זען אַ שמייכל טאָן, אַז זי האָט אָט סתם זיך צעלאַכט, ווען זיי זיינען פאַרביי אַ געביידע וואָס פון איר פראָנטטיר האָט אַרויס־געשלאָגן אַ זייל מיט פאַרע באַגלייט מיט אַ זייפיקן ריח.

„וואָס איז דאָ, אַ מרחץ, צי וואָס?"

ער איז באַלעבט געוואָרן. „אַ באָד איז דאָ, יאָ. איך אַליין נעם דאָ אַ וואַנע יעדן פרייטיק".

„וואָס נעמסטע?" האָט זי איבערגעפרעגט און נישט באַמערקט, אַז זי האָט אים אָנגעהויבן צו דוצן.

„אַ וואַנע. אַלטפרענקישע ייִדן גייען אין מרחץ אַריין. איך בין נייפרענקיש און קולטורעל", האָט ער האַלב־שפּאַסיק אַ זאָג געטאָן.

„איך בין אויכעט קולטולער", האָט זי איבערגעדרייט דאָס אומפאַר־

שטענדלעכע וואָרט. „כ׳נעם אַ וואַנע... פּרעמיסיאָן", האָט זי זיך דערמאָנט דער רופאַטעס אויסדרוק, „יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק". זי האָט זיך אַ שפּיל געטאָן מיט אַ צעפּל, נאָענט צו זיין פּנים, כדי ער זאָל באַמערקן אירע זויבערע נעגל און די שיינע שלייפבאַנד וואָס זי האָט געהאַט פאַרפלאָכטן אין די האָר. זי האָט צוגעגעבן: „ס׳איז נישט וויכטיק וואָס מען איז, נאָר ווי אַזוי מען זעט אויס, הע? וויפל צאָלסטע פאַר אַ וואַנע?"

„טאָמער ד׳ווילסט גיין, ׳על עך דיר פונדעוועגן". ער איז צוויק־רויט געוואָרן. „ס׳איז דאָ דרינען באַזונדער פאַר מענער און באַזונדער פאַר פרויען. ס׳ט דיך נישט שעמען אַריינצוגיין מיט מיר?"

איר האָט זיך געדאַכט, אַז ער וואָלט זיך גאָר געשעמט אַריינצוגיין מיט איר. „וואָס איז זיך דאָ צו שעמען?" האָט זי נישט פאַרשטאַנען.

„אוודאי אַזוי, ביסט דען אַן אַלטפרענקישע?"

„ניין, כ׳בין אויכעט אַ נייפרענקישע".

„האָט מען אַ ראַנדקע!" האָט ער אויסגערופן. „פרייטיק. און שפּעטער ׳עט מען גיין אין קינאָ־טיאַטער". ער האָט געוואָרפן אַ בליק אויף איר פרעגנדיק פּנים. „ד׳גייסט נישט אין קינאָ־מאַטאָגראַף?"

„יאָ, יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק", האָט זי גיך געענטפערט.

„ס׳אַרט דיך נישט צו גיין פרייטיק צו נאַכטס?"

„אָסור זאָל מיר זיין!"

זי האָט נישט געהאַט קיין אַנונג ווו זיי האָבן געדאַרפט גיין און פאַר וואָס עס האָט זי געדאַרפט אַרן צו גיין אַהין פרייטיק צו נאַכטס. אָבער וואָס איז דאָס וויכטיק געוועזן? זי איז גרייט געווען צו גיין מיט אים וואַהין ער וואָלט זי נאָר געפירט.

„ביסטע דאָך אַ פאָסטעמפּאָווע, פונקט ווי איך!" האָט ער זי מיט דרך־ארץ און אויפריכטיקן ערנצט געלויבט. „אויב אַזוי, ווייסטע וואָס נאָך עך דענק?"

„וואָס דענקסטע?" האָט זי איבערגעפרעגט ווי דאָס וואָרט „דענק" וואָלט איר געווען גוט באַקאַנט.

„כ׳דענק דיך אַריינצונעמען צו מיר אין דער האַלע. יונה סוואָלאַטש קאָן אַנהייבן אַרויסצוואַרפן ווען ס׳עט זיך אים גלוסטן, ווי נאָר עפּעס ט׳זיך מאַכן. ער׳ט זיך מיט גאָרנישט רעכענען. בערמאַן ברויכט אים צו טאָן פאַר אים די שמוציקע אַרבעט... יעדער מין שמוציקע אַרבעט. און אַצינדער, אַז מ׳האָט דערשאָסן דעם קרוינפּרינץ פערדינאַנד אין סאַראַיעוואָ, ׳עלן די רוסן אַריינגיין אין קריג מיט עסטרייך, צוליב סערביע, און... און ביי מיר ׳עסטע כאַטש זיין געזיכערט, ווי לאַנג איך ׳על זיין..."

„מ׳דאַרפט נישט", האָט זי אָפּגעשניטן און האָט ווידער געשטויסט אויף זיך. „כ׳על שוין בלייבן ביי יונהן..." — וואָס פאַר אַ משוגעת האָט איר אַריינ־

געלייגט אַט די ווערטער אין מויל? ס׳איז איר אויסגעקומען ווי אין איר וואָלט געזעסן אַ צווייטע בינהלע איבער וועלכער זי האָט גאָר קיין דעה נישט געהאַט און וועלכע האָט זיך לעצטנס פאַרנומען זי כסדר צו איבערראַשן.

משה האָט זי אַנגעקוקט נישקשהדיק געטראָפן. „אַלע מיידלעך רייסן זיך צו אַרבעטן ביי מיר״.

„איך בין נישט אַלע מיידלעך!״ האָט זי אַרויסגעפּלאַצט.

„ר׳איז דאָך אַ גראָבער־יונג...״

„צו מיר איז ער נישט גראָב. ר׳האָט מיך געמאַכט פאַר אַ שטאָפּערין״.

משה האָט זיך צוגעבויגן צו איר אויער: „ר׳איז אַ פּראָוואָקאַטאָר״.

„איך בין נישט אַזוי זיכער״. זי האָט פאַרצויגן דאָס נעזל און אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ, ווי זי וואָלט געגני געוווּסט וואָס דאָס וואָרט „פּראָוואָקאַטאָר״ האָט געמיינט.

„וואָס הייסט ד׳ביסט נישט זיכער?״ משה איז שוין געוואָרן אויסער זיך. „אַלע ווייסן, אַז די אָכראַנע האָט אים אַריינגעזעצט אין דער פאַבריק און בערמאַן האָט זיך געפּאַטשט אין גראָבן בויך. ד׳ווייסט דאָך, פון איין זייט האָט מען די שוואַרצע מאה און פון דער אַנדערער: באָרד און פאה, אוןביידע האָבן איבער אונדז די דעה. כ׳זאָל האָבן אַזוי פיל מזל, וויפל חברים ער האָט געשיקט ד׳ווייסט שוין ווּ. זייער רב, ר׳ מייזעל, האָט דאָך געגעבן דער אָכראַנקע אַ סימן. טאָמער טראָגט אַ בחור נישט קיין אַרבע־כּנפות, איז ער אַ בונטאָווטשיק און אַ מורד־במלכות און מ׳דאַרפט אים איינזעצן. טאָמער טראָגט ער יאָ, איז אַ באַווייז, אַז ר׳איז נישט און מ׳דאַרפט אים אָפּלאָזן״.

„טאָ לאָזן זיך אַלע בחורים אָנטאָן אַרבע־כּנפות״, האָט בינהלע באַמערקט, הגם זי האָט קוים געוווּסט אין וואָס עס האָט זיך געהאַנדלט. זי האָט צו־צוגעגעבן: „כ׳על עקסטרע איבערפרעגן יונהן צי דאָס איז אמת״.

„ביסט פאַרריקט?״ האָט משה אויסגערופן. „טאָמער דערמאָנסטע מיין נאָמען, בין עך נישט זיכער מיטן לעבן!״

„בין עך פאַרריקט!״ האָט זי זיך באַליידיקט, אים גיך אָפּגעזעגנט און אים געלאָזט שטיין מיט אַן אָפן מויל.

זי האָט בשום־אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין וואָס מיט איר איז פאָרגעקומען. זי האָט מורא געהאַט פאַר דער אַנדערער אין זיך, דער להכעיסדיקער, וואָס האָט אַרויסגערעדט פון איר ווי אַ דיבוק, ווי זי וואָלט נישט געווען בעל־הבית איבער זיך, איבער דעם וואָס זי טוט. ווי אַזוי האָט זי געקאָנט אַזוי פאַרשעמען דעם שיינעם משהן און אים פּלוצעם לאָזן שטיין אין מיטן גאַס — אים, וואָס איז איר אַזוי געפעלן געוואָרן; וואָס אַנדערע מיידלעך וואָלטן געווען אין זיבעטן הימל, ווען ער וואָלט בלויז אַ קוק געטאָן אויף זיי, אַזוי ווי ער האָט אויף איר געקוקט? און פאַר וואָס האָט זי זיך אָפּגעזאָגט אַריבערצוגיין

אַרבעטן אין זיין האַלע אין אַזעלכע אומרויִקע צייטן? זי האָט דאָך שוין לאַנג געוואָלט אַרבעטן ביי אים.

אויף מאָרגן האָט משה אָפּגעוואָרט בינהלען נאָך דער אַרבעט. זי האָט שיִער נישט אויפגעשריגן פון פרייד אים צו זען. ער האָט זי באַגלייט אין דער ריכטונג פון באַלוט. דער טאָג איז גראָד געווען אַ גרויער און די גאַס דורך וועלכער ער האָט זי געפירט איז געווען איינגעטונקען אין דעם פייכטן נעפּל, ווי אין אַ קנויל פון שמוציקער וואַטע. די טיף פון דער גאַס איז פאַרווישט געוואָרן און זי איז אויסגעקומען ווי זי וואָלט קיין סוף נישט געהאַט. משה און בינהלע האָבן זיך כסדר אָנגעשטויסן אויף שטראָמען אָנקומענדיקע פאַרבייגייערס.

לענג־אויס די מויערן זיינען געשטאַנען לאַנגע שפּאַלערן פרויען, עלעגאַנט אויסגעקליידטע, מיט פיינע היטעלעך אויף די קעפּ, גרויסע גלאַנציקע בייטלען אונטער די אָרעמס, די שיך אויף שטילעטן־קנאַפּלען. משה האָט געקוקט שטייף פאַר זיך, ווי ער וואָלט די דאַמעס נישט באַמערקט. ער האָט אָנגענומען בינהלען פאַרן אָרעם, ווי ער וואָלט זי וועלן באַשיצן סיי פון די אָנקומענדיקע מחנות פאַרבייגייערס, סיי פון די עלעגאַנטע דאַמעס.

„ביסט אַ מבין ווי אויסגעפּיאַקעוועט ז'זענען?" האָט בינהלע באַמערקט.

„נישט מיין סחורה", האָט משה קורץ אָפּגעשניטן.

„וואָס שטייען זיי דאָ עפּעס אין אַזאַ וועטער? ס'זענען אויס רייך".

„ז'וואַרטן אויף קונים, שטייען זיי..."

„פאַר וואָס זאָגסטע עפּעס קונים? ז'פאַרקויפן דען עפּעס?"

„אוודאי פאַרקויפן זיי. זיך". — ער האָט אַרויסגענומען אַ טיכל פון קעשענע און גענומען ווישן די נאָז, ווי ער וואָלט וועלן אָפּווישן די פאַר־לעגנהייט אין וועלכער בינהלע האָט אים אַריינגעבראַכט מיט אירע שאלות.

„וואָס הייסט ז'פאַרקויפן זיך? אַז מ'פאַרקויפט עפּעס, קריגט מען עס נישט צוריק. און זיי האָבן זייערע לייבער".

„גאַנץ ריכטיק. זיי לאָזן זיך אויסניצן. פאַר געלט, נעבעך..."

„אַז ס'איז פאַר געלט איז עס דאָך נישט אויסגעניצט. און פאַר וואָס מאַכסטע אַזאַ נעבעך איבער זיי? ז'גייען שיין אָנגעטאָן, עלעגאַנט, אויף אַלע ייִדישע קינדער געזאָגט. אפשר איז זיי גאָר ווילער פון אונדז, די פאַבריק־מיידלעך? ז'זענען אַ סך אויף דער פרישער לופט. קיק ווי ז'זעען אויס, נישט ווי די ווייבער אין דער פאַבריק, מיט די געלע פּנימער און מיט אונטערגעהאַקטע אויגן. זיי מוזן אוודאי נישט אויפשטיין פינעף אַ זייגער פאַר טאָג".

„ס'דאַכט זיך דיר, אַז ז'זעען גוט אויס. ז'האָבן אָפּגעפאַרבטע באַקן, קאָן מען טאַקע מיינען". ער האָט גענומען לאַנג שנייצן די נאָז.

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ זייטיקן בליק. זי איז שטאַרק נייגעריק גע־וואָרן צי ער האָט אַ מאָל באַזוכט אַ „הייזל" אין ווילקע, צי ערגעץ אַנדערש

ווו. „ס׳רינט דיר פון דער נאַז, וואָס ד׳האַלטסט אין איין שנייצן?״ האָט זי מיטפילנדיק אַ פרעג געטאָן, און גלייך איז זי צוריק צו דער טעמע: „און זאָג נאַר...״ האָט זי זיך אָנגענומען מיט מוט. „ווו... ווי אַזוי לערנען זיי זיך דאָס... דאָס פאַך?״

ער האָט אַוועקגענומען דאָס טיכל פון דער נאָז און איז שטאַרק ערנצט געוואָרן. „דאָס איז נישט קיין פאַך וואָס מ׳לערנט זיך ספּעציעל. מ׳דאַרפט געבוירן ווערן מיט אַ כאַראַקטער דערצו. אַ סך מיידלעך וואָלטן גיכער געשטאָרבן, איידער...״

„טרייב נישט איבער״, איז זי אַריינגעפאַלן אין טאָן פון איר חברטע צפורהן. „ס׳איז גאָרנישט מיט גאָרנישט. ס׳איז ווי מען וואָלט אויסגעטרונקען אַ גלאָז וואַסער. מענטשן זענען פונקט ווי חיות. מען מוז דאָך פון עפּעס לעבן״.

„חיות פאַרקויפן זיך נישט״, האָט משה באַמערקט.

„אַוודאי נישט. מ׳פאַרקויפט זיי. אַז מען קאָן זיך אַליין פאַרקויפן ווען מען וויל, איז שוין גוט״.

„ד׳מיינסט צו זאָגן...״ האָט משה אַ שטאַמל געטאָן, „אַז דו אַליין... אַז דו וואָלסט אויך געקאָנט?״

„איך?״ האָט זי אים פרעגנדיק אָנגעקוקט.

זי האָט נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס אַט דער פראַנט, דער שיינער משה, דער בן־מלך, וועלכער איז געווען אַזוי זיכער מיט זיך און אַלע מיידלעך האָבן אַוועקגעחלשט פאַר אים, האָט אין אירע אויגן וואָס אַ מאָל מער אויסגעזען ווי אַ שעמעוודיק דערשראָקן בחורל, וועלכער האָט געשטעלט נאַרישע קשיות. וואָס וואָלט זי נישט געטאָן זיך צו דערהאַלטן ביים לעבן? צו האָבן וואָס צו עסן? ניין, זי וואָלט נישט גיכער געשטאָרבן...

„איך?״ האָט זי איבערגעפרעגט.

„יאָ... דו...״ האָט ער אַ פּרעפּל געטאָן, איז רויט געוואָרן און זי אָנגעקוקט אַ שולדיקער, ווי ער וואָלט זי באַליידיקט.

האָט זי זיך טאַקע דערפילט באַליידיקט און האָט אויסגערופן: „ביסט פאַרריקט!״ ווידער האָט זי אים געלאָזט שטיין אין מיטן דער גאַס און איז אַנטלאָפן.

יעדער מאָל וואָס זי איז אַנטלאָפן פון שיינעם משהן אין מיטן שפּאַציר, איז זי געווען זיכער, אַז זי וועט אים מער נישט זען פאַר די אויגן. אָבער משה האָט זיך פון איר נישט באַליידיקט און ער האָט זי קיין מאָל נישט געפרעגט פאַר וואָס זי איז אַנטלאָפן. ער האָט זי אָפּגעוואַרט נאָך דער אַרבעט ווי קיין מאָל גאָרנישט און זי באַגלייט אַ שטיקל וועגס.

פון דעם גיין צוזאַמען, יעדער באַזונדער, „נעמען אַ וואַנע״, איז עפּעס גאָרנישט געוואָרן. משה האָט מער נישט איבערגעחזרט דעם פאָרשלאָג. אָבער

יעדן פרייטיק־צו־נאַכטס זײַנען זיי געגאַנגען אין קינאָ־טעאַטער. בינהלע האָט דאָרט צוזאַמען מיטן שיינעם משהן אויסגעקנאַקט אַ גאַנץ טיטל באַניעקערן און זי האָט פאַרגאָסן עמערס טרערן ווען זי האָט געזען די רירנדיקע פילם־דראַמעס מיטן בילד־שיינעם אַרטיסט ראַמאָן נאַוואַראָ. אין קינאָ האָבן משה און בינהלע זיך געקוקשט אונטער דער באַגלייט־מוזיק פון דער פּיאַנאָ, וועלכע האָט באַגלייט די פילמען. דערנאָך זײַנען זיי געגאַנגען שפּאַצירן געאָרעמט און האָבן אָנגע־האַלטן דעם ערנצט־שפּאַסיקן טאָן פון זייערע שמועסן.

ס'האָט זיך אונטערגערוקט דער אָוונט ווען משה האָט בינהלען צום ערשטן מאָל גענומען אין ייִדישן טעאַטער. משה האָט געמאַכט דערפון אַזאַ גרויס געשעעניש, אַז בינהלע האָט זיך אָנגעשטעקט מיט זײַן התלהבות און האָט זיך אַ וואָך פריִער געקויפט אויפן שאַכער־מאַרק אַ ניי „איבערגעאַנגען" הי־טעלע, וואָס איז חנעוודיק געזעסן „נאַ־באַקער" אויף איר קאָפּ און האָט שטאַרק אויסגענומען ביי משהן.

זיי זײַנען געזעסן אויף דער גאַלאַרקע, צוזאַמענגעקוועטשט אין אַ מחנה פון יונגע־לייט און מיידלעך, און האָבן מיט אָפענע מיילער זיך צוגעהערט צו דער דראַמע: „דער גורל פון אַ מענטש". בינהלע האָט נישט אַלץ פאַרשטאַנען, ווען עס איז געקומען צו די שווערע אויסלענדישע ווערטער וואָס די אַקטיאָרן האָבן באַנוצט, אָבער זי האָט אַלץ פאַרשטאַנען וואָס נוגע דעם ממשותדיקן שטיק לעבן וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט פאַר אירע אויגן. די מענטשן אויף דער סצענע זײַנען געווען אייגענע, נאָענטע; מען האָט ממש געקאָנט צוגיין צו זיי און זיך מיט זיי אויסשמועסן. און אַז מען האָט פון זאַל אויף אַ קול געגעבן עצות די העלדן, וואָלט בינהלע אויך אויסגערופן צו זיי וואָס זיי דאַרפן טאָן וועדליק איר, ווי זיי דאַרפן זיך אויפפירן, ווען נישט משה, וועלכער האָט געהאַל־טן, אַז צו שרייען אין טעאַטער איז נישט קולטורעל.

נאָך אָט דעם אָוונט האָט משה געעפנט דאָס האַרץ פאַר בינהלען און איר דערציילט, אַז טעאַטער איז געווען זײַן לעבן; אַז אין די אָוונטן ווען ער האָט זיך נישט געקאָנט מיט איר באַגעגענען, האָט ער זיך באַגעגנט מיט זײַנע פרײַנד די „פּאַלעציניסטן" און ערשט דערנאָך האָט ער זיך באַגעגנט מיט זײַנע אַרטיס־טישע פרײַנד: פיר שניידער־געזעלן מיט וועמען ער האָט געשאַפן אַ קליינע טרופּע, וועלכע שפּילט נאָך נישט, אָבער וועלכע האָט זיך שוין אַ פּאָר יאָר געגרייט צו שפּילן.

אַז משה האָט גערעדט וועגן טעאַטער, האָט ער געפליסטערט און דאָס קול האָט אים אונטערגעציטערט, ווי ער וואָלט זיך געטיילט מיט דעם הייליקסטן סוד וואָס ער האָט געטראָגן אין האַרצן.

זינט דעמאָלט זײַנען בינהלע און משה גאָר אָפט געגאַנגען אין ייִדישן טעאַ־

טער, צום אַפּטסטן „נאַ־גאַפּע”. נישט שטענדיק האָט משה געהאַט געלט אויף בילעטן, אַפּילו אויף דער גאַלאַרקע. ער האָט געהאַט אַ גרויסע משפּחה, משה. אַ טאַטן מיט אַ מאַמען מיט אַ פּולער שטוב פון יינגערע ברידער און שוועסטער וועלכע האָבן אַלע געלעבט פון זיינע פאַרדינסטן. אָפט מאָל איז דאָס טיטל באַניעקערן געווען דאָס איינציקע מאָלצייט וואָס ער האָט געגעסן דורכן טאָג. די עלעגאַנטע בגדים וואָס ער האָט געטראָגן זיינען אויך, פונקט ווי בינהלעס, געווען „איבערגעגאַנגענע”. ער האָט געהאַט קאָנטשאַפטן הינטער די קוליסן פון טעאַטער און האָט פאַר ביליק אָפּגעקויפט די בגדים וואָס די גרויסע אַרטיסטן האָבן מער נישט געברויכט. ער האָט ליב געהאַט זיך שיין אָנצוטאָן, משה, אויפצולייכטן מיט אַ ביסל קאָלירפולקייט אין דעם גרוי פון פאַבריק־לעבן. ער האָט ליב געהאַט צו זען ווי אויגן צעשטראַלן זיך, ווען מען דערזעט אים. ער האָט געוווּסט, אַז ער איז מהנה מיט זיין עלעגאַנץ נישט בלויז זיך.

און וואָס לענגער בינהלע איז אַרומגעגאַנגען מיט משהן, דאָס קלאָרער האָט איר געגומען ווערן, אַז דער גאַנצער ענין פון „אויסערלעכן” אויסזען איז טאַקע נישט געווען מער ווי אַ מין טעאַטער־שפּיל; אַז מען האָט זיך געדאַרפט לערנען „אויסטאָן” די מענטשן, אויב מען האָט געוואָלט דערגיין ווער זיי זיינען אין דער אמתן געווען. דאָס זעלבע האָט געהאַט אַ שייכות צו איינעמס מאַנירן, אַ מענטשנס אויפפירונג. מען האָט זיך געקאָנט אויפפירן זייער זיכער מיט זיך; מען האָט געקאָנט מאַכן אַן אָנשטעל, אַז מען ווייסט אַלץ, פונקט ווי זי אַליין האָט געמאַכט דעם אָנשטעל — און אינעווייניק האָט מען זיך געקאָנט פילן פונקט קאַפּויערדיק.

זייער גיך האָט זי אויסגעפונען, אַז הגם משה האָט געהאַט אַזאַ גוואַלדיקן דערפאָלג ביי די מיידלעך אין פאַבריק און ער האָט זיך אויפגעפירט ווי ער וואָלט זיי געהאַט אין די טוצן, איז ער געווען אַ שעמעוודיקער און אַ צוריקגע־האַלטענער, און אין תוך פונקט אַזאַ „גרינער” אין אַ סך ענינים, ווי זי. — דאָך, הגם משה האָט פאַרלוירן דעם פּרינצלעכן גלאַנץ אין אירע אויגן, האָט זי גערן געהאַט צו זיין מיט אים, שפּאַצירן, גיין אין טעאַטער, צי אין קאַלע־גאַרטן — און אים פאַרהערן אין די ראָלעס צו וועלכע ער האָט זיך געהאַלטן אין איין גרייטן. זי האָט זיך גיך אויסגעלערנט די קופּלעטן וואָס ער האָט איר פאַרגע־זונגען און האָט אים אונטערגעזאָגט, ווען ער האָט זיי פאַרגעסן, ווי למשל:

„און די כּלה האָט אַ מעלה, זיס ווי סאַכאַרינע,
יאָגט זי מיעך יעדן טאָג פון לאָדזש קיין פּאַלעסטינע...”

אָבער דאָס שענסטע איז געווען דאָס קושן זיך מיט משהן. דעמאָלט איז ער ווידער געווען אַ בן־מלך.

האַלבע נעכט האָבן זיי אַרומגעוואַנדערט איבער דער שטאָט. צווישן דעם קושן זיך און אָפּשטיין אין די ווינקלען פון די טויערן האָט משה גערעדט. ער האָט דערציילט בינהלען וועגן לאָדזש, וועגן דעם, אַז דער שטאָטצענטער האָט געהייסן ווילקע, ווייל גאָרנישט לאַנג צוריק איז דאָ געווען אַ וואַלד און וועלף, ווילקעס, זיינען דאָ פראַנק און פריי אַרומגעלאָפן. אַז נאַפּאָלעאָן, דער גרעסטער מלחמה־פירער וואָס די וועלט האָט אַ מאָל פאַרמאָגט, ווען ער איז געווען אויפן וועג קיין מאָסקווע, דער אַמאָליקער הויפּטשטאָט פון ראָסיי, האָט נישט געקאָנט געפינען קיין אַדורכגאַנג פאַר זיין מיליטער דורך די וועלדער, איז זיין וועגווייזער געווען נישט קיין אַנדערער ווי ר׳ שמואל בערמאַן, אַן עלטער־זיידע פון דעם בעל־הבית פון דער פאַבריק וווּ ער, משה, און בינהלע האָבן געאַרבעט.

משה האָט איר דערציילט ווי אַזוי די שטאָט איז אויפגעקומען, ווי די דייטשן האָבן זיך באַוויזן און אויפגעשטעלט די ערשטע וועבערייען, די פאַבריקן; אַז די ייִדן האָבן נישט געטאָרט וווינען אין ווילקע, נאָר געמוזט וווינען אין אַלט־שטאָט און באַלוט; אַז פון דעסטוועגן האָבן זיך די ייִדן אויסגעלערנט וועבעריי און אַ סך זיינען שפּעטער געוואָרן גרויסע פאַבריקאַנטן, טאַקע ווי זייער בעל־הבית בערמאַן. און אַז דער ייִדישער אַרבעטער איז געווען טאָפּלט פאַר־שקלאָפט סיי ווייל ער איז געווען אַ ייִד און סיי ווייל ער איז געווען אַן אַרבעטער; און אַז ווען דער „סאָציאַליסמוס״ וועט קומען און אפשר נאָך פריִער, וועט מען בויען אַן אייגן ייִדיש לאַנד אין ארץ־ישראל. בינהלע האָט ווידער געהערט דאָס וואָרט „ציאָניסמוס״, וואָס זי האָט אַזוי אָפט געהערט ביי שמוליקלען רופא אין באַטשאַני. נאָר אַצינדער איז איר דאָס וואָרט נישט געווען אַזוי אַפּשטויסנדיק.

אין אַלגעמיין האָט בינהלע ווייניק וואָס פאַרשטאַנען פון משהס רייד און זי האָט זיך נישט שטאַרק צוגעהערט צו זיי. זיי זיינען נישט געווען אינטערע־סאַנט און האָבן קיין גרויס שייכות צו איר נישט געהאַט. אפילו דער פאַקט וואָס עס האָט זיך געגרייט אַ מלחמה צווישן „דויטשלאַנד״ און ראָסיי, איז זי אויך ווייניק אָנגעגאַנגען. דערווייל איז נישט געווען קיין מלחמה און דערווייל איז לאָדזש געווען לאָדזש — און משה איז דערווייל געגאַנגען לעבן איר. אָט אויף דעם האָט זיך געלוינט צו קאָנצענטרירן.

זי האָט צוגערעדט משהן, אַז ער זאָל זי נעמען אין לונאַפּאַרק און זיי זיינען געפאָרן אויף די קאַרוזעלעס. דאָרט האָבן זיי זיך געוועט און האָבן געשפּילט אין יאַגעלעך אויפן „טראַווניק״. זי איז געווען זשוואָווער פון משהן. אָבער ווען זיי זיינען אומגעפאַלן אויפן גראָז, איז זי געווען שוואַכער פון אים — הגם ער איז געווען אַ שעמעוודיקער און אויך אַן אומבאַהאָלפענער.

דערפאַר איז אָבער משה געווען אַן אויסגעצייכנטער טענצער. ער האָט בינהלען אויסגעלערנט טאַנצן די מאָדערנע סאַלאָנאָווע טענץ און ער האָט זי

טאקע אָפּט גענומען אין טאַנצזאַל. ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און זיי האָבן ביידע זיך אַזוי אויסגעצייכנט, אַז זיי האָבן גענומען די ערשטע פּרייזן ווי דאָס בעסטע טענצער־פּאָרל אין זאַל — פון אַ „טשאַרלעסטאָן", אַ „וואַלץ", אַ „שלאָר־פאָקס", אַ „פאָקס־טראָט" און אַ „רומבאַ".

אָפט מאָל, ווען בינהלע איז אַרויסגעגאַנגען מיטן שיינעם משהן פון פּאַב־ריקהויף, האָט זי באַמערקט יונהן סוואָלאַטש פאַרבייאיילן. ער פלעגט אַ קער טאָן דעם קאָפּ צו זיי און אירע בליקן האָבן זיך אויף אַ רגע באַגעגנט מיט זיינע, נאָר אויף אַ רגע. דאָך האָט דאָס גרינע פייער פון זיינע אויגן באַוויזן זי אַדורכצובורען. איר פּנים האָט אַ פלאַם געטאָן. זי האָט זיך געפילט שולדיק לגבי אים — און נישט געוווּסט פאַר וואָס. אין דער האַלע, ביי דער אַרבעט, האָט יונה זי לעצטנס אויסגעמיטן. אָבער מער ווי איין מאָל האָט זי געפילט די בייסיקע גרינע אויגן זיינע קריכן איבער זיך. אַז זי האָט אַ קער געטאָן דעם קאָפּ, האָט ער קאָמיש אַ פאַכע געטאָן צו איר מיט דער האַנט, פאַרריכט דאָס גנבישע קאַפּעלע אויפן קאָפּ און נעלם געוואָרן.

בינהלע איז שלעכט געשלאָפן ביי נאַכט — נישט נאָר צוליב צפורהס גבר. עפּעס האָט גענאָגט אין האַרצן. דער אומרו וואָס האָט געברויזט אין די גלידער האָט זיך נישט געלאָזט איינשטילן. די סירענעס האָבן אָפּט געוויעט אין די נעכט. אַן עפּידעמיע פון שׂרפות האָט אַרומגעכאַפּט די שטאָט. משה האָט איר, בינהלען, דאָס געהאָט דערקלערט. די צייטן זיינען געווען שלעכטע און די פאַבריקאַנטן האָבן אַזוי אָפּט „געברענט", ווייל זיי האָבן געוואָלט ראַטעווען זייערע אַסעקוראַציעס. זי האָט ווי נישט איז אויפגעכאַפּט דעם ענין. וואָס זי האָט נישט געקאָנט אויפכאַפּן, נישט געקאָנט פאַרשטיין איז געווען — איר אייגענע אימה אויפן אַנבליק פון רויטן הימל. אין באַטשאַני, אין די קינדער־יאָרן, איז זי בעת אַ שׂרפה ביי נאַכט געווען נייגעריק, פאַרגאַפט און געשפּאַנט כמעט מיט אַן אַנגענעמער שפּאַנונג.

אַז די סירענעס האָבן זיך איין מאָל ביי נאַכט צעוויעט, איז בינהלע אַראָפּ פון שעניק און צו צום פענצטער. פייער־לעשער־וועגענער האָבן ערגעץ געקלימ־פּערט איבערן ברוק; זייערע אייזערנע רעדער האָבן אָפּגעהילכט אויף די שטיינער צוזאַמען מיטן האַסטיקן גאַלאָפּ־טופּעריי פון פערדישע קאָפּעטעס. ערגעץ האָבן שטורקאַצן זיך באַוועגט און געוואָרפן דינע, טאַנצנדיקע שאָטנס צווישן די דעכער. דער הימל איז געווען רויט ווי די זון וואָלט אונטערגעגאַנגען אין מיטן פון דער נאַכטיקער פינצטערניש.

„אוי, טאַטשי..." האָט בינהלע געפליסטערט אין זיך. „טאַטשי, ווו ביסטו..."

צוריק אויפן געלעגער, האָט זי געפּרוּווט זיך באַרויִקן מיט זוּנגען וואָס זי האָט אויפגערופן אין זכּרון — זוּנגען פון באַטשאַני, פון בלויען באַרג... פון אירע לאַנגע שפּאַצירן אַהיים מיטן בחור יעקבן דורכן ברייטן טאַפּאָליע־

וועג. זי האָט געהאַלטן די אויגן אויף די שויבן, געזען די פֿלאַמען וואָס האָבן זיך געשפּיגלט אין הימל, געזען די שאָטנס פֿאַרבייטאַנצן, ווי אויף יענער זייט פֿענצטער וואָלט געיויכעט אַ פֿייערדיקער קעסל. ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי פֿילט ריחות פֿון פֿאַרסמאַליעטן שטאָף, פֿון ברענענדיקן האָלץ, פֿון לייבער.

„איך בין עלנט ווי אַ הונט...״ האָט זי אומגעריכט געמאַכט אַן אַנטפּלעקונג. אויף מאָרגן איז אויסגעבראָכן די מלחמה.

קאַפּיטל צוויי

1

דער שאָס אין סאַראַיעוואָ האָט הויך אָפּגעהילכט אין שטעטעלע באָטשאַני.

באָטשאַני, הגם עס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַן אויסדערוויילט שטעטעלע, ווו משיח וועט אָנקומען פריער ווי אין אַלע אַנדערע שטעט אין גלות, האָט — פונקט ווי דאָס גאַנצע פאָלק־ישראל — געהאַט מזל צו צרות. און ווייל דאָס איז געווען אַ יישוב פון כמעט לויטער קבצנים, האָט עס געהאַט אַ באַזונדער מזל צו זעלנעריי.

נאָך דעם ווי דער צאַר האָט אָפּגעשאַפט די „קאַנטאָניסטן״־גזירה אויפן געביט פון רוסלאַנד און האָט גענומען אַרויסווייזן זיין גרויסן ליבעראַליזם מיטן איינפירן אַ „נאַרמאַלן״ מיליטער־דינסט פאַר ייִדן — אין וואָס די משכילים האָבן געפרווט זען אַ סימן, אַז פולשטענדיקע גלייכבארעכטיקונג פאַר ייִדן וועט אָט־אָט נאָכקומען — האָט זיך אָנגעהויבן דאָס שטעלן זיך צום „לאָס״ בלויז אויף פיר יאָר, אויך אויף די פוילישע געביטן. און דאָס שטעטעלע באָטשאַני איז אויך נישט געבליבן הינטערשטעליק, נישט געקוקט אויף די אַלע קונצן וואָס די גאַרנישט־פּאַטריאָטישע בחורים, פונקט ווי די בחורים פון אַנדערע שטעט און שטעטלעך, האָבן געמאַכט. כדי אויסצומיידן די בירגערלעכע פליכט, האָבן די דאָזיקע צום מערסטן גערודפטע „בירגערס״ פון אייראָפּע אויסגעשטעלט זייערע גופים צו די אויסטערלישסטע פיזישע יסורים.

אין אָט דער צייט פון יאָר, ווען מען האָט גענומען צום „פּריזיוו״, האָט מען, אַחוץ אין אַ צוויי־דריי הייזער אויפן מאַרקפּלאַץ, געקאָנט הערן דאָס געוויין פון מאַמעס אין כמעט יעדן הויז. אַ גליק נאָך וואָס באָטשאַני איז געבענטשט געוואָרן מיט באָטשאַנעס וועלכע האָבן ברייטהאַרציק באַלוינט דאָס שטעטל מיט אַ סך קינדער — אַז נישט וואָלט גאַרנישט געבליבן מיט וואָס זיך צו טרייסטן.

הינדעלע, כאַמעלע דעם סופרס אַלמנה, האָט אויך זעלטן געהאַט אַ טרוקן אויג אין אָט די טעג יעדער יאָר און בפרט הייאָר — ווען אַ מלחמה האָט זיך צעבושעוועט איבער דער וועלט. זי האָט זיך פּשוט נישט געקאָנט צוגלייבן דאָס

גרויסע מזל וואָס איז גראַד איר, דער שלימזלניצע, צוגעפאַלן. אירע צוויי זין זיינען דערווייל געווען געשיצט, ווייל מען האָט שלומען, דעם עלטערן, איינגעמאָלדן ערשט ווען יעקב, דער יינגערער, איז געבוירן געוואָרן און זיי זיינען געווען ווי צווילינג־ברידער; און קיין צווילינג־ברידער האָט מען נישט גענומען אין מיליטער. קיין סיבות צו ציטערן איבער דעם דאָזיקן גליק האָבן נישט געפעלט. ליאַדע טאָג האָט מען דאָס געזעץ געקאָנט בייטן. דער צאַר האָט זיך געניייטיקט אין וואָס אַ מאָל מער מיליטער אויף די פראָנטן.

יעקב, היינדלעס יינגערער זון, האָט זיך מיט די דאָזיקע ענינים אַ סך ווייניקער איבערגענומען ווי די מאַמע. אוודאי האָט ער געדענקט, אַז ערגעץ האָבן בחורים פון כמעט זיין עלטער פאַרלוירן זייערע לעבנס אויף די שלאַכט־פעלדער, אָבער דאָס איז געווען אַ ווייט טראַכטן. דאָ, ביי ר׳ פּייוולען אויף דער נחלה, ווו ער, יעקב, האָט געאַרבעט אין דער מיל און געקנעלט מיטן בעל־הבית׳ יינגעלעך האָט דער מלחמה־אויסבראָך געבראַכט דעם רזולטאַט, אַז ר׳ פּייוועלע האָט איצט אויסגעשריבן צייטונגען נאָר פון אָדעס און פון וואַרשע. אויסער דעם איז דאָס לעבן אין דער מיל אויפן בלויען באַרג אָנגעגאַנגען אין שלום ושלווה. יעקבן זיינען די טעג דאָ נאָך טייערער געוואָרן. וואָס מער עס האָט אים געאַרט דער אומזין פון מלחמה, וואָס מער ער האָט זיך צוגעהערט צו די מלחמה־נייעסן וואָס ר׳ פּייוועלע האָט געהאַלטן אין איין אַרומרעדן מיט די תבואה־סוחרים און מיט ווען עס האָט זיך געלאָזט — דאָס זיסער זיינען אים די טעג געוואָרן.

געווען טעג און טעג ווען יעקב האָט לגמרי נישט געדענקט וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט, דער ווייטער, נישט זיינער. ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דער אומקלאָרער בענקעניש צו אַ פּאָר רויטלעך־געלע צעפּלויגענע צעפּלעך — און ער האָט געשפּילט מיט אַבראַשקען און זיין עלטערן ברודער שלמהלען די אַלע שפּילן וואָס ער האָט אַ מאָל אַליין געשפּילט אין די קינדער־יאָרן: „מכירת־יוסף", „עקדת יצחק", „שאול און דוד", „דוד און יונתן".

סוסי, דאָס פערדל, איז געוואָרן יעקבן אַ חבר. ווי נאָר ער האָט געהאַט אַ פרייע רגע אין די זונטיקדיקע טעג, זיינען זיי אַוועקגעריטן העט־ווייט. יעקב האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז רייטנדיק אָט אַזוי, וואַקסט ער, אין זיך; ווי זיינע חושים וואָלטן זיך אויסגעשפּרייט צום אַרום און וואָלטן אָט די וועלט וואָס האָט אים אַרומגערינגלט אַריינגעזויגן אין איר גאַנצער גרייס, צוזאַמען מיט איר שיינקייט, צוזאַמען מיט איר סוד.

לסוף האָט אַבראַשקע דערשנאַפּט פאַר וואָס יעקב ווערט דאָס נעלם אויף גאַנצע שעהען יעדן זונטיק, און ער איז צוגעשטאַנען, אַז יעקב זאָל אים מיטנעמען. לכתחילה האָט יעקב נישט געוואָלט הערן דערפון, אָבער לאַנג

אָפּזאָגן אַבראַשקען האָט ער קיין האַרץ נישט געהאַט. האָט ער אים געהייסן פרעגן ביי צירעלען. צירעלע, די מאַמע, האָט געזאָגט ניין, קורץ און שאַרף. איז אָבער אַבראַשקע געווען אַ האַרץ־גנבֿ, אַ ספּעציאַליסט אין נודיען, צושטיין, שרייען און וויינען מיט קאַפּיקע טרערן — ביז ער האָט ווייך געמאַכט דער „האַרטער" צירעלעס האַרץ און זי האָט אים געהייסן פרעגן ביי ר' פּייוועלען, און ר' פּייוועלע האָט געזאָגט: אַדרבא. אַ בחורל האָט געדאַרפט וויסן וואָס עס הייסט רייטן אויף אַ פערד.

אַז אַבראַשקע איז שוין געזעסן פאַרנט פון יעקבן אויפן זאָטל און האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן סוסיס גריווע, האָט ר' פּייוועלע נאָכגערופן יעקבן: „נאַר געדענק, טאָמער געשעעט עפּעס דעם קליינעם, 'על עך דיר אַ מעשה אָפּטאָן!"

דאָך האָט זיין וואָרענונג געקלונגען אַנדערש ווי דעמאָלט, אין דער מיל. ווייל סתּם אויסשטעלן אַ קינד אויף אַ סכּנה האָט, לויט ר' פּייוועלען, נישט געהאַט קיין שום זינען. עפּעס אַנדערש איז געווען ווען דאָס קינד האָט געקאָנט עפּעס לערנען — דעמאָלט האָט אַ טאַטע געמוזט ריזיקירן. ר' פּייוועלע האָט נישט געוואָלט, אַז זיינע זין זאָלן אויסוואַקסן נעבעכלעך, און עס האָט אים שטאַרק געאַרט וואָס זיין עלטערן זונדל שלמהלען, ווען ער האָט מיט אַ געמיש פון צערטלעכקייט און חוזק גערופן „תּנאַלע", זיינען גאָר אַזעלכע גלוסטעניש נישט באַפאַלן. שלמהלע האָט ליב געהאַט אָפּצוזיצן מיט זיין ספר דעם גאַנצן טאָג און זיך נישט אָוועקרירן פון צירעלען.

„זאַכטע! זאַכטע!" האָט ר' פּייוועלע נאָכגעשריגן יעקבן און אַבראַשקען בעת זיי האָבן זיך פּאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט מיט סוסין פון באַרג.

„זאַכטע! זאַכטע!" האָט אַבראַשקע התפּעלותדיק נאָכגעשפּעט דעם טאַטן. און ווי נאָר זיי זיינען אַראָפּגעקומען אויפן ברייטן טאָפּאָליע־וועג, האָט ער זיך ערשט רעכט צעגוואַלדעוועט פון נחת. „שנעלער, יעקב! טרייב אים אונ־טער! וויאָ, סוסי, גיב שוין אַ לויף, סוסי!"

עס איז גוט געווען, גאָר אויף אַן אַנדער אופן, צו האָבן אַבראַשען לעבן זיך. זיי ביידע, מיטן פערד, זיינען געווען דריי גופים מיט איין פּולס, מיט אַ בשותּפותדיק געמיט. יעקב האָט פון הנאה אונטערגעקרעכצט, דערנאָך אונטער־געברומט, דערנאָך אונטערגעזונגען. דער קליינער האָט זיך גלייך אָנגעלשאָסן אין דעם געזאַנג און אַרויסגעלאָזט אומגעצוימטע קולות. ביז פון דעם זינגעניש איז געוואָרן אַ מעלאָדיש שרייעניש, דערנאָך סתּם אַ גוואַלדעווען אויף אַלע כּלים — דעראָבעריש, הפקרדיק־פריי. און אויסגעדאַכט האָט זיך, אַז סוסי קלאַפּט מיט די פּאָדקעוועס צום ווילדן טאַקט, הייבט אויף און לאָזט אַראָפּ דעם גריוועדיקן קאָפּ פאַרדבקעט און הירזשעט ג'ישט, נאָר שרייט מיט — מיט התלהבות.

זיי האָבן געלאָזט דאָס פערדל זיי פאַרטראָגן וואוהין די אויגן האָבן עס

געפּירט. ווען זיי זיינען מיד געוואָרן, האָבן זיי נאָכגעלאָזט פון גאַלאָפּ און אונטערגעפּייפט, געברומט, געשוויגן.

ביז אַבראַשקע האָט זיך אָפּגערופן: „ני, הייב שוין אָן די מעשה, שנעלער!"

יעקב האָט איינגעפּעדעמט אַ מעשה. סוסיס פּאָדקעוועס האָבן געקלאַפּט שטילער און שטילער, פּאַמעלעכער און פּאַמעלעכער. ער האָט לייכט צוגעשאָקלט מיטן גריוועדיקן קאָפּ, ווי ער וואָלט באַשטעטיקט די וואָרהאַפטיקייט פון יעדן וואָרט וואָס איז אַרויסגעקומען פון יעקבס מויל.

די מעשיות וואָס יעקב האָט דערציילט רייטנדיק אויפן פערד זיינען געווען גאָר אַנדערע ווי די מעשיות וואָס ער האָט דערציילט בעתן שפּאַצירן צו פוס. די „רייטנדיקע" מעשיות זיינען געווען מעשיות פון נשמהדיקער גבורה, פון „כוח פון מות". זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט העלדן וואָס זיינען ביכולת געווען אַריבערצורייטן די טיפסטע תּהומען פון נגישות און פּורעניות — אָט אַזוי לייכט ווי עס איז זיך גערייטן אויף סוסין.

„און אַצינדער..." האָט יעקב געצויגן זיין מעשה־ניגון, „רייט מען אין גאַנצן אַרויס פון דער חומרדיקער וועלט און מען רייט גלייך אַריין אין דער ניסתּרדיקער. זעסט... זעסט ווי די ביימער וויגן זיך? אָט האָבן זיי זיך שוין אין גאַנצן איבערגעשמאָלצן אין... לויטער רוחניות. דאָס וואָס ד'זעסט איז שוין נישט קיין ביימער... נאָר די נשמות פון ביימער".

„און די געלע בלומען?" האָט אַבראַשקע אַ טייט געטאָן מיט אַ פינגער אויף די בלומען־קעמפּעס וואָס זיינען געוואַקסן לענג־אויס דעם גראָבן ביי דער זייט. „ווי הייסן זיי?"

„כ'זאָל אַזוי נישט וויסן פון קיין צער..." האָט יעקב געצויגן מיט די אַקסלען. נאָר די בלומען האָבן אים דערמאָנט אָן אַ פּאָר מיידלשע צעפּלעך, האָט ער קלאָר געמאַכט אַבראַשקען: „דאָ, אין די ניסתּרדיקע וועלטן, הייסן זיי אַהבהלעך".

„טאָ וואָס 'עט מען טוען אין די ניסתּרדיקע וועלטן?" האָט אַבראַשקע געפרעגט מיט נייגער.

„וואָס פרעגסטע וואָס מ'עט טוען?" האָט יעקב צוריקגעכאַפּט דעם פריער־דיקן ניגון־טאָן. „דאָ הייבט זיך ערשט אָן דאָס ראַכטיקע טועכץ. דאָ איז נישט גענוג צו האָבן אַ שטאַרקן גוף. ניין, נישט גענוג. דאָ מוז מען האָבן אַ רצון, אַ ווילן אַזוי שטאַרק און פעסט אַנגעצויגן ווי אַ פיילבויגן, ווי אַ פּראַצע. אַז מען זאָל קענען מיט אים אַרויפשיסן די נשמה אַזוי הויך, אַז זי זאָל זיך קאָנען אָנכאַפּן אָן רבונו־של־עולמס רייטוואָגן און מאַכן מיט אים אַ יאַזדע איבער אַלע זיבן הימלען".

אַבראַשקע האָט מיטן גאַנצן כוח איינגעפּרעסט די פויסטלעך. ער האָט, מיט די צוויי שורות ציינדלעך, איינגעביסן און צעשטשירעט, אַזוי אָנגעשטרענגט דאָס פּנים, אַז ער איז אָזש רויט געוואָרן ביזן אונטערן האַלדז. פון אונטער

דעם פֿאַרקאַרבטן שטערן האָט ער אַ וואָרף געטאָן אַ קאַמיש־אַנגעצויגענעם בליק הינטער זיך, אויף יעקבן, און אַרויסגעפּרעסט פֿון צווישן די פֿאַרפּרעסטע ציין.

„זע נאָר, יעקב... זע נאָר ווי מיין ווילן איז אַנגעצויגן!" דערנאָך האָט ער צוריק לויז געמאַכט די מוסקלען פֿון פּנים און פֿעסטגעשטעלט: „שוין, מיין נשמה זיצט שוין אויפֿן וואָלקן דאָרט. און ווו איז דיינע?"

„וואָס פֿרעגסטע ווו?" האָט יעקב ערנצט געענטפֿערט. „גלייך לעבן דיינער".

איין מאָל, ווען זיי זיינען ביידע געווען אַזוי אַריינגעטאָן אין די ניסתּר־דיקע וועלטן און האָבן מיט פֿאַרריסענע קעפּ זיך מיט די בליקן צעוואַנדערט איבערן הימל, האָט סוסי גענומען די איניציאַטיוו „אין די אייגענע פֿיס", און האָט אומגעריכט געגעבן אַ רייט אַריבער דעם ראַוו, לאַזנדיק אַבראַשקען און יעקבן, איינגעקנוילטע איינער אין אַנדערן, זיך אַראָפּקייקלען פֿון זיין רוקן. דאָס גראָז אין גראָבן איז געווען ווייך און הויך און זיי זיינען נאָר נאָס געוואָרן פֿון וואַסער אונטערן גראָז. אַבראַשקע האָט זיך צעקייכט פֿון געלעכטער.

„זע נאָר, יעקב!" האָט ער אויסגערופֿן. „ווי מיינע ניסתּרדיקע הויזן זענען נאָס געוואָרן אויף מיין ניסתּרדיקן תּחתּל!"

יעקב האָט זיך נאָכגעלאָזט כאַפּן דאָס פֿערד. דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז סוסי האָט באַצאָלט מיט אַ לאָמען פֿוס פֿאַר דער אַוואַנטורע. יעקב האָט זיך אַ קראַץ געטאָן אונטערן בערדל. „וואָס טוט מען אַצינדער?"

„אַהיימגיין ׳עט מען נישט!" האָט אַבראַשקע באַשלאָסן. „דער טאַטע קאָן נאָך חלילה..."

„רעדסט שטותים. ווו דען ט׳מען גיין?"

„אין דער וועלט אַריין. מ׳עט געפֿינען אַ שמיד און ער׳ט שוין סוסין צו רעכט מאַכן".

„אַ שמיד!" האָט יעקב אויסגערופֿן. „אויפֿן וועג קיין כוואַסטי איז דאָ אַ שמיד... דער סטעלמאַך!"

„גייט מען!" האָט אַבראַשע אויסגערופֿן, אַפּקלעפּנדיק די נאַסע הייזלעך פֿון זיין הינטערלייב. ער האָט אָנגעכאַפּט יעקבן פֿאַר דער האַנט און יעקב האָט מיט דער אַנדערער אָנגענומען דעם הינקנדיקן סוסין ביים ציימל.

יעקב האָט גלייך חרטה באַקומען. די שמידעריי איז געווען אַ שיינע פּאָר וויאָרסט פֿון בלויען באַרג און דערצו האָבן אין באַטשאַני זיך אַרומגעטראָגן פֿאַרשיידענע קלאַנגען וועגן יואַלן דעם שמיד. אמת, לעצטנס, זינט מען האָט זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז יואַל געקומען וואָרענען דאָס שטעטל וועגן דעם אומגליק וואָס רוקט זיך אָן, האָט מען יואַלן אויסגעמיטן צו באַרעדן. אָבער אַ מאָל האָט מען דאָך געפּלעגט דערציילן, אַז ער איז אַ גזלן, אַ שיכּור, אַ כּופֿר־בעיקר. — וואָלט אפֿשר קליגער געווען צו פֿאַרקערעווען מיטן פֿערדל אויף

צוריק... און דאָ האָבן אַבראַשקע און אויך די אייגענע פּיס — געצויגן פּאַרויס. האָט מען זיך געדאַרפט אָנגורטן גאָר שטאַרק, גאָר אמתדיק, נישט ווי אין אַ מעשׂה — און זיך צוגרייטן אויפצונעמען דאָס וואָס האָט דערוואַרט אין דער שמידעריי.

יואל דער שמיד איז געזעסן אויף דער שוועל פון אַ קליינער כאַטקע לעבן דער שמידעריי, מיט אַ פּלעשל „מאָנאָפּאָלקע" אין דער האַנט, ווי ער וואָלט דערוואַרט די צוויי חברה־לייט וואָס האָבן זיך פאַר אים באַוויזן מיטן הינקענדיקן פערדל. דעם ערשטן אויגנבליק האָט יואלס זיצנדיקע פיגור זיך צונויפגעגאָסן מיטן חושך אין דער כאַלופּע הינטער זיין רוקן און די איינציקע העלע פלעקן אין דעם פאַרנאַכטיקן ליכט זיינען געווען די ווייסלען פון זיינע אויגן און דער אָפּשיין פון פּלעשל אין זיין האַנט. ערשט ווען ער האָט זיך אויפגעשטעלט און זיך דערנענטערט צו די אורחים אין זיין פולער שוואַרץ־אויסגעצויגענער גרייס, מיט דער געדיכטער שוואַרצער באָרד צעפּלאָטערט און צעפּאַטלט איבער זיין שוואַרצן קאַפטאַן, האָבן זיי אַזש געמאַכט אַ טראָט אויף צוריק.

„סקאָצל קומט, בראַדיאַגעס!" האָט יואל אויסגערופן. „צ'זענט אויפן וועג קיין ארץ־ישׂראל?" זיי וואָלטן זיך נאָך מער דערשראָקן פאַר אים ווען ער איז צוגעקומען נאָענט, ווייל זיי האָבן קענגן אים אויסגעזען ווי צוויי גאָרנישטן, אָבער דער שווערער קלאַנג פון זיין קול איז געווען איינגעמענדיק און ער איז געווען באַגלייט מיט אַ וואַרעמען בליאַסק פון זיינע פייערדיק־טונקעלע אויגן. דערצו האָט יואל אַרויפגעלייגט די אויסגעריסטע האַנט מיט אַן אויפ־געפּלאַצטער טרוקענער הויט אויף סוסיס רוקן און האָט חבריש אַ פרעג געטאָן דאָס פערדל: „שוין מיד געוואָרן פון וועג?" און ער האָט אונטערגעהויבן סוסיס פוס און אים באַטראַכט.

אַבראַשקע האָט אים גענומען דערציילן וואָס עס איז געשען מיט סוסין און איז צו אים צוגעשטאַנען, שטאַרק איבערגענומען: „מאַכץ אים צו רעכט... אַנישט קאָן מען נישט אַהיימגיין".

„צ'גייט נישט קיין ארץ־ישׂראל?" האָט יואל געשפּאַסט.

אַבראַשקע איז געבליבן ערנצט. „היינט נישט".

יואל האָט אַ קער געטאָן צו אים דעם קאָפּ: „פאַר וואָס נישט היינט?"

„דערפאַר ווייל היינט איז מען שוין גענוג געווען".

„ווו אַ שטייגער זענט עץ געווען?"

„אומעטום".

„קאָן נישט זיין!" האָט יואל געלאַכט. „קיינער איז נאָך קיין מאָל נישט געווען אומעטום".

אַבראַשקע האָט אַנגעבלעזלט די ליפּן, זיך פאַרטראַכט און גלייך לעבעדיק אויסגערופן: „אַזוי זאָגסטע? אָבער אונדז זענען מיר יאָ געווען! אַפילו אין די ניסתּרדיקע וועלטן זענען מיר געווען. דערפאַר איז מען אַראָפּגעפאַלן פון סוסין".

יואל האָט אַפּגעלאָזט סוסיס פוס און זיך אויסגעגלייכט. ער האָט אַרויפּ־געלייגט ביידע הענט אויף אַבראַשקעס אַקסלען און זיך צוגעבויגן צו אים. דאָס אַוונטיקע ליכט האָט ווייכער געמאַכט די האַרטע שאַרפע שטריכן פון זיין פּנים. „נו, האָט זיך נישט געלוינט אַראָפּצופאַלן פון פערדל און זיך אַ ביסל צו צעקלאַפּן... כדי צו זען?"

„כ'האָב מיך נישט צעקלאַפּט!" האָט אַבראַשע אויסגערופן. „בלויז נאָס געוואָרן ביז עד. סוסי האָט זיך צעקלאַפּט און ער איז נישט געווען אין די ניסתּרדיקע וועלטן".

„פון וואַנען ווייסטע דאָס אַזוי גענוי?"

אַבראַשע האָט פאַרשנדיק אַנגעקוקט יואלן. „טאַקע..." האָט ער פאַרטראַכט איינגעשטימט. „מ'איז דאָרט געווען אין דרייען און סוסי האָט אַלץ גענומען אויף זיך. וואָס איז דער מער מיט אים?"

„גאָרנישט, בראַדיאַגעלע", האָט יואל אַנגעכאַפּט אַבראַשען פאַר דער גאָמבע און זי אַ טרייסל געטאָן. „דער קאָפּ האָט זיך אים בלויז פאַרדרייט פון דעם וואָס ער האָט געזען אין די ניסתּרדיקע וועלטן און אַ געבינד האָט זיך אים אַ ביסל אויסגעצויגן אין פוס. ביז צ'עט אַהיימקומען ט'ער זיין אַזוי גוט ווי ניי". ער האָט אַ ווייז געטאָן אויף יעקבן וועלכער איז געשטאַנען געפּלעפּט און באַטראַכט די צווי, דעם ריז יואלן און דאָס שרעטעלע אַבראַשען. „און ער, ער איז אַ שווייגער פון פאַך?"

„ר'איז נישט קיין שווייגער!" האָט אַבראַשקע אויפגעלאַכט. „ר'איז יעקב!" ער האָט געוואָרפן אַ בליק אויף דער קוזשניע און אים האָט אַ צי געטאָן צו געבן אַ קוק וואָס עס טוט זיך דרינען.

יואל האָט באַוויזן אים אַנצוכאַפּן פאַרן אָרעם. „זאָג מיר נאָך איין זאַך", האָט ער אויסגערופן. „וואָס האָסטע געזען אין די ניסתּרדיקע וועלטן?"

„גאָרנישט!" האָט אַבראַשקע זיך שוין געריסן פון אים. „דעם רבונו־של־עולמס רייטוואָגן האָב עך געזען!" און ער האָט זיך אַרויסגעריסן פון יואלס הענט און איז צוגעלאָפן צו דער קוזשניע.

יעקב איז גרייט געווען צוריקצורופן אַבראַשקען. ס'האָט זיך געמאַכט שפּעט און דער וועג אַהיים איז געווען אַ ווייטער. נאָר עפּעס האָט אים יואלס אַנוועזנהייט געליימט די גלידער, אָפּגענומען ביי אים דאָס לשון. און דאָ האָט יואל אַרויפגע־לייגט די שווערע האַנט אויף זיין אַקסל און אים לייכט אונטערגעשטופּט אין דער ריכטונג פון דער קוזשניע.

„ער׳ט דאָס ראַכטיק און קורץ אָפּגעשילדערט, דער קליינער, הע?״ האָט יואלס קול האַמעטנע־וואָרעם זיך צערוישט. „נאָר ער האָט איבערגעדרייט די יוצרות. פריִער זעט מען דעם רייטוואָגן און שפּעטער זעט מען גאָרנישט״. פון יואלס מויל האָט געשלאָגן אַזאַ שאַרפער ריח פון בראָנפן, אַז יעקב האָט געמוזט אָוועקדרייען דעם קאָפּ. „עד, דער טיפער פאַרהוילענער גאָרנישט!״ האָט יואל געסאָפּעט. :נאָר געציילטע זענען זוכה אַריינצוקוקן אין אים. ז׳פאַרלירן טאַקע דערביי דעם קאָפּ, אָבער דערפאַר, ווען ז׳געפינען אים צוריק, איז ער ווי אַ לאָמפּ פול מיט ליכט״.

„מ׳מוז שוין גיין״, האָט יעקב אַ פּרעפּל געטאָן.

„יאָ, אייל דיך צו״, האָט יואל געשאָקלט מיטן קאָפּ. „אייל דיך...״ האָט ער געצויגן אין דעם נישט־דאַיִק־נאָענטן טאָן וואָס האָט אַזוי אינטריגירט, „ווייל שפּעטער ט׳דיר אָנקומען שווערער... נאָר אַז מען איז יונג, מאַכט מען זיך נאָס דעם הינטן... און מען ווייסט וואָס מען זעט...״ יואל האָט אַ ווייז געטאָן מיט דער גאָמבע אויף אַבראַשקען וועלכער האָט זיך אַרומגעפּאָרעט ביים בראָכוואָרג לעבן דער קוזשניע. „אַ ווייל יאַטל״, האָט ער אַ מורמל געטאָן. „דיינער אַ קרוב?״

„ניין״, האָט יעקב אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ. „ר׳איז ר״ פּייוועלע מילנערס. כ׳האָב געלערנט מיט אים חומש מיט רש״י. אַצינד ט׳מען אָנגעהויבן גמרא״.

„אָבער ער איז דיינער אַן אַנדער מין קרוב, הע? אַ חבֿרל איז ער דיינס, נישט אַזוי?״

„יאָ... אַ חבֿרל״, האָט יעקב בלייך אויפגעשמייכלט. זיינע בליקן האָבן זיך באַגעגנט מיט יואלס און אויף אַ רגע האָט זיך עפּעס פאַרקייטלט צווישן זיי.

אויפן וועג צוריק איז סוסין טאַקע בעסער געוואָרן און יעקב מיט אַבראַשקען האָבן זיך אַרויפגעזעצט אויף אים רייטן. אָפּגעריטן אַ שטיקל וועג, האָט אַבראַשקע אויסגערופן: „ניי, דערצייל אַ מעשׂה, שנעלער!״ יעקב האָט נישט געוואָלט דער־ציילן. די באַגעגעניש מיט יואלן האָט אים צערודערט. ער האָט נאָך געפילט אויף זיך יואלס בליק, געזען פאַר זיך דעם שמידס געשטאַלט. אַזאַ רעטעניש פון אַ מענטש. אַ שוואַרצער מגושמדיקער גוף פון אַ שיכּור, פון אַ גזלן, מיט אַזאַ זיידן ליכט, יאָ, אַ זיידן־ברייִק ליכט וואָס האָט אַרויסגעשטראַלט פון אונטער דער מאַסקע פון שוואַרצער הויט און שוואַרצע אויגן. „דערצייל יאָ!״ איז אַבראַש־קע צוגעשטאַנען. „אַצינדער, אין דער פינצטער, ׳עלן דיינע ניסתּרדיקע מעשׂיות אַקוראַט פּאַסן!״

יעקב האָט געשוויגן.

ווען זיי זיינען אונטערגעקומען צום בלויען באַרג, האָבן זיי דערזען ווי דער באַרג מיניעט מיט לאַמטערן־פלעמלעך, ווי ער וואָלט באַלאַגערט געוואָרן פון אַ כאַפּטע ריזיקע גליוועריעם. אַ פּאָר פון די פלעמלעך זיינען געשפּרונגען

אַראָפּ־אַראָפּ — זיי אַנטקעגן. יעקב און אַבראַשע זיינען אַראָפּ פון פערד און זיך פאַרנומען אַרויפצוקלעטערן דעם באַרג, ווי זיי האָבן פּלוצעם דערקענט ר׳ פייוועלען און צירעלען, די „אַמעשי״ און דעם „גאַספּאַדאַזש״, צוזאַמען מיט אַ פּאָר פּאַראַבקעס זיי אַנטקעגנלויפן. דער הונט באַביק האָט דער ערשטער אַ שפּרונג געטאָן אויף יעקבן און אים געלעקט דאָס פּנים מיט התלהבות. גלייך דערנאָך איז ר׳ פייוועלע אַרויפגעפאַלן אויף יעקבן און האָט אים אַנגעכאַפּט פאַרן קראַגן אונטערן האַלדז, שוין גאָרנישט התלהבותדיק.

„וווּ זענט עץ געוועזן, לאַטיק איינער? מ׳איז דאָך שיער נישט אַראָפּ פון זינען, וויי איז מיר נישט געשריגן!״ האָט ער געדעוועט, געטרייסלט יעקבן און צוזאַמענגעפּרעסט דעם קאָלנער אונטער זיין האַלדז ווי ער וואָלט זיך פאַר־נומען אים צו דערשטיקן.

„שלאָג אים נישט! שלאָג אים נישט, טאַטשי!״ האָט אַבראַשקע געצאַפּלט, זיך אַנגעהאַנגען אָן ר׳ פייוועלעס גאַרטל און אים מיט אַלע כּוחות געפּרווט אָוועקרייסן פון יעקבן. „סוסין האָט וויי געטאָן אַ פוס!״ האָט ער געדעוועט אויף אַלע כּלים. „ביי יואלן דעם שמיד איז מען געוועזן!״

„נישט גוט ווערט מיר!״ האָט די לאַנגע צירעלע אַ געשריי געטאָן און איז זיך שיִער נישט פאַרגאַנגען אין חלשות. „ביים מכשף זענען ז׳געוועזן!״ און זי האָט אויסגעשפּיגן דריי מאָל, אַ כאַפּ געטאָן אַבראַשקען אין די אָרעמס, און בעת אַבראַשקע האָט נישט נאָכגעלאָזט דעם פאָטערס פּאָלעס, אים גיך זיבן מאָל אויסגעלעקט די אויגן. „וויי איז מיר״, האָט זי געשטאַמלט, שוין גאָרנישט ווי די זאָכלעכע צירעלע פון אַלע טאָג. „ביי דעם נישט־גוטן געוועזן, דערצו זונטיק ביי נאַכט, די וועגן פול מיט שיכּורים און ווילקאָלאַקעס!״

ר׳ פייוועלע האָט אַזוי ראַפּטעם אָפּגעלאָזט יעקבן, אַז יעקב האָט זיך שיִער נישט איבערגעקערט אויף צוריק. ר׳ פייוועלע איז אים נאָכגעשפּרונגען, אים אַנגעכאַפּט מיט אַ האַנט פאַרן אַרבל און מיט אַ פינגער אים ענערגיש געפאָכעט אים פאַרן פּנים: „ד׳טויגסט נישט מער, יעקב, ד׳הערסט? אַ רוח אין דיר, ד׳טויגסט נישט!״ ער האָט אים ווידער גענומען טרייסלען פאַר די קלאַפּעס, ביז ער האָט זיך אַ ביסל באַרויִקט און אויסגעפּירט: „אַ, ניין! ס׳ט נישט בלייבן ביי מיר. ס׳ט פּאַקן ס׳פּעקל און דיך אָפּטראָגן!״

„ער ׳עט נישט!״ האָט אַבראַשקע אַ שפּרונג געטאָן ווי אַן אָפּגעבריטער. „איך ׳על גיין מיט אים!״ דאָ איז ער מיט אַן אָנגעדראָלן פּנים און מיט אַנגע־שטעלטע פויסטלעך צוגעפאַלן צו ר׳ פייוועלען: „טאַטשי, זאָלסט געדענקען... טאַמער, טאַטשי... ׳על עך דיך דערהרגענען!״

צירעלע האָט זיך אַנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ און ר׳ פייוועלע מיט יעקבן האָבן צוזאַמען אויסגערופן: „אַ טאַטן?״

ר׳ פייוועלע האָט געוואָלט אַ כאַפּ טאָן אַבראַשקען, אָבער צירעלע האָט אים

אַ שלעפּ געטאָן פּאַרויס. „אַ חרפּה און אַ בושה!" האָט זי זיך אויף אים געבייזערט.

אַלע איבעריקע זיינען נאָכגעגאַנגען פון הינטן. יעקב װעלכער האָט פון דער זייט אַליין אַרויפגעקלעטערט דעם באַרג, האָט געזען װי פּרעדקאַ, די אַם, האַלט זיך אין איין צלמען און איבערחזרן אויף ייִדיש: „אַבי ז'זענען דאָ, גאָט זיי דאַנק!"

איבער נאַכט האָט ר' פּייװעלע פאַרלוירן דעם חשק משלח צו זיין יעקבן און אויף מאָרגן האָט ער זיך צו אים באַנומען װי קיין מאָל װאָלט גאָרנישט געשען.

2

יעקב און אַבראַשקע זיינען אַנגעגאַנגען מיט די זונטיק־שפּאַצירן מיט סוסין. אָבער דער פאַרגעניגן פון אַרויסלאָזן זיך רייטן צוזאַמען איז פאַרשאַטנט געװאָרן מיט דער זאָרג: טאָמער װעט עפּעס געשען און ר'פּייװעלע װעט לסוף אויספירן זיין סטראַשען און משלח זיין יעקבן. איז געשען, אַז גראָד צוליב אָט דעם בשותּפותדיקן פּחד, זיינען די שפּאַצירן טאָפּלט טייער געװאָרן און יעקב און אַבראַשקע האָבן זיך געפילט נאָך מער צוגעבונדן צו זיך.

גאָר גיך האָט אַבראַשקע זיך אויסגעלערנט אַליין רייטן אויפן פערד. אַהיימ־געקומען פון די שפּאַצירן, האָט ער פאַראַדירט פאַרן פאָטער אַליין, אויף סוסין. ער איז אַרומגעריטן דעם הויף און קליין און גרויס האָט צוזאַמען מיט ר' פּייװע־לען צוגעקוקט און אַנגעקװאָלן, געפּאַטשט בראַװאָ און אים נאָכגערופן: „מאָלאָ־דיעץ! מאָלאָדיעץ!"

ר' פּייװעלע האָט נחתדיק געברומט אין דער באָרד אַריין: „אַ פייער פון אַ יונג!" ער האָט הויך געלאַכט, צוגעפּאַכעט אַבראַשקען װען ער איז אים פאַרבייגעריטן און אַרויפגעלייגט די הענט אויף די אַקסלען פון זיין עלטערן זונדל, שלמהלען. „זעסט, קיק, תּנאלע", האָט ער אים לייכט אונטערגעשטופּט. „ס'איז נישטאָ װאָס מורא צו האָבן".

„כ'װייס, טאַטשי", האָט שלמהלע פאַרלעגן געשמייכלט. „אָבער צו װאָס דאַרף מען רייטן אויף אַ פערד, אַז ס'איז דאָ אַ בריטשקע?"

שלמהלע האָט געמיינט װאָס ער האָט געזאָגט. ער האָט נישט געזען קיין װאוּשנע זאַכן אין רייטן אויף אַ פערד. ער איז געװען דער היפּוך פון אַבראַשקען. אַ פעטינקער, אומגעלומפּערטער, האָט ער זיך געהאַלטן נאָענט פון צירעלעס ספּאָדניצע. ער האָט געזען די װעלט מיט אירע אויגן. און די װעלט איז פול געװען מיט שדים און נישט־גוטע, װאָס האָבן געלויערט אַפילו אין די פליגל פון דער מיל. איז נישט געװען צוליב װאָס צו רייסן זיך צו אָט דער װעלט, װען דאָס זיכערסטע אָרט איז געװען דאָרט װוּ די שדים האָבן קיין שליטה נישט געהאָט:

לעבן דער מאַמען, אין דער קיך, ביים אויוון. דאָרט האָט זיך געשמאַק און לייכט געקנעלט. ער איז געווען אַ פּלייסיקער לערנער.

וואָס שייך ר׳ פּייוועלען, איז זיין ערשטע ליבע טאַקע געווען די מיל, אָבער גלייך דערנאָך איז געקומען זיין שוואַכקייט צו פערד. גניאַדי־סוסי איז געווען אויך זיין ליבלינג און ער אַליין פלעגט זיך אָפּט אַרויפכאַפּן אויפן פערד און זיך איבעררייטן איבער די פעלדער.

אַצינד, אַז ער האָט געזען זיין קליינעם זונדל אויף גניאַדין, האָט דאָס ממש צעשפּאַרט זיין האַרץ מיט ליבשאַפט פאַר דעם בחורל. ער האָט געפילט אַזאַ נאָענטקייט צו אים, ווי דער קליינער, וואָס איז געווען אַזוי געראָטן אין אים — וואָלט געווען ער אַליין — נאָר אין אַ נייער, מער שלמותדיקער פאָרעם. און ביי זיך אין האַרצן האָט ר׳ פּייוועלע נישט געקאָנט תּופס זיין פאַר וואָס אַבראַשקע האָט דאָס גאָרנישט געפילט, פאַר וואָס אים האָט נישט געצויגן צום טאַטן, ווי דעם טאַטן האָט געצויגן צו אים — נאָר ער האָט געווייכט פון אים, תּמיד אַן אָנגעברוגזטער, מיט אַ באַהאַלטענעם פּחד אין די אויגן.

אין אַ צייט אַרום האָט ר׳פּייוועלע באַשלאָסן צונויפצופּאָרן דעם זגראַבנעם קלוגן סוסין מיט אַ שיינער, געזונטער קאַבילע — און ס׳איז געקומען אויף דער וועלט אַ לאָשיקל, וואָס אַבראַשקע האָט זיך אין אים אויפן אָרט פאַרליבט.

ר׳ פּייוועלע איז געזעסן אויף דער פּריזבע און צוגעקוקט ווי אַבראַשע האָצקעט אַרום מיטן לאָשיק. דאָס האַרץ האָט אַזש אונטערגעטאַנצט אין ר׳ פּייוועלען. אים איז אויסגעקומען ווי ער וואָלט אַצינד נישט געזעסן אָט דאָ, לעבן זיין צירעלען, וועלכע האָט ענערגיש געשטריקט מיט די לאַנגע שפּיזלען און האָט זאַכלעך אים מוסר געזאָגט וועגן דעם און יענעם — נאָר ווי דאָס וואָלט ער אַליין געווען אָט דאָס בחורל וואָס האָט געשפּילט אין יאַגעלעך מיטן לאָשיק. אַ חשק איז אים באַפאַלן זיך אַ יאָג צו טאָן נאָכן זונדל, אַריינצוכאַפּן אים אין די אָרעמס און צופּרעסן צו זיך — זיין אייגנס, זיין פלייש און בלוט, זיין נשמה. נאָר ער האָט זיך געשעמט פאַר צירעלען, וועלכע וואָלט באַלד אָפּגע־טראָפן ווי קינדעריש עס האָט זיך אים פאַרבענקט אַ שפּיל צו טאָן — און זי וואָלט אים דאָס נישט מוחל געווען.

האָט ער אויסגערופן צום זונדל מיט אַ טאָן, ווי ער וואָלט זיך וועלן אונטערחנדלען צו אים: „ווילסט אים, אַבראַשקע?״

אַבראַשקע האָט אויפגעהערט אַרומצוהאָווען און איז שטיין געבליבן פון דער ווייטן. „און אַז עך וויל אים״, האָט ער מיט חשד אָנגעקוקט דעם פאָטער, „טאָ וואָס?״

„אַז ד׳ווילסט אים, איז ער דיינער!״ האָט ר׳ פּייוועלע אויסגערופן.

„מיינער?״ האָט דער קליינער איבערגעפרעגט מיט אומצוטרוי.

„אַזוי ווי ד׳הערסט. און קום אַהער צום טאַטן און גיב אַ קוש אין האַנט!״

„נאָר מיינער ? מיין אייגענער און קיינעמס נישט ?" האָט אַבראַשקע נאָך אַלץ נישט געגלייבט.

„נאָר דיינער און מער קיינעמס נישט. נו, קום שוין אַהער !"

אַנשטאָט צוצולויפן צו ר' פּיוועלען, האָט אַבראַשקע זיך נאָכגעלאָזט אין אַ גאַלאָפּ און זיך צערעוועט : „יעקב, יעקב ! כ'האָב אַ לאָשיק !"

יעקב איז אָפּערגעקומען פון הינטערן הויז און אַבראַשקע איז צוגעפאַלן צו אים און אים צוגעשלעפּט צום פּלויט ווו דער לאָשיק האָט געצופּט אַ קעמפּע גראָז.

„נו, ד'זעסט שוין וואָסאַרא גוטן טאַטן ד'האָסט ?" האָט יעקב צופרידן געגלעט דעם לאָשיק אונטער דער מאָרדע. ר' פּיוועלע האָט זיך אָפּט געקלאָגט פאַר אים, אַז אַבראַשקע האָט פאַר אים נישט קיין געפילן פון אַ זון, און יעקב האָט זיך די מי געטאָן צו געווינען דעם קליינעם פאַרן פאָטער. „ווי'סטע רופן דעם לאָשיק דיינעם, הע ?" האָט ער געפרעגט אַבראַשקען.

„וואָס הייסט ווי כ'על אים רופן ?" האָט אַבראַשקע איבערגעפרעגט. „סוסי בן סוסי 'על עך אים רופן !"

אַבראַשקען און סוסי בן סוסין האָט מען גאָרנישט געקאָנט צעשיידן. אַבראַשקע האָט שעהן פאַרבראַכט אין שטאַל און געלערנט ביי די פּאַראָבקעס ווי אומצוגיין מיט פערד. ער האָט אַליין געקאָרמעט סוסי בן סוסין, אַליין אים געפּוצט און געוואַשן. ס'האָט זיך אים אַזוי צעפּערדלט אין קאָפּ, אַז אַפילו בעתן לערנען מיט יעקבן, האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט מיט „פערדישע קשיות", ווי למשל, צי אַ פערד קאָן קלערן, צי אַ פערד האָט אַ נשמה, צי אַ פערד קאָן אויף אַן אמת ליב האָבן אַ מענטשן, און פאַר וואָס משיח וועט נישט קומען צו רייטן אויף אַ פערד, נאָר אויף אַן אייזעלע ? אַפילו ווען מ'איז צוגעקומען צו פּירושים וואָס אַבראַשקע האָט געווײַנטלעך ליב געהאַט אָפּצופּרעגן און פאַר־טרעטן מיט אייגענע, איז אַבראַשקע געווען גלייכגילטיק.

„קריגסט אַ פערדישן קאָפּ !" האָט יעקב אים געשויבערט די קורצע צעפּאַטלטע קושטמעס האָר.

„נאַ, קיק, אַ גריווע וואַקסט מיר !" האָט אַבראַשקע זיך אָנגעכאַפּט ביי די פּאַהלעך. זיי האָבן זיך שטיפעריש איבערגעוווּנקען, ווי נישט איז איבערגעקומען דאָס קנעלן, און זיך אַרויסגעלאָזט אין דרויסן.

אַז יעקב האָט באַוויזן זיך אַהיימצוכאַפּן צו דער מאַמען אויף פרייטיק צו נאַכטס, האָט ער זיך אויף מאָרגן באַלד אין דער פרי צוריקגעאיילט צו דער מיל, כדי נישט צו פאַרפעלן דאָס שבתדיקע עסן און זיך צוהערן צו אַלע ניייעסן וואָס ר' פּיוועלע און זיינע אורחים האָבן דערציילט און אַרומגעשמועסט. אויפן טיש איז געשטאַנען די זילבערנע קאַנדעלאַברע. דער וויין האָט גע־

לויכטן אין קאַראַף ווי אַ שטיק רובין, אַרומגעשטעלט מיט זילבערנע בעכערס, קרישטאָלענע גלעזער, קלאָשן; דאָס פּאָרצעלייענע באַגאָלדיקטע געפעס און דאָס זילבערנע באַשטעק האָבן געפינקלט און זיך איבערגעוואָרפן מיט ליכטבליצן.

די לאַנגע צירעלע איז געווען אויסגעפּוצט אין איר שבתדיקן שוואַרץ־זיידענעם קלייד באַצירט מיט ווייסע פּריזקעס און מיט פּערל; ציטערשפּילקעס מיט פּערל האָבן אַרויסגעשימערט פון קוילעטש פון איר שייטל אויפן קאַרק. זי איז געזעסן אַנטקעגן ר׳ פּייוועלען, וועלכער האָט פאַרנומען דעם פּאַטערשטול אויבן אָן. דאָס ווייסע העמד האָט אַפּערגעקוקט פון אונטער זיין אַטלעסענער קאַפּאָטע, די זיידענע יאַרמלקע האָט געשיינט און זיך געשפּילט מיטן ליכט וואָס האָט זיך דורך אַלע זייטן אַריינגעגאָסן דורך די פענצטער. זיין אויסגערוט פּנים האָט געלויכטן אַ צעגליטס מיט אַ מין באַזונדערן שבתדיקן פייער. מיט אַ מין אויסגעאיידלטער בענקעניש האָבן זיך זיינע בליקן באַגעגנט מיט צירעלעס איבערן טיש. צוביידע זייטן פון מאַן און ווייב זיינען געזעסן די קינדער, די אורחים און יעקב. זיי זיינען אַלע געווען אויסגעשלאָסן פון אָט דער שפּילעוודיק־דערהויבענער שפּאַנונג צווישן ר׳ פּייוועלען און צירעלען, אָבער איינגעשלאָסן אין דער אויסשטראַלונג, אין דעם וואַרעמען אָפּשיין פון זייערע בליקן.

בעת־מעשה האָט זאָשקע, דער „אַמעשיס״ עלטסטע טאָכטער דערלאַנגט צום טיש: באַגאָלדיקטע טעלערס מיט קאַרפּנקעפּ און געגליווערטער פישיויך, געהאַקטע לעבערלעך מיט ציבעלע, גאַלער, הערינג מיט פּאָמידאָרן און דערנאָך איז געקומען דער יאַפּצאַק מיט דער געפילטער קישקע, מיט געגדזנס און קאַשקע און אַ קוגעלע מיט ניס און ראָזשינקעס. ר׳ פּייוועלע האָט ליב געהאַט גוט צו עסן און צו טרינקען, און ער האָט איינלאַדנדיק פאַרגעשלאָגן די אורחים אַ כּוסע און נאָך איינע. מען האָט אויפגעגנאַשט דאָס צימעס, דעם קאָמפּאָט פון עפּל מיט פלוימען. מען האָט געזונגען זמירות. ר׳ פּייוועלע האָט פאַרהערט די זונדלעך; די אורחים האָבן געלויבט, געמאַכט קאָמפּלימענטן צירעלען, געשאָקלט מיט די קעפּ צו יעקבן.

דערנאָך איז דאָס קליינוואַרג פאַרשווונדן פון טיש, צירעלע איז אַריין זיך צולעגן אין איר אַלקער, און די אורחים האָבן גענומען דערציילן וועגן דעם ווי עס לעבט זיך ייִדן אין זייערע מקומות. זיי האָבן געפּרוווט דערמאָנען די מלחמה וועלכע האָט געבראַכט אַזעלכע שווערע קלעפּ פאַר רוסלאַנד, ווייל די דייטשן האָבן שוין געהאַט פאַרנומען דעם גאַנצן מערבדיקן ברעג פון דער ווייסל.

אָבער ר׳ פּייוועלע האָט זיי איבערגעריסן און זיי דערקלערט, אַז שבת ביים טיש מעג ער זיך פאַרגינען נישט צו שמועסן וועגן אויפרעגנדיקע ענינים, און ער האָט פאַרגעשלאָגן די געסט זאָלן זיך אויך צולעגן אַ ביסל. דעמאָלט האָט יעקב אויסגעקוקט, אַז ווער פון די אורחים זאָל נישט האָבן קיין באַזונ־

דערן חשק צו שלאָפֿן, נאָר אים זאָל זיך גלוסטן זיך איבערצוגיין אַ ביסל, און ער האָט זיך גלייך אָנגעבאָטן צו זיין אַ באַגלייטער. אַזוי האָט ער גענומען דעם אורח באַשיטן מיט שאלות וועגן די ווייטע מקומות, דעם לעבן וואָס איז אים פֿרעמד געווען.

דער וויכטיקסטער טייל פֿון שבת האָט זיך פֿאַר יעקבן ערשט אָנגעהויבן ווען ר׳ פּייוועלע איז אַרויסגעקומען פֿון שלאָפֿאַלקער אַ צערויטלטער, אין ווייסן העמד, אין אַ צעקנעפּלטן געבלימלטן כאַלאַט מיט שוואַרצע סאַמעטענע קלאַפּעס, מיט ווייכע שטובלאַטשן אויף די פֿיס; און פֿון די חדרים זיינען אַרויסגעקומען די אורחים. זאָשקע האָט אַרויסגעבראַכט גריוועגעס, זכר־אַרבעס, אַ קיישל מיט פּרוכטן, אַ שיסל מיט פֿאַזעמקעס מיט צוקער, קיכלעך און לעקעך, און דאָס אַלץ אויסגעשטעלט אויפֿן טיש אויף דער וועראַנדע. דערנאָך האָט זי אַרויסגעבראַכט דעם סאַמאָוואַר און בעת די אורחים האָבן זיך באַקוועם געמאַכט אין די שטרוי־געפֿלאָכטענע פֿאָטעלן באַלייגטע מיט קישעלעך, האָט זי איינגעגאָסן און סערווירט דעם בורשטין־רויטן, שטאַרק־אָנגעצויגענעם טיי.

אַזוי האָט מען געוואַרט אויף די שבתדיקע געסט פֿון באַטשאַני, אויף שמוליקלען רופֿא מיט זיין ווייב און אויפֿן ליסען שרייבער, גאַספּאַדין פּייפֿער, דעם „דיני־עקאָפּ״, וועלכע האָבן געדאַרפֿט מיט אַ שפּאַציר אָנקומען פֿון ברייטן טאָפּאָליע־וועג.

עס האָט נישט לאַנג גענומען ווי די צוויי מאַנספּאַרשוינען האָבן זיך באַוויזן אויפֿן שטעגל באַרג־אַרויף, און ווייט הינטער זיי — די צוויי דאַמעס, די מענער מיט שפּאַציר־שטעקנס אין די הענט און די דאַמעס — מיט שירעמלעך. שמוליקל רופֿא האָט געטראָגן אַ פּאַק צייטונגען אונטערן אָרעם און ווי ער האָט אַ פֿאַר־סאַפּעטער דערגרייכט די וועראַנדע, האָט ער זיי אַראָפּגעלאָזט אויף אַ פֿרייען שטרויפֿאָטעל, און אַליין האָט ער זיך מיט אַ דערלייכטערטן „אַ...״ אַראָפּגעלאָזט אין אַ פֿאָטעל דערלעבן.

ס׳האָט גענומען אַ ביסל צייט ביז די דאַמעס זיינען אונטערגעקומען. מען האָט אָפּגעסאָפּעט, זיך געפֿאָכעט מיט די באַטיסטענע טיכלעך, געווישט דעם שווייס און זיך באַקוועם געמאַכט אויף די געזעסן. צירעלע, אויסגעפּוצט אין אַ געפֿאַלדעוועט לאַנג שטובנקלייד, אַן אויסגעצירטס מיט באַטיסטענע ריזשקעס, אַ קלייד געמאַכט ספּעציעל פֿאַר אָט די שבת־נאָכמיטאָגדיקע אויפֿנאַמעס, האָט זיך אַן אויסגעשלאָפֿענע באַוויזן אויף דער וועראַנדע און זיך צעקושט מיט די ווייבער.

באַלד איז מען געווען פֿונאַנדערגעטיילט, מענער פֿון איין זייט, פֿרויען פֿון דער אַנדערער, און אַזוי האָט מען צוזאַמען געזופּט די טיי, פֿאַרזוכט דעם כּיבוד, זיך מחיה געווען, אָנגעהויבן צו רעדן וועגן היינטיקן וועטער, און דערנאָך וועגן וועטער פֿון נעכטן, אייערנעכטן, עס פֿאַרגלייכט מיטן היינטיקן און פֿיר־

געזאָגט וואָס פאַר אַ טאָג עס דאַרפט מאָרגן זיין. בעת־מעשה איז ר׳ פּייוועלע אַריינגעלאָפן אין „קאָנטור״, צוריקגעקומען מיט אַ פּאַק צייטונגען און זשור־נאַלן, און אים פאַרטײַטשט מיט דעם וואָס שמוליקל רופא האָט נאָר וואָס געבראַכט.

שמוליקל רופא האָט באַלד געכאַפּט אַ צייטונג פון שטוים, גענומען עפּעס פאַרלייענען, קאָכן זיך, און עס איז אַוועק אַ וויכוח. יעקב האָט אָנגעשפּיצט די אויערן. ער איז געזעסן דרויסן, אָנגעשפּאַרט מיטן רוקן אָן דער וועראַנדע און אַבראַשקע האָט שוין געוווסט, אַז שבת נאָך מיטאָג איז יעקב פאַר אים אַ פאַרלוירענער — ביז צו הבדלה.

די לאַנגע צירעלע האָט זיך זעלטן אָפּגערופן מיט אַ וואָרט צו די צוויי פּראָוויזיצימערס וואָס זיינען געזעסן צו ביידע זייטן פון איר. זי האָט זיך צווישן זיי געפילט ווי אַ דינסטמויד, אַ דאָרף־זיצערקע, אַ פאַרגרעבטע, וועלכע איז דאָ געוווען נאָר כּדי צו דערלאַנגען די צוויי דאַמעס, וועלכע זיינען געוווען שטאַרק אינטעליגענט און האָבן געלייענט רוסישע און דייטשע ביכער — נאָך אַ שטיקל לעקעך, צי דערגיסן זיי טיי פון סאַמאָוואַר און אַרויסברענגען קילימס צוצו־דעקן זייערע איידעלע פיס, ווען ס׳האָט זיך געמאַכט קיל.

די הייבאַם, שמוליקל רופאס ווייב, איז געוווען אויסגעצירט אין אַ גרויס־שטאַטיש קלייד, לאַנג און לויז, אָבער אָן פאַלדן, פון אָן איינטאָניקן אַש־גרויען קאָליר, אין אַ שוואַרצן זשאַקעט פאַרקנעפּלט אויף אַלע קנעפּלעך ביז אונטערן האַלדז, ווי אַ גענעראַל. און דעם שרייבערס ווייב, גראָד פאַרקערט, האָט געטראָגן אַ קלייד פון דער לעצטער פּאַריזער מאָדע, פון אַ שרייענדיקן באָרדאָ־קאָליר, מיט נעט־געפּאַסטע אַרבל, אַ נעטן סטאַן און אַ גרויסן דעקאָלט פאַרדעקט מיט אַ מין גאַזעשטאָף. אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ גרויסן הוט מיט אַ גאָרטן און אַ סאָד פון קינסטלעכע בלומען און פרוכטן. ביידע ווייבער האָבן געטראָגן די אייגענע האָר און דעם שרייבערס ווייב איז געוווען אַ „געטלעניטעט״ בלאָנדינע. צירעלע איז דערפאַר אירע אורחטעס נישט מקנא געוווען. זי איז געוווען זיכער, אַז אויף יענער־וועלט וועט זי זיך מיט זיי נישט באַגעגענען. די טויערן פון גיהנום זיינען געשטאַנען אָפן פאַר זיי. — און זיי זיינען סיי ווי נישט געוווען אירע געסט, נאָר „זיינע״.

די רופאטע און דעם שרייבערס ווייב האָבן אַריבערגערעדט איינע צו דער אַנדערער דורך צירעלען, וועלכע האָט לשם גאַסטפרײַנדלעכקייט געדרייט דעם קאָפּ איין מאָל צו איינער, איין מאָל צו דער אַנדערער. בעת־מעשה האָט זי זיך געשפּילט מיטן נישט־דערטרונקענעם גלעזל טיי אויפן טעצל.

דער רופאטעס באַליבטע טעמע איז געוווען „היגיעניע״ און זי האָט, מיט אַ טיכעלע ביי די שלייפן, זיך געקלאָגט אויף דעם שרעקלעכן מצב אין שטעטל: „ס׳האָט זיך קיין האָר נישט געענדערט זינט די צייטן פון קאָלטוניעזש, וואָס דער מעדיצינישער טערמין דערפאַר איז פּלוקאַ פּאָלאָניקאַ״.

די רופֿאטע האָט מיט אַ קרעכץ דערציילט וועגן דער מגפֿה פֿון פֿאַרקאַלטנ־טע בערד און פֿאות און גערעדט וועגן דער פֿינצטערניש און דעם „אָבערגלאַובען" אין באַטשאַני; און ווי ייִדן האָבן אַריינגעוואָרפֿן שטיינער צו איר אין שטוב, אויסגעהאַקט די שויבן; און ווי בעתן לעצטן פּאָגראָם האָבן דאָס זעלביקע געטאָן די גויים.

דעם שרייבערס ווייב וועלכע איז באמת געווען אַ שיינע קאָקעטישע דאַ־מולקע, מיט אַ פּעפּערל לעבן דער נאָז, און וועלכע איז געווען נאָך מער געביל־דעט פֿון דער רופֿאטע, ווייל זי האָט קיין וואָרט ייִדיש נישט פֿאַרשטאַנען, האָט נישט געהאַט קיין ברעקל אינטערעס פֿאַר דעם לעבן אין באַטשאַני. זי האָט קוים באַמערקט, אַז זי לעבט דאָ. אין איר געדאַנק האָט זי תּמיד פֿאַרבראַכט אין די הויפּטשטעט פֿון „אויראָפּאַ". און הגם זי איז קיין מאָל אין איר לעבן נישט געווען ווייטער פֿון שעלץ, האָט זי פֿון איר מאַנס צייטונגען געניט געוווּסט וואָס „מען טראָגט" אין „אויראָפּאַ" און וואָס מען שפּילט דאָרט אין דער „אָפּעראַ". אַ טאָכטער פֿון אַ שעלצער סוחר, וועלכער האָט זיך געהאַט באַפֿרייט נישט נאָר פֿון דער קאַפּאָטע און פֿאות, נאָר אויך פֿון אַ סך אַנדערע „שוואַכקייטן" פֿון זיין ראַסע און האָט געשטרעבט צו זיין ככל הגויים, איז איר דאָס וואָס די רופֿאטע האָט דערציילט אויסגעקומען ווילד־פֿרעמד און נישט אינטערעסאַנט.

האָט זי זיך באַמיט אַריבערצופֿירן דעם שמועס אויף אירע דרכים און זי האָט באַמערקט: „אין אויראָפּאַ טראָגן די מענער אויך בערד. אָבער וואָס פֿאַר אַ בערד! אַ באָרד איז דאָך דאָס שענסטע און עלעגאַנטסטע אין אַ מענערישער געשטאַלט!" און זי האָט געוואָרפֿן אַן אומצופֿרידענעם בליק אויף איר ליסען מאַן. גערעדט האָט זי אַן עלעגאַנטן וואַרשעווער פּויליש, בעת די רופֿאטע האָט איר געענטפֿערט אין נאָך אַ שענערן און עלעגאַנטערן קראָקעווער פּויליש.

דער שמועס צווישן די פֿרויען האָט זיך בשום־אופֿן נישט געוואָלט קלעפּן. ס'איז געווען קלאָר, אַז נישט געקוקט דערויף וואָס די צוויי דאַמעס האָבן זיך פֿאַרהאַלטן לגבי זיך לויט אַלע כּללים פֿון דער עטיקעט, האָבן זיי זיך קעגנזייטיק נישט געקאָנט פֿאַרטראָגן. און באמת, נאָך אַ קורצער צייט האָט דער שמועס צווישן זיי גענומען אויסגיין ווי אַ פּלעמל אַן אייל.

ביז די רופֿאטע איז באַלעבט געוואָרן אַ דאַנק די רייד וואָס זי האָט אונטער־געכאַפּט ביי די מענער. זי האָט אַוועקגענומען דאָס טיכעלע פֿון קאָפּ און האָט אַן צערעמאָניעס זיך גענומען באַטייליקן אין דעם מענערישן שמועס.

דער גאַלער שרייבער, גאַספּאַדין פּייפער, האָט גראָד געהאַלטן אין מיטן אַרויסברענגען אין אַ דייטשמערישן ייִדיש זיין טעאָריע פֿון „טאָטאַלער אַסי־מילאַציאָן" ווי די איינציקע לייזונג פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק — וואָס איז גאָר קיין פֿאָלק נישט געווען, נאָר אַ רעליגיעזע סעקטע, אַ פֿאַנאַטישע, פֿינצטערע, וועלכע

האָט נישט געהאַט קיין אָנונג וועגן פּראָגרעס און האָט געלעבט און „געדענקט" היינט, פּונקט ווי זי האָט געלעבט און „געדענקט" מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק.

עס האָט פאַרלאַנגט אַ גרויסן פּערזענלעכן מוט אין אַזאַ געזעלשאַפט, אין דער שטוב פון אַ בעל־הבית, וועלכער האָט געטראָגן אַ קאַפּל און די תכלת־פאַסן פון זיין טלית־קטן האָבן אַרויסגעקוקט פון אונטער זיין געבלימלטן נאָכמיטאָג־ראָק, אַרויסצוקומען מיט אַזעלכע טעאָריעס. אָבער דער גאַלער „שרייבער" איז געווען אַ קעמפער פאַר זיינע איבערצייגונגען, און דאָ, ביי ר׳ פּייוועלען אויף דער וועראַנדע, איז געווען דאָס איינציקע אָרט ווו ער האָט יעדן שבת נאָך מיטאָג געקאָנט אָט די קעמפערישקייט באַווייזן. ווייל ר׳ פּייוועלע האָט געהערט צו דעם טיפּ מענטשן וואָס האָבן נישט מורא געהאַט צו הערן און ער האָט שטאַרק ליב געהאַט צו ענטפערן אויך.

„היינט", איז דער הער פייפער אָנגעגאַנגען, „אין די טעג פון אויטאָמאָביל און דראַטלאָזן טעלעגראַף, ווען אין אייראָפּאַ האָט מען דערגרייכט דעם ניוואָ פון העכסטער טעכניק און ציוויליזאַציאָן, איז נישט צו גלויבן, אַז אין סאַמע האַרץ פון פאַרגעשריטנסטן קאָנטינענט אין דער וועלט, זאָל לעבן אַ געמיינשאַפט אויף אַזאַ נידעריקן ניוואָ פון קולטור. און שולדיק דערין, מיינע פריינד, איז דאָס קלאַמערן זיך אין פּאַרצייטישע קליידער, אין דעם פּאַרצייטישן ערציונגס־סיסטעם, דאָס בויען אַ לעבן געשטיצט אויף די גרונטלאַזע און ווידערשפּרעכלעכע אידעען פון תלמוד. אויב איר, מיינע פריינד, זאָלט מיך פרעגן, וואָלט איך, פאַרן ווייל פון פולשטענדיקער עמאַנציפּאַציאָן פאַרלאַנגט דאָס זעלבע וואָס די אויפגעקלערטע צווישן אונדז האָבן שוין אין פאַריקן יאָרהונדערט אָנגעהויבן צו פאַרלאַנגען: אַז מען זאָל פאַרבאָטן די קליידונג וואָס מאַכט אונדז אויסזען ווי קלאַונען און רופט אַרויס געלעכטער ביי אַ ציוויליזירטן מענטשן. און איך וואָלט מיט צוואַנג געשיקט די קינדער אין מאָדערנע שולעס".

ר׳ פּייוועלע האָט זיך אַ רוק געטאָן אויף זיין שטרויענעם פאָטעל און אויסגערופן: „און צום שמד וואָלט איר זיי נישט געצווונגען, הער פייפער? איר זענט נישט אַ מאָל פּונקט אַזוי פאַנאַטיש מיט אייער אַסימילאַציאָן, ווי ייִדן זענען פאַנאַטיש מיט זייער רעליגיאָן?"

„איך, פאַנאַטיש?" האָט דער שרייבער אויפגעלאַכט. „איך בין דער גרעס־טער אָנהענגער פון טאָלעראַנץ. טאַקע דערפאַר פאַראורטייל איך דאָס צווינגען ייִדן צום שמד. דאָס דויטשע ייִדנטום איז פאַר מיר אַ מוסטער. מעג יעדער זיך האָבן זיין רעליגיאָן, אָבער זאָל ער מיטגיין מיטן פּראָגרעס".

„וואָהין? אין דער מלחמה אריין?" האָט ר׳ פּייוועלע זיך שוין געקאָכט. „אָט האָט איר דאָך אייערע פּראָגרעסיווע מדינות אויפן פּראָגרעסיווסטן קאָנטינענט, ניצן פּראָגרעסיווע מיטלען אויסצוראָטן איינער דעם אַנדערנס יונגע זין!"

„און דאָס אומגליק איז", האָט שמוליקל רופא אויך שוין נישט געקאָנט

איינזיצן. „אַז אונדזערע אייגענע קינדער, די קינדער פון דער ייִדישער נאַציאָן, — יאַ, הער פּייפער, מיר זענען אַ נאַציאָן און נישט קיין סעקטע, — אַז זיי קומט אויס צו הרגענען איינער דעם אַנדערן אין אַט די אַרמייען, אויף די פראָנטן, אין די אינטערעסן פון מלוכות וואָס זיינען אַדורכגעפּרעסן מיטן אַנטיסעמיטיסמוס ביז צום וואָרצל. און גיט מיר נישט קיין ביישפּיל דויטשלאַנד, הער פּייפער, ווייל דאָס יונקערטום אַליין האָט באַשאַפן דעם טערמין 'אַנטיסעמיטיסמוס' און עס האָסט אונדז מיט דער גאַנצער ציוויליזירטער ראַפינירטקייט. יאָ, גלייכבאַרעכטיקונג געבן זיי, געגוי אַזוי פיל וויפל עס לוינט זיך זיי! און ז'עלן זי צונעמען ווען ס'עט זיך זיי לוינען!"

האָט זיך שוין איינער פון די סוחרים, וועלכער איז אויך געזעסן אַן אַ קאַפּעלע, אַ רוק געטאָן אויף זיין פּאַטעל און איז אַרויס קעגן שמוליקלען אַן אויפגערעגטער: „וואָס האַקט איר אַ טשייניק, הער. דאָקטאָר, זייט מיר מוחל, מיט דעם פּיזמון, אַז מיר זענען אַ נאַציאָן? וואָס פאַר אַ נאַציאָן זענען מיר דאָס מישטיינס געזאָגט, האַ? אָן אַ לאַנד, אָן אַ מענטשלעך לשון אויף דער צונג!"

„וואָס הייסט אָן אַ לאַנד און אָן אַ מענטשלעך לשון?" האָט שמוליקל רופא אַ שפּרונג געטאָן. „ארץ־ישראל איז אונדזער לאַנד, און לשון־קודש, דאָס שענסטע און רייכסטע לשון אין דער וועלט, איז אונדזער לשון!"

האָט זיך שוין ר'פּייוועלע אויך אַריינגעמישט: „און וואָס טויג נישט מיין פראָסטער ייִדיש־טייטש וואָס גאַנץ באַטשאַני גיט זיך אַן עצה מיט אים זינט דור־דורות?"

„ווייל דאָס איז נישט קיין שפּראַכע, נאָר אַ זשאַרגאָן פון נידעריקסטן מין", האָט זיך אָפּגערופן די רופאטע און זיך צוגערוקט אַן עוקץ נענטער צו די מענער. „אַז מען וועט דערגרייכן אונדזער לאַנד אין פּאַלעסטינאַ, וועלן די מענטשן אויפן מאַרק און די אינטעליגענציאַ אַלע רעדן העברעיש".

„דאָס טאָר קיין מאָל נישט פּאַסירן!" האָט זיך אָפּגערופן איינער פון די סוחרים וואָס האָט יאָ געטראָגן אַ קאַפּעלע. „לשון־קודש איז צו הייליק, אַז מאַרק־ייִדענעס זאָלן עס ניצן".

„טעאָדאָר הערצעל האָט געזאָגט, ווילט נאָר און עס וועט נישט זיין קיין מערכען!" האָט די רופאטע זיך געהאַלטן ביים איריקן.

„טעאָדאָר הערצל — טעאָדאָר שמערצל!" האָט דער סוחר מיטן קאַפּעלע זיך געקאַכט. „ער איז דאָך אַליין געווען איינער פון הער פּייפערס מענטשן!"

„נאָר אַ ייִדיש האַרץ האָט ער געהאַט, אַ ייִדישן בעוווסטזיין!" איז שמוליקל רופא געוואָרן אויסער זיך, ווייל ער האָט פאַרגעטערט דעם דאָקטאָר הערצל. „דאָס לעבן און דאָס געזונט האָט ער אָוועקגעגעבן פאַרן ייִדישן פאָלק. אמת, דער דרייפוס־פּראָצעס האָט אים געמאַכט פאַר אַן אמתן ייִד. דאָס איז אונדזער טראַגעדיע. אַז אונדזערע שונאים דאַרפן אונדז ערשט דערמאָנען ווער און וואָס

מיר זענען". דאַ האָט ער בייז אַ קוק געטאָן אויפן הער פייפער: „ווי האָט איר זיך געפילט, הער פייפער, ווען די כלאַפּעס זיינען אונדז באַפאַלן אין באַטשאַני, האַ? ווי אַ ייִד, אמת? אַ ייִד, אַ שרץ, וואָס זיצט פאַרשטעקט אין די לעכער און טרייסלט זיך פון אימה. ווי ציוויליזירט און עמאַנציפּירט איר זאָלט זיך נישט האַלטן, ט'עס אייך העלפן ווי אַ טויטן באַנקעס. אַ פרעמדער זענט איר דאָ אויף אייביק, אויף אייביק. ווייל מיר זענען מיר אַ פאָלק אָן אַ לאַנד און דאָס פאָלק אָן אַ לאַנד מוז זיך אומקערן צום לאַנד אָן אַ פאָלק!"

„יאָ", האָט זיך אָפּגערופן ר' פּיוועלעס אורח וואָס האָט נישט געטראָגן קיין קאַפּעלע, „אָבער אויב עס איז אמת, וואָס אייער דאָקטאָר הערצל האָט געזאָגט, אַז אַ נאַציע איז אַ גרופּע מענטשן וואָס זענען פאַרבונדן דורך דעם וואָס זיי האָבן אַ געמיינזאַמען שונא, וועלן מיר אַזוי לאַנג זיין אַ נאַציע ווי לאַנג מיר וועלן האָבן שונאים".

„הערצל האָט גערעדט וועגן דער קעגנוואַרט", האָט שמוליקל רופא געדרייט מיטן קאָפּ. „אין איצטיקן היסטאָרישן מאָמענט לאָזן אונדז אונדזערע שונאים פילן, אַז מיר זענען אַ פאָלק. אָבער דאָס מיינט נישט, אַז מיר זענען דאָס נישט, ווען מיר פאַרגעסן דאָס".

דער הער פייפער האָט אַ נייג געטאָן דעם קאָפּ צו שמוליקלען רופא.

„אָבער אַפילו ווען די כימעראַ וועגן פּאַלעסטינאַ וואָלט געוואָרן אַ וואָר־הייט, הער דאָקטאָר, וואָלט דאָך דער גרעסטער טייל ייִדן געבליבן אין דער דיאַס־פּאָראַ. אָן דער צושטימונג פון אַנדערע פעלקער קאָן דאָך קיין ייִדישער שטאַט סיי ווי נישט אַנטשטיין. דער דאָקטאָר הערצעל האָט דאָך אַליין געפירט אונטער־האַנדלונגען מיטן ענגלישן סולטאַן, און די שטעלונג פון ענגלאַנד איז דאָך אויך באַאיינפלוסט געוואָרן פון אַזעלכע נאָבעלע ענגלענדער ווי לאָרענץ אָליפאַנט און די שריפטשטעלערין דזשאָרדזש עליאָט מיט איר רירענדן בוך 'דאַניעל דעראָנ־דאַ'. דאָס ווייזט אונדז, אַז די פעלקער פון אייראָפּאַ זענען נישט אַלע פון איין שטיק. נאָר דיזע נאָבעלע ענגלענדער זיינען געווען נאַיִוו, פּונקט ווי נאַיִוו אייער דאָקטאָר הערצעל איז געווען מיט דער אידעע, אַז פּאַלעסטינאַ וועט לייזן די ייִדן־פראַגע. דאָס ייִדישע פּראָבלעם מוז אין אייראָפּאַ געלייזט ווערן, יאָ ייִדישער שטאַט, נישט ייִדישער שטאַט. עס מוז קומען אָן ענד צו די ייִדישע ליידן, דאָ. און די טראַגעדיע איז וואָס די ייִדישע יונגע־לייט וועלכע גייען יאָ מיט מיט דער צייט, זיינען פאַרפירט געוואָרן פון איין זייט דורך דער כימעראַ פון ציאָ־ניסמוס און פון דער צווייטער זייט פון דער כימעראַ פון סאָציאַליסמוס, וועלכער איז, ליידער־גאָטעס, אויך אַ מוח־קינד פון אַ ייִדישן קאָפּ. קאַרל מאַרקסעס רעוואָלוציאָנערן זיינען אַ שאַנדפלעק אויפן פּנים פון דער אויפגעקומענער ייִדי־שער אינטעליגענציאַ!"

ר' פּיוועלע האָט זיך אַ קאַך געטאָן. „וואָס נעמט איר זיך איבער מיט די

שאַנדפלעקן אויפן ייִדישן פּנים, הער פּייפער? אייער איינציקע לייזונג איז דאָך, אַז מיר זאָלן ווערן אויס ייִדן. נישט גענוג וואָס אונדזערע שונאים ווילן אונדז אָפּווישן פון פּרצוף פון דער ערד, ווילט איר זיי נאָך צוהעלפן און זיך אַליין ליקווידירן. ווילן מיר זיך נישט ליקווידירן. ווילן מיר זיין ייִדן און לעבן ווי ייִדן. הלוואַי וואָלטן אונדזערע כּניאָקעס נאָר פאַרשטאַנען, אַז חכמות־חיצוניות זענען נישט קעגן ייִדישן דת; הלוואַי וואָלטן זיי נישט מורא געהאַט אַריינצולאָזן אַ ביסל פרישע לופט, אַ סך פרישע לופט פון דרויסן. אָבער דאָס איז נישט בלויז זייער שולד. די צרה מיט אונדז איז, אַז ווי נאָר מיר קאָנען לייענען אַ צייטונג און מען פאַרשטייט זיך אַ ביסל אויף פּאָעזי, וואַשט מען זיך אָפּ די הענט פון עמך; מען דרייט מיט די נעזער אויפן פּראָסטן פאָלק און מען האָט עס פיינט פונקט ווי די ערגסטע אַנטיסעמיטן. ווי לאַנג איז טאָקע, הער פּייפער, ווי אייערע לייט, די אויפגעקלערטע, האָבן זיך משתדל געווען מען זאָל פאַרבאָטן צו לערנען דעם תּלמוד, מען זאָל נישט לאָזן דרוקן קיין רעליגיעזע ספרים און מען זאָל פאַרמאַכן די חדרים און ישיבות? און ווי לאַנג איז, פון דער אַנדערער זייט, ווי אַ מחבר פון אַ פאַרגעשריטן בוך אויף לשון־קודש, צי עברי־טייטש, האָט נישט געקאָנט געפינען קיין איין ייִדישן דרוקער אַזאַ בוך אָפּצודרוקן, ווייל ס'איז טרייף־פּסול? דאָס איז אונדזער אומגליק!" האָט ר' פּייוועלע אויסגערופן. „און עץביידע קאָנט זיך געבן די הענט אין איין זאַך", האָט ר' פּייוועלע זיך גע־וואַנדן צו שמוליקלען רופא און צום הער פּייפער. „עץ האַלט, אַז די איינציקע רעטונג אונדזערע איז אָדער ווערן אויס ייִדן, אָדער אַנטלויפן פון גלות. די וועלט זאָל האָבן וואָס זי וויל: פּטור ווערן פון אונדז. זאָג עך ענק: לאָ! זאָג עך ענק, אַז ווי שטאַרק עך זאָל נישט זיין פאַר אַ ייִדיש לאַנד אין ארץ־ישראל, איז עם־ישראל דאָ אַ לעבעדיקער יש וואָס האָט באַוויזן גענוג גבורה במשך פון לאַנגע דורות און מאַכטץ דאָס נישט אַזוי לייכט אָוועק מיט דער האַנט און... פאַרגעסץ נישט נאָך אַ צד..." האָט ר' פּייוועלע אַ הייב געטאָן די אויגן צום הימל.

אַזוי איז דער שמועס און דער וויכּוח אָנגעגאַנגען במשך פון שעהען און שעהען, ביז הבדלה, ווען דער גאַספּאַדאַזש האָט איינגעשפּאַנט די ברישטקע און צו־ריקגעפירט די געסט אין שטאָט אַריין.

יעקב האָט זיך צוגעהערט צו די שמועסן מיט אַן אָפן מויל און אויערן. מיט אַ צייט צוריק האָט ער געהאַט אויסגעפּועלט ביי ר' פּייוועלען אַרויסצונעמען פון ר' פּייוועלעס ספרים־שאַפע אין „קאַנטור" וואָס פאַר אַ ספר אים האָט זיך נאָר געגלוסט. און ער האָט געלייעט וועגן דער חיבת־ציון־שיטה און וועגן „ציאָניסמוס". ער האָט געוווּסט, אַז „שקלים" קויפן גראָד נישט קיין רייכע ייִדן, נאָר פּשוטע מענטשן פון פאָלק און ער אַליין האָט געטראַכט, אַז ווי נאָר ער וועט זיך אָנזאַמלען גענוג געלט וועט ער זיך קויפן אַ „שקל".

דאָך, ווען ער האָט זיך צוגעכאַפּט צו ר' פּייוועלעס שאַפע, האָט אים תּמיד

מער געצויגן צו אַ מעשׂה־בוך, אַ ראָמאַן, ווי מען האָט דאָס גערופֿן. און ער איז טאַקע געווען אַזעלכע גענוגעדיק אַרייַנגעטאָן אין אַ מעשׂה וואָס האָט געהייסן „סטעמפּע־ניו", פֿון אַ שרייבער מיטן אויסטערלישן נאָמען שלום־עליכם. די מעשׂה איז געווען וועגן אַ פֿידל־שפּילער, אַ צויבערער, וועלכער האָט געפֿירט ליבעס און איז דאָך געווען אַ שטאַרק אומגליקלעכער מענטש, ווייל ער האָט זיך צו דעם טעם פֿון די ליבעס נישט געקאָנט דערגריזשען — און איז תּמיד געבליבן מיט אַ הונגעריק האַרץ. יאָ, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין איין מענטשלעך האַרץ איז יעקבן נאָך אַלץ געווען אַן אינטערעסאַנטערע טעמע ווי יעדער אַנדערע.

ווייל וואָס ער האָט נאָך אַלץ געזוכט איז געווען: דער מקור פֿון מענטשלעכע יסורים, פֿון רישעות. יאָ, נישט מער און נישט ווייניקער. אים איז אויסגעקומען, אַז אָן דעם וויסן האָט מען גאַרנישט געקאָנט אָנהייבן צו טאָן, נישט פֿאַרן מענטש און נישט פֿאַרן רבונו־של־עולם.

3

ס'האָט זיך אונטערגערוקט דער שבת ווען אַבראַשקע איז אַלט געוואָרן צען יאָר.

„האָסט דאָך געלייענט 'דאָס קליינע מענטשעלע' פֿון מענדעלע מוכר־ספֿרים", האָט ר' פּייוועלע זיך אָפּגערופֿן צו יעקבן, „ער זאָגט דאָרט, אַז ייִדן געדענקען נישט קיין געבורטסטעג, אָבער יאָרצייטן געדענקען זיי יאָ. נו, ט'מען טאַקע יאָ פּראַווען עפּעס אַ שטיקל יום־טוב לכּבוד מיין אַבראַשקען און נישט וואַרטן ביז ער'ט אם־ירצה־השם בר־מיצווה ווערן".

יעקב האָט פֿאַרגעשלאָגן ר' פּייוועלען, אַז ער וועט מיטברענגען אַ פּאָר חדר־ייִנגלעך פֿון באַטשאַני, וועט אַבראַשקע גאָר הנאה האָבן. ר' פּייוועלע האָט איינגעשטימט. ער אַליין האָט גראָד קיין אורחים נישט פֿאַרבעטן אויף דעם דאָזיקן טאָג, אַחוץ זיין געשווירענעם פֿריינד, שמוליקלען רופֿא.

דעם שבת־נאָכמיטאָג האָט מען די קינדער אַ ביסעלע מער ווי סתּם שבתדיק אויסגעפּוצט. אַ גרויסער האַניק־לעקעך איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף דער וועראַנדע, מיט אַ סך קעלישקעס, פֿלעשלעך ווייַן און בראָנפֿן. די „אַמעשי", דער גאַספּאַדאַזש און אַלע פּאַראָבקעס מיט זייערע קינדער זייַנען אַריין אין די זונטיק־טראַכטן. דער אַלטער קאַזשימיעזש, דער פּאַסטעך, האָט געבראַכט אַ קאַפּעליע דאָרפֿישע כּלי־זמרים. ר' פּייוועלע האָט ליב געהאָט די דאָרפֿישע טענץ און ער האָט זיך געמאַכט נישט זען צירעלעס שטרענגע בליקן. ער האָט אַראָפּגעוואָרפֿן דעם כאַלאַט און אין בלויזן העמד, אין די שטובלאַטשן זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ טענצל מיט די פּאַראָבקעס און די שיקסעס. אַ קורץ טענצל — ביז שמוליקל רופֿא מיט זיין ווייב האָבן זיך באַוויזן.

דערזען די געסט אָנקומען, האָט צירעלע, וואָס האָט אויסגעטיילט לעקעך און בראָנפן צו די פּאַראָבקעס, גיך אַראָפּגערוקט די אַרבל פון קלייד וועלכע זי האָט געהאַט פאַרשאַרצט און זיך פאַרקנעפּלט דאָס קעלנערל אונטערן האַלדז.

די רופאטע האָט זי תמיד געמאַכט פילן ווי אַ דאָרפסמויד. אָבער היינט האָט זי זיך ברייט צעשמייכלט צו דער רופאטע. סוף־כל־סוף איז די רופאטע געווען אַ שטיקל מחותנטע צו דער היינטיקער שׂימחה. דאָס האָט זי מיט צען יאָר צוריק, ווען זי האָט נאָך נישט אַזוי געליטן אויף דער מיגרענע, אָפּגענומען אַבראַשקען. האָט צירעלע זיך מיט איר היינט האַרציקער צעקושט ווי געוויינטלעך, געפרעגט די רופאטע ווי עס האַלט מיט איר קאַפּווייטיק, און ווען די רופאטע האָט אַ קרעכץ געטאָן: „וואָס אַ מאָל ערגער", האָט צירעלע משלח געווען די קאַפּעליע און אָנגעזאָגט אַבראַשקען וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער באַנדע קינדער, נישט אַזוי צו פּילדערן. אָבער אין דעם פּרט האָט זי נישט קיין סך אויפגעטאָן. דער הויף האָט זיך געטרייסלט מיט קינדערשע פּישטשערייען און גוואַלדן.

שמוליקל רופא און די רופאטע האָבן זיך באַקוועם געמאַכט אויף דער וועראַנדע. ר' פּייוועלע האָט פאַרטוישט אַ בינטל צייטונגען מיטן רופא. אָבער היינט, אָן אַנדערע אורחים און צו דער געלעגנהייט פון אַבראַשקעס געבוירן־טאָג, האָט מען זיך אַלע פיר אַריינגעלאָזט אין אַ געשמאַקן שמועס וועגן קינדער און וועגן נאָוואָמאָדנע מיטלען פון דערציִונג. די משרת זאָשקע האָט אַרויסגעבראַכט דעם סאַמאָוואַר און סערווירט טיי מיט כּיבוד.

די „אַמעשי" און דער גאָספּאָדאַזש זיינען געזעסן קעגן איבער אויף זייער גאַניק; די פּאַראָבקעס וואָס מען האָט זיי פאַרבאָטן צו טאַנצן, זיינען אַרום־געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן פּלויט. זאָשקע האָט אויך זיי צוגעטראָגן טיי מיט איינגעמאַכטס און זיי האָבן זיך געוואַרעמט אין דער זון. דער טיש מיט נאַשוואַרג וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן פאַר די קינדער איז געשטאַנען אָן אָפּגעליידיקטער ביז צום לעצטן צוקערל און איצט האָט מען צוגעקוקט ווי דאָס קליינוואַרג האָט איבערגענומען דעם הויף.

יעקב איז געזעסן אויף דער פּלומפּ, געביסן זיין שטיקל קוכן, געזופּט די טיי און מיט צעשפּילטע בליקן באַגלייט די ווייסע־חברהניקעס, וואָס האָבן פאַרבייגעהאָועט. אָבער לאַנג איז ער אַזוי נישט געזעסן. באַלד איז אַבראַשקע אונטערגעפלויגן צו אים אַ דעריאַכמערטער.

„יעקב!" האָט ער אים אַ ריס געטאָן פאַרן אַרבל און גלייך אויסגעכלוסניעט אַ העלפט פון יעקבס גלאָז טיי. „קום, יעקב, מ'גייט שפּילן אין אַ בלינץ!" האָט ער אויסגעשריִען.

„פעלט דיר מיט וועמען צו שפּילן?" האָט אים יעקב אָפּגעשטופּט פון זיך.

„דו מוזסט מיטשפּילן, אַז נישט איז נישט קיין שפּיל!"

„נישט היינט", האט יעקב זיך געווערט.

„יא היינט! היינט מוזסטע טאן וואס עך וויל!"

יעקב האט אנגעפאקט דאס מויל מיטן לעצטן ביסן קוכן, געלאזט שטיין דאס גלאז מיטן ביסל טיי אויף דער פלומפ, און שוין איז ער געווען ארומגערינגלט פון דער גאנצער חברה קינדער. ס'האט נישט לאנג גענומען און ער איז אזוי אריינגעטאן געווארן אינעם שפיל, אז ער האט פארגעסן ווו ער איז. די יונגע פאראבקעס זיינען אויך פאמעלעכל אריינגעצויגן געווארן. לכתחילה האבן זיי ענטוזיאסטיש צוגערופן די קינדער, געגעבן זיי עצות: „באהאלט זיך דא! באהאלט זיך דארט!" לסוף האבן זיי זיך מער נישט געקאנט צוריקהאלטן און זיינען אויך געלאפן זיך באהאלטן. די שפיל איז געווארן וואס א מאל אינטערעסאנטער און זי האט נישט אויפגעהערט אפילו ווען דער אוונט איז צוגעפאלן.

ס'איז שוין געווען נאך הבדלה. דעם רופא שמוליקלען האט זיך גראד היינט נישט געגלוסט אהיימצואיילן. ער און ר' פייוועלע, זיין געשווירענער פריינד, האבן זיך שוין לאנג געהאט ארויסגעצויגן פון שמועס וועגן קינדער־דערציִונג און אים געלאזט פאר די פרויען. זיי אליין האבן זיך פארטיפט אין א דיספוט וועגן ריב־הלשונות, לשון־קודש און יידיש.

שמוליקל רופא האט געהאלטן פון ר' פייוועלען א וועלט. ר' פייוועלע האט טאקע זיך אפט מאל אויפגעפירט ווי א פראסטאק, נישט געהאט קיין מאנירן. אבער ער, שמוליקל אליין, האט אויך נישט געהאט קיין געדולד צו די כללים פון עטיקעט. ר' פייוועלע האט פונקט ווי ער אליין געלעבט מיטן פאלק אין באטשאני, הגם אויף זיין אייגענעם אופן. און ר' פייוועלע האט געהאט א געזונטן חוש פאר פאליטיק און האט גוט געקענט היסטאריע. ער איז געווען גוט אינ־פארמירט וועגן ציוניסטישע ענינים און האט זיך יעדער יאר לייטיש געלאזט קאסטן פארן נאבעלן צוועק פון אפקויפן דונאמס לאנד אין ארץ־ישראל; און הגם ער האט אויך שטארק אונטערשטיצט די פראיעקטן וואס באראן דע הירש און משה מאנטעפיארע האבן איינגעפעדעמט, איז ער דאך אויף זיין שטייגער געווען א ציוניסט.

האט טאקע שמוליקלען רופא וויי געטאן וואס ר' פייוועלע — וועלכער האט געהאלטן פון חוכמות חיצוניות, הגם ער איז געווען א טראדיציאנעלער ייִד, און ער האט זיך אויסגעקענט נישט נאר אין די הייליקע ספרים, נאר אויך אין דער מאדערנער העברעִישער ליטעראטור און האט זיך באלעקט מיט די שירים פון דעם געניאלן חיים נחמן ביאליקן — זאל זיך אזוי קלאמערן אין דעם מארק־לשון פון פראסטן פאלק און עס שיִער נישט אויך באטראכטן ווי א לשון־קודש. ער האט אים, שמוליקלען, געהאלטן אין איין האקן א טשייניק וועגן די יידישע מייסטערווערק פון מענדעלע, שלום־עליכם און יצחק לייבוש פרץ און וועגן א

שפּראַך־קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ, ווי דאָס וואָלט געווען מי יודע וואָס פאַר אַ מיילשטיין אין דער ייִדישער געשיכטע.

שמוליקל רופא האָט נאָך געהאַט אַ גרויסן זאַפּאַס שלאָגנדיקע אַרגומענטן אויפצווייזן ר׳ פייוועלען ווי זיין, פייוועלעס, שטעלונג צו עברי־טייטש איז זיך סותר מיט זיין גאַנצער לעבנס־פילאָסאָפיע — אָבער פון דעם געפילדער אויפן הויף איז זיין ווייב, דער הייבאַם, נישט לייכטער געוואָרן אויפן קאַפּווייטיק, און ער האָט געמוזט איבעררייסן די אַרגומענטאַציע, אָפּגעזעגענען די גאַסטגעבערס און אַריינשטייגן צוזאַמען מיט זיין פּלוניתטע אין ר׳ פייוועלעס בריטשקע. ר׳ פייוועלעס פאַראָבעק איז אַרויפגעשפּרונגען אויף דער קעלניע און שוין זייַנען זיי פאַרשוווּנדן מיט דער סטעזשקע באַרג־אַראָפּ.

זייער אָפּפאָר איז, אויסער פון ר׳ פייוועלען און צירעלען, פון קיינעם נישט באַמערקט געוואָרן.

אַצינד איז ר׳ פייוועלע געזעסן לעבן זיין ווייב, דאָס קאָפּעלע פאַררוקט הויך איבערן קאָפּ און זיי זייַנען ביידע געווען אַריינגעטאָן אין אַ לאַנגן און אויסערגעוויינטלעך ערנצטן שמועס. ווען יעקב איז צופעליק פאַרבייגעלאָפן דעם גאַניק ווו די בעלי־בתים זייַנען געזעסן — ער האָט געזוכט אַ גוט באַהעלטעניש ווו זיך צו פאַרשטעקן — האָט ר׳ פייוועלע אים אַ רוף געטאָן צו זיך.

„אונדז דאַרפט מען עפּעס איבעררעדן מיט דיר״, האָט ר׳ פייוועלע מיט אַ פייערלעכן אונטערטאָן אין קול זיך אָפּגערופן און געוויזן יעקבן, אַז ער זאָל זיך אַוועקזעצן אויף דעם שטרויפּאָטעל ווו שמוליקל רופא איז פריִער געזעסן. יעקב האָט מיטן אַרבל געווישט דעם שווייס פון פּנים, אָפּגעסאָפּעט אַ פּאָר מאָל און אָנגעקוקט ר׳ פייוועלען מיט אַ פרעגנדיקן בליק. ר׳ פייוועלע האָט בדעה געהאַט נאָך אַ ביסל אונטערצוואַרטן, ביז יעקב וועט אין גאַנצן קומען צו זיך, אָבער קיין געדולד לאַנג צו וואַרטן האָט ער נישט געהאַט. אויב האָט ער געהאַט וועמען עפּעס צו זאָגן, האָט דאָס געמוזט זיין גלייך אויפן אָרט.

מיט די אויגן געוואַנדן גיכער צו צירעלען ווי צו יעקבן, האָט ער אַ פרעג געטאָן: „און ווי לערנט זיך עפּעס אַבראַשקע, הע? אַן אָפּענעם קאָפּ האָט ער, קיין עין־הרע, הע?״

יעקב האָט נאָך אַלץ געפּרייכט. דאָס פּנים האָט אים געפלאַמט, אָבער ער איז שוין געווען אויסגעטשוכעט פון דער פאַרשפּילטקייט. „אַבראַשקע איז פייער!״ האָט ער זיך ברייט צעשמייכלט.

„און מיין תּנאָלע, שלמהלע, ער זאָל מיר געזונט זיין, פון אים איז דאָך שוין אָפּגערעדט, הע?״ איז ר׳ פייוועלע אָנגעגאַנגען.

„יאָ, שלמהלע שניידט זיך אויף אַ למדן״, האָט יעקב איינגעשטימט.

„קיין עין־הרע נישט...״ האָט צירעלע דריי מאָל מיט ערנצט אויסגעשפּיגן.

ר׳ פייוועלע האָט צונויפגעפּלאָכטן די הענט, אַרומגענומען די אונטער־

געהויבענע קני און זיך אַ וויג געטאָן. אַ רגע האָט ער זיך מישב געווען, דערנאָך האָט ער זיך צוגעבויגן צו יעקבן און האַלטנדיק די קני צווישן די הענט, כּלומרשט שפּילעוודיק, זיך אָפּגערופן.

„פאַרשטייסט... איך זיץ דאָ טאַקע און שמועס מיט מיין ווייב. אַבראַשקע איז שוין נישט קיין שמענדריק און איידער מ׳עט זיך אַרומקוקן, ט׳שלמהלע ווערן בר־מיצווה. מ׳דאַרפט אָנהייבן צו קלערן וועגן אַ תּכלית״. אין דעם אויגנ־בליק האָט יעקב באַמערקט ווי דער לאַנגער צירעלעס אויגן פאַרציִען זיך מיט אַ נעפּל און אים אַליין האָט עפּעס אויך אַ נאָג געטאָן ביים האַרצן. ר׳ פּיוועלע האָט אָפּגעהוסט מיט אַ געמאַכט הוסטל. „כ׳וואָלט צוגעוואַרט ביז נאָך דער מלחמה און זיי געשיקט קיין שעלץ...״ זיין קול איז פאַרכריפּעט געוואָרן. „מ׳זאָל זיי דאָרט צוגרייטן פאַר דער ישיבה. אָבער אין שעלץ זענען זיי סיי ווי צו פאַרכניאַ־קעט. מיינע בנים דאַרפן זיין צו גאָט און צו לייט, פאַרשטייסטע מיך. כ׳וויל ז׳זאָלן וויסן, אַז ס׳איז דאָ אַ וועלט אויף דער וועלט...״ ער האָט אומבאַקוועם אויפגעלאַכט.

יעקבן איז דאָס האַרץ שטיין געבליבן. אַלץ אין אים איז ווי איינגעפרוירן געוואָרן, דער גוף, די גלידער, דער מוח. דער הויף מיטן קינדערשן טומל זיינען אים אויסגעקומען ווי נישט־אמתדיק. ר׳ פּיוועלע און זיין ווייב, וועלכע זיינען געזעסן אַזוי נאָענט פון אים, זיינען געווען ווי אַ ווייטע זעונג. אַ בייזער חלום איז אים באַפאַלן אין מיטן פון דער יום־טובדיקייט.

ר׳ פּיוועלע האָט, ווייזט אויס געוואַרט, אַז יעקב זאָל עפּעס זאָגן, ווייל ערשט נאָך אַ לענגערן שווייגן האָט ער יעקבן אַ שטורכע געטאָן מיטן עלנבויגן: „וואָס האָסטע געמאַכט אַזאַ פאַרזויערט פּרצוף און ד׳רעדסט נישט קיין וואָרט? זעסט דאָך אויס ווי אַ צעבראָכענער לולב״.

„גאָרנישט, ר׳ פּיוועלע״, האָט יעקב געשטאַמלט. „וואָס זאָל עך רעדן? איר זענט דאָך דער טאַטע...״

„נו, און דו ביסט דאָך עפּעס זייער רבי״.

„וואָס ווילט איר, אַז עך זאָל זאָגן, הע? די... די צייט איז גְעקומען...״

„אמת... אמת...״ האָט ר׳ פּיוועלע אויך אַ פאַראומערטער זיך געוויגט אויפן שטרויענעם פאַטעל מיט דער קני צווישן די הענט. „די צייט איז געקומען, כ׳זאָל מיך צעשיידן מיט די צוויי אָפּלען פון די אויגן... פאַר זייער טובה־טוועגן״. ער האָט געוואָרפן אַ בליק אויף צירעלען און זיך נאָך מער צוגעבויגן צו יעקבן. „ד׳פאַרשטייסט אונדזער האַרץ, הע? זעסט דאָך, כ׳האַלט דיך ווי אַן אייגן קינד... ווי זייערס אַ ברודער ממש. מעג עך דאָך דיר זאָגן. ס׳איז טאַקע אַ מלחמה אויף דער וועלט, אָבער קיין קראָקע ׳על עך זיי שיקן... אַצינד, אַז די דייטשן זענען אַריבער די ווייסל און דער וועג איז פריי. מיינע בנים דאַרפן דאָך ירשענען מיין האָב און גוטס און שטייגן העכער אין מיסחר ווי איך בין געשטיגן. און

די צייטן שטייען נישט אויף אָן אָרט. די דייטשן ׳עלן איינגעמען די וועלט און אַ נייער שטייגער לעבן ט׳זיך אָנהייבן. ייִדן ׳עלן מוזן קענען אַלע וויסנשאַפטן, אויב ז׳עלן וועלן מצליח זיין. ס׳ט זען, אַ נייע וועלט ט׳זיך פאַר דיר אויך אָנהייבן. כ׳האָב אַ פעטער אין קראָקע. ער׳ט זיין גליקלעך איינצוקוואַרטירן ביי זיך מיינע יורשים. דאָרט, אין קראָקע, האָב עך געהערט, האָט זיך געעפנט אַ נייע ישיבה־שקאָלע, אַ מאָדערנע. מען אונטעררינכטעט דאָרטן מאַטעמאַטיקע, היסטאָריע, דויטש און פיזיקע. וויל עך טאָקע...״ ער האָט לסוף אויפגעפלאָכטן די הענט אַרום די קני און לייכט אַ קלעפּל געטאָן יעקבן אין אָקסל. „כ׳וויס... כ׳האָב דיר דאָס היינט נישט געדאַרפט זאָגן. אָבער ד׳ביסט דאָך נישט קיין קינד און ...פאַר־שטייסט... מיט שלמהלען ׳על עך אַליין רעדן. אָבער כ׳וויל, אַז ד׳זאָלסט אַ ביסל צוגרייטן אַבראַשקען. האָב עך דיך קודם געמוזט צוגרייטן״.

יעקב איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט. „פאַרלאַנגט דאָס נישט פון מיר, ר׳ פּייוועלע!״ האָט ער אויסגערופן.

„וואָסי? פאַר וואָס נישט?״ האָט ר׳ פּייוועלע קרום געשמייכלט און אונ־טערגעסאָפּעט.

„דערפאַר... איך קאָן אים דאָס נישט זאָגן!״

ר׳ פּייוועלע האָט שוין אומגעדולדיק אַ מרוקע געטאָן. „הער שוין אויף און אָן עך זאָל עס נעמען! וואָס איז? אַ שיף מיט זויערמילך איז דיר אונטער־געגאַנגען? ביסט דאָך נישט חלילה אויף אַ לוויה. און אַז מיר איז ליב, דאַרפט דיר זיין ניחא! ס׳ט דאָך בלייבן אַרבעטן אין דער מיל!״

כּדי זיך נישט אויסצושטעלן לענגער אויף ר׳ פּייוועלעס כּעס און אויף צירעלעס נעפּלדיק־צערפּולע בליקן, האָט יעקב זיך אָפּגעקערט פון זיי און איז פּאַמעלעך אַראָפּ פון דער וועראַנדע. ער האָט אַרויסגעוואַנדערט אויפן הויף און דערנאָך זיך נאָכגעלאָזט אין אַ ווילדן גאַלאָפּ באַרג־אַראָפּ. ער האָט זיך צעוואַנ־דערט לענג־אויס דעם טראַקט, געריסן גרעזער אין גראָבן, געקאָפּעט שטיינ־דלעך, געכאַפּט ריטלעך אין מויל און זיי געקייט, גיך־גיך, ווי ער וואָלט וועלן אויף כּוח צעקייען דעם יִיאוש וואָס איז אים באַפאַלן.

אין אַ פאַר טעג אַרום האָט ר׳ פּייוועלע אַליין גערעדט מיט זיינע בנימלעך — און טעג פון גרויסן יאָמער האָבן זיך אָנגעהויבן פאַר אַבראַשקען. ער האָט געוויינט און געקלאָגט פון אין דער פרי ביז ביי נאַכט. נישט געוואָלט זיך שפּילן, נישט געוואָלט עסן, נישט געוואָלט לערנען, נישט געקאָנט שלאָפן. ס׳האָט אויסגעזען משונהדיק, אַז דער פולכנער, תּמיד־לאַכנדיקער ווייסער־חברהניק זאָל האָבן אַזאַ שפעדיקע נייגונג צו טרויער און זאָל זיך אים קענען אָפּגעבן כּמעט אָן איבער־רייס. ס׳איז גאַרנישט געווען מעשׂה קינד. אַ קינד האָט זיך געקאָנט פאַרשפּילן,

עס האָט אויף אַ צייט געקאָנט פאַרגעסן די נאָגעניש אין האַרצן. אָבער נישט אַבראַשקע.

אַלע טאָג ביים עסן זיינען ר׳ פּייוועלע און די לאַנגע צירעלע געזעסן ביים טיש שולדיק־שווייגנדיק און האָבן קוים אַליין געקאָנט אַראָפּשלינגען אַ ביסן, אויפן אָנבליק פון זייערע באַטריבטע צוויי זונדלעך; ווייל אויך שלמהלען האָט נישט געהאַרצט אָוועקצופאָרן פון דער מאַמען אין דער פרעמדער וועלט וואָס איז פול געווען מיט רוחות און נישט־גוטע. און האָט זיך נאָך אין צימער באַוויזן די „אַמעשי״ און אַרויסגעהאָלפן זאַשקען דערלאַנגען צום טיש און ר׳ פּייוועלע האָט דערזען די רחמנותדיקע בליקן מיט וועלכע זי האָט באַטראַכט זיינע זין, איז ר׳ פּייוועלען געוואָרן אומדערטרעגלעך צו פאַרנעמען דאָס אַבלדיקע שווייגן, און ער איז אַרויס מיט שטראָמען פון ענטוזיאַסטישע רייד, כּלומרשט צו צירעלען.

„קראָקע!״ האָט ער אויסגערופן. „איין קליינינקייט, קראָקע! נישטאָ קיין שענערע שטאָט אין דער וועלט ווי קראָקע. אַז מען גיט אַ פאָר אַריין אַהין, ווייסט מען נישט וווּ פריִער אַהינצוטאָן די אויגן, אמת, צירעלע?״

„טאָקע אמת״, האָט צירעלע, וועלכע איז קיין מאָל אין קראָקע נישט געווען, געשאָקלט מיטן קאָפּ און געוואָרפן צעווייטיקטע בליקן אויף די זין.

„איר׳ט נאָר געבן אַ קום אַרויף צום וואַוועל און כאַפּן אַ קוק אויפן מלכות־דיקן פאַלאַץ...״ איז ר׳ פּייוועלע אָנגעגאַנגען און זיך אָזש פאַרכליניעט מיט די רייד. „אוודאי... פּוילישע מלכים האָבן דאָרט געוווינט. ווו דען האָבן זיי געזאָלט ווינען, אַז נישט אין קראָקע? און צ׳ווייסט וואָס מ׳זעט אַז מ׳קוקט אַראָפּ פון וואַוועל? די ווייסל זעט מען! דעם שענסטן טייך אין דער וועלט. אַ טייך אַ ביסל! און אַז מען קוקט ווייטער אַראָפּ זעט מען די דענקמעלער פון קראָקוסן און וואַנדען״.

„וואַנדען?״ האָט שלמהלע אָנגעשפּיצט די אויערן. „ד׳מיינסט די שיקסע וואַנדע, טאַטשי?״

ר׳ פּייוועלע און צירעלע זיינען אַרויס מיט אַן איבערגעטריבן הייטער געלעכטער, ווי שלמהלע וואָלט געמאַכט אַ געשמאַקן וויץ. „אַ וואַנדע וואָס האָט געלעבט מיט אַ שיינע פּאָר הונדערט יאָר צוריק!״ האָט ר׳ פּייוועלע אויסגערופן. „אַ טאָכטער פון דעם בן־מלך קראָקוס איז זי געווען. און רופן רופט מען זי אין דער היסטאָריע ׳וואַנדע וואָס האָט נישט געוואָלט דעם דייטש׳. אַ וואַנדע אַ ביסל! אַנשטאָט חתונה צו האָבן מיטן דייטשן פּרינץ וואָס האָט זיך צו איר געשדכנט, האָט זיך די מעשה־בהמה אַריינגעוואָרפן אין דער ווייסל, האָט זי זיך״.

אַבראַשקע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון טעלער, אַ שטעל געטאָן דעם גאָפּל אין זיין פּויסטל מיט די ציינער אַרויף און אַ שניט געטאָן אין ר׳ פּייוועלעס פּנים מיט אַ בליק שאַרף ווי אַ מעסער.

„אַז איך ׳על דאָרט אַהינקומען״, האָט ער אויסגערופן, „׳על עך מיך אויך

אַריינוואַרפֿן אין דער ווייסל!" — לויט אים, לויט אַבראַשקען איז די וועלט געקומען צו אַן עק און דאָס לעבן האָט מער קיין זינען נישט געהאַט. אַפֿילו די „אַמעשי" האָט אים נישט געקאָנט איינגעמען. ער איז געקומען צום אויספֿיר, אַז אַפֿילו די וואָס ער האָט ליב געהאַט, האָבן אים נישט פֿאַרשטאַנען. אַלע האָבן אים געהאַלטן אין איין איבערצייגן וואָס פֿאַר אַ ווונדערס ער וועט זען אין קראָקע. — „נאָך איידער איך 'על דאָרט אַהינקומען", האָט ער ווייטער געשריגן, „'על עך מיר וואָס טאָן... כ'על מיך אַריינוואַרפֿן אין סטאַוו! כ'על מיך אויפֿהענגען אויף אַ בוים ווי וואַצלאַוו ספּאָקויני! כ'על מיך באַהאַלטן און צ'עט מיך נישט קענען געפֿינען אין דער גאַנצער וועלט!" ער איז אַרויס מיט אַ כליפּ: „הלוואַי... הלוואַי..."

ער איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון צימער.

יעקב איז אים נאָכגעלאָפֿן און אים אַריינגעכאַפּט אין די אָרעמס. אַבראַשקע האָט זיך צוגעפּרעסט צו אים און געיאָמערט: „הלוואַי וואָלט עך געווען אַ יתום! הלוואַי וואָלט עך נישט געהאַט קיין טאַטן!"

„שאַ... אַבראַשקע, חלילה־וחס!" האָט יעקב אים געפּרוווט איינגעמען מיט שטראָפֿרייד. „אַ טאַטן ווי דיינער? וואָס רעדסטע וואָס? פֿרעג מיך ווי ס'איז, אַז מ'האָט נישט קיין טאַטן".

„אַזאַ טאַטן ווי מיינעם איז בעסער נישט צו האָבן!" האָט אַבראַשקע זיך נישט געלאָזט באַרויִקן.

„אַבראַשקע, ד'ביסט דאָך ס'אַפּל פֿון זיין אויג. וואָס מיינסטע, ער'ט נישט בענקען נאָך דיר? אַז ער וויל דיך חלילה פּטור ווערן?"

„איך וויל פֿון אים פּטור ווערן! יעדער מאָל, אַז עך בין פֿריילעך, קומט ער באַלד און מאַכט אַלץ קאַליע. שטענדיק מאַכט ער קאַליע!"

„ער איז אויסן דיין גוטס. ר'האָט דיך ליב".

„כ'ברויך נישט ער זאָל מיך ליב האָבן! און כ'ברויך נישט, אַז דו זאָלסט מיך ליב האָבן!" האָט אַבראַשקע געכליפּעט. „דו ביסט אויך גאָרנישט ווערט! ביסט אויך אַן אכזר און אַ רוצח און ס'אַרט דיך גאָרנישט!" ער האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון יעקבס אָרעמס. „כ'וויל דיך מער נישט אָנקוקן אויף די אויגן!" האָט ער אַ פֿאָכע געטאָן מיטן פֿויסטל צו יעקבן און איז מיט אַ גרויסן יאָמער אַנטלאָפֿן צו סוסי בן סוסין וואָס האָט געצופּט גרעזלעך הינטערן פּלויט. דערזען אַבראַשקען, האָט דאָס פֿערדל, ווייזט אויס, געמיינט, אַז ער איז געקומען זיך שפּילן אין יאָגעלעך, האָט עס אַ וואָרף געטאָן מיטן מאַרדעלע און האָט אַוועקגאַלאָפּירט. איז אַבראַשקע צוגעפֿאַלן צו באַביקן, דעם הונט, אים אַרומגעהאַלדזט און אַריינגעכליפּעט אין זיין פֿעל: „נאָר דו איינער ביסט מיר געטריי..."

אויף יענער זייט פּלויט האָבן באַרוועסע פּאַראָבקעס און שיקסעס צוזאַמענגעשאַרט מיט גראַביעס דאָס אָפּגעקאָסעטע היי. די שניידמעסערס פֿאַרהאַ־

טשעט אין זייערע גאָרטלעך האָבן זילבערדיק געשימערט פון דער ווייטן. דער ריח פון היי האָט די קלעמעניש אין האַרצן נאָך שטאַרקער געמאַכט.

4

ר׳ פייוועלע און צירעלע האָבן נאָך אַ לאַנגער און ווילדער קריגערײַ באַשלאָסן אָפּצולייגן דאָס אָוועקפאָרן פון די קינדער אויף נאָך אַ האַלב יאָר. ר׳ פייוועלע האָט אויך געהאָפט, אַז די מלחמה וועט זיך דערווייל ענדיקן. באָטשאַני איז שוין טאָקע זינט אַ צייט געווען אַרויס פון צאַר ניקאָלייס ידים און איז געווען „דויטש״, וואָס דאָס האָט זיך אין שטעטל אַנגעזען דורך דעם וואָס די סטראַזשניקעס זייַנען נעלם געוואָרן און דער ניי־באַשטימער סטאַראָסטע האָט זיך געשאַפן אַ „מיליציאַ״. קראָקע האָט שוין געהערט צו עסטרייך — אָבער דער פראָנט האָט זיך געקאָנט צוריקרוקן און די צייטן זייַנען סוף־כּל־סוף נישט געווען קיין זיכערע.

אַבראַשקע האָט אויפגעלעבט. פאַר אים איז אַ האַלב יאָר געווען אַן אייבי־קייט — וואָס מען האָט זי געדאַרפט גוט אויסניצן. דאָך איז עפּעס, ווייזט אויס, געבליבן אין אים פון דער איבערלעבונג, פון דעם פּסק־דין וואָס איז געהאָנגען איבער זיין קאָפּ. דאָס פריידיקע, צעשפּילטע אין אים האָט זיך ווידער דערוועקט, אָבער אין אַן איינגעשרומפּענער פאָרעם. זיין געלעכטער האָט ווי פאַרלוירן דעם נאָכקלאַנג פון אומשולד, פון צוטרוי צו דער וועלט. ער האָט מער נישט אַזוי געקלעפּט צו יעקבן און ער האָט אַ סך פאַרבראַכט מיט סוסי בן סוסין, צי מיטן הונט באַביקן, צי גאָר אַליין.

דאָך, אַז יעקב איז אַהיימגעגאַנגען צו דער מאַמען אויף שבת, צי אויף יום־טוב, האָט אַבראַשקע אים אויסגעקוקט און אים מיט אומגעדולד אָפּגעוואַרט אויפן שטעגל. ער איז אים מער נישט אַנטקעגנגעלאָפן ווען ער האָט אים דערזען פון דער ווייטן, נאָר פאַמעלעך, מיט אומזיכערע טריט אים אַנטקעגנגעגאַנגען.

„ד׳ווייסט, יעקב״, האָט ער זיך בעת אַזאַ באַגעגעניש אָפּגערופן צו יעקבן. „אַז דו דאַרפסט אָנקומען, הער עך ווי ד׳זאָגסט צו מיר אין מיין קאָפּ: ׳אַבראַשע, כ׳בין שוין אויפן וועג. גיי אַרויס און ד׳עסט מיך באַלד זען אָנקומען׳״. ער האָט אָנגעקוקט יעקבן מיט פאַרחידושטע, פרעגנדיקע בליקן. אַזוי האָט ער איצט געקוקט אויף יעדן איינעם, אויף יעדער זאַך וואָס איז אים ליב געווען — מיט אַ נאָגנדיקן פרעגצייכן, ווי ער וואָלט פרעגן: „גרייטסטו זיך מיר וויי צו טאָן דערפאַר וואָס איך האָב דיך ליב?״

געלערנט האָט ער נאָך געשמאַקער ווי אַ מאָל. יעקב האָט זיך צוגעהערט צו אַבראַשקעס קול וואָס האָט געהאַט אַ מין טרעריקן נאָכקלאַנג, און זיין אייגענער אומעט איז פון דעם טאָפּלט לאַסטיק געוואָרן, טאָפּלט נאָגנדיק. ער האָט

געהאַלטן די האַנט אויפן בחורלס אַקסל, צוזאַמען מיט אים זיך געוויגט, געברומט דעם לערן־ניגון און אין האַרצן געזוכט אַ היילונג פאַר זייערביידנס צער.

„דיין קול קלינגט עפעס נישט מונטער היינט", האָט ער זיך צו אים אָפּגעד רופן. „אַבראַשקע... ס'איז דאָך ווי דאָס קול פון אַ פאַרבלאָנדזשעטן. ד'ווייסט, ס'איז דאָ אַזאַ זאַך ווי די בענקעניש צום יום שכולו טוב... בענקסטע אפשר צו די לאַכטיקע טעג וואָס ד'האָסט געהאַט די ערשטע יאָרן פון דיין לעבן. אָבער... זעסט, מ'מעג געדענקען דאָס וואָס איז געווען, מ'דאַרפט; נאָר לעבן דערמיט כסדר טאָר מען נישט. אַז מען וואַקסט, אַנדערשט זיך אַלץ איבער און איבער. מען דאַרפט זיך אויסלערנען צו לעבן מיט דער אַנדערשקייט. ביסט נישט איין־און־איינציק אין דעם. יעדער בן־אָדם פילט אַזאַ ציִעניש... צו דער שלמות וואָס איז געווען... אַ ציִעניש אויף צוריק..." ער האָט בלייך אויפגעשמייכלט. „ביז צו דער מאָמעס בויך און אפשר צו נאָך פריִער... צו אײדער מען איז אַראָפּגעקו־ מען פון לאַכטיקן גן־עדן, ווו מ'האָט אַלץ געוווסט און אַלץ פאַרשטאַנען. אָבער אַז מען לאָזט זיך אַריין דערין... האָט מען היזק טעג פון לעבן, אָפּט מאָל דאָס גאַנצע לעבן".

יאָ, יעקב איז געווען נישט ווייניקער צעטומלט פון אַבראַשקען. נאָר ער האָט זיך אָנגעטאָן אַ כּוח נישט צו לאָזן דעם קליינעם באַמערקן ווי שטאַרק ער פילט דעם ביטערן טראָפּן אין דער זיסקייט פון זיין נאָך אַ ביסל צייט צוזאַ־ מען; ווי גוט ער האָט געדענקט, אַז עס קומט נענטער און נענטער דער טאָג וואָס וועט זיין אַנדערש...

ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט אין דער מיל און אַבראַשקע איז נישט אונטערגעקומען צו אים, איז יעקב אַוועק היגטערן הויז מיט אַ ספר — און אויך ער האָט געלערנט געשמאַקער ווי ווען נישט איז.

ער האָט זיך אָפּט פאַרטיפט אין שיר־השירים — כדי צו אַנטרינען פון די מחשבות וואָס האָבן אים געפּייניקט: אַנטרינען פון זיך און גראָד אַליין זיך באַהאַלטן אינעם יום־שכולו־טוב, וואָס האָט אויף אייביק געטאָגט אינעם ספר. דאָ האָט ער געוואָלט אָפּגעפינען די זיסקייט — אויך אין דער פיין פון צע־ שיידונג; איבערלעבן די מקוים־געוואָרענע בענקעניש; געפינען אין זיך די עשירות וואָס דאָס פאַרלוירענע האָט איבערגעלאָזט אין דער נשמה, און זיך קוויקן מיט דער פרייד פון אָפּגעפונענעם: אַ לעבן וואָס איז שלמותדיק, אָן דער מינדסטער פּגימה, ווייל אַלץ אין אים, סיי ליכט, סיי שאָטן, זיינען געווען שיינ־ קייט, שירה; ווו דער הימל און די ערד זייגען טאַקע געווען אַ טעפּל מיט אַ שטערצל.

אָבער לאַנג האָט ער נישט געקאָנט פאַרבלייבן מיט אָט דער זיסקייט פון געפיל. דער ריס האָט זיך געלאָזט שפּירן. גאָט און זיין וועלט זיינען געווען צוויי באַזונדערקייטן, צוויי איינזאַמקייטן וואָס האָבן נישט געקאָנט אַריבער־

שפּרייזן דעם תּהום וואָס האָט זיי אָפּגעטיילט: דערפאַר די סתּירות, די קאָנטראַס־טן, די יסורים. האָט יעקב דערלויבט דער ביטערניש אַרויפצושווימען צו דער אייבערפלאַך פון געמיט. אַ פאַרלאַנג איז אים באַפאַלן אַראָפּצוציִען די שלייערס פון שיר־השירים, דעם געזאַנג פון די געזאַנגען, דעם שענסטן פונעם שענסטן, ווו יעדער אות האָט זיך געליבט און געקושט מיטן צווייטן.

ווי האָט געקאָנט פאַראנען זיין אַ ליבשאַפט צווישן רבונו־של־עולם און דעם בן־אָדם, דעם פאָלק־ישראל? ער, דער רבונו־של־עולם איז דאָך געווען כולו־רוח, געווען אין־סופיק, בעת דער בן־אָדם איז געווען איינגעצוימט אין זיין גוף, אין חומר, אין פינצטערע תּאוות וואָס ער האָט זיי נישט פאַרשטאַנען און איז געשטויסן געווען זיי אַנטקעגנצוקומען. דער בן־אָדם איז געווען סופיק; זינט דעם טאָג פון זיין געבוירן, געטראָגן אויף זיך דעם פּסק־דין: טויט. אַפילו די ליבשאַפט צווישן זכר און נקבה — ווי האָט זי געקאָנט זיין אָן אַ פּגם, אויב איין זכר האָט דעם אַנדערן אויך קוים פאַרשטאַנען, קוים פעיִק געווען צו פאַרנעמען דעם אַנדערנס נשמה־ניגון?

אַזוי, אַנגעלאָדנט מיט ספקות און יִיאוש, האָט יעקב זיך געוואָרפן אויף די נאַקעט־אויסגעצירטע פּסוקים, אָן פּירושים, אָן מדרשים — כּדי צו אַנטפּלעקן אַ בלויז אין דער העכסטער פּערפעקציע, אַנטפּלעקן יסורים וואָס זאָלן זיין נאָך יסורימדיקער, ווייל זיי האָבן זיך באַהאַלטן אונטערן שלייער פון שיינקייט. דאָ, אונטערן מאַנטל פון שיינקייט האָט ער זיך געוואָלט באַגעגענען פּנים־אל־פּנים — מיט דער מיאוסקייט פון אמת. און געוואָלט האָט ער, אַז אַט דער מיאוסער אמת זאָל זיין אַזוי אָפּשטויסנדיק, אַז ער זאָל זיך אָפּטרייסלען פון אים און ער זאָל איין מאָל פאַר אַלע מאָל פריי ווערן פון דער תּאווה צו אים.

אָבער געשען איז, אַז בעת ער האָט זיך אַזוי געמיט אַראָפּצוציִען אַ שלייער נאָך אַ שלייער פון שיר־השירים, האָט זיך אַ זיפץ אַרויסגעריסן פון זיין מויל און דער זיפץ איז געווען אַ לויב: „קראַנק פון ליבשאַפט בין איך..."

די אומקלאָרע אָנונג פון שולמיתן איז אים אַנטקעגנגעקומען. זיין מוח האָט אויפגעריסן מיט בילדער, מיט זעונגען, מיט ריחות. ער האָט קוים געקאָנט צוריקהאַלטן די טרערן, דעם שוידער. זיין בענקעניש האָט געיאָמערט. ס'האָט זיך געוואָלט קלאָגן אויף דער אימהדיק־סודותדיקער שיינקייט וועלכע האָט זיך געפונען — אונטער דער שיינקייט.

„אַנטלויף מיין געליבטער..." האָט ער געהערט די מוזיק פון ווערטער אין זיך. „און זיי געגליכן צו אַ הירש, אָדער אַ הינד אַ יונגן אויף די בשמים־געבערג".

דאָ איז דעם יונגן הינד קלאָר געוואָרן, אַז אַנטלויפן קאָן ער נאָר מיטן גוף, און ווו ער וועט לויפן, וועט ער מיטטראָגן מיט זיך די תּפיסה אָן קראַטעס, די תּפיסה פון זיין אייגענעם איך, פון וועלכן ס'איז קיין אַנטרינונג נישט געווען.

דערמיט איז אים אויך קלאָר געוואָרן, אַז נישט קיין אַנטרינונג פון יסורים האָט ער געזוכט, נאָר געוואָלט, אַז די יסורים זאָלן ווערן דאָס ליכט, וואָס זאָל אים די תפיסה פון זיין איך ליכטיקער מאַכן.

וואָס מער שעהען ער האָט פאַרבראַכט מיט שיר־השירים, דאָס בעסער האָט ער געגומען זען דאָס געזאַנג. יעדער אות איז געוואָרן אַ בילד, אַזוי בולט, אַז ער האָט עס געקאָנט אָנרירן, טועם זיין מיטן שפּיץ פון דער צונג. ביז ער האָט מער נישט געדאַרפט עפענען דאָס ספר; עס האָט זיך געזאָגט אין אים פון אויסווייניק.

ער האָט זיך אויפגעוועקט אין מיטן דער נאַכט און געזען די ווענט פון זיין אויסגעקאַלכטן אַלקערל. אַ פאַרכט האָט אַ ווייע געטאָן איבער אים. דער באַקוועמער שטרוישעניק איז אים אויסגעקומען צו האַרט. ער האָט געהערט די וועוויריקעס, וואָס האָבן געהאָט אַ נאַרע אויפן בוידעם, גריזשען אין די ברעטער, געהערט דעם פלאַטער פון זעגלשטאָף אין די פליגל פון דער ווינטמיל. ער איז אַראָפּ פון געלעגער און צו צום פענצטער. אַ שוואַרצע און דאָך אַ דורכזיכטיקע געדיכטעניש האָט זיך געשפּרייט צופוסנס פון באַרג.

אונטן, דאָרט ווייט, איז געשלאָפן דאָס שטעטעלע באַטשאַני. דאָרט זיינען אין דעם בוידעמשטיבל, דעם פולן מיט די פאַרפומען פון די נאָנעס גאָרטן, געשלאָפן די מאַמע און די שוועסטער אין אַלטן גרויסן בעט. זיין אייגן בלוט און פלייש. ווי נאָענט זיינען זיי אים געווען? ווי נאָענט האָט געהייסן נאָענט? און די פרעמדע — דאָס מיידל, בינהלע, וואָס איר בילד בליט אויף אין זכרון באַלויכטן פון לבנה־זילבער, איר רויטלעך־געלב צעפּל ווי דער ליכטצאַפּ פון אַ פאַרבייצײַענדיקן שטערן — וואָס פאַר אַ שייכות האָט זי געהאַט מיט נאָענט־קייט? וואָס האָט זי מיטגענומען מיט זיך, פון אים, פאַרשווינדנדיק פון זיין הימל? וואָס האָט זי אַזעלכעס געלאָזט אין אים — אויב איר בילד האָט אַזוי שאַרף־בולט אויפגעבליצט אין דער נאַכטיקער פינצטערניש?

ער האָט געהערט ווי דער ווינט פליסטערט אין די פליגל פון דער ווינטמיל: „ביסט שיין, געליבטע מיין, און ליבלעך. גרין איז אונדזער געלעגער; אונדזער הויזבאַלקן — אַ שמאָל פאַרפוילט דעכל; אונדזערע וואַנטברעטער — די פייכטע וואַנט פון אַ סטאַדאָלע אין שטורעמדיקן גאַסרעגן...״

די שטילקייט האָט געדונערט אין די אויערן. פון צעשימערטן סטאַוו איז שולמית אים אַנטקעגנגעקומען... קיילעלע די כלה אין איר ווייסן חופּה־קלייד, דעם אַדורכגעוויקטן מיט לבנה־טרערן... בינהלע מיט די פונאַנדערגעלאָזטע צעפּלאָשעטע צעפּ. ער איז געווען איר עבד, אַן עבד פון ליבשאַפט און ער האָט מתפּלל געווען צו איר: „ביסט שיין, געליבטע מיינע. דיינע אויגן זענען ווי קאַרשן און דיינע האָר ווי שנורן באַטשאַנעס...״

ס'איז געווען אימהדיק אויפן האַרצן. ערגעץ... ערגעץ האָט זיך די ליבע געפּאָרט מיט ווידערגעבורט און טויט. ער האָט מורא געהאַט פאַרביידע און עס האָט אים געצויגן צו ביידע.

עפּעס איז פאָרגעקומען מיט אים. אַ שינוי. די אַנגעלאָדנקייט פון די גלידער, די כּוחות וואָס ער האָט געפילט אין זיך האָבן געהאַט אַ שייכות צו דעם פחדיקן שוידער וואָס איז אים אָפּט באַפאַלן; און אויך אַ שייכות צו דעם דראַנג וואָס ער האָט געפילט אין זיך — אויפצוטאָן גוואַלדיקע זאַכן. איין מאָל האָט ער געפילט אַ גוטסקייט און אַ צעזונגענקייט אין זיך, אַ צווייט מאָל — אַ פרעמדקייט צו אַלץ און אַ שינאה צו זיך. עפּעס האָט זיך אין האַרצן אויף אייביק צעבראָכן. עפּעס איז דאָרט ערשט אויף אַ רעכט גאַנץ געוואָרן. אַ שאלה האָט געבויערט אין קאָפּ, אַ שאלה אַזוי גרויס ווי די וועלט — און מען האָט זי נישט געקאָנט פרעגן, ווייל מען האָט זי נישט געקאָנט אויספורעמען אין דער מחשבה. סתּם אַ ריזיקער פרעגצייכן.

אים איז איינגעפאַלן, אַז שיר־השירים האָט אים דאָס געמאַכט אַזוי אומ־רויִק. האָט ער באַשלאָסן דאָס ספר מער נישט צו עפענען. אָבער אַ רגע שפּעטער האָט ער אַנטשלאָסן געמורמלט צו זיך: „כ'על עס דווקא יאָ עפענען. מיט ציין און נעגל 'על איך מיך אַרויסדראַפּען פון תּוהו־ובוהו!"

אַבראַשקע האָט איינעם אַ נאָכמיטאָג דערשנאַפּט יעקבן אין ווינקל הינטערן הויז און זיך אָנגעזעצט לעבן אים. „וואָס לערנסטע אַזוי געדאַכט, הע?" האָט ער אַ פרעג געטאָן.

יעקב האָט פאַרקלאַפּט די טאָוולען פון ספר. „גאָרנישט", האָט ער אָפּגעשני־טן. „כ'קוק אַ ביסל אַריין".

„און וואָס קוקסטע דאָס אַריין?"

„אַט קוק עך... סתּם אַזוי".

„וויל עך וויסן און וואָס ד'קוקסט אַריין סתּם אַזוי".

„אין שיר־השירים".

„טאָ עפן און לערן מיט מיר אַ ביסל", האָט אַבראַשקע פאָרגעשלאָגן.

„האָסט נאָך פריִער אַ סך אַנדערע זאַכן צו לערנען", איז יעקב רויט געוואָרן.

„האָסט אַליין געזאָגט, אַז ווען ד'ביסט געווען אין מיינע יאָרן, האָסטע יעדן פרייטיק, פאַר פסח, געלערנט שיר־השירים אין חדר".

„און כ'האָב טאַקע גאָרנישט פאַרשטאַנען".

„טאָ וויל עך זען ווי איך פאַרשטיי אויך גאָרנישט. וואָס אַרט דיך?"

יעקב האָט אומזיכער צעבלעטערט דאָס ספר און זיך פאַרהאַלטן אויפן גוט באַקאַנטן בלאַט. „נו, ד'ווייסט דאָך, אַז דאָס איז אַ מין געזאַנג וואָס מלך שלמה האָט פאַרטראַכט", האָט יעקב גענומען אויפקלערן. „אַ געזאַנג וועגן בורא־עולמס ליבשאַפט צום פאָלק־ישראל... אַ מין משל. ס'דערציילט זיך וועגן אַ

חתן מיט אַ כּלה. דער רבונו־של־עולם איז דער חתן און דאָס פאָלק־ישראל איז די כּלה... און זיי האָבן זיך ליב ס'לעבן..."

„ני, טאָ וואָס'טע געזאָגט, אַז ס'איז שווער צו פאַרשטיין?" האָט אַבראַשקע נצחונדיק אויסגערופן. „לערן שוין... לאָמיך הערן!"

זיי האָבן אָנגעהויבן צו לערנען. אַבראַשקע האָט זיך צוגערוקט נענטער און מיט די אויגן באַגלייט יעקבס פינגער איבער די שורות. אָבער ווען דער פינגער האָט זיך פאַרהאַלטן און יעקב האָט אָנגעהויבן מסביר צו זיין, האָט אַבראַשקע זיך צעשמייכלט פון אויער צו אויער.

„וואָסי, וואָס לאַכסטע עפּעס?" האָט יעקב געפרעגט.

„כ'לאַך..." האָט אַבראַשקע מעשה לערנער אַ מאַך געטאָן מיטן הענטל, „ווייל דעם רבונו־של־עולם קאָן עד מיר נאָך פאַרשטעלן ווי אַ חתן. אָבער אַז כ'שטעל מיר פאָר עם־ישראל, זע איך פאַר די אויגן אַ פולע שול מיט שטריימלעך און שוואַרצע קאַפּאָטעס... טאָ ווי קאָן דאָס פאָלק־ישראל אויסזען ווי אַ מיידל, נאָך דערצו מיט בריסטן?"

יעקב איז רויט געוואָרן. „שאַ, רעד נישט אַזוי".

„ני טאַקע אַזוי..." האָט אַבראַשקע זיך נישט געלאָזט. „פאַר וואָס איז דאָס נישט סתּם אַ מעשׂה... וועגן אַ חתן מיט אַ כּלה?"

„ד'ווייסט אַליין, אַז אין דער הייליקער תּורה זענען נישטאָ סתּם קיין מעשׂיות. די חכמים האָבן געפּסקנט און די בעלי־אגדה האָבן דאָס אַזוי אויסגעטייטשט. גענוג פאַר דיר?"

„יאָ, ס'איז גענוג פאַר מיר!" האָט אַבראַשקע אויסגערופן און אַ צי געטאָן יעקבן פאַרן אַרבל. „קום בעסער, ט'מען צורייטן צו יואלן דעם שמיד. דער טאַטע ז'נישטאָ אין דער היים און ער'ט גאַרנישט וויסן".

זינט ער איז געוועזן אין דער קוזשניע, האָט אַבראַשקען געצויגן זיך אומצוקערן אַהין. ער האָט כּסדר גענודיעט יעקבן דערוועגן און יעקב האָט אים קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט.

אַבראַשקעס פּשוטע באַמערקונג וועגן שיר־השירים האָט יעקבן צוגעטראָפן צום געמיט. איצט האָט ער ערשט רעכט נישט געקאָנט זיך קיין עצה געבן מיט די זינדיקע מחשבות. שולמית איז געווען אַ מיידל פון בלוט און פלייש. זי איז געווען בינהלע. ער האָט זי אויסגעקליידט אין לופטיקע בגדים, מיט קרוינען פון כאַבערס און מאַרגאַריטקעס אויפן קאָפּ. דער דמיון האָט אים אָפּגעטאָן שפּיצלעך. ער האָט זי געזען לויפן איבערן בלויען באַרג, אַרויפקומען צו דער מיל, זיך אָנהענגען אָן דער מילס פליגל און זיך אויף זיי דרייען אַרום און אַרום מיט איר ספּאָדניצע פאַררייסן אין דער לופטן. „כ'קאָן מיך געוועטן, אַז ד'עסט מיך נישט כאַפּן!" האָט זי געפאָכעט צו אים מיט די בלויזע ראָזעווע

פיאַטעס. ער האָט געזען אירע נאַקעטע פיס. דער הפקרדיקער ווינט האָט פאַרבלאָזן איר קלײדל אַרויף, עס פול געמאַכט מיט לופט ווי אַ באַלאָן. אירע צעפלאָשעטע געלע האָר האָבן געפלאַטערט ווי שטראַלן אין אַ קרײַז; איר פּנים — די זון, און די זון — ווי די פליגל פון דער מיל.

צי ער האָט זי גאָר געזען אַרויסקומען פון אַ שייער, שטרוי פאַרפלאָנטערט אין די געלבע קנוילן פון אירע צעפּ; שטרוי ווי שטיקער צירונג פאַרטשעפּעט אין די פאַלדן פון איר צעכראַסטעטן קלייד. ער האָט זי געזען לויפן... דאָס מאָל דורכן זון־אונטערגאַנג. דאָס מאָל האָט די מיל געטראָגן שאָטנס אין די פליגל. די לאַנקע איבער וועלכער בינהלע איז געלאָפן איז געווען טונקל־בלוי; דער טוי אויף די שפּיצן פון די גראָזן — דימענטיק־צעפינקלט. ער האָט געזען איר געליבטן אַנטקעגנקומען פון בעריאָזע־וועלדל, איינגעטונקען אין ליכט פון בין־השמשות. די אײפערזוכט האָט זיך צעטליִעט אין יעקבן, הגם איר געליבטער איז געווען — ער אַליין. און ווי זיי האָבן געגענט אײנער צום אַנדערן, האָט דער הימל איינגעצויגן דאָס גאַנצע ליכט אונטערן גאַרטל פון האָריזאָנט. און ווי ער, יעקב, האָט זיך באַגעגנט מיט בינהלען, האָט די נאַכט זיי ביידן אַרומ־גענומען מיט הייסע אָרעמס. דעמאָלט איז די פינצטערניש געוואָרן פאַרבלענדנ־דיק־שבתדיק. הייליק.

ער, יעקב, האָט געזאָגט צו בינהלען: „מײַן אײפערזוכט און מײַן זולל־וסובאדיקער הונגער צו דיר זענען אין דער אמתן נישט עפּעס אַנדערש — ווי מײַן תאווה צום סוד וואָס דער רבונו־של־עולם באַהאַלט אין אונדז — פון אונדז".

5

אַבראַשקע האָט אַזוי לאַנג געפּייניקט יעקבן, ביז יעקב האָט נאָכגעגעבן און איז אַוועקגעריטן מיט אים צו יואלן דעם שמיד.

יואל האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט זיי דערוואַרט און ער האָט זיי, ווי אַ מאָל, באַגריסט מיט אַ הייטערן אויסרוף: „סקאָצל קומט, בראַדיאַגעס! שוין ווידער פאַרפאַרן אין ראָוו אַריין?" אָבער ער האָט זיך נישט אַרײַנגעלאָזט אין קיין שמועס מיט זיי, ווי צום ערשטן מאָל. ער האָט זיך עוסק געווען ביי דער קאָוואַדלע אין דער שמידעריי, געלאָזט אַבראַשקען זיך אַרומשפּילן צווישן די הויפנס בראַכוואַרג, פאַרביטן אַ פּאָר ווערטער מיט יעקבן, און ערשט ביים אָפּגעזעגענען זיך, האָט ער אַ כאַפּ געטאָן אַבראַשקען אויף די הענט, אים אַרויפגעזעצט אויף סוסין און אויסגערופן: „טאַ צו וואָס זענט עץ אייגנטלעך געקומען, בראַדיאַגעס?"

אַבראַשקע האָט אַ צעשפּילטער אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ: „מ'האָט געוואָלט קומען, איז מען געקומען".

„ר'האָט מיך געהאַלטן אין איין פייניקן", האָט יעקב צוגעגעבן. „זינט מען איז דאָ געווען, ציט אים אַהער".

„און דיך?" האָט יואל אַנגעשטעלט אויף יעקבן אַ פּאָר אויגן אַזוי טיף און הייס־שוואַרץ, אַז יעקבן האָט זיך געדאַכט, אַז ער ווערט פאַרטרונקען אין זיי אַן אָפּגעבריטער. „דו האָסט מורא, הא?"

יעקב האָט זיך גובר געווען. „מורא געהאַט... דאָך איז מען געקומען".

יואל האָט אַרויפגעלייגט אַ שווערע האַנט אויף זיין אַקסל, אים אַ קלעפּל געטאָן און געהאָלפן אַרויפשטייגן אויף סוסין. „נעם דיך נישט איבער. דער 'און דאָך' איז דער עיקר", האָט ער אַ זאָג געטאָן, אַ לייכטן שטויס געטאָן סוסין אין רוקן און זיך אָפּגעקערט פון זיי.

זינט דעם טאָג, זיינען יעקב און אַבראַשקע יעדן זונטיק אַרויסגעריטן צו יואלן דעם שמיד. דאָס לאָזן זיך אַהין איז באַגלייט געווען פון אַ שפּאַנונג, נישט נאָר ווייל מען האָט אָפּגענאַרט ר' פייוועלען, וועלכער האָט געהאַט אַזוי שטרענג אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל זיך נישט דערוועגן אָוועקצורייטן צו יואלן. דער פּלאַטער אין האַרצן איז אויך געקומען דערפון וואָס מען האָט תּמיד עפּעס דערוואַרט אויפן וועג אַהין, עפּעס אויסגעקוקט דאָרט אין דער שמידעריי, אין בייזיין — פון דער שוואַרצער סודותדיקער געשטאַלט פון שמיד.

און דאָס געפיל, די שפּאַנונג, איז געווען פאַרמישט מיט אַ תּענוג, מיט אַ הפקרדיקער פרייַקייט פון געמיט. אויפן וועג אַהין זיינען די חושים געווען וואַך, שאַרף. יעקב מיט אַבראַשקען האָבן מיט די אויגן אַריינגעזויגן די לאַנדשאַפט וואָס האָט זיך געשפּרייט צו ביידע זייטן פון שליאַך און געדאַכט האָט זיך, אַז יעדער קעמערל פון גוף האָט אויך פאַרמאָגט אַ פּאָר אייגענע גיריקע אויגן, גיריקע ליפּן וואָס האָבן איינגעשלונגען יעדן נצוץ פאַרב, יעדער שטויבעלע ליכט — גלייך אין דער נשמה אַריין. און די נשמה האָט מען געפילט אַזוי פיזיש, ווי זי וואָלט געווען גוף.

מעשיות האָט יעקב זעלטן דערציילט אויפן וועג צו דער קוזשניע. מען איז געווען צו אומגעדולדיק. מען האָט אונטערגעפייפט, געפּלאַפּלט נאַרישקייטן, געלאַכט אַ געשפּאַנט, אומרויִק געלעכטער, און אָפּגעענטפערט די פייגל וואָס האָבן זיך אָפּגערופן פון די טאָפּאָליע־צווייגן.

יעקב האָט געטראַכט: „אַזאַ משונהדיק־געשפּאַנטע פרייד אין מיר, אַז ס'גלוסט זיך אַזש וויינען. יאָ, מען קאָן זיין גליקזעליק, נישט געקוקט אויף דעם פּלאָנטער וואָס מען טראָגט אין זיך. מען קאָן גאַרנישט מער פאַרלאַנגען פון לעבן, הגם אַזוי פיל פאַרלאַנגען זיינען נישט געשטילט געוואָרן. דער רבונו־של־עולם איז אַ נאָענטער קרוב — הגם ער איז אַ פרעמדער, אַ פאַרהוילענער.

נאָך די ערשטע פּאָר באַזוכן פון די צוויי יונגע חברה־לייט אין דער קוזשניע,

האָט יואל זיך מער נישט געקאָנט צוריקהאַלטן און ער האָט זיך גענומען אויפֿ־פירן ווי דאָס האָרץ האָט אים דיקטירט. דערזען אַבראַשקען אַראָפּשפּרינגען פֿון סוסין, האָט ער אים אַ כאַפּ געטאָן אין די אָרעמס, זיך צעהודזשעט מיט זיין שווערן געלעכטער און דאָס בחורל אַרומגעדרייט אַ פּאָר מאָל אין אַ קאַרוזעלע אַרום זיך. באַלד האָבן זיך שפּורן פֿון זיינע אויסגעריסטע הענט באַוויזן אויף אַבראַשקעס פּנים און אויף די בגדים.

אין אַ רגע אַרום איז שוין אַבראַשקע געשטאַנען מיט צעפינקלטע אויגן ביים פייער אין דער קוזשניע. יואל האָט נישט געהאַט קיין סך אַרבעט זונטיק נאָך מיטאָג, ווען די פּויערים זיינען שוין געווען צוריק פֿון קאַשטשאָל און דער ווער האָט געפּוסטעוועט. אָבער ער האָט אָנגעהאַלטן דאָס פייער אין שוואַרצן אָפּענעם אויוון, מסתּמא צוליב היימלעכקייט. אַבראַשקע איז אים באַפאַלן מיט טויזנטער קשיות וועגן אייזן און אַנדערע מעטאַלן, וועגן פייער, וועגן דעם בלאָזזאַק.

אַז די באַוווּנדערונג זיינע פֿאַרן שמיד האָט איבערגעשוימט די ברעגעס פֿון זיין האַרץ, האָט ער אויסגערופֿן מיט התפּעלות: „דו'סט געדאַרפֿט זיין מיין טאַטע, יואל!"

„שאַ... שטיל!" האָט יואל אָנגעכמאַרעט דעם שטערן און באַהאַלטן דעם צופרידענעם שמייכל אין די געדיכטע שוואַרצע וואָנצעס. „האַלט דיר בשיתּ־חין דיין טאַטן און אונדז 'עט מען זיין גוטע ברידער".

„יאָ, אונדז זענען מיר אַלע דריי גוטע ברידער!" האָט אַבראַשקע אָנגעקוואָלן. „און יעצט, יואל, נעם אַ שטיק אייזן און מאַך מיר עפּעס אין פייער... אַ פויגל, צי אַ חיה!"

„מאַך דיך נישט צו נאַר!" האָט יואל כלומרשט זיך געוועדט. „כ'בין נישט קיין פויגל־מאַכער".

„ביסט יאָ, קום!" האָט אַבראַשקע אים געשלעפּט פֿאַרן כאַלאַט צו דעם הויפּן אייזנוואַרג וואָס איז געלעגן לעבן דער קוזשניע.

באַלד האָבן זיי אָפּגעזוכט אַ פּאַסיק שטיקל מעטאַל. יואל האָט עס צעגליט אין פייער ביז עס האָט אויפגעלויכטן אין די פלאַמען ווי אַ גילדערנער לאָמפּ. יואל האָט עס אַריבערגעטראָגן אויף דער קאָוואַדלע און לויט אַבראַשקעס אָנ־ווייזונגען, האָט ער מיט אַ לאַנגער צוואַנג און מיט אַ האַמער אויסגעבויגן דאָס צעגליטע, ווייכע שטיקל מעטאַל אין די פאָרמען וואָס אַבראַשקע האָט געוואָלט. שפּעטער האָט מען דאָס איינגעטונקען אין איינגעמויערטן בעקן מיט קאַלט וואַסער. דאָס אויסגעשמידטע, געפֿאָרעמטע שטיק מעטאַל האָט געצישעט, אַ פּאַרע האָט זיך געריכערט דערפֿון. אַז מען האָט עס אַוועקגעשטעלט אָפּצוקילן און מען האָט געקוקט דערויף, האָט מען געזען אין דעם פֿאָרעם אַן אָנדייט אויף אַ משונהדיק באַשעפעניש.

„דבר שלא באַ לעולם..." האָט יואל מיט שטיינען געדרייט מיטן קאָפּ.

אַבראַשקע האָט מבֿיניש באַטראַכט דאָס באַשעפעניש און קריטיקירט יואלן פֿאַר די פֿעלערן וואָס ער האָט געמאַכט, דאָ שלעכט פֿאַרבויגן, דאָרט אָוועקגע־האַקט צו פֿיל. יעקבֿן האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז יואל וועט באַלד אַריינבלאָזן דעם שם־המפֿורש אין דעם אויסגעפֿורעמטן באַשעפעניש און עס וועט באַלד אַ־וועקפֿליִען.

טייל מאָל האָט יואל, ווי ער וואָלט געלייענט יעקבֿס מחשבֿות, גענומען זאָגן גאַנצע שטיקער גמרא פֿון אויסווייניק, אָט אַזוי, בעת ער האָט אויסגע־פֿאָלגט אַבראַשקעס באַפֿעלן.

„ביסט דאָך גאָר אַ וואָזשנער למדן!" האָט יעקבֿ אויסגערופֿן. ס'איז אויס־געקומען נאַטירלעך צו דוצן יואלן, ווי עס וואָלט צווישן אים און זײַנע אורחים, קיין אונטערשייד אין עלטער נישט געווען.

„יאָ", האָט זיך יואל שווער, מאַסיוו צעברומט. „פֿון דעם גאַנצן לערנען האָב עך מיך דערלערנט צו דעם טיפֿן זינען פֿון מײַן מלאָכה. פֿון דער בלויזער מחשבֿה, ברודערקע, איז נאָך גאָרנישט באַשאַפֿן געוואָרן, אַחוץ לופֿטבילדער, אַפֿילו נישט בײַם רבונו־של־עולם, מײַן עך".

שוואַרץ ווי יואל איז געווען אין זײַן געשטאַלט, דאָס פּנים טונקל, מיט שאַרפֿע שטריכן, די הויט אײַנגעפּלאַצט פֿון פֿײַער און ווינט, די באָרד און פּאות און די וואָנצעס קויל־שוואַרץ — האָט די שוואַרצקייט אויסגעזען צו לײַכטן, ווי ס'פֿלעגן לײַכטן די שוואַרצע נעכט אין וועלכע ער, יעקבֿ, האָט אַרײַנגע־קוקט דורכן פֿענצטער פֿון זײַן אַלקערל. דער שײַן פֿון יואלס אויגן־ווײַסלען, דער ווײַסער בליאַסק פֿון זײַנע צעשטשירעטע ציין, דער ווײַסער שוים וואָס האָט זיך באַוויזן אין די ווינקלען פֿון זײַנע טונקעלע אָנגעשוואָלענע ליפּן — האָבן עדות געזאָגט, אַז ער איז מיטן גאַנצן חיות געווען איבערגעגעבן צו דעם וואָס ער האָט געטאָן. מיט התמדה האָט ער אַרײַנגעזופּט דעם שווייס און געווישט די טריפֿנדיקע אויסגעריסטע נאָז מיטן אַרבל. די שווייסטראָפּנס זײַנען פֿון זײַן פּנים געפֿאַלן אויפֿן פֿײַער, אויפֿן צעגליטן אײַזן און געצישעט מיט זײַן הנאה.

„גלייב מיר", האָט יואל נאָך אַ לאַנגן שווײַגן צוגעגעבן. „אַ שטיקל אַרבעט קאָן מיך אַרײַנברענגען אין אַ גרעסערער שיכּרות פֿון אמונה ווי צען לעמפּיקלעך מאַנאַפּאָלקע און צען מאָל צען שמונה־עשרהס".

יעקבֿ האָט געמוזט אויפֿשמייכלען צו דער מאַמעס קול אין זיך. „ווער ווייסט צי דאָס איז נישט איינער פֿון די ל"ו צדיקים?" יאָ, אפֿשר איז יואל טאַקע געווען דער אמתער מענטש, אַ צדיק, גראָד דערפֿאַר וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט כּלומרשט אַפּיקורסישע רעיונות? גראָד דערפֿאַר וואָס ער האָט געהאַט אַזאַ גשמיותדיקן אויסזען, אַ גשמיותדיק קול און אַ געלעכטער וואָס האָט געקלונגען ווי אַ הייזעריקער דונער? דערפֿאַר וואָס ער האָט געהאַט אַן

אפעטיט צו דער אכילה און צו דער „מאנאפאלקע״ ? דערפאר ווייל אין באטשאני האט מען געפלעגט דערציילן וועגן אים אומגלייבלעכע מעשיות, אז ער איז א כישוף־מאכער, אן אשמדאי, אז ער האט דערהרגעט זיין אייגן ווייב און קינדער, אז ער איז געשלאפן מיט נקבות אין דארף, און מען האט דריי מאל אויסגע־שפיגן איידער מען האט ארויסגעבראכט זיין נאמען אויף די ליפן ?

דערהערט אז יעקב איז אן אפשטאמיקער פון רבי יצחק פון ווורקע, האט יואל א קלאפ געטאן יעקבן אין אקסל : „ביסטע דאך שוין באלד פון מיינע מענטשן !״

„פאר וואס שוין באלד ?״ האט יעקב געפרעגט.

„שוין באלד... ווייל עך בין נישט קיין חסיד און אוודאי נישט קיין מתנגד. כ׳ברויך נישט דעם רב און נישט דעם רבין זיי זאלן זיין א לייטער צווישן מיר און דעם רבונו־של־עולם. אפילו קיין שול און קיין מנין ברויך עך נישט. ווו עך שטיי איז מיין שול און וואס עס ריינגלט מיך ארום איז מיין מנין, פאר־שטייסט א דיעלא ? מחמת איך, אז עך שמועס מיך אויס מיטן באשעפער, קאן עך אים נישט זען ווי דעם לייכטנדיקן מלך אויפן כסא־הכבוד. ווייל דאמאלס ווערט מיר דאס לשון אפגענומען. ס׳ט שוין געהערט, אז א כלאפ, א כאם, זאל זיך אויסשמועסן מיטן צאר ניקאליי, להבדיל, אין זיינע חדרי־חדרים ? ניין. איך אויך נישט. איז, אז עך שמועס מיך אויס מיט אים, מאך עך מיר באקוועם. כ׳זע אים ווי א יידל, א דארפסגייער למשל, וואס ער טראגט זיך זיין אייגן פעקל צרות אויף זיינע פלייצעס. און אז ער גייט פארביי די קורשניע, גיב עך אים אפ שלום און מ׳רעדט זיך ביידע אראפ פון הארצן. ווערט מיך לייכטער און אים לייכטער, פאניאטנא ?״

אפט מאל האט זיך יעקבן געגלוסט א פרעג צו טאן יואלן די אלע שאלות וואס האבן אים געפייניקט. אבער דא, אויפן מאמענט, האבן זיי נישט אויס־געזען וויכטיק. צו וואס האט מען געברויכט אויפצושוימען די מוטנע וואסערן פון נעכטן, פון א שעה צוריק — אויב אלץ, און אפילו די פארקנוילטקייטן און די שייכותן פון זאך צו זאך, פון ענין צו ענין, זיינען דא אויסגעקומען פשוט און קלאר — דערטרעגלעך. דער הויפטזינען אינעם דא זיין, אין דער שמידעריי, איז געלעגן אין אפפילן יואלס אנוועזנהייט, וואס דורך איר האט מען זיך אליין בעסער אפגעפילט. יעדער זאך, דעם גאנצן ארום, האט מען בעסער געפילט, ווען יואל איז געווען דערביי. דא, לעבן יואלן, איז יעדע זאך געווען סיי די שאלה, סיי די תשובה.

יעקב האט זיך משער געווען, אז יואל האט געטראגן א בינטל גרויליקע זכרונות באגראבן טיף אין זיך. ווייל יואלס פרייד און גיריקייט צום לעבן איז נישט געווען קיין לייכטע. פארקערט. זיי זיינען געווען אנגעלאדנט, האמעטנע — און האבן גאר קיין שייכות נישט געהאט צו סתם זארגלאזיקייט. פון טיף־טיף

זיינען זיי געקומען, ווי אַדורכגעבערענט אין דער אינערלעכער שמידעריי פון יסורים. אפשר דערפאַר האָבן זיי אים, יעקבן, אַזוי טיף אָנגערירט, דערגרייכט די וואָרצלען פון זיינע אייגענע יסורים. ווי אַ פלאַם וואָס רייסט זיך אַדורך דורך דער שפּאַרונע פון אַ גיהנומדיקן אויוון איז געווען יואלס געלעכטער, זיינע רייד, זיינע ניגונים.

יואלס קליינע כאַלופּע, אַ האַלב־איינגעזונקענע, פּאַרעיפּושטע, וועלכע איז געשטאַנען לעבן דער שמידעריי, האָט פאַרמאָגט נישט מער ווי איין טונקל אַלקערל מיט אַ קליין פענצטערל. גלייך הינטער אָט דער כאַלופּקע האָבן אַרויסגעסטאַר־טשעט שורות ציגל פון דער ערד און געצייכנט צוויי גרויסע פירעקן אויפן שטח פון געדיכטן ווילדגראָז וואָס איז געוואַקסן צווישן זיי און אַרום זיי. זיי האָבן אָנגעטייט, אַז דאָ איז אַ מאָל געשטאַנען אַ הויז. איצט האָבן זיי אויסגעזען ווי צוויי גרויסע פאַרוואָרלאָזטע קברים.

דער נייגעריקער אַבראַשקע האָט אַ פרעג געטאָן יואלן דערוועגן.

„יאָ", האָט יואל אַ מרוקע געטאָן. „מיט יאָרן צוריק האָב עך געהאַט אַ שטוב דאָ".

„און וואָס איז מיט איר געשען?" איז אַבראַשקע צוגעשטאַנען.

„גאָרנישט איז געשען. ז'איז נעלם געוואָרן", האָט יואל זיך אָפּגעקערט פון אים.

„ס'טייטש נעלם געוואָרן?" איז אַבראַשקע אים נאָכגעלאָפן.

„נעלם געוואָרן. דאָס איז דער טייטש".

וויפל מאָל אַבראַשקע זאָל זיך נישט האָבן צוגעטשעפּעט צו אים און גע־פרעגט די זעלבע קשיא, האָט ער באַקומען דעם זעלבן ענטפער. אָבער אַבראַשקע האָט אַזוי לייכט נישט אויפגעגעבן.

„און טאָ פאַר וואָס לעבסטע דאָ איינער אַליין?" האָט ער זיך נישט געלאָזט פאַרטרייבן פון יואלן.

„ווייל דו קומסט נישט לעבן מיט מיר", האָט יואל אים אַ כאַפּ געטאָן אויף די הענט און אַרומגעדרייט אַרום זיך אין אַ קאַרוזעלע.

„אַז ד'ווילסט כ'זאָל קומען, 'על עך קומען!" האָט אַבראַשקע זיך צעגוואַל־דעוועט. „כ'על קומען!"

אַז יואל האָט אים אָפּגעלאָזט און אַבראַשקע האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו זיינע שפּילערייען אין דער קוזשניע, צי אין דרויסן, האָט יואל זיך אַוועקגע־זעצט לעבן יעקבן.

„כ'לעב אַליין", האָט ער געמרוקעט. „ווייל אַזוי איז געזינטער. ס'איז פרייער. קיינער קען מיך נישט אמתדיק, קיינער ווייסט נישט וואָס אין מיינע טעפּלעך קאָכט זיך. קיינער שפּייט מיר נישט אין דער קאַשע און גיט מיר נישט קיין עצות און זאָגט מיר נישט קיין דעה. און ערשט אַזוי, פאַרשטייסטע

מיך, קאָן עך מיך מתיחד זיין מיט אַלץ וואָס איז פאַראַנען אין מיר און אַרום מיר. זעסט, דער בן־אָדם דאַרפט האָבן אַן אייגענע הויט וואָס זאָל אים אָפּטיילן, אָפּצייכענען אין זיין אייגנקייט. אַזוי דאַרף ער אויך האָבן אייגענע דלד־אַמות, אַ צווייטע הויט, ווו ער זאָל זיין אָפּגעטיילט פון זיין שכן און ווו ער וווינט אַליין. דער רבונו־של־עולם וווינט דאָך אויך אַליין, און ערשט אַזוי קאָן ער זיך צונויפשפּילן מיט אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט... אַזוי קאָן איך מיך בעסער צונויפשפּילן מיט אים".

„אָבער ס'איז דאָך גוט צו לעבן מיט עמעצן, צו זיין צוגעבונדן", האָט יעקב אַ מורמל געטאָן. „הם... ליב צו האָבן, אַ שטייגער".

„סע ווענדט זיך וואָס מען מיינט מיטן ליב האָבן. צוגעבונדנקייט און ליב־שאַפט זענען נישט איינס און דאָס זעלביקע. מ'דאַרפט קענען האַלטן לויז די פעדעם, כדי מען זאָל איינער דעם אַנדערן נישט דערשטיקן. ווען די פעדעם פון צוגעבונדנקייט ווערן אַנגעשפּאַנט, ווערט פון דער ליבשאַפט אַ שינאה. ווען די פעדעם צערייסן זיך, עפענען זיך אַלע קוואַלן פון רישעות. און טייל מאָל קלעפּסטע דיך צו צו אַ צווייטן צוליב דער אימה, סיי פאַרן לעבן, סיי פאַרן טויט. און דאָס קלעפּן צו יענעם מאַכט דיך שוואַך, אָפּהענטיק. ד'פאַרלירסט דעם דרך־ארץ צו זיך. און וואָס פאַר אַ ווערט האָט שוין די ליבשאַפט פון אַ שברי־כלי? ס'איז דען ליבשאַפט, דאָס? פּחדנות איז איז עס".

„אָבער אַ מאַן דאַרף דאָך האָבן אַ ווייב... און קינדער", האָט יעקב נישט פאַרשטאַנען.

„אוודאי דאַרפט ער..." יואל האָט איבערגעריסן אין מיטן.

פון די פעלדער האָט זיך געהערט אַ ווייט געזאַנג, אַ רייך־ווינטיק קול. יעקב האָט דערקענט וואַנדעס קול. אין די זונטיקן האָט מען עס אָפט געקאָנט הערן קומען פון די פעלדער.

יואל האָט זיך אַ קער געטאָן און איז נאָכגעלאָפן דער קו זיינער וואָס האָט פאַרוואַנדערט צו ווייט איבער דער לאָנקע. אַחוץ דער קו האָבן אויך אַ פּאָר גענדז און אַ פּאָר היגער זיך אַרומגעדרייט צווישן די צעבראָכענע וועגענער און דעם בראָכוואַרג אויפן הויף. דאָס איבעריקע וואָס איז אים נייטיק געווען האָט יואל זיך פאַרשאַפן אין דערפל וואָס האָט זיך געפונען אויף דער קעגן־איבערדיקער זייט פון שליאַך, העט אַרויף.

צוריקגעטריבן די קו, האָט יואל מיט אַ פינגער צוגערופן יעקבן און זיי האָבן ביידע באַטראַכט ווי אַבראַשקע איז געווען אַריינגעטאָן אין שפּיל צווישן די צעבראָכענע וועגענער, די בערג מיט מעטאַלשטיקער און אַלטע רעדער, וואָס האָבן דעם קליינעם געכישופט. דאָרט צווישן די וועגענער האָט אַבראַשקע פון די שטיקער בראָכוואַרג און די אַלטע רעדער צונויפגעשטעלט פאַנטאַסטישע געביידן.

ער האָט דערפילט אויף זיך יואלס און יעקבס בליקן און ער האָט אַ פאַרפּאַרעטער אַ פרעג געטאָן: „צ'האָט געהערט וואַנדען זינגען? כ'בין נייגעריק ווו זי וווינט".

„אין דאָרף דאָרט אויבן וווינט זי", האָט יואל געענטפערט. „קעגן איבער דעם וועג, גלייך אין ערשטן הייזל".

יואל האָט אַ צי געטאָן יעקבן מיט זיך און זיי האָבן זיך ביידע אווועקגעזעצט אויף דער שוועל פון דער כאַטקע. זיי האָבן אַריבערגעקוקט צום קעגן־איבער־דיקן פעלד, ווי זיי וואָלטן דערוואַרט נאָך אַ מאָל צו דערהערן וואַנדעס קול. דערנאָך האָבן זיי אַריבערגעטראָגן די בליקן צו די בערג וואָס האָבן געטונקלט און זיך געררייכערט פון דער ווייטנס מיט זיילעלכלעך וואָלקנס.

יואל האָט נישט געקאָנט לאַנג זיצן און גאָרנישט טאָן מיט די הענט און ער האָט זיך פאַרנומען צוצוגרייטן ראָזשינקע־ווייַן אויף שבת, צו קידוש; „מאַנאַ־פּאָלקע" איז געווען זיין וואָכעדיקער טרונק. ער האָט אַרומגעשטעלט אַרום זיך די סלויעס און פלעשער פון אָנגעשטעלטן וויין און אים געגומען אַדורכזייען אין אַ גרויסער קרוג אַריין. דערנאָך האָט ער מיט דער פויסט צוזאַמענגעקוועטשט די ראָזשינקעס וואָס זיינען געבליבן אויף דער שמאַטע, דורך וועלכער ער האָט אַדורכגעזייערט דעם וויין, און מיטן גאַנצן כּוח פון ביידע הענט זי אויסגע־דרענגט איבער דער קרוג, ביז ס'האָט זיך מער קיין טראָפּן נישט געלאָזט אַרויס־קוועטשן. דעמאָלט האָט ער צוריק פונאַנדערגעוויקלט די שמאַטע און מכבד געווען יעקבן מיט די צעקוועטשטע ראָזשינקעס.

יעקב האָט געזייגט די לעצטע טראָפּנס זיסן זאַפט פון די ראָזשינקעס און זיך אָנטציקט. „די וועלט איז דאָך שיין, הע, יואל?"

„וואָס מיינסטע 'דאָך'?"

„נישט געקוקט אויף אַלץ... מיין עך".

„יאָ געקוקט אויף אַלץ... אַז נישט, טאָ וואָס פאַר אַ פּנים האָט זי? אַלץ איז דאָך געקנופט און געבונדן. די ראָזשינקעס מיטן וויין, דער וויין מיט דיר, דו מיט מיר... און פאַרקערט אויך... און איבערגעדרייט אויך, דער אויבן מיטן אונטן, דער מיזרח מיטן מערב, איין וועלט מיט דער אַנדערער. און דער אָפּשיין פון רזי־דרזין איז סיי אין דיר, סיי אין אין־סוף, ווי צוויי קרייזן מיט אַ בשות־פותדיקן מיטן, אַ בשותפודיקער נקודה; איין קרייז דער אין־סוף, דער צווייטער, דו. ערשט, אַז ד'זעסט די וועלט אַזוי, איז זי שיין". יואל האָט האַמעטנע אָפּגע־זיפצט. „נישקשה... מ'קאָן אויסהאַלטן... אין אָט דער רגע, אויף אָט דעם מקום. אָבער, אַז ד'עסט אַצינדער שטעלן די זעלבע קשיא עמעצן אויפן שלאַכטפעלד למשל, ט'ער דיר ענטפערן מיט אַ קללה. — אַקעגן וואָס זאָג עך דאָס? אַקעגן דעם, אַז די גאַנצע שיינקייט איז סוף־כּל־סוף אַ מטושטשע זאַך. אַ יאָ מיט אַ ניין. זעסט די בערג דאָרטן? שיין ס'טע זאָגן. אַוודאי. נאָר אַז ד'עסט צוקומען

נענטער און זיך גוט צוקוקן, ס׳טע זען ווי צווישן די שטיינער פויזעט דער טויט. איין וואָרעם פרעסט אויף דעם אַנדערן. איין בוים וואַקסט אויפן חשבון פון אַנדערן. איין שטיין צעקוועטשט דעם אַנדערן. טאָ ווי קאָן מען וויסן וואָס די גאַנצע שיינקייט איז... צי׳ די ליבשאַפט? נאָר אַז מען קוקט אַריבער איבער דעם וואָס מען זעט, מען קוקט אַדורך... אַז מען איז בכּוח... דערזעט מען דאָס, וואָס איז נישט שיין און נישט מיאוס... וואָס איז נישט ליבשאַפט און נישט שׂינאה... און דאָס איז ערשט די אמתע שיינקייט... די אמתע ליבשאַפט, פאַר־שטייסט אַ דיעלאָ?״

יעקבס אויגן האָבן אויפגעלויכטן. אַ קלאָרקייט האָט אויפגעבליצט אין אים. „יאָ!״ האָט ער אויסגערופן. „אַז מען קלערט אַזוי ווי דו, קומען די ריסן און די סתירות נישט אויס אַזוי שאַרף... מ׳קאָן זיי אַננעמען״.

יואל האָט אויפגעלאַכט. „ד׳האָסט אַ ברירה?״ ער האָט זיך פאַרנומען פונאַנ־דערצוגיסן דעם ווײַן פון דער קרוג אין די פלעשער און זיי פאַרבינדן די העלדזער מיט שמאַטקעס און בענדלעך. ער האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ. „ס׳גייט אייגנטלעך נישט אין דעם. מ׳האָט טאַקע נישט קיין ברירה. מען מוז אַננעמען די וועלט אַזאַ ווי זי איז. אָבער צו דערשנאַפּן אַ ברעקעלע סוד פון דער יצירה... איי... צו דעם בענקט דאָס גאַנצע חיות אין מיר״.

„אין מיר אויך!״ האָט יעקב אויסגערופן. „די מאַמע פלעגט אַ מאָל, ווען כ׳בין געווען אַ קינד, רעדן צו מיר וועגן די שלייערן אין וועלכע די וועלט איז איינגעהילט... וועגן איין וועלט וואָס איז בעת־מעשׂה אין דער אַנדערער, און זינט דאַמאָלס...״ יואל האָט אַ קער געטאָן צו אים דעם קאָפּ. זײַן בליק איז געווען אַן אַדורכנעמענדיקער. קיינער האָט אין אים, אין יעקבן, נישט אַריינגעקוקט אַזוי טיף, דערגרייכט ממש ביז צום שורש פון דער נשמה. „און דער סוד־הצימצום, יואל, ווי פאַרשטייסטע דאָס?״ האָט ער אַ שטאַמל געטאָן.

„נו וואָס, דער סוד־הצימצום?״ האָט יואלס קול זיך צערוישט. „וואָס פרעג־סטע נישט אַבראַשקען דערוועגן? ער איז אַ קינד, איז ער נענטער צום אָנהייב. האָט נאָך נישט באַוויזן אַזוי פאַרחומרט און פאַרחמורט צו ווערן. און אַבראַשקע שאַפט דאָך דברים שלא־באו־לעולם, האָט ער אַ בעסערע השגה פון דעם ענין ווי אונדז ביידע. די שאלה איז דאָך, אויב דער אין־סוף, דער הייליקער גרויסער גאַרנישט, אויב ער, דער אַלמעכטיקער איז אומעטום, טאָ וווּ איז פאַראַן געווען אַן אָרט צו באַשאַפן די וועלטן? — דערפאַר איז דאָ די אויסטייטשונג, אַז דער אַלמעכטיקער האָט זיך איינגעצויגן אין זיך, זיך מצמצם געווען און פון דאָרט מיט אַ שאָס אַרויסגעשטראַלט די צען ספירות, די געפעסער זיינע. אַזוי האָט ער באַשאַפן די וועלטן. ווידער זיך איינגעצויגן און ווידער אַרויסגעשטראַלט. און אַזוי טוט ער דאָס און טוט כּסדר. אַן אַרויסשטראַלן און אַ צוריקציִען זיך, ווי אַ שטייגער אַ מענטשלעך האַרץ, ווי די לונגען ציִען זיך איין, אָטעמען אַרויס,

און דאָס איז ווי דער פּולס. און ווייל דער רבונו־של־עולם בלייבט אויך אומע־טום בעת ער ציט זיך צוריק אין זיך, בלייבט ווי עס בלייבט בוימל, צי ווײַן אויפן באָדעם און אויף די ווענט פון אַ כּלי, איז דער פּועל־יוצא דערפון, אַז נישט נאָר אָט דער פּולס, דער אייביקער אָטעם, נעמט אַדורך אַלע וועלטן און אַלץ וואָס איז אין זיי פאַראַנען, נאָר אַז אין יעדן פון אונדז איז פאַראַן אַן עוקצל בוימל... אַ ברעקעלע רבונו־של־עולם. און דאָס גיט אונדז, ווי מ׳זאָגט דאָס, אונדזער ווערדע״.

„אָבער יואל״, האָט יעקב אַ שטאָמל געטאָן. „אַזאַ ווערדע איז דאָך אַ חוצפּה. וואָס מכּוח אַ ביסעלע עניוות? מ׳קאָן זיך דאָך האַלטן גאָר אין גרויסן, אַז מען קלערט אַזוי״.

„אַז מען איז אַ וויסטער אידיאָט, האַלט מען זיך אין גרויסן״, האָט יואל זיך פאַרקרימט. „דאַמאָלס איז גענוג זיך צו געבן אַ דערמאָן, אַז מען איז געקומען אויף דער וועלט צווישן צוויי אַרויסגענג, איינעם פון צואה און דעם צווייטן פון מי־רגלים און אַז מען איז אַליין אויך נישט מער ווי מיסט פאַר די פעלדער. אַז מען געדענקט דאָס און מען גיט אַ טראַכט, אַז אָט דאָס שטויבעלע מיסט וואָס מען איז, טראָגט אַ וועלט אַ גאַנצע אין זיך; אַז מען איז די אַפּשפּיגלונג פון אין־סוף, און מען טראָגט אַן עוקץ פון אייביקנס בוימל אין זיך, דאַמאָלס באַקומט דער... דער שטאָלץ ערשט די אמתע גלייכגעוויכט. און זעסטע דערפאַר... ווי נישטיק דער מענטש איז, קאָן ער בשום־אופן נישט פאַרטראָגן קיין בייטש איבער זיך... ער קאָן נישט זײַן קיין שקלאַף. און דער וואָס זעט זיך אַפילו ווי דעם רבונו־של־עולמס שקלאַף, איז קיין ראַכטיקער מענטש נישט. ווייל אַ שקלאַף קימערט זיך אין תּוך וועגן גאָרנישט. ער פאַרלאָזט זיך מיט אַלץ אויפן בעל־הבית. אַ שקלאַף טראָגט פאַר גאָרנישט קיין אַחריות נישט. אַ פרייער בן־אָדם, זעסטע, איז ערשט ביכולת צו נעמען אַ טייל פון רבונו־של־עולמס אַחריות אויף זיך און זי קומט אים אַן לייכט צו טראָגן. נו, וואָס טענהסטע צו דעם, הע?״ האָט יואל לעבעדיק אַ קלאַפּ געטאָן יעקבן אין אַקסל.

„אוי, יואל״, האָט יעקב אַזש אַ קרעכץ געטאָן, אַזאַ אינערלעכע יום־טוב־דיקייט האָט ער דערפילט.

דערזען אַ ליכט, פאַרדבקעט, זיך צעשיינען אין יעקבס אויגן, האָט יואל אָנגעהויבן ברומען אַ ניגון. ער האָט געקענט אַן אוצר פון ניגונים. ער האָט אָנגעהויבן אָפּגעריסן, גערעדט אַ ביסל, געברומט אַ ביסל. דערנאָך האָט ער זיך בהדרגהדיק צעזונגען, און זײַן קול, הגם שווער און באַסאָווע, האָט באַקומען אַ לייכטקייט, אַ ווייכקייט, וואָס עס האָט נישט פאַרמאָגט ווען יואל האָט גערעדט.

פאַרטראָגן אין אַ פּלוצעמדיקער התלהבות, האָט ער זיך אויפגעשטעלט, אויסגעצויגן דעם גוף אין דער גאַנצער גרייס און אַ צי געטאָן יעקבן פאַרן אָרבל. דערויף איז אַבראַשקע גלייך אונטערגעקומען צו לויפן. יואל האָט זײַ

ביידן אַרויסגעשלעפּט אויפֿן פּוסטן שליאַך. ער האָט גענומען פּאַטשן מיט די הענט, קנאַקן מיט די פֿינגער און זיי האָבן אים נאָכגעטאָן צום טראַפּ פֿונעם ניגון. אַזוי האָט ער זיך מיט זיי אַוועקגעלאָזט אין אַ ריקוד. צו ערשט פּאַמעלעך, דערנאָך גיכער און גיכער — ביז דער קאָפּ האָט אָנגעהויבן צו שווינדלען. שווייס איז גערונען פֿון די ברעמען, פֿאַרשטעלט די אויגן — און זיי זיינען אַלע דריי אַוועקגעפֿאַלן אין די הויכע קעמפּעס גראָז אין גראָבן.

געקומען צו זיך, האָט יואל אַ קנייפּ געטאָן אַבראַשקען אין באַק און מיט אַ גוטמוטיקן חוזק אויסגערופֿן צו אים: „גיי פּעדער דיך, תּלמיד־חכם מיינער, און ברענג אַרויס אַ ספֿר משניות פֿון דער כאַלופּע, ט׳מען לערנען אַ פּרק, איך מיט דיין רבין דאָ!" ער האָט מיטן עלנבויגן אַ שטורכע געטאָן יעקבן וועלכער האָט זיך מיטן ברעג פֿון זיין יאַקע געווישט דעם שווייס פֿון פּנים. „דער קאָפּ קאָן אים, דעם רבין דיינעם, נאָך פֿאַרזשאַווערט ווערן צווישן דעם אייזנוואַרג. שפּעטער ס׳טע האָבן צו מיר אַ פּרעטענציע, אַז דיין מלמד איז אין אַ שלעכטן מעמד!"

יואלס גמראָס און משניותן און זיינע אַנדערע ספֿרים זיינען ענלעך געווען צו אים אַליין. זייערע בלעטער האָבן אויסגעזען פּונקט ווי די הויט פֿון זיין פּנים, פֿול מיט שוואַרצע פֿלעקן, פֿאַרטריקנט, פֿול מיט אויפֿגעפּלאַצטע קנייטשן, גרויסע און קליינע. יואל האָט געכאַפּט אַ בליק אויפֿן ספֿר וואָס אַבראַשקע האָט אַרויסגעבראַכט.

„ס׳ט נישט געהערט וואָס כ׳האָב געזאָגט?" האָט ער אַ צי געטאָן אַבראַשקען פֿאַרן אויער. „אַ משניות האָב עך געזאָגט".

„איך וויל אַז ד׳זאָלסט בעסער לערנען 'שיר־השירים!' " האָט אַבראַשקע אויסגערופֿן און זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים און יעקבן אויף דער פּריזבע.

„לייג דאָס שוין צוריק!" האָט יואל אַ באַפֿעל געטאָן.

אַבראַשקע האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ דערשטוינטן בליק. „וואָסי די מעשה, יואל?"

איז יואל גלייך ווייך געוואָרן און דער קלאַנג פֿון זיין קול האָט זיך געביטן. „פֿאַרשטייסט, אַבראַשקע", האָט ער אים אַ שויבער געטאָן דעם קאָפּ, אַראָפּגעוואָרפֿן אים דאָס קאַפּעלע, עס אויפֿגעהויבן, אָפּגעפּוצט און עס אים צוריק אָנגעטאָן. „פֿאַרשטייסט... אין גן־עדן קאָן אַריינגיין נאָר דער וואָס האָט זיך אָנגעגעסן מיט זיין חלק ברויט און פֿלייש". ער האָט אַרויסגענומען דאָס ספֿר פֿון אַבראַשקעס הענט און עס פֿאַרשטעקט צווישן די קני. „צווייטנס", האָט ער צוגעגעבן, „ט׳מען שוין לערנען אַ צווייט מאָל".

זיי זיינען געבליבן זיצן אין שווייגן. יואל האָט אונטערגעברומט אַ ניגון. אַבראַשקע האָט זיך פּאַמעלעך אַוועקגעשאַרט און געבליבן זיצן נישט ווייט פֿון יואלן און יעקבן, לעבן אַ בערגל ליים, וואָס יואל האָט געהאַט פֿאַר אים אויס־

געקאָפּעט און פּייכט געמאַכט. ער האָט גענומען קנעטן שטיקלעך ליים, אויס־פורעמען פיגורלעך פון זיי. יעקב, וועלכער האָט אַזוי גוט געקענט אַפילו אַבראַש־קעס שטימונגען, האָט אים באַטראַכט פון דער זייט. ביי יואלן איז אַבראַשקע געווען גוט אויפגעלייגט, הייטער, און דאָך איז ער דאָ געווען מער פאַרחלומט ווי געוויינטלעך.

יואל האָט זיך געשפּילט מיטן פאַרמאַכטן ספר אויף דער קני. זיין בליק האָט זיך אַ שטרעק געטאָן צו דער ווייט, איבער דעם פעלד קעגן איבער דעם שליאָך.

„עך...״ האָט ער אַ פּרעפּל געטאָן. „כ׳בין נייגעריק ווי עס זעט דאָרטן אויס... אויף די פליינען פון שיר־השירים. כ׳בין נייגעריק אויף דער שטאָט ירושלים... נייגעריק ווי עס פילט אַ ייִד וואָס קוקט דאָרטן אַריין אין אַ בלאַט גמרא... צי אין תּנך״.

„ווי עס לערנט זיך שיר־השירים דאָרטן, הע?״ האָט יעקב אונטערגעכאַפּט.

„משונהדיק...״ האָט יואל פאַרשאַרצט די געדיכטע שוואַרצע ברעמען. „ווי דורות און דורות קאָנען בענקען צו אַ לאַנד, וואָס זיי האָבן קיין מאָל פאַר די אויגן נישט געזען. דאָס בלוט בענקט מסתּמא... אפשר האָט דאָס בלוט אַ זכּרון?״

„וואָלסט זיך דאָרט געפילט ערשט רעכט אין דער היים, הע, יואל?״ האָט יעקב פאַרבענקט אויפגעשמייכלט.

יואל האָט געדרייט מיטן קאָפּ. „וואָס ווייס עך דאָ, ווי עך וואָלט דאָרטן געפילט, מענטש איינער? די בענקעניש איז דאָך נישט, פאַרשטייסטע מיך, צו אַ ממשותדיק היימיש לאַנד, נאָר צו אַ לאַנד וואָס שפּרייט זיך אין מיר, אין מיין האַרץ און מוח, אין דמיון״.

„קאָן דען נישט געמאָלן זיין״, האָט יעקב ווייטער געפרעגט, „אַז ווען דו׳סט קומען אַהין... ׳עסטע קומען אין דעם זעלביקן לאַנד וואָס שפּרייט זיך אין דיין האַרץ און מוח? דו ווייסט, ביי מיר טרעפט, ווען אַלץ איז שטיל אין מיר, אַז דאָס וואָס איז אין דרויסן קומט מיר אויס ווי אַן ענטפער אויף דעם וואָס איז אין מיר. כ׳מיין צו זאָגן... נעם למשל אַבראַשקען אַצינדער. ער קנעט עפּעס אויס פון ליים. דאָס וואָס ׳עט אַרויסקומען ׳עט זיין חומר צוזאַמענגעקנעטן מיט... דמיון. פאַרשטייסט מיך? טייל מאָל ביי נאַכט, ווען כ׳קוק אַרויס פון פענצטער, זעט מיר דער דרויסן אויס נישט־חומרדיק, נאָר ווי ער וואָלט געווען מיינס אַ דמיון־בילד״.

„און איך...״ האָט יואל אַ מורמל געטאָן. „איך זע טייל מאָל אַלץ ווי עס וואָלט געווען נישט חומר און נישט דמיון, נישט דאָס און נישט דאָס. נישט און נישט און גאָרנישט...״

„אָבער ד׳ווייסט וואָס עך מיין?״ האָט יעקב געפרעגט.

„פון וואַנען ווייס עך, צי עך ווייס? וואָס איך מיין, אַז דו מיינסט, איז נישט תּמיד וואָס דו מיינסט, אַז דו מיינסט טאַקע".

ער איז אַרויס מיט אַ שווער געלעכטער. יעקב און אַבראַשקע האָבן מיט־געלאַכט. יואל האָט צוריק איינגעפּעדעמט דעם פריִערדיקן ניגון, אין אַנהייב מיטן ווידערקול פון געלעכטער אין זיין קול, דערנאָך וואָס אַ מאָל צעצויגענער, ביז דער טאָן איז געוואָרן אַ טונקל־פאַרבענקטער. אַבראַשקע האָט געקנעטן די פיגורלעך פון ליים און נישט וויסנדיק, זיך צוגעוויגט צום טאַקט פון דער מעלאָדיע. דערנאָך איז דער ניגון שוואַכער געוואָרן, געוואָרן שווער, שורגעדיק, קוים צו הערן, ביז ער האָט זיך איבערגעריסן. אַבראַשקע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. די בליקן פון די דריי האָבן זיך פאַרקייטלט. איין שטימונג האָט זיי אַלע דריי אַרומגעהילט אין דעם בלוי פון פאַרנאַכט.

ווען ס'איז אָנגעקומען די צייט זיך צו לאָזן אַהיים און יעקב האָט אָפּגע־בונדן סוסין פון בוים, האָט אַבראַשקע מיט באַדויער אַ זיפץ געטאָן: „אוי, ווען מען קאָן אַזוי בלייבן אַ ביסל און נאָך אַ ביסל, ווען מען קאָן דאָ שטענדיק בלייבן..."

„ווען ס'קומט די צייט צו גיין, ברודערקע", האָט יואל אים אַ כאַפּ געטאָן אויף די אָרעמס און אַרויפגעזעצט אויפן פערדל, „דאַרפט מען גיין און פטור אָן עסק. האָטץ אַ גוטן שליטוועג!" האָט ער זיי נאָכגערופן.

ווען זיי האָבן רייטנדיק אויף סוסין אומגעקערט די קעפּ, האָבן זיי יואלן נאָך אַ לאַנגע צייט געזען שטיין אין מיטן שליאַך און זיי נאָכקוקן.

„יואל איז אונדזערס אַ חברל, הע, יעקב?" האָט אַבראַשקע אַ קער געטאָן דעם קאָפּ צו יעקבן. „מען פילט זיך ביי אים, ווי מען וואָלט געוווינט מיט אים, הע?"

יעקב האָט איינגעשטימט. ביי יואלן איז געווען זייערס אַ מין היים.

קאַפּיטל דריי

1

גלייך מיטן אויסבראָך פון דער מלחמה האָט דער ריטעם פון לאָדזש, די אַטמאָספער, די לופט ממש, זיך אַזוי געביטן — אַז ווען דאָס וואָלטן נישט געווען די זעלביקע גאַסן, די זעלביקע הייזער, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז מען איז אַריינגעפאַלן אין עפּעס גאָר אַן אַנדערן מקום. איבער אָט דער שטאָט האָבן די מענטשן אַרומגעשמייעט אין מחנות און באַזונדער — ווי לונאַטיקערס, ווי געטראָפענע פון אַ דונער; צי מען איז גאָר געלאָפן אַהין און אַהער — אין פּאַניק, געטריבן פון אַ גרויסער אימה.

דער שיינער משה איז צוליב עפּעס אַ סיבה אַוועק פון דער אַרבעט אין מיטן טאָג און בינהלע איז אַהיימגעגאַנגען אַליין — ווען יונה סוואַלאַטש האָט זי אָנגעיאָגט אין גאַס.

איידער זי האָט באַוויזן צו קומען צו זיך, האָט ער אַ מורמל געטאָן אויף איר אויער: „כ'וויל מיך מיט דיר שטימען אַ ראַנדקע. אַכט אַ זייגער אויפן פּלאַץ קאָשטשעלני, אונטער דער מאַטקע־באָסקע!” און ער איז נעלם געוואָרן אינעם המון אַרבעטערס וואָס האָבן אַרויסגעשטראָמט פון די פאַבריקן.

בינהלעס האַרץ האָט זיך צעקלונגען אויף טרעוואָגע — פּונקט אַזוי ווי דאָס האַרץ פון דער שטאָט. זי האָט קוים באַוויזן אַרויסצוקומען פון דער פלאַצקער גאַס, ווי זי האָט געזעמען אויפכאַפּן די בשורות וואָס האָבן זיך געטראָגן צווישן די מחנות מענטשן, וועגן די נייע ראַטשעניקעס וואָס מען מאָביליזירט.

בינהלען איז אַפילו נישט איינגעפאַלן צו גיין צו דער באַשטעלונג מיט יונהן. וואָס האָט ער געוואָלט פון איר, אין אָט אַזאַ טאָג ווי היינט? וואָס אַזעלכעס האָט ער איר געהאַט צו זאָגן, וואָס ער האָט איר נישט געקאָנט זאָגן אין דער פאַבריק, צי אַפילו אין גאַס, טאַקע ווען ער האָט זי אָנגעיאָגט? אַפּזאָגן איר פון דער אַרבעט? דאָס האָט ער דאָך געטאָן, אָט פון דער האַנט, גלייך אין דער האַלע. און וואָס פאַר אַ „ראַנדקע” האָט ער דאָס געקאָנט האָבן אין זינען? ער האָט דאָך זי געזען גיין מיט משהן. צווייטנס, האָט ער זיך זיכער געקאָנט

אָפּגעפינען אַ שענער מיידל אין דער פאַבריק. זי, בינהלע, איז דאָך נישט געווען אַזאַ נאַר צו טראַכטן, אַז משה איז יאָ מיט איר אַרומגעגאַנגען, ווייל זי איז געווען אַזוי צוציִענדיק, צי אינטערעסאַנט. משה האָט זיך צו איר דערנענטערט ווייל ער איז געווען אַ „גרינער" און אַ שעמעוודיקער — און ער האָט געוואָלט פאַר דער וועלט שפילן די ראָלע פון אַ ראָמאַן נאַוואַרא, אַ דעראַבערער פון הערצער, אַ מאַנספּאַרשוין מיטן קנאַק. מיט איר, מיט בינהלען, איז ער געווען זיכער. מיט איר האָט ער זיך געקאָנט לערנען ווערן דרייסט. און זי איז געווען זיכער מיט אים, אַזוי לאַנג — ביז ער וועט ווערן זיכער מיט זיך. זי האָט נישט געהאָט קיין איינרעדענישן. זי האָט געוווּסט ווו זי האַלט אין דער וועלט.

זי איז אַפילו נישט אַריין אין שטוב, נאָר איז גלייך אַוועק אויפן פּלאַץ־קאַשטשעלני, הגם איר איז אויפן זינען נישט געקומען צו באַגעגענען זיך מיט יונהן. זי האָט אַרומגעוואַנדערט אַרום דער קירך, נישט געפילט נישט קיין הונ־גער, נישט קיין דאַרשט. דער טומל פון דער שטאָט אַרום איר, דער טומל אין איר לייב, האָבן זי באַטויבט. יאָ, לעצטנס האָט זי אים אָפט געפילט — דעם משונהדיקן טומל אין לייב. עפּעס האָט אינעווייניק, דורך אַלע גלידער, אַלע אָדערן, גערופן מיט אַ מאַכטיק קול.

דער פּלאַץ־קאַשטשעלני איז געווען פול געפּאַקט מיט מענטשן. וועגענער באַלאָדנטע מיט מעבל זיינען כּסדר פאַרבייגעפאָרן צו הינטערשטאָטישע שאָסייען. קינדער זיינען געזעסן אויף די וועגענער, גאַנצע משפּחות. ציימונג־פאַרקויפערס האָבן נישט אויפגעהערט אויסצורופן: „עקסטראַ ווידאַניע!" פאַלקן זעלנערס מיט אָרקעסטערס, מיט לאַנגע רייען פּולעמיאָטן האָבן געצויגן צום שאָסיי, באַגלייט פון סטאַדעס מענטשן. די טראַמווייען האָבן זיך קוים געקאָנט רירן אין געדראַנג. פול געפּאַקט מיט פּאַסאַזשירן, האָבן זיי גיך, טרעוואָגעדיק געקלונגען, פונאַנדער־געקלונגען דעם אומרו צו אַלע זייטן פון דער שטאָט. מאַסן מענטשן זיינען פון זיי אומגעדולדיק אַרויסגעשטיגן, אַנדערע זיינען אַרויפגעשטיגן. דערנאָך האָט די קירך זיך צעקלונגען מיט אַ הויכן, טעמפּן קלאַנג.

אַ געלויף. דאָס האָט מען זיך געיאָגט צו די קלייטלעך, אויפן קאַשטשעלנע־פּלאַץ און אין די זייטיקע געסלעך, וואָס זיינען געווען באַלאַגערט מיט מענטשן. צעטראַגענע מענער און פרויען זיינען פון דאָרט אַרויסגעקומען מיט פולע טאָרבעס, מיט גאַנצע זעק. שפּעטער איז דער המון זיך פונאַנדערגעלאָפן, יעדער מיט צעשפּרייטע הענט, מיט פאַרצווייפלטע געשרייען: „ס'פעלט שוין אויס!"

אַנטקעגן די מחנות האָבן מאַרשירט פּאַרטיעס פון ייִדן און גויים מיט שפּאַדלעס איבער די אַקסלען — אויפן וועג צו בויען שוצגריבער.

די בלעטער פון די קאַשטאַנביימער אויפן פּלאַץ־קאַשטשעלני האָבן געטאַנצט אַ האַרבסטיקן טאַנץ אין דער לופטן, אויפגעבלאָזן פון בייסיקן ווינט. זיי האָבן זיך געהויבן אין דער הייך, ווי זיי וואָלטן זיך געוויגט אויף די כוואַליע־טענער

פֿון קאַשטשאַלגלאָק און האָבן צוזאַמען מיט די טענער באַגלייט די צעפּלאַ־טערטע טיכער און פּאַלעס פֿון המון, וואָס האָט אַריינגעשטראָמט דורך דער ברייט־צעעפֿנטער פּראַנטטיר פֿון דער קירך. דורך דער אָפֿענער טיר האָט בינהלע געקאָנט זען די הונדערטער אַנגעצונדענע ליכט, די קני̇ענדיקע מתפּללים — און זי האָט קוים געדענקט, אַז דאָ אינעווייניק איז געווען איר ערשטע קוואַרטיר אין לאָדזש.

אַ פּראָצעסיע האָט זיך אויסגעפֿורעמט אויפֿן פּלאַץ הינטער דער פּלע־באַניע און גענומען ציִען אין דער ריכטונג פֿון די קאַזאַרמעס. הויך אין דער לופֿטן האָט מען געטראָגן די הייליקע בילדער צוזאַמען מיטן בילד פֿון צאַר ניקאָליי און מען האָט געזונגען: „באָזשע צאַריאַ כראַני״. פֿלאַקאָטן־קלעפּערס זיינען געלאָפֿן פֿון מויער צו מויער און אויפֿגעשמירט גרויסע, ווייסע פּאַפּיר־פּלאַכטעס, פּעט באַדרוקטע, מיט אַ סך אויסרוף־צייכנס.

„די דייטשן האָבן אַדורכגעבראָכן דעם פֿראָנט!״ האָט זיך אַ טראָג געטאָן דאָס געשריי פֿון מויל צו מויל.

פֿאַרטראָגן אין דעם הו־האַ, האָט בינהלע געכאַפּט אַ קוק אויפֿן זייגער אויפֿן קאַשטשאָל־טורעם און דערזען, אַז עס איז שוין געווען אַכט אַ זייגער. אָט איז געווען די נישע אין דער קירכמויער, ווו די בלויע וואַקספֿיגור פֿון דער מאַטקע־באָסקע איז געשטאַנען מיט צונויפֿגעלייגטע הענט. בינהלע האָט זיך דערמאָנט ווי נאָענט זי האָט זיך אַ מאָל געפֿילט צו יעזוסעס מאַמען אין קאַשטשאָל פֿון באַטשאַני, ווי לעבעדיק און ווי היימיש זי איז איר אויסגעקומען. זי האָט דאָך אַפֿילו מתפּלל געווען דורך איר — צו איר אייגענער מאַמען.

אַצינד האָט זי געשטאַרט אויף דער סטאַטוע און געזען נישט מער ווי אַ וואַקסענע ליאַלקע, אַ פּאָר אָפּגעמאָלענע אויגן און טרערן געמאַכט פֿון צוויי גלעזלעך. זי, בינהלע, האָט אַצינד געלעבט אָן אַ מאַמען אַפֿילו אין הימל. עלנט ווי אַ הונט איז זי געווען — אָבער נישט איין און אייניציק אין איר עלנט. יאָ, אין לאָדזש, באַזונדערש איצטער, אין אָט דעם בהלהדיקן מאָמענט, איז דאָס איר געווען קלאָר. יעדער פּנים וואָס זי האָט אַנגעטראָפֿן איז געווען דאָס פּנים פֿון אַ יתום. גאָר באַזונדערש האָט די עלנטקייט אַראָפּגעשריגן פֿון די פּנימער פֿון די מאַמעס וואָס זיינען נאָכגעלאָפֿן זייערע זין אין די מונדירן. יעדע פֿון אָט די מאַמעס האָט ערשט רעכט זיך געניייטיקט אין אַ מאַמען.

זי האָט אַ קער געטאָן דעם קאָפּ און דערזען יונהן לעבן זיך.

ער האָט זיך נישט אָפּגערופֿן צו איר מיט קיין וואָרט און זי איז אויך גע־גאַנגען לעבן אים און נישט געקאָנט עפֿענען דאָס מויל. צוזאַמען האָבן זיי זיך געשטופּט דורך דער מענטשן־מאַסע, דאָ אַקסל צו אַקסל, דאָ אין אַן אָפּ־שטאַנד, לאָזנדיק די פֿאַרבייגייערס פֿאַרביישטראָמען צווישן זיי. זיי האָבן נישט פֿאַרטוישט קיין בליק. איז דאָס געווען די שפּאַנונג פֿון דער שטאָט, צי די

שפּאַנונג צווישן זיי ביידן, וואָס האָט זי, בינהלען, אַזוי איינגענומען, אַז זי האָט קוים געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם?ביים ראַג האָט יונה זי אַנגענומען פאַרן אָרעם און מיט איר פאַרקערעוועט אין דער ריכטונג ווו ער האָט געוואָלט גיין.

„וואוהין פירסטע מיך?" האָט זי לסוף אומזיכער אַ פרעפל געטאָן.

ווי זי האָט געפרעגט, האָט עפּעס אויפגעבליצט אין איר קאָפּ: אין דער אַכראַנע! אוודאי אַזוי! ער האָט דאָך געמיינט, אַז זי איז אַן אחדותניצע, אַ בונדיסטקע. צוליב זיין פחד פאַר דער „אחדות" האָט ער זי דאָך אַזוי גוט באַהאַנדלט. איצט, אַז די מלחמה האָט געבושעוועט, האָט יונה מער נישט מורא געהאַט פאַר די „אחדותניקעס". אַצינד וועט ער זי אָפּמסרן. דאָך האָט זי נישט געקאָנט אַנטלויפן. דער פאַרשאָלטענער נייגער אירער. אַ קרענק וואָס וועט זי נאָך אַ מאָל אומברענגען איז דאָס געווען. זי האָט זיך נישט געקאָנט ראַנגלען מיט יונהן, נישט אַצינד. אַצינד האָט ער אַ כישוף אָפּגעטאָן מיט איר, זי היפּנאָ־טיזירט. און זי האָט אים נאָכגעפאָלגט אין איר צעטומלעניש.

זי האָט דערפילט זיין בליק אויף זיך און האָט אויפגעציטערט.

„דער בעל־הבית ליידיקט אויס די פאַבריק און טראָגט זי אַריבער אין טיף רוסלאַנד", האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט זיין געוויינטלעך, טרוקן קול. „איך דאַרף מיטפאָרן... און דיר ט'מען ליאַדע טאָג אָפּזאָגן... דעם שיינעם משהן ט'מען היינט אין דער פרי אָפּגעזאָגט".

איר איז אויסגעקומען ווי די ערד וואָלט זיך געשפּאָלטן אונטער אירע פיס.

„כ'פאַרשטיי נישט..." האָט זי זיך פאַרהאַלטן און מיט אַ גרויסער אימהדיקער שאלה אַריינגעקוקט אינעם גרין פון זיינע אויגן.

זיין בליק האָט זיך געענומען בייטן, האָט פאַרלוירן דאָס קעצישע, דאָס בייסיקע, כיטרע און דער גרין איז געוואָרן טונקעלער, וואַרעם־נאָגנדיק. פון דער טיף פון זיינע אויגן האָט עפּעס צוריקגערופן, אָפּגעענטפערט, אַן רציחה, גיכער מיט אַ נאָכגיביקייט.

„זעסט נישט וואָס ס'טוט זיך?" האָט ער אַ מרוקע געטאָן. זיין קול האָט זיך אויך געביטן.

יונהס בליק האָט עפּעס אויפגעלייזט אין איר. זי האָט ווידער געהערשט איבער זיך. דער קאָפּ האָט אָנגעהויבן אַנגסטיק צו אַרבעטן. „טאָ וואָס 'עט אַצינדער זיין?" האָט זי געפרעגט ווי נישט אים, נאָר זיך.

„דאָס מלחמהלע 'עט זיין".

„קיין באַטשאַני פאָר עך נישט צוריק, נישט ביי מאַטיען!" האָט זי אויף אַ קול אַנגענומען דעם באַשלוס.

„טאָ ווי 'עסטע דיר אַן עצה געבן, אַז די פאַבריקן 'עלן זיך פאַרמאַכן?"

זי האָט אָנגעשפּיצט די ברעמען און אַ נישטער געטאָן איבער זיין פּנים. איינס איז געווען זיכער: ער האָט נישט בדעה געהאָט זי צו פירן אין דער

אַכראַנע. וואָס זשע דען האָט ער געוואָלט פון איר? סתם רייצן זיך מיט איר?

„כ׳קאָן ווערן אַ דינסטמיידל!” האָט זי אויסגערופן און אויפגעררייצט אַ פרעג געטאָן: „און וואָס איז דאָס דיין עסק?”

„ווער ט׳ברויכן דינסטמיידלעך, אַז די גבירים האָבן געמאַכט פּליטה אין די דערפער אַריין?”

„טאָ צו וואָס האָסטו דיך געשטימט אַ ראַנדקע מיט מיר?” האָט זי אויסגעשריגן.

„צו דעם...” ער האָט אָפּגעהאַקט און זיך לאַנג נישט אָנגערופן, זי אַ צי געטאָן פאַרן אַרבל, און זי האָט ווייטער געשפּרייזט לעבן זיין זייט. דערנאָך האָט ער גיך אַ זאָג געטאָן: „צו דעם... אַז ד׳זאָלסט אַנטלויפן מיט מיר קיין ארץ־ישראל”.

זי האָט זיך צעפינטלט מיט די אויגן. „ד׳ביסט פאַררירקט!”

„בין עך... כ׳וויל ד׳זאָלסט מיטקומען מיט מיר”.

„וואָס עפּעס פּונקט איך?”

„ד׳ווייסט גאַנץ גוט פאַר וואָס. און... אַזוי וויל עך”.

זי האָט זיך אַזש אַ טרייסל געטאָן. „און וואָס איך וויל איז גאָרנישט?” זי האָט נישט געקאָנט באַגרייפן זיין חוצפּה. אירע אויגן זיינען אַזש איבערגעלאָפן פון כעס. „האָסט שוין נישט פון וועמען צו מאַכן ס׳גענאַר אין אַזאַ טאָג ווי היינט? ביסט אַראָפּ פון זינען?”

„אפשר בין עך...” ער האָט אָנגעהויבן צו שפּרייזן גיכער און זי האָט אויך פאַרשנעלערט דעם טראָט. „פאַרן מיטן בעל־הבית וויל עך נישט. צווייטנס, קאָן מען מיך ליאַדע טאָג מאָביליזירן און ס׳גלוסט זיך מיר נישט צו פּגרן פאַרן צאַר”.

ערשט מיט אַ רגע צוריק איז זי גרייט געווען זיך צו וואַרפן אויף אים. איצט, אַז ס׳איז איר קלאָר געוואָרן, אַז ער פירט זי נישט אין דער אַכראַנע און אַז די פאַבריק וועט זיך סיי ווי פאַרמאַכן, האָט זי בכלל מער נישט מורא געהאַט פאַר אים. זי האָט אים דאָ געקאָנט לאָזן שטיין אין מיטן דער גאַס, אַוועקשפּרייזן און זיך נישט אומקוקן אויף אים, מער קיין מאָל אים אויף די אויגן נישט זען. נאָר עפּעס אַ וואַרעמער שטראָם האָט זיך צעוויייעט איבער איר האַרץ. זי האָט שטאַרק נישט געוואָלט, אַז ער זאָל פּגרן פאַרן צאַר.

„קאָנסט דיך נישט ערגעץ אויסבאַהאַלטן?” האָט זי אים אָנגעקוקט מיט זאָרג.

„כ׳וויל פאָרן קיין ארץ־ישראל”, האָט ער אָפּגעשניטן.

„אפשר טאַקע...”

„מיט דיר”.

זי האָט אומבאַקוועם, גרילציק זיך צעלאַכט: „גלייב מיר, ד׳דאַרפסט אין ערגעץ נישט פאָרן. גיי דיר אַריין אין משוגעים־הויז אויף וועסאָלער גאַס”.

ער האָט זיך אַ קער געטאָן צו איר, אָנגעכאַפּט זי מיטביידע הענט פאַר

די אָרעמס און זי צוזאַמענגעדריקט, ווי ער וואָלט זיך פאַרמאָסטן זי צו צע־קוועטשן.

„איך חלש אוועק פאַר דיר... ד'ווייסט דאָס זינט דעם טאָג וואָס כ'האָב דיך דערזען!" האָט ער אַרויסגעפּלאַצט. „בינהלע... כ'שווער דיר..."

זי האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיינע הענט. „כ'הייס נישט בינהלע נאָר בינה! און טשעפּע דיך אָפּ פון מיר!"

„קיין מאָל נישט!" ער האָט אַ פאַרקלאַמער געטאָן דעם אָרעם אַרום איר טאַליע און זי פעסט צוגעדריקט צו זיך. „ד'ביסט מיין. האָסט דאָך געזען ביי דער אַרבעט. כ'קאָן נישט אַראָפּנעמען די אויגן פון דיר".

„כ'בין נישט קיינעמס נישט!" האָט זי זיך געריסן פון זיינע הענט, און דאָך געפילט, אַז זי באַניצט נישט איר גאַנצן כוח.

זי האָט געקאָנט זיך אַרויסרייסן פון זיין אָרעם און אַנטלויפן. די מענטשן וואָס האָבן זיך אומגעקוקט אויף זיי, וואָלטן אים נישט געלאָזט זי באַפאַלן. יונה האָט מער נישט קיין דעה געהאַט איבער איר לעבן. אָבער אַט דער פאַרשאָלטע־נער נייגער, אויסגעמישט מיט אַ ווילדקייט, אַ נאָכגיביקייט — האָבן זי וואָס אַ מאָל שוואַכער געמאַכט, הגם זי האָט זיך נישט אויפגעהערט צו רייסן פון זיינע הענט. זי האָט אויסגעקוקט אויף דעם וואָס ער וועט איר ווייטער זאָגן, וואָס ער וועט טאָן.

ער האָט זי פעסט געהאַלטן פאַר דער טאַליע און זי געשלעפּט פאָרויס. זיין אָרעם האָט געציטערט און דאָס ציטערניש האָט זיך דורך איר רוקן איבער־געגעבן צו איר גאַנצן גוף. ער האָט פאַרנורעט דאָס פנים אין אירע האָר. זי האָט געפילט זיין באַק אויף איר האַלדז, אונטערן אויער. זיין געשטופּלטע הויט איז געווען מילד־שאַרסטקע. זי האָט אויפגעהערט צו זען די מענטשן, די גאַס, פאַרגעסן ווו זי איז. דער קאָשטשאָלגלאָק האָט געקלונגען מיט דער פּאַניק אין איר האַרץ. איר האַרץ האָט געצאַפּלט מיט דער פּאַניק פון דער שטאָט. זי, בינהלע, איז געווען נישט איינע, נאָר אַ שטאָט אַ גאַנצע. זי האָט זיך געלאָזט טראָגן פאָרויס פון יונהן און איז געווען זיכער, אַז זיי זיינען ביידע אַראָפּ פון זינען — און עפּעס פריידיקס איז געווען אין אַט דעם משוגעת, עפּעס נצחונדיקס.

זיי זיינען שוין געווען טיף אין באַלוט. די צייט האָט זיך אויפגעהערט צו ציילן מיטן געוויינטלעכן ריטעם. ס'איז נישט וויכטיק געווען צי ס'איז טאָג, צי ס'איז נאַכט, צי ס'איז היינט, צי ס'איז מאָרגן.

אַצינד זיינען זיי געקראָכן איבער געסלעך מיט שיטער־צעוואָרפענע הייזקעס. אַט האָט זיך באַוויזן אַ רויטער ציגלענער פּלויט. פון יענער זייט פּלויט האָט דאָס טויטע לאָדזש אַרויפגעקוקט אין דער נאַכט אַריין מיט די שפּיצן פון ווייסע מצבות. דער נייער יִדישער בית־עולם. דאָס פעלד הינטערן פּלויט. געדיכטע קעמפּעס פון שוואַרצן גראָז. הויפנס בלעטער, פאַרטראָגענע פון איין אָרט צום

אַנדערן, ווי באַוועגלעכע קברים. אַ שווייגנדיקער באַרג פון בלעטער האָרט לעבן פּלויט.

בעת זיי זיינען אַראָפּגעזונקען אויף די בלעטער און בינהלע איז צעשוווּמען אונטערן באַריר פון יונהס הייסע הענט, האָט זי געהאַט איין קלאָרן געדאַנק: „איך בין שטאַרקער פון אים!" דערנאָך האָט אַ קאָמישע שאלה זי געמאַכט אויפ־שמייכלען: פאַר וואָס האָט טייל מאַנספּאַרשוינען געצויגן צו בית־עלמינס אין אַזעלכע רגעס? וואָס פאַר אַ שייכות האָט געהאַט אַט די האַלבקייט, די צע־שפּליטערטקייט, וואָס מען האָט אין זיך געפילט, און דער פאַרלאַנג זיך צוזאַמענ־צוקלעפּן מיט דעם אַנדערנס גוף — וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס געהאַט מיט דעם מלכות פון טויט?

יונהס ליפּן האָבן גיך שטום געמאַכט אַלע שאלות. די רויטע וואָנצעס זיינע, וואָס זיינען אויסגעקומען שוואַרץ אין דעם קאַרגן ליכט, זיינען געווען בייסיק, ברייִק. ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז ער טוט זי אויס מיט די ליפּן. אַ האַרבס־טיקער בוים האָט פון יענער זייט פון בית־עולם־פּלויט געזעגנט אין דער פינצ־טער מיט פאַלנדיקע בלעטער וואָס האָבן געדראַפּעט דאָס לייב. יונהס הענט, זיין שאַרסטקע פּנים מיט דער באָרד האָבן געשורגעט, געדראַפּעט ווי האַר־בסטיקע בלעטער. נאָר זיינע ליפּן זיינען געווען ווייך און הייס־גלייִק. יונה האָט געפּרעפּלט אומפאַרשטענדלעכע רייד. בינהלע האָט זיי געוואָלט דערהערן, אָבער דאָס בלוט האָט צו הויך געררוישט. דער רוף פון איר לייב, וואָס האָט זיך אַזוי לאַנג געשטיקט אונטער דער ענגער הויט, האָט זיך איצט אַרויסגעריסן דורך איר מויל — אויפגעשריגן.

ס'איז געוואָרן שטיל און פינצטער אַרום איר. ווי אַ ווייס קלאָר ליכט האָט געלויכטן דער ענטפער אויף איר נייגער. איר געשריי איז אַרויסגעקומען פון יענעם טאָג פון טויט, ווען זי, בינהלע, האָט אַרויסגעלאָזט דאָס ערשטע געשריי פון לעבן. מאַמע־טויט און טאַטער־לעבן האָבן צוזאַמען אויפגעריסן די טראַכט פון אַ סוד, און האָבן זיך אויף אייביק צעשיידט. איצט איז טאַטער־לעבן געוואָרן מאַמע־טויט: איצט וועט זי געבערן לעבן וואָס פירט צו טויט. יעדער מענטש איז געווען אַ יתום און יעדן אייגעמס חופה האָט מען געדאַרפט שטעלן אויפן בית־עולם, אַז טויט און לעבן זאָלן צוזאַמען טאַנצן — ווייל זיי זיינען געווען איינס.

יונהס קאָפּ איז געלעגן אויף בינהלעס ברוסט. ער האָט זי דערמאָנט אָן אַ קינד וואָס איז זאַט פון זייגן; זיינע ליפּן זיינען געווען צעצויגן אין אַ קינדערשן קוים־קוימיקן שמייכל. בינהלען איז געווען קלאָר וואָס פאַר אַ כוח זי האָט פאַר־מאָגט, ווי שטאַרק אַט דאָס אומפאַרשטענדלעך־ווייבלעכע איז געווען אין איר. אַ ליכטיקער אימפּעט האָט געריזלט אין איר לייב, אַן ענערגיע — גרייט זי צו צעטראָגן. זי האָט געוואָלט זיך אַ שטעל טאָן אויף די פיס און לויפן, אויפטאָן

עפּעס אויסערגעוויינטלעכס. זי האָט קוים געדולד געהאַט דאָ אַזוי צו ליגן, מיט דעם האַלב־דרעמלענדיקן זייגלינג, יונהן, אויף איר ברוסט.

„אַצינד בין עך גליקלעך...״ האָט זי דערהערט ווי יונה פּליסטערט און האָט אויפגעכאַפּט דאָס וואָרעמע ליכט דורך די שפּאַלטן פון זיינע טונקעלע אויגן. גליקלעך? איז דאָס געווען דער מיין פון דעם וואָרט וואָס זי האָט שוין לאַנג געוואָלט אויסגעפינען? ער האָט ווייך געפרעגט: „ס׳ט קומען מיט מיר קיין ארץ־ישראל? אמת, ד׳עסט קומען?״

„ניין, כ׳על נישט״, האָט זי מאַמעדיק געשויבערט זיינע רויטע קודלעס.

„אָבער מאָרגן ׳עסטע קומען צו דער מאַטקע־באָסקע?״

אויף מאָרגן איז זי געקומען צו דער קירך ווו די מאַטקע־באָסקע־סטאַטוע האָט אַרויסגעקוקט פון דער נישע. אָבער איידער זי איז אַוועק אַהין, איז זי אַריין אין דעם באַדהויז, וואָס משה האָט איר אַ מאָל אָנגעוויזן און גענומען אַ וואַנע.

זי איז געזעסן אַרומגענומען פון דעם הייסן, שוימיקן זייפוואַסער און האָט געזייפט איר גוף מיט אַ צערטלעכקייט און באַוווּנדערונג, פול מיט אַ שטוינען, אַ התלהבות. אַ גרויסער שפּיגל איז געהאַנגען אויף דער קעגנאיבערדיקער וואַנט און זי האָט זיך באַטראַכט.

„כ׳בין נישט קיין מאַרזשפּע!״ האָט זי געמורמלט און געפירט די האַנט איבער די נאַסע, גליטשיקע בריסטן. ווי שענקעוודיק, ווי שווער, ווי איידל־פעסט זיינען זיי געווען — די נאָפּלען געוואַנדן צום דרויסן, פאָרויס, צו דער וועלט; פילעוודיק צו יעדן מינדסטן באַריר און גרייט צו לאָזן אַרויספליסן פון זיך די גאַנצע געבענטשטע שפע וואָס זי האָט פאַרמאָגט. און די היפּטן — די אויס־געראָנדיקטע ווי צוויי איידעלע געפעסער — אַ פאַרעם וואָס האָט אָפּגעענטפערט דער פאַרעם פון די בריסטן און דעם בויך. און דער בויך גופא, פול און דאָך פעסט, איבערגעצויגן מיט דער גליטשיק־צאַרטער, ליכטיקער הויט, איינגעבעט צווישן די היפּטנביינער. ער האָט אויסגעזען זיך צו פאַליען אין קרייזן און קרייזן אַרום אַן אומזעבאַרן סוד, וואָס דער נאָפּל האָט אים צוגעהאַלטן. און די טאַליע אויך... זי איז אויך פאַראַן געווען כדי צוצוהאַלטן, צוזאַמענצוהאַלטן די רונדי־קייטן פון דעם בוזעם, דעם בויך און די היפּטן. ווי אַ דינע שטראַמע רייף איז זי געווען, נישט געלאָזט אַז דאָס שפּעדיקע פונעם לייב זאָל אַרויס פון די ברעג־געס, זאָל זיך צו שטאַרק פונאַנדערגיסן איבער דער וועלט...

און די אָרעמס — האַרט זיינען זיי געווען, די הויט שטראַם־אָנגעצויגן איבער זיי, שווער געווען איינצוקנייפּן. דער כח זייערער איז אַריינגערונען אין די הענט, די דלאָניעס. זיי גראַד זיינען געווען ווייך־געקנעטן, די פינגער פולכנע — ווי דאָס וואָס זיי האָבן דורך די אַלע יאָרן אָנגעפּראַצעוועט וואָלט זיי נישט

אַנגערירט, קיין שפּור נישט געלאָזן. און די פּיס... זיי זײַנען געווען ווי זיילן. גלייך און גלאַטיק ווי זיי זײַנען פֿון דרויסן געווען, האָט זי מיט די פֿינגער געקאָנט אָנרירן איין מוסקל נאָכן אַנדערן, איינגעקנעטן צווישן די ביינער — ניין, נישט ביינער, ספּרוזשינעס, וואָס האָבן מיט אַ לײַכטקייט געטראָגן די מאַסיווע לאַסט פֿונעם גוף. די סטאָפּעס ברייטע, דיקע, יעדער זייער קעמערל אַ האַרטע פּיברע פֿון אַ זויל — די סטאָפּעס, זיי האָבן נישט געוואָלט היזק האָבן קיין עוקץ פֿון דעם באַריר מיט דער ערד אונטער זיך. אָט אַזאַ גאַנג האָט זי, בינהלע, פֿאַרמאָגט; מיט דער גאַנצקייט פֿון די סטאָפּעס, מיט יעדן דראָבנעם פֿינגער האָט זי געטרעטן פֿאָרויס.

ערשט אַצינד האָט דער בליק אַ שפּרונג געטאָן צו דעם קאָפּ אויפֿן קורצן, פֿולן האַלדז. זי האָט געשמייכלט צו זיך, צו די ראָז־צעפּלאַמטע באַקן באַפּעפּערטע מיט זומער־שפּרענקעלעך, צו דעם ברייטן קורצן קאַרטאָפּל־נעזל, וואָס זײַנע פֿליגל האָבן מיטגעציטערט מיט איר שמייכל, צו די אָפֿענע שיפֿע אויגן איבער די אַרויסגעהויבענע באַקנביינער. — וואָס פֿאַר אַ קאָליר האָבן אירע אויגן פֿאַרמאָגט? טייל מאָל האָט זיך איר געדאַכט, אַז ברוינע, אָן אַנדערש מאָל, אַז טונקל־בלויע, אַ דריט מאָל — אַז שוואַרצע גאָר. אַז זי האָט בעסער אַרײַנגעקוקט אין זיי אין שפּיגל, האָט זי גאָר געזען אַ געמיש פֿון פֿאַרבן, אַ מאָזאַיִק. אַלע פֿאַרבן האָבן אירע אויגן געטראָגן אין זיך; אַלע פֿאַרבן אַנגעצויגן אויף די פֿעדעמער פֿון איר בליק, דעם דין־שאַרפֿן, דעם רופֿנדיקן, צוזאָגנדיקן.

און דאָס מויל? אייגנטלעך האָט דאָס מויל פֿאַרשאָטנט אַל דאָס איבעריקע פֿון איר פּנים. אַרויסשטאַרצנדיק איז עס געווען, פֿול, שאַרף אויסגעשניטן אַרום דער פֿייכטער, טונקעלער רויטקייט. שענקנדיק, געבנדיק איז עס געווען, ווי אויסגעשניטן אין אַ קוש צום דרויסן אַרויס — און אויך אַרײַנזייגנדיק, צו־ציִענדיק צו זיך.

„איך בין שיין...״ האָט זי געמורמלט.

ס'האָט זיך נישט געגלוסט אַרויסצוגיין פֿון דער וואַנע. אַזאַ מין ווייקן זיך אין וואַרעמען, ווייכן וואַסער האָט געגעבן אַזוי פֿיל תּענוג דעם גוף, האָט זי געטראַכט, ווייל ער האָט זיך דערמאָנט ווי ער האָט זיך געפֿילט אין דער מאַמעס בויך. בינהלע האָט זיך צוגעזאָגט, אַז דעם קומענדיקן מאָל וועט זי דאָ פֿאַר־בלײַבן אַ סך לענגער. איצט האָט זי געמוזט לויפֿן צו יונה סוואָלטשעס אָרעמס. זי האָט זיי אין דמיון געזען אויסגעשטרעקט צו זיך דורך דער גאַנצער לענג פֿון דער שטאָט, ניין, דורך דער לענג פֿון אַ גרויסן שטילן ים. ווייל די צע־שטורעמטע שטאָט איז נעכטן אונטערגעגאַנגען. הײַנט איז געווען בלויז אַ וואַסער־שפּיגל. די וואַסער־סטענגעס, וואָס האָבן זיך אַרויסגעשנורט פֿון די קראַנען אין באָדהויז, האָבן ווי אַ ווייכער טעפּעך געטראָגן בינהלען דורך די גאַסן־קאָרידאָרן — ביז צו דער קירך פֿון דער הייליקער פֿאַננע מאַריע, ביז צום יִידישן בית־עולם.

דאָס מאָל האָט יונה פונאַנדערגעוויקלט אירע צעפּ.

„ד׳זעסט, דיינע האָר לייכטן אין דער פינצטער״, האָט ער פאַרנורעט די רויטע באָרד אין זיי. שפּעטער אַריין האָט ער געמורמלט: „קום מיט מיר קיין ארץ־ישראל. דאָרט ט׳מען ליגן אונטער אַ פייגנבוים און ווינטער ט׳קיין מאָל נישט קומען...״

ווען זיי זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען האָט בינהלע נישט געקאָנט גלייך צוריקגיין אין צפורהס צימער, נישט געקאָנט זיין דערביי ווי צפורה קריגט זיך מיט איר גבר, זען די צעפּילדערטע קינדער אין שטוביקן חושך. אין איר האָט אַלץ גערוישט, געזשומעט, זיך באַוועגט אַזוי, אַז איר האָט זיך געגלוסט צו צעשפּאַרן די ענגע מויערן פון דער שטאָט. די פרייע פעלדער און וועגן פון באַטשאַני האָט זי אַצינד געברויכט. זי האָט געברויכט די מילדקייט פון דער לופט און דעם כּישוף פון די באַטשאַנישע נעכט, אונטער אַ גאַנצן, גרויסן הימל אַ באַהאַנגענעם מיט שטערן.

און זי האָט געדאַרפט די שיינקייט פון דעם בחור יעקבן... יאָ, גראָד צו אים האָט זי אַצינד געבענקט מיט אַ נאַגנדיקער פאַרעקשנטער בענקשאַפט. זי האָט נישט געקאָנט באַנעמען פאַר וואָס זיין פּנים, זיין געקרייזלטער קאָפּ ברוינע האָר, זיינע רערלעך־פאות, זיינע האַניקאויגן און זיין דינע, צעוויגטע געשטאַלט האָבן נישט געוואָלט פאַרשווינדן פון אירע אויגן.

טאָ ווער איז געווען יונה? — איז זי נתפּעל געוואָרן — ווער איז ער געווען, אָט דער פייער־האָריקער, גרין־אויגיקער, נאָכגיביקער אשמדאי, וואָס זי האָט נאָך געפילט זיין אָטעם אויף איר ברוסט? זי איז אויף אים נישט נייגעריק געווען. זי האָט גאָרנישט געדאַרפט וויסן וועגן אים. יונה איז געווען איר שקלאַף. ער האָט באַדינט איר לייב... איר געהאָלפן דערגיין ווער זי איז אַליין געווען. „משה וואָלט געזאָגט, אַז יונה ניצט מיך אויס״, האָט זי געטראַכט. „דער אמת איז, אַז איך ניץ יונהן אויס״.

דאָך האָט זי יונהן איין מאָל אָן אָונט אַ פרעג געטאָן: „ד׳ווייסט וואָס מ׳רעדט וועגן דיר אין דער פאַבריק?״

„יאָ, אַז כ׳בין אַ מסור״, האָט ער רויִק געענטפערט. „פאַר מיר אי׳ז דאָס אַ קאָמפּלימענט. ד׳ווייסט דען וואָס אונדז שטייען מיר זיך אויס פון די אויס־וואָרפן, די צאָצאַליסטן, די רעוואָלוציאָנערן, ימח־שמם? צוליב זיי האָב עך דאָך טאַטע־מאַמע פאַרלוירן״.

זי האָט געזען ווי דער כּעס, אָט די רציחה, וואָס זי האָט געוויינטלעך אַרויס־געלייענט פון זיינע אויגן אין דער פאַבריק, האָט זיך אַ צינד געטאָן אין אים. ער האָט גאָר לאַנג געשוויגן. ערשט שפּעטער אין אָונט האָט ער זיך ווידער אַ קאָך געטאָן.

„יד־אחת מיט אַלע אַנטיסעמיטן, מיט אַלע שונאי־ישראל מאַכן זיי. ס׳ט געדאַרפט דאָ זיין יענע יאָרן, וואָלסטע געזען. ס׳ערשטע האָט מען געשטרייקט מיט אַלע גויים, צוזאַמען מאַרשירט אויף די... די דעמאַנסטראַציעס. שפּעטער זענען די גויים אַוועק קיין באַלוט און געמאַכט הוראַ־נאַ־זשידאַ. טאָ ווער זענען די פאַררעטערס, איך צי זיי? דאָס פאָלק־ישראל האָבן זיי פאַרראַטן, דאָס איז דער אמת! ס׳אַ מיצווה נקמה צו נעמען אין זיי, און אויב וואָלט עך געקאָנט, וואָלט עך געטאָן מער, כ׳שווער דיר..."

נאָך שפּעטער אין אָוונט, ווען ער האָט זיך אַ ביסל באַרויִקט, איז ער ווידער צוגעשטאַנען צו בינהלען, אַז זי זאָל פאָרן מיט אים קיין ארץ־ישראל.

זי האָט געצויגן מיט די אַקסלען: „וויל עך נישט..."

„ס׳עט אונדז גוט זיין דאָרטן", האָט ער זי פאַרזיכערט. „ד׳עסט זען, מ׳עט בויען אַ יידיש לאַנד און מ׳עט זיין צווישן אייגענע".

„אַז די מלחמה ׳עט אַריבער, ׳עט מיר דאָ אויך זיין גוט. דאָ בין עך אויכעט צווישן אייגענע. און צו פאָרן קיין ארץ־ישראל מוז דאָך אַוודאי קאָסטן אַ מאַיאָנטעק".

יונה האָט שטאָלץ אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ. „ד׳ווייסט נישט מיט וועמען ד׳רעדסט. יאָסל צאַץ איז מיינס אַ פעטער".

זי האָט געמיינט, אַז ער שפּאַסט. „מיין חברטע צפורה האָט אַ ווערטל: ׳ער האַלט זיך אין גרויסן ווי יאָסל צאַץ׳ ".

„זאָלסטע טאַקע וויסן, אַז ער איז גרויס. עפּעס אַ קליייניקייט מיינסטע, אַרומצופאָרן מיט דער עגלה פון דער ערשטער קלאַס?"

„דו ביסט מסתמא געראָטן אין אים", האָט זי געלאַכט.

„זאָלסטע טאַקע וויסן. נאָר ער איז צוויי מאָל אַזוי אַלט ווי איך און צוויי מאָל אַזוי גראָב ווי איך".

„אָבער קיין מער טייוולאָנישע אויגן ווי דו, האָט ער זיכער נישט!" האָט זי אויסגערופן.

יונה האָט זיך אויך צעשמייכלט: „וואָס רעדסטע וואָס? דער מלאך־המוות אַליין האָט דאָך מורא פאַר אים. און ס׳ט געזען ווי ר׳איז אויסגעפּוצט אין דער שוואַרצער ליוועריע, מיטן שוואַרצן הוט און שוואַרצע הענטשקעס? ס׳ט געזען די עגלה זיינע, ווי אויסגעשניצט, און די לייצעס, ווי ז׳זענען באַזילבערט, און די פערד ווי אויסגעסטרויעט? ני, טאָ וואָס זאָגסטע אַצינדער?"

„אויף אַלע מיינע שונאים, זאָג עך".

בינהלע האָט געקוקט אויף יונהן און זיך אים פאַרגעשטעלט אין יאָסל צאַצס טראַכט, זיצן אויף דער קאָזלע פון דער עגלה פון ערשטן קלאַס — און אַ שוידער איז איר אַדורך דורכן לייב. אפשר איז יונה טאַקע געווען דער טייוול אַליין? אין באַטשאַני האָט מען דאָך געגלייבט, אַז דער טייוול און די שדים קאָנען זיך

פאַרקליידן אין מענטשן, קאָנען לעבן פּונקט ווי מענטשן. יאָ, זי, בינהלע, איז תּמיד נייגעריק געווען אויפן טייוול און אויף די שדים. אפשר דערפאַר האָט זי געצויגן צו יונהן. אפשר איז זי טאַקע געווען אַ לילית — אַ הפקרדיקע, פרייע, וואָס האָט געקאָנט אויפטאָן ווונדער מיטן כּוח פון איר לייב?

„'עסט קומען מיט מיר קיין ארץ־ישראל..." איז ער צוגעשטאַנען.

זי האָט געמאַכט צו אים אַ שקאַציש אייגל: „ווילסט פאָרן אַהין ערשטע קלאַס, אין יאָסל צאַצס עגלה?"

יונה האָט זי אַ צי געטאָן צו זיך פאַר אַ פּאַסמע פון די לויזע צעפּ. „אויפן ריווח פון יאָסל צאַצס עגלה 'על עך פאָרן. יאָסל צאַץ וויל די גאַנצע משפּחה אַריבערפּעקלען קיין ארץ־ישראל. ער אַליין ט'נאָכקומען ווען די געשעפטן 'עלן דאָ שוואַכער ווערן. אין גוטע צייטן שטאַרבן גבירים זעלטן און אָרעמע־לייט יעדן טאָג. אָבער היינט איז אָן ערשט־קלאַסיקער סעזאָן צווישן די גבירים. זייערע מאַיאָנטקעס גייען אין דר'ערד אַריין און זיי גייען נאָך. זייער דאָברע מזל הימלט, גייען זיי נאָך זייער דאָברע מזל אין הימל אַריין".

בינהלע האָט זיך געקאַטשעט פון געלעכטער און געדרייט מיטן קאָפּ: „אָרעם און רייך ליגן אין דר'ערד אַלע גלייך. אָבער אויף דער ערד ליגט זיך די גבירים בעסער".

בינהלע האָט זיך באַגעגנט מיט יונהן יעדן טאָג — און זיך געטראָגן מיט אים צום בית־עולם. זי האָט נישט געזען וואָס אַרום איר קומט פאָר, נישט געהערט וואָס מענטשן ריידן. איר מוח האָט אויפגעהערט צו אַרבעטן. איר לייב האָט באַקומען לשון, אַ לשון וואָס זי האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין. זי האָט זיך נישט געפילט שולדיק לגבי דעם שיינעם משהן. זי איז אים גאַרנישט געקומען. איצט, אַז ער האָט מער נישט געאַרבעט אין דער פאַבריק, האָט בינהלע געקאָנט אויסמיידן אים צו זען, ווען נאָר עס האָט זיך איר געגלוסט. — אָבער שבת איז זי געגאַנגען מיט אים שפּאַצירן אין קאָלע־גאַרטן. זי האָט אים דערציילט וועגן דער לאַגע אין דער פאַבריק, ווו מען האָט כּסדר אָפּגעזאָגט אַרבעטערס און שטאָפּערינס.

„דו ווייסט", האָט ער זיך איין מאָל אָפּגערופן צו איר. „כ'האָב אַ פאַרדאַכט, אַז מיין פּליִען פון דער פאַבריק איז יונה סוואָלאַטשס אַ שטיקל אַרבעט".

זי האָט זיך אויסגעלאַכט פון אים. „וואָס נאָך פאַר אַ משוגעת 'עט דיר איינפאַלן? ד'ליגסט אים נישט אין דער לינקער פּאה. סיי ווי פּעקלט זיך די פאַבריק אַריבער קיין טיף ראַסיי... טאָ וואָס איז שוין וויכטיק?"

ער האָט איינגעשטימט מיט איר. „ביסט גערעכט. וואָס איז שוין וויכטיק?"

ער האָט איר דערציילט, אַז מען מאָביליזירט וואָס אַ מאָל יינגערע יאָרגענג, אַז עס הענגט אַ גזירה איבער די קעפּ פון די לאָדזשער ייִדן. דער צאַר

האָט דערקלערט, אַז דער רוסישער מאַרש אויף בערלין איז געווען אַ מפּלה, צוליב די ייִדן; אַז אַ פאַרטרעטער פון ראש פון רוסישן גענעראַל־שטאַב, פון דעם צאַרס פעטער, ניקאָליי ניקאָלייעוויטשן, איז אָנגעקומען אין גראַנד־האָטעל. ער האָט אויפגענומען דעם רב טרייסטמאַן און אים געמאָלדן וועגן גירוש פון די ייִדן פון לאָדזש. ווייל דאָס האָבן די ייִדן, האָט ער געזאָגט, איבערגעריסן די דראָטן פון מיליטערישן טעלעגראַף, ווייל ייִדן זיינען געווען שונאים פון צאַר. דערויף האָט דער רב געגעבן דעם הויכגעשעצטן פאַרטרעטער אַן עצה: ייִדן וועלן איבער־נעמען די שמירה איבער די טעלעגראַף־סלופּעס. אויף דעם אופן איז די גזירה דערווייל אָפּגעשריגן געוואָרן.

משה האָט געמאָלדן בינהלען, אַז ער האָט בדעה זיך צו פאַרשרייבן אין אַ דער ייִדישער מיליץ. „'עט מען היטן דעם רוסישן טעלעגראַף אויף די פעל־דער", האָט ער מיט אַ ביטערן טאָן אויסגעפירט. „מ'עט אַכטונג געבן, אַז אַ קו, צי אַ הונט זאָלן נישט איבעררייסן די דראָטן, און אַזוי 'עט מען זיין פאַראַנט־וואָרטלעך פאַרן גורל פון די לאָדזשער ייִדן".

ער איז נישט געווען גוט געשטימט, דער שיינער משה. ער האָט פאַרלוירן נישט נאָר דאָס פּאַצעטישע, נאָר אויך דאָס קינדיש־ייִנגלשע. ער האָט אויסגע־זען מיט יאָרן עלטער ווי ער איז געווען. בינהלע האָט זיך באַמיט אים אויפ־צומונטערן און ער האָט זי אַ דאַנקבאַרער אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר טרויעריקע, גלעטנדיקע אויגן.

„ביסט מיין איינציק ליכט..." האָט ער צו איר געפּליסטערט און זי מיט דאַנקבאַרקייט געקושט.

האָט זי אים דערמאָנט: „און דיין טעאָטער? און דיין פּאַלעציון?"

האָט ער איר געענטפערט: „טאַקע יאָ, אַן דעם טעאָטער און דער פּאַלע־ציון, וואָלט געווען גאָר ביטער. אָבער מיט דיר וויל עך חתונה האָבן".

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט ברייט פונאַנדערגעריסענע אויגן: „עפּעס שענערס פון מיר קענסטע דיר שוין נישט געפינען? ביסט דאָך עפּעס דער שיינער משה!"

„און דו ביסט די שיינע בינה", האָט ער געענטפערט.

„כ'בין אַ מאַרזשפע".

„אַ שיינע מאַזשפּע ביסטע, מיט אַ פּנים מיט פּיעגעס, וואָס מ'קען פאַר זיי עפּעס אָוועקקריגן. ס'ט חתונה האָבן מיט מיר, הע? ס'איז טאַקע אַ מלחמה. אָבער אין צווייען ט'זיין לייכטער. אַ מענטש מוז האָבן אַ שטיקל אָנשפּאַר, בפרט אין אַ מלחמה".

„ד'ווילסט דיך אָן מיך אָנשפּאַרן, הע?" האָט זיך דער שמייכל געלאָשן אויף איר פּנים.

„דו אָן מיר אויך".

„איך ברויך מיך נישט אָנצושפּאַרן אָן קיינעם נישט!"

„ס׳דאַכט זיך דיר...״ האָט ער נישט פאַרשטאַנען וואָס זי איז אַזוי גאַליק געוואָרן. ער האָט געפּרוּווט זי אַרומנעמען.

„ד׳מיינסט, מ׳עט חתונה האָבן. ס׳ט מיר מאַכן אַ קינד, ט׳זיין לייכטער זיך אַרויסצודרייען פון מיליטער...״ האָט זי זיך באַפרייט פון זיינע אָרעמס.

ווידער איז זי נשתומם געוואָרן. זי איז דאָך דאָס גאָרנישט אויסן געווען. עפּעס אַ שדיכע האָט פון איר אַרויסגערעדט מיט אַט דעם בייסיקן קול, וואָס איז גאָרנישט געווען אירס. און אַז זי האָט דערזען ווי משה ווערט בלייך און דאָס בלוט פליסט אָפּ פון זיין פּנים, ווי ער פאַרבייסט די ליפּן און די אויגן ווערן אים פאַרצויגן מיט אַ טונקעלן נעפּל, ווי ער דרייט אָוועק דעם קאָפּ פון איר און מאַכט אַ שריט אַוועקצוגיין, אָט ווי זי וואָלט אומגעריכט אַרייגעצילט אַ פייל אין זיין האַרצן — האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אים, פאַרפלאָכטן די הענט אַרום זיין האַלדז און אים אַ קוש געטאָן גלייך אויף די ליפּן — אין סאַמע מיטן פון קאַלע־גאָרטן, אין פולן טאָגליכט, אין אָנבליק פון די מחנות מענטשן וואָס זיינען דאָ אַרומגעשטאַנען אין קרענצלעך און היציק געשמועסט. צום ערשטן מאָל אין איר לעבן האָט זי אַרויסגעזאָגט די ווערטער וואָס האָבן זיך ביז אַהער נישט געלייגט אויף דער צונג.

„זיי מיר מוחל...״ — און זי האָט צוגעגעבן: „ס׳ט מיר אַזוי פאַרדרייט דעם קאָפּ, אַז עך ווייס נישט וואָס עך רעד״.

זי האָט פאַרגעסן, אַז זי האָט זיך געהאַט אַ נדר געטאָן קיין מאָל נישט חתונה צו האָבן — יאָ, זי האָט געדענקט וועגן יונהן — און דאָך האָט זי איינגעשטימט. דער שיינער משה האָט איר געקויפט אַ פּלאַטין־רינגל, געגעבן איר אַ מתּנה אַ זיידענע אַפּאַשקע מיט בלויע פאַרגעס־מיך־נישט־בלימעלעך אויפן מוסטער, און בינהלע איז „פאַרלאָובט״ געוואָרן.

דעם זעלבן טאָג ווען ער האָט בינהלען באַשאָנקען מיט די אַלע מתּנות, האָט משה פאָרגעשלאָגן, אַז זיי זאָלן ווי חתן־כּלה גיין צו דער אַנטי־מלחמה־דעמאָנ־סטראַציע וואָס די אַרבעטער־פּאַרטייען האָבן אָרגאַניזירט. ער האָט שוין טאַקע גע־הערט צו דער ייִדישער מיליץ, געהאַלטן שמירה ביי די טעלעגראַף־סלופּעס היינ־טער לאָדזש און אָפּגעהיט דעם צאַרלס מיליטערישע דראָטן־אינסטאַלאַציעס פון אַן אינוואַזיע פון קי, צי פון הינט, ווייל דאָס האָט פאַרהיט די שטאָט מיט ייִדן פון גירוש — אָבער ער האָט פון גאַנצן האַרצן פיינט געהאַט דעם צאַר און ליב געהאַט זיין פּאַרטיי, די „פּאָלעציון״, וואָס האָט געוואָלט בויען „סאָציאַליסמוס״ אין אַ ייִדיש היימלאַנד.

„ד׳פאַרשטייסט״, האָט ער געפּרוּווט אויפקלערן בינהלען. „דורך הונדערטער און הונדערטער יאָרן פון דער ייִדישער געשיכטע זענען ייִדן געפאָרן קיין ארץ־ישראל... נישט אומגעקוקט זיך אויף גאָרנישט... געפאָרן מיט וועגענער, מיט

קליינע שיפלעך, גזלנים זענען זיי באַפאַלן... און דאָס אַלץ אַבי אַנצוקומען אַהין און באַגראָבן ווערן אין דער הייליקער ערד. און דאָס הייסט ביי מיר נישט ציאָ־ניסמוס, נאָר אידיאָטיזמוס. ווייל ציאָניסמוס מיינט לעבן אין ארץ־ישראל, קומען לעבן, נישט שטאַרבן, פאַרשטייסט?" ער האָט באַמערקט ווי איר פּנים ווערט פאַרצויגן מיט אַ מין שלייער, ווי זיינע ווערטער וואָלטן צו איר נישט דערגרייכט, האָט ער זי פעסטער אַ פּרעס געטאָן פאַרן אָרעם און מיט אַ נערוועזן ציטער אין קול איר איינגערוימט: „די פּאַלעציון גייט אונטער דער אייגענער פאָן און איך ׳על זי טראָגן. דו׳סט גיין מיט דער מאַסע. טאָמער קומען קאָזאַקן, זאָלסטע נישט כאַפּן קיין קלעפּ צוליב מיר מיט... דער פאָן".

בינהלע האָט נישט געוואָלט הערן פון „ציאָניסמוס", און נישט פון גיין צוזאַ־מען מיט משהן אויף דער דעמאָנסטראַציע, און זי האָט נישט געוואָלט, אַז ער זאָל גיין. ביי איר איז דאָס געווען דאָס גרעסטע משוגעת: „זיך לייגן מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנקן בעט אַריין". וואָס האָבן זיי זיך פאַרגעשטעלט, אָט די „פּעצעקעס", אָט די אַרבעטער־פּאַרטייען — אַז מיטן קריכן אויף אַזאַ פּראָ־צעסיע קעגן צאַר, ווי די פּרומע גויים זיינען געקראָכן איבער די גאַסן מיט אַ פּראָצעסיע פאַרן צאַר — וועט מען אָפּשטעלן די מלחמה? זי האָט נישט געהאַט קיין חשק זיך אויסצושטעלן אויף קיין קלעפּ פון די קאָזאַקן צוליב אַזעלכע נאַרישקייטן.

אַזוי האָט זי זיך שיִער נישט צעקריגט מיט איר חתן, די זעלביקע וואָך וואָס זי איז אַ כלה געוואָרן. בלויז דער פאַקט וואָס זי האָט משהן געזען אַזאַ באַלעבטן, אַזאַ התפּעלותדיק־דעצידירטן, האָט דערוועקט ביי איר אַ נייעם דרך־ארץ פאַר אים. האָט זי לסוף איינגעשטימט, אַז משה מעג זיך גיין געזונטער־הייט אויף דער דעמאָנסטראַציע און זי וועט זיך געזונטערהייט איר שטעטל אַליין באַשטיין, דאָס הייסט — נישט גיין.

ווען זי איז געלעגן אויף איר שטרוישעניק אין צפורהס דירה, האָט זי אַ סך געטראַכט וועגן משהן; משהן דעם פּראָנט און פּאַצעט, דעם טענצער און אַק־טיאָר; משהן דעם שעמעוודיקן און אידעלן; משהן דעם עקשן, דעם טראַציקן „פּאַלעציוניסט", וועמען דאָס קריגן קלעפּ פון קאָזאַקן האָט נישט אָפּגעשראָקן — משהן איר קומענדיקן מאַן. זי האָט זיך געדאַרפט צוהערן צו אים אַ ביסל מער, האָט זי געטראַכט, געדאַרפט לערנען פון אים די זאַכן וואָס ער האָט געוווּסט און און זי נישט. זי איז דאָך געווען אַזוי אומוויסנדיק, אַפילו לייענען און שרייבן נישט געקאָנט. אוודאי האָט זי געהאַט אַ פעיִקייט זיך צוצוגעוויינען צו אַלץ, אויסגעפינען וועגן זאַכן אויף איר אייגענער האַנט, גיך צו לערנען דאָס פרעמדע און נייע, וואָס זי האָט אָנגעגעגנט אויף טריט און שריט — און צו ניצן דערביי איר אייגענעם שׂכל. דאָך האָט זי אַזוי אָפט גערעדט נאַרישקייטן,

געטאָן נאַרישקייטן. איז אפשר איר אייגענער שׂכל נישט געווען גענוג אויס־געפיינערט, אויסגעשליפן? דורך וויסן, דורך פאַרשטיין האָט מען דאָס געקאָנט דערגרייכן.

זי האָט געוואָלט וויסן און פאַרשטיין — אָבער גראָד נישט די זאַכן וועגן וועלכע משה האָט גערעדט. זי האָט קודם געוואָלט זיך פאַרשטיין, פאַרשטיין דאָס לעבן, די מענטשן; קענען זיך לייכט פונאַנדערקלייבן צווישן דעם וואָס אַ מענטש האָט געזאָגט און דעם וואָס ער איז אויסן געווען, צווישן דעם וואָס מען האָט געטאָן און דעם וואָס מען איז געווען.

אין דער פרי, הגם זי האָט נישט בדעה געהאַט צו גיין אויף דער דעמאָנסט־ראַציע, האָט זי זיך אָנגעקלאָגט אין דער ריכטונג פון דער פּיעטריקאָווער־גאַס, צום ראָג ווו משה האָט דערמאָנט, אַז ער וועט דאָרט פאַרביימאַרשירן מיט דער פאָן אין האַנט. ס'איז געווען קאַלט און רעגנדיק. די וואָלקנס זיינען געלעגן נידעריק איבער די דעכער און אַ טונקעלע גרויקייט האָט איינגענומען די שטאָט. פאַרביי בינהלען האָבן געשטראָמט גרופּעס פון איינגעהויקערטע, פאַרטוליעטע פיגורן, מיט היטלען און טיכער אַריבערגעצויגן איבער די קעפּ, די פנימער פאַרשטעלט, בלויז צעפינטלטע פייכטע אויגן האָט מען אַרויסגעזען. בינהלע האָט זיך פעסטער איינגעטוליעט אין דער פאַטשיילע.

זי האָט נישט געטראַכט וועגן דער דעמאָנסטראַציע. זי האָט נאָך אַלץ אַריינ־געטראַכט וועגן משהן און וועגן זיך.

איצט, אַז זי איז געוואָרן זיין כלה, איז זי משהן יאָ עפּעס שולדיק געווען — הגם וואָס עס איז געשען צווישן איר און יונהן איז געווען זיין, משהס שולד. פאַר וואָס האָט משה זי נאָר געקושט און געהאַלטן אַזוי איידל אַרומגענומען, ווי זי וואָלט געווען געמאַכט פון איידלסטן פאַרצעלאַן? פאַר וואָס האָט ער זי קיין מאָל נישט אַ נעם געטאָן אין די אָרעמס, נישט צוגעדריקט צו זיך, אַז די ביינער זאָלן זיך צעטרעשטשען און אַ פייער זאָל זיך אָנצינדן אין איר לייב? פאַר וואָס איז ער געווען אַזאַ לעמעשקע? — און ווי האָט דאָס געקאָנט זיין, אַז אַזאַ לעמעשקע זאָל נישט מורא האָבן פאַר קאָזאַקן און גיין טראָגן די פאָן היינט, בעת דער דעמאָנסטראַציע? — אפשר האָט משה זי נישט גענוג ליב געהאַט, זי נישט גענוג שטאַרק געוואָלט? איז דאָס טאַקע מעגלעך געווען, אַז ער האָט געוואָלט מיט איר חתונה האָבן נאָר צוליב באַקוועמלעכקייט וועגן? וואָס פאַר אַ באַקוועמלעכ־קייטן האָבן אים דאָס, מישטיינס געזאָגט, דערוואַרט פון איר? ער האָט זי דאָך געוואָלט נעמען אָן אַ גראָשן נדן. צווייטנס, האָט אַזאַ אויסגערעכנטקייט נישט געשטימט מיט דעם משהן וואָס זי האָט געקענט. איר האַרץ האָט פאַרלייקנט יעדן מין הינטער־כוונה מצד אים. איר האַרץ האָט געפילט משהס דרך־ארץ פאַר איר — פאַר איר לייב. דאָך האָט זי שטאַרק געוואָלט, אַז משה זאָל צופאַלן צו איר מיט יונהס הונגער, מיט זיין ווילדער התפעלות.

זי האָט געדאַרפט זאָגן משהן וועגן יונהן. אָבער פריִער האָט זי געדאַרפט אָפּהאַקן מיט יונהן. סיי ווי האָט זיך געמאַכט קאַלט און די באַגעגענישן מיט יונהן האָבן זיך וואָס אַ מאָל מער פאַרמישט מיט פּראַקטיקע טראַפּנס אויפן לייב און אויף דער נשמה. יונה האָט נאָך אַלץ געהאָפט, אַז זי וועט אַוועק מיט אים קיין פּאַלעסטינע. ער האָט איר צוגעזאָגט, אַז ביז וואָס, ביז ווען, וועט ער ערגעץ אין באַלוט געפינען אַ ווינקל פאַר זיי ביידן. — אמת, זי, בינהלע, האָט געוואָלט האָבן אַן אייגן ווינקל — לכל־הפחות אויף אַ קורצער צייט, געוואָלט פאַרזוכן דעם טעם פון לעבן פאַר זיך — אָבער אָן יונהן... יאָ, אַפילו אָן משהן.

נאָענט פון דער פּיעטריקאָווער־גאַס איז אַ המון איר אַנטקעגנגעקומען צו לויפן. „צוריק! צוריק!" האָט מען געשריגן פון אַלע זייטן.

„קאָזאַקן האָבן פאַרשטעלט דעם וועג!" האָט זי געהערט אויסרופן אין דער מחנה וואָס האָט זי צוריקגעשלעפּט.

די כוואַליעס מענטשן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו די זייטנגאַסן און בינהלע — מיט זיי. אַ פּחד האָט זי איינגענומען פאַר משהן. ווו איז ער געווען מיט דער פאָן? זי האָט אים געמוזט געפינען. איז זי געלאָפן פון איין הינטערגאַס צו דער אַנדערער, גענישטערט צווישן די מחנות אַנטלויפנדיקע. פון דער ווייטן האָט זי געזען קאָזאַקן מיט נאַגייקעס אַנרייטן אויפן המון, יאָגן זיך נאָך די מענטשן און זיי צעטרייבן אין אַלע ריכטונגען. בינהלע האָט זיך צוגעפּרעסט צו אַ מויער, אַנגעשטרענגט דעם בליק און געגנישטערט צווישן די פאַרביילויפנדיקע, געזוכט משהס פּנים. די אויגן האָבן איר אַזש געטרערט פון שפּאַנונג, פון אָנשטרענגונג.

אַזוי האָט זי דערזען אַ פּנים: הערשעלע!

אַ געשריי, אַ ספּאַזמאַטישער שלוכץ האָט זיך אַרויסגעריסן פון איר בוזעם. אָט איז זי געווען אין דעם ברודערס אָרעמס. ער האָט זי אַ טראָג געטאָן מיט זיך. אירע פיס האָבן קוים באַרירט די ערד. דער שטאַרקער הערשעלע!

ער האָט פאַרקערעוועט אין דער „פּראָמענאַדע" וועלכע איז געווען פול געפּאַקט מיט אַנטלויפנדיקע דעמאָנסטראַנטן. אַ רגע האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן, געבליבן צוגעפּרעסט צו זיך, צוזאַמענגעוואַקסן, פּנים צוגעקלעפּט צו פּנים. דער־נאָך האָט ער זי ווייטער אַ צי געטאָן און זיי זיינען צוזאַמען מיטן המון אַריין אין אַ שמאָלער גאַס. איצט זיינען זיי געלאָפן מיט די אויגן געוואָנדן צו זיך; בינהלעס אויגן פאַרשווומען אין טרערן, הערשעלעס אויגן צעברענט־הייס. ער האָט נישט אָפּגעלאָזט איר האַנט. אַ קלאַמרע איז געווען יעדער זיין פינגער. דאָ האָט ער זי גאָר אַנגעכאַפּט אַרום דער טאַליע, ווייל די פיס האָבן זי אויפגעהערט צו פאָלגן. זי איז כמעט געהאַנגען אויף אים און אַזוי האָט ער זי אַריינגעשלעפּט אין ווייטערע גאַסן; אַריין מיט איר אין אַ טויער — און זיי זיינען צוזאַמען אַוועקגעפאַלן אויף אַ טרעפּ, פאַרבליבן צוגעטוליעט צו זיך און דאָך זיך אַלץ געפּרוּווט רוקן בענטער איינער צום אַנדערן. הערשעלעס

ביידע הענט האָבן געגלעט איר נאַסן קאָפּ. זי האָט געהאַלטן זיין פּנים צווישן אירע דלאָניעס.

„נו, הער שוין אויף צו וויינען...״ האָט ער זי באַרויִקט מיט אַ פּאַרסאָפּעט קול, וואָס האָט געקלונגען פרעמדלעך און איז דאָך געווען היימיש.

זי האָט נישט געקאָנט אויפהערן צו וויינען. „הערשעלע...״ האָט זי געשטאַמלט, נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל איבערגעחזרט זיין נאָמען. זי האָט זיך קוים צוגעגלייבט, אַז דאָס איז ער טאַקע געווען. „ווו... ווו נעמסטע דיך אַהער? און ווי אַנדערש... ד׳ביסט. און ווי גרויס... שטאַרק. הערשעלע...״ האָט זי אים געקושט דאָס פּייכטע פּנים, נאָס געמאַכט די ברילן וואָס ער האָט געטראָגן, מיט אירע טרערן. „און ד׳טראָגסט ברילן...״ האָט זי אים אַראָפּגעכאַפּט די ברילן פון די אויגן. „און כ׳ווער משוגע פון פרייד!״

„פון טאַטן געירשנט די שלעכטע ראיה...״ האָט ער הייזעריק געפּרעפּלט, אַרויסגענומען די ברילן פון אירע הענט, אָפּגעווישט זיי מיט דער אינעווייניקסטער זייט פון זיין פּאָלע און זיי צוריק אָנגעטאָן. „דו ביסט אויך אַנדערש געוואָרן. כ׳האָב גאָרנישט געוווסט, אַז ד׳קענסט וויינען... און זע נאָר דיינע צעפּ... לאַנגע... און ווי שיין ד׳ביסט!״

זי האָט זיך צעלאַכט, אַ פּייכט, כליפּענדיק געלעכטער: „געדענקסט ווי אַלע האָבן מיך גערופן מאַרזעפּע?״

„איך נישט...״ האָט ער ענערגיש געדרייט מיטן קאָפּ. „קיין מאָל נישט. נאָר אייפערזיכטיק בין עך אויף דיר געווען... ווייל ד׳האָסט פאַר אים נישט קיין מורא געהאַט״.

„אוי, דער טאַטשי...״ האָט זי אַ וויטיקדיקן זיפץ געטאָן. אַ נייער שטראָם טרערן האָט אַ פלייץ געטאָן פון אירע אויגן. „ער ווייסט, אַז ד׳ביסט אין לאָדזש?״

„כ׳האָב אים געשריבן״, האָט הערשעלע גיך אַ זאָג געטאָן און זיין פּנים האָט זיך געביטן, האַרט געוואָרן.

בינהלע האָט געפּרוווט לייענען אַט דאָס פּנים. ניין, קיין סך פון דעם אַמאָליקן הערשעלען האָט עס נישט פאַרמאָגט, אָבער אַ סך פון יאָסעלען, דעם טאַטן: אַ בלאָנדע טשופּרינע, דיקע בלאָנדע ברעמען, די אויגן איינגערעמט טיף אונטער זיי, מיט יאָסעלעס בליק — אַ דירעקטער, קלוגער, אָן דעם שאַרף־שטרענגן, וואָס יאָסעלעס בליק האָט פאַרמאָגט. דאָך איז פאַראַן געווען אין אים די זעלבע האַרטקייט, די זעלבע פּאַרביסענע דערצידירטקייט. און הערשעלעס נאָז איז געווען אַ קאָפּיע פון יאָסעלעס. אַ גלייכע, שטאַרקע נאָז. און אַ פעסט־געקנאָטענע גאָמבע. דאָס מויל פאַרביסן, פאַרבויגן אַראָפּ צו מיט אַ וויטיקלעכער גרימאַסע, מיט אַ מין עקשנות. הערשעלע איז נישט געווען קיין הויכער ווי דער טאַטע, אָבער ער איז, פּונקט ווי דער טאַטע, געווען אַ קרעמפּער, אַ ברייטפּלייציקער און ענלעך צו אים אין יעדער תנועה.

„כ'האָב אים געשריבן", האָט הערשעלע איבערגעחזרט. „און... חברים האָבן מיר געלאָזט וויסן, אַז ער האָט זיך געזעצט שיבעה נאָך מיר".

„אפשר נאָך מיר אויך..." האָט בינהלע אַ שטאָמל געטאָן. „אַנטלאָפן בין עך... אָבער כ'האָב געאַרבעט מיט מיידלעך פון באַטשאַני וואָס זענען אַהיימגעפאָרן. ווייסט ער שוין מסתּמא אַלץ. אוי, הערשלעע... ווען דו זאָלסט וויסן..." האָט זי זיך אויף ס'ניי צעכליפּעט.

„ני, הער שוין אויף מיטן וויינען. אַז ד'האָסט דאַמאָלס נישט געוויינט, דאַרפסטע היינט אַוודאי נישט..." ער האָט איר פעסט געדריקט די הענט.

„כ'פריי מיך אַזוי דיך צו זען... מ'עט זיין צוזאַמען..." האָט זי אים אַרומגענומען.

„און קעמפן צוזאַמען..." האָט ער געשמייכלט.

„יאָ... מ'עט קעמפן צוזאַמען פאַר..."

„קעגן די אַלע וואָס האָבן געוואָלט מאַכן פון אונדז הכנעהדיקע גאַרנישטן... קעגן צאַר און די גבירים און דעם כּלי־קודש... און דעם טאַטן..."

„דעם טאַטן?"

„יאָ... קעגן אים אויך. ער איז מיין... ער האָט מיך שיער נישט אומגעבּרענגט... ווי אַ מענטש".

„האָסט דאָך אים אַזוי ליב געהאַט אַ מאָל. אים אַלץ געפאָלגט".

„כ'בין געווען אַ קינד. כ'האָב געדאַרפט, אַז ער זאָל מיך ליב האָבן. אַצינדער בין עך אַ מאַן. כ'קאָן מיך באַגיין אָן זיין ליבע. כ'קאָן מיך באַגיין אָן מיין ליבע פאַר אים. די ליבע פון אַ נעבעכדיקן שרץ איז עס געווען. און... כ'האָב פיינט דעם כאָמעט וואָס ער האָט געוואָלט אויף מיר אַרויפצייִען און מיך דערשטיקן מיט אים. כ'האָב פיינט אַלץ וואָס ער האָט געוואָלט אַרויפצווינגען אויף מיר. שיבעה האָט ער זיך געזעצט נאָך מיר... זיין איינציקן זון. איך זיץ נישט קיין שיבעה נאָך אים. איך קעמף קעגן אים... פאַרשטייסט?"

ער האָט זיך צוגעבויגן צו בינהלען, אין זיינע אויגן האָט זיך צעגליט אַ פייער וואָס האָט דערמאָנט אָן דעם טראַציקן פייער, וואָס האָט זיך טייל מאָל אַ צינד געטאָן אין יאַסעלעס אויגן, ווען ער האָט געצאַרנט.

„איך האָב אַ נייע אמונה, בינהלע... און אַ נייעם וועגווייזער האָב איך, מער ווי אַ טאַטן. לענין הייסט ער. ער האָט געגעבן מיין לעבן אַ זינען, אַ ווערט. ווי ד'קוקסט מיך אָן, בינהלע, בין עך גרייט, ווי עך גיי און כ'שטיי, אָפּצוגעבן דאָס לעבן פאַר מיין אמונה... גיין אויף קידוש־השם מיט געזאַנג אויף די ליפּן. געדענקסט", האָט ער אַ גלעט געטאָן בינהלען אין קאָפּ, „ווי ד'פלעגסט אַרויסלויפן אויפן ברייטן טאָפּאָליע־וועג, אַנטקעגנלויפן משיחן? ס'איז געפערלעך אַזאַ לעבן פון וואַרטן אויף עפּעס וואָס קיינער קאָן דיר נישט ברענגען... נאָר דו אַליין. אונדז, בינהלע, דו און איך און די אַלע טויזנטער וואָס ד'האָסט געזען

זיך זאמלען אין גאס... די באַשפיגענע און דערנידריקטע, מוזן מיר זיין אונ־דזער אייגענער משיח, יידן און גויים צו גלייך". ער האָט אַרויסגענומען אַן אַלטן ציבעלע־זייגער פון דער קעשענע פון זיין צעטאַרגעטן מאַנטל, געכאַפּט אַ בליק אויף אים און אַ צי געטאָן בינהלען פאַר דער האַנט. „קום, כ'על דיך צופירן צו דיין קוואַרטיר, 'על עך זען ווו ד'ווינסט און כ'על שוין אכטונג געבן אויף דיר".

זי האָט אים אָנגעקוקט אַנטוישט. „האָסט דאָך מיר גאָרנישט דערציילט. ווו אַרבעטסטע, וואָס טוסטע?... וואָס איז געשען מיט דיר... די גאַנצע צייט?" זי איז אַרויס מיט אים אויף דער גאַס און מיט אַ מאָל זיך דערמאַנט אַן משהן. ווי אַזוי האָט זי געקאָנט אַן אים פאַרגעסן? זי האָט דאָך געמוזט לויפן, אויסגע־פינען... — זי האָט גיך אַ זאָג געטאָן הערשעלען איר אַדרעס. „אויף דער פייפע־ראַווקע ווינען וויטישע אויך", האָט זי צוגעגעבן, ווי אים צו באַרויקן.

„דאָס איז די גאַס ווו מען דאַרפט ווינען", האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. „פון דאָרט וועט אַרויסקומען דער בראַנד וואָס ט'אונטערצינדן די פאַר־שאָלטענע אָרדענונג".

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט שטוינען. „איך וויל מיך אַרויסציִען פון דאָרטן. אפשר ט'מען טאָקע געפינען צוזאַמען עפּעס אַ שטיבל. מיט דיר וואָלט עך יאָ געווווינט. ס'וואָלט געווען היימלעכער. און איך 'על אכטונג געבן אויף דיר, נישט דו אויף מיר. כ'זע דאָך אין וואָסאַראַ הולך ד'גייסט אַרום", זי האָט אים אָנגעוויזן די צויטן אויף די אויסגעריבענע אַרבל. „ווו ווינסטע, הערשעלע?"

ער האָט אַ בייס געטאָן אין דער אונטערשטער ליפּ. זי האָט געוואַרט אויף אַן ענטפער.

„איך..." האָט ער אַ שטאַמל געטאָן. „האָב נישט קיין סטאַלע אַדרעס..." ער האָט זיך צוגעבויגן צו איר. „צוליב קאָנספּיראַציע".

„וואָס הייסט?" האָט זי נישט פאַרשטאַנען.

„כ'על דיר קלאָר מאַכן. כ'על דיר אַלץ זאָגן. מ'ווערט נישט באַוואָסטזיניק איבער נאַכט. מען מוז בײדע האָבן געדולד".

„איך האָב נישט קיין געדולד. כ'וויל מיך מער נישט צעשיידן מיט דיר".

ער האָט אַ קורצן שמייכל געטאָן: „מ'עט מוזן... פאַר דער זאַך. ד'עסט מיך פאַרשטיין... ס'ט לערנען און... ווערן מיין אמתע שוועסטער".

„ווערן?" איז זי אומרויִק געוואָרן „וואָס בין עך יעצט, דיין קוזינקע?"

„יעצט ביסטע מיין בלוט־שוועסטער... מיין שוועסטער פון הארץ. און דאָס קאָן אַ מאָל זיין אַ שטער. נישטאָ היינט קיין צייט אויף שוואַכקייטן".

„כ'בין נישט שוואַך", האָט זי געצויגן מיט די אַקסלען. „כ'בין געזונט ווי אַ פערד". זי האָט אים אַרומגעכאַפּט און אים הויך אַ קוש געטאָן אין דער באַק. „ד'רעדסט נאַרישקייטן, ווייל ד'ביסט אַראָפּ פון זינען, פונקט ווי איך. מ'האָט זיך אַזוי פלוצעם געטראָפן. וואָסאַראַ שטער־שמער קאָן עך דיר זיין? כ'על דאָך

טאָן פאַר דיר אַלץ וואָס ד׳עסט נאָר ווען״. זי האָט אים נאָך אַ מאָל אַ מלאָסקע געטאָן אין באַק. „ד׳מוזסט צו מיר קומען היינט אויף דער נאַכט. כ׳על וואַרטן אויף דיר ביים פענצטער. די מיידלעך ׳עלן דיך פאַרטשעפּען״, האָט זי געמאַכט צו אים אַן אייגל. „זאָלסטע זאָגן, אַז בינהלע איז דיין כלה. ז׳קענען מיך אַלע״. זי האָט זיך נערוועז צעלאַכט. „און יעצט מוז עך לויפן. צען אַ זייגער ׳על עך שוין זיין אין שטוב. ׳עסטע קומען?״

„היינט נישט״, האָט ער שאַרף אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ. „און מאָרגן אויך נישט. איבער מאָרגן צען אַ זייגער אויף דער נאַכט. און ווו לויפסטע אַצינדער?״

„כ׳קאָן דיר נישט זאָגן אַזוי אויף איין פוס. די... די ראַציע... די...״

„קאָנספּיראַציע? גוט, פרעג איך נישט ווייטער. אָבער מ׳עט נאָך רעדן, הע, בינהלע, מ׳עט אַ סך רעדן? נאָר גיב אַכטונג״.

„דו אויך!״ האָט זי אים אַרומגעהאַלדזט נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל און איז אַנטלאָפן פון אים.

זי האָט אָפּגעוואָרט משהן אין טריפּנדיקן, בלאָטיקן קאָלע־גאָרטן, ווי זיי האָבן זיך געהאַט אָפּגערעדט. איר קאָפּ איז געשווומען: די זאָרג וועגן משהן, די פרייד מיט הערשעלען. זי האָט זיך קוים צוגעגלייבט, אַז זי האָט אים טאַקע באַגעגנט — איר הערשעלען, וועלכער איז ערגעץ פאַראַן געווען טיף אין דעם יונגן־מאַן, דעם היימישן, אומבאַקאַנט־פרעמדן, וועלכער האָט גערעדט צו איר משונהדיקע, פרעמדע און דאָך גוט־באַקאַנטע רייד — וואָס זיינען זי קוים אָנגעגאַנגען.

וואָס האָבן זיי, אָט די אַלע בחורים אייגנטלעך געוואָלט? וואָס פאַר אַ שגעון איז זיי אַלעמען באַפאַלן? זי האָט גאָר לייכט שלום געמאַכט מיט הערשע־לעס אָפּראַזירטע באַקן, זיין טראָגן מאָדערנע קליידער, אַ נייע הויט, אַ נייע מאַסקע. אָבער זיינע רייד זיינען נישט געווען קיין מאַסקע און משהס אויך נישט, און יונהס — אויך נישט. אַ מאָל וועט זי מוזן בעסער זיך איינהערן צו דעם וואָס זיי זאָגן. אַ מאָל... ווען זי וועט האָבן מער געדולד, נישט זיין אַזוי פאַרנומען מיט אירע אייגענע נייגערס. אָבער ווי מאָדנע דאָס איז געווען, וואָס זייערע רייד האָבן זי געשראָקן, און צום מערסטן — גראָד הערשעלעס, היינט... דעם ברודערס, ווען זי האָט צום ערשטן מאָל באַגעגנט אין אָט דער צעטומל־טער, צעטומלענדיקער שטאָט. וואָס האָט ער דאָס געזאָגט? — אַז זי איז נישט געווען זיין אמתע שוועסטער. ער האָט כמעט אָפּגעוואָשן די הענט פון איר... דערוויל. ביז ער וועט זי נישט איבערמאַכן. ער וועט זיך פאַרנעמען מיט איר... ווי מיט אַ שוואַכלינג... אַנדערש וועט זי אים זיין אַ שטער. וואָס איז מיט אים געשען? וואָס פאַר אַ טייוולאַנישער כוח האָט אים גענומען אין זיין מאַכט? זיי אַלעמען גענומען? יאָ, זיי האָבן געוואָלט איבערמאַכן די וועלט צום גוטן — אָבער מיט דעם־אַ שוואַרצן כוח?

סיי ווי איז דאָס האַרץ איר אויסגעגאַנגען אים צו זען. נאָך געווען אַזוי לאַנג ביז איבערמאָרגן. אַז זי וועט זיצן מיט אים, האַלטן זיין האַנט, קוקן אויף אים, וועט דאָס אַנדערע, דאָס נאָענטע צווישן זיי זיך איבערשמועסן, און צום טייוול מיט זיינע רייד. זי וועט זיי נישט הערן. דאָך... דערווייל האָט ער זי געלאָזן נאָר מיט די רייד, די אימהדיקע... און ווו איז געווען משה וואָס האָט היינט געזאָלט פונאַנדערוויקלען די פאָן אין נעפלדיקן גרוי?

ס'איז געווען אַ סך שפּעטער ווי די שעה ווען זיי האָבן זיך געזאָלט באַגעגענען, ווען זי האָט משהן געזען אָנקומען פון דער ווייטן. זי איז אים אַנטקעגנגעלאָפן און ער האָט זי אַריינגעכאַפּט אין די אָרעמס און אַ פּאַרטראַגענער, אַ צעהיצטער זי פעסט צוגעדריקט צו זיך — אַט אַזוי, ווי זי האָט געבענקט ער זאָל טאָן, און זי האָט זיך פריידיק נאָכגעגעבן אין זיינע אָרעמס.

„גאָט זיי דאַנק, אַז ס'איז דיר גאָרנישט געשען", האָט זי געפליסטערט, און איז שוין גרייט געווען אַרויסצוקומען מיט דער נייעס וועגן הערשעלען. אָבער זי האָט דאָס צוריקגעהאַלטן, אָפּגעלייגט. משהס פּנים איז געווען אַזוי פאַרענדערט. זי האָט אים געמוזט לאָזן פריִער זיך אויסרעדן.

„די אַכראַנע האָט געוווּסט, אַז עס גרייט זיך. ז'האָבן מאָביליזירט די קאַזאַקן", האָט משה אַרויסגעשיט אָפּגעהאַקטע ווערטער. „ס'זענען דאָ קרבנות. אפשר הונדערט זענען אַרעסטירט. פאַר דעמאָנסטראַציעס אין מלחמה־צייט צאָלט מען נאָך אַ טייערערן פּריַיז ווי אין שלום־צייט".

„ס'דען..." האָט זי אַ מרוקע געטאָן. זי איז נישט געווען איבעראַשט.

משה האָט זי אַריינגעפירט אין אַ טויער און אַרויסגענומען אַ קאָנווערט פון דער קעשענע. „נאַ, כ'האָב דיר געבראַכט אַ מתנה..." זיין מיד פּנים האָט זיך נישט אויסגעלייטערט. אַ טרויעריק ליכט האָט געשיינט אויף איר פון זיינע אויגן. ער האָט מיט דער האַנט אָוועקגעשאַרט די פייכטע פּאַסמע האָר, וואָס האָט געהאַט אַ טבע אַראָפּצופאַלן אים אויפן שטערן. „נו וואָס קוקסטע מיך אַזוי אָן?" האָט ער געפרעגט. „עפן זי".

זי האָט אַרויסגענומען אַן „אַנזיכטס־קאַרטע" פון קאָנווערט, מיט אַ פאָטאָגראַפיע פון אַן אויסלענדיש־געקליידטן מאַן. „וואָס איז ער דיינס?" האָט זי נישט פאַרשטאַנען צו וואָס ער האָט איר געבראַכט דאָס בילד.

„ער איז גאָרנישט מיינס. דער גאַנצער מענטשהייטס איז ער. זשאַן זשאָרעס הייסט ער". האָט משה אויפגעקלערט. „אַ גרויסער מענטש. מען האָט אים דערשאָסן אין אַ קאַוויאַרניע אין פּאַריז, ווייל ער איז געווען אַ גרויסער קעגנער פון דער מלחמה".

אויף איבערמאָרגן, איידער זי האָט זיך געזאָלט באַגעגענען מיט הערשעלען, איז בינהלע אַוועק „אָפּהאַקן" מיט יונהן. צו דער באַגעגעניש האָט יונה איר

געבראַכט אַ שעפּסן פּעלצל, אַן אויסגענייטס, אַרומגעשטעפּט מיט קאָלירטע גאַרנס. בינהלעס מויל איז אַזש פול געוואָרן מיט סלינע — אויפן אַנבליק פון דער שיינקייט.

„טו עס אָן״, האָט ער איר געהאָלפן אַרויפצִיִען דאָס פּעלצל אויף זיך. „׳עסטע נישט געפרוירן ווערן פון קעלט. און זע ווי איך קען דיין מאָס, און ביסט אַ מבין ווי ס׳פּאַסט דיר ?״

„וואו׳סטע דאָס גענומען ?״ האָט זי אַ פּרעפל געטאָן.

„נישט דיין עסק״, האָט יונה צופרידן געמרוקעט. „ביז מ׳עט קענען פאָרן קיין ארץ־ישראל, ׳עט דאָס פּעלצל דיך וואַרעמען, ווען איך ׳על דיך נישט וואַרעמען״.

„כ׳האָב דיר שוין טויזנט מאָל געזאָגט, אַז עך וויל נישט פאָרן קיין ארץ־ישראל !״ האָט זי אויסגעשריִען, בעת אין האַרצן האָט עפּעס שטאַרק גענאָגט, געמאָנט.

„פאַרלאָז דיך אויף מיר. אַז די צייט ט׳קומען, ׳עסטע שוין וועלן !״ האָט ער געלאַכט אָט דאָס נישט־דערבאַקענע געלעכטער זיינס. ער האָט קיין מאָל זיך רעכט נישט געקאָנט פונאַנדערלאַכן, און בינהלע האָט פיינט געהאַט צו הערן אָט דעם פאַרכריפּעטן, הוסטנדיקן לאַך זיינעם.

זי האָט אַראָפּגעצויגן דאָס פוטערל פון זיך. „נאַ, כ׳ברויך עס נישט״.

זי האָט פיינט געהאַט זיין לאַכן, און ער האָט גערן געהאַט איר כעס. האָט ער איר צוריק פאַרוואָרפן דאָס פוטערל אויף די אַקסלען און זי פעסט אַרומגענומען. „ד׳ברויכסט עס יאָ. און ד׳ברויכסט מיך און ד׳ביסט מיין !״

„כ׳בין נישט קיינעמס נישט !״ האָט זי זיך געריסן פון זיינע הענט.

זי איז געווען זיינע, אינעם פוטערל, לעבן בית־עולם־פּלויט. זי האָט אים נישט געזאָגט, אַז זי וועט אים מער נישט קומען באַגעגענען. זי האָט אים אָפּגעזעגנט ווי געוויינטלעך און אָוועקגעשפּרייזט פון אים אינעם שעפּסענעם פוטערל.

ווען זי איז אָן אָטעם געקומען צו לויפן אין שטוב, האָט צפורה איר געזאָגט, אַז אַ יונגער־מאַן אין דאָ געווען און געהייסן איר זאָגן, אַז ער קאָן נישט קומען צען אַ זייגער, ווייל ער מוז אָוועקפאָרן פון שטאָט, ער ווייסט נישט אויף ווי לאַנג, און אַז ער וועט זי אויפזוכן ווי נאָר ער וועט צוריקקומען.

„וווּ ס׳טע דיר געפונען אַזאַ ׳ריסטאָקראַטישן קאַוואַלער מיט ברילן ? דער שיינער משה ט׳פון דיר צוריקנעמען אָט דאָס עלעגאַנטע פוטערל, טאָמער דערוויסט ער זיך...״ האָט צפורה כלומרשט געשפּאַסט און זי אָנגעקוקט מיט קינאה־דיקע בליקן.

„ס׳איז דאָך מיין ברודער, הערשעלע...״ האָט בינהלע זיך צעוויינט.

3

אין דער פאַבריק האָט בינהלע אַלץ געטאָן כּדי יונה זאָל נישט געפינען קיין געלעגנהייט זיך צו באַגעגענען מיט איר אויג אויף אויג. ער האָט זי אָפּגעוואַרט אויף די שטיגן, אויפן וועג אַהיים. יעדער מאָל האָט זי געפונען אַן אַנדערן אויסרייד פאַר וואָס זי איז נישט געקומען צו דער טרעפּעניש „אונטער דער מאַטקע־באָסקע".

און יעדער מאָל האָט זי אַרויסגעסיקעט: „ווילסט צוריק דאָס פוטערל?"

„כ'וויל דיך!" האָט ער זי אַדורכגענומען מיטן גרינעם ליכט פון זיינע אויגן.

גאָר גיך האָט מען די פאַבריק אין גאַנצן געשלאָסן. ס'איז געווען לייכטזיניק איצט זיך אַרויסצוציִען פון צפּורהן, נישט לייטיש צו לאָזן צפּורהן אַליין. האָט בינהלע דערציילט צפּורהן וועגן יונהן און וועגן דעם, אַז זי וויל פּאַרווישן אַלע שפּורן, כּדי ער זאָל זי נישט געפינען.

צפּורה האָט איינגעשטימט מיט איר: „דער סוואָלאָטש קאָן דיר נאָך אַ מעשה אָפּטאָן, מ'זאָל אָפּגעהיט ווערן".

בינהלע האָט איר געלאָזט אַ ביסל געלט פון דעם „קניפּל" אירן, און איז אוועק וווינען אין אַ בוידעמשטיבל אין ווילקע, וואָס זי האָט זיך אָפּגעזוכט. האָט זי געהאַט דאָס ווינקל פאַר זיך, צו וועלכן זי האָט אַזוי געבענקט. דער חלום איז געוואָרן וואָר און די וואָר האָט נישט געהאַט דעם זעלבן טעם וואָס דער חלום.

דריי חדשים שפּעטער האָט צפּורה צוגעפירט בינהלען צו גייגערס פערד־שפּיטאָל, און בינהלע איז אַריין מאַכן אַ „סקראַבאַנקע". צפּורה האָט איר פריִער געענוי באַשריבן וואָס גייגער טוט איידער ער מאַכט די „סקראַבאַנקעס". האָט בינהלע פאַרשטעקט אין בוזעם אַ שאַרף מעסערל און אין די האָר אַ פּאָר שאַרפע לאַנגע שפּילקעס. זי האָט נישט בדעה געהאַט זיך צו לאָזן פון גייגערן. זי האָט מיטגענומען מיט זיך אַ שפּאָר ביסל פון דעם אָפּגעשפּאָרטן געלט, וואָס זי האָט פאַרמאָגט, און איז גרייט געווען אים צו באַצאָלן ביז צו דער לעצטער קאָפּעקע. נאָר לאָזן זיך פון אים וועט זי נישט.

צפּורה, וועלכע איז קוים געשטאַנען אויף די פיס — זי איז לעצטנס אַרומגעגאַנגען מיט היץ — איז געבליבן וואַרטן אין דרויסן. בינהלע איז אַריין אין שטאַל.

אויף איר אָנבליק האָט איינער פון די שטאַליונגען זיך צערעוועט: „גייגער, אַ כּלה איז דאָ!"

אַ פּאָר מינוט, לאַנגע ווי אייביקייטן, זיינען פאַרביי ביז גייגער איז אַרויסגעקומען פון זייטיקן צימער, באַקליידט אין פאַרבלוטיקטע בריטשעסן־הויזן, אַ פאַרבלוטיקטער רובאַשקע, די אַרבל פאַרשאַרצט איבער די עלנבויגן, אין אַ פּאָר

שווערע שטיוול מיט הויכע אַפּצאַסן, ווי ספּעציעל געמאַכט כּדי ער זאָל אויסזען העכער. קודם האָט ער זיך אַרומגעהאַלדזט מיט די קראַנקע פערד און פון דער ווייטן אָפּגעמאָסטן בינהלען מיט די שטיין־גרויע אייגלעך, אַן אויסדרוק.

„ווי לאַנג שווענגערסטע ?" האָט ער פון דער ווייטן טרוקן אַ פרעג געטאָן.

זי האָט אים געענטפערט און ס'איז איר געלונגען אַרויסצוקומען מיט אַ רויִק קול. זי האָט אָנגעגורט דעם גאַנצן ווילן, אַלץ וואָס זי האָט אין זיך פאַרמאָגט, כּדי צו באַגעגענען דאָס וואָס עס האָט זי דערוואַרט.

„וויפל קאָסט ?" האָט זי געפרעגט.

ער האָט איר נישט געענטפערט, נאָר מיט אַ בייג פון קאָפּ איר אָנגעוויזן דאָס זייטיקע צימער.

דאָס צימער איז געווען גרויס, מיט אַ שטיינערנער נאַסער פּאָדלאָגע, די ווענט אַרום אויך אויסגעפלאַסטערט מיט פּאָסאַדסקע־שטיינער. אַ גרויסער, נאַסער טיש איז געשטאַנען אין מיטן צימער. „דאָ שניידט ער די פערד..." איז אַ געדאַנק פאַרבייגעשווומען אין בינהלעס מוח. איינער פון די שטאַליונגען איז צוזאַמען מיט גייגערן אַריינגעקומען נאָך בינהלען און מיט לאַנגע זאַקשמאַטעס זיך פאַרנומען אָפּצווישן דעם טיש. גייגער איז צו צו אַ פּאָליצע און מיטן רוקן צום צימער זיך גענומען פאַרען ביי איר. דער פערדיִונג האָט זייטיק געמאַכט אַן אייגל צו בינהלען. האָט זי אָוועקגעקערט דעם קאָפּ און געשטאַרט אויף גייגערס רוקן.

„וואָס שטייסטע ווי אַ ליימענער גולם ?" האָט דער יונג אַ פרעג געטאָן ווישנדיק דעם טיש. „טו דיך דערווייל אויס".

„כ'על צוואַרטן", האָט בינהלע אַרויסגעשטאַמלט.

„האָסט נישט וואָס צו וואַרטן", האָט זי דערהערט גייגערן, וועלכער איז נאָך אַלץ געווען אויסגעדרייט צו איר מיטן רוקן. „דאָס זענען מיינע פּאַמאַצ־ניקעס".

בינהלע האָט זיך פּאַמעלעך גענומען אויסטאָן. דער יונג האָט איר אָנגעוויזן אויף אַ נאָגל אויף דער וואַנט, וווּ זי זאָל אויפהענגען אירע זאַכן. דאָס מעסערל איז איר אַרויסגעפאַלן פון אונטערן קלייד. דער יונג האָט עס אויפגעהויבן און עס איר דערלאַנגט.

„נאַ, לייג עס אַריין אין בייטל און נעם אַרויס ס'געלט".

ער האָט אַרויסגענומען דעם בייטל פון איר האַנט, אים געעפנט און געוואַרט, אַז זי זאָל אַריינלייגן דאָס מעסערל, דערנאָך האָט ער אַליין אַריינגעטאָן די האַנט אין בייטל און אַרויסגענומען דאָס טיכל, אין וועלכן זי האָט געהאַלטן איר „קניפּל".

„וויפל ?" האָט זי געפרעגט. אַ צאָן אַן אַ צאָן האָט איר געקלאַפּט, די קעלט פון צימער איז אַריינגעדרונגען אין יעדן קעמערל פון איר לייב באַזונדער. זי האָט געשוידערט.

„אַלץ!" האָט דער יונג געוואָרפן דאָס טיכל אין דער לופטן, עלעהיי ער וואָלט זיך געשפּילט מיט אַ באַלעם. „און די רעשט ׳עסטע צוצאָלן שפּעטער". ער האָט אַ וואָרף געטאָן דאָס טיכעלע אויף דער פּאַליצע לעבן גייגערן און זיך אַ קער געטאָן צום אַרויסגאַנג. „טו אויס די שיך אויכעט, ט׳דיר זיין באַקוועמער", האָט ער אַ טייט געטאָן אויף אירע שיך, איידער ער איז אַרויסגעגאַנגען.

בינהלע איז געשטאַנען אַ נאַקעטע און באָרוועסע אויף דער נאַסער פּאָדלאָגע און מיט אַ פּאָר פּאַרפּלאָכטענע הענט אַרומגעהאַלדזט דאָס געבויגענע, צע־שווידערטע לייב, געריבן די שאַרסטקע, גענדזענע הויט. איר בליק איז געהאַנגען אויף איר בייטל וועלכן דער יונג האָט אָנגעטשעפּעט אויף אַ נאָגל נאָענט פון גייגערן. „כ׳האָב נאָך די האָרשפּילקעס... די האָרנאָדלען..." האָט זי זיך געפּרוווט באַרויִקן און אַריבערגעטראָגן דעם בליק אויף גייגערס רוקן. גייגער איז איצט געווען פאַרנומען מיטן אַרויסוויקלען די פּאָר רובל פון איר טיכעלע.

„קריך אַרויף אויפן טיש און צעשפּרייט די פיס", האָט זי אים דערהערט אַ זאָג טאָן.

זי איז געלעגן אויפן קאַלטן, פייכטן טיש מיט צעשפּרייטע פיס. זי האָט געזען ווי איר בוזעם שפּרינגט אַרויף און אַראָפּ מיטן ריטעם פון איר האַרץ. זי האָט זיך געטרייסלט, געשווידערט און געהאַלטן פעסט פאַרביסן די ליפּן, כּדי קיין קלאַנג זאָל זיך דורך זיי נישט אַרויסבאַקומען. „שטאַרבן ׳על עך נישט... שטאַרבן ׳על עך נישט..." האָט זי אין זיך געפּלאַטערט.

גייגער האָט זיך אַ שטעל געטאָן איר צופוסנס. זיין שטייניק פּנים, מיט די קאַלטע שטייניקע אייגלעך, האָט פּונקט ווי פריִער נישט געהאַט קיין שום אויס־דרוק. אָבער די אויערן, די גרויסע, זיינען ביי אים רויט געוואָרן און די אונטערשטע ליפּ זיינע האָט זיך אַ פּאַרוויקל געטאָן אַראָפּ, צו דער גאָמבע. פּאַמעלעך האָט עפּעס ווי אַן ענלעכקייט צו אַ שמייכל אַ שפּיל געטאָן אין די ווינקלען פון זיין מויל. ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט אַ מין העלצל אַרומגעוויקלט מיט אַ שוואַרץ שטיק וואַטע, ווי אַ קורצער אויסגעברענטער פלאַקן. אַזוי איז גייגער געבליבן אַ פּאָר מינוט שטיין אומבאַוועגלעך; מיט די גרויע אייגלעך וואָס האָבן אָנגע־הויבן טונקעלער און וואָרעמער צו ווערן איז ער געקראָכן איבער בינהלעס צע־שווידערטן לייב. לסוף האָט ער אָוועקגעלייגט דעם פלאַקן ביים ברעג פון טיש, אַ קלאַפּ געטאָן בינהלען אין די קני, און לענג־אויס די גליטשיקע ברעטער פון טיש זי אַ ציִ געטאָן צו זיך, ביז אירע פיס זיינען אַראָפּגעפאַלן איבערן ראַנד.

„אָט אַזוי..." ער האָט זיך צעסאָפּעט, אונטערגעהויבן אירע פיס, זיי פאַר־בויגן און אָוועקגעשטעלט מיט די סטאָפּעס לעבן די צוויי ווינקלען פון טיש, ווי ער וואָלט זיי דאָרט וועלן צופּעסטיקן. ער האָט אַ טאָפּ געטאָן די נאָפּלען פון אירע בריסטן, דערנאָך אַ פּאָר געטאָן מיטביידע הענט מיט צעשפּרייטע פינגער איבער איר בויך. „שרייען טאָר מען נישט", האָט ער איר געלאָסן געמאָלדן. „די

זשאַנדאַרמען לויפן היינט אַרום ווי פאַרסמטע מייז". ער איז אַ מינוט שטיל געוואָרן און צוגעגעבן: „כ'האָב אַ גוט מיטל... ס'זאָל דיך באַרויִקן... און ס'עט דיר נישט אַזוי ווי' טאָן".

ער האָט אויפגעשנאַלט דעם פּאַסיק פון די הויזן.

„פּאַניע גייגער", האָט בינהלע זיך געפּרוווט אויפזעצן, האַלטנדיק איין האַנט אויף די שפּילקעס אין די האָר. גייגער האָט זי געהאַלטן פעסט פאַר די סטאָפּעס. מיט די אונטערגעהויבענע קניִען האָט זי נישט געקאָנט מער ווי האַלב זיך אויפהייבן. „טאָמער... טאָמער..." האָט זי געסיקעט. „כ'על אייך דערהרגענען!" און זי איז אַ פאַל געטאָן אויף צוריק.

„מאַך דיך נישט צו נאַר", האָט גייגער אָפּגעלאָזט איין סטאָפּע אירע און צעקנעפּלט די הויזן. „אַלע כּלות גייען ביי מיר אַזוי".

„איך בין נישט קיין כּלה!" האָט זי געשריגן און זיך ווידער האַלב־אויפגעזעצט.

„וואָס דען ביסטע, אַ חתן?" ער האָט זי גיך אַ שלעפּ געטאָן נענטער צו זיך.

זי איז צוריקגעפאַלן און אָנגעקלאַפּט דעם קאָפּ אָן טיש. זי האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ און מיט דער הילף פון די עלנבויגנס, פון די מוסקלען אין האַלדז און דער פּלייצע זיך געפּרוווט אויפזעצן. אַ האָרשפּילקע איז געווען צווישן אירע פינגער און זי האָט מיט איר געצילט אין גייגערס אויגן.

„איר זאָלט זיך נישט דערוועגן!" האָט זי געקרייעט נישט מיט איר קול.

ער האָט זי אָנגעכאַפּט פאַר דער פויסט, אַרויסגעריסן די שפּילקע פון צווישן אירע פינגער, אַוועקגעוואָרפן זי אויפן דיל און מיט דער קורצער האַרטער האַנט דערלאַנגט איר אַ פּליאַסק אין איין באַק, דערנאָך אין דער אַנדערער. זיין פּנים איז אַצינד געווען צוויק־רויט, ווי די שטייניקע הויט וואָלט דערפון אַראָפּגעשונדן געוואָרן.

„דו געפעלסט מיר", האָט ער שוין הויך געסאָפּעט. „ד'ווייסט, אַז דו געפעלסט מיר? וואָס'טע געמיינט, אַז כ'על דיר בחינם מאַכן אַבאָרטן און איינשטעלן דאָס לעבן פאַר דיר? וואָס צערייסטע דיר אַזוי דעם יאַשטשיק, הע? ד'שוועננגערסט דאָך שוין סיי ווי. און קיין ווייטישע ביסטע נישט, נישט באַ מאַטיען!"

„כ'בין יאָ!" האָט זי זיך געריסן פון זיינע הענט. זי, בינהלע, וואָס האָט קיין מאָל נישט געוווּסט פון קיין אימה, האָט זיך אַצינד געפונען אין סאַמע אימהדיקסטן תּהום. „כ'בין יאָ... אַ ווייטישע!" האָט זי הייזעריק געוועוועט.

גייגערן האָט דאָס געוויילט. „ביסט יאָ?" האָט ער געלאַכט אַ הוקעדיק געלעכטער. די מוסקלען פון זיין צעפלאַמטן פּנים זיינען ווי לויז געוואָרן. דאָס גאַנצע פּנים זיינס איז אויסגעקומען אָנגעלאָפן, גרעסער. „טאָ פאַר וואָס ווילסטע עפּעס נישט האָבן דעם בענקאַרט, הע?"

„כ'וויל יאָ! כ'וויל יאָ! נאָר נישט... נישט דעם!" גייגער האָט זי אַ צי געטאָן פאַר די פיס, זי האָט פאַרלוירן דעם קאָנטראָל און איז צוריקגעפאַלן אויפן טיש

מיט אַ ספּאַזמאַטישן יאָמער. „כ'וויל יאַ...״ האָט זי געהערט ווי עס שרייט און וויעט אַרויס פון אירע אינגעווייִדן.

זי האָט מער נישט געוווּסט וואָס עס טוט זיך מיט איר. איר גוף האָט זיך געטרייסלט מיט אַזאַ ווילד טרייסלעניש, אַז ער איז אָפּגעשפּרונגען און צוריק־געפאַלן, אָפּגעשפּרונגען און צוריקגעפאַלן אויפן טיש. זי האָט קוים געהערט ווי גייגער שרייט עפּעס אויס אין דער ריכטונג פון דער טיר. די צוויי יונגען זיינען אַריינגעפאַלן אין צימער און זי אַ כאַפּ געטאָן פאַר די הענט, איינער פון איין זייט, דער צווייטער פון דער אַנדערער זייט טיש. גייגער איז געקומען איבער איר און דערנאָך איין יונג, דערנאָך דער צווייטער. שפּעטער איז געוואָרן נאָך פינצטערער אין מוח. עפּעס האָט געבויערט אין די אינגעווייִדן, אַ שטורקאַץ האָט אויפגעשטאָכן אַ בלאָטער אין לייב און אַ פייער איז אויסגעבראָכן, אַ שרפה פון בלוט וואָס האָט אין טייכן אַרויסגעכוואַליעט פון איר... אַ ים פון געדיכטער רויטער פינצטערניש.

אַט איז געווען נאָך אַלעם. איינער פון די יונגען האָט אַריינגעשטופּט אַ שטיק וואַטע צווישן בינהלעס פיס און זי אונטערגעהויבן, דער צווייטער האָט איר געשטופּט אַ גלעזל „מאַנאַפּלאַקע״ אין מויל. די יונגען זיינען אַרויס. גייגער איז אויך פאַרשוווּנדן.

געבויגן אין דרייען, מיט ביידע הענט אונטערן בויך, האָט בינהלע זיך צו־געשלעפּט צו דער וואַנט ווו אירע בגדים זיינען געהאַנגען. ס'האָט איר גענומען אַן אייביקייט ביז אירע צעציטערטע פינגער האָבן זיך אַן עצה געגעבן מיט יעדן שטיקל וועש, מיט איר קלייד. זי האָט אַריינגעשטופּט די פיס אין די פּאַנטאָפל און אָנהאַלטנדיק זיך מיט ביידע הענט אָן דער וואַנט, האָט זי זיך צוגעשלעפּט נאָך איר בייטל און דערנאָך צוריק, צום אַרויסגאַנג. אַזוי איז זי מיט צוזאַמענ־געפּרעסטע פיס, אַן איינגעקאָרטשעטע, טאַפּנדיק מיט די הענט ווי אַ בלינדע, אַריין אין שטאַל. די צוויי יונגען האָבן זיך געפּאָרעט ביי די פערד און האָבן חבריש געשמייכלט צו איר.

„מאַלאַדיעץ!״ האָט איינער איר צוגערופן. „ס'ט אַפילו נישט קיין פּיפּס געגעבן!״

דער צווייטער האָט איר סאַלוטירט און באַשטעטיקט: „ווי אַ זעלנער! אויפן פראָנט קאָן מען דיך שיקן!״

„פאַר די זעלנער אויף אַ זאַבאַווע!״ האָט אונטערגעכאַפּט דער ערשטער און איר אויך סאַלוטירט.

בינהלע האָט נישט געקאָנט באַנעמען ווי די יונגען האָבן געקאָנט אַט אַזוי צוקוקן, זיך נישט אָוועקרירן פון די פערד און איר כאַטש העלפן אַרויסקומען אויף דער גאַס.

„מנוּוולים!" האָט זי אַרויסגעלאָזט אַ כליפּע. „צ'זעגט דאָך ווינציקער מענטשן ווי די פערד!"

דרויסן האָט געשנייט. בינהלע איז אַ פאַל געטאָן אין צפורהס אָרעמס, מיט אַזאַ אָנמאַכט, אַז צפורה האָט זיך אַ גליטש געטאָן און איז שיִער נישט אומ־געפאַלן צוזאַמען מיט איר. אַרומגעאָרעמט, האָבן זיי זיך ווי נישט איז דערשלעפּט צו צפורהס דירה און בינהלע איז אַוועקגעפאַלן אויף אַ שטרויזשעניק. צפורהס מאַן איז, פּונקט ווי אין די שלום־צייטן, שוין געווען אין תּפיסה, אויף „אורלאָפּ". צפורהס קינדער זיינען געלעגן אויף די אַנדערע שטרוישעניקעס, מיט היץ. צפורה האָט אָפּגעקאָכט אַ טאָפּ וואַסערזופּ, געפּרוּווט אָנקאָרמען די קינדער, וועלכע האָבן קוים אַ לעפל צווײ אַראָפּגענומען, געגעבן בינהלען אַ שיסעלע זופּ און האָט זיך אויך אויסגעצויגן אויף איר שטרוישעניק. זיינען זיי אַלע געלעגן אויף די שעניקעס, אויף דער פּאָדלאָגע.

אויף מאָרגן האָט צפורה נישט געקאָנט אויפשטיין. אין מיטן טאָג האָט איין שכנה, אַ „כלה", אַריינגעבראַכט אַ שעפּ ציקאָריע־קאַווע מיט אַ פּאָר שטיקלעך ברויט, פאַר נאַכט איז אַן אַנדערע אַריינגעקומען מיט אַ פּאָר אָפּגעקאָכטע קאַרטאָפל.

בינהלע איז אָפּגעלעגן פיר טעג אויפן שטרויזאַק און האָט קוים געוווּסט וואָס עס טוט זיך מיט איר. אויפן פינפטן טאָג האָט זי זיך דערפילט אַ ביסל לייכטער. אַזוי האָט זי ביסלעכווייז אָנגעהויבן קומען צו זיך. אָבער צפורה און אירע קינדער זיינען געווען חרוב־קראַנק. דער טיפוס האָט געבושעוועט אין באַלוט און האָט זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן איבער דער שטאָט.

צוזאַמען מיטן טיפוס האָט זיך דער ווינטער מיט די שניי־זאַווערוכעס צע־הוליעט. אַ פאַרבאַבלטע אין צפורהס שמאַטעס האָט בינהלע גענומען באַזוכן די קירך פון דער הייליקער פאַננע מאַריע. די קירך איז איצט דעם גאַנצן טאָג געווען פול מיט איבערגעשראָקענע, צעמאַדליעטע גוים און דער אַלטער קאַנאָניק האָט באַקומען ברייטהאַרציקע נדבות אויף זיין טעלער. בינהלע האָט זיך אויך באַשטייערט און גענומען „אַ רעשט", וויפל ס'האָט זיך געלאָזט; אַז ס'האָט זיך געלאָזט, האָט זי אויך אַרונטערגעשטופּט אַ פּאָר נשמה־ליכט אונטער דער שובע. דערמיט איז זי אַוועק אויפן באַזאַר און איינגעהאַנדלט אַ ביסל עסן.

דעם שיינעם משהן האָט זי נישט געוואָלט זען און יונהן — אַוודאי נישט. זי האָט פיינט באַקומען מאַנספאַרשוינען מיט אַ בייזער שׂינאה. זי איז מער נישט געווען קיינעמס כלה. זי האָט אַפילו צו זיך אַליין מער נישט געהערט. זי איז געווען אַ פרעמדע. אַ גוף אָן אַ מענטש אין אים, אַן אויטאָמאַט, וואָס האָט מעכאַניש געטאָן דאָס וואָס ער האָט געמוזט. זי האָט געקאָרמעט צפורהן און די קינדער. אָבער זיי האָבן כמעט גאָרנישט געגעסן. האָט זי זיי געגעבן צו טרינקען. זי האָט קיין מאָל נישט געזען, אַז עמעץ זאָל קענען אַריינגיסן אין זיך אַזוי פיל

וואַסער, בפרט אַ קינד. זי האָט זיי געלייגט קאַלטע קאָמפּרעסן צו די קעפּ און געוואַכט איבער זיי ביי נאַכט.

אַזוי, ביז די שפּיטאַל־קאַרעטקע האָט צוגענומען צפּורהן מיט די קינדער, צוגענומען די „כּלות" פון הויז.

בינהלע איז געזעסן אין גרויען שמוציקן צימער, דעם ליידיקן — און האָט נישט געהאַט קיין חשק אַהיימצוגיין צו זיך אין איר אייגן, ניי צימערל. דאָ איז איר עפּעס געווען היימלעכער. זי האָט זיך איינגעהאָרכט ווי עס ציטערן די ווייס־פּאַרשנייטע שויבן. אַרטילעריע־פייער האָט זיך געהערט. דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט צו לאָדזש. די ערד האָט געשווידערט.

די שלאַכטן אַרום לאָדזש האָבן געדויערט פון אַכצנטן נאָוועמבער ביז דעם פינפטן דעצעמבער ניינצן הונדערט און פערצן, און האָבן זיך געענדיקט מיט אַ מפּלה פון דער רוסישער אַרמיי. ווען די דייטשן האָבן אַריינמאַרשירט אין שטאָט איז שוין בינהלע געלעגן אין שפּיטאָל אַ טיפוס־קראַנקע.

קאַפּיטל פיר

1

ווינטערצייט האָט ביי יעקבן און אַבראַשקען נישט געקאָנט זיין קיין רייד פון אַוועקרייטן צו יואלן דעם שמיד. דער פראָסט האָט געברענט. שניי איז געלעגן אומעטום אין הויכע בערג און די לאַנגע צירעלע האָט נישט אַרויסגעלאָזט אירע זינדלעך פון שטוב אויף לאַנג, סיידן ר׳ פּייוועלע האָט זיי אויפן שליטן מיט־גענומען קיין באָטשאַני און דעמאָלט האָט מען זיי אַרומגעבעט מיט פעלן און קילימס, אַז מען האָט זיי קוים די אויגן אַרויסגעזען.

אַבראַשקע האָט געבענקט נאָך יואלן, נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן אים מיט יעקבן און אים דערציילן וואָס ער האָט וועגן יואלן געחלומט ביי נאַכט. ביז ער האָט מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן און זיין קאָפּ האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן מעשים, ווי צו געפינען אַן אויסרייד זיך אַרויסצורייסן פון שטוב און קענען זיך אַוועקלאָזן צום שמיד. ער האָט גענומען זיך חנדלען צו צירעלען און צו ר׳ פּייוועלען און ערשט, אַז ער האָט זיי שטאַרק, שטאַרק דערוואַרעמט צו זיך און זיי האָבן אים געקושט און געהאַלדזט און זיך נישט געקאָנט אָפּלויבן פון זיין ווילקייט — איז ער אַרויס מיט דער בקשה, אַז מען זאָל דערלויבן אים און יעקבן זיך אַליין אַרויסלאָזן מיטן שליטן און מיט גניאַדין אויף אַ שפּאַציר.

„מ׳עט נישט פאַרן ווייט״, האָט ער געבעטן. „און קאָנסט מיך אָנטאָן ווי וואַרעם ד׳ווילסט!״ האָט ער זיך געוואָנדן צו צירעלען. „כ׳שוועק דיר, אַז כ׳על מיך נישט פאַרקילן״.

ער האָט אָנגעהויבן צו נודיען און פּייניקן, ביז ר׳ פּייוועלע האָט זיך גענומען באַארבעטן צירעלען. זיי האָבן זיך שטאַרק צעווערטלט און דערנאָך האָט ר׳ פּייוועלע געמאָלדן אַבראַשקען, אַז ער וועט מעגן אַרויספאָרן מיט יעקבן אויפן שליטן, אָבער נאָר אין אַ זונטיק נאָך מיטאָג און נאָר אויב עס וועט זיין אַ שיינער טאָג, כּדי די מאַמע זאָל נישט מורא האָבן און נישט איבערקלערן; און זיי וועלן מוזן זיך אומקערן גלייך ווי די זון הייבט זיך אָן זעצן, דאָס הייסט איידער די שיכּורע גויים באַווייזן זיך אויפן וועג.

זונטיק נאָך מיטאָג איז פאַר יעקבן און אַבראַשקען געווען אַקוראַט דער זמן

ווען זיי האָבן געוואָלט זיך אַרויסלאָזן צו יואלן. האָט מען נאָר געמוזט וואַרטן עס זאָל זיך שטעלן אַ שיינער זונטיק, מיט אַ זון, ווי די לאַנגע צירעלע האָט זיך דאָס געווונטשן. ווען אָט אַזאַ נאָכמיטאָג האָט זיך אונטערגערוקט, האָט יעקב איינגעשפּאַנט סוסין אין שליטן. די צוויי חברה־לייט האָבן זיך אַרויפגעזעצט אויפן געזעס, צוגעדעקט זיך מיט אַלע פּעלן און קילימס און ס׳איז אַוועק אַ יאַזדע.

אַבראַשקע איז געווען אַזוי געשפּאַנט, אַז ער האָט אַזש געציטערט און האָט גאָרנישט געזען וואָס אַרום אים טוט זיך. יעקב האָט זיך יאָ אַרומגעקוקט, אַריינגעאָטעמט די שאַרפע לופט דורך די נאָזלעכער, געפילט דעם מילדן גלעט פון דער זון אין פּנים, דאָס צופּן פון פראָסט אין די באַקן, אין די שפּיצן־פינגער. ער האָט זיך געפילט ווייס און זויבער אינעווייניק, ווי ער וואָלט אָפּגעשפּיגלט די פּראַכט פון דער ווייסער וועלט אַרום.

שווערע פּאַצעגעס שניי זיינען געלעגן אויף די טאָפּאָליע־צווייגן, פּוכיקע קישנס פון שניי האָבן איינגעבעט די גראָבנס צו ביידע זייטן פון שליאַך און דער שליאַך גופא — ווייך און ווייס; די ווייסקייט אַ צעגלימערטע, אַ דימענ־טענע, אַ באַזוימטע מיטן ראָז־פּורפּורנעם ליכט פון דער נאָכמיטאָג־זון.

דער שליטן האָט זיך שטיל, לייכט געגליטשט איבער דער ווייסקייט. דאָס קלאַפּן פון סוסיס קאָפּיטעס האָט זיך געהערט, ווי ער וואָלט די פיס געהאַט אַרומגעוויקלט מיט ווייכע שמאַטעס. אַ געדעמפּט טופּען, ווי דאָס קלאַפּן פון אַ האַרץ. אַ פּאָרע האָט זיך געטראָגן פון זיין צעהירזשעטן פּיסק צו די פעלדער אַרויס, וווּ דער שניי איז אַ נישט־באַרירטער, נישט־באַרטרעטענער געלעגן גלאַטיק־שטיל, ביז העט אַרויף צום סאַמע האָריזאָנט, וווּ ער האָט זיך אַריינגעשיט אין הימל און איז געוואָרן מיט אים איינס. ס׳איז אויסגעקומען ווי מען וואָלט זיך געפונען אין אַ מין קרישטאָלענער דעניצע, מיט אַ קרישטאָלענעם אויסגע־הוילטן צודעק, און ווי אָט די דעניצע וואָלט געשטאַנען אין אַ ברייטן, פּראָסטיקן באַקאַויוון. אינעווייניק איז אַלץ געווען אינטים־ווייס, אינטים־וואַרעם, נישט גע־קוקט אויפן בייסיקן פראָסט; ווייל די זון אַליין האָט זיך אויך געפונען אין אָט דער פאַרמאַכטער דעניצע. איר אָפּשפּיגלונג איז נאָר געווען אין דרויסן, ווייט און הויך, אויף יענער זייט פון קרישטאָלענעם צודעק. דאָס האָט איר אָפּשפּיגלונג זיך געגליטשט איבערן ברייטן טאָפּאָליע־וועג אויף זילבערנע גליטשערס און איז פאַרויסגעלאָפן סוסין. דערפאַר האָט אַלץ אַזוי געבלענדט אין די אויגן.

דורכן גאַנצן וועג האָבן יעקב און אַבראַשקע נישט פאַרביטן קיין וואָרט. אָנגעקומען צו דער קוזשניע, האָבן זיי געפונען די כאַלופּע פאַרמאַכט, די טיר פון דער קוזשניע פאַרקייטלט. דער שניי וואָס האָט דורך דער נאַכט געהאַט אָנגעשיט איז געלעגן אָנגעהויפנט אויף דער פריזבע פון דער כאַטע און אויפן הויף — איין גלאַטיקער צודעק, אָן אַ שפּור.

„ר׳איז נישטאָ...‟ האָט אַבראַשע אַרויסגעלאָזט אַ פאַרצווייפלטן קרעכץ.

„מ׳עט אַ ביסל צוואָרטן״, האָט יעקב באַשלאָסן, זיך צוגערוקט צו אַבראַש־קען, אַריבערגענומען די פעלן איבער זייערעביידנס קעפּ און בלויז די אויגן געלאָזט אין דרויסן. פון די מיילער האָט געשלאָגן אַ פּאַרע און פּייכט געמאַכט די פּנימער. אַבראַשקע האָט מער נישט געוווּסט, צי דאָס פּילט ער די פּאַרע אויף די באַקן, צי זיינע טרערן.

„מ׳עט זיך נישט אָוועקרירן ביז ער׳ט קומען״, האָט ער געפּליסטערט.

זיי האָבן דערזען אַ שוואַרצן פלעק זיך באַווייזן אויפן פעלד קעגן איבער. ס׳האָט אויסגעזען ווי דער פלעק וואָלט זיך פּאַמעלעך געקייקלט איבער דער ווייסקייט, ווי ער וואָלט זיך אָנגעשטויסן אויף שטיינער און גריבער, ווייל פון צייט צו צייט איז ער אַראָפּגעזונקען און דערנאָך אויפגעטויכט.

„דאָס איז ער!״ האָט יעקב לסוף אויסגערופן.

„יואל! יואל!״ האָט אַבראַשקע זיך אַ ריס געטאָן פון די פעלן, אַראָפּגע־שפּרונגען פון שליטן און גענומען שפּרינגען און רעווען אויף אַלע כלים.

יואל איז אַראָפּגעקומען פון פעלד, אַדורכגעטאָפּטשעט דעם גראָבן און מיט פּאַרשנייט־צעפּאַטלטע פּאַלעס, אַ צעפלויגענער באָרד און פּאות, באַדעקטע מיט שניי, איז ער צוגעפאַלן צו אַבראַשקען אַ פּאַרסאָפּעטער, אים אַ קלעפּל געטאָן אין הינטן אַריין; און ווי זיי וואָלטן זיך ערשט נעכטן געזען, האָט ער אויסגע־רופן: „וואָס מאַכסטע, בראַדיאַגע, הע? ס׳ט דיך אויסגעשלאָפן?״

ער האָט אַריינגעשטופּט אין אַבראַשקעס הענט דעם ברוינעם לאַבן ברויט וואָס ער האָט געהאַלטן אונטערן אָרעם, איז צו צום שליטן, געהאָלפן יעקבן צודעקן סוסין מיט פעלן און שמאַטעס, און אים אויסשפּאַנען. זיי האָבן אַלע דריי אַריינגעפירט סוסין אין דער קוזשניע, אים אָנגעהאָנגען זיין זעקל האָבער אויפן האַלדז און אים צוגעבונדן צו אַ בויל לעבן דער טיר.

זיי זיינען אַריין אין יואלס כאַלופּקע. יואל האָט געעפנט דעם לאָדן פון דעם קליינעם פענצטערל און דאָס בלענדיק־ווייסע ליכט פון דרויסן איז דורך די פאַרקאָוועטע שייבלעך אַ פאַל געטאָן אויף דעם איינגעזונקענעם בעטל וואָס איז געווען פאַרדעקט מיט זאַקשמאַטעס. דאָרט האָט ער די צוויי אורחים געוויזן זיך אָוועקצוזעצן. אַליין האָט ער זיך גענומען איינצוהייצן דעם שוואַרצן אויוון לעבן בעטל. ערשט דערנאָך האָט ער אַראָפּגעוואָרפן דעם כאַלאַט, צעקנעפּלט דעם שפּאַנצער, צוגערוקט דעם קרומען טיש צום בעטל און זיך אָוועקגעזעצט אַראָפּציען די שטיוול, אויסלײדיקן זיי פון די פּאַפּירן און שמאַטעס מיט וועלכע זיי זיינען געווען אָנגעשטאָפּט. ער האָט אויפגעוויקלט די אָניצעס פון די פיס און זיי אויפגעהאָנגען אויף דער שטריק וואָס האָט זיך געצויגן איבער דעם אויוון, באַהאָנגען מיט שטיקער פון העמדער, מיט גאַטקעס און סתם שמאַטעס.

ער האָט אויסגעזען צו האָבן פאַרגעסן אָן די אורחים און זיי זיינען געזעסן

און האָבן נישט קיין פּיפּס געטאָן, נאָר אים באַטראַכט ווי ער האָט זיך אַרומ־געפּאָרעט.

ער האָט צוגעשטעלט אויפן אויוון אַ שוואַרצן טאָפּ ציקאָריע־קאַווע, געוואַשן די הענט, צעשניטן דעם לאַבן ברויט, פונאַנדערגעטיילט שטיקער ברויט צו יעקבן און אַבראַשען, ווי ער וואָלט זיי גופא נישט געזען, און אַז די קאַווע איז הייס געוואָרן, האָט ער זיי אונטערגערוקט בלעכענע אָפּגעהאַקטע טעפּלעך פולע מיט פאַרעדיקער שוואַרצקייט. זיי האָבן געמאַכט אַ המוציא, איינגעביסן זיך אין ווייכן, נאָך וואַרעמען ברויט, שווייגנדיק צוגעזופּט די קאַווע און געוואַרעמט די געפרוירענע הענט אָן די טעפּלעך.

יעקב האָט זיך משער געווען פון וואַנען יואל איז נאָר וואָס געקומען. אָבער צוליב דעם האָט ער נישט באַקומען ווייניקער דרך־ארץ פאַר אים. וואָס קלאָרער ער האָט געזען יואלן אין זיך, דורך די וואָכן פון צעשיידונג, דאָס מער אָפּשיי האָט ער געהאַט פאַר אים, אָן אָפּשיי געמישט מיט אַ מאָדנעם אייפערזוכט. ער האָט געוואָלט זיין ווי יואל — און האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז אין אים איז געווען אַ באַריערע וואָס וועט אים אָפּהאַלטן דאָס צו דערגרייכן. אָבער אַבראַשקע, דער קליינער, וועט אפשר יאָ — האָט ער געטראַכט. פאַראַן געווען אַ סך קרובֿי־שאַפט צווישן די צוויי.

די פנימער פון צוויי יונגע פויערים האָבן אַ מיניע געטאָן אין די שויבן וואָס האָבן זיך גענומען שמעלצן.

„וואַרט דאָ צו!" האָט יואל אויסגערופן, איז אויפגעשפּרונגען אויף די פיס עפּעס ווי אַ צעטומלטער, און איז אַרויסגעלאָפן דרויסן.

יעקב און אַבראַשקע האָבן זיך אַ טראָג געטאָן צום פענצטער, אָפּגעווישט די רינענדיקע שויבן און אַרויסגעקוקט. אַ טומל האָט זיך געהערט אין דער שמידעריי: שאַרף־גרילציקע קולות באַגלייט פון יואלס שווערן געלעכטער, וואָס האָט געקלונגען אַנדערש ווי געוויינטלעך. דערנאָך האָבן זיי דערזען די יונגע כלאָפּעס אַרויסקומען מיט קעסטלעך אין די הענט. די כלאָפּעס האָבן אייליק אָנגעלאָדעוועט די קעסטלעך אויף אַ שליטן, זיי צוגעדעקט, אַרויפגעשפּרונגען אויפן געזעס און אין אָן אויגנבליק נעלם געוואָרן פון די אויגן.

אַבראַשקע איז צוגעלאָפן און געעפנט די טיר. „יואל!" האָט ער זיך צעשריגן, „כ'וויל אַריינקומען אין דער קוזשניע".

„ניין!" האָט זיך דערהערט יואלס בייז קול.

ס'האָט גענומען אַ ביסל צייט ביז יואל, אַ מאָדנע ערנצטער, האָט זיך באַוויזן אין דער טיר. „נו, קום אַרויס, אויף וואָס וואַרטסטו?" האָט ער אויס־גערופן צו אַבראַשקען.

די קוזשניע האָט אויסגעזען אַ ביסל אַנדערש ווי געוויינטלעך, אָבער עס איז שווער געווען צו זאָגן מיט וואָס. יעקב און אַבראַשקע האָבן זיך צוגעשפּאַרט

אויף אַ קאַסטן און באַטראַכט דאָס צעפּלאָקערטע פֿייער אין אויוון. יואל האָט אַ שווייגנדיקער זיך עוסק געווען ביים בלאָזזאַק און האָט זיך גענומען ענערגיש צו אַרבעטן איבער עפּעס אויפֿן סטויפּ. יעקב און אַבראַשקע האָבן זיך צוגערוקט נענטער, צוגעקוקט ווי די פֿייערצונגען טאַנצן אַרום אין אויוון, זיך צוגעהערט צום צישען פֿון די פֿלאַמען, צום קלאַנג פֿון אייזן קעגן אייזן. דער שווייגנדיקער יואל איז זיי אויסגעקומען ווי אַ מעכטיקער מכשף וועלכער האָט אין די פֿייער־צונגען געמאַכט אויפֿטויכן פֿאַר זיי יענע בילדער, יענע פֿאַרמען צו וועלכע זייער האַרץ האָט געגלוסט.

„אוי, יעקב, קיק נאָר!״ האָט אַבראַשקע אַ פֿאַרגאַפּטער אַ פּליסטער געטאָן. „כ׳זע אינעווייניק אַ גאָלדענעם פֿויגל! ד׳זעסט אים? זעסט ווי ער טאַנצט אַרום? איי, ווען עך קאָן אים אַזוי אַרויסכאַפּן פֿון פֿייער און אים מאַכן אַ פּאָר זייער דינע פֿליגל און אים מאַכן אַ זייער שיינעם קאָפּ מיט אַ שנאָבל!״ ער האָט זיך מער נישט געקאָנט צוריקהאַלטן און איז צוגעשפּרונגען צו יואלן. „יואל!״ האָט ער אַ צעהיצטער אים אַ צי געטאָן פֿאַרן קאַפּטאָן. „כ׳בעט דיך, יואל, כ׳האָב געזען אַ גאָלדענעם פֿויגל אין פֿייער. נעם אַ שטיק אייזן, זע נאָר, טו מיר אַ טובה. מאַך מיר אַ פֿויגל!״

„מאַך מיר אַ פֿויגל!״ האָט יעקב איבערגעחזרט אין זיך אַבראַשקעס בקשה. עפּעס האָט זיך שטאַרק געגלוסט, אַז יואל דער מכשף זאָל הײַנט, אין זײַן שווייגן, באַווייזן אַ כּישוף. ס׳האָט זיך געבענקט צו אַ וווּנדער. שטאַרק געבענקט. דער גאָלדענער פֿויגל וואָס ער, יעקב, האָט געזען אין די פֿלאַמען, איז דאָך געווען נישט עמעץ אַנדערש — נאָר בינהלע. אירע גאָלד־געלע צעפּ האָט ער געזען אַרומפֿלאַטערן אינעווייניק, אין אויוון. אין פֿייער האָט זי געברענט. זי איז געווען דאָס פֿייער; געפֿלאָקערט און געפֿלאַטערט האָט זי פֿאַר זײַנע אויגן, אַ נישט־דערגרייכבאַרע, נישט־באַרירלעכע... לילית. ווען ער וואָלט זי אָנגערירט, וואָלט זי אָפּגעבריט, אונטערגעצונדן... פֿאַרברענט.

יואל האָט אַרויסגעצויגן אַ שטיק אייזנשטאַנג פֿון אונטער אַ באַרג מיט אָפּפֿאַל, צעגליט זי אין אויוון און אַריבערגעטראָגן אַ צעצונדענע, אָנגעגליטע אויפֿן סטויפּ. אַבראַשקע האָט גענומען קאָמאַנדעווען מיט אים, אים באַפֿעלן ווי ער זאָל דאָס אייזן פֿאַרבייגן, פֿאַרקנייטשן, אַרומהאַקן.

„כ׳ווייס, אַז ער׳ט זײַן אַ שוואַרצער פֿויגל״, האָט אַבראַשקע היציק געפּלאַפּלט. „אָבער ס׳שאַדט נישט. ס׳עט זײַן אַ פֿויגל פֿון שוואַרץ גאָלד און... ער׳ט פֿליִען שטייענדיקערהייט!״

יעקב האָט ליכט אויפֿגעשמייכלט. בינהלע איז געווען דער פֿויגל, דער גאָלדענער, וואָס האָט אַרומגעפֿלאַטערט אין אים און געשטאַנען אויף אָן אָרט. האָט זי אויך געקאָנט ווערן שוואַרץ גאָלד? דאָס טונקעלע אין איר איז

געווען דאָס אומבאַקאַנטע, דאָס נישט־היימישע. און גראָד דאָס האָט געצויגן צו זיך און געבריט.

אַבראַשקע האָט אין זיין פאַרפאַרעטקייט זיך צעקראַצט די האַנט ביי אַ שאַרפער בלעך, צי ביי אַ נאָגל. אַ פינגער האָט אים געגומען בלוטיקן. אַ פאַר־טראַגענער, האָט ער אים גיך־גיך געזייגט. יואל האָט געוואָרפן אַ זייטיקן בליק אויף אים און דאָ האָט זיך דערהערט זיין שטיל, וואָרעם געלעכטער. אַבראַשקע האָט מיטגעלאַכט מיט אים, שטיל, וואָרעם. יואל און אַבראַשקע האָבן איצט אויסגעזען מער פאַרברודערט ווי ווען נישט איז — און ער, יעקב, איז געבליבן אַ דרויסנדיקער. „אפשר איז דאָס דערפאַר", האָט יעקב אַ טראַכט געטאָן, „וואָס איך קאָן זיך שפּילן, אָבער כ'קאָן זיך נישט פאַרשפּילן ווי זיי — מיט האַרץ און נשמה. איך קאָן זיך נישט אָפּגעבן קיין שום זאַך ביז צום פאַרגעסן זיך, ביז צום פאַרגעסן די וואָר וואָס רינגלט מיך אַרום".

יואל האָט דעם הייסן פויגל איינגעטונקען אין בעקן מיט אייזיק וואַסער און דער פויגל האָט זיך צעצישעט און צעפּאַרעוועט. אַז ער האָט אים אָוועקגע־שטעלט אויף דער קאָוואַדלע אויסצוטריקענען, האָט אַבראַשקע זיך איבערגעבויגן איבערן פויגל. דאָס בלוט פון זיין צעקאַליעטשעטן פינגער האָט אַראָפּגעקאַפּעט אויפן פויגל אין דינע טראָפּנדלעך און געצישעט אויפן צעגליטן מעטאַל.

„יעקב!" האָט אַבראַשקע אַ באַגייסטערטער אויסגערופן. „קיק! זעסט, דער פויגל לעבט! ער טרינקט מיין בלוט און איז זיך מחיה!" און ער האָט בכיוון אַרויסגעפּרעסט נאָך אַ פּאָר טראָפּנס בלוט פון פינגער אויפן פויגל.

„בלאָז אַריין אין דעם פויגל דעם שם־המפורש, יואל!" האָט יעקב געבעטן אין האַרצן אַ מין קינדערשע תפילה.

יואל, ווי ער וואָלט דערהערט יעקבס מחשבה, האָט אויפגעהויבן די אויס־געריסטע הענט צו דער סטעליע. „הללויה!" האָט ער אויסגערופן. „דער פויגל האָט אויפגענומען אַבראַשקעס נשמה!"

„יאָ!" האָט אַבראַשקע אים נאָכגעטאָן און אויך אויפגעהויבן די הענט. „הללויה! מיין פויגל ט'פליִען ביז צום זיבעטן הימל! אמת, יואל, ער'ט פליִען ביז צום כסא־הכבוד?"

יואל האָט אים אַ כאַפּ געטאָן אין די אָרעמס מיט אַ מין אויסגעבענקטקייט, וואָס האָט אַזש אויסגעקרימט די שטריכן פון זיין פּנים; ווי ער וואָלט זיך איבער־געגעבן צו אַ גרויסן ווייטיק. זיינע געדיכטע ברעמען האָבן זיך צוזאַמענגע־צויגן, דער שטערן איז אים פאַרקאַרבט געוואָרן. ער האָט זיך אָוועקגעזעצט מיט אַבראַשען אויף אַן איבערגעקערטער קאַן און מיט דער באָרד געבערשטלט דעם בחורלס צעגליטע באַקן.

„וואָס ס'עט מיטן פויגל געשען", האָט ער געמרוקעט, „קאָן עך דיר נישט

זאָגן. געגוג, אַז ער׳ט פּליִען. דאָס איז נישט קיין קליינקייט. וואָס שייך אָנקומען צום כּסא־הכּבוד, איז דאָס שוין נישט אַזאַ לייכטער ענין, חברל. קודם־כּל מוז מען זיין אויף דער מדרגה, פאַרשטייסטע מיך, פון יצחקן אויף דער עקדה. אַז יצחק איז געלעגן אויף דער עקדה און דאָס מעסער האָט געהאַלטןביים אַראָפּ־פאַלן אויף זיין האַלדז, האָט ער געזען אַלע סאַליעס, אַלע זיבן פּאַלאַצן פון רבונו־של־עולמס רייטוואָגן, די היכלות המרכּבה הייסט דאָס. בלויז געזען האָט ער, פאַרשטייסט? ס׳הייסט נאָך נישט, אַז ער איז דרינען געווען. ד׳האָסט דען אַן אַנונג ווי שווער עס איז אַפילו דער זיבערסטער נשמה זיך אַרויפצוקריגן אַפילו בלויז אויפן ערשטן הימל? אומעטום וואַרטן אויף דיר די כּוחות פון בייז און לאָזן דיך נישט גיין ווייטער. ז׳צערייסן זיך דעם יאַשטשיק דיך צו פאַרהאַלטן אויפן וועג אין די סאַליעס אַריין. און אַז ד׳עסט שוין מיט צרות אַריבער די ערשטע פּאָר סאַליעס, ׳עסטע מיט אַ מאָל פאַרכאַפּט ווערן פון דעם פייערדיקן שטורעם וואָס בושעוועט אינעווייניק, און ד׳עסט נישט טאָרן צעחושט ווערן, נאָר מוזן געדענקען וואָס אַ מאָל מער שפּרוכן און זיך באַוואָפענען מיט מער חתימות, כּדי נישט פאַרצערט צו ווערן פון פייער. און אַז ד׳עסט האַלטן אין סאַמע מיטן פון דיין ראַנגלעניש און ד׳עסט מיינען אַט־אַט... ׳עט מיט אַ מאָל אַ פייער אַרויסקומען פון דיין אייגענעם לייב און דו׳סט מוזן זיין בכּוח צו שטיין גלייך, כאַטש די הענט און די פיס ׳עלן ביי דיר פאַרברענט ווערן און כאַטש ד׳עסט דיך געפינען אין אַ חלל אָן אַ באָדעם״.

„אוי ווי!״ האָט אַבראַשקע זיך אָנגעכאַפּט פאַר די באַקן. „דאָס ווייס עך נישט צי כ׳על קענען!״

„זעסטע שוין״, האָט יואל געצויגן ווייטער. „און טאָמער מיינסטע, אַז דאָס איז אַלץ, ביסטע דיך טועה, ברודערקע. ווייל רבי עקיבא, וואָס איז געווען דער איינציקער וואָס איז פון דאָרט צוריקגעקומען אַ גאַנצער, האָט טאַקע געוואָרנט, אַזוי צו זאָגן: ׳אַז עץ ׳עט אָנקומען אין דער סאַליע פון די מאַרמערנע פּליטעס זאָלט עץ נישט שרייען: ׳וואַסער! וואַסער!׳ ווייל דאָס ט׳זיין אַ ליגן, און קיין ליגנערס קאָנען נישט זוכה זיין צו שטיין פאַרן פּנים פונעם מלך פון דער וועלט. ווייל, פאַרשטייסטע מיך, אַבראַשקע, ווער מיר וואַסער, וואָס מיר וואַסער, ווער מיר פּליטעס, וואָס מיר פּליטעס. יאָ, כוואַליעס און כוואַליעס... פון דאַכטעניש זעסטע, און קיין טראָפּן נאָס צו מאַכן דעם גומען איז נישטאָ. און דו האָסט אַפילו נישט דעם כּוח זיך אויסצוטשוכען פון דער נייער דאַכטעניש, ווי עס באַווייזן זיך פאַר דיר די פּרינצן פון פּחד און ציטערניש, קספּיעל און דומיעל, די אויפזעערס פון פּאַלאַץ, און לאָזן דיך ערשט נישט גיין ווייטער. דערפאַר זאָג עך, אַבראַשקע, אַז צי ד׳עסט אָנקומען מיט דיין פויגל, ווייס עך נישט... אָבער ס׳גייט דען אין אָנקומען?״

„אוודאי גייט אין אָנקומען!״ האָט אַבראַשקע אויסגערופן. „אַז מען שיקט

ארויס אַ פויגל אין די הימלען אַריין, ווייל מען דאַרף ער זאָל אַנקומען, יאָ, צי ניין? ביז צום כסא־הכבוד מוז ער אַנקומען. ער מוז זען ווי ער זעט אויס!"

„אַ, צוליב דעם מוזסטע אים נישט שיקן. דאָס קאָן עך דיר אויך זאָגן".

האָט יואל אויפגעשמייכלט. „דער רבונו־של־עולם זיצט אויף זיין הויכן טראָן און זיין הייליקער כּתר איז פון דעם קאָליר פון עלעקטרע און אויף זיין שטערן איז אויפגעשריבן דער שם־המפורש. און ער קוקט מיט די אויגן צו מיזרח און מערב, צו צפון און דרום און ער זעט אַלצדינג ביז צום מינדסטן מילבעלע. ער אַליין איז האַלב פייער און האַלב אייז, און פון זיין רעכטער זייט איז דאָס לעבן און פון זיין לינקער זייט איז דער טויט. אַ פייערדיקן צעפּטער האַלט ער אין דער האַנט. און דער פּרגוד איז אויסגעשפּרייט פאַר אים, און פון דער אַנדערער זייט פון פּרגוד, אַזאַ מין פּירהאַנג איז דאָס, פאַרשטייסטע מיך, שטייען די זיבן מלאָכים, זיבן מיניסטערס, הייסט דאָס. דעם הקדוש־ברוך־הואס פּוסבענקעלע איז ווי פייער און האַגל און אונטער אים איז אַלץ פון בלויז שאַפּירן און עס בליצט און און עס דונערט מיט ליכט און מיט פינצטערניש כּסדר און כּסדר... און שוין. האָב עך דיר איינגעשפּאַרט די צרות און די מאַטערנישן פון אַ לאַנגער און שווערער נסיעה..." האָט יואל אַ טרייסל געטאָן אַבראַשקען פאַרן אָרעם. „דאָס איז וואָס ד'האָסט געוואָלט, הע?"

„ניין!" האָט אַבראַשקע אויסגערופן. „ד'פאַרשטייסט מיך נישט!" ער האָט גענומען פאָכען מיט אַ פאָלע איבערן פויגל, אים גיכער אַפּצוקילן.

יעקב האָט זיך צוגערוקט נענטער צו יואלן און אַ מורמל געטאָן: „און משיח... ער'ט דאַך דאַרפן אַדורכמאַכן דעם פאַרקערטן וועג. ער'ט יאָ אַנקומען?"

יואל האָט אַ קער געטאָן צו אים דעם קאָפּ: „וואָס בין עך, אַ נביא? מ'ען גלייבט אין ביאת־המשיח, יאָ צי ניין? דאָס איז דער עיקר. דאָס אַנקומען זיינס איז נישט מער ווי אַ חתימה אונטער אַ וועקסל".

„און וואָס מכּוח ציאָניסמוס?" האָט יעקב אַ פרעג געטאָן. „לגמרי אַ נייע שיטה. ז'ווילן אָן משיחן קריגן ארץ־ישראל און מאַכן אַ סוף צום גלות".

יואל האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: „ס'אַ בלאָז פון אַ דודע. וואָס איז די נייעס דערין? אונדז זענען מיר שטענדיק געווען צעריסן צווישן אהבת־ציון און דעם גלות, צווישן פאַרזאָרגן זיך אַליין און פאַרזאָרגן די וועלט און טראָגן דעם יאָך וואָס דער רבונו־של־עולם האָט אויף אונדז אַרויפגעלייגט און צו וואָס אונדז האָט מען געזאָגט נעשׂה־ונשמע. אַז מ'איז אין באָד, ברודערקע, מוז מען שוויצן. מוז מען מתקן זיין. ווייניק האָט מען שוין געצאָלט דערפאַר? זאָל מען דאָס אַלץ לאָזן גיין לאיבוד? דער אר"י הקדוש אַליין האָט דאָך געזאָגט, אַז דער רבונו־של־עולם האָט געטאָן אַ גערעכטע זאַך מיטן צעשפּרייטן אונדז צווישן די אומות־העולם, כּדי מען זאָל פאַרשפּרייטן דאָס ליכט אינעם חושך פון דער גוייִשער וועלט. ער האָט דאָך זיינע תּלמידים געהייסן מתפּלל זיין אויך

פּאַר די גויים און פּאַר אַלע גאָטס באַשעפענישן. אָבער פון דער אַנדערער זייט, איז מען שוין גוט מיד און ס'בענקט זיך אַהיים... קיין ציון".

„מיינסטע טאַקע, אַז מ'קאָן דערגרייכן ציון אָן משיחן?"

„וואָס פרעגסטע עפּעס מיך? וואָס בין עך אַ נביא?" האָט יואל זיך מיט אַ מאָל צעבייזערט. „ווער איז דען משיח? ווי קאָן מען שטרעבן צו עפּעס אָן אים? ער איז דאָך דאָס שטרעבן. זיין נאָמען קאָן מען אפשר פאַרלייקענען, אָבער נישט אים!" פּלוצעם האָט ער אָנגעכאַפּט יעקבן פאַרן אָרבל, געכאַפּט אַ בליק צי אַבראַשקע זעט נישט, און צודרינגלעך אַ פּליסטער געטאָן אויף יעקבס אויער: „הער, יעקב... כ'האָב נישט קיינעם אויף דער וועלט וואָס איז מיר אַזוי נאָענט ווי דו... טאָ געדענק... טאָמער געשעט עפּעס מיט מיר, זאָלסטע פאַר מיר קדיש זאָגן..."

יעקב האָט נישט באַוויזן צו קומען צו זיך פון יואלס פּלוצעמדיקע רייד, ווי עס האָבן זיך דערהערט אַ פּאָר שטאַרקע קלעפּ אין דער טיר פון דער קוזשניע.

אַ האַנט האָט אַ צי געטאָן פאַר די ברעטער דרויסן און צוזאַמען מיט דער אייזיקער לופט זיינען אין דער קוזשניע אַריינגעפאַלן צוויי משונהדיקע פאַרשוינען אין גרינע מונדירן, מיט קאַסקן אויף די קעפּ. צוויי מאַסיווע פערד זיינען דרויסן געווען צוגעבונדן צום בוים. אויפן שאָסיי איז געשטאַנען אַ גרויסער לאַסטוואָגן און אין אים איז אויך געווען איינגעשפּאַנט אַ פּאָרל ענלעכע פערד, וואָס זייערס גלייכן האָט מען גאָר אין דער געגנט נישט געזען. די צוויי פאַרשוינען האָבן זיך צעוואַנדערט איבער דער קוזשניע, גענישטערט צווישן בראַכוואַרג, געהייסן יואלן מיט זיינע צוויי אורחים זיך אויפשטעלן.

לסוף האָט איינער אַ פרעג געטאָן יואלן: „זינט זי דער שמידע?" יואל האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און דער ערל האָט ווייטער געפרעגט: „וואָ האָבן זי דאָס קופּפער און מעש?"

יואל האָט געצויגן מיט די אַקסלען. „באַ אונדז מאַכט מען נישט קיין קו־פערנע פאַטקעוועס און מעשענע אויך נישט".

דער דייטש האָט באַקומען דעם ענטפער גיכער פון יואלס צי מיט די אַקסלען, ווי פון זיינע רייד. האָט ער ווייטער געפרעגט: „האַבען זי איבערהאַופּט קיין קופּפער?"

יואל האָט ווידער אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען: „כ'זאָל אַזוי נישט וויסן פון קיין שלעכטס".

די דייטשן זיינען אַרויס אין דרויסן. אַבראַשקע און יעקב האָבן נאָכגע־פאָלגט יואלן פון דער ווייטן און זיך געטוליעט אין די וואַטאַוועקעס. יואל, אין בלויזן שפּאַנצער, איז נאָכגעגאַנגען די פאַרשוינען, וועלכע האָבן זיך צעוואַנדערט איבערן הויף. איינער פון זיי איז אַריין אין יואלס כאַטקע. באַלד איז ער פון דאָרט

אַרויסגעשפּרונגען האַלטנדיק זיך פאַר דער נאָז מיט אַ באַהענטשקעטער האַנט, אין דער אַנדערער האָט ער געהאַלטן יואלס מעשענעם ווײַנבעכער.

„זי זאָללען דאָך קײנע ליגע זאָגען!" האָט ער טריומפאַל אויסגערופן צו יואלן און אויפגעהויבן דעם בעכער.

זײַן באַגלײטער האָט צו אים אַ ווונק געטאָן און זײ זײַנען אַרויפגעשטיגן אויף די פערד. זיצנדיק אויפן פערד האָט דער דײטש אַרײַנגעצילט דעם בעכער אין לאַסטוואָגן וואָס איז געשטאַנען הינטער אים און ער האָט געגעבן אַ צײכן דעם פורמאַן צו רירן פון אָרט. די פערד האָבן זיך אַ טראַג געטאָן אין דער ריכטונג פון באָטשאַני.

„האָט מען געזען די ערשטע דײטשן", האָט יעקב אַ זאָג געטאָן צו יואלן.

„דײטשן?" האָט אַבראַשקע אויסגערופן. „און איך האָב געמײנט, אַז דאָס זענען די רײטערס פון רישעות אַראָפּגעפאַלן פון הימל אַראָפּ!"

אַ משונהדיק הודזשעניש האָט זיך דערהערט פון שאָסײ און זײ זײַנען אַלע דרײ אַרויס אויפן וועג געבן אַ קוק וואָס אַזעלכעס עס רוקט זיך דאָס אָן מיט אַזאַ רעש. פון דער ריכטונג פון כוואָסטי האָט זיך פון שאָסײ אַהערגעקײַקלט אַ טומאַן שנײ און אין אַ רגע אַרום האָט פון אים אויפגעטויכט דער צעבורטשעטער בויך פון אַ פיר־רעדערדיק באַשעפעניש, וואָס האָט זיך גיך באַוועגט פאָרויס. פון דעם באַשעפענישס גוף האָבן אַרויסגעשטאַרטשעט צוויי קעפּ אין צווײ העלמעס מיט צווײ פּאָר ברײטע גרינע אַקסלען מיט שליפעס.

„גלײבטץ מיר, דאָס איז אַ סאַמאָכאָד!" האָט יעקב אויסגערופן. „קיק, קיק, אַבראַשקע, אַ וואָגן אָן פערד, גײט אַלײן!" אַבראַשקע האָט זיך נאָכגעלאָזט לויפן נאָך דער משונהדיקער מאַשין.

יעקב האָט געוואָרפן אַ בליק אויף יואלן און איז גיך אונטערגעקומען צו אים: „יואל, ס'ט מיר עפּעס פריִער אַ זאָג געטאָן..." האָט ער אַרויסגעמורמלט. „כ'האָב..."

יואל האָט אַ קער געטאָן דעם קאָפּ צום וועג און אָפּגעמאָסטן דעם מהלך וואָס האָט זײ אָפּגעטײלט פון צעיאָכמערטן אַבראַשקען. ער האָט אַ ציִ געטאָן יעקבן אין דער פאַרקערטער ריכטונג.

„כ'על עס מאַכן בקיצור", האָט ער אָנגעהויבן. „כ'האָב געהאָלפן די יונגע כלאָפּעס ז'זאָלן זיך צוזאַמענגעמען און זיך שלאָגן פאַר פוילן. דעם פּריצס זונדל האָט מיט זײ לכתחילה אָנגעפירט, אָבער דערנאָך איז ער אַוועק זיך אָנשליסן אין פּילסודסקיס לעגיאָנען. געווען אַ פּאָר ייִדישע ייִנגלעך צווישן זײ... — אַ בהמה בין עך געווען. ס'האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז דאָס איז אַ גוטע זאַך פאַר אונדז אויכעט. כ'האָב געמײנט, אַז דאָס האָט זײער גלות זײ געמאַכט פאַר דעם וואָס ז'זענען; און אונדז, אין אונדזער גלות, האָט מען זײ אָפּגעדינט מיט שינאה פאַר זײער שינאה. אין זײערע אויגן זענען מיר אונדז סײ ראַפּינירטע זשוליקעס,

וואָס געבאָרן זיי אַפּ אין מיסחר, און סיי חמורים און אייזלקעפּ וואָס האָבן נישט קיין לשון מיט דער מוטערל ערד. פון איין זייט זענען מיר אין זייערע אויגן מכשפים וואָס זענען אויף אַ געהיימען אופן געקנופּט און געבונדן מיטן האַר פון דער וועלט און האָבן אַפילו אַרויסגעכישופט פון אים די הייליקע תורה; און פון דער אַנדערער זייט זענען מיר מערדערס וואָס האָבן אַוועקגעהרגעט זייער גאָט און פאַרפאַרשיוועט די וועלט מיט אונדזערע שמד־שטיק. און אונדז, פון אונדזער זייט, קוקט מען אויפן גוי אויך ווי אויף עפּעס ווייניקער און עפּעס מער ווי סתם אַ מענטש. סיי ער איז אין אונדזערע אויגן אַ קרויטקאָפּ, אַ חזיר־פרעסער, וואָס קאָן אַפילו אויף די פינגער נישט ציילן און שטייט נישט העכער מיטן שׂכל פון די בהמות וואָס ער לעבט צווישן זיי; און סיי ער איז דער אַשמדאי, דאָס מויל און די פויסט פון דער סיטרא־אחרא, און מען ציטערט פאַר אים אַ גרויס ציטערניש, ווייל מען ווייסט, אַז אונדזער לעבן איז קודם־כּל אין די הענט פון רבונו־של־עולם און גלייך דערנאָך אין גויס הענט. צי אפשר טאַקע גאַר פאַרקערט. האָב עך... האָב עך אַזאַ קוקן נישט געקאָנט פאַרטראָגן. כ׳קאָן נאָך אַלץ נישט. ס׳ברענגט מיך אַרויס פון די כּלים, ווייל דער בן־אָדם איז אַ הייליק געפעס... דערפאַר, הגם ער איז אַזוי נעבעכדיק, קאָן ער נישט פאַרטראָגן די בייטש אויף זיין רוקן... איז נישט פעיִק צו זיין אַ שקלאַף״. יואל האָט זיך טרויעריק צעשמייכלט. „כ׳האָב עס געזאָלט מאַכן בקיצור, הע?״

ער איז פאַרשוויגן געוואָרן, זיך געווישט דאָס מויל מיטן אַרבל און גענומען ברומען צו זיך. דערנאָך האָט ער זיך ווידער פונאַנדערגערעדט.

„האָבנדיק אָט דאָס אַלץ אין זינען, פאַרשטייסטע מיך, האָב עך אַרויסגע־האָלפן די כלאַפּסקע חברה־לייט מיט וואָס כ׳האָב געקאָנט, אויסגעשמידט כּלערליי כּלי־זין פאַר זיי, באַהאַלטן געווער אין דער קוזשניע. און כ׳האָב מיך נאָך מער אָפּגעזונדערט פון קהל, ווייל אַזוי איז קראַנטער געווען. אָבער דערנאָך איז געקומען די הריגה אין שטעטל, און כ׳האָב איינגעזען אַז די לאַבוזעס ווילן נישט אַזוי ווייט זייער ערד, זייער פרייקייט, ווי ז׳ווילן אַוואַנטורעס, דאַרשטיק נאָך בלוט זענען זיי. און אונדזער בלוט איז דאָס ביליקסטע, לייכט צו קריגן. האָבן זיי אונדז אָפּגעצאַפּט דאָס בלוט... דערפאַר האָב עך געזאָגט דאַווידזעניאַ... דאָס הייסט געזאָגט האָב עך זיי גאַרנישט, אָבער כ׳האָב געפונען כּל־המינים אויסריידן מיך אַרויסצודרייען פון עסק. ס׳האָט מיך גענודיעט אויף זייער אַנבליק. — הייבט אין דער פרי האָבן זיי געהערט, אַז די דייטשן ׳עלן מאַכן אַן אַבלאַווע אויף באַטשאַני, מאַכן רעוויזיעס און איינשטעלן זייערע פּאַזשאַנדקעס. זענען די חברה־לייט געקומען נאָך זייערע קעסטלעך מיט געווער. ז׳האָבן זיך אפשר משער געווען... געוואָרן פאַרדעכטיק. יעדנפאַלס האָב עך זיי אַרויסגעפירט פון יעדן ספק. כ׳האָב זיי געזאָגט פראָסט און פּשוט, אַז ז׳זאָלן מער צו מיר נישט קומען נאָך גאַרנישט. האָבן ז׳זיך צעגוואַלדעוועט, אַז כ׳על זיי אויסגעבן פאַר

די דייטשן, אַז מיר איז ליבער די דייטשן זאָלן דאָ רעגירן, ווי ס׳זאָל זיין אַ פריי פוילן, און אַז כ׳בין אַ פאַרכאַטער זשיד, אַ גודליי. האָב עך זיי געלאַכט אין די פנימער אַריין. אַ קלאַג צום גלעלעכטער. שפּילט ביי זיי אַ ראָלע פון מיר פּטור צו ווערן? כ׳וויס צו פיל זייערע סודות, פאַרשטייסטע מיך: איז...״ יואל האָט ביז איצט אַרויסגעבראַכט די רייד אין גרויס איילעניש. איצט האָט ער נאָכגעלאָזט, גערעדט פּאַמעלעכער: „איז יעקב... האָב אין זינען וואָס כ׳האָב דיר געזאָגט. און דאָס איז דאָס״. ער האָט זיך אומגעקערט און געגומען אַנטקעגנגיין אַבראַשקען.

יעקב איז אים נאָכגעלאָפן און געפילט ווי די קניען ברעכן זיך אונטער אים. „אָבער, יואל״, האָט ער געשטאַמלט. „פאַר וואָס אַנטלויפסטע נישט?״

יואל האָט אויפגעשמייכלט: „כ׳געהער נישט צו די גוטע לויפערס. און וואוהין ווילסטע, אַז עך זאָל לויפן, הע?״ ער האָט געמאַכט אַ ברייטן באַוועג מיט דער האַנט. „אָט דאָס שטיקל אָרט וואָס ד׳זעסט דאָ, איז הייליקע ערד פאַר מיר. דאָ וויל עך שטאַרבן. אָבער זאָרג דיך נישט. זיי ׳עלן מיך אַזוי לייכט נישט בענדיקן״. ער האָט געוואָרפן אַ זייטיקן בליק אויף יעקבן. „כ׳האָב דיר באַשווערט דאָס האָרץ. כ׳וויס. אָבער האַלט דאָס אין זיך און האַלט ס׳מויל. זיי אָן עדות. מער וויל עך גאָרנישט פון דיר״.

אַבראַשקע האָט איצט גאַלאָפּירט צו זיי מיט אַ גרויסן אימפּעט. „יעקב!״ האָט ער געררעוועט. „לאָמען נעמען דעם פויגל און לאָמען זיי נאָכפאָרן, שנעלער!״

ער איז צוגעפאַלן צו יעקבן און גענומען אים ציִען פאַרן אַרבל. דערנאָך איז ער אַריינגעלאָפן אין דער קוזשניע, אַ כאַפּ געטאָן זיין „גאָלדענעם פויגל״ און זיך קוים געקאָנט דערוואַרטן, אַז יעקב זאָל אַרויסברענגען סוסין און אים איינשפּאַנען אין שליטן. ער האָט געפּרוווט זיך אַרויפכאַפּן אויפן שליטן, אָבער ער האָט זיך אַ גליטש געטאָן און יואל האָט אים דערכאַפּט.

„יואל, מ׳עט קומען מעיטשים איבער אַ וואָך!״ האָט ער אַ צעקאַכטער אויסגערופן און זיך געלאָזט אַריינזעצן אין שליטן. „ני, קריך שוין אַרויף, יעקב!״ האָט ער אומגעדולדיק געטופּעט מיט די פיס. „מ׳מוז כאַפּן דעם סאַמאַכאָד!״ ער האָט לעבעדיק אַ פּאַכע געטאָן צו יואלן מיט דער האַנט און זיי האָבן זיך אוועקגעשליטלט.

2

ביז איצט איז די ווייסל איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט. אַ מאָל זיינען די דייטשן זי אַריבער, אַ מאָל האָבן די רוסן זיי צוריקגעשטופּט. דער פראָנט איז כסדר געווען נאָענט און ביי נאַכט האָט מען אָפט געקאָנט הערן שיסערייען. אָבער דאָס מאָל האָבן די דייטשן, ווייזט אויס, גענומען זיך פאַרפעסטיקן אויף דער זייט ווייסל.

ווען אַבראַשקע מיט יעקבן זיינען אָנגעקומען מיטן שליטן אויפן בלויען

באַרג, האָבן זיי באַגעגנט ר׳ פּיוועלען, צירעלען און שלמהלען אַנגעטאָן אין פּוטערס, וואַרטן אויף זיי אויפן גאַניק. ר׳ פּיוועלע האָט זיך געבייזערט אויף די צוויי שליטן־פּאַרערס הלמאי זיי זיינען געקומען אַזוי שפּעט, אָבער צו מאַכן אָן אמתע סצענע האָט ער קיין צייט נישט געהאַט. ער האָט געמוזט זען וואָס עס טוט זיך אין שטעטל און אַבראַשקע האָט, נאָך אַ הייס בעטעניש און וויינען, באַקומען די דערלויבעניש מיטצופאָרן.

אַבראַשקע האָט געהאַט די געלעגנהייט צו זען אַ פּאָר מאַשינען אָן פערד, ווייל שפּעטער אין טאָג איז אַ גאַנצער קאָנווי אַנגעקומען אין שטעטל אַריין.

אָט דעם זונטיק האָבן די דייטשן אַדורכגעפירט רעוויזיעס אין אַלע הייזער אין באַטשאַני, צוגענומען מעשענע פאַנען, מערזשלעך, בעכערס, אַ פּאָר סאַמאָווארן ביי די גבירים, אַ ביסל קלאַמקעס פון די טירן און דאָס מעש פון די קאַשטשאַל־טורעמלעך. זיי האָבן פונאַנדערגעלאָזט די „מיליציאַ״ און אַריינגעזעצט אָן אָבערסט מיט אַ פּאָר אָרדנונגדינסט־מענער אין דעם הייזל לעבן דער „קאָזע״. אָבער דער סטאַראָסטע איז געבליבן אויף זיין פּאָסטן, הגם ער האָט נישט געהאַט וואָס צו טאָן און האָט קיין שום דעה אינעם שטעטל נישט געהאַט. דערפאַר איז דער יידישער „שרייבער״, דער הער פּפייפער, ווי ער האָט זיך איצטער גערופן, דער „דיניעקאָפּ״, ווי דאָס שטעטל האָט אים נאָך אַלץ גערופן — געוואַקסן אין גדלות. אַלע אָפיציעלע ביכער און דאָקומענטן זיינען פון איצטער אָן געשריבן געוואָרן אין „דויטש״ און דער „שרייבער״ האָט גענומען אויספירן אַ סך אָפיציעלע שטעטלשע פונקציעס.

חוץ־מזה, איז דאָס לעבן אָנגעגאַנגען אין געוויינטלעכן סדר. מען האָט גיך פאַרגעסן אָן דער וויכטיקער פּאָליטישער ענדערונג אין באַטשאַני.

אָבער ר׳ פּיוועלע און צירעלע האָבן געדענקט, אַז יעקב און אַבראַשקע האָבן זיי געמאַכט איבערקלערן, און מער האָט מען זיי נישט דערלויבט אַרויס־צולאָזן זיך מיטן שליטן אין צווייען. דעם רעשט פון ווינטער זיינען זיי צו יואלן נישט געקומען.

ערשט איינעם אַ וואַרעמען זונטיק, די לעצטע וואָך פון חודש אדר, ווען די בלאָטעס האָבן גענומען טריקענען, האָבן זיי זיך אַרויסגעלאָזט רייטן אויף סוסין און זיינען אַוועק אין דער קוזשניע.

יואל דער שמיד האָט, ווייזט אויס, געדענקט ווי אַזוי די צוויי חברה־לייט האָבן אים פאַרלאָזט, אַזוי פלוצעם, דאָס לעצטע מאָל ווען זיי זיינען דאָ געווען.

ווען ער איז געווען אויג אויף אויג מיט יעקבן, האָט ער זיך צו אים אָפּגע־רופן: „ד׳ווייסט, די רגע ווען כ׳האָב ענק געזען פאַר מיינע אויגן צום ערשטן מאָל, האָב עך ענק גלייך געזען אַרויסגיין פון דאַנען... אויף שטענדיק״.

יעקב האָט אים אָנגעקוקט דערשטוינט־בייגעריק. „פאַר וואָס אויף שטענדיק, יואל ? ביסט דאָך... אונדזער רבי... און אַ חבר״.

„כ׳בין א סטאנציע אין ענקער וואקסן״.

„אבער, אז מ׳עט צוריקקומען קיין באטשאני, פון ווו עס זאל נישט זיין, ט׳מען דאך קומען צו דיר״.

„וואס זאגסטע מ׳עט? ענקערע וועגן גייען זיך דאך אויכעט פונאנדער״.

יעקב האט פאראומערט א שאקל געטאן מיטן קאפ און געפרעגט: „וואהין גייען זיי זיך פונאנדער, יואל?״

„פון וואנען זאל עך וויסן? וואס בין עך, א נביא? אבער אריינפאלן אין עצבות טאר מען נישט צוליב דעם. מיך, זעסטע, ארט נישט... ווי לאנג עך גייט נישט היינט״. ער איז געווען אין א מאדנער שטימונג, יואל. עפעס ווי א ווייטיק וואלט זיך אויפגעוועקט אין אים מיט אלע שארפקייטן. ער האט אויסגערופן צו אבראשקען וועלכער איז שוין געווען פארנומען מיטן מייסטרעווען עפעס צווישן די צעבראכענע רעדער און שטיקער אייזן: „קום אהער, בראדיאגע, מ׳עט היינט צוגיין אין וואלד און זען וואס דארט הערט זיך נאכן ווינטער!״

ער האט צוגעשפארט די טיר פון דער קוזשניע, ארויסגעבראכט פון דער כאלופע א פלעשעלע „מאנאפאלקע״ און עס פאררוקט אין קעשענע.

דאס בעריאזע-וועלדל האט זיך געוועקט צום פרילינג. דיביימער זיינען געשטאנען אין קאלוזשעס און טיפע בלאטעס און האבן זיך געשפיגלט אין זיי. ס׳האט אויסגעזען ווי ס׳וואלט גאר קיין ערד נישט געווען. ווי אלץ וואלט ארויס־געוואקסן פון הימל אונטער די פיס. די שטאמען פון די ביימער אויפגעפלאצט, די קארע אפגעשיילט, האבן אויסגעזען ווי זיי וואלטן נאך געטראגן דעם שניי אויף זיך; אבער די קרוינען, די צווייגן — באשיט מיט כמארעס פון צעפליס־טערטע קליינע בלעטער פון א ליכטיקן, צארטן גרין.

„קיקטץ, קיקטץ, בראדיאגעס!״ האט יואל אנגעוויזן אויף די צעפלאטערטע צווייגן. „צ׳האט שוין געזען אזא מין גרינקייט? ס׳איז דאך ווי באמאלעוועט מיט דער איידלסטער האנט. נו, איז א וואנדער וואס דא דאוונט זיך אזוי גוט? כ׳האב שוין אויסגעקוקט דעם טאג צו קענען קומען אהער דאווענען שחרית״.

„ר׳ סענדערל דער מקובל קומט אויך אהער דאווענען שחרית מיט דיר, הע?״ האט יעקב א פרעג געטאן.

„יא, ער קומט״, האט יואל געשאקלט מיטן קאפ. „נאר ער דאוונט נישט בלויז מיט מיר... ער דאוונט מיטן וואלד, פונקט ווי איך, אבער אויף זיין שטייגער״.

„וואס איז זיין שטייגער?״ איז יעקב נייגעריק געווארן.

„זיין שטייגער דרינגט ארויס פון דעם, וואס ער איז זיין מענטש און איך בין מיינער״. האט יואל לאנג נישט געלאזט ווארטן אויף קיין ענטפער. „ער קאן זאגן מיט א זיס קול, ווי מען דארפט דאווענען אין א וואלד. און איך כאפ און זופ און קאך מיך ווי עך וואלט געווען א טאפ מיט גרויפן. כ׳בין צו פיל

פֿאַרנומען מיט מיר אַליין, צו לאָזן גענוג אָרט פֿאַרן רבונו־של־עולם. און ער איז פֿול מיט אים. ער פּראַוועט התבודדות און לעבט צווישן מענטשן. איך פּראַווע התבודדות אין איינזאַמקייט, און דאָס איז נישט דאָס זעלבע וואָס אַליינקייט. זיין אַליין איז גוט, אָבער זיין איינזאַם איז שלעכט. דערפֿאַר קומט מיין התבודדות נישט צו זיינער. פֿון דער אַנדערער זייט אָבער, איז ער אַ יושב־אוהל, פֿאַסט מער ווי ער עסט, זיצט אָפּ טעג אין חושך און נעכט אין קאַלטן פֿאַליש און ריכט אָפּ חצות. און פֿון דעם, זעסטע, האַלט עך גאַרנישט. דער רבונו־של־עולם וויל, אַז אַ מענטש אין אַ שיינער געזונטער דירה זאָל אים דינען, נישט עפּעס אַ מעגעגע, אַ חלוש. עבודה בגשמיות איז וויכטיק. מיט אַלעם וואָס מען טוט דאַרפֿט מען דינען דעם אייבערשטן. מיטן עסן און טרינקען״, ער האָט זיך צוגעבויגן צו יעקבן און צוגעגעבן מיט אַ פּליסטער, „און מיטן שלאָפֿן מיט אַ נקבה. יאָ, מיט פֿאַרגעניגן זאָל מען אים דינען. גענוג יסורים אין לעבן ווי עס איז, איז אַ זינד זיך אַליין צו פֿאַרשאַפֿן יסורים. און וואָס שייך דעם וואַלד, גלייבט ר׳ סענדערל, אַז ווען ער קומט אַהער, וועקט ער אויף אין זיך די צמחדיקע נשמה. לויט אים נאָך, פֿאַרמאָגט יעדער בן־אָדם נישט בלויז אַ מענטשלעכע נשמה, נאָר אויך אַ צמחדיקע און אַ חיהשע. ער גלייבט, אַז דיביימער, פֿון זייער זייט, טראָגן אין זיך גילגולים פֿון מענטשלעכע נשמות; אַז דערפֿאַר קאָן ער זיך מתיחד זיין מיט זיי אויף אַ גאַר טיפֿער מדרגה. און איך האָב דרך־ארץ פֿאַרן בוים, ווייל ער איז אַ בוים, פֿאַרן כּלב, ווייל ער איז אַ כּלב און מיין קרובישקייט מיט זיי ליגט אין דעם, וואָס מיר זענען מיר אַנדערש און יעדער פֿון אונדז שפּיגלט אָפּ דעם אין־סוף אויף זיין אופֿן. פֿאַרשטייסט אַ דיעלאָ? און אַצינדער קומען מיר שוין באַלד צו צו מיין חברל...״ האָט יואל נחתדיק געסאָפּעט.

אַריינגעקומען טיפֿער אין וואַלד, איז ער צוגעקומען צו אַ גרופּע דעמבעס וואָס האָבן דעם וואַלד אַרומגעזיימט אויף אַ קליינעם שטח. צווישן זיי איז געלעגן אַ גרויסע, דיקע בעריאָזע, אַ צעבראָכענע, אַן אַדורכגעשפּאָלטענע אין צווייען. די קרוין אירע, אַ פּאָר דיקע טרוקענע צווייגן, איז געלעגן אויף דער ערד און געשאָפֿן פֿון גאַנצן אויסגעבויגענעם בוים אַ מין נידעריק טויער. אָבער צו דער זייט פֿון דעם „טויער״, פֿון סאַמע מיטן פֿון געשפּאָלטענעם שטאַם, האָבן אַרויסגעשטאַרצט צוויי גרויסע געזונטע צווייגן מיט אָפּצווייגן, אַלע באַדעקט מיט אַ קאָלטן פֿון פֿליטערדיקע בלעטער. יואל האָט צוגעפֿירט יעקבן און אַבראַשקען צום בוים.

„דאָס איז ער, דער חבר דיינער?״ האָט אַבראַשקע אַ פֿרעג געטאָן.

„טאַטשנאָ״, האָט יואל געשאָקלט מיטן קאָפּ. „צ׳מעגטץ ענק אָוועקזעצן רייטן אויף אים. אים אָרט נישט״. ער האָט זיך צוגעשפּאַרט אויפֿן בוים און אַרויסגעצויגן דאָס פֿלעשעלע „מאַנאָפּאָלקע״ פֿון קעשענע.

„וואָס איז געשען מיט דעם בוים?" האָט אַבראַשקע אַ פרעג געטאָן.

יואל האָט אים אַ נעם געטאָן אונטער די אָרעמס און אים אַוועקגעזעצט לעבן זיך. „זעסט דאָך, בראַדיאַגע. אַ דונער ט'אים געטראָפן... דעם זעלבן טאָג וואָס מיך. דערפאַר, פאַרשטייסטע, איז ער מיין חבר". ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיטן באַדעם פון פלעשל אָן שטאַם, אַרויסגעקלאַפּט דעם פראָפּן און אַ זופּ געטאָן.

„און די אַנדערע ביימער זענען נישט דיינע חברים?" האָט אַבראַשקע געפרעגט.

„ווער זאָגט אַז נישט?" יואל האָט זיך אָפּגעווישט דאָס מויל מיטן אַרבל. „כ'האָב זיי אַלע גערן און כ'באַהאַנדל זיי ווי מיינס גלייכן און זיי מיך — ווי זייערס גלייכן. נאָר ער", האָט יואל אַ קלעפּל געטאָן די אָפּגעשיילטע קאָרע פון בוים, אויף וועלכן זיי זיינען געזעסן, „ער לערנט מיך ווי צו לעבן".

„ער רעדט צו דיר, מיינסטע?"

„ער רעדט צו דיר אויך. קיק וואָס ער זאָגט דאָ מיטן נייעם אָפּצווייגל וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזט, הגם ער האָט נישט קיין קרוין און זעט נישט די זון. ער זאָגט: 'לאָז דיך נישט, אַבראַשקע, ווייל ד'ביסט שטאַרקער פון דיר אַליין'. ער זאָגט דאָס זעלבע צו דעם בראַדיאַגע, דיין מלמד, אויכעט. ער דערמאָנט מיך", האָט יואל זיך אַ קער געטאָן צו יעקבן, „יעדער מאָל ווען כ'קום צו אים, דער־מאָנט ער מיך די רייד וואָס אַ גרויסער רבי האָט אַ מאָל געזאָגט, אַז די אייגנ־טלעכע קנעכטשאַפט פון פאָלק־ישראל אין מצרים איז באַשטאַנען אין דעם וואָס זיי האָבן זיך צוגעוויינט זי צו פאַרטראָגן. מ'טאָר זיך נישט צוגעוויינען צו דעם וואָס מען קאָן איבערמאַכן. בלויז דאָס וואָס איז בשום־אופן נישט מעגלעך איבערצומאַכן, מוז מען אָננעמען, מאַכן אַ שוויג און זיך ראַנגלען פאַרן לעצטן ביסל חיות וואָס מען פאַרמאָגט נאָך יאָ, עס אויפצוהאַלטן. יעדער מענטש איז דאָך געגליכן צו אַ בוים. די פיס איינגעוואָרצלט אין דער ערד, דער קאָפּ אין הימל. איינס ציט אַרויף, דאָס אַנדערע אַראָפּ. די ערד פאַרקנופּט, פאַרפּלאָנטערט אונדז, ציט אונדז אַריין מיט יצר־הרעס און תאוות, און זי נערט אונדזער גוף. און דער הימל גיט אונדז פליגל, מאַכט אונדז פאַר אַ שותף פון אין־סוף. דער הימל איז אונדזער יצר־טוב. — ווען אַ בוים פאַלט אַריין אין אַ שטורעם און עס איז סכנות־נפשות, אַזוי שטאַרק ווערט ער געשלידערט און געשמיסן, דאַמאָלס געשעען צוויי מעגלעכקייטן: אָדער ער ווערט צעבראָכן, אָדער ער ווערט, פון דעם וואָרפן און שליידערן, נאָכגיביק ווי אַ ריטל וואָס גיט כלומרשט נאָך דעם ווינט. — ערשט דאַמאָלס ווערט ער שטאַנדהאַפטיק ווי אַ צעדער. יאָ, ווייך ווי אַ ריטל, און שטאַלץ און שטאַרק ווי אַ צעדער. זיי, די דעמבעס דאָ..."

יואל האָט אַ ווייז געטאָן מיט דער גאָמבע אויף דער חברה שוועך־שטאַמיקע דעמבעס. „זיי, אַז זיי פאַלן, איז שטייענדיק. אַ טבע אַזאַ. אפשר דערפאַר האָט וואַצלאַוו ספּאַקויני אויסגעקליבן אַ דעמב, זיך אויפצוהענגען. זעלטן ס'טע זען

אַ דעמב זיך אויפפירן ווי אַ בעריאָזע. אָבער אַ בעריאָזע קאָך זיך אויפפירן ווי אַ דעמב אויך". ער האָט שטיל אויפגעלאַכט און אַ קלעפּל געטאָן יעקבן אין דער קני: „פּאַניאַטנאָ?"

„יאָ..." האָט יעקב אַ מורמל געטאָן. זיינע אויגן האָבן אויפגעלויכטן מיט דעם באַזונדערן בליק וואָס ער האָט געהאַט פאַר יואלן: אַ דאַנקבאַר־פריידיקן. די געשטאַלט פון יואלן איז בעת־מעשה געוואָרן נאָך אַ ביסל קלאָרער פאַר אים. יואל איז געווען אַ מייסטער פון לעבן, אַ באַצווינגער פון לעבן — אָבער אַן גוואַלד. יואל האָט געלעבט אין דער געגעבענער רגע, אויסגעזייגט פון איר אַלץ וואָס זי איז ביכולת געווען צו געבן; אין איר האָט ער געפונען דעם פריִער און דעם שפּעטער. די אייביקייט. אין אָט דער רגע, דער געגעבענער, איז יואל געווען סיי טראַציק, האַרטנעקיק, און סיי ער האָט אָנגענומען די גרענעץ ביז וועלכער די מרידה האָט געהאַט אַ זינען. וואָס זיינען דען געווען יואלס רייד וועגן די ביימער, אויב נישט אַ ווילן אָפּצומשלען זיך אַליין? „איך וואָלט געוואָלט דערגרייכן דיין מדרגה", האָט יעקב אין האַרצן געזאָגט צו יואלן.

יואל האָט זיך אָפּגערופן, ווי נישט איין מאָל פריִער, ווי ער וואָלט דערהערט יעקבס אינערלעכע קול.

„אָבער נאָך נענטער ווי דער חבר מיינער דאָ", האָט ער אַ וויש געטאָן מיט דער האַנט דעם שטאַם פון בוים, „זענט עץביידע מיר". זיין קול איז געוואָרן פאַרכריפּעט. אַ שפּאַר ביסל „מאַנאַפּאַלקע" האָט שוין קורסירט אין זיין בלוט. „יאָ, חברימלעך זענט עץ מיר געוואָרן". ער האָט דאָס געזאָגט ווי אין אַ פאַר־לעגנהייט. אָנשטאָט צו קוקן אויף זיי, האָט ער מיט אַ פאַרמרוזשעט אויג אַריינ־געקוקט אין האַלדז פון דער האַלב־לערער פלאַש, דערנאָך זי צוגעפּראַפּט. „פרעמדע זענט עץ מיר, און דאָך די אייגנסטע. אַ גרויסע זאַך פאַר מיר ענקער קומען צו מיין שוועל". אַ רגע האָט ער געשוויגן, געוויגן דאָס פלעשל אין דער האַנט און צוגעגעבן: „אָבער עך קלאָמער מיך נישט אָן ענק. כ'על פון ענק נעמען אַלץ וואָס עך קאָן, און עץ 'עט פון מיר נעמען אַלץ וואָס עץ קאָנט. אָבער מ'מוז דאָס מאַכן לייכט, אָן שלעפּן, אָן ציִען... אָן גייציקייט. וויסן זאָלט עץ", האָט ער גערעדט ווי צו דער פלאַש, „אַז טאָמער צ'האָט עפּעס גוטס, טאָרט עץ נישט פאַרחוצפּהט ווערן לגבי דעם גורל און פאַרלאַנגען מער ווי ער באַווייליקט ענק. ווייל דאָס רעגט אים אויף, דעם גורל. ער איז אַ להכעיסניק. וואָס מער עץ צערייסט ענק דעם יאַשטשיק, דאָס מער טוט ער ענק אָפּ אויף טערקיש. און ס'העלפט גאָרנישט, אַפילו צ'זאָלט זיך אויפן קאָפּ שטעלן. לוינט זיך טאַקע נישט צו שטעלן זיך אויפן קאָפּ".

„יואל!" האָט אַבראַשקע, וועלכער האָט אויף זיין אופן אויפגענומען יואלס רייד, אויסגערופן: „אַז איך 'על אויפוואַקסן, 'על עך ווערן אַ שמיד און כ'על דאָ אַהערקומען ווינען מיט דיר! מ'עט ווערן שמידן, הע יעקב?" האָט ער אַ

צי געטאָן יעקבן פאַרן אַרבל. „דו'סט אויך קומען מיט מיר אַהער, הע, יעקב?"

יעקב האָט נישט גלייך געענטפערט. יואלס און אַבראַשקעס בליקן זיינען געהאָנגען אויף אים, אַבראַשקעס — צעפּייערטע, יואלס — זוכנדיקע און דאָך ווייסנדיקע.

„ני, וואָס ענטפערסטע אים נישט?" האָט יואל אַ טרייסל געטאָן יעקבן פאַר דער קני. „וואָס 'עט פון דיר ווערן, ווען דאָס יאָטל דאָ ט'ווערן אַ שמיד פונקט ווי איך?"

„איך 'על ווערן אַ מורד פונקט ווי דו", האָט יעקב שטיל געענטפערט.

יואל האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ כּלומרשט שטרענגן בליק. „אויב פונקט ווי איך, זאָלסטע געדענקען, אַז נאָר לעבעדיקע פיש קענען שווימען קעגן שטראָם, דאָס איז ראשית. שנית, זאָלסטע נישט נאָכגיין קיין פאַלשן משיח און זאָלסט אים נישט פאַלש אויסקוקן. און אַ פאַלשער משיח איז דער, וואָס לאָזט נישט מורד זיין קעגן זיך. דריטנס, זאָלסטע געדענקען ווען דו מעגסט זיין אַ בר־כוכבה און ווען נישט, אַז נישט קאָנסטע אויך אַ מאָל ווערן אַ בר־קוזיבה, אַ ליגנער, פאַניאַטנאָ?"

„דאַכט זיך... אַז יאָ", האָט יעקב בלייך אויפגעשמייכלט.

יואל האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, ווי ער וואָלט זיך אָפּגעטרייסלט פון דער ערנצטקייט וואָס איז אים באַפאַלן און ער האָט אויסגערופן: „אויב עס איז שוין יאָ אַזוי, און איינער פון ענק וויל זיין אַ שמיד פונקט ווי איך, און דער אַנדערער אַ מורד פונקט ווי איך, איז דאַך מיר די זאַך טאַקע זייער אָנגעלייגט!" ער האָט אַ הייב געטאָן דאָס פלעשל „מאָנאָפּאָלקע" אין דער לופטן. „דאָס, חברה בראַדיאַגעס, מוז מען שוין טאַקע אַלע דריי צוזאַמען באַגיסן!" ער האָט ווידער אַ רייב געטאָן דעם באָדעם פון דער פלאַש אָן דער קאָרע פון בוים, אַ קלאַפּ געטאָן פון אונטן מיט דער האַנט. דער קאָריק איז אַרויסגעשפּרונגען. יואל האָט אים אונטערגעכאַפּט. ער האָט דערלאַנגט יעקבן דאָס פלעשל. „נאַ, זיי אַ גבר, גיב אַ זופּ און טרינק דיך אָן מיט גבורות!"

ער האָט צוגעקוקט ווי יעקב גיט אַ זופּ און ווערט רויט און בלוי און קרעכצט זיך און הוסט, און ער האָט זיך צעדונערט מיט זיין שווערן געלעכטער. ער איז אַזש אַראָפּגעשפּרונגען פון בוים, אַרויסגעשטופּט דעם בויך און זיך אָנגעכאַפּט פאַר די זייטן. ער האָט אַרויסגעכאַפּט יעקבן דאָס פלעשל פון דער האַנט און עס אַריינגעשטופּט אין אַבראַשקעס האַנט.

„אַצינדער דו, שמענדריק!" האָט ער אויסגערופן. „כאַפּ אַ צי און זיי אַ גבר! אַלע טעמען וואָס נאָר מעגלעך מוז אַ גבר דערקענען. ני, זופּ אַריין און גיב אַ שלינג אַראָפּ איינס און צוויי!" אַבראַשקע איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בוים און צוהאַלטנדיק זיך ביים האַלדז גיך אַראָפּגעשלונגען דאָס פולע מויל בראָנפן וואָס ער האָט אַריינגעזופּט. „אַט אַזוי!" האָט יואל אָנגעקוואָלן. „אַ יאָט אַ כוואַט!"

נאָר דאָ האָט אַבראַשקע זיך צעגוואַלדעוועט און גענומען אַרומטאַנצן צווישן דיביימער, אין די בלאָטעס און לוזשעס, מיטביידע הענט ביים האַלדז. „גע־וואַלד! ס׳ברענט!" האָט ער געדעוועט און אונטערגעשפּרונגען אין דער לופטן, צעשפּריצנדיק שטיקער בלאָטע אַרום זיך. „אוי, כ׳קאָן נישט כאַפּן דעם אָטעם! אוי, דער האַלדז! אוי, דער בויך!" ער האָט זיך געלאָזט אַרויסלויפן פון וועלדל.

יואל האָט געקייכט, אַזש טרערן זיינען אים אַנגעלאָפן אין די אויגן. ער האָט אויסגעזויגן די לעצטע טראָפּנס פון פלעשל, עס אַ שליידער געטאָן מיט אַ שטיפערישן שוווּנג אין אַ לוזשע אַריין, זיך אַ לאָז געטאָן נאָך אַבראַשקען, און גלייך נאָך אים — יעקב. אַבראַשקע האָט געהאָפּסלט איבערן שליאַך. יואל האָט אים אַנגעיאָגט און צוגעשלעפּט צו זיך.

ווען יעקב איז אונטערגעקומען, האָט ער אַרויפגעלייגט די אַנדערע האַנט אויף יעקבס אַקסל און אויסגערופן: „ני, חברה, געטץ אַ הייב אַ פוס!" און ער האָט זיי אַ צי געטאָן אין אַ ריקוד.

זיי האָבן אים נישט געקאָנט לאַנג נאָכפאָלגן. די טאָפּאָליעס אויפן וועג האָבן געטאַנצט אַ ריקוד; די קוזשניע, די כאַלופּע און דער גאַנצער שליאַך האָבן זיך געוויגט. די ערד איז געוואָרן ווייך ווי פּוטער אונטער די פיס. די קניען האָבן נאָכגעגעבן דער ווייכקייט און אַ ווילד געלעכטער איז זיי באַפאַלן.

„זע נאָר, יעקב, די ערד שאָקלט זיך!" איז אַבראַשקע זיך פאַרגאַנגען אין אַ פישטשענדיק געלעכטער. „די ביימער ׳עלן באַלד אומפאַלן, קיק! קיק!" ער איז אַליין אַ פאַל געטאָן אין גראָבן אַריין און זיך געקייקלט איבערן דינעם, ערשט־אויפגעשפּראָצטן פּייכטן גראָז. טרערן האָבן געוואַשן זיין פּנים.

יעקב איז געלעגן אָן אויסגעשטרעקטער, מיט צעשפּרייטע הענט און פיס לעבן דעם גראָבן.

יואל האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם כאַלאַט און אין בלויזן שפּאַנצער געטאַנצט אַ קאַזאַטשאָק אַליין — אַ ווילדן, גבורהדיקן טאַנץ. די הענט צעשפּרייט, האָט ער געקנאַקט מיט די פינגער צום ריטעם פון ניגון מיט וועלכן ער האָט זיך הייזעריק צוגעזונגען. ער איז אַוועק ווייט איבערן וועג און יעקבן איז אויס־געקומען, אַז ער זעט נישט איין יואלן, נאָר צען, הונדערטער, אַ גאַנצע חברותא ריזן־יואלס. דערנאָך איז יואל צוריקגעקומען מיט דעם זעלבן טראָט, אַראָפּגע־לאָזט זיך אויף אַ זיץ, אַרויסגעוואָרפן איין פוס און דערנאָך דעם אַנדערן, זיך אויסגעגלייכט און ווידער אַ לאָז געטאָן זיך פאַרויס אין אַ האָפּסאַק. און ער האָט געטאַנצט און געטאַנצט און נישט אויפגעהערט צו טאַנצן.

יעקב האָט זיך אָנגעטאָן אַ כּוח, זיך אויפגעשטעלט און געפּרוּווט זיך אָנש־ליסן אָן יואלס טראָט. אַלץ האָט זיך געוויגט אַרום אים, אָבער ער האָט ווי נישט איז זיך באַוועגט. דער קאָפּ איז אים אויסגעקומען ווי נישט זיינער און ער האָט אים געלאָזט פאַלן אַ מאָל אַהין, אַ מאָל אַהער. ווען ער האָט שוין מער נישט

געקאַנט, האָט ער צוגעפּאַטשט, מיטגעברומט און געקעמפּט מיט די פיס, זיי זאָלן זיך נישט אונטערגעבן דער צעוויגטער ערד.

אַבראַשקע האָט שוין לאַנג אויפגעהערט לאַכן. ער איז גאָר שטיל געוואָרן. יעקב האָט זיך געכאַפּט, אַז ער הערט אים נישט, האָט ער זיך דערנענטערט צום גראָבן — און האָט אים דערזען ליגן אויסגעדרייט אויף אַ זייט, די האַנט אונטער־געלייגט אונטער דער באַק — שנאָרכן געשמאַק. ער האָט געפּרוווט אים אונטער־הייבן איין מאָל און נאָך אַ מאָל, אָבער ביי יעדן פּרווו האָט ער זיך איבערגעקערט אין גראָז און געלאַכט פון זיין משונהדיקער אָנמאַכט.

יואל האָט נאָך אַלץ טאַנצנדיק, זיך דערנענטערט צום גראָבן. ער האָט אויפגעהערט זינגען, אַ נעם געטאָן אַבראַשקען אויף די אָרעמס און אים אַריינגע־טראָגן אין דער כאַלופּע, אים אַוועקגעלייגט אויף די זאַקשמאַטעס וואָס האָבן צוגעדעקט דעם האַלב־ליידיקן שטרוישעניק אויפן בעט. ער האָט אַראָפּגעצויגן אַבראַשקעס אַדורכגעווייקטע בגדימלעך, געטאָן דאָס מיט פלינקע, געשיקטע באַ־וועגונגען, ווי ער וואָלט דאָס געטאָן יעדן טאָג. ער האָט אַראָפּגענומען פון אַ נאָגל אויף דער וואַנט זיין וואַטענעם ווינטערדיקן אייבערמאַנטל, צוגעדעקט אַבראַשקען מיט אים און זיך אַוועקגעלאָזט מאַכן אַ פייער. אויך ער און יעקב האָבן אויסגעטאָן די נאַסע בגדים און יואל האָט דאָס צעהאַנגען אויף דער רער און דער שטריק איבערן אויוון.

ווען זיין בליק האָט זיך באַגעגנט מיט יעקבס האָט ער זיך אָפּגערופן מיט אַ פליסטער, נישט אויפצוּוועקן אַבראַשקען: „פאַרשטייסט מיך גוט, העי? כ'בין נישט פאַר אכל ושתה כי מחר נמות, אָבער מען טאָר נישט מורא האָבן, נישט פאַרן לעבן און נישט פאַרן טויט".

„צו דעם דאַרפט מען האָבן דיין גבורה, יואל", האָט יעקב צוריקגעמורמלט צו אים.

„אָדער מיינע שוואַכקייטן..." יואל האָט אַרויסגענומען אַ ברייטל פון באַקאויוון, ווו ער האָט עס געהאַלטן, כדי צו באַשיצן פון די מייז.

זיי זיינען געזעסן האַלב־אויסגעטאָן, קני צו קני, און געקנייפּט שטיקער פון וואַרעמען ברייטל, געווישט זיך די פּנימער פון שווייס ווייל אין דער כאַלופּע איז געוואָרן זייער הייס. „מ'עט זיך מוזן אונטערפּרעגלען אַ ביסל, ביז די זאַכן 'עלן זיך אויסטריקענען", האָט יואל געמורמלט. „מ'טאָר נישט עפענען די טיר, אַנישט 'עט זיך ס'יאַטל פאַרקילן". ער האָט אַריבערגעטראָגן דעם בליק אויפן שלאָפנדיקן אַבראַשקען. „עך, אַ יאַטל דאָס איז!" האָט ער געזאָגט מיט אַ פול מויל. „אַז ד'עסט מיך פרעגן. 'על עך דיר זאָגן, אַז עך ווייס אַלצדינג וואָס עס טוט זיך אָפּ אין זיין קאָפּ. אַזאַ ביוך האָב עך וועגן אים. אַ באַהאַלטענע תשוקה האָט ער, הערסט... אַ בענקעניש אָנצורירן אַלץ מיט די הענט. פון וואַנען כ'ווייס?

ווייל כ׳בין אויכעט אַזוי. אַ פֿאַרלאַנג צו שמועסן מיט חפצים, מיטן באַריר. נאָר ער, דער שמענדריק, גייט נאָך ווייטער פֿון מיר. ד׳זעסט אַ מאָל זיינע שליפֿיעס בעת מען קנעט אויס די צאַצקעס איבערן פֿייער? ד׳קאָנסט אַרויסלייענען פֿון זיי דעם גוואַלדיקן חשק איבערצוקנעטן די זאַכן וואָס ער זעט אין דמיון אין עפּעס וואָס מען קאָן אָנרירן מיט די הענט. און ד׳מיינסט, אַז איך אַליין האָב נישט קיין הנאה פֿון צעשמעלצן און אויסגליִען די שטיקער אַפּפֿאַל? ס׳אַ תּענוג צו פֿאָלגן אים און אויספֿורעמען די אויסטערלישע ברואים. אַ שפּיל אַזאַ. ער, דער מענטש איז ווי אַ קינד...״

יעקב האָט אים פֿרעגנדיק אָנגעקוקט. „אפֿשר איז דער רבונו־של־עולם אויך ווי אַ קינד?״

„אפֿשר...״ האָט יואל אַ פֿאַרטראַגענער געשאָקלט מיטן קאָפּ. „שטעלסט דיר פֿאָר זיין תּענוג אין באַשאַפֿן די וועלטן? אַוודאי צעבלוטיקט ער זיך די פֿינגער, פּונקט ווי אַבראַשקע אַ מאָל. אָבער די יסורים ווערן אויך תּענוג. גיב דיר נאָך אַ שטעל פֿאָר ווי דער אייביקער, דער גאַרנישטיקער אין־סוף, האָט זיך מצמצם געווען און קודם געגעבן אַ וואָרף אַרויס דעם רצון הקדם, דעם ווילן און די מחשבה, געשאַפֿן די בקיעה ראשונה, דאָס ערשטע פֿונאַנדערשיידן אין זיך גופֿא, דאָס הייסט אין דער אייגענער אין־סופֿיקייט, באַגרייפֿסט דאָס, הע?״ יואל איז אַריינגעפֿאַלן אין אַ התפּעלות און האָט אַזש אַריינגעזופּט די סלינע, וואָס איז צוזאַמען מיט די ברעקלעך ברויט אים אַרויס אויף די ליפּן. „און דורך דעם גוואַלדיקן ווילן, ד׳הערסט, דעם רצון, וואָס אונדז ׳עט מען קיין מאָל נישט זיין בכּוח צו באַגרייפֿן, האָט ער געגעבן אַ שפּריץ אַרויס פֿון זיך די צען ספֿירות און האָט באַשאַפֿן די וועלט פֿון אויסשטראַלעניש, פֿון אורות. די אויסשטראַלע־ניש, ד׳הערסט, איז שוין געווען דער איבערמענטש, די דמיונדיקע, מחשבהדיקע פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון אָדמען, וועלכער איז נאָך נישט פֿאַראַנען געווען״.

יואל האָט מיטן ווייזפֿינגער גענומען צייכענען אינעם שטויב אויפֿן קרומען טיש די אויסשפּרייטונג פֿון די צען ספֿירות, יעדער ספֿירה אַן עיגול, אַ פּונקט, וואָס ווען ער האָט זיי אַלע פֿאַרבונדן מיט אַ ליניע אינעם שטויב, האָט זיך באַקומען די פֿאָרעם פֿון אַ מענטש.

ער האָט זיך פֿאַרכליניעט מיט די רייד: „דאָס זענען די כּלים מיט וועלכע ער, דער אייביקער, האָט דורך די פֿיר וועלטן און נישט געציילטע מדרגות באַשאַפֿן דעם מענטש אין זיין געשטאַלט, און אין אַלע פֿיר וועלטן איז אָדם, דער מענטש, די קרוין פֿון זיין באַשאַף. ער, דער אָדם־קדמאָ, איז נישט קיין זכר און נישט קיין נקבה, אַן אַנדרוגינוס איז ער, ביידע מינים זענען דאָ אין אים, פּונקט ווי אין באַשעפֿער, וואָס טראָגט אין זיך זיין ווייב, די שכינה, און גלייכצייטיק זענען זיי צעטיילט און צעשיידט, און גלייכצייטיק שטרעבן זיי צו זיך מיט דער גרעסטער תּאווה פֿון באַשאַף. ער... אַז מ׳זאָגט דאָס אַלץ מיט גראָבע ווער־

טער... מ׳איז דאָך אַזוי אומגעלומפּערט אין באַנעמען... ווייל ווי קאָן מען האָבן אַ השגה...? ס׳שווינדלט אין קאָפּ, הע?״

יואל האָט נישט באַמערקט ווי אין זיין התפעלות איז ער אַריבער אין הויכע טענער און אַבראַשקע האָט זיך איבערגעוועקט. אַ רגע איז ער געלעגן מיט אָפענע אויגן, זיך אַרומגעקוקט, דערמאָנט, געזען יואלן און יעקבן האַלב־אויסגעטועטע, זיך צעשמייכלט, זיך אויפגעזעצט, אַרומגעוויקלט יואלס וואַטע־כאַלאַט אַרום זיך און אויסגערופן: „צ׳שמועסט דברי תורה אָן מיר?״ און ווי ער וואָלט אויך געוואָלט אַריינוואַרפן זיינע „צוויי גראָשן״, האָט ער זיך געוואָנדן צו יואלן: „יעקב זאָגט, אַז דער ספר שיר־השירים איז נישט קיין מעשׂה פון אַ חתן מיט אַ כלה, נאָר וועגן רבונו־של־עולם און די ייִדן. ני, פרעג עך דיך...״

„אַ גוטן אויפשטאַנד תלמיד־חכם מיינער!״ האָט יואל הייטער זיך אויפגעשטעלט. ער איז צו צום פענצטער און אַהערגעבראַכט צום טיש אַ קרוג וואָס איז דאָרט געשטאַנען. „אַצינדער, אַז ד׳ביסט ווידער אַ מענטש״, האָט יואל אויסגערופן, „ט׳מען זיך דערכאַפּן דאָס הארץ מיט אַ ביסל סמעטענע״. — ער האָט אָנגעגאָסן אַ ליימשיסל פול מיט סמעטענע און דערלאַנגט יעדן אַ הילצערנעם לעפל. ער האָט צוגערוקט דעם טיש צום בעט, אַבראַשקע האָט זיך אונטערגעהויבן אויף די קני און זיי האָבן אַלע דריי צוזאַמען געגעסן פון דער שיסל אַרויס. — „און וואָס זאָגסטו אַקעגן דעם האַרבן ענין, אַבראַשקע, אַ לעבן אויף דיר?״ האָט יואל געפרעגט און באַלעקט די ווייסע וואָנצעס.

„איך זאָג״, האָט אַבראַשקע אים נאָכגעטאָן און אויך אַרומגעלעקט די ווייסע וואָנצעס אַרום זיין מויל, דערנאָך זיי אָפּגעווישט מיטן אַרעם. „אַז דאָס האָט ער אויסגעזויגן פון פינגער, זאָג עך״.

„אַזוי זאָגסטע, הע? אָדם אַ מענטש, שקאַרפּעטקע אַ בגד!״ האָט יואל אויסגערופן און ווייטער געזופּט די סמעטענע. באַלד האָבן זיי אַלע דריי גענומען אויסקראַצן דעם באָדעם פון דער ליידיקער שיסל. יואל האָט זיך אויסגעצויגן מיטן גאַנצן גוף, צעשפּרייט די הענט, די אָפענע דלאָניעס געוואָנדן צום באַלקן, ווי ער וואָלט בדעה געהאַט אָט באַלד זיך אַוועקצולאָזן אין אַ ריקוד. ער האָט זיך אַ בייג געטאָן אויף צוריק, אַז דאָס בענקל האָט זיך אַזש צעטרעשטשעט אונטער אים און ער האָט זיך שיִער נישט איבערגעקערט. ער האָט אָנגעהויבן צו ברומען: „ווי שיין ביסטע און ווי זיס ביסטע... בים־באַם, אין תענוגים. דער דאַזיקער וווּקס דיינער איז געגליכן צו אַ טייטלבוים...״

יעקב איז רויט געוואָרן, האָט אַ ציִ געטאָן יואלן פאַרן פאַרשאַרצטן אַרבל פון דער יאַקע און מיטן בליק אָנגעטייט אויף אַבראַשקען: „ר׳ווערט דאָך ערשט עלף יאָר אַלט...״

„נו טאָ וואָס, גולם־קאָפּ איינער?״ האָט יואל געלאַכט. „ער׳ט עלטער ווערן, ביז הונדערט און צוואַנציק״. דאָך האָט ער זיך גלייכגעזעצט און אַ ציִ געטאָן

אַבראַשקען פאַרן אויער מיט אַ געמאַכטן כּעס. „וואָסאַרע דיבורים רעדסטע דאָס, שייגאַץ איינער, הע? צוליב דעם האָט דיר דער טאַטע געגעבן אַזאַ רבין ווי ר׳ יעקב הינדעלעס, אַז ד׳זאָלסט ווערן אַ וויסטער, פינצטערער אַפּיקורס? ווער ביסטע דאָס, סמאַריק איינער, צו פּסקענען וואָס ס׳איז אויסגעזויגן פון פינגער און וואָס נישט? וואָס וויסטע און וואָס קענסטע, חוצפּהניק? ביסט געווען דערביי ווען דאָס ספר איז געשריבן געוואָרן? האָסט אַריינגעקוקט אין שלמה המלכס האַרץ?"

„זאָלסטע טאַקע וויסן", האָט אַבראַשקע זיך נישט דערשראָקן פאַר יואלן. „זאָלסטע טאַקע וויסן, אַז שלמה המלך איז נישט געווען אַזאַ נאַר. ר׳איז געווען דער קליגסטער מענטש אין דער וועלט און ער האָט געהאַט טויזנט ווייבער. האָט ער געקאָנט וויסן, אַז אַ כּלה קאָן מען נישט ניצן אויף אַ פאַרגלייך מיט גאַנץ עם־ישראל, וואָס דאָס זענען אַ סך מאַנספאַרשוינען, ווייל אַזאַ פאַרגלייך האָט נישט קיין טעם".

„אַזוי ס׳טע געפּסקנט?" האָט יואל ווייטער געשפּילט דעם כּעסן און קוים געקאָנט צוריקהאַלטן דאָס געלעכטער. „און וואָס חכמים האָבן געפּסקנט איז ביי דיר בלאָטע, הע? אפשר ס׳טע האָבן אַ ביסעלע געדולד און צוּוואַרטן ביז ד׳עסט ווערן כאַטש מיט איין קאָפּ העכער און דיין מוח מיט אַן עוקץ גרעסער, אַז ד׳זאָלסט קאָנען באַגרייפן?"

„ד׳רעדסט פּונקט ווי מיין טאַטע!" האָט אַבראַשקע שוין אַ שפּרונג געטאָן אַ באַליידיקטער. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך יואלס וואַטע־מאַנטל, אַראָפּגעצויגן זיינע בגדים פון דער שטריק און אַנטלויפנדיק זיך גיך, האָט ער זיך געברוגזט: „אַלע הייסן מיך וואַרטן כ׳זאָל ווערן מיט אַ קאָפּ העכער! און אין דער צווישנצייט וואָס זאָל עך טאָן? פאַרשטאָפּן מיר דעם קאָפּ? צ׳ווילט דאָך, אַז כ׳זאָל לערנען תּורה. מיט וואָס זאָל עך לערנען? מיטן... מיטן..." און ער איז אַרויסגעלאָפן אין דרויסן.

„ר׳איז ברוגז..." האָט יואל פאַרלעגן אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען. ער האָט אָפּגעמאָסטן יעקבן מיט אַ נייגעריקן בליק. „גלייב מיר, דו האָסט אויך שאלות..."

„און דו האָסט נישט?" האָט יעקב געפרעגט.

„מיר גייט נישט אין לעבן איבערצודרייען אַל דאָס געשריבענע מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף. פון דער אַנדערער זייט אַרט מיך אויך נישט אויב מען טייטשט ווי מען טייטשט".

„אָבער למען־האמת, יואל?" האָט יעקב געשטויגנט.

יואל האָט זיך אויפגעשטעלט און אַראָפּגעצויגן פון דער שטריק זיינע בגדים. „למען־האמת?" האָט ער איבערגעפרעגט אַנטוענדיק דעם כאַלאַט. „פון וואַנען זאָל עך זיין זיכער, אַז דער אמת ליגט ביי מיר אין קעשענע?"

„די גאַנצע זאַך איז", יעקב האָט זיך אויך אָנגעטאָן, „וואָס איך בין טאָקע נישט זיכער. כ'האָב ספקות..."

„ספקות? ספק דיר געזונטערהייט. סיי ווי איז דאָך דער גאַנצער ענין נישט מער ווי אַ מוח־שפּיל. דאָס זוכן דעם אמת, דאָס ספקן. בלאָטע, זאָג עך דיר. ד'מעגסט דיך אויפן קאָפּ שטעלן, 'עסטע ווייטער נישט דערגיין ווי ביז אַהער און דאָס איז עס. און כ'גלייב נישט, אַז די גרעסטע צדיקים דערגייען ווייטער. די זאַך איז דאָך, וואָס יעדער לערנט טאָקע און לייענט די זעלבע ווערטער, די זעלבע פּסוקים, אָבער ווי דער אר"י האָט געזאָגט: די תּורה האָט זעקס הונדערט טויזנט פּנימער, אַזוי פיל וויפל עס זענען געווען ייִדן בעתן מתּן־תּורה, און יעדער זעט די תּורה אַנדערש, יעדער לפּי די וואָרצלען פון זיין אייגענער נשמה. יעדער זעט דעם רבונו־של־עולם אויך לויט זיין אייגענעם מהות, אויף זיין שטייגער. און קיינער פון אונדז זעט נישט דעם רבונו־של־עולם און נישט די תּורה אָט ווי ז'זענען, וואָס ז'זענען. ס'איז נישט אין אונדזער יכולת און פּטור אַן עסק. דערפאַר, ווען דו שרייסט אויס ממעמקים קראתיך ה'... דו שרייסט אויס פון דיינע טיפעניש אין זיינע אריין... שרייסטו זיך אַרויס פון זיינע טיפענישן... דיין אייגענעם שורש רופסטו אַרויס פון אים..."

„אָבער יואל..." האָט יעקב אַ קרעכץ געטאָן. יואלס אַנגעגליטע רייד האָבן אים צעטומלט. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער דאָס „עפּעס" איז געווען אַזוי נעפּלדיק, אַז ער האָט נאָר געקאָנט אָנדייטן דערויף. „מיין... מיין ספקן האָט אַ שייכות צום מקור פון רישעות".

„דאָס גאָר!" האָט יואל זיך צעלאַכט מיט אַ ביטערן נאָכקלאַנג אין קול. „נישט מער און נישט ווייניקער?"

„דער גאַנצער ענין מיט שיבור־הכּלים..." האָט יעקב אַ שטאַמל געטאָן.

יואל איז שוין גרייט געווען אַרויסצוגיין זען וואָס אַבראַשקע טוט, אָבער ער האָט זיך אַ קער געטאָן צו יעקבן און זיך צוגעשפּאַרט לעבן אים.

„נו וואָס דער שיבור־הכּלים?" האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן מיטביידע הענט אין טיש. „די בעלי־קבלה האָבן דאָס אויך נישט פאַרשטאַנען, גלייב מיר. נאָר אַ בילד אַזאַ האָבן ז'זיך אָפּגעמאָלן, ווי דער רבונו־של־עולם אָטעמט אריין זיין ליכט דורך זיינע כּלים, די ספירות, און ווי אַלץ גייט צו כּשורה מיט די ערשטע דריי און ווען עס קומט צו די איבעריקע ספירות איז דער כּוח פון די ליכטער געווען פאַר זיי צו שטאַרק און גאָטס כּלים האָבן זיך צעבראָכן אויף פּיץ־פּיצלעך. טייל אורות זענען צוריק אַרויף אין דער הייך, צום מקור. אַנדערע זענען אַראָפּ אונטן, אונטן זיך פאַרבונדן מיט דער קליפּה, און אַזוי האָבן זיך די נצוצות פון ליכט, פון טוב, פאַרבונדן מיט דעם רישעות, די צעבראָכענע שאָלן... און זיך אויסגעמישט מיט זיי. פון דעם אַליין איז געדרונגען, אַז די קליפּה גופא איז פאַראַן געווען נאָך פריִער, פאַרן שיבור־הכּלים. קומען אַנדערע בעלי־קבלה און

זאָגן, אַז דאָס באַשאַפן פון דער וועלט איז געגליכן צום געבורט פון אַ קינד, ווען צוזאַמען מיטן ניי־געבוירענעם קומען אַרויס אַלע אומריינקייטן... דער אָפּפאַל... און דאָס איז אויך נישט קיין תשובה אויף דיין שאלה. ווייס עך טאַקע נישט וואָס דיר צו זאָגן. אָבער דאָס הייסט נישט, אַז דאָס ראַטעווען די נצוצות איז נישט קיין ענין. כ׳האַלט דערפון פּראָסט־פּשוט... און מיט דער רעשט גיב עך מיר אַן עצה ווי עך קאָן. ווייל אויב ער אויבן איז אומבאַהאָלפן... צעבּרעכט די כלים און קאָן זיי נישט גאַנץ מאַכן... טאָ וויפל מאָל מער זענען מיר אונדז?״

„ווי אַזוי גיסטע דיר אַן עצה?״ האָט יעקב געפרעגט.

„כ׳גיי צו מיין שיקסע, אָט ווי אַזוי!״ יעקב איז רויט געוואָרן און האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ. „עי, דריי נישט אַוועק די אויגן פון מיר״, האָט יואל מיט אַ האַסטיקן באַוועג פון דער האַנט אַנגענומען יעקבן פאַר דער גאָמבע און אים געצוווּנגען אומצוקערן דעם קאָפּ. „מעגסט מיר קוקן אין די אויגן אַריין, נישקשה. ביסט מיר אַ חבר׳ל, מעג עך דיר זאָגן, יאָ צי ניין?״

„אַז ד׳ווילסט״, האָט יעקב אַ פּליסטער געטאָן.

„יאָ, כ׳וויל״, האָט יואל אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. „וויסן זאָלסטע, אַז וואָס שטאַרקער אַ מאַנספּאַרשוין פאַרלאַנגט אַ נקבה, דאָס שטאַרקער פילט ער דעם פאַרלאַנג מתקן צו זיין די וועלט, צוריקצוברענגען די גאַנצקייט, צו מאַכן איינס פון די שפּליטערס. אַז עך גיי צו מיין שיקסע, דאַכט זיך מיר אויס, אַז איך ראַטעווע דעם ניצוץ שכינה אין מיר — דעם שערבל און אין איר, דעם שערבל, אַ שערבל מיט באַטעמטן גוף, אַ זיס האַרץ און אַ קול ווי אַ פלייט...״ ער האָט, ווייזט אויס, באַמערקט אַן אָפּשיין פון רחמנות אין יעקבס אויגן, און דאָס נישט געקאָנט פאַרטראָגן. האָט ער זיך אַ שטעל געטאָן, געעפנט די טיר און אַרויסגערופן צו אַבראַשקען וואָס האָט דרויסן אַרומגעוואַנדערט: „עי, דו, קום נאָר אַהער!״ אַבראַשקע האָט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ געקאָפּעט אַ שטיינדל און זיך אומגערן דערנענטערט. זיינע אייגלעך האָבן מיט פאַרוואורף אָפּערגעבליקט פון אונטער זיין שטערן. „וואָס האָסטע עפּעס אַזוי אַראָפּגעלאָזט די ניאַניע, הע?״ האָט יואל אויסגערופן.

„נישט דיין עסק!״ האָט אַבראַשקע זיך אָנגעבלאָזן.

„ס׳איז יאָ מיין עסק. ני, קום שוין אַהער!״

אַבראַשקע האָט זיך דערנענטערט, אַרויסגערוקט די אונטערשטע ליפּ און אַז ער איז אַריבער די שוועל, האָט ער פאַרריסטן דעם קאָפּ צו יואלן: „כ׳האָב גע־מיינט, אַז דו ביסט אַנדערש פון אַלע״.

„כ׳בין אַנדערש פון אַלע!״ האָט יואל, שוין אַ פאַרווײלטער, אונטער־געשמייכלט, אים אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט און אים צוגעצויגן צו זיך.

„ס׳הייבט זיך נישט אָן!״ אַבראַשקעס קול האָט שוין געקלונגען וואַרעם. יואל האָט אים אַרומגענומען און זיך מיט אים אַוועקגעזעצט אויפן בעט.

„אזוי זאגסטע?" האט ער אים געקיצלט אין בויך. „און ד'געדענקסט נאך ווי איך הייס? יואל הייס עך. יהואל הייס עך. דאס איז מיין ראכטיקער נאמען. און ד'ווייסט כאטש ווער עך בין?"

„יא, כ'ווייס גאנץ גוט ווער ד'ביסט!" האט אבראשקע געכיכיקעט.

„ווייסטע טאקע נישט! ווייל ווי ד'קוקסט מיך אן, קאן עך אין אן אויגנבליק נתעלה ווערן צו דער מדרגה פון א מלאך. און נישט סתם א מלאך. דער שר־הפנים, דער מלאך מטטרון בין עך. דאס וואס עך בין א הויכער און א גראבער און עך רעד מיט א באס, איז כדי דיך צו צעחושן. ווייל מלאכים האבן נישט ליב, אז מען זאל זיי באהאנדלען ווי מלאכים. אבער וויסן מעגסטע, אז עך בין דער גרעסטער און דער וויכטיקסטער מלאך פון דער גאנצער פמליה פון מלאכים. און אז עך גיב א ניס, דונערט אין דרויסן. און אז איך לאז א טרער, מאכט זיך א פארפלייצונג... זאלסטו טאקע דרך־ארץ האבן און דיך נישט ברוגזן אויף מיר".

„און אז כ'על יא?"

„'על עך דיך פארמסרן פארן מלך־הכבוד אליין. ווייל איך איינער פון אלע מלאכים שטיי לעבן דעם כסא־הכבוד, גלייך אים איינצורוימען אין אויער אלץ וואס עך וויל".

„טא ווו זענען די אנדערע מלאכים?" איז אבראשקע נייגעריק געווארן.

„די אנדערע דערגייען נישט צו מיין קנעכל, ד'הערסט? מיטן פרגוד, מיטן פירהאנג הייסט דאס, זענען זיי אפגעטיילט פון רבונו־של־עולם, כדי ז'זאלן נישט קאנען זען דאס ליכט פון באשעפערס פנים".

„טא פון וואס איז די פירהאנג געמאכט, א שטייגער למשל?" האט זיך אבראשקע שוין צוגערוקט הארט צו יואלן. „ז'איז דאך נישט געמאכט פון קיין גארן, צי פון וואל?"

יואל איז אריינגעפאלן אין א ניגון: „אוודאי נישט! פון אזא מין געוועב איז זי געמאכט, א געוועב וואס דער מענטש קאן דאס גארנישט תופס זיין". יואל איז אויך ערנצטער געווארן, אויפן אנבליק פון אבראשקעס ערנצטן נייגער. „אין דעם געוועב איז אריינגעוועבט יעדעס איינציקע בילד פון דעם וואס איז געווען און פון דעם וואס ט'זיין, זינט דעם בראשית פון בראשית ביז צום דעם אחרית־הימים... צום סוף פון אלע סופן. אלע דורות און אלע זאכן און יעדער מינדסטער פרט און אלצדינג איז אריינגעוועבט אין אט דער גארדין. און ביאת־המשיח איז דארט אפגעמאלן, זאג עך דיר, פונקט ווי לעבעדיק. אגב, אזוי ווי עך בין דער מלאך מטטרון, פיר עך אן מיט די ישיבות אין הימל אויבעט, און משיח כאפט זיך דארט זייער אפט אריין".

„טא פאר וואס פרעגסטע אים נישט ווען ער'ט קומען?"

„כ'האב אים געפרעגט, כ'זאל אזוי געזונט זיין, ווי כ'האב טויזנט מאל

געפרעגט. אָבער ער ענטפערט אַזוי שטיל, אַז אַפילו אַ מלאך קאָן אים נישט הערן״.

„אָבער, אַז ד׳ביסט אַ מלאך, טאָ וואָס טוסטע דאָ אויף דער ערד?״

„ווייל כ׳געהער צו די נפילים, די געפאַלענע מלאכים״. יואל האָט מיט אַן אומגעריכטער צערטלעכקייט אַרויפגענומען אַבראַשקען אויף זיין שויס און אים צוגעדריקט צו זיך. גלייך האָט ער זיך ווי פאַרשעמט, געמאַכט אַ קאָמישע גרי־מאַסע, אַראָפּגעלאָזט אַבראַשקען און אים לייכט אָפּגעשטופּט פון זיך. „גיי בע־סער״, האָט ער אַ טייט געטאָן מיט דער האַנט. „עפּן דאָס שופלעדל פון דער וואַסערבאַנק און נעם אַרויס אַ פּעשל קאָרטן, ׳על עך ענק אויסלערנען מאַכן אַן אָקע״. אַבראַשקע, צעטומלט, דערשוינט פון יואלס שפּרונג פון די הימלען — צו אַ פּעשל קאָרטן, האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער וואַסערבאַנק. באַלד האָט ער אוועקגעלייגט אויפן טיש אַ פאַרפעצט, צוזאַמענגעקלעפּט פּעשל קאָרטן. „אַלץ מוז אַ מענטש פּרוּוון... אַלץ וואָס ער איז נאָר ביכולת״, האָט יואל אַ מרוקע געטאָן און זיך גענומען לערנען יעקבן און אַבראַשען מאַכן אַ קערטל.

אַט דער טאָג ווען יואל האָט אַזוי פיל גערעדט, אויפגעקלערט, געשפּאַסט און אַזוי פיל פאַרשוויגן — איז געווען פול מיט מיספאַרשטייעניש און מאָדנע שטימונגען. געווען מאָמענטן ווען זיי האָבן זיך אַלע דריי געפילט אומבאַקוועם און שעמעוודיק.

ווען זיי האָבן שוין געהאַלטן ביים צעשיידן זיך, האָט זיך דערהערט אַ טומל אָנקומען פון וועג, פון באַטשאַני. זיי האָבן אונטערגעוואַרט.

„ניין, דאָס איז נישט קיין סאַמאַכאַד״, האָט אַבראַשקע געדרייט מיטן קאָפּ.

„זיכער נישט!״ האָט יואל אויסגערופן און זיך גענומען אַנטקעגנגיין דעם קנויל שטויב וואָס האָט זיך דערנענטערט. באַלד האָט זיך באַוויזן אַ צעוויגטע בויד און הינטער איר — נאָך איינע. אַ חברה צעטאַנצטע, צעזונגענע חסידים זיינען אָנגעקומען מיטן שליאַך. „צום רבין פאָרן זיי!״ האָט יואל געמאָלדן.

די חסידים, אין לאַנגע שטויבמאַנטלען און אין גרויסע, אויסגעריבענע סאַ־מעטענע קאַשקעטן, מיט רויטע פאַטשיילעס פאַרבונדן אַרום די העלדזער, האָבן זיך דערנענטערט. זיי האָבן שוין, ווייזט אויס, געהאַט אָפּגעטרעטן אין דער קרעטשמע, ווייל זייערע אויגן זיינען געווען הייס־פאַרנעפּלט און די באַקן רויט־צעפלאַמט. די לאַנגע שטויבמאַנטלען זיינען געווען צעקנעפּלט, די כאַלאַטן צעפלאַ־טערט און צעכראַסטעטע אַרבע־כנפות האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט פון אונטער זיי. דאָס געזאַנג זייערס און די טומלדיקע רייד זיינען געווען פאַרכריפּעט, כאַאָטיש. די הענט האָבן ביי זיי אויף קיין אויגנבליק נישט גערוט.

אַבראַשקע האָט זיך גלייך געגעבן אַ לאָז אַריין אין דער הייטערער חברותא און יעקב נאָך אים. איין בויד איז געווען אָנגעלאָדנט מיט אַ פעסעלע בראָנפן און בעת יואל האָט נאָכגעקוקט די פאָדקעוועס פון די פערד, האָט אַ חסיד

אַרומגעטיילט פולע לעמפּיקס משקה. די חסידים האָבן זיך אָנגעכאַפּט פאַר די גאַרטלען דורך די פאַרפלאָכטענע אָרעמס און דערווייל אַריינגעכאַפּט אַ טענצל. יואל איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט, אַריינגעגאַנגען אין זיך די כוסע משקה וואָס דער חסיד האָט אים דערלאַנגט און איז אונטערגעקומען צו אַבראַשקען.

ער האָט אים אָנגענומען פאַר דער האַנט און זיך וואַרעם צעמרוקעט: „ד׳פאַרשטייסט, אַבראַשקע, אַ ריקוד איז די שענסטע תּפילה, ווייל מען איז מתפלל נישט בלויז מיטן מויל, נאָר מיטן גוף און מיט די הענט און די פיס און מיטן גאַנצן חיות".

„אָבער פאַר וואָס טאַנצן זיי שטענדיק אין אַ רעדל?" האָט אַבראַשקע געלאַכט.

„צוליב דער זעלבער סיבה וואָס ז׳האָבן ליב צו עסן בייגל. אַ ראָד איז די שלמותדיקסטע פאָרעם. דער האָריזאָנט זעט דאָך אויך אויס ווי אַ בייגל. און אַ פאַרמאַכט ראָד", האָט יואל אויפגעקלערט, „איז ווי אַ רינג אין אַ קייט. אין אַ רינג איז יעדער איינער גלייך". אַבראַשקע האָט אים אַ צי געטאָן צווישן די צעפלויגענע קאַפּאָטעס, אויפגעטויכט פון אונטער זיי און אָנגעכאַפּט. יעקבן ביי דער האַנט. זיי האָבן אַלע דריי זיך צעהאָצקעט מיט די חסידים, ביז יואל האָט אָפּגעלאָזט אַבראַשקעס האַנט און זיך אָוועקגעלאָזט אין אַזאַ ווילדן, אַקראָבאַטישן קאַזאַטשאָק, אַז די חסידים האָבן אויפגעהערט טאַנצן, אים אַרומגערינגלט, צוגע־פּאַטשט און צוגעזונגען מיט התלהבות און פאַרדבקעט געגוואַלדעוועט. אַז יואל האָט אויפגעהערט, איז פּונקט געווען די צייט פון מינחה דאַווענען. „קומטץ, ייִדן, דאַווענען מינחה אין בעריאָזע־וואַלד!" האָט יואל פאַרגעשלאָגן.

די חסידים האָבן נישט געוואָלט פאַרלירן צו פיל צייט. האָט זיך יעדער פון זיי אָוועקגעשטעלט לעבן אַ טאָפּאָליע. ס׳איז אויסגעקומען ווי דער שליאַך וואָלט געוואָרן אַ טאָפּלטע אַלעע. יעדער פאַר טריט האָבן זיך געוויגט און מתפלל געווען צוויי: אַ ייִד און אַ בוים. יואל און יעקב האָבן דאָס זעלביקע געטאָן.

ווען די בוידן האָבן לסוף געריררט פון אָרט, זיינען יואל מיט יעקבן און אַבראַשקען מיטגעגאַנגען מיט זיי אַ שטיקל וועגס. „כ׳קאָן שווערן, אַז דער רבי ט׳אייך אַנטקעגנקומען מיט טאַנץ און געזאַנג!" האָט יואל אויסגערופן ווען ער האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט די חסידים.

אויפן וועג צוריק האָט ער פאַרוואָרפן איין האַנט איבער יעקבס אַקסל און די אַנדערע אַרום אַבראַשקעס. „עך", האָט ער צופרידן אַ קרעכץ געטאָן. „פון צייט צו צייט איז גאַנץ גוט צו מאַכן אַ הפסקה אין דער התבודדות. דאָס גלייכט אויס די רגעס פון איינזאַמקייט... איינזאַמקייט איז די ערגסטע קאָמפּאַניע". ער האָט זיך געוואָנדן צו יעקבן. „געדענקסט, מ׳האָט אַ מאָל גערעדט וועגן איינזאַ־מקייט כנגד אַליינקייט. ס׳איז נישט איינס און דאָס זעלבע. אַליינקייט האָב עך

ליב... אָבער מ׳איז דאָך נאָר אַ מענטש... טרעפן זיך רגעס... פאַרשטייסט... רגעס ווען מ׳פילט זיך עלנט״.

אָנגעקומען צו דער קוזשניע האָט יואל אַ כאַפּ געטאָן אַבראַשקען און אים אַרויפגעזעצט אויף סוסין. ער האָט אויך געהאָלפן יעקבן אַרויפשטייגן אויפן פערד. ער האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף יעקבס קני, ווי ער וואָלט זיי נאָך וועלן צוריקהאַלטן אויף אַ רגע.

„מכוח דעם וואָס מ׳האָט ערשט גערעדט״, האָט ער אַ זאָג געטאָן. „דער רבונו־של־עולם האָט געזאָגט צו אַברהמען: ׳לך לך׳, גיי דיר אַרויס צו דער וועלט. אָבער ס׳קאָן אויך מיינען: ׳גיי דיר אַרויס... צו דיר אַריין׳. פאַרשטייסט? מען זאָגט גלות־מצרים... יציאת־מצרים זאָגט מען. דער אמת איז, אַז ד׳ביסט קודם אין גלות ביי זיך אַליין. דאָ אין הארץ״, האָט יואל זיך אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער פויסט אין ברוסטקאַסטן, אַז ס׳האָט אַזש אָפּגעהילכט. „דאָ אין הארץ טראָגט יעדער זיין מצרים. און אַז ד׳באַפרייסט זיך דערפון... ערשט דאַמאָלס ביסטו אַ פרייער מענטש... דערפאַר מוזסטו האָבן כוח... אַריינצוגיין צו זיך, זיין אַליין מיט זיך, פנים־אל־פנים. ערשט דאַמאָלס ביסטו גרייט צו וואַרטן אויף דערלייזונג״.

„איך וויל נישט וואַרטן!״ האָט יעקב האַלב־ערנצט, האַלב־שפּאַסיק אויסגערופן.

„טאָ רייט איר אַנטקעגן, וואָס וואַרטסטו?״ האָט יואל אַ קלאַפּ געטאָן סוסין אין רוקן און סוסי האָט זיך נאָכגעלאָזט אין אַ גאַלאָפּ איבערןברייטן טאָפּאָליע־וועג.

דאָס נאָענטסטע מאָל ווען זיי זיינען געקומען צו יואלן איז שוין געווען אין מיטן זומער. אַ פאַרכמאַרעטער, דושנער טאָג. די בגדים האָבן געקלעפּט צום לייב און מען האָט געבעטן אויפן רעגן וואָס האָט זיך געקליבן אין כמאַרעס און נישט געוואָלט אַראָפּקומען אַפילו מיט אַ טראָפּן. מען האָט ווייניק גערעדט. מען איז געלעגן אויפן גראָז אין די בלויזע הויזן און אַרבע־כנפות, באָרוועס.

יואל איז געלעגן אין סאַמע גראָבן און האָט געשנאַרכט. יעקב און אַבראַשקע האָבן אַרויפגעקוקט צום הימל מיט פאַרשלאָפענע בליקן. ביז ערגעץ פון די פעלדער האָט זיך געהערט וואַנדעס געזאַנג. יואל האָט זיך אויפגעוועקט, אַרויסגעקלעטערט פון גראָבן און זיך אַוועקגעלייגט לעבן אַבראַשקען. דאָ האָבן זיי, ליגנדיק, באַמערקט דעם שלאַנקן סילועט פון דער שיקסע פאַרבייציִען, ווי זי וואָלט געשוועבט אויף דער ליניע ווו ערד און הימל האָבן זיך באַגעגנט, ווי אַ שטריק־טענצערין.

„דאָס מוז זיין וואַנדע...״ האָט אַבראַשקע אַ מורמל געטאָן.

„ס׳איז״, האָט יואל באַשטעטיקט, זיך אויפגעשטעלט און אַריין אין דער כאַלופּע. ער איז אַרויסגעקומען מיט אַ שיסל אַ פולער מיט קאַרשן און בלעטער.

זיי האָבן זיך אויסגעזעצט מיט די פיס אין גראָבן, יואל צווישן יעקבן און אַבראַש־קען. ער האָט זיי מכבד געווען מיט די קאַרשן.

זיי האָבן געגעסן און געשוויגן. נאָר דאָס שפּייען פון די קערלעך האָט זיך געהערט. אין דעם גרוי פון הימל, דער שווערקייט פון דער לופט, האָבן די קאַרשן מיט זייער רויטקייט, זייער טעם, אויסגעזען צו באַלעבן אַלץ אַרום, אויפפרישן. זייער זאַפט האָט מחיהדיק געקילט דעם גומען. יואל האָט אויפגעהויבן אַ הענגל פון צוויי צוזאַמענגעוואַקסענע קאַרשן אין דער לופטן.

אַבראַשקע האָט זיך באַגייסטערט: „שיין!"

„טאַטשנאַ!" האָט יואל באַשטעטיקט און מיט די בליקן געוואָנדערט איבערן האָריזאָנט ווי ער וואָלט מיט זיי געזוכט וואָנדעס געשטאַלט וואָס איז נעלם געוואָרן. ער האָט אַריינגעכאַפּט די קאַרשלעך אין מויל און אַ שפּיי געטאָן די קערלעך העט איבערן גראָבן אַריבער.

אַבראַשקע האָט אים גלייך נאָכגעטאָן און זיך באַמיט אויסצושפּייען די קערלעך אַזוי הויך און אַזוי ווייט, ווי יואל. לסוף האָט זיך יעקב אויך אָנגע־שלאָסן אָן שפּיל.

„צ'ווייסט וואָס?" האָט אַבראַשקע אויסגערופן. „אונדז זענען מיר אַלע דריי משוגע!"

„טאַטשנאַ!" האָט יואל זיך אָזש פאַרקרעקט פון דעם געלעכטער וואָס איז אים באַפאַלן. „ביסט קלוג ווי די וועלט, דו קליינער משוגענער!" האָט ער זיך גענומען צו באַהענגען אַבראַשקעס אויערן מיט הענגלעך פון קאַרשן. „אָבער ס'איז דאָ אַ חילוק צווישן אונדזער משוגעת".

„וואָס איז דער חילוק?" האָט אַבראַשקע גענומען באַקליידן יואלס אויערן און דערנאָך יעקבס מיט די קאַרשלעך.

„איך בין, למשל, אַ משוגענער וואָס רעדט צו פיל, און יעקב איז אַ משו־גענער וואָס רעדט צו ווייניק".

„און וואָסאַראַ משוגענער בין איך?" האָט אַבראַשקע געפרעגט.

„דו רעדסט נישט צו פיל און שווייגסט נישט צו פיל און ד'ביסט דער שלימותדיקסטער משוגענער פון אונדז אַלע!" די שיסל איז געווען ליידיק און יואל האָט זי אומגעקערט און זי אָנגעטאָן אַבראַשקען אויפן קאָפּ.

צום אַהיימגיין האָט יואל אַריינגעלייגט אַ געלט־פּאַפּירל אין יעקבס האַנט און זיך אָפּגערופן: „אַז צ'עט זיך פאַרקלייבן אַהער צום צווייטן מאָל, מ'ירצה־השם, טאָ טרעט אָפּ אין דער קרעטשמע און ברענג מיר מיט אַ פלעשל 'מאָנאָפּאָלקע'. ס'טע מיר פאַרשפּאָרן אַ גאַנג". און צו אַבראַשקען האָט ער זיך הייטער אָפּגע־רופן בעת ער האָט אים אַרויפגעזעצט אויפן פערד: „טאָמער געגנסטע אָן אַ חייל פון שדים אויפן וועג, שלמותדיקער משוגענער מיינער, זאָלסטע נישט פאַרגעסן צו זאָגן די אַברע־קאַדאַברע".

„װעלכע אַברע־קאַדאַברע?״ האָט אַבראַשקע זיך צעקייכט פֿון געלעכטער.

„לאָך נישט!״ האָט יואל געפּרוּװט אַרויפֿציִען אויפֿן פּנים אַ פֿאַרכטיקע מינע. „רוף אַרויס דעם שד שברירי און האַק אים אָפּ איין אות נאָכן אַנדערן. זאָג: שברירי... ברירי... רירי...״

יעקב האָט זיך אַראָפּגעבויגן פֿון פֿערד צו יואלס אויער. „יואל״, האָט ער פֿאַרגעשלאָגן מיט אַ פֿליסטער, „אפֿשר לערנסטע טאַקע קבלה מיט מיר?״

יואל האָט אַ קלאַפּ געטאָן סוסין אין רוקן און אַ נייג געטאָן דעם קאָפּ צו יעקבן אַזוי, אַז דאָס האָט געקאָנט מיינען סיי יאָ, סיי ניין.

דעם גאַנצן װעג צוריק האָט אַבראַשקע געדרעװעט: „שברירי... ברירי... רירי... רי...״

3

ר׳ פֿייװעלע און צירעלע האָבן געהאַט באַשלאָסן צו האַלטן די קינדער אין דער היים ביז איבערן זומער — און אויך דער זומער האָט זיך דערנענטערט צום סוף. געבליבן בלויז געציילטע זונטיקס צו פֿאַרברענגען מיט יואלן, און כּדי צו קענען װאָס מער צייט פֿאַרבלייבן אין דער שמידעריי, האָבן יעקב און אַבראַשקע זיך געפּעדערט גלייך נאָך מיטאָג דעם קומענדיקן זונטיק, דאָך נישט פֿאַרגעסן פֿריִער צוצורייטן צו דער קרעטשמע און קויפֿן דאָס פֿלעשל משקה פֿאַר יואלן.

די קרעטשמע איז געװען פֿול מיט גויים און ייִדן, בעל־עגלות, סוחרים־הורטאָװניקעס, װאָס זיינען פֿאַרבליבן אין שטעטל איבער שבת, כּדי צו פֿאַרענדיקן די געשעפֿטן מיט די קרעמערס אויפֿן פּאַטשעיאָװ. דאָ האָבן גויים און ייִדן פֿאַר־נומען טישלעך צוזאַמען און באַזונדער, דאָ און דאָרט האָט מען אַפֿילו געטרונקען צוזאַמען און געפֿירט חשבונות װער פֿאַר װעמען עס דאַרף שטעלן. מען האָט געזונגען, געליאַרעמט אויף ייִדיש, אויפֿן כלאָפּסקען לשון. נאָר איין װיכטיקער באַשטאַנדטייל פֿון דער קרעטשמע האָט געפֿעלט: דער פֿאַרשטאָרבענער פֿייער־קאָמענדאַנט, װאַצלאַװ ספּאַקוינע, װעלכער פֿלעגט דאָ אַ מאָל תּמיד זיצן אין אַ צעקנעפּלטער װעסט, אַ שיכּור־דערדרױטלטער און דעם עולם גויים און ייִדן װאָס האָבן זיך אַרומגעזאַמלט אַרום אים — דערציילן װעגן דער שׂרפֿה װאָס איז פֿאַר־געקומען די לעצטע נאַכט און די פֿריִערדיקע נעכט; און װי אַזוי ער און זיין קאָמאַנדע האָבן מיט איבערמענטשלעכער העלדישקייט פֿאַרהיט אַלע הייזער פֿון אַן אומגליק און מען האָט אָפּגעראַטעװעט באַטשאַני מיט דער אומגעגנט.

היינט האָט מען דאָ אויך גערעדט װעגן אַ שׂרפֿה, אָבער אָן דעם נייעם פֿייער־קאָמענדאַנט װעלכער איז געװען אַ פּרומער קריסט, אַ גוי אָן אַ ברעקל חן; ער האָט אין דער קרעטשמע נישט אַריינגעשמעקט.

יעקב האָט געלאָזט אַבראַשקען װאַרטן אויפֿן פֿערד, זיך אַריינגעכאַפּט אין

דער קרעטשמע, געקויפט דאָס פלעשל „מאַנאָפּאָלקע" און מיט שפּליטערס פון רייד וואָס ער האָט קוים אויפגעכאַפּט, זיך צוריק אַרויסגעלאָזט אין דרויסן.

זיי האָבן אָפּגעריטן אַ שפּאַר שטיקל וועגס, ביז אַ מאָדנער ריח האָט זיך דערטראָגן צו זייערע נאָזלעכער. אין אָנהייב האָבן זיי נישט געלייגט קיין אַכט אויף אים. מסתּמא האָט מען ערגעץ געברענט די פעלדער און דער ווינט האָט פונאַנדערגעטראָגן דעם רויך. אָבער וואָס נענטער צו דער שמידעריי, דאָס שאַר־פער איז דער ריח פון רויך געוואָרן. די לופט איז געווען געדיכט, סאַזשעדיק. אַ דין־דורכזיכטיקער וואָלקן רויך האָט זיך געקייקלט איבערן פעלד צו רעכטס, העט אַרויף. יעקב האָט פאַרשטאַנען, אַז די כאַלופּע וואָס האָט ביי נאַכט אָפּגע־ברענט האָט זיך געפונען איבערן פעלד, אין דאָרף אויבן.

יואל איז נישט געווען אין דער קוזניע. יעקב מיט אַבראַשקען האָבן זיך פאַרנומען צו וואַרטן אויף אים. אַ שעה איז פאַרביי און אַ צווייטע. ס'איז געוואָרן אַ ביסל לייכטער צו אָטעמען. דער רויכוואָלקן איבערן פעלד קעגן איבער האָט זיך צוריקגעצויגן, גענומען איינשרומפּן און אויסוועפּן. אַבראַשקע און יעקב האָבן זיך אַרומגעדרייט איבערן פוסטן הויף, צווישן די צעבראָכענע וועגענער, די פּאָר הינער און געענדז. פון צייט צו צייט האָט דער ווינט, ווי אויף אַ דערמאָנונג, אָנגעטראָגן שוואַרצע פלאָכטעס סאַזשע. די קו אין דער שטאַלקאַמער האָט זיך עקשנותדיק צעמוקעט און נישט אויפגעהערט. אַבראַשקע האָט זיך לסוף אָוועק־געזעצט צווישן אייזן־אָפּפאַל און פויל זיך גענומען שפּילן.

ער האָט אויפגעהויבן די בליקן צו יעקבן: „אפשר איז יואל אין דאָרף? אפשר גייט מען צו געבן אַ קוק?"

„דאַ ט'מען וואַרטן!" האָט יעקב אַנטשלאָסן אים געענטפערט.

יואל וואָלט אים קיין מאָל נישט מוחל געווען וואָס זיי זיינען אים געקומען זוכן, האָט ער געטראַכט. אָנגעשפּאַרט אָן פּלויט האָט ער אַריבערגעקוקט צום פעלד, ווו העט־אַרויף האָט זיך געפונען דאָס דאָרף. ביז — ווען די זון האָט זיך גענומען גליטשן צו מערב צו, האָט זיך אַ סילועט באַוויזן, אָפּגעטיילט זיך פון האָריזאָנט און זיך גענומען דערנענטערן איבערן פעלד. יעקב האָט אָנגע־שטרענגט די אויגן און צוגעקוקט ווי דער שוואַרצער סילועט וואַקסט און היפּט איבערן גרינעם פליין.

ער האָט אויסגערופן צו אַבראַשקען: „יואל גייט!" און מיט דער האַנט אָנגעוויזן אויפן טונקעלן פלעק וואָס האָט זיך דערנענטערט פון דער ווייטן.

„יאָ, ער קומט שוין", האָט אַבראַשקע באַשטעטיקט און זיך ערשט, אַ באַ־לעבטער, גענומען פאַרען ביי די שטיקער אייזן.

יעקב איז אַריבער דעם שליאַך און פאַמעלעך אַנטקעגנגעגאַנגען דעם סילועט, וועלכער איז גרעסער און גרעסער געוואָרן, גיך צוגעקומען נענטער — און וואָס אַ מאָל מער פאַרלוירן די ענלעכקייט צו יואלן. מיט אַ מאָל האָט זיך יעקב

געפונען פּנים־אל־פּנים מיט אַ פּאַרסאָפּעטן, דעריאַכמערטן פויער. „יעזוס מאַריאַ, זשידעק!" האָט דער פויער אַ וויש געטאָן מיטן אַרבל די סאַזשע און דעם שווייס פון פּנים. „עטאָ ז׳ניעבאַ מי ספּאַדלעש!" האָט ער אַרויסגעדעכעט.

ביז דער פויער האָט באַוויזן אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם און זאָגן וואָס עס איז געשען — האָט יעקב געוווסט. דער פויער האָט גענומען שווינדלען פּאַרביי זיינע אויגן. די ערד האָט אויסגעזען זיך אונטערצוהייבן אונטער זייערע ביידנס פיס. „יואל..." האָט עפּעס געהודזשעט אין קאָפּ.

„אָט לויף איך טאַקע אין שטעטל אַריין... צו מיין באַקאַנטן זשידעק", האָט דער פויער געסאָפּעט, זיך פאַרקירעוועט אויף צוריק און גענומען זיך רוקן באַרג־אַרויף לעבן יעקבן. „דער קאָוואַל איז אונדזערער... אַ ברודער. מירן אים באַגראָבן אין דאָרף. איר זשידקעס האָט זיך מיט אים חברן נישט געוואָלט... אָבער מירן אים באַגראָבן ז׳האָנאָרעם זשידאָווסקים, ווייל ער איז אַ ייִד... בין איך געלאָפן פרעגן מיין זשידעק ווי מען מאַכט אַ ייִדישן פּאָגזשעב. ס׳טו אונדז זאָגן, כלאָפּטשע, האַ? און דו׳סט ברענגען דעם ראַבין אייערן, האַ?"

יעקב האָט קיין מאָל נישט געדענקט ווי אַזוי ער האָט זיך דערשלאָגן צום דאָרף און ווען אַבראַשקע האָט אים אָנגעיאָגט. ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז ער איז אַהין דערקראָכן אויף אַלע פיר, פויזענדיק אויפן בויך. ווייל ער האָט געדענקט ווי די פיס האָבן אים אויפגעהערט צו פאָלגן און זיינען אים געווען ווי געליימט.

דער פויער האָט אים צוגעפירט צו דער אָפּגעברענטער כאַלופּע וואָס האָט נאָך געסמאַליעט מיט צעגליטע שפּיציקע שטיקער פון איינגעבראָכענע בעלקעס. דאָס גאַנצע דאָרף פויערים, נאָר געציילטע פון זיי אויסגעסטרויעט אין זונטיק־דיקע בדגים, איז געווען פאַרזאַמלט אַרום, און האָט מיט צעטומלטע בליקן אַ באַפאַל געטאָן די אָנקומענדיקע. מען האָט געמאַכט אַ וואַרע פאַר זיי. אַ פאַר־חושכטע גויע איז אַרויפגעפאַלן אויף יעקבן, זיך אָנגעהאַנגען אָן זיין האַלדז, זיך אַראָפּגעגליטשט צו זיינע פיס און געגייוועוערט איבער זיינע פאַרבלאָטיקטע שיך.

„יעזוס מאַריאַ", האָט זי זיך געטרייסלט אין ספּאַזמעס. „מיין האַר... זשידקו קאָכאַני..." האָט זי זיך געבוקט איבער יעקבס שיך. „ער׳ט מיר אַרויסגעראַטעוועט די שוואַלבן, דער הייליקער. פון די סאַמע פלאַמען מיר אַרויסגעריסן די קינדער... דער ליכטיקער!"

דאַ האָט זי זיך אַ לאָז געטאָן צום זייטיקן שטעג פון דאָרף, אין דער ריכ־טונג פון דער קליינער דאָרפישער קאַפּליצע, און דאָס גאַנצע דאָרף — נאָך איר.

דער פויער וואָס האָט געבראַכט צו פירן יעקבן האָט אַ וויז געטאָן מיט דער גאַמבע אין דער זעלבער ריכטונג און אַהין אונטערגעשטופּט יעקבן. „זאָל

אים דער האַר, אונדזער פאָטער אין הימל, צודריקן צו זיין האַרץ", האָט זיך דער פויער געצלמט.

יעקב האָט אַ פאַרשטייפטער זיך געלאָזט אונטערשטופּן פון פויער אין דער ריכטונג פון דער קאַפּליצע. אַבראַשקע איז געווען לעבן אים. זיי האָבן זיך פעסט געהאַלטן פאַר די הענט. דער איינציקער וואַכער פונקט, אין גאַנצן לייב, איז געווען אין דער דלאָניע וואָס האָט זיך געקלאַמערט אָן דער צווייטער דראַבנער דלאָניע. אַ הילצערנער אָפּגעשאָבענער יעזוס אויף אַ הילצערנעם אָפּגעשאָבענעם צלם האָט אַראָפּגעקוקט אויף אַ הויפן צוגעדעקט מיט טיכער און פויערשע פאַטשיילעס, וואָס איז געלעגן אים צופוסנס, אויף דער ערד.

„ער האָט נאָך געלעבט ווען ער האָט אַרויסגעראַטעוועט דאָס קלענסטע", האָט אַ פויערטע איינגערוימט יעקבן מיט אַ שלוכץ. „נאָר שפּעטער איז ער דרויסן אַוועקגעפאַלן און מ'האָט אים נישט געקאָנט דערמינטערן". די פויערטע האָט זיך איבערגעצלמט, די אַנדערע האָבן איר נאָכגעטאָן. דער עולם האָט שטיל געכליפּעט און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני.

יעקב און אַבראַשקע זיינען געבליבן שטיין אַליין אין דעם ים פון געבויי־גענע, צעציטערטע רוקנס און אַראָפּגעלאָזטע קעפּ — צוויי סלופּעס פּנים־אל־פּנים מיטן הילצערנעם סלופּ פון קרייץ.

„גיט מיר אַ וואָגן!" האָט יעקב נישט מיט זיין קול אַ געשריי געטאָן. דער עולם האָט אָזש אויפגעציטערט.

די רוקנס האָבן זיך אויסגעגלייכט; אויסגעקרימטע, פאַרוויינטע פּנימער האָבן זיך אַ ווענד געטאָן צו אים. „ביים לעבן האָט איר אים נישט געוואָלט", האָט אַ פויערטע אַ מורמל געטאָן.

„ער איז אונדזערער..." האָט דער המון זיך צעפּליסטערט.

„ער איז נישט קיינעמס. זיין אייגענער איז ער. גיט מיר אַ וואָגן!" האָט יעקב מיט דעם פרעמדן קול געשריִען.

„זאָג אונדז ווי אַזוי מען פּירט זיך ביי אייך..." איז דער פויער, וועלכער איז אַנטקעגנגעקומען יעקבן, אַ מיטל־יאָריקער חברה־מאַן, מיט אַ צעקנאָדערט פּנים, אָבער אַ גאַנץ קרעפּטיקער נאָך, מיט אַ צוריקגעהאַלטענער רוגזה אונטערגע־קומען האַרט צו יעקבן. „מיר ווילן אים אָפּגעבן דעם כבוד וואָס ער פאַרדינט. דאָ, לעבן דער קאַפּליצע, ט'מען אים באַגראָבן, ווייל ער איז אַ באַהאָטער... וועלן די באָבעס קאָנען אָכטונג געבן אויפן קבר".

„אַז איר ווילט אים אָפּגעבן כבוד", האָט יעקב נאָך אַלץ מיט דעם זעלבן טרוקן־האַרטן קול אויסגערופן, „מוז מען אים באַגראָבן אויפן ייִדישן בית־עולם. קיין אַנדער כבוד איז פאַר קיין ייִד נישטאָ".

אַ שטילקייט האָט זיך צעקלונגען אין די אויערן, אַזאַ טיפע, אַזאַ פּילבאַרע, אַז ס'האָט זיך קלאָר געהערט ווי דער ווינט הייבט דעם שטויב פון זאַמדיקן וועג.

פון המון האָט זיך אָפּגעטיילט אַ גרופּע עלטערע פּויערים און זיך גענומען סודען צווישן זיך. יעקבס באַגלייטער האָט זיך צו זיי דערנענטערט און איז צוזאַמען מיט זיי פאַרשוווּנדן הינטער די כאַטעס. די איבעריקע האָבן אַרומגערינגלט יעקבן און אַבראַשען און זיי אַרומגענומען מיט אַ מויער פון לייבער, מיט אַ שווייגן, ווי זיי וואָלטן דערוואַרט, אַז יעקב זאָל ווידער אויפשרייען. יעקב האָט געוואַרט די פּויערים זאָלן צוריקקומען. עפּעס האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז דאָ האָט ער געדאַרפט וואַרטן און שווייגן.

די פּויערטעס האָבן זיך ווידער צעמורמלט צווישן זיך. איינע האָט עפּעס גענומען דערקלערן יעקבן, אַ צווייטע האָט גענומען אים דערציילן פון אָנהייב אָן ווי אַזוי דאָס אַלץ איז געשען. ווידער האָבן ספּאַזמעס פון טרערן איינגענומען די ווייבער. מען האָט יעקבן און אַבראַשקען געקושט די הענט, ווי זיי וואָלטן בכוח געווען איבערצוגעבן די ברכות יואלן.

די פּויערים האָבן געבראַכט צו פירן אַ לייטער־וואָגן. עמעץ האָט אַרויס־געבראַכט אַ פערד פון אַ שטאָל. יעקב האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: „כ'האָב אַ פערד, בלויז אַ געשפּאַן גיט מיר".

יואל איז געלעגן אויפן וואָגן איבערגעדעקט מיט אַ רויט־גרינער, געקעס־טלטער פּאַטשיילע. אַ חברה פּויערים האָט זיך צוזאַמען מיט יעקבן איינגעשפּאַנט אין דישעל און דאָס גאַנצע דאָרף איז אַראָפּ איבערן פעלד, נאָכן וואָגן. אַ שטיק פון אונטן האָט נאָכגעדרעפּטשעט אַבראַשקע. דער גלאָק פון דער קליינער קאַפּ־ליצע הינטער זיי האָט זיך דין־דין צעקלונגען. די פּויערטעס האָבן איצט הויך און פאַרכריפּעט גערעדט, גערופן יעזוסן, זיך געצלמט און הויך געכליפּעט.

אַראָפּגעקומען צו דער קוזשניע, האָט יעקב אָפּגעבונדן סוסין פון בוים. ער האָט באַוויזן צו כאַפּן אַ בליק אויף אַבראַשקען וועלכער איז געשטאַנען לעבן יואלס כאַטקע. אַבראַשקע איז געווען אַזוי בלייך, אַז די הויט פון זיין פּנים איז אויסגעקומען בלוי און די ליפּן שוואַרץ. זיינע אויגן — טרוקן, פעך־שוואַרץ און גרויס — זיינען געווען פול מיט שטוינען, מיט אימה. די גאָמבע האָט אים לייכט געציטערט.

יעקב האָט זיך דערנענטערט צו אים. זיי האָבן אין דער זעלבער רגע גע־וואָרפן אַ בליק אויף דער פלאַש „מאַנאָפּאָלקע" וואָס זיי האָבן געהאַט געקויפט פאַר יואלן און זי געהאַט אַוועקגעשטעלט אויף דער שוועל. יעקב האָט זי אויפ־געהויבן און אַריינגערוקט אין קעשענע. אַ רגע זיינען זיי געשטאַנען לעבן דער כאַטע. יואלס קו האָט שטאַרק געמוקעט. זיי האָבן געזען ווי אַ פּויערטע קייטלט אויף די שטאַלקאַמער און זעצט זיך אויסמעלקן די קו. די פּויערים האָבן איינגע־שפּאַנט סוסין אין וואָגן.

„האַלט דיך לעבן מיר", האָט יעקב אַ מורמל געטאָן צו אַבראַשען, אַרויפּ־געלייגט די האַנט אויף זיין אַקסל און זיי זיינען צו צום וואָגן. „קום פאַרנט אָפּער,

צו סוסין", האָט יעקב געזאָגט. „נעם אָן די לייצעס פון דער אַנדערער זייט. איך 'על גיין פון דער זייט".

דער וואָגן האָט גערירט פון אָרט. אַ פּאָר פויערים האָבן אונטערגעשטופּט פון אונטן, אַנדערע זיינען זיך פונאַנדערגעלאָפן איבערן פעלד. זיי האָבן אויסגעזען ווי באַוועגלעכע קוקלעס אויף דער שנור פון האָריזאָנט. זיי האָבן פאַרבייגעשווינדלט צווישן די סנאָפּעס פון געשניטענעם קאָרן, וועלכע האָבן אויך אויסגעזען ווי קוקלעס, וואָס האַלטן זיך צוזאַמען פאַר די אַקסלען, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ... קוקלעס פון אבלים... פון חסידים אין אַ פאַרגליווערטן טאַנץ. די פויערים וואָס זיינען געבליבן לעבן וואָגן זיינען אָפּגעגאַנגען נאָך אַ שטיקל וועג, דערנאָך זיינען זיי אויך אַרויף צו די פעלדער. שקצימלעך זיינען פאַרויסגעלאָפן אויפן שליאַך, זיך אָפּגעשטעלט לענג־אויס דעם גראָבן, שלאָבעריק געפּאַטשעט מיט די הענט, געצופּט ריטלעך גראָז מיט די ציין און נייגעריק נאָכגעקוקט דעם וואָגן. לסוף איז מער קיינער נישט געווען אַרום.

ערגעץ ווייט פאָרויס האָט די זון שוין אָנגעהויבן דעם וועג פון הימל אַראָפּ. סמוגעס גאָלד האָבן זיך אַדורכגעהאַפּטן דורכן געוועב פון די אייבערשטע טאָפּאָליע־צווייגן. דער וועג גופא האָט אויסגעזען ווי דער רוקן פון אַ זעברע, געקאָרבט און איבערגעשניטן מיט פּאַסן שאָטן פון די ביימער צו ביידע זייטן.

יעקב האָט געשפּרייזט לעבן פערד. ער האָט פון גאָרנישט געטראַכט, דער מוח פולשטענדיק ליידיק, איינגעגליווערט. ער האָט גאָרנישט געפילט, אויסער דעם געפיל פון זיין אָפּגעריסן פון אבראַשקען, וועלכער איז געגאַנגען אויף יענער זייט פון סוסין, און ער האָט אים פון דאַנען נישט געזען. לסוף האָט ער זיך נישט געקאָנט מער צוריקהאַלטן און האָט אַריבערגערופן צו אים.

„ווילסט אַהערקומען ?"

„ניין, כ'על גיין אויף מיין זייט", איז געקומען אבראַשקעס ענטפער.

אייביקייטן פון צייט זיינען פאַרביי. צו פוס איז דער וועג געווען גאָר אַ ווייטער. יעקב האָט געמאָסטן מיט די בליקן די שטחים פון די פעלדער, יעדער פעלד באַקאַנט. אַזוי פיל מאָל דורך דאַנען פאַרבייגעריטן. זיי האָבן אים קלאָר געזאָגט ווי ער האַלט מיטן וועג.

דאָ האָט ער גיכער דערפילט ווי דערזען עמעצן אָנקומען דורכן פעלד ביי דער זייט. ער האָט נישט קיין קער געטאָן דעם קאָפּ, נישט געביטן דעם ריטעם פון די טריט. ביז ער האָט דערהערט אַ כליפּען הינטער זיך. ער האָט זיך אומגעקוקט. אַ באָרוועסע שיקסע אין אַ צעכראַסטעטער בלוזע, וואָס האָט קרום אַרויסגעסטאַרטשעט פון איר לאַנגער ספּאָדניצע, האָט זיך מיט ביידע הענט אָנגעכאַפּט אָן די הינטערשטע העלצער פון לייטער־וואָגן. די לאַנגע צעשויבערטע האָר האָבן אין גאַנצן פאַרשטעלט איר פּנים און אַראָפּגעהאָנגען איבער איר אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ ווי אַ פלאַקסענער שלייער. ס'איז אויסגעקומען ווי די

פאַרשטיקטע קולות וואָס זיינען אָפּערגעקומען פון הינטער דעם האַרשלייער וואָלטן זיך אַרונטערגעקייקלט אונטער די רעדער. יעקב האָט זיך אויסגעגלייכט און ווידער געשטאַרט פאַרויס. דער שווייס איז סטרוגעסווייז געררונען פון זיין פּנים און געברענט אין די אויגן. אין די אויערן האָט געדלובעט דער שיקסעס גרילציק געוויין.

פּלוצעם איז זי אויסגעוואַקסן לעבן אים. אַצינד האָט ער געקאָנט זען אַ פּאָר רויטע אויגן פאַרשווומענע אין טרערן, אַ צעקנאָדערטע מאַסקע פון אַ פּנים, אַ פּאָר אַנגעשוואָלענע, פאַרשוימטע ליפּן. „וואוהין פירסטו אים?״ האָט זי געפרעגט מיט אַ טעמפּ קול. האָט ער געקענט דאָס פּנים? דאָס קול?

„צום יידישן בית־עולם״, האָט ער אָפּגעשניטן.

„פאַר וואָס האָסטו אים צוגענומען? ער איז מיינער״.

„ער איז נישט דיינער, נישט מיינער, נישט אונדזערער. זיין אייגענער איז ער...״ האָט ער געמורמלט צו זיך, און הויך האָט ער צוגעגעבן: „ווייל ער איז אַ ייִד״.

„איך גיי מיט״, האָט זי אים געמאָלדן.

שוין איז זי געווען צוריק אויף יענער זייט וואָגן און זיך אָנגעהאַלטן אָן די דרענגער. יעקב האָט אָנגעהויבן צו זאָגן קאַפּיטלעך תהילים אַזוי הויך, אַז אַבראַשקע פון יענער זייט פון סוסין זאָל דערהערן. ער האָט זיך אַ באַוועג געטאָן אויף צוריק, צו כאַפּן פון דער זייט אַ בליק אויף אַבראַשקען, דערנאָך האָט ער נאָך מער אַ קער געטאָן דעם קאָפּ אויף צוריק — און ער האָט דערזען דער שיקסעס קאָפּ מיטן פלאַקסענעם שויבער אַריבערהענגען איבער יואלס אָפּגע־דעקטן פּנים. עפּעס האָט אַ ברויז געטאָן אין אים. ער האָט איר געמוזט זאָגן, אַז זי זאָל צוריק פאַרדעקן יואלס פּנים. ער האָט געמוזט איר דאָס זאָגן אַזוי הויך, אַז זי זאָל דערהערן דורך איר יאָמער און דורכן קלאַפּן פון די רעדער... אַזאַ מין אומדערטרעגלעך הויך קלאַפּן פון רעדער... אָבער דאָ איז אים באַפאַלן אַ פאַרלאַנג כאַטש אויף אַ רגע אַ קוק צו טאָן אויף יואלן, כאַטש כאַפּן אַן איינציקן בליק אויף אים, זען דאָס פּנים צום לעצטן מאָל — דעם לעצטן זונטיקדיקן בין־השמשות.

אַבראַשקע זאָל נישט באַמערקן, האָט יעקב זיך הינטערוויילעכץ צוריק־געררוקט אַ פּאָר שריט און אַלץ נישט איבערגעריסן דאָס תהילים זאָגן. די שיקסע האָט זיך אויסגעגלייכט. אירע האָר זייבען צוריקגעפלויגן ווי אַ פּירהאַנג פון איבער יואלס פּנים — און אַנטפּלעקט אַ שוואַרצן, פאַרקאַלטנטן קנויל, מיט אונטערגעזעצטע שוואַרצע צויטן פון אַ באָרד, פון וואָנצעס און פּאות האַלב־פאַרברענטע, ווי שפּיצן פון דינע קופּערנע דראָטן. יעקב האָט גייענדיק, זאָגנ־דיק, זיך אַריבערגעבויגן איבערן וואָגן און מיט ברייט־פונאַנדערגעריסענע אויגן

געשטאַרט אויף אַט דער מאַסקע, אָן ליפּן, אָן ברעמען, אָן וויִעס, מיט פאַרמאַכטע אויגן, אַ שוואַרצער שפּיציקער נאָז. אַ פרעמדקייט. אַ שטיק ערד. אַ קוקלע.

ער האָט אָנגענומען די פּראָנדזן פון דער געקעסטלטער פאַטשיילע, זיי אַ צי געטאָן אַרויף און פאַרדעקט יואלס פּנים. ער האָט זיך צוריק אָפּערגערוקט צום פראָנט, צו סוסין, און אים אָנגענומען פאַרן ציימל. די מאַמע, הינדעלע, איז אים געקומען אויפן זינען. „דאָס איז אַלץ נאָר אַ שלייער איבער ניסתּרדיקע וועלטן..." האָט ער געהערט איר פּליסטער. אים איז איינגעפאַלן, אַז ער וועט זי, די מאַמען, אויך אַ מאָל אַזוי באַגלייטן... גיין אַט אַזוי פאַראַבלט. „אויב נאָר אַ שלייער, מאַמע, טאָ פאַר וואָס דער שניט אין האַרצן? פאַר וואָס אַזאַ וואָרער ווייטיק?" האָט ער זי געפרעגט אין זיך.

ס'איז געווען די רגע ווען די יסורים האָבן אויפגעטייעט. די טעמפּקייט אין מוח האָט זיך אָפּגעטאָן און דער אמת האָט געגומען שטעכן, בריִען מיט די שאַרפע נאָדלען פון ענדגילטיקייט. יעקב איז אַרויס מיט אַ גרויסן יאָמער. אַלץ וואָס האָט אין דעם אויגנבליק דערוואַכט צום לעבן אין אים, טיף אינעווייניק, האָט זיך געריסן מיט אַ קלאָג — אַרויף צום מויל און האָט אַראָפּגעכוואַליעט פון די ליפּן מיט אַ פאַרלוירן קינדערש געשריי.

„יואל! יואל!" האָט ער קלאָגנדיק פאַרנומען אַבראַשקעס קול. און ווי ער האָט דערהערט אַבראַשקעס געוויין, האָט זיך יעקבן געגומען אויסדאַכטן, אַז פון דער ווייט, פון דער טיף פון ברייטן טאָפּאָליע־וועג, פון אַלע האָריזאָנטן וואָס האָבן אַרומגעזיימט די פעלדער, פון די זומפּן, די בערג, דעם בעריאָזע־וועלדל — קייקלט דער נאָמען זיך צוריק, שאַלט אַרויס ווי פון טרובעס פון שופרות: „יהוא־אל!"

אויף אַ רגע האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז די שיקסע הינטער אים זאָגט עפּעס, רופט עפּעס אויף איר לשון. ניין. דאָס האָט זי זיך אָנגעשלאָסן מיט איר גייוועדיקן קול אָן זיינעם און אַבראַשקעס יאָמער, און האָט איבערגעחזרט יואלס נאָמען מיט אַזאַ פאַרקריפּלטן, אַדורכגעווייקט־הייזעריקן קלאַנג, אַז די איינזאַמקייט האָט נאָך שאַרפער אַרויסגעשריגן פון די צעבראָכענע זילבן.

אָנגעקומען צום בלויען באַרג, האָט יעקב אָפּגעשטעלט דעם וואָגן. ער איז צו צום פאַרוויינטן אַבראַשקען און אים אָנגענומען פאַר דער האַנט, אַרויפגעקראָכן מיט אים אַ שטיקל וועגס אויפן באַרג און האָט זיך אָפּגעשטעלט.

ער האָט זיך אומגעקערט מיט אַבראַשקען מיטן פּנים צום וואָגן אונטן און האָט ווייך אַ זאָג געטאָן: „אַצינד 'עט מען אונדזער אָפּשייד נעמען פון יואלן. מ'עט נישט רעדן קיין וואָרט. מ'עט זיך איינהאָרכן אין אים אין זיין שווייגעניש. דערנאָך 'על איך קדיש זאָגן..." ער האָט פאַרוואָרפן דעם אָרעם אַרום אַבראַשקעס אַקסל און אַזוי זיינען זיי געשטאַנען אין דער שטילקייט וואָס איז פול געווען מיטן פּליסטער פון גראָז, מיטן זשומען פון זשוקעס, מיטן צווישטשער פון פייגל,

מיט די טעמפּע קלאַנגען וואָס האָבן זיך געטראָגן פון שטעטל און די דערפער. הגם יעקב און אַבראַשקע האָבן געשטאַרט אויפן וואָגן, האָט ער אויסגעזען צו האָבן פאַרשוווּנדן. יואל האָט געהויערט איבער זיי ביידן. די שטילקייט האָט געטרובעט מיט געלעכטער און צער. אַ שטורעם האָט אין איר געהודזשעט. וועלטן זיינען זיך צוזאַמענגעפאַלן און זיך געריסן גאַנץ צו ווערן. יעקב האָט אָנגעהויבן זאָגן קדיש. אַבראַשקע האָט געקעמפּט איינצוהאַלטן דאָס געוויין. ער האָט זופנדיק, האַסטיק געוויקלט די צעציטערטע ליפּן. לסוף האָט ער זיך אונטערגעגעבן די טרערן און זיי געלאָזן וואַשן אים דאָס פּנים. יעקב האָט אַראָפּגענומען די הענט פון זיינע אַקסלען. „אַצינדער גייסטע אַהיים. קאָנסט זאָגן דעם טאַטן וואָס דיר גלוסט. ס'איז שוין נישט וויכטיק. און נאָ...״ האָט ער אַרויסגענומען פון דער קעשענע דאָס פלעשל בראָנפן. „שטעל עס אַרונטער אונטער מיין בעט״.

אַבראַשקע איז צוגעפאַלן צו אים: „וואָס ט'אַצינדער זיין, יעקב?״

„אַצינדער ט'מען מוזן לעבן אָן יואלן״.

אַבראַשקע האָט זיך מיט ביידע הענט געריבן די טרערן פון פּנים. „ער... ער'ט געוואָלט ראַטעווען די נצוצות פון קדושה, הע, יעקב? און ער איז פאַר... פאַרברענט געוואָרן״.

„ר'האָט... געראַטעוועט. דיך און מיך אויך״, האָט יעקב אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צו אים. „אַצינדער גיי״. יעקב האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צום שליאַך.

אַבראַשקע האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. ווען נאָר יעקב האָט אַ קער געטאָן דעם קאָפּ אויף צוריק, צום באַרג, האָט ער צווישן די טאָפּאָליעס, הויך און ווייט, געקאָנט זען דאָס דראָבנע פיגורל, אַ פּינטעלע אין מיטן פון באַרג, ווערן קלענער און קלענער. ער האָט זיך דערמאָנט ווי ער און אַבראַשקע פלעגן זען יואלן אויפן שליאַך, ווען זיי זיינען אַוועקגעריטן פון אים — ווערן קלענער און קלענער.

די זון האָט זיך געזעצט. מילדע ליכטער האָבן געשפּילט אין דער לופטן לענג־אויס דעם שליאַך, דעם איבערגעשטראָכענעם מיט די שאָטנס פון דיביימער. אַ שלווהדיקע רו האָט זיך געשפּרייט איבער דער וועלט. די באַרוועסע שיקסע איז אַצינד אָן אַ שאַרך, שוויגנדיק נאָכגעגאַנגען נאָכן וואָגן און זיך אָנגעהאַלטן אָן אים מיט ביידע הענט.

אָפּגעגאַנגען אַ שטיק וועגס, האָבן זיך ביי דער זייט באַוויזן דעם פערדהענדלערס שטאַלן. יעקב האָט אויפגערופן בינהלעס פּנים אין זיך, ווייל ער איז געווען אַזוי מיד, אַז אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער וועט זיך נישט דערשלעפּן ביז באַטשאַני. ער האָט זיך געזען שטיין מיט בינהלען אונטערן דעכל פון שטאַל. אַ שטורעם־רעגן האָט אים און זי פאַרוועבט מיט אַ נאַסן פירהאַנג און ער האָט זיך פעסט אָנגעהאַלטן אָן איר האַנט. אין דער בענקעניש צו בינהלעס באַריר,

האט ער א קער געטאן דעם קאפ אויף צוריק און דערזען די באָרוועסע שיקסע שפרייזן נישט מער ווי א טראט הינטער אים.

איר הייזעריק קול האט זיך אריינגעריסן אין זיין דערמאנונג פון בינהלען און פארסמט דאס בילד.

„ער איז געווען מיין ערשטער... דו ווייסט?"

דאס קול, האט טראץ דער הייזעריקייט פארמאגט א גאר היימישן טאן. ער האט עס גוט געקענט. ער האט אנגעשטעלט די בליקן אויף דער מויד און זיך נישט געוואונדערט וואס ער האט דערקענט וואנדען. אייגנטלעך האט ער די גאנצע צייט געוווסט, אז דאס איז זי געווען, געוווסט און נישט געוואלט וויסן. דערקענט זי גלייך אין אנהייב, און זי נישט געוואלט דערקענען. ער האט נישט געוואלט הערן איר קול. ער האט געוואלט, אז זי זאל שווייגן, שטום ווערן, נעלם ווערן. ער האט גיך־גיך געפליסטערט קאפיטלעך תהילים. אבער וואנדעס קול איז געווען שטארקער. עס האט אריינגעדרונגען, אריינגעריסן זיך אין אים, געדונערט, געשטורעמט.

„כ'בין דאמאלס געווען א קליין מיידעלע..." איר קול האט זיך געבראכן, יעדער ווארט א שארפער קרעכץ. „ווען די שרפה אין הויז לעבן דער קוזשניע איז אויסגעבראכן... אין מיטן העלן טאג. אפילו קיין שטורעם נישט געווען. נאר א הייסער... דושנער טאג... א שווארצע כמארע האט פארבייגעצויגן. און... און ער איז געווען אין דער קוזשניע. איין איינציקער דונער... און געטראפן גלייך אין הויז, אוועקגעלייגט דאס ווייב... מיט אלע דריי קינדער. די שרפה איז געווען... אט ווי א פלאם וואלט אלץ א פארשלינג געטאן און אויסגעגאנגען. מען האט אפילו אין שטעטל נישט געוווסט און די... פייער־לעשערס זיינען נישט געקומען. א קללה איז געהאנגען איבער אים. ער האט זיך גערייצט סיי מיט גאט, סיי מיטן טייוול, פארשטייסט? און שפעטער... היינט פאר טאג... האט ער אין שלאף דערשפירט דעם ריח פון פייער... באלד איז ער געווען אין דער וויטשעכאווע כאלופע. אז דער טאטע, ניעבאשטשיק, וואלט געלעבט, וואלט צו אזא אומגליק נישט געקומען..."

יעקב האט זיך אפגערעדט מיט וואנדען, אז זי זאל נעמען פון ווענען פון די שטעטלשע גויים א פערד און צוריקפירן דעם ליידיקן וואגן.

אזוי זיינען זיי אנגעקומען צום הקדש וואס האט זיך געפונען צווישן מרחץ און בית־עולם. פאר דער טיר פון הקדש איז געשטאנען דאס טהרה־ברעט. דארט האט יעקב געלאזט יואלן, אויסגעשפאנט סוסין און פירנדיק אים פארן ציימל, אוועק קויפן נשמה־ליכט. צו דער מאמען אין קלייטל איז ער נישט צוגעגאנגען.

ביי נאכט, אויפן געלעגער אין זיין אלקערל, האט ער א פאר מאל אפגערגע־נומען דאס פלעשל „מאנאפאלקע" פון אונטערן בעט. א תאווה האט געברענט

אין אים צו דערשפּירן יואלס טעמען, צו שטילן דעם הונגער וואָס האָט אין אים געגאָגט „איינצושלינגען" יואלן, אַריינצונעמען אים אַ גאַנצן אין זיך און אים דאָרטן טראָגן ביז צום סוף פון זיינע אייגענע טעג. דאָך האָט ער נישט אויפגעפּראָפּט דאָס פּלעשל. יואלס עיקרדיקסטער טעם איז געווען דער טעם פון יסורים. פון זיי האָט אַרויסגעבליט יואלס התלהבות פאַרן לעבן. האָט יעקב נישט געוואָלט אַנטלויפן פון אָט דעם טעם.

4

ס'איז אונטערגעקומען דער טאָג וואָס האָט איבערגעריסן די בשותּפותּע לעגענדע פון יעקבס און אַבראַשקעס לעבנס.

אַבראַשקע האָט נישט געוויינט און זיך נישט געבונטעוועט. אָבער סיי ווי האָט זיך אויף ר' פּייוועלע מילנערס הויף געטאָן תּישעה־באָב, ווען דער גאַס־פּאַדאַזש האָט אַרויסגעזעצט ביידע בחורימלעך אויף דער בריטשקע און ר' פּייוועלע האָט זיך אָוועקגעזעצט צווישן זיי. די לאַנגע צירעלע האָט געוויינט מיט אמתע טרערן און די „אַמעשי" האָט זיך גאַרנישט געלאָזט טרייסטן און האָט נישט אויפגעהערט צו באַשיטן די קעפּ פון די צוויי יינגלעך מיט ברכות, אויף יידיש און וואָלינעריש.

דער גאַספּאַדאַזש איז אַרויף אויף דער קעלניע און אַ שמייס געטאָן סוסין. אַלע פּאַראָבקעס און אַרבעטערס פון דער מיל זיינען נאָכגעלאָפן נאָך דער בריטשקע צוזאַמען מיט דער חברה קינדער, ביז אַראָפּ פון באַרג, נאָכגערופן און געפּאַכעט מיט די הענט. אַרויסגעקומען אויפן ברייטן טאַפּאָליע־וועג, האָבן זיי אַ פּאַרקירעווע געטאָן אין דער ריכטונג פון כוואַסטי, וווּ מען האָט גענומען די באַן קיין קראָקע.

דעם זעלבן טאָג, שפּעט אין אָוונט, האָט יעקב אָפּערגענומען דאָס פּלעשל „מאַנאַפּאָלקע" וואָס ער האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אונטערן בעט, אַריינגערוקט עס אין קעשענע פון דער פופּייקע און איז אַרויס אין דרויסן, אַראָפּ פון באַרג און זיך אָוועקגעלאָזט אין דער ריכטונג פון יואלס כאַלופּע. דער אָוונט איז געווען אַ קאַלטער, שפּעט־האַרבסטיקער. פון די פּעלדער האָט געטרייבערט אַ בייסי־קער, שאַרפער ווינט. די לבנה איז נישט אַרויסגעקומען, נישט קיין שטערן. ס'האָט אויסגעזען ווי עס וואָלט גאָר קיין הימל נישט געווען און די פינצטערניש האָט זיך פונאַנדערגעוויקלט, ווי זי וואָלט אָפּערגעקומען פון אונטער די אייגענע טריט.

ער האָט געשפּרייזט מיט אַ גיכן טראָט, גערודערט מיט די הענט, געפילט ווי דאָס האַרץ האַמערט אין בוזעם, ווי דער אָטעם פּייפט שווער אַרויס פון די נאָזלעכער — דאָך... דעם קאָפּ גופא האָט ער נישט געפילט. ווי ער, דער קאָפּ,

וואלט געווען אָפּגעשרויפט פון גוף. ערגעץ איז ער געשוואומען, דער קאָפּ, איבער אַ ים פון שטיינער, זיך אָנגעקלאַפּט אָן איין שטיין, אָן אַן אַנדערן — און נישט געפילט קיין ווייטיק. יעקב האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט ערגעץ געלערנט, צי געלייענט, אַז די תּאווה דאַרף ווערן אַזוי שטאַרק אינעם מענטשן, אַז ער זאָל זי אַזש אויפהערן צו פילן. אַט אַזוי האָט זיין קאָפּ נישט געפילט די קלעפּ פון די שטיינער. דער קאָפּ איז אַליין געוואָרן אַ האַרטער באַלעם — אַ שטיין. אַט אַזוי שטאַרק איז געווען זיין תּאווה.

פון צייט צו צייט האָט דער קאָפּ אויפגעהערט שווימען און יעקב האָט אים ווידער דערפילט אויפן קאַרק. מיט ביטול צו זיך האָט ער זיך אָפּגעשייגעצט.

„אַראָפּ פון זינען בין איך... אַ צעקראַכענע מירל בין איך. אמת, איך פיל מיך ווי אַ טאָפּלטער אָבל. יואל איז נישטאָ... און אַן אַבראַשקען, אים צו לאַנגע יאָר, איז דאָס לעבן אין דער מיל קיין לעבן נישט. אמת, מיט יואלן איז געשען אַן אומגליק. און אַן אומגליק איז גורל. מען מוז עס קענען אָננעמען. אָבער אַבראַשקעס אוועקפאָרן איז דאָך בעצם אַ גוטע זאַך — פאַר אַבראַשקעס טובה וועגן. מוז מען קוקן דערויף מיט אַנדערע אויגן. דערצו איז אַבראַשקע נישט קיין קרוב, נישט קיין ברודער. אַ פרעמדער זונדל איז ער, מיט וועמען איך האָב אַ ביסל יאָרן געקנעלט. געווען זיין מלמד, און דאָס איז אַלץ. ווי פּאַסט דאָס פאַר מיר, אַ יונגער־מאַן אין די צוואַנציקער, ביי וועמעס מאַמען דער שדכן רייסט שוין פון לאַנג אָפּ די טיר, אַז כ'זאָל מיר אַזוי שטאַרק צום האַרצן נעמען? אַלע מיינע חברים פון באַטשאַני זענען דאָך שוין בעל־הביתלעך, מיט אייגענע קינדער און דערוואַקסענע זאָרגן. און דאָ האָב איך נאָך אַ קאָפּ פול מיט קינדערשע פליטערלעך. פאַר וואָס זאָל איך גיכער נישט זיין צופרידן, וואָס כ'האָב אָפּגעטאָן מיין חוב, מיין שטיקל אַרבעט, און כ'קאָן קלערן וועגן אַ תּכלית פאַר זיך?"

אָבער אַט די אַלע קלוגע מחשבות זיינען געווען באַנאַל, ביליק און האָבן אייגנטלעך נישט געהערט צו אים. — אַ תּכלית? וואָס האָט געדאַרפט זיין דער תּכלית פאַר אַזאַ איינעם ווי ער, יעקב? צו וואָס האָט געדאַרפט שטרעבן אַזאַ איינער וואָס זיינע צוויי פליגל זיינען אים אָפּגעהאַקט געוואָרן? — אָפּגעהאַקט? ניין. דאָס גראַד איז נישט אמת געווען.

אַט איז ער למשל אַצינדער געפלויגן דורכן חושך אויף צוויי ריזיקע פליגל. יאָ... ווייען פון וואַקסן האָט ער גראַד געפילט. די פליגל זיינען ביי אים געוואַקסן. דאָס איז עס געווען. ער האָט אויף זיי זיך אוועקגעטראָגן פון דעם קליינלעכן, טאָג־טעגלעכן. אוודאי האָט ער זיך נישט איינגערעדט אַז ער איז בילע ווער. אַ וואָרעם וואָס האָט געפויזעט אויף דער ערד איז ער געווען. אָבער אַ וואָרעם מיט צוויי פּראַכטיקע פליגל. ער וועט נישט זיין קיין באַטשאַנישער בעל־הביתל

ווי זיין ברודער שלום. ער האָט נאָך נישט געוווּסט וואָס ער וועט זיין. אָבער וואָס ער זאָל נישט זיין — וועט ער פליִען... וועט ער זוכן ליכט.

טאָ וואָס האָט ער געטאָן דאָ אינעם חושך פון דער נאַכט? — ער האָט געזוכט יואלן. ער האָט געזוכט יואלס מענלעכקייט, זיין מענטשלעכקייט. ער איז עולה־רגל געווען אַצינד צו אים... דעם שוואַרצן, פאַרחושכטן ווי די נאַכט, צו דעם וואָס האָט געלויכטן ווי אַ פלאַם; אַ פלאַם וואָס האָט געבריט און געגלעט, ווײי געטאָן און געטרייסט.

„יהוא־אל!" האָט יעקב זיך צעשריגן אינעם חושך. „יואל!"

האָט ער גערופן דעם קלוגן, אַלץ־וויסנדיקן מלאך מטטרון, צי דעם ערדישן, מענטשלעכן פריינד? וועט דאָס חומרדיקע אַרויסגעזאָגטע וואָרט, דער נאָמען, אַרויסכּישופן אַ חומרדיקע פּאַרעם אינעם חושך? ניין, נישט דווקא די חומרדיקע פּאַרעם פון דעם פריינד האָט ער געזוכט. הגם ער האָט געבענקט צו איר, האָט ער שוין שלום געמאַכט מיט דער ענדגילטיקייט פון איר פאַרשווינדן. ער האָט געזוכט די פּאַרעם פון יואלס מהות, פון זיין אינערלעכן חיות, ער זאָל זי קענען אַרומנעמען, אַריינבנעמען אין זיך מיט אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט... — און דער חושך האָט אים געענטפערט מיט אַ לופטבילד, אַ וויזיע. אַ מאָל האָט ער גערעדט מיט יואלן וועגן וויזיעס. דמיון און מחשבה האָבן געשאַפן אַ מענטשנס זעונגען וועלכע זיינען אויך געווען חומר, דער חומר פון חלומות; אַ שטראַל וואָס האָט זיך אַדורכגעריסן דורכן עולם־היצירה.

האָט יעקב, לויפנדיק פאַרויס אָט אַזוי דורכן ברייטן טאָפּאָליע־וועג, דערזען אַ ווייבלעכע פּאַרעם אַרויסשטייגן צו אים פון דער שוואַרצקייט. זי איז געשטאַנען אין מיטן וועג מיט צעשפּרייטע הענט און האָט זיך פאַרמאָסטן אים נישט אַדורכצולאָזן ווייטער. „אויס וועג..." האָט זי אים געוואָרנט.

אַז ער איז געקומען נענטער, האָט זי זיך דערווייטערט. „אויסוועג!" האָט זי אים געלאָקט.

די וויזיע איז אייגנטלעך דערשינען פאַר אים פריִער. ווי נאָר ער האָט אָרונטערגעטאָן די האַנט אונטערן בעט און אַפּערגענומען דאָס פלעשל „מאַנאַפּאָלקע". ווי אַ פאַרזייטער זאָמען האָט זי זיך צעוויררן אין אים, ביז ער האָט זי אַצינד דערזען אין דער פולער גרייס. אַ לאַנגע שמאָלע טאַליע האָט זי געהאַט, מיט צעוויגטע היפטן, לאַנגע פיס מיט בּאַרוועסע סטאָפּעס און כוואַליעס פאַרקאָלטנטע האָר. זי האָט נישט געהייסן בינהלע. אָבער די תאווה, דער חשק צו ווייב וואָס האָט אים צעטראָגן, האָט יאָ געהאַט אַ שייכות צו בינהלען. זי איז געווען די סטעזשקע אין חושך דורך וועלכער ער האָט געקאָנט צום נאָענטסטן צוקומען צו יואלן. ער האָט דאָס געוווּסט. ער האָט געוווּסט וואוהין ער לויפט.

זיינע אויגן האָבן זיך שאַרפער אָנגעשפּיצט. דאָ ערגעץ האָט שוין געדאַרפט זיין די קוזשניע און יואלס כאַטע.

ער האט טאקע דערזען די שווארצע שאטנס אויפן הינטערגרונט פון דער פינצטערניש. צוגיין אהין? ער האט מיטגענומען שוועבעלעך און א קינדל. מיט אזא זיכערקייט זיך אליין אפגענארט? — ער וועט אריינגיין, אנצינדן דאס קינדל און זיך ארומקוקן אין דער קוזשניע, אין דער כאלופע. אפשר וועט ער צוגיין צום שופלעדל אין דער וואסערבאנק און ארויסנעמען דאס פארפעצטע פעשל קארטן, באהאלטן עס פאר א זכר, אן אנדענקעניש? ער איז דאך זינט יואלס טויט נישט געקומען אהער. אפשר וועט ער דערשפירן יואלן צווישן די ווענט, דערפילן יואלס ריח, ווי מען דערפילט דעם ריח פון וויין אין א ליידיקער ווייספלאש?

ניין, יואל האט דא נישט געוווינט, דא האט ער בלויז געהויזט. יואלס דירה איז געווען זיין איך; אין אים האט ער געטראגן אלע זיינע אוצרות. ער האט זיי צעשענקט צו די וואס ער האט באגעגנט, און איז דערפון נאך רייכער געווארן. ביי יואלן איז די פארהעלטעניש בין אדם למקום און בין אדם לחברו געווען איינס און דאס זעלבע, און אפילו א בוים, א חפץ האט געקאנט זיין זיין חבר. זיינען די כאלופע און די קוזשניע געווען פוסטע שאלן, אן איבעריקע הויט וואס איז אפגעפאלן. א הויפן מיסט. יואל האט איצט גיכער געוווינט אין דארף איבערן פעלד...

האט יעקב, אנשטאט צו פארקערעווען צו דער קוזשניע, זיך א קער געטאן אין דער פארקערטער ריכטונג. דורך דאנען איז ער דעמאלט געגאנגען, געקראכן אויף אלע פיר — צוריקצוברענגען יואלס גוף. אצינד איז ער געקראכן — אפצונעמען יואלס נשמה... זי אנצורירן מיט די הענט.

ער האט גוט געדענקט: גלייך דאס ערשטע הייזל אין דארף. א ליכט האט נאך געשיינט אין פענצטער, פונקט ווי אין די אנדערע כאלופעס. ס׳וואלט גלייך געווען פריער אריינצוקוקן דורכן פענצטער; אבער ער האט קיין געדולד נישט געהאט און איז צוגעפאלן צו דער טיר, אנגעקלאפט און געווארט — אן אייביקייט.

„עפן, וואנדע!" האט ער א רוף געטאן מיט זיין פרעמד באהערשט קול.

איז דאס געווען זי, צי נישט זי — די וואס האט געעפנט די טיר? ער האט נישט געקוקט, אריינגעפאלן אין דער איזבע און ארויסגעצויגן דאס פלעשל „מאנאפאלקע" פון קעשענע. ער האט עס אויסגעשטרעקט צו דער ווייבלעכער פארעם וואס דאס ליכטל, טיף אין צימער, האט גיכער פארשאטנט ווי באלויכטן.

„כ׳בין געקומען מען זאל ביידע אויסטרינקען יואלס פלעשל וואדקא", האט ער רויק געזאגט, בעת אין אים האט אלץ אנגעהויבן צו שוידערן.

וואנדע האט געטראגן איר געוויינטלעכע לאנגע, געפאלדעוועטע ספאדניצע, וועלכע האט ארום דער טאליע פעסט צוזאמענגעהאלטן איר לויזע, צעקנעפלטע בלוזע. די קליינע אויסגעהאפטענע בלימעלעך אויף די ארבל און ארום האלדז זיינען געווען באדעקט מיט כוואליעס האר. צעקאמטע און דין־זיידיקע

זיינען זיי אין פּאַסמעס אַרומגעהאַנגען אַרום און אַרום איר פּלייצע און אַקסלען; ווי אַ שפּאַלט געווען צעעפנט פון פּאַרנט, אַדורכצולאָזן אַ שטיקל שטע־רן, אַ דין נעזל, אַ פּאָר שאַטנדיקע אויגן, און דער עיקר דאָס מויל, אָפן, גרויס, פייכטלעך — וואָס מיט דעם האָט זי אויסגעזען צו קוקן אויף אים — אויף יעקבן; און דער עיקר — דאָס שטיק האַלדז און וואָס נידעריקער פון אים, וואָס די צעקנעפּלטע בלוזע האָט פריי געמאַכט.

אַז זי איז צוגעקומען נעענטער, האָט ער זי נישט דערזען בעסער; ווי דאָס שאַטנדיקע אין איר וואָלט אים פאַרבלענדט. דאָך האָט ער באַמערקט די לאַנגע וויִעס, באַמערקט ווי די געטאָקטע דינע נאָז האָט זיך צעציטערט מיט די פליגלען. דאָס מויל האָט געלויכטן. רויט־פייכט און זינלעך, האָט עס אויסגעזען ווי עמעץ וואָלט עס נאָר וואָס געקושט ביז בלוט. עס האָט זיך באַוועגט. זי האָט עפּעס געזאָגט, נאָר ער האָט נישט געוווסט וואָס, נישט געהערט, נישט דערהערט. איר אַרויסגעהויבענער בוזעם, דאָס אַנטבלויזטע ברעקל לייב אין דער צעקנעפּלטער בלוזע, דער האַלדז אירער, און די היפּטן די באַדעקטע מיט די טונקעלע פאַלדן — האָבן געשריגן צו אים אַזוי הויך, אַז ער האָט גאָרנישט מער געקאָנט הערן. דאָס האָט ער... יואל... געשריגן. דאָס האָט ער, יעקב געשריגן צו אים... דורך איר.

ער האָט אַוועקגעשטעלט דאָס פלעשל אויפן טיש, האָט ווויל־יונגעריש אַרייַנ־געטאָן די הענט אין די קעשענעס און צעשפּרייט די פיס. ער האָט אַזוי שטאַרק געציטערט אויפן גאַנצן לייב, אַז ער האָט געמוזט באַהאַלטן די הענט און זען נישט אומצופאַלן.

„נעם צוויי גלעזלעך... מען וועט אויסטרינקען", האָט ער אַ זאָג געטאָן כמעט באַפעלעריש.

זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. „איך ווייס צו וואָס דו ביסט געקומען..." האָט דאָס פּלעמל וואָס האָט אַ שפּיל געטאָן אין אירע אויגן אים געזאָגט. זי האָט זיך אַ קער געטאָן צום פענצטער, פאַרהאַנגען עס מיט אַ צעריסענעם קילים און אויף די צעוויגטע היפּטן זיך אַ טראָג געטאָן אין אַנדערן עק צימער.

אַ געגרייט בעט מיט הויכע בערג פון קישנס און פאַרביקע קילימס האָט דאָרט געוואַרט. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, פאַרפלאָכטן די הענט איבערן ליילעך און אויפגעהויבן דעם קאָפּ צום בילד פון דער מאַטקע־באָסקע און יעזוסן וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט; אויף דער פּאַליטשקע אונטערן בילד האָט געברענט דאָס ליכטל. צו יעקבס אויערן האָט זיך דערטראָגן וואַנדעס תפילהדיקער שעפּטש, און אים איז אויסגעקומען ווי זי וואָלט אים, מיט דעם שעפּטש, צוגערופן נעענטער און נעענטער. וואַנדעס קול האָט פאַרמאָגט גוף. עס האָט געהאָט גערופן מיטן ליכט פון איר קאָרק וואָס האָט אַצינד אַרויסגעשיינט פון צווישן די צעפּאַטלטע פּאַסמעס האָר, וועלכע זיינען געפאַלן צו פאָרנט צו. און זיך געקרייזלט ווי פּרעגצייכנס איבערן ליילעך.

ער האָט נאָך אַלץ געשווידערט. אַזוי האָט ער זיך דערנענטערט צו איר, צוגעקומען האַרט צום בעט, און זיך אַראָפּגעזעצט אויף דער פּאָדלאָגע לעבן איר, האַרט לעבן איר, זיין אַקסל לעבן אירן און — ער האָט דערשפּירט די וואַרעמקייט פון איר לייב זיך איבערגיסן אין אים. ס'איז אים נאָך קעלטער געוואָרן. האָט ער אונטערגעצויגן די פיס, אַרומגענומען זיי מיט די אָרעמס און אַנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף די קני.

אַז זי האָט איבערגעריסן דאָס שעפּטשען האָט ער אַ מורמל געטאָן, זיצנדיק אָט אַזוי, „איך בין געווען זיינער אַ פריינד".

זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ: „כ'ווייס. ער האָט מיר דערציילט".

„דאָס פלעשל וואָדקאָ האָב איך געקויפט פאַרן געלט וואָס ער האָט מיר געהאַט מיטגעגעבן. האָב איך עס געבראַכט מיר זאָלן אויסטרינקען צוזאַמען. גיי, נעם צוויי גלעזלעך".

„יואל האָט געטרונקען פון דער פלאַש", האָט זי באַמערקט, און יעקב האָט דערהערט יואלס נאָמען אַרויסגעזאָגט גאָר מיט אַן אַנדערן, מאָדנע־פרעמדן קלאַנג. ער האָט געוואָלט זי זאָל אים איבערחזרן נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל. און אַוודאי... ווי האָט ער שוין געקאָנט האָבן פאַרגעסן? יואל האָט געטרונקען פון דער פלאַש.

„ט'מען איך טרינקען פון דער פלאַש", האָט ער אַ זאָג געטאָן און געוואָלט זיך אויפשטעלן.

זי האָט אים פאַרהאַלטן, אָנגעכאַפּט אים פאַר דער האַנט. ער האָט געוואָלט זי זאָל אים אָט אַזוי פאַרהאַלטן, דאָך האָט ער זיך גיך באַפרייט פון אירע פינגער אויף זיינע. זי וואָלט דערפילט ווי ער שווידערט. זי האָט געשמייכלט אַ כמעט נישט־אָנזעעוודיקן ווייטן שמייכל.

„איך טרינק נישט... און איך זינג נישט מער. אַז מען טרינקט און מען זינגט... פאַרשטייסט... פאַרשטעלט מען... ס'ווערט פאַרנעפּלט. און איך וויל דאָס נישט". זי האָט געוואָרפן אַ בליק אויפן בילד פון דער הייליקער מוטער. „איך בין מתפלל צו איר און איר זון יעדער נאַכט... און איך האָב נאָך אַ מאַמען און אַ זון אין הימל: מיין באָבען מיט מיין טאַטן. זיי וועלן מיר אים ברענגען..."

„איך... איך..." האָט יעקב געשטאַמלט. ער האָט איר געוואָלט זאָגן, אַז דאָס איז ער געקומען, אַז זי זאָל אים שענקען... אַז זי זאָל אים ברענגען יואלן. אַז ער איז מתפלל צו איר, אָט אַזוי, דאָ לעבן בעט. „איך בעט דיך", האָט ער אַרויס־געכריפּעט. „דאָס איינע מאָל. לאָמען אויסטרינקען".

„ניין", האָט זי אַ וואָרף געטאָן מיט די האָר און צוגעטראָגן דאָס פּנים נענ־טער צו יעקבן. „דאָס איז אַ זינד... לגבי אים. מען טאָר נישט לאָזן פאַרנעפּלען..." ער, יעקב, איז מסכים געווען. ער האָט דאָך פריִער, נעכטן און אייערנעכטן, אויך אַזוי געטראַכט. אָבער איצט איז געווען שווער, כמעט אוממעגלעך... צו זיין ניכטער

אין דעם פּחד, דעם שגעוונדיקן שוידער וואָס האָט אים איינגענומען. „כ'האָב זיך נישט געריכט", האָט ער ווייטער געהערט ווי זי פליסטערט. „אַז דו'סט אַ מאָל קומען. אָבער אַז ד'ביסט דאָ... טאָ דערצייל מיר... זאָג מיר..."

ער האָט דערזען ווי זיינע הענט פאַלן אויף אירע אַקסלען, קלאַמערן אַרום איר האַלדז מיט דעם זייד פון די האָר, באַפּאַלן אירע היפּטן, פּרעסן איין איר טאַליע. זי האָט געבריט אין זיינע אָרעמס ווי אַ שטיק קויל און זי האָט אויך געציטערט, געשוידערט. „דערצייל מיר דו... זאָג מיר..." האָט ער געהערט ווי זיין קול רוישט אין זיינע אייגענע אויערן.

באַלד איז איר מויל געווען אויף זיינע ליפּן און איז דאָרט פאַרבליבן אינעם בשותּפותן אָטעם. אירע הענט און זיינע הענט זיינען געוואָרן טיילן פון דעם זעלבן גוף. די עפּענונג אין איר בלוזע איז גרעסער געוואָרן און פון דאָרט האָט זיך איר לייב אַרויסגעשיילט — און זיינס אויך. איינגעקלאַמערט איינער אין אַנדערן זיינען זיי געלעגן אויפן דיל. צוזאַמען האָבן זיי ערגעץ אַוועקגעלאָפירט מיט די מיילער, דער הויט; די הענט און די פיס איינגעפּלאָנטערט. ביז זיין האַנט האָט זיך פאַרטשעפּעט אין אַ דינעם קילן פאָדעם צווישן די בריסטן אירע, אַ קיל קליין חפצל, אַ צלמל.

„כ'האָב עס געמוזט אַראָפּנעמען... מיט אים... איצט מוז איך עס טראָגן... ווייל איך האָב מורא..." האָט זי געפּרעפּלט מיטן מויל אויף זיין אויער. „אָבער דו קוש מיך... קוש מיך דאָ, דורכן צלמל..."

ער האָט זי געקושט דורכן צלמל און זיך געזען עס טראָגן אויפן רוקן, דע־מאָלט... לויפן איבערן פעלד, און אַ המון קינדער נאָך אים. דער עץ־הדעת, דער בוים פון וויסן, איז געווען דער בוים פון טויט. גאָט האָט אים, אָדמען־יעקבן אויסגעטאָן דאָס העמדל פון אומשולד און אים באַקליידט מיטן בגד פון מענלעכ־קייט: די שוואַרצע איבעצע. זי האָט געלויכטן העלער ווי די כּתונת־אור פון אַ מאָל — און דאָך נאָך בלינדער געמאַכט.

ס'האָט שוין געשאַריִעט אויף טאָג, ווען יעקב איז אַרויס פון וואַנדעס הייזקע און זיך אַראָפּגעלאָזט צום שאָסיי. ער האָט אַפילו נישט באַמערקט ווען ער איז פאַרביי די שמידעריי און יואלס כאַלופּע.

אָנגעקומען אין דער מיל, האָט ער זיך אַריינגעשלייכט צו זיך אין אַלקערל און אַפּגעלעגן אויף זיין געלעגער אַ וואָכער ביז אין דער פרי. אין דער פרי האָט אַ צעטראָגענער, פאַראומערטער ר' פייוועלע אים אָפּגעזוכט אין דער קיך, ווו ער האָט געטרונקען זיין טעפּל ציקאָריע־קאַווע, און איז צוגעשטאַנען צו אים, אַז ער זאָל בלייבן אַרבעטן אין דער מיל. דערנאָך איז צירעלע אַריינגעקומען מיט דער זעלבער בקשה. ס'איז אויסגעקומען ווי ר' פייוועלע און צירעלע וואָלטן זיך געקלאַמערט אָן אים, ווי זיי וואָלטן זיך דורך אים געוואָלט פילן נענטער צו זייערע זין.

איז ער געבליבן. ס'איז אים דאָ וויל געווען. ער האָט אויפגעריכט די היים, געבראַכט פאַר דער מאַמען אַ פּאָר קילאָ מעל יעדער וואָך, קאַרטאָפל, אַ הינדל אויף שבת. ר' פייוועלע האָט אים אויך אויסגעצאָלט אַ פּאָר רובל יעדער וואָך און ער האָט דאָס אַהיימגעטראָגן צו הינדעלען.

אָבער עס האָט אים געצויגן אַוועק, געצויגן מיט אַזאַ באַגער, ווי יענע נאַכט — צו וואַנדען.

הינדעלע האָט געלייענט אין יעקבס האַרץ ווי אין אַן אָפן בוך. זי האָט אַליין אויך נישט קלאָר געוווּסט וואָס זי האָט געוואָלט פאַר יעקבן. איינס איז געווען זיכער: זי האָט נישט געוואָלט, אַז ער זאָל דאָס גאַנצע לעבן פאַרבלייבן אַ מיל-נער־יונג. דער שדכן, ר' מנשהלע, האָט זיך ווידער גענומען צו איר און איר אָפּגעריסן די טיר מיט שידוכים־פאַרשלאָגן פאַר יעקבן. און דאָס האָט איר אויך עפּעס נישט אויסגעזען קיין תכלית, הגם זי האָט זיך געמאַכט פאַרוואָרפן צוליב דעם. איז דען דאָס אויסגעבן קינדער אין פרייַדן נישט געווען דער חלום פון יעדער ייִדישער מאַמען? די זאַך איז געווען וואָס זי האָט מורא געהאַט, אַז יעקב וועט נישט זיין גליקלעך. זי האָט אים אַ מאָל געזען פון דער ווייטנס שמועסן מיט אַ מיידל מיט אַ פּאָר געלבע צעפּ. ווער איז זי געווען? ווו איז זי געווען? מען האָט געדאַרפט וואַרטן ביז יעקב וועט קומען און דאָס אַליין אַרויסברענגען. אָט דער ניי־מאָדישער פּאַסאָן פון אַליין זיך אויסזוכן אַ זיווג איז איר, הינדע-לען, לעצטנס גראָד געווען צום האַרצן. איר שלום האָט דאָך געפירט אַזאַ שיין לעבן מיט דעם ווייב וואָס ער האָט זיך אַליין אויסגעקליבן.

און נישט נאָר אין אַ זיווג איז עס דאָך איר, הינדעלען, געגאַנגען. זי האָט גוט געקענט דעם אומרו וואָס האָט געהיים אַרויסגעשיינט פון אונטער דעם וואַרעמען שטילן ליכט פון יעקבס אויגן. לעצטנס האָט אָט דער אומרו זיך פאַרוואַנדלט אין אַ כּוח, אַ ווילדן טרייב, אָט ווי אַ דיבוק וואָלט אין אים אַריין. נישקשה, ער האָט קיין איבעריק וואָרט איר נישט געדאַרפט זאָגן. ווי שטאַרק זי האָט געוואָלט אים פאַרשטיין! וואָהין האָט ער זיך געריסן, וואָס האָט ער געוואָלט? און וואָס איז אים געגאַנגען? — צו מאָל האָט זי געהאַט דעם איינ-דרוק, אַז יעקב וואָלט דאָס איר אַליין נישט געקאָנט זאָגן, ווייל ער האָט אַליין נישט געוווּסט.

לסוף האָט יעקב באַשלאָסן אַוועקצופאָרן. איידער ער האָט געזאָגט דער מאַמען דערוועגן, האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט צו ר'סענדערלען דעם מקובל אין קלייטל.

אַ פּאָר ליכטיקע קינדיש־בלויע אויגן האָבן אויפגעלויכטן אין דער טיף פון קלייטל. מער ווי אָט די פּאָר אויגן האָט ר' סענדערל נישט אויסגעזען צו פאַר-מאָגן. נאָך דער הריגה אין שטעטל איז ער געוואָרן נישט מער ווי אַ שאָטן פון

זיך. אַפילו זיין רייכע זילבער־ווייסע באָרד איז אויסגעדריוולט, שיטער געוואָרן. בלויז די אויגן האָבן אויסגעזען ביי אים קלאָרער, ליכטיקער ווי אַ מאָל, אפשר דערפֿאַר ווייל זיי האָבן זיך נאָך שטאַרקער אָפּגעשלאָגן פון דער פאַרמעט־בלייכקייט פון זיין פנים. זיין מויל, נישט מער ווי אַ שטריכעלע בלוי אין דער בלייכקייט, האָט זיך צעשפרייט אין אַ שמייכל, ווען ר׳ סענדערל האָט דערזען יעקבן. דאָס ליכט פון דעם אַנגעצונדענעם פאַרסאַזשעטן נאַפטלאָמפּ האָט קאַרג אַדורכגעשיינט דורכן גלעזל און אַרומגעזיימט דאָס רויטע טיכל אַרום דעם זקנס האַלדז, באַלויכטן די געלע שטאָבעס זייף, מיט וועלכע ער איז געווען אַרומגערינגלט.

„אָט דאָס איז ער, דער אַלטער ר׳ סענדערל״, האָט יעקב צו זיך אַ זאָג געטאָן, ווי ער וואָלט פאַרפעסטיקט אין זכרון דאָס בילד וואָס ער האָט געהאַט פאַר די אויגן. צוזאַמען דערמיט האָט דער זכרון פאַרפיקסירט דאָס וואָס ער האָט פאַרנומען מיט דער נאָז: דעם ריח פון זייף, דעם טוכלען ריח פון די פייכטע ווענט, דעם ריח פון קאָפּטשענדיקן נאַפטלאָמפּ; און אויך דאָס, וואָס ער האָט פאַרנומען מיטן אויער: ר׳ סענדערלס ווייך־לחשדיקע קול, וואָס איז אויסגעקומען נישט־ממשותדיק, ווי אַל דאָס פיזישע וואָלט זיך געהאַט אָפּגעטאָן דערפון במשך פון די יאָרן און יאָרן פון זאָגן און זינגען, ברומען און פליסטערן רוחניותדיקע ווערטער.

„היתכן? עפעס חלילה געשען?״ האָט ר׳ סענדערל אַ פרעג געטאָן און אויסגעשטרעקט דאָס דורכזיכטיקע הענטל צו יעקבן.

יעקב האָט טיף אַריינגעאָטעמט דאָס גלעטנדיקע ליכט וואָס האָט אַרויסגעשטראַלט פון ר׳ סענדערלס בליק. „ס׳דאַרפט געשען... ביי מיר״. האָט ער אַ פרעפל געטאָן. „כ׳קלייב מיך אין וועג אַריין. בין עך אַריינגעקומען...״

ר׳ סענדערל האָט אַנגעשפּיצט די ברעמען. „ס׳ט ווייי טאָן דער מאַמען. זי׳ט ווערן איינע פון דער מחנה קלאָגערינס. ד׳ווייסט דען וואָס אין שטאָט טוט זיך?״

„וואָס טוט זיך?״ האָט יעקב אים אַנגעקוקט מיט שטוינען.

„די וועלט עקט זיך״, דער ווייכער נאָכקלאַנג פון ר׳ סענדערלס קול האָט געגומען וויברירן, אונטערציטערן. „ס׳קומט אַרויס ווי בוימל אויפן וואַסער... בית־מדרש־בחורים כופרים־בעיקר. מען צעלופט זיך פון באַטשאַני אין שאול־התחתית אַריין. צעבראָכן די הערצער פון טאַטע־מאַמע אויף פּיק־פּיצלעך. אַ פאַלק פון שיבעה־זיצערס איז מען געוואָרן; און וואָס ערגער איז, אַז מען קלערט, אַז דער קיום־האומה ווערט אונדז אָפּערגעריסן פון אונטער די פיס, אַז די סיטרא־אחרא האָט דערגרייכט וואָס זי האָט געוואָלט, פאַרשטייסטע מיך. און סע העלפט נישט קיין טרייסטן...״

ר׳ סענדערל האָט זיך צעוויינט. טרערן האָבן אים געוואַשן דאָס דורכזיכטיקע פנים און אַראָפּגעקאַפּעט אויפן צעעפנטן ספר וואָס ער האָט געהאַט פאַר

זיך. אינעם שיין פון דעם נאַפּטלאַמפּ האָט דאָס פּייכטע פּנים זיינס געלויכטן ווי אַ לאַמטערנע פון צער.

„ווײנט נישט, ר׳ סענדערל״, האָט יעקב אַרויפגעלייגט די האַנט אויף דעם זקנס אַקסל. „ס׳איז נישט אַזוי שלעכט ווי מענטשן זעען דאָס. מען האָט דאָך אַלע דעם קערן אין זיך... מען זוכט נאָר...״

ר׳ סענדערל האָט זיך נישט געלאָזט טרייסטן. „דו האָסט אים נאָך אפשר, דעם קערן. ד׳ווילסט אים נאָך... אָבער אַנדערע זענען אים עוקר־מן־השורש. און דו אַליין... ווער ווייסט וויפל צייט ס׳עט דיר נעמען...״

„אַלץ וואָס עך ווייס, ר׳ סענדערל, איז, אַז איך שטיק מיך דאָ... עפּעס טויג נישט...״

„זעסט ווי דו רעדסט שוין, יעקב? פּאַר וואָס האָט פּאַר אַזוי פיל דורות געטויגט. און דאָ, מיט אַ מאָל... טויג נישט? ס׳ט פאַרלוירן די כוונה״.

„ניין... נישט פאַרלוירן. נאָר זי זוכט אַ נייעם וועג...״

„נישטאָ קיין נייער וועג, נאָריש קינד. ס׳איז דאָ נאָר איינער, דער איינציקער. און ער איז נישט אַלט און נישט ניי. ער איז דער וועג. און וואָס שייך דער ציִעניש... ציט דעם בן־אָדם אייביק. ס׳האַלט אין איין ציִען. און מיך מיינסטו האָבן נישט געפּייניקט קיין טונקעלע תשוקות? כ׳דערמאָן מיך...״

„כ׳וויל ווערן קאַפּיטאַן פון מיין אייגענער שיף, ווי מען זאָגט דאָס, ר׳ סענדערל״.

„רעדסט נאַרישקייטן״, האָט ר׳ סענדערל געדרייט מיטן קאָפּ. „ס׳מעג זיך דיר אויסדאַכטן, אַז דו האַלטסט דאָס רעדל, אָבער נישט דו פירסט דיין שיף״.

„וויל עך לעבן כאָטש מיט דער דאַכטעניש״, האָט יעקב נישט נאָכגעגעבן. „אפשר ׳על איך דורך אַלע ראַנגלענישן און נסיונות אַרומקרייזן די וועלט אַרום און אַרום, און אַז כ׳על מיך דערשלאָגן צו אַ ברעג, ט׳איר, ר׳ סענדערל, וואַרטן אויף מיר...״ ער האָט אַ גלעט געטאָן ר׳ סענדערלס אָרעם און זיך דערמוטיקנדיק צעשמייכלט צו אים.

ר׳ סענדערל האָט זיך נאָך שטאַרקער צעוויינט. ער האָט געעפנט אַ שופלעדל און אַרויסגענומען פון דאָרט אַ בלעכל געדיכט באַדעקט מיט קרומע, אויסגע־קריצטע אותיות. „נאַ...״ האָט ער געזופּט מיט די ליפּן. „ס׳ט האָבן אַ קמיע דיך צו באַ... באַשירעמען״.

יעקב איז אַרויסגעגאַנגען פון ר׳ סענדערלס קרעמל מיט אַ צוריקגעהאַל־טענעם, פאַמעלעכן טראָט, אַן אָדורכגענומענער מיטן זקנס צער. יאָ, ער האָט שטאַרק געוואָלט צוריקקומען צו אָט דעם ברעג, צו דער מנוחה וואָס האָט געפּלעגט באַהויכן ר׳ סענדערלען, צו דער וואַרעמקייט וואָס האָט אים אַרומ־גענומען לעבן דער מאַמען, צו דער שיינקייט און פּשטות פון זיין היימשטע־טעלע. נאָר קודם און פריִער פון אַלץ האָט ער געמוזט, ווי יואל האָט אים

געלערנט, טועם זיין פון אַלע טעמען וואָס זיינען נאָר מעגלעך געווען. די וועלט, די ממשותדיקע, איז געווען וויכטיק; אָן איר האָט די וועלט פון רוחניות קיין ממשות נישט געהאַט. ער האָט געמוזט אָט די וועלט באַרירן מיט זיינע אייגענע הענט, זען זי מיט די אייגענע אויגן, נישט דורך ספרים און פרושים. און יאָ, ער האָט געוואָלט זי באַווירקן, אויפטאָן עפּעס אין איר — זאָל זיין קלייניקייטן. די פראַגע איז נאָר געווען, צי ער וועט זיין שטאַרק גענונג בעת־מעשׂה נישט צו פאַרלירן דעם פאַדעם, וואָס האָט אים געהאַלטן צוגענאָפּלט צו זיין שורש, צי ער וועט געפינען דעם וועג צוריק.

דער געדאַנק וועגן דער מאַמען האָט אים געפּייניקט. ער האָט געוווסט, אַז זי איז געווען אַנדערש פון אַנדערע מאַמעס; אַז זי וועט זיך נישט זעצן שיבעה נאָך אים, וואָס ער זאָל נישט טאָן. זי האָט דאָך געשיקט די ייִנגסטע שוועסטער, שיינדעלען, אין דער שקאָלע וואָס די דייטשן האָבן געעפנט ביים שמאָלן טאָפּאָליע־וועג. און זי האָט דאָך געלייענט ספרימלעך, נישט נאָר פון שומ״ר, וואָס דער פּאַקן־טרעגער האָט איר אויסגעליִען, צי פאַרקויפט, נאָר אויך די ביכער וואָס ער, יעקב, האָט איר געבראַכט פון ר׳ פייוועלע מילנערס שאַפע. וויפל טרערן זי האָט דאָס לעצטנס פאַרגאָסן ביים לייענען „הערשעלע״ פון יעקב דינעזאָן! — זי וועט אים יאָ פאַרשטיין.

איז וואָס? ווי אַזוי האָט מען געקאָנט אָפּמעסטן אויף דער וואָגשאָל איר פאַריתומטקייט, איר זאָרג און ציטערניש — און פאַרגלייכן דאָס מיטן כּוח פון זיינע, פון יעקבס ווילנס צו נסיון, מיט זיינע ווונטשן צו לעבן זיין אייגן לעבן? און ער האָט זיך געפילט נאָך מער שולדיק ווייל ער האָט זי נישט צוגעגרייט, ווייל ער האָט לעצטנס זעלטן געפונען צייט פאַר איר. דערצו האָט נאָך אַ מלחמה געבושעוועט אויף דער וועלט. דער מאַמעס האַרץ האָט סיי ווי געפלאַטערט מיט אימה און זאָרג. דערפאַר האָט ער אַפילו איצט, ווען ער האָט שוין אַלץ געהאַט קליפ און קלאָר באַשטימט, אויך אָפּגעלייגט דאָס זאָגן איר, פון איין טאָג אויפן אַנדערן.

דערווייל האָט זיך אונטערגערוקט דער ברית פון זיין ברודער שלומס צווייטן זון.

הינדעלע האָט געפראַוועט אַ שטיקל שׂימחה ביי זיך אין בוידעמשטיבל. מען האָט אַרויפגעבראַכט אַ פּאָר בענק פון בית־מדרש און הינדעלעס חברטע, נעכעלע די געשטופּלטע, די אַלמנה פון שמש ר׳ לייבעלען, האָט איר געהאָלפן צוגרייטן דעם כּיבוד. הינדעלע האָט געשטעלט בראָנפן און געלאָזט די פאַר־בעטענע חסידים אָפּהאַקן אַ גאַנצן אויפדערנאַכט אויף דעם טיש און די בענק. אין די צעפלויגענע קאַפּאָטעס און טלית־קטנס, מיט די צעבונדענע רויטע פּאַטשיילעס אין די הענט, זיינען זיי אַזוי פאַרטראָגן געוואָרן פון דער זינגעניש און דער האָצקעריי, און הינדעלע און נעכעלע מיט זיי, אַז זיי האָבן פאַרגעסן,

אַז זיי געפינען זיך אויף אַ בוידעם פון אַ הייזקע וואָס זשיפּעט קוים. ערשט יאָסעלע אַבעדאַלע האָט געמאַכט אַ רעש, אַז ער הערט ווי די בעלקעס טרעשטשען אונטער דער פּאַדלאָגע. האָט מען אונטערגעוואַרט אַ מינוט, גאָרנישט געהערט, אויסער מאַנקע דער וועשינס קו אונטן, וואָס האָט זיך אימהדיק צעמוקעט — און מען איז אַנגעגאַנגען מיט דעם זעלבן התלהבות.

אַ טאָג פריִער איז הינדעלע צוגעשטאַנען צו אים, צו יאָסעלען, אַז ער זאָל זי נישט פאַרשעמען — ער איז דאָך געווען איר שכן במשך פון אַזוי פיל יאָרן, זיי האָבן דאָך אַזוי גוט געקענט איינער דעם אַנדערנס פריידן און ליידן — און ער זאָל קומען אויף דער קליינער שימחה.

נעכטן האָט ער זיך געהאַט גוט אָנגעכעסט אויף הינדעלען וואָס זי האָט אים נישט צו רו געלאָזט מיט די נאַרישע בקשות. אַ שימחה אויף זיין קאָפּ? ער זאָל זי איר באַשיינען — מיט וואָס? מיט זיין צער, מיט זיין ביטער־ניש? קלאָר ווי דער טאָג, אַז זי האָט אים פאַרבעטן אויס רחמנות, די ייִדענע. ער האָט נישט געברויכט איר רחמנות. דאָס נעלם וועלן פון זיינע צוויי קינדער, פון זיינע טייערסטע, הערשעלען זיין קדיש און בינהלען זיין מיזינקע, האָט אים געטראָפן ווי אַ שלאַק, אָבער נישט אומגעוואָרפן פון די פיס. ער האָט נישט געדאַרפט מען זאָל אים מיטפּילן.

דאָך האָט הינדעלע דאָס מאָל געפועלט ביי אים.

ר׳ יאָסעלע איז געשטאַנען אָנגעלענט אָןביישטידל און זיך געוויגט אַהין און אַהער, ווי ער האָט דאָס געטאָן אויף דער שוועל פון זיין קרעמל.

ווידער האָט ער אַ געשריי געטאָן: „זאַכטע, די פּאַדלאָגע!״

דאָס מאָל האָט זיך טאַקע דערהערט אַ קנאַק, דער דיל האָט זיך אַ וויג געטאָן און אַ פּאָר חסידים האָבן זיך איבערגעקערט איבער די בענק. יאָסעלע האָט אונטערגעכאַפּט וועמען ער האָט געקאָנט. מען האָט זיך געריבן די קעפּ און די זייטן; הינדעלע מיט נעכעלען האָבן יעדן אָפּגעפּוצט און דער עולם האָט זיך צוזאַמענגעקוועטשט אויף די בענק. הינדעלע האָט אויפגעשפּרייט אַ ווייס טישטעך און צוזאַמען מיט נעכעלען און די צוויי טעכטער האָט זי דערלאַנגט די צוגעגרייטע מאכלים און איינגעגאָסן קוואָרטן טיי.

ביים טיש האָט מען זיך צעשמועסט דברי־תורה. שלום האָט זיך אַריינ־געלאָזט אין אַ וויכוח ביי איין עק טיש און יעקב האָט זיך צוגעהערט ווי ייִדן זיינען זיך מפלפל, ביים אַנדערן. ער האָט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון יאָסעלע אַבעדאַלע, וועלכער איז געזעסן ביים טיש, צווישן די חסידים, אַ פרעמדער און דאָך אַן אייגענער. יאָסעלע האָט זיך אַרויסגעהויבן פון זיינע אַרומזיצערס מיט זיין גרייס, זיינע הויכע גלייכע אַקסלען, דער רייכער געל־גרויער באָרד און דעם שטרענגן ערנצטן פּנים. „פון זיין זאָמען איז זי אַרויסגעקומען...״ האָט

יעקב געטראַכט וועגן בינהלען, קוקנדיק אויף יאָסעלען, און געזוכט זיך צו דערוויסן מער וועגן איר מהות פון די שטריכן פון איר טאַטנס פּנים.

יאָסעלעס פּנים איז געווען איבערגעשטראָכן מיט קנייטשן, טרוקן, האַרט און דאָך באַהויכט מיט אַ רו, אַ מין שטאָלץ. ער האָט זיך בייגעקומען. זיך גובר געווען און געקומען אַהער, ווייל דאָ האָט ער געדאַרפט זיין. מען האָט זיך מער נישט געטאָרט אַזוי אָפּזונדערן פון קהל. מען האָט זיך געמוזט פעסטער צוזאַמענהאַלטן מיט דער מחנה געטרייע, די בעלי־אמונה, וואָס האָבן איצט געטראָגן אַ טאָפּלטע לאַסט אויף די אַקסלען. נישט וויכטיק געווען צי עמעץ איז דיר יאָ געפעלן צי נישט. דער בראָך האָט געטראָפן נישט בלויז אים, יאָסעלען — נאָר כמעט יעדן איינעם פון די עלטערע ייִדן וואָס זיינען דאָ געזעסן אַרום ביים טיש. יעדער טראָפּן משקה וואָס מען האָט גענומען צוזאַמען, יעדער ביסן אין אַ חברותא האָט צעמענטירט דעם צעווונדיקטן גוף פון דער עדה.

בעת די חסידים האָבן געגעסן איז הינדעלע געשטאַנען אין אַ ווינקל פון צימער, לעבן פענצטער, געלאָזט נעכעלען און די טעכטער זיך פאַרען ביים טיש. ס'איז איר געווען שוואַך ביים האַרץ און זי האָט געמוזט אָט אַזוי אַ רגע זיך פאַרהאַלטן. די פייכטע לופט וואָס איז אַריינגעקומען דורכן אָפענעם פענצטער איז אַריינגעדרונגען טיף אין איר. זי האָט געשפּירט דעם שאַרפן ריח פון די האַרבסטיקע פאַרוועלקטע בלומען אין די נאַנעס גאָרטן אונטן, דעם ריח פון די נאַקעטע, פייכטע ביימער, פון דער בלאָטיקער ערד. די ריחות האָבן זיך אויסגעמישט מיטן ריח פון ביליקן בראָנפן וואָס האָט זיך געטראָגן פון טיש. זי האָט קוים געקאָנט צוריקהאַלטן די טרערן. דער קאָפּ האָט זיך איר אַזש פאַרדרייט פון פרייד, און אויך פון אַ טרויער, וואָס איז געווען מער באַאומרויִקנדיק דערפאַר, ווייל עס איז נישט געווען קיין ממשותדיקע סיבה צו זיין טרויעריק היינט.

מיט אַ מאָל האָט זיך איר בליק באַגעגנט מיט יעקבס בליק. זיי האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט פון דער ווייטנס, ווי זיי וואָלטן, קעגן זייער ווילן, געווען פאַרטוישן די באַהאַלטנסטע סודות פון זייערע נשמות. יעקבן איז קלאָר געוואָרן, אַז ער האָט נישט פאַרמאָגט דעם כוח איר ווײ צו טאָן. ער האָט זיך שטראָליק־ייִנגליש צעשמייכלט צו איר.

קאַפּיטל פינף

1

סוף־כל־סוף האָט הינדעלע דאָך באַקומען די באַשטעטיקונג פון אַן אמת וואָס זי האָט שוין געוווּסט פון לאַנג: אַז פרייד אין סאַמער לויטערקייט איז נישט בנימצא. אַז דאָס לעבן שטעלט צו דעם ביטערן טראָפּן — כּדי צו מאַכן די פרייד דערטרעגלעכער. הינדעלע איז דעריבער נישט נתפּעל געוואָרן. זי האָט אויך געוווּסט, אַז דער צושטעלער פון די ביטערסטע טראָפּנס, פּונקט ווי פון די סאַמע זיסטע, האָט געקאָנט זיין דער נאָענטסטער און ליבסטער — אַ זון למשל.

אַוודאי האָט זיך הינדעלע שוין לאַנג משער געווען, אַז יעקב וויל אַוועק. זי האָט נאָר נישט געוווּסט ווען ער וועט. און אַז יעקב האָט זיך אָוועקגעזעצט לעבן איר — ווי ער האָט געפּלעגט אַ מאָל, און וואָס ער האָט שוין לאַנג נישט געטאָן — האָט זי, נאָך איידער ער האָט געלאָזט פאַלן אַ וואָרט, געוווּסט וואָס ער פאַרנעמט זיך איר צו זאָגן. דאָך האָט זי זיך צוגעהערט צו אים, און געלאָזט אים דערציילן, דאָס מאָל פּרטימדיק, וועגן אַבראַשקען און יואלן — און אויך וועגן בינהלען.

ווען זיין בליק האָט זיך בעת־מעשה באַגעגנט מיט אירן, האָט ער געשפּירט, אַז זי ווייסט נאָך מער ווי ער האָט איר געקאָנט דערציילן, און אַז טראָץ דעם צער וואָס זי האָט געפילט, איז זי געווען אַזוי אַ טייל פון אים, אַז זי האָט געוואָלט דאָס וואָס ער האָט געוואָלט — וואָס דאָס זאָל נישט האָבן געווען.

„ווילסטע, הייסט עס, אַוועקפאָרן קיין לאָדזש", איז זי אים פאַרלאָפן דעם וועג, כּדי אים העלפן אַרויסקומען מיט דער בשורה וואָס ער האָט זיך געגרייט איר אַנצוזאָגן.

ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן איר פראַגע. „לאָדזש איז דאָך סוף־כל־סוף בעסער ווי ווען כ'וואָלט מיך געדאַרפט שטעלן צום פּריזיוו, נישט אַזוי?" האָט ער בלייך אויפגעשמייכלט. „די דייטשן זענען דאָ אין באַטשאַני און ז'זענען דאָ אין לאָדזש. ביסטע כאָטש פון דער דאגה וועגן גיין אין מיליטער פּטור".

„גאָט זיי דאַנק דערפאַר", האָט זי צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. אָבער בעת־מעשה האָט זי געטראַכט, אַז ער וואַרפט זיך מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנקן בעט

אַריין. מענטשן זיינען דאָך אַנטלאָפן פון לאָדזש אין די קליינע שטעטלעך. אין לאָדזש האָט דאָך געוואָרט דאָס אָפענע פּיסק פון אַן אַנדער גרויסער סכנה: הונגער, מגפות. דאָך האָט זי געמוזט געפינען אין זיך דעם מוט איינצושטימען מיט זיין באַשלוס. ער איז געווען דער בעל־הבית פון זיין אייגן לעבן, נישט זי. און וואָס וואָלט זי דען אויפגעטאָן מיטן נישט איינשטימען? „פאַרסטע שוין מאָרגן טאַקע?" האָט זי געפרעגט.

ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ. זי האָט זיך גענומען פּאָרען אַרום אים, כּדי ער זאָל נישט באַמערקן ווי שטאַרק אויפגעטרייסלט זי איז, און ער זאָל נישט האָבן קיין צער. זי האָט זיך צענישטערט איבער די שופלעדער, איינגעגראָבן אין זיי די הענט, כּדי ער זאָל נישט זען ווי זיי ציטערן ביי איר, און האָט געזוכט וואָס אים מיטצוגעבן אין וועג אַריין. ס'איז דאָך געווען ווינטער אויף דער וועלט. בעת־מעשׂה האָט זי בגנבה געוואָרפן בליקן אויף אים פון דער זייט — און דאָס האַרץ האָט שוין געשניטן פון בענקעניש.

אוודאי האָט זי געוואָלט דאָס וואָס ער האָט געוואָלט. זי האָט דרך־ארץ געהאַט פאַר זיינע באַשלוסן. זי האָט געוווּסט, אַז פון אירע נסיונות, פון אירע דערפאַרונגען קאָן ער נישט לערנען. זי האָט נאָר געבעטן, אַז ער זאָל פאַרמאָגן כּוח צו לערנען פון זיינע אייגענע. אָבער קיינער האָט נישט געקאָנט צונעמען איר אייגענע רעכט און פּריווילעגיע — זיך צו לאָזן צענעמען פון צער, זיך לאָזן צעשניידן פונעם ווייטיק וואָס האָט געיאָטערט אין האַרצן. אַוודאי וועט זי דאָס אָפּלייגן אויף שפּעטער, אויף מאָרגן, איבערמאָרגן. זי וועט האָבן אַ סך צייט צו וויינען, אַ גאַנץ לעבן — צו פּלאָטערן. אַצינד האָט זי געמוזט האָבן טרוקענע אויגן. ער, דאָס יִינגעלע, דאָס קינד, דער גרויסער פּראַקטיקער מאַנס־פּאַרשוין, וועלכער איז געזעסן זייטיק אויף דער באַנק לעבן טיש, האָט דאָך אָהערגעשטאַרט צו איר מיט די ברייט־צעעפנטע, זיס־טרויעריקע האָניקאויגן, וואָס האָבן איר געלעקט דאָס פּנים מיטן צערטלעך־וואַרעמען שיין; אַ בליק וואָס זי האָט קוים געקאָנט פאַרטראָגן — און געמוזט פאַרטראָגן, געוואָלט...

„פאַר וואָס עפּעס זאָגסטע גאָרנישט, מאַמע?" האָט זי דערהערט זיין קול.

„וואָס איז דאָ צו זאָגן, זונלעבן, הע?"

זי האָט זיך צוזאַמענגענומען, זיך אויפגעשטעלט פון די שופלעדער און זיך דערנענטערט צו אים, אַזוי אויסגעגלייכט ווי איר געבויגענע פּלייצע האָט דער־לויבט. זי האָט אַרויפגעלייגט די קליינע, אויסגעפּראַצעוועטע האַנט מיט דער געראונצטלער, אויפגעפּלאַצטער הויט אויף זיין קאָפּ און אים אַ קוש געטאָן אין שטערן.

„וואָס עך האָב דיר צו זאָגן, ווייסטע דאָך אַליין... נו, טאַקע אַזוי..." זי האָט זיך אָנגעזעצט לעבן אים און גענומען זיינע ביידע הענט אין אירע. „דו ווייסט, אַז דאָס זיין אַוועק פון דער היים איז ווי אַפּריכטן גלות, בתּוך

הגלות. דאָך וואָלט דאָס צורעדן דיך צו בלייבן געווען אייגננוציק מצד מיר. אַ מענטש... אַפילו אַ מאַמע... טאָר נישט האַלטן ביי זיך איר עשירות, נאָר מוז עס צעטיילן... אָוועקשענקען דער וועלט. מוז עך דיך לאָזן ווערן אַ וואַנדערער. ס'שטייט דאָך ערגעץ געשריבן, אַז דער רבונו־של־עולם האָט געזאָגט צו אַברהם אָבינו: 'לך לך', ווייל אַברהם אָבינו איז געווען ווי אַ פלעשעלע פּערפום. מען האָט געקאָנט שמעקן זיין ריח, דעם טייערן, נאָר ווען ר'האָט זיך באַוועגט..." זי האָט אַ שלינג געטאָן. „קיין גרויסעס אין וועג אַריין האָב עך דיר נישט מיטצוגעבן..."

זי האָט אים מיטגעגעבן איר טרעריקן ערב־שמייכל.

2

ווען יעקב איז אָנגעקומען קיין לאָדזש איז שוין דער דייטשער אָקופּאַנט געזעסן פעסט אויפן זאָטל. דער הונגער האָט געבושעוועט. די פאַבריקן זיינען געשטאַנען. די סירענעס האָבן מער נישט געוויעט. כמאַרעס מענטשן האָבן אין ערגעץ נישט געאיילט. די שפּאַנונג פון בויען, פון פּראָדוצירן איז איבערגעהאַקט געוואָרן ווי מיט אַ האַק. און ווי אַ גוף וואָס זיינע געבינדשנורן זיינען איבער־געשניטן געוואָרן, איז דאָס לעבן זיך פונאַנדערגעפאַלן אין אַ שלאַבעריקער אָנמאַכט.

די נייע מאַכטהאָבערס האָבן צעפלינדערט די שטאָט און אָוועקגעפירט צו זיך אַהיים אַלץ וואָס האָט געקאָנט האָבן אַ נוצן פאַר זיי און פאַר זייער קריגס־מאַשין: שפּייז, רוישטאָפן, פּראָדוקציע־מאַטעריאַלן, מאַשינען און אויך אַרבעטס־הענט. זיי זיינען געגאַנגען פון הויז צו הויז, געזוכט, געננישטערט און צוגע־נומען קופּערנע פאַנען, מעשענע מערזשלעך, סאַמאָווואַרן, קלאַמקעס פון טירן — אויף צו פּראָדוצירן אַמוניציע.

די רוסישע קערבלעך האָבן פאַרלוירן יעדן ווערט. די שטאָט האָט אויסגעזען ווי אַן עיר־מיקלט פאַר בעטלערס און שלעפּערס, וועלכע האָבן סטאַדעסווייז אַרומ־געוואָנדערט איבער די גאַסן, באַקליידט אין שמאַטעס לאַך אויף לאַך. די טיפוס־עפּידעמיע איז אַריבער. איצט האָט שווינדזוכט געהוליעט. לוויות גוייִשע און יידישע האָבן כסדר געצויגן איבער די גאַסן. נישט בלויז די רייכע, נאָר אויך די אַרבעטסלאָזע און אַרעמע־לייט, וועמ עס האָט נאָר געהאָט די מינדסטע מעגלעכקייט, האָט זיך אָוועקגעלאָזט אין דערפער און די קליינע שטעטלעך, ווו ס'איז לייכטער געווען מיט אַ שטיקל ברויט.

גלייך ווי יעקב איז אַריינגעקומען קיין לאָדזש — האָט ער זיך דערשלאָגן צו אַ חסידים־שטיבל אויף דער פּיעטריקאָווער־גאַס. ס'איז געווען אַ ווינטער־

דיקער פאַרנאַכט. יעקב איז געווען מיד פון לאַנגן וועג, נישט אויסגעשלאָפן, אַדורכגעביסן פון פראָסט און פון דער אינערלעכער קעלט, וואָס האָט אים איינגענומען גלייך ווי ער איז אַריינגעפאָרן אין שטאָט. אָבער ווי נאָר ער איז אַרייַנגעפאַלן אין אַנגערייכערטן, פאַרגרויטן שטיבל, האָט אַ ליבע וואַרעם אים אַרומגענומען. אַ פייער האָט פריילעך געקנאַקט און געצישעט אין איינגעהייצטן קאַנאַן־אייוועלע הינטער די פּאָר שטענדערס. דאָס צימער איז געווען פול געפּאַקט מיט חסידים. אַ גרייז־גרויער ייִד איז געשטאַנען ביים ברעטל און מיט אַ וויינענדיק קול געדאַוונט מינחה. דער טומל אַרום איז געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט דעם בעל־תּפילה נישט געקאָנט הערן.

יעקב האָט זיך צוגעשטופּט צום אייוועלע, אונטערגעלייגט זיך דאָס קלומיקל אויף דער פּאַדלאָגע און זיך אַוועקגעזעצט, מיטן פּנים און די הענט אַנטקעגן דער וואַרעמקייט וואָס האָט געשלאָגן פון די אויוונטירלעך.

ער האָט געקוקט אויפן גרויען שאָטנליכט אין די מאַט־פאַרפרוירענע שויבן, אויף די אָפּגעריסענע ווענט, דעם פאַרחושכטן באַלקן, וואָס אין זיין מיטן האָט געקאַפּטשעט אַ צעפּינטלטער הענגלאָמפּ; געקוקט אויפן קרומען אַלטן שטובזייגער וואָס איז געשטאַנען אָנגעלענט אָן דער וואַנט, לעבן די פּאָליצעס מיט צעטרייבערטע, קוים שטייענדיקע ספרים מיט איינגעראָלקעוועטע דפים־שפּיצן. אין דער טיף פון צימער איז געשטאַנען אַ געוויינטלעכע שאַפע, דער אָרון־קודש. דער שולחן דערלעבן איז געווען איבערגעדעקט מיט אַ שמוציק פּאַפּיר.

יעקבס אויגן האָבן דורכן נעפּל פון די פּאַפּיראָסלעך געגנישטערט צווישן די חסידים וועלכע זיינען געשטאַנען, צי געזעסן צווישן די צוויי רייען טישן און בענק — וועמעס פּנים איז געווען געגנוג איינלאַדנדיק, מען זאָל קענען צוגיין, אַ פרעג טאָן אָן עצה?

אַ טשייניק האָט געוואַנדערט פון האַנט צו האַנט. די חסידים האָבן געזופּט הייסע ציקאָריע־קאַווע פון בלעכענע טעפּלעך, געהאַלטן זיי צווישן די הענט, און בעת זיי האָבן גערעדט, האָבן זיי איבערגעטראָגן דאָס טעפּל פון איין האַנט אין דער אַנדערער, זיך אַרויסצוהעלפן אין שמועס אַ מאָל מיט דער לינקער, אַ מאָל מיט דער רעכטער האַנט. די קעפּ האָבן זיך באַלעבטע באַוועגט, ליפּן האָבן גיריק געזופּט די קאַווע, די סלינע און די רייד — וועגן פּאָליטיק, סטראַטעגיע, ייִדן־שינאה אויףביידע זייטן פון די פראָנטן, סיי צווישן די פּרייסישע אָפיצירן, סיי ביי די רוסישע מאַכטהאָבערס וועלכע האָבן געהאַלטן אין איין אָוועקשיקן מאַסן ייִדן פון אַלע געביטן נאָענטע צום פראָנט, ווייל ייִדן האָבן געקאָנט דייטש און זיינען געווען אַ פאַררעטערישער עלעמענט. אויסער דעם האָבן די חסידים זיך געטיילט מיט דאגות־פּרנסה.

„נאַ, דערוואַרעם דיך!” האָט יעקב דערהערט אַ קול איבער זיך. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דערזען אַ גאָר לייטיש געקליידטן יונגן־מאַן מיט אַ

טעפּל קאַווע אויסגעשטרעקט צו אים. „כ׳האָב דיך באַמערקט אַריינקומען מיטן קלומיק״, האָט דער יונגער־מאַן צוגעגעבן. „פון וואַנען קומט אַ ייִד?״

„יישר־כוח!״ יעקב האָט גענומען פון אים דאָס טעפּל. דער יונגער־מאַן האָט זיך אַן צערעמאָניעס אַוועקגעזעצט אויף דעם ברעג פון אַ באַנק און הויך זיך צעזופּט פון זיין טעפּל קאַווע. יעקב האָט אים געענטפערט: „פון באַטשאַני קום איך״. ער האָט באַטראַכט דעם יונגן־מאַן וועלכער האָט אויסגעזען אַ ביסל עלטער פון אים און האָט געהאַט אַן אָפן קיילעכדיק פּנים, אַ פיינע אַדלערנאָז און אַ פּאָר ליכטיקע, אַ ביסל אַרויסשטאַרצנדיקע אויגן פון וועלכע ס׳האָט אַרויסגע־לאַכט אַ הייס, פריינדלעך־לצניש פייערל. „קודם ברויך איך אַ נאַכטלעגער״, האָט יעקב צוגעגעבן. „שפּעטער וויל איך מיר געפינען אַרבעט״.

דער יונגער־מאַן האָט געדרייט מיטן קאָפּ ווי ער וואָלט זיך נישט צוגע־גלייבט, אַז ער הערט טאַקע דאָס וואָס ער הערט. „ביסט געקומען אין אַ טויטער שטאָט אַריין, מענטש איינער!״ האָט ער אויסגערופן. „וואָס הייבסטע דיך נישט אויף טאַקע שוין און פאָרסט צוריק פון וואַנען ד׳ביסט געקומען? אַראָפּ פון זינען ביסטע, צי ד׳ווילסט אָפּקומען אַ שטראָף פאַר דיינע זינד, הע? אַלץ איז דאָך אַנטלאָפן פון דאַנען אין די שטעטלעך אַריין. סיידן ד׳ווילסט דיך פאַר־שרייבן אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד״.

יעקב האָט אַ ווייז געטאָן מיט דער גאָמבע אויף דעם געפּאַקטן שטיבל און האָט זיך צעשמייכלט. „כ׳זע, אַז עפּעס ייִדן איז נאָך געבליבן. ניין, צו פאָרן קיין דייטשלאַנד האָב איך נישט קיין חשק״. ער האָט בעסער באַטראַכט דעם יונגן־מאַן מיטן איידלען, פיינעם פּנים: זיכער אַ נגידיש זונדל, אָבער געווען אַ פּשטות אין אים, עפּעס צוציִענדיק־דירעקטס אין זיין באַנעמען. דאָס האָט גלייך געמאַכט פּילן באַקוועם. „און איר?״ האָט ער אַ פרעג געטאָן. „וואָס זיצט איר אין שטאָט? און כ׳זע דאָך אַז...״

„אַז כ׳טראָג נאָך אַ לייטיש בגד, הע?״ האָט דער יונגער־מאַן אים איי־בערגעשלאָגן אין די רייד. „איז די זאַך וואָס צו מיר קאָן זיך בילע ווער נישט גלייכן״. זיין מויל מיט פולע, אַרויסשטאַרצנדיקע ליפּן האָט זיך אָנגעבלאָזן און ער האָט געמאַכט אַ מינע ווי ער וואָלט אָפּגעחוזקט פון זיך. „מיין גאַנצע משפּחה זיצט טאַקע אויף געצוווּנגענער ווינטער־דאַטשע... און איך בין מיר צוריקגע־קומען זיך דאָ ערהאַלן... פון דעם לאַנגווייל. כ׳היט דאָ מיין טאַטנס הויז און כ׳פאַרהיט מיך בעת־מעשה פון משוגעת. אַז כ׳האָב נישט עפּעס בעסערס צו טאָן, כאַפּ איך מיך אַריין אַהער. ס׳איז דאָ היימיש און היימלעך. דאָ, ביי אונדז אין שטיבל, איז אָרעם און רייך אַלע גלייך. איז דאָס אַן אַטראַקציע נישט בלויז פאַרן אָרעמאַן, נאָר פאַרן עושר אויך, בפרט פאַרן געוועזענעם... אַלע דוצן זיך דאָ און דו מעגסט דאָס אויך טאָן, כ׳גיב דיר אַ לעגאַלע דערלויבעניש״.

„וואָסאָ שטיבל איז דאָס אייגנטלעך?״ האָט יעקב אַ פרעג געטאָן.

„וואָסאַרא ? ר׳ מאיר ווייסקאָפּס שטיבל, פאַרשטייט זיך !״ האָט דער יונגער־מאַן שטאָלץ־קאָמיש זיך אויסגעגלייכט. „שטיבלעך גייען דאָ לויט די נעמען פון די גבירים וואָס דאַווענען דאָרטן. און איך הייס ברוך ווייסקאָפּ. פאַרשטייסטע שוין, אַז עד בין דאָ נישט קיין פּרעמדער, הגם אַן אויפגעקומענער גביר איז חשובער ווי אַן אָפּגעקומענער, און מיין טאַטע געהערט שוין נעבעך צו די אָפּגעקומענע״.

„דיין טאַטע ?״ האָט יעקב איבערגעפרעגט און געדוצט דעם יונגן־מאַן.

ברוך ווייסקאָפּ האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. ער האָט זיך פאַרקוקט און אַנגעוויזן מיט דער שפּיץ־גאָמבע צום סאַמע ווינקל פון צימער.

„זעסט אים דאָרטן ? אייגנטלעך קום עך דאָ אַריין אַ שטיק צוליב אים. ער איז דער איינציקער וואָס האָקט נישט קיין טשייניק וועגן דער מלחמה, צי וועגן פּרנסה. ווייל וואָס טוט דען די חברה דאָ ? מ׳גיסט איבער פון פּוסטן אין ליידיקן אַריין, אָבער און ווידער מעלה־גירהט מען דאָס זעלבע. נאָר דער זקן דאָרטן... יומם־ולילה לערנט ער דעם זוהר. זעץ איך מיך צו צו אים און שטעל אים מיינע באַליבטע קשיות און דאָס פרישט מיך אויף, פאַרשטייסטע מיך״.

הגם יעקב האָט אין דער רגע נישט געהאַט דאָס געמיט זיך אַריינצולאָזן אין אַ שמועס וועגן רוחניותדיקע „תוך־זאַכן״, האָט ער זיך דאָך נישט געקאָנט צוריקהאַלטן און האָט נייגעריק אַ פרעג געטאָן : „וואָס זענען דיינע באַליבטע קשיות ?״

ברוך האָט באַלעבט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט : „ס׳ווענדט זיך אַן דער צייט פון טאָג, דעם טאָג פון דער וואָך... היינט למשל גראַגערט מיר אין קאָפּ רבי עקיבאס זאָג : הכל צפוי והרשות נתונה. די היינטיקע צייטן מאַכן שטאַרק נייגעריק וועגן דעם ענין : באַשטימונג כּנגד בחירה־חפשית״. יעקב האָט געוואָלט עפּעס ענטפערן, אָבער ברוך איז אים פאַרלאָפן דעם וועג. „כ׳ווייס, כ׳ווייס, באַקאַנט מיר די אַלע פשטלעך. אָבער ס׳איז אַנגעצויגן, ברודערקע. וואָס עלטער איך ווער, דאָס מער זע איך די סתירה און קיין בריק אַריבערצווואַרפן איבער איר גייט נישט. ניין. אַפילו די אַפּיקורסים קענען דאָס נישט באַווייזן. אַז נישט וואָלט עך געוואָרן אַן אַפּיקורס. אָבער וואָס זאָגן זיי ? זיי פאַרטרעטן דעם רבונו־של־עולם מיטן פאַסאַנאַוון וואָרט ׳נאַטור׳, באַדינגונגען און כדומה נאָך אַזעלכע אַנגעבלאָזענע ווערטער. דער זין דערפון איז, ברודערקע, אַז דער גאַנצער ענין פון פרייהייט, וואָס דערוועגן טוט זיך אויף דער וועלט אויף טיש און אויף בענק, איז נישט מער ווי אַ טעלערל אין הימל״. ברוך האָט איבערגעריסן אין מיטן די רייד. עמעץ האָט געמאַכט אַ מי־שברך פאַר אַ מסוכן־קראַנקן. ער האָט זיך צוגעבויגן צו יעקבן און אַ פליסטער געטאָן : „אַז ד׳עסט צווואַרטן אַ ביסל, ׳עסטע דיך קאָנען מיטכאַפּן מיט זיי אויף אַ זכר. ס׳טע אפשר עפּעס אויסגעי־

פינען צווישן די ניי־אויפגעקומענע באַלוטער צעלייגערס. צווייטנס, אַז די באַ־לוטער גבירים געבן צו קייען, געבן זיי".

„ווער זענען דאָס די ניי־אויפגעקומענע באַלוטער צעלייגערס?"

ברוך האָט אַ הייב געטאָן אַ פינגער אין דער לופטן: „די נעכטיקע שנאָרערס, די שמאַטע־קלייבערס, אָט ווער ז'זענען! ז'האָבן זיך צוגעכאַפּט צום שמוגל. אַ הונגעריקע, אויסגעליידיקטע שטאָט צאָלט מיט גאָלד פאַר אַ ביסן, צי פאַר אַ שטיקל בגד, צי פאַר וואָס עס זאָל נישט זיין. און אַזעלכע פאַרשווינדלעך, פאַרש־טייסטע מיך, שטעלן זיך נישט אָפּ פאַר גאָרנישט. און ניאַניעס ווי עפּעס אויס־צושמעקן האָבן זיי גוטע, און קיין שטייפע הינטנס האָבן זיי אויך נישט. זענען טאַקע די פּיפּיקסטע פון די באַלוטער זשעבראַקעס געקומען אין די פעדערן אַריין. מיין טאַטן האָט גענומען אַ גאַנץ לעבן אָנצוזאַמלען זיין עשירות, אויפ־צושטעלן אַ געשעפט, איינצופונדעווען אַ מיסחר. נעכט איז ער נישט געשלאָפן, טעג נישט געזען די זון פאַר די אויגן — און ביי אָט די לאַכודראַקעס געשעט דאָס איבער נאַכט. ד'ווייסט דאָך, אין אַ שטורעם קומט דאָס מיסט אַרויף אין דער הייך". ברוך האָט דאָס אַלץ געזאָגט אָן קינאה, אָן פאַרביטערונג.

„כ'על נישט גיין צום זכר", האָט יעקב באַשלאָסן. „אפשר ווייסטע פאַרט ווו מ'ברויכט אַ מענטש צו דער אַרבעט. כ'בין ביי די כוחות. כ'האָב געאַרבעט אין אַ מיל".

„ווען כ'וואָלט געוווסט וואָלט עך דיר נישט גלייך געזאָגט, מענטש איינער?" ברוך האָט זיך אויפגעשטעלט און אַ צי געטאָן יעקבן פאַרן אַרבל. „קום, מ'עט געבן אַ פרעג דעם גבאי". זיי האָבן זיך גענומען שטופּן דורכן עולם חסידים בעת ברוך האָט אויפגעקלערט: „דער גבאי קען יעדן איינציקן חסיד דאָ און ווייסט וואָס ביי יעדן איינעם טוט זיך. ער איז אויך אַ מין פרנסה־און אכסניאַ־פאַרזאָרגער".

דער גבאי, אַ קליין פאַרפּאַרעט יידל, האָט אויפן אַנבליק פון די צוויי יונגע־לייט אַרויסגעצויגן אַ רויטע פאַטשיילע און זיך גוט אויסגעשנייצט די נאָז, ווי כדי בעסער זיי אויסצוהערן. ער האָט מיט אַ קליין פייכט הענטל אָפּגעגעבן יעקבן שלום און קודם גענומען זיך אויספרעגן פון וואַנען ער שטאַמט, וואָס זיין ייחוס איז, און צי ער קען נישט דעם און יענעם צווישן די אַלעקסאַנדרער חסידים אין שטעטל כוואַסטי וואָס לעבן באַטשאַני.

דערהערט, אַז יעקב שטאַמט אַרויס פון רבי יצחק פון וואָרקע, האָט זיך דער גבאי נאָך אַ מאָל, דאָס מאָל מיט גרויס אָפּשיי, פעסט אויסגעשנייצט די נאָז און מיט אַ פאַרקאַטערט, הייזעריק קול אַ זאָג געטאָן: „וואַרטעך נאָר צו..." ער איז פאַרשוווּנדן צווישן דעם צעשמועסטן עולם. אין אַ פּאָר מינוט איז ער געווען צוריק, שלעפּנדיק פאַרן אָרעם אַ יידל אַזוי הויך ווי ער, אָבער צוויי מאָל די ברייט וואָס ער.

„דאָס איז ער דאָס?״ האָט דאָס יידל צוגעטאָן דאָס פּנים נאָענט צו יעקבן און אַ צי געטאָן מיט דער נאָז ווי ער וואָלט אים אַרומגעשמעקט.

„ר׳ זייוול מאַלקעס!״ האָט דער גבאי מיט אַ גרויסער מאָס שטאָלץ און מיט אַ געהעריקן יראת־הכבוד פאַרגעשטעלט דאָס יידל פאַר יעקבן און מיט פּאַמפּע אַ שנייץ געטאָן די וואָסערדיקע נאָז.

ר׳ זייוול מאַלקעס האָט דערלאַנגט יעקבן אַ האַרט, אויסגעפּראַצעוועט הענטל.

„אַ וועבער איז מיר טאַקע אָוועקגעפאַלן אויף סוכאָטעס, האָב עך אַצינדער צוויי שטייענדיקע וועבשטולן״, האָט ער גיך אַ זאָג געטאָן. „אַז קיין גרויס אַנגעריים מיט אַרבעט איז נישט, פאַרשטייסטע דאָך אַליין. אָבער רבי יצחק וורקעס אַן אייניקל מוז האָבן ווו דעם קאָפּ אָוועקצולייגן און וואָס צו נעמען אין מויל אַריין״. ס׳איז געוועזן קלאָר, אַז ער האָט שוין, אַ דאַנק דעם גבאי, געוווּסט אַלע פּרטים פון יעקבס ביאָגראַפיע און ער האָט אַנגעקוקט דעם בחור מיט אַ סקעפּטישן בליק. „האָסט נישט קיין גרינגע אַנונג ווי מ׳עסט דאָס וועבערפאַך, הע? אין בית־מדרש האָסטע דאָס נישט געלערנט, וואָס? נאָר נישקשה. ס׳איז היינט דאָ צייט בריוות אויסצולערנען אַ בחור די תורה פון וועבעריי. וואַרט דאָ צו, ׳על עך דיך מיטנעמען אויפן זכר, שפּעטער ׳על עך דיך אַהיימנעמען און ד׳עסט דיך שוין ביי מיר איינקוואַרטירן״.

יעקב האָט געדאַנקט דעם יידל, דעם גבאי און ברוכן. ברוך האָט אים גע־דריקט די האַנט זיך אָפּצוגעזעגענען. יעקב האָט אַ פּרעפּל געטאָן מיט באַדויער. „ד׳לויפסט שוין?... אַ שאָד... אַצינדער האָט מען געקאָנט רעדן... כ׳מיין דער ענין, די פרייהייט, ווי ד׳רופסט דאָס, גייט מיך אויך שטאַרק אָן״.

זייערע בליקן האָבן זיך אַדורכגעקרייצט, ווי זיי וואָלטן עפּעס געזוכט איינער אין דעם אַנדערנס אויגן. ברוך האָט אויך מיט בולטן באַדויער אַ זאָג געטאָן: „די מעשה איז, וואָס גראָד אין דער רגע בין עך טאַקע נישט פריי״. ער האָט זיך צוגעבויגן צו יעקבס אויער: „איין זאַך זאָלסטע געדענקען. וואָס אין חסידים־שטיבל טוט זיך איז איין זאַך, און וואָס אין אַ חסידס שטוב טוט זיך איז אַ צווייטע זאַך. דאָ איז ר׳ זייוול מאַלקעס מיט דיר אַ גלייכער מיט אַ גלייכן. דאָרט ט׳ער זיין דיין בעל־הבית. טאָ זיי נישט צו איידל, ווייל ער איז אויך נישט, און ווייס ווו ד׳האָסט דיך״.

„וואָס ביסטע אויסן?״ האָט יעקב נישט פאַרשטאַנען.

„ס׳ט אַליין זען. כ׳טרייב נישט קיין רכילות״, און ער איז אַרויסגעלאָפן פון שטיבל.

יעקב האָט זיך פאַרדונגען אויף צוויי יאָר צו ר׳ זייוול מאַלקעס אין דער וועבעריי וואָס האָט זיך געפונען אין סאַמע האַרץ פון באַלוט, אויף אַ ריזיקן הויף אַרומגערינגלט מיט אַ פּירעק פון חושכע, פאַרעיפּושטע קאַמיעניצעס. די

וועבעריי גופא האָט פאַרנומען אַ הילצערנע, איין־שטאָקיקע כאַלופּע אין סאַמע פראָנט. טייל פענצטער האָבן אַרויסגעקוקט אויף דער גאַס, אַנדערע אויפן הויף. די וועבעריי איז באַשטאַנען פון אַ פּאָר צימערן אין פּאַרטער. אין יעדן צימער זיינען געשטאַנען אַ צוויי־דריי וועבשטולן, וועלכע האָבן מיט זייער געבוי מרמז געווען אויף סקעלעטן פון אויסטערלישע באַשעפענישן. צווישן די וועבשטולן און לענג־אויס די ווענט זיינען געלעגן די שטרוישעניקעס אויף וועלכע די געזעלן זיינען געשלאָפן. ר׳ זייוול אַליין האָט מיט זיין ווייב און פינף קינדער געלעבט אויפן אייבערשטן שטאָק.

קליין ווי ר׳זייוול מאַלקעס איז געווען, האָט ער פאַרמאָגט די ענגערגיע פון מינדעסטנס צען גיבורים. ער האָט קיין מאָל נישט גערוט, פאַרמאָגט אַ פּיפּיקן קאָפּ, אַ פולן מיט ריזיקע איינפאַלן ווי אַזוי תּמיד אויסצוקומען אין דער הייך און זיך האַלטן דאָרטן — ווי שטורעמדיק דער ים פון לעבן זאָל נישט זיין.

דער אמת איז געווען, אַז ביי ר׳ זייוולען זיינען טאָקע צוויי וועבשטולן געשטאַנען שטיל. אָבער ס׳איז נישט אמת געווען, אַז ביי ר׳ זייוולען האָט די אַרבעט נישט געברענט. ער איז געווען יד־אחת מיט די גרעסטע שמוגלערס פון באַלוט און זיי האָבן אים צוגעשטעלט קעטעס און שוס פון אונטער דער ערד. ר׳ זייוול האָט זיך געקאָנט פּאַזוואָליען צו עסן פליש און חלה אין דער וואָכן, אָבער אַנגיין האָט ער געוואָלט פאַר דעם זעלבן אביון ווי די אַנדערע אַראָפּגעקומענע גבירים, און ער האָט נישט אויפגעהערט צו קרעכצן בפרהסיא און קלאָגן זיך אויף די ביטערע צייטן. די צוויי וועבשטולן זיינען גיכער געשטאַנען אַן אַרבעט ביי אים „דלאָ פּוצו" — די וועלט זאָל נישט האָבן קיין גרויסע אויגן אויף אים און אים קיין עין־הרע נישט געבן.

געאַרבעט האָט מען ביי ר׳ זייוולען פון זעקס אין דער פרי ביז העט נאָך דעם ווי די בעלי־בתּים זיינען געגאַנגען שלאָפן. אַ זויערע וואַסערזופּ מיט אַ שטיק שוואַרץ ברויט האָט מען דערלאַנגט די אַרבעטערס צו די וועבשטולן, און אַז ר׳ זייוול האָט דערלויבט אויף אַן איבעררייס פאַר נאַכט צו, האָט מען געכאַפּט אַ דרעמל מיט די אַרעמס צעשפּרייט איבער דער וועבשטול; געשלאָפן ביי נאַכט איז מען לעבן די וועבשטולן — און אַזוי האָט מען זיך געפילט ווי מען וואָלט אַליין געווען אַ טייל פון דעם הילצערנעם מאָנסטער.

געלערנט יעקבן דאָס פאַך האָט אַ דראַבנע מענטשל, אַ מיטל־יאָריקער, מיט אַ גרויער טשופּרינע וואָס איז געווען גרעסער ווי זיין גאַנץ צעקנאָדערט, פאַרגרינט פּנים. ער האָט געטראָגן אַ פּאָר ברילן וואָס האָבן זיך אָנגעלענט אַן שפּיץ פון זיין געהויקערטן נעזל, פון איין זייט פאַרלייגט מיט אַ דרעטל איבערן אויער און פון דער אַנדערער זייט מיט אַ שטריקל. אַלע האָבן אים גערופן לייבל הויקער, נישט ווייל ער האָט געהאַט אַן אמתן הויקער — דאָס הייסט, געקומען אויף דער וועלט איז ער נישט מיט אים — נאָר דאָס איז געווען אַ מין „פּראַ־

פּעסיאַנעלע דעפּראַמאַציע״ וואָס האָט זיך ביי אים אַנטוויקלט פון אָפּזיצן דאָס גאַנצע לעבן ביי דער װעבשטול. זיין פּלייצע צוזאַמען מיט די אַראָפּפאַלנדיקע אַקסלען האָבן געשאַפן די פאָרעם פון אַ שיסל, פון הינטן פאַררונדיקט און פון פאָרנט אויסגעהוילט. און אַ גאַנג האָט ער געהאַט אַזאַ, ווי ער וואָלט געווען צוגעטשעפּעט צו אַן אומזעעוודיקן װעבשטול.

דאָס פאַך האָט ער יעקבן געלערנט נאָך דעם ווי ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט זיין אייגענער אַרבעט, דאָס הייסט אין די אָוונטן. אַזוי האָט ר׳ זייוול געהייסן.

יעקב האָט ביי טאָג אויך געהאַט בילכערע זאַכן צו טאָן. ער האָט קודם־כּל געדאַרפט זיך פאַרדינען דעם ביסן ביי דער בעל־הביתטע, וועלכע האָט זיך דרייסט געקאָנט דערלויבן צו האַלטן אַ משרת, אָבער זי האָט נישט געוואָלט אויפרייסן די אויגן ביי לייטן. און וואָס האָט זי סתּם געדאַרפט אַרויסוואַרפן אַ ביסל עסן, ווען אַ סך פון אירע שכנים זיינען איבערגעקומען דעם טאָג מיט אַ פינפער פעניג — אויב יעקב האָט געטאָן פאַר איר אַלץ וואָס אַ משרת דאַרפט טאָן? ער האָט געקערט און געוואַשן די פאָדלאָגעס אויבן, אַראָפּגעטראָגן דאָס פאַמעשאַף, געפירט די קינדער אין אָפּטריט אַריין, געהאַקט האָלץ, געטראָגן וואַסער, געשיילט קאַרטאָפל, געגאַנגען אַ גאַנג. דערביי האָבן אַלע שכנים פון הויף און פון דער גאַס געוווסט וואָס פאַר אַ ייִדיש האַרץ ר׳ זייוול און זיין ווייב האָבן, אַריינגענומען נאָך אַ מויל צו קאָרמען אין אַזעלכע שווערע צייטן נעבעך.

לייבל הויקער איז געווען אַ גוטער און געדולדיקער רבי און יעקב וואָלט ביי אים גיך געלערנט. אָבער לייבל הויקערס טבע איז געווען בעתן לערנען, צו האַלטן דאָס געהויקערטע נעזל מיט די ברילן אויפן סאַמע שפּיץ פון נאָזיקן הויקערל, נאָענט פון יעקבן — און אַריינרעדן אין אים וועגן זאַכן, וואָס האָבן קיין דירעקטן שייכות מיט דעם וואָס יעקב האָט געטאָן מיט די הענט, נישט געהאַט — אַן אומדירעקטן יאָ, ווייל לייבל הויקערס טעמע איז געווען נאָר איינע, אַן איינציקע: דער „אַרבייטער־קלאַס״.

לייבל הויקער, אַז ער האָט זיך צערעדט, איז ווי ער וואָלט געצויגן סטענגעס וואָס האָבן קיין קנופּן און קיין סוף נישט געהאַט. זיין קול איז געווען ווייך־פּליסנדיק, געשמאַק גמרא־ניגונדיק און אַזוי איז עס אַריינגעפלאָסן אין יעקבס אויערן און געפּועלט אַ דעקונג אין זיין האַרצן. ער האָט גאָר פאַרגעסן אַ ריר צו טאָן מיט די הענט... נאָך אַ גליק וואָס דער בעלי־הבית מיט זיין משפּחה זיינען שוין געשלאָפן.

בעת לייבל הויקער האָט גערעדט, האָט יעקב אים געזען, דעם „אַרבייטער־קלאַס״ אין דער געשטאַלט פון יענעם גרויסן, מאַכטיק־שטאַרקן גולם, וואָס הינדעלע, די מאַמע, פלעגט אין די קינדער־יאָרן וועגן אים דערציילן. אַ גולם

וואָס האָט באַדינט זיין „צדיק", דעם וואָס האָט אים באַשאַפן, דעם בעל־הבית זיינעם — מיט נאָכגיביקייט, אונטערטעניקייט. און קיינעם איז נישט איינגע־פאַלן אים אַ פרעג צו טאָן וואָס ער אַליין וויל, וואָס אים אַליין פעלט. און אַז לייבל האָט גערעדט וועגן דער אַחדות־באַוועגונג, וועגן דעם „יִדישן אַרבייטער־בונד", האָט יעקב געזען ווי דער גולם גלייכט זיך אויס, ווערט נאָך שטאַרקער, נאָך גרעסער, און זיין „צדיק" איז נישט ביכולת אָפּצומעקן דאָס וואָרט „אמת" פון זיין שטערן. אַזוי וואַקסט דאָס געטלעך־מענטשלעכע אין אים, זיין שטאָלץ און זיין דרך־ארץ צו זיך.

אַז לייבל האָט גענומען דערציילן וואָס דאָ אין דער שטאָט, דער העסלעכער און דאָך אַזוי אָטעם־פאַרכאַפּנדיקער האָט זיך געטאָן אין יאָר ניינצן הונדערט און פינף, און ער האָט בולט אָפּגעמאָלן די גאַסנקאַמפן און די באַריקאַדעס — האָט יעקב דערזען דעם גולם אין אויפברויז, אין מרידה, אין זיין ווילן צו ראַטעווען די הייליקייט פון לעבן. די ניינצן־פינפער־מרידה האָט דעם גולם פאַרווונדיקט. אָבער נישט צעשטערט. להיפּוך צו דעם גולם פון דער מאַמעס מעשׂיות, האָט מען אָט דעם דאָזיקן גולם פון לייבל הויקערס וואָרע מעשׂיות נישט געקאָנט אומברענגען, ווייל דעם ווילן צו יושר און צו זיין פריי איז נישט געווען מעגלעך צו צעשטערן.

ווי לייבל הויקער האָט דערציילט די גרויליקע געשיכטעס וועגן דעמאָנס־טראַציעס, שטרייקן, אַרעסטן, פּאָגראָמען, האָט יעקבס האַרץ געהאַמערט ווי ביי אַ גזלן. ער האָט בפירוש געפילט ווי די האַנט פון גורל וואָלט אים בכיוון צוזאַמענגעפירט מיט אָט דעם באַברילטן מענטשל, מיט אַ קול וואָס האָט געקלונ־גען אַזוי אייגן, ווי עס וואָלט אַרויסגעקומען פון אַ מקור אין אים, אין יעקבן גופא. ערשט איצט האָט ער אין האַרצן געגריסט זיין חבר פון די קינדער־יאָרן — אַריהלען.

לייבלס רייד האָבן געגעבן יעקבס מחשבות אַזאַ שווונג, זיי אַזוי צערודערט, אַז זיי האָבן אים שלאָפן נישט געלאָזט. אַליין מיט זיך, אויפן געלעגער, האָט ער איבערגעטייטשט לייבל הויקערס רייד אויף זיין אייגן אינערלעך לשון. פרייהייט. דער יונגער־מאַן ברוך ווייסקאָפּ האָט אַ וואָרף געטאָן דאָס וואָרט פאַר אים. ברוך האָט געטראַכט, אַז זיין פריי — איז געווען אַן אוממעגלעכקייט, אַ טעלערל אין הימל. אפשר איז ער געווען גערעכט. דאָך איז דער רשות פון פרייען אויסוואַל, זאָל זיין אין אַ באַגרענעצטער פאַרעם, געגעבן געוואָרן דעם מענטש. אמת, דער מענטש האָט זיך געפונען ווי אין אַ שטייג. ער האָט נישט געקאָנט באַנעמען וואָס עס איז געווען מחוץ איר. אָבער אינעווייניק, אין דער שטייג, איז דער מענטש פריי געווען אויסצוווילן צווישן גוטס און שלעכטס. אינעווייניק, אין דער שטייג, האָט געמוזט מעגלעך זיין די פאַרברידערונג פון אַלע געפאַנגענע „אין דער פאַסטקע".

יעקב האָט אין דער פֿינצטער, ליגנדיק אויפֿן געלעגער מיט ברייט־צעעפֿנטע אויגן, געזען פֿאַר זיך די עשאַלאָנען אַרעסטירטע וועלכע האָבן אַדורכמאַרשירט דעם מאַרקפּלאַץ פֿון באַטשאַני — אויפֿן וועג קיין סיביר. ער האָט בולט געהערט דעם גרילצנדיקן קלאַנג פֿון די קייטן אויף זייערע הענט און פֿיס. ער האָט אין דמיון געזען די ווייס־פֿאַרשנייטע טייגעס, די ווייסע, פּוסטע פֿעלדער פֿון נע־ וונד... ער האָט זיך געזען יענעם טאָג ווען די שקצימלעך האָבן אים נאָכגעיאָגט און געוואָלט מאַכן אַ יעזוס פֿון אים... ער האָט זיך געזען נאָך פֿריִער, דעם סאַמע ערשטן טאָג פֿון צער, אויפֿן אַנבליק פֿון דער מאַמען וואָס האָט אָפּגעווישט אַ טרער, ווייל זי האָט יענעם טאָג גאָרנישט געלייזט אין קרעמל. און דורך די אַלע בילדער האָט זיך געטראָגן דאָס גרויסע געשריי, דאָס נישט־אויסגעשריי־ גענע — צו דערלייזונג, ניין, נישט פֿון דער שטייג — נאָר אין דער שטייג גופֿא. די פֿראַגע איז נאָר געווען ווי גרויס איז געווען דער פּרייז וואָס מען האָט געמעגט צאָלן פֿאַר איר. האָט מענטשלעך בלוט געמעגט זיין דער קרבן אויף איר מיזבח? וואָלט אַזאַ קרבן נישט געשענדט די דערלייזונג גופֿא?

דעם גאַנצן ווינטער האָט יעקב קוים געזען די גאַס פֿאַר די אויגן. ערשטנס, איז דרויסן געווען אַ גרויסע קעלט און זיינע בגדים האָבן אים קוים געוואָרעמט אינעווייניק, ביי דער וועבשטול, צי אויפֿן געלעגער. בלויז אויבן, אין דעם בעל־הבית׳ דירה האָט מען ווי געהעריק געהייצט. צווייטנס, האָט ער נישט געהאַט ווען זיך אַרויסצולאָזן זען די שטאָט. אַלץ וואָס ער האָט געזען פֿון איר זיינען געווען די פֿאַר געסלעך פֿון באַלוט, דורך וועלכע ער איז געלאָפֿן „אַ גאַנג״ פֿאַר דער בעל־הביתטע. און שבת האָט ער זיך געמוזט אויסשלאָפֿן, אויס־ רוען — ווייל דאָס זיין דעם גאַנצן טאָג צווישן די פֿיר ווענט, דאָס זיצן וואָס אַ מאָל לענגער ביי דעם וועבשטול האָט אים שטאַרק מיד געמאַכט, דער רוקן איז געווען ווי אַ צעהאַלבטער — און דאָס האָט צוגענומען ביי אים דעם חשק בכּלל אַרויסצוגיין.

ביז דער פֿרילינג האָט זיך פּאַמעלעך אַריינגעשלייכט אין דער שטאָט. אמת, דאָ זיינען די פֿרילינגדיקע בשׂורות נישט אָנגעקומען מיטן אויפֿבלי פֿוןביימער, מיטן געזאַנג פֿון פֿייגל, צי מיטן ריח פֿון צעאַקערטע פֿעלדער. אין באַלוט זיינען די פֿרילינג־בשׂורות אָנגעקומען מיטן ריח פֿון אויפֿגעטייעטע רינשטאָקן און אָפּטריטן. אָבער די זון האָט מילד אַריינגעווונקען דורכן פֿענצטער און דאָס שטיקל בלוי פֿון הימל האָט געגומען רופֿן, לאָקן אין דרויסן אַרויס.

ווען יעקב האָט אַרויסגעפֿירט דער בעל־הביתטעס קינדער אויפֿן הויף, צי געהאַקט האָלץ פֿאַר דער טיר, צי געדרייט די קאָרבע ביי דער פּלומפּ — האָט ער אָפּט פֿאַרריסן דעם קאָפּ אין דער הייך און געטראַכט וועגן די בושלען וועלכע זיינען שוין מסתּמא אָנגעקומען קיין באַטשאַני. אין האַרצן האָט זיך צענאָגט

אַ בענקעניש, געצויגן אַ ציִעניש — צו דער מאַמען, צו הינדעלען, און דורך איר — צו עפּעס... ווייטער. ער האָט זיך געפרעגט וואָס ער טוט אייגנטלעך אין אָט דער גלותדיק־בייסיקער פרעמד און זיך געוווּנדערט ווי ער האָט געקאָנט אויפגעבן ר׳ פייוועלע מילנערס בלויען באַרג און דעם רחבות פון דער לאַנד־שאַפט אַרום דער ווינטמיל — און זיך פאַרקויפן דאָ ווי אַן עבד. ס׳האָט אויס־געזען ווי ברוך ווייסקאָפּ וואָלט געווען גערעכט מיטן זאָג, אַז ער, יעקב, איז מסתּמא געקומען אַהער כּדי אָפּצוקומען אַ שטראָף וואָס ער האָט אויף זיך גוזר געווען. דאָך האָט ער געוווּסט, אַז ער מוז דאָ זיין, אַז דורך דאַנען האָט געפירט זיין דרך.

איז ער צופרידן געווען צו שלעפּן וואָס אַ מאָל אָפּטער די עמערס וואַסער פון דער פּלומפּ. טאַקע פאַראַן געווען אַ קראַן אין הויז, ווייל אויף די בוידעמער האָבן זיך געפונען וואַסער־קעסלען וואָס דער סטרוזש האָט יעדן טאָג אָנגע־פּאָמפּעוועט און פול געמאַכט; אין לאַדזש איז דאָך קיין קאַנאַליזאַציע און קיין וואַסער־לייטונג נישט געווען. אָבער אין די גרויסע היצן האָבן די ווייסע־חברה־ניקעס זיך בגנבה אַרויפגעכאַפּט אויף די בוידעמער און זיך אויסגעבאָדן אין די וואַסער־קעסלען. האָט ר׳ זייוולס ווייב, ביי די עפּידעמיעס, נישט געוואָלט נוצן דאָס וואַסער פון קראַן. און זי האָט געהאַט ווער עס זאָל זיך פאַר איר מטריח זיין צו דער פּלומפּ. האָט יעקב געדרייט די פּלומפּ־קאַרבעס, זיך ביי דער געלעגנהייט אָנגעטרונקען מיט קאַלט פריש וואַסער, זיך איינגעוואַשן דאָס פּנים, נאַס געמאַכט דעם קאָפּ. דאָס שלעפּן די עמערס האָט אים דערמאָנט אַן דעם שלעפּן די זעק אין ר׳ פייוועלעס מיל. דאָס האָט אים דערמאָנט אַן זיין חבֿרל, אַן אַבראַשקען, אַן יואלן, און אַן דעם מיידל אין צעריסענעס קאַפּטאַן, מיט די געלבע צעפּלעך און דעם קרענצל כאַבּרעס אויפן קאָפּ... די וואָס איז ערגעץ פאַרא־נען געווען אין אָט דער שטאָט.

אַזוי האָט זיך לאַדזש צעשמעקט פאַר אים מיט אַ פרישקייט, אַ זויבערקייט, וואָס האָט זיך ערגעץ אויסבאַהאַלטן אונטער דעם שלייער פון עיפּוש און שמוץ.

אַז ס׳איז וואַרעם געוואָרן, האָט יעקב זיך פון צייט צו צייט מיטגעכאַפּט מיט ר׳ זייוול מאַלקעס אין שטיבל אויף דער פּיעטריקאָווער־גאַס. ר׳ זייוול האָט גערן געהאַט זיך צו באַווייזן אין שטיבל מיט יעקבן. דאָס גאַנצע שטיבל האָט געוווּסט, אַז ר׳ זייוול באַהאַנדלט דעם פרעמדן בחור ווי אַן אייגענעם זון, און מען האָט ר׳ זייוולען געליבט אין די אויגן, ביז צו די הימלען — בעת יעקבס פּנים האָט געפלאַמט ווי פייער. ער, יעקב, איז געווען ר׳ זייוולס אַ זאַך, אַ באַקוועמער מכשיר. און דאָס איז געווען דער פּרייז וואָס ער, יעקב, האָט געצאָלט כּדי צו באַגעגענען ברוך ווייסקאָפּן.

ברוך, אויב ער איז געווען אין שטיבל, האָט אַראָפּגעשלעפּט יעקבן אויפן הויף כאַפּן אַ ביסל לופט. זיי האָבן געשמועסט — אָפּגעהאַקטע, אייליקע פראַזעס,

וואָס האָבן זיך קוים געקלעפּט — גראָד דערפאַר ווייל יעדער פון זיי איז געווען אַזוי גיריק צו דערגיין וואָס דער אַנדערער האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט.

איין מאָל האָט יעקב אויפריכטיק אים מודה געווען. „נאָך גוט וואָס כ'האָב דיך געטראָפן. כ'האָב עפּעס אַזוי איינגעשטעלט מיין לעבן... פון אַנהייב אָן... אַז אָן אַ נאָענטער פריינדשאַפט, כאָטש איינער... קאָן איך נישט אָטעמען מיט ביידע נאָזלעכער".

„און איך, זעסטע", האָט ברוך אים ווי געוואָרנט, „בין נישט גוט אין דער זאַך... לגמרי נישט. כ'בין געוווינט צו זיין אַליין, לעבן אַליין, הגם תּמיד אַרומגערינגלט מיט אַנדערע. אַז עמעץ מאַכט אַ טראָט צו מיר, מאַך איך צוויי אויף צוריק..."

יעקב האָט געשמייכלט. „צו מיר האָסטו דאָך געמאַכט דעם ערשטן טראָט". אויפן הויף זיינען געשטאַנען קרייזלעך יונגע־לייט מיט די הענט פאַרלייגט אויף הינטן, זיך געוויגט און פאַרקאָכט זיך געשושקעט צווישן זיך. יעקב האָט אַ פרעג געטאָן: „און מיט זיי חברסטע דיך אויך נישט?"

ברוך האָט אויפגעלאַכט מיט אַ געמאַכט געלעכטערל. „זיי חברן זיך נישט מיט מיר... האָבן נישט קיין צוטרוי צו מיר און ז'זענען גערעכט. כ'האָב זיי אַליין געוואָרנט, אַז כ'בין נאָך אַלץ אַ נגידיש זונדל... אַז ביי מיר זעט זייער גאַנצע קאָכעניש אויס ווי אַ קינדערשפּיל, אַ געפּערלעך שפּיל דערצו. אַפילו די מלחמה האָט זיי נישט געעפנט די אויגן. גראָד פאַרקערט. ז'דערוואַרטן, אַז משיח זאָל אַרויסקומען צו רייטן פון די שלאַכטפעלדער. דעם מענטש, דעם שיסער־שייסער ווילן זיי איבערמאַכן, נישט מער און נישט וויניקער. קוק... ד'זעסט ווי איינער שטופּט דעם אַנדערן אריין בלעטלעך אין דער קעשענע? אַצינדער היט מען זיך נישט פאַר דער אָכראַנע... נאָר פאַר די חסידים... פאַר טאַטע־מאַמע".

„וואָס זענען דאָס פאַר אַ בלעטלעך?" איז יעקב נייגעריק געוואָרן.

„ליטעראַטור הייסט דאָס ביי זיי, אַז אַך און וויי! לי־טע־ראַ־טור!" האָט ברוך סאַרקאַסטיש אויסגערופן און אויפגעהויבן אַ פינגער אין דער לופטן.

יעקב האָט אַ טראַכט געטאָן וועגן די בראַשורן וואָס לייבל הויקער האָט אים געגעבן צום לייענען: „וואָס יעדער אַרבעטער דאַרף וויסן און געדענקען", צי די „הגדה של פּסח על־פּי נוסח חדש", וווּ לייבלס אידעען זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין אַ פּשוט לשון, מיט געוויינטלעכע יידישע ווערטער; אָבער דאָס וואָס זיי האָבן דערוועקט אין אים, אין יעקבן, איז גאָרנישט געווען אַזוי פּשוט. דער נייגער האָט זיך אַ צינד געטאָן אין אים.

„קום, לאָמען צוגיין", האָט ער אַ צי געטאָן ברוכן פאַרן אַרבל.

ברוך האָט זיך נישט געלאָזט ציִען. „נישט איך!" האָט ער אויסגערופן און זיך באַפרייט פון יעקבס האַנט.

„וואָס האָסטע אַזוי מורא? ז'עלן דיך נישט דערהרגענען", האָט יעקב נישט פאַרשטאַנען.

„זיי נישט אַזוי זיכער. פאַר זייער אידעאַל, ווי ז'רופן דאָס, זענען זיי גרייט טאַטע־מאַמע אומצוברענגען. אויף שיינע ווערטער זענען זיי גאַנצע מומחים".

„די בונדאָווצעס?"

„די בונדאָווצעס, די באָלשעוויקעס, די אַנאַרכיסטן, די פּאָלעציוניסטן, די שוואַרצע יאָר ווייסט זיי. מיטן זעלבן פייער וואָס ז'האָבן אַ מאָל געטאַנצט אַ חסידישן ריקוד, טאַנצן זיי אַציינד אַ שדים־טאַנץ, אַ גזלנים־טאַנץ, אַ מורדישן ריקוד. ווי אַזוי די ישיבה און דאָס בית־מדרש האָבן צו דעם דערפירט ווייס איך אָסור".

„איך ווייס יאָ", האָט יעקב געוואָלט זאָגן, נאָר זיך צוריקגעהאַלטן.

ער האָט נאָכגעגעבן ברוכן און זיך דעם טאָג נישט דערנענטערט צו די צעשמועסטע בחורים. ער האָט געוואָלט שמועסן מיט ברוכן. דאָס איז אים אויס־געקומען וויכטיקער. עפּעס איז געווען אין ברוכס אָפּענעם פּנים, אין דעם פרייען בליק זיינעם, אין וועלכן אַ הונגער צו פרייד און אַ יסורימדיקע פאַרצווייפלונג האָבן זיך געביטן און געמיניעט ווי ליכט און שאָטן. דער בליק האָט געלאָקט צו זיך, גערופן, נישט געקוקט אויף ברוכס צוריקגעהאַלטנקייט אין דער באַנע־מונג, נישט געקוקט אויף זיינע „וואָרענונגען". און יעקב האָט אָפּגעפילט עפּעס קרובישס אין זייביידן. ווייל אויך אין ברוכן האָט געוויירן אַ מין מרידה, אַן כעס, אַן שינאה און פאַרביסנקייט. דער אונטערשייד צווישן זיי איז נאָר געווען אין דער באַפאַרבונג; ברוכס איז געווען באַפאַרבט מיט ייִאוש און זיינע, יעקבס, מיט בטחון. האָט ער, יעקב, געמוזט זיין דער שטאַרקערער פון זיי ביידן, דער מער אַנגרייפערישער אין זוכן אַ וועג צו דער פריינדשאַפט. דאָך האָט ער זיך נאָך אָפּגעהאַלטן פון טיילן זיך מיט זיינע פאַרבאַרגענע מחשבות מיט אים.

אַז יעקב איז נאָך אַזאַ באַגעגעניש מיט ברוכן אַהיימגעגאַנגען מיט ר' זייווו־לען מאַלקעס און מיט אַ גאַנצער חברה חסידים, האָט ער זיך נישט צוגעהערט צו זייער שמועס. ער האָט זיך אַרומגעקוקט איבער די גאַסן. מידע, בלייכע פּני־מער זיינען אים פון אומעטום אַנטקעגנגעקומען. די שטאָט איז געווען איין גרויסער חולה — און אים איז אויסגעקומען, אַז גראָד אַ דאַנק זיין פריינדשאַפט מיט ברוכן, דעם נגידישן זונדל, האָבן דער שטאָטס יסורים אים נאָך מער אַדורכגענומען.

אַ קול אין אים האָט וואָס אַ מאָל העכער, וואָס אַ מאָל שטאַרקער באַשטע־טיקט: „דאָ איז דיין באַשערטקייט. דאָ, אין דעם עמק־הבכא וועסטו זיך גע־פינען... געפינען דעם ווערט פון קדושה..." יאָ, די שטאָט האָט פאַרמאָגט איר אייגענעם רחבות: דעם רחבות פון גרויקייט, פון צער און פון יסורים. אין איר איינגעבראָכענעם ריטעם, אין איר פאַרדרעגגטן טעמפּאָ, האָט זיך געשטיקט אַ

מאַכטיק געשריי. אַ געבונדענער ריז איז די שטאָט געווען. אונטער די פּענטעס פון פאַרגליווערטקייט האָט געדרעמלט אַ גוואַלדיקער כּוח: דער כּוח פון אַ ים פון מענטשלעכע נישט-געשטילטע ווילנס, נישט-געשטילטע הונגערס און שטרע־בונגען.

אין די זומערדיקע חדשים האָט יעקב זיך יאָ ארויסגעלאָזט אין די שבתים אויף אַ שפּאַציר איבער באַלוט. טיר און פענצטער זיינען געשטאַנען אומעטום איפגעפּראַלט. קולות פון קינדער האָבן פון דאָרט דערגרייכט צו זיינע אויערן, אַ זמירות־געזאַנג, דאָס קול פון חדר־יינגלעך וואָס טאַטעס האָבן פאַרהערט, צי דאָס געזאַנג פון מיידלעך, אַ געזאַנג פון וואַרעמע יידישע לידער, וואָס האָבן מיט זייער פּשטות און חן אַריינגעדרונגען גלייך אין האַרצן. בעת־מעשה האָט ער מיט די אויגן געניגשטערט צווישן די פאַרביישפּאַצירנדיקע מיידלעך — געזוכט איינע... מיט געלבע, צעפלויגענע צעפּלעך, מיט הויכע באַקנביינער איבערגע־צויגן מיט אַ מאַטער זומער־געשפּרענקלטער הויט, און מיט אַ פּאָר שיפע, שטעכיק־ברייקע אויגן.

ער האָט זיך געלאָזט מיטשלעפּן מיט אַן עולם וואָס האָט פון אַלע געסלעך אַ צעיאַכמערטער געצויגן צו אַ הויף ווו מען האָט געפּראַוועט אַ חתונה. קאַפּע־ליעס האָבן געשפּילט. חסידים האָבן געזונגען און זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ ריקוד, ווייבער האָבן געטאַנצט אַ פּאַטשער. אַז דער ריטעם האָט אים מיטגעריסן, האָט יעקב זיך אָנגעשלאָסן אָן אַ קרענצל טאַנצנדיקע חסידים, פאַרמאַכט די אויגן און זיך געזען אַרומגעאָרעמט מיט יואלן און אַבראַשקען, טאַנצן אויפן שליאַך פאַר דער קוזשניע.

אויף אָט די שמחות האָט יעקב דערקענט דעם באַלוטער עולם — אין זיין אויסגעהונגערטקייט נאָך אַ ברעקעלע פרייד. פון אומעטום איז מען געקומען צו לויפן צוקוקן ווי מען שטעלט די חופּה. אַ געדראַנג פון שבתדיקע קאַפּאָטעס און שטריימלעך און פון אָפּגעריסענע קרוע־ובלוע־טראַכטן. די הבדלות אין די הענט האָבן געפינטלט מיט דער בענקשאַפט צו אַ גרויס ליכט, צו אַן אייביקן שבת, צום יום־שכולו־טוב... און טרערענעס ווי באָב האָבן געקאַפּעט פון די אויסגעגרינטע ווייבערשע פּנימער, בעת דער דיין האָט געלייענט די כּתובה פאַר חתן־כּלה — ווען די פאַרווינטע יידענעס האָבן אפשר קיין מאָל אויף די אויגן נישט געזען.

„ווי נאָענט דאָס איז מיר...” האָט יעקב געטראַכט. „אָט די טרויעריקע פרייד, די נעבעכדיקע. ווי שטאַרק שרייט פון איר אַרויס די בענקעניש צו אמתער דערהויבענער שימחה, צו שלווה”.

3

יעקבן איז נישט אָנגעקומען לייכט אויסצובעטן ביי ר׳ זייוולען מאַלקעס אַ דערלויבעניש צו פאָרן אַהיים זיך זען מיט דער מאַמען. און ר׳ זייוול האָט דאָס אים באַוויליקט ערשט אויף חנוכה.

אויסגעקליידט אין דער צייגענער איבעצע וואָס ער האָט נאָך געבראַכט פון באַטשאַני און וועלכע האָט שוין געהאַלטן ביים צעפאַלן, האָט ער זיך געלאָזט אין וועג אַריין, און איידער ער איז נאָך אָנגעקומען — איז ער שוין דאָרט געווען. דעם גאַנצן וועג אַהין האָט ער געזען די מאַמען אין דעם שמעקנדיקן בוידעמשטיבל, געזען דאָס רחבות פון די פעלדער, דעם חן פון בעריאָזע־וועלדל, דעם סטאַוו, די טאָפּאָליע־וועגן, דעם ווייסן באַרג און דעם בלויען באַרג... און ער האָט אויך געזען אַבראַשקען און יואלן. געהערט וואַנדעס קול קלינגען איבער דער שטילקייט...

די ערשטע חנוכה־נאַכט איז ער שוין געזעסן מיט הינדעלען, מיט די שוועס־טער, מיט שלומען, דעם ברודער מיט זיין ווייב און קינדער — אַרום דעם טיש אין בוידעמשטיבל אין באַטשאַני. ס׳איז מאָדנע געווען צו פאַרגלייכן די בענ־קעניש צו אַן אָרט וואָס מען האָט פאַרלאָזט, מיט דעם וואָרן בילד וואָס מען האָט געהאַט פאַר די אויגן. דאָס שטיבל האָט אויסגעזען קלענער, אָרעמער, די מאַמע עלטער, און די שוועסטער, דער ברודער — פרעמדער.

דאָס ערשטע חנוכה־ליכטל האָט געפינטלט אויפן פענצטער. יעקב האָט געהאַלטן שלומס טעכטערל, ליבעלען, אויף דער שויס; און אַזוי האָט ער דער משפּחה דערציילט די וווּנדער פון דער גרויסער שטאָט לאָדזש, וואָס מען האָט זי גאָרנישט געקאָנט אויסגיין צו פוס. בעת־מעשה האָט ער געפילט, אַז די ווערטער וואָס ער האָט באַנוצט האָבן געקלונגען פרעמד צווישן אָט די ווענט, ווי ער וואָלט געהאַט געביטן דאָס לשון זיינס. ער האָט געפילט ווי ליב אַלץ דאָ אַרום איז אים — און ווי דושנע עס ווערט אים.

דערווייל זיינען די לאַטקעס, וואָס הינדעלע האָט דערלאַנגט צום טיש, פאַרשוווּנדן פון טעלער נאָך איידער זי האָט באַוויזן אים אָוועקצושטעלן אויפן טיש. יעקב האָט גאָר קיין מאָל נישט געוווּסט, אַז לאַטקעס האָבן געקאָנט פאַרמאָגן אַזעלכע גן־עדנדיקע טעמען. ער האָט זיך גאָרנישט געקאָנט זאַט אָנעסן מיט זיי.

הינדעלע האָט אים כּסדר געמוטיקט: „עס... עס. ס׳עט חלילה נישט אויס־פעלן״. און זי האָט זיך געווישט די אויגן.

דער אָנבליק פון יעקבן האָט הינדעלען געשניטן אין האַרצן. ער איז אַהיים־געקומען מיט אַ פּאָר איינגעפאַלענע געלב־גרויע באַקן, אַן אויסגעדאַרטער ווי אַ סוכאָטניק. — נאָר זי האָט פאַרביסן די ליפּן און האָט מיט קיין וואָרט נישט באַ־

מערקט וועגן זיין אויסזען. וואָס וואָלט איר געהאָלפן, ווען זי וואָלט אים געלאָזט וויסן, אַז אירע טרערן זיינען געווען נישט בלויז פון נחת אים צו זען, נאָר אויך פון צער און זאָרג וועגן אים? — האָט זי אים דורך די פּאָר טעג כאָטש אָנקאָרמען געוואָלט, ער זאָל כאָטש אָנזאַמלען אַ קליינעם זאַפּאַס כוחות. און זי האָט נישט אויפגעהערט צו קאָכן און צו באַקן און אונטערשטעלן יעקבן פולע פּולמיס־קעס עסן אויפן טיש.

נאָכט נאָך נאָכט איז יעקב געזעסן מיט הינדעלען ביז די שפּעטע שעהען און איר דערציילט וועגן זיך, גאָר אַנדערש דערציילט ווי ער האָט דאָס דערציילט פאַר דער גאַנצער משפחה. די שוועסטער, גיטעלע און שיינדעלע, וועלכע האָבן ביידע געאַרבעט אין דער פליושפאַבריק, זיינען שוין געשלאָפן, און ער איז געזעסן מיט הינדעלען ביים שיין פון די חנוכה־ליכטלעך וואָס האָבן זיך געטיקט. ער האָט געכרופעט מאַנקיכלעך, געזופּט שעפּן ציקאָריע־קאַווע און מיט די אויגן אויף הינדעלעס פאַרהאָרכטן, פאַרשאָטנט־מידן פּנים, איר אָפּגעמאָלן יעדן מענטשן וואָס ער האָט באַגעגנט, יעדן פּרט וואָס האָט זיך איינגעקריצט אין זיין געדעכעניש.

אַז ער האָט איר דערציילט וועגן לייבלען הויקער, דעם אַפּיקורס, וועלכער האָט אים געלערנט דאָס וועבערפאַך און זיין קול האָט בעת־מעשה געקלונגען אַ ביסל אומזיכער, האָט זי זיך אָפּגערופן ווי אים צו באַרויקן: „גלייב מיר, אַז דער רבונו־של־עולם האָט ליבער די אַפּיקורסים מיט וואַרעמע הערצער, ווי די פרומע לייט מיט הערצער פון קאַלטע גזלנים. אָבער מקנא בין עך זיי נישט, די אַפּיקורסים. ז'זענען נישט קיין ייִדן און ז'זענען נישט קיין גויים. פון דער אַנדערער זייט, זאָגט ער נישט קיין נייעס, דיין אַפּיקורס. צו יעדן אַלטן ליד קאָן מען צופּאַסן אַ נייעם ניגון, פאַרשטייסטע מיך...״

יעקב האָט זיך, אַ דאַנקבאַרער, צוגערוקט נענטער צו איר. „אַט אַזוי זע איך דאָס אויך, מאַמעשי!״ האָט ער אויסגערופן. „דו פלעגסט דאָך מיך שטענדיק טרייסטן, אַז טאָמער 'עלן מיר אַליין רייך ווערן און אַלע אָרום אונדז 'עלן בלייבן אָרעם, 'עט אונדזער נשמה סיי ווי לעבן אין דחקות״. יעקב האָט מיטן בליק געזוכט צושטימונג אין אירע אויגן. „די זאַך איז נאָר, פאַרשטייסטע מיך, וואָס די אַחדותניקעס האַלטן פון מרידה. זיי שטעלן זיך נישט אָפּ פון בלוט־פאַרגיסן... פון ניצן אַשמדאיס כלי־זין, כדי אים מנצח צו זיין״.

הינדעלע האָט אַ קיי געטאָן די לויזע ליפּן: „דאָס זוכן זיי אויסצולאָדענען דאָס אייגענע רישעות״.

„זיי זענען גרייט זיך אַליין מקריב צו זיין״.

„אָבער אויב האָבן זיי נישט דעם רבונו־של־עולם אויף זייער זייט, 'עט דאָך זיי סיי ווי גאָרנישט העלפן״.

„ז'זאָגן, אַז דאָס בלינדע גלייבן אין ריבונו־של־עולם און אין ביאת־המשיח

האלט אפ... די גאולה. זיי גלייבן אין מענטש, מאמעשי. דער מענטש מוז נעמען זיין גורל אין די אייגענע הענט".

„אזעלכע אפיקורסים זענען זיי?" האט הינדעלע נישט פארשטאנען.

„זיי גלייבן נישט, אז ס'איז איבער הויפט פאראן א רבונו־של־עולם". יעקב האט א צעהיצטער געפארשט הינדעלעס פנים.

„אזוי?" האט זי אנגעשטעלט אויף אים א פאר דערשטויגטע אויגן. „און איך האב געמיינט, אז ז'דאווענען בלויז נישט און גייען ארום אין די בלויזע קעפ... ווייל ז'גלייבן נישט, אז דאס, צי דער יידישער בגד, קאן זיי דער־נענטערן צום אייבערשטן. אבער וואס ווייסן זיי נעבעך פון א לעבן, אויב זייערע נשמות געפינען זיך אין אזא פינצטערניש. זעסט, יעקבשי, ווי די נויט און צרות קאנען א מענטשן ארייננשליידערן אין כף־הקלע? שטעלסט דיר פאר אויף וואס פאר א מדרגה פון יסורים א מענטש מוז שוין זיין? איוב האט דאך אויך גענומען רעדן פון וועג ווען ער האט געקראגן איין קלאפ אין קאפ נאכן אנדערן".

„אבער וואס איז דען דא פאר אן עצה?" האט יעקב געזוכט זי צוריק־צוברענגען צו דער צושטימונג וואס ער האט פריער באקומען פון איר. „ס'איז פארט נישט גערעכט, אז איין מענטש זאל ווערן דעם אנדערנס גיהנום, אז איינער זאל לעבן אויפן חשבון פון אנדערן. דער מענטש איז דאך פארט עפעס מער ווי סתם א חיה. און מאמעשי, אויב עס גייט אין בין־אדם־לחברו, איז דער מענטש פריי אין זיין בחירה. און פון וואנען ווייסטע", האט יעקב, א צעהיצטער, זיך פארגאלאפירט. „אפשר ווארט גאר דער רבונו־של־עולם אויף דעם מענטשנס מרידה... קעגן אים... אויב... אויב ער איז איבער הויפט פאראנען?"

הינדעלע האט א כאפ געטאן די האנט צום מויל, ווי זי אליין וואלט ארויס־געזאגט אט די רייד און געוואלט זיי צוריקהאלטן. „וואס רעדסטע, יעקבשי", האט זי געשטאמלט. „וואס זאגסטע... אויב ער איז פאראנען? ס'ט דאך מיר נישט גיין זאגן, אז דו ווייסט אויך נישט צי ער איז דא... אז ער האט א האנט אין אלצדינג..."

יעקב האט פארביסן די ליפן. ער האט נישט געטארט ווייטער אנגיין מיט די רייד. א רגע איז ער געבליבן זיצן לעבן איר אין שווייגן און דערנאך האט ער געביטן די טעמע. „און וואס הערט זיך מכוח פרנסה?" האט ער א פרעג געטאן.

זי האט אים אנגעקוקט דורך די פייכטע אויגן און האט פארשטאנען זיין כוונה. וואס פאר א זינען האט טאקע געהאט אנצוגיין — מיט די רייד? ס'איז געווען קלאר, אז יעקב איז פארכאפט געווארן פון דער מגיפה וואס האט מיטגע־ריסן מיט זיך די קינדער פון די בעסטע, די פרומסטע. זי האט געמוזט שלום מאכן מיטן געדאנק: יעקב האט זי פארלאזן נישט בלויז מיטן גוף, און זי איז נישט בכוח געווען אים צוריקצופירן אויפן גלייכן וועג.

דאך איז נישט אלץ געווען פארלוירן. וואס זיינען געווען א מענטשנס מחש־

בות, זיינע שפּילערייען מיט רעיונות, אַנטקעגן דעם וואָס האָט אויסגעפּילט זיין נשמה, דאָס אייביקע ליכט וואָס ער האָט געטראָגן אין זיך? אָט דאָס ליכט איז נאָך אַלץ געווען אומבאַפלעקט אין אים, אין יעקבן. פאַרקערט, איר האָט זיך אַפילו געדאַכט, אַז עס האָט נאָך אָראָפּגעשיינט העלער פון זיין פּנים. יאָ, אַ מענטשנס פּנים איז געווען דער שפּיגל פון זיין נשמה. דאָס גוטע און דאָס שלעכטע האָט זיך דאָרט בולט פאַרשריבן. מען האָט עס נאָר געדאַרפט קענען לייענען. און זי האָט געקאָנט לייענען זיין פּנים. ווי אין אָפן ספר איז עס פאַר איר געווען.

האָט זי אים אָנגענומען פאַר די הענט, זיי געהאַלטן צווישן אירע געראונצלטע דלאָניעס, ווי אַ מאָל ווען ער איז געווען אַ קינד און ער איז אַריינגעקומען מיט געפרוירענע פינגערשפּיצן פון קאַלטן דרויסן.

„גאָט זיי דאַנק", האָט זי אים רויִק געענטפערט אויף דער פראַגע. „ווענן אונדז דאַרפסטע דיך גאָרנישט זאָרגן. ס'שטעטל איז אויפגעריכט געוואָרן אַ דאַנק די צוגערייזטע פון די גרויסע שטעט... און די דייטשן האָבן אויסגעבויט אַ ראַטהויז, ס'ט געזען? ז'האָבן נאָך מער פונאַנדערגעבויט די שקאָלע ביים ברייטן טאַפּאָליע־וועג. און מ'שמועסט, אַז מ'עט אַהערציִען שינעס און ס'עט גיין אַ באַן. און אין קליייטל לייזט זיך גאָר גוט... און ר'סענדערל, ווייסטע דאָך, איז ניפטר געוואָרן... ערשט דריי חדשים און קיינער געדענקט אים נישט... ווי ס'וואָלט קיין ר' סענדערל קיין מאָל נישט געווען. און מיר פעלט ער שטאַרק אויס... שטאַרק..." זי האָט זיך צעוויינט און וויינענדיק ווייטער דערציילט: „און צו שמוליקלען רופא גייט אַצינדער די גאַנצע שטאָט זיך היילן. ס'איז אפשר בעסער... אָבער ס'איז נישט דאָס זעלביקע באַטשאַני. אויבנאויף איז נאָך אַלץ אַזוי ווי ס'איז געווען... אָבער ס'איז נישט..."

יעקב איז געשלאָפן אויף זיין אַמאָליקן אָרט, אויפן שטרוישעניק אונטערן פענצטער. געווען אַ נאָגנדיקע זיסקייט אינעם פאַרטוליען זיך אין דער אַלטער צעריסענער פּערענע און זיך פילן ווי מען וואָלט צוריקגעהיפּט צו דער מילדקייט פון די קינדער־יאָרן — בעת־מעשה האָט דאָס נאָך שטאַרקער געמאַכט פילן דעם אמת — פון האָבן זיי אויף אייביק פאַרלוירן. יעקב האָט זיך איינגעהאָרכט אין דער שטילקייט און איז איינגעשלאָפן מיט דער דערמאָנונג פון אַ מאָל, ווען ער האָט מורא באַקומען פאַר דער פינצטערניש און איז אַריינגעשפּרונגען אין הינדעלעס בעט.

אין דער פרי האָט יעקב זיך אַרויסגעקליבן צו דער מיל, באַזוכן ר' פּיִוועלען מילנער. אַ מעלאַנכאָליש־סקוטשנער שפּאַציר געווען דורכן בלאָטיק־פאַרשנייטן ברייטן טאַפּאָליע־וועג. זכרונות האָבן זיך געשפּאַרט צום זכרון און זיך געררייצט מיט אים.

ר' פּיִוועלע אַליין האָט אויפגענומען יעקבן מיט אַ גדולה, אים אַריינ־

געכאפּט אין די אָרעמס, אים געקושט איןביידע באַקן. אָבער קיין צייט פאַר אים האָט ער נישט געהאַט.

ר׳ פּייוועלע איז במשך פון די מלחמה־יאָרן שטאַרק אויסגעוואַקסן אין מיס־חר. שמוגלערס פון הונגעריקע שטעט פון אַלע עקן פּוילן האָבן זיך געזאַמלט פאַר דער טיר פון ר׳ פּייוועלעס „קאַנטור״, זיך געוואָרעמט די הענט ביי גרויסע פּייערטעפּ אויפן גאַניק און געוואַרט, אַז ר׳ פּייוועלע זאָל באַווייליקן זיי אויפ־צונעמען און שליסן אַ געשעפט. די פּויערים האָבן באַלאַגערט די מיל מיט די זעק קאָרן און ווייץ צום מאָלן. זיי זיינען געווען אומגעדולדיקער און תּקיפדיקער ווי אַ מאָל. האָט ר׳ פּייוועלע אַ דערשוויצטער, פאַרסאַפּעטער, מיט צעפלויגענע פּאָלעס געהאַוועט צווישן דעם „קאַנטור״ און דער מיל און האָט קוים געוווסט אויף וועלכער וועלט ער איז.

דאָך האָט ער באַוויזן צוצווואַרפן יעקבן אַ פּאָר היציקע, ביטערע ווערטער: „ווי גייט דאָס ווערטל, הע, יעקב? אַלע קינדער זענען קליינערהייט קלוג, נאָר דער רוב בלייבט ביים קינדערשן שכל. שלמהלע וואַקסט קיין עין־הרע אַ פאַר־שניאַשקעטער עילוי, פרום ווי אַ קאַץ. און אַבראַשקע דער מזיק האַלט, אַז ער איז שוין געגנוג געלערנט און אַז ער ווייסט שוין אַלץ. ער גנבעט זיך אַרויס פון שטוב און לויפט אַרום איבער קראָקע. דערצו האָט זיך אים צוגעטשעפּעט עפּעס אַ משוגעת, ר׳האַלט אין איין שניצן צאַצקעס פון האָלץ. ניי״, האָט ער אַ טרייסל געטאָן יעקבן פאַר ביידע אָרעמס און אים אָפּגעשטופּט פון זיך. „גיי אַריין צו מיין ווייב. ז׳עט זיין צופרידן דיך צו זען״.

יעקב איז אַריין צו דער לאַנגער צירעלען. זי האָט אים מכבד געווען מיט אַ גלאָז טיי מיט איינגעמאַכטס און אים זאַכלעך אויסגעפרעגט וועגן לאָדזש. ער האָט נישט געהאַט וועגן וואָס מיט איר צו רעדן, האָט ער העפלעך צוגעוואַרט אַ ביסל נאָכן אויסטרינקען די טיי און איז אַריבערגעלאָפן צו פרעדקען, אַב־ראַשקעס „אַמעשי״.

פרעדקע האָט אים אַריינגעכאַפּט אין די פעסטע וואַרעמע אָרעמס און טרע־רענעס האָבן זיך אַזש באַוויזן אין אירע אויגן. זי האָט זיך נישט געקאָנט אָפּוווּנ־דערן ווי הויך און ווי מאַנספאַרשוויניש יעקב האָט אויסגעזען, און ווי אויסגע־דאַרט און בלייך ער איז געווען. זיי האָבן אַ ביסל גערעדט וועגן אַבראַשקען און דערנאָך נישט געוווסט מיט וואָס אונטערצוהאַלטן דעם שמועס. יאָ, זי איז אויסגעגאַנגען פון בענקשאַפט נאָך דעם בעל־הבית׳ יינגלעך, הגם זי איז געווען אַרומגערינגלט מיט איר אייגענער „כאַלאַטע״ וואָס איז קיין עין־הרע געוואַקסן ווי אויף הייוון, האָט די „אַמעשי״ זיך געדרייט אין אַ רעדל מיט אירע רייד. זי האָט דערציילט ווער פון די פּאַראַבקעס האָט חתונה געהאַט און מיט וועמען, וועלכע קו עס האָט זיך געקעלביקט, און אַז אַבראַשקעס הונט באַביק הייבט זיך אָן צו עלטערן און ס׳זיינען צוגעקומען נייע הינט.

זי האָט אַרויסגעפּירט יעקבן אויפן הויף און איז צו מיט אים צום שטאָל ווו סוסי און סוסי־בן־סוסי האָבן געקייט פון די זעק מיט האָבער. „אפשר ווילסטע דיך אַ ביסל איבעררייטן?" האָט די „אַמעשי" אומזיכער פאַרגעשלאָגן. „מ'זינקט טאַקע אין שניי און אין די בלאָטעס, אָבער דו'סט דיר אַן עצה געבן..." זי האָט זיך צוגעבויגן צו יעקבן און צוגעגעבן: „נאָר ד'עסט מוזן אַכטונג געבן די שי־כורים זאָלן דיך נישט פאַרטשעפּען. ז'האָבן שוין ווידער אָנגעהויבן וואַרטשען קעגן די ייִדן. אַ פריי פוילן ווילן זיי, די כאַמעס... גייען זיי זיך נעמען צו די זשידקעס אַנשטאָט צו די גערמאַנצעס... נאָר די וואָס מיינען ערלעך מיט דער זאַך זענען אַוועק אין די לעגיאָנען... אָבער די פּאָספּולסטווע טוט נישט מער... נאָר וואָרטשעט".

יעקב האָט אַרומגענומען סוסין פאַרן קאַרק, אַ קלעפּל געטאָן אים אין דער מאָרדע און זיך אָפּגעזעגנט מיט דער „אַמעשי".

אויפן וועג צוריק אַהיים האָט די דערמאָנונג וועגן וואַנדען אויפגעלעבט אין זיין זכרון. די שטילקייט פון די פעלדער, די שנייִיק אָפּגעלערטע, האָט מער נישט אָפּגערופן זיך מיט וואַנדעס קול. וואַנדע איז שוין געווען אַ מאַמע פון אַ קליין שייגעצל, האָט די „אַמעשי" דערמאָנט בעת זי האָט אים דערציילט די נייעסן פון דאָרף. וואַנדע וועט מער נישט זינגען. געווען אַ פאַרענדיקטקייט אין אָט דער שטילקייט וואָס האָט מער אויף וואַנדעס קול נישט געוואַרט. דאָס בילד פון איר, אין זכרון, איז אויך געווען פאַרענדיקט. אַ פּאַסירונג אין זיין, יעקבס לעבן, וואָס האָט מער צו דער קעגנוואַרט קיין שייכות נישט געהאַט.

ער האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט דעם טרויער וואָס האָט אים איינגענומען, אַ מין זאָרג. האָט דעם שטעטל ווידער דערוואַרט אַן אומגליק, אַן אַטאַק פון די גויים? — און ער וועט זיין אַזוי ווייט. אַזוי פיל יאָרן האָט באַ־טשאַני געלעבט מיט אָט דער אימהדיקער דערוואַרטונג. אָט אַזוי איז ער אויפגע־וואַקסן. אימה... זאָרג... פחד פאַרן ברודער מענטש... יענער פחד זיינער פאַר די שקצימלעך וואָס האָט אים דאָס גאַנצע לעבן פאַרפאָלגט.

ער האָט געטראַכט וועגן זיי, די שקצימלעך... אָט די וואָס זיינען אים איצט פאַרבייגעלאָפן אויפן שליאַך. און ער האָט געטראַכט וועגן די חדר־ייִנגלעך... און וועגן די קינדער פון באַלוט, די אָפּגעשליסענע, אויסגעבלייכטע, אומגליקלעכ־סטע קינדער פון דער וועלט, וואָס האָבן געגעסן שמוץ און אַריינגעאָטעמט קויט; קיין מאָל נישט געזען ווי פּירות וואַקסן, ווי פעלדער געדייען, נישט געקענט דאָס רחבות פון פרייע וועגן, נישט די פאַרוויגטקייט פון וועלדער. דאָך האָבן די באַלוטער קינדער געקאָנט זיך פרייען און לאַכן פונקט ווי די דאָרפישע קינדער. ווי ווייניק אַ קינד האָט געדאַרפט — צו שפּייזן זיין שמייכל, צו זיין גליק־זעליק און מונטער! ווי פשוט זיינען קינדער געווען אין זייער אוממיטלבאַרקייט, אין זייער אָפנקייט, אין זייער אופן פון אויסדריקן ליבשאַפט.

טאָ וואָס איז שפּעטער געשען מיט אָט די קינדער? ווען, אין וועלכן מאָמענט, האָט זיך דער טייוול פאַרגנבעט אין אַ קינדס האַרץ? ווי אַזוי האָט זיך די ביטער־ניש און שינאה דאָרט פאַרנעסטיקט, פאַרטומלט דעם מוח און אויסגעקרימט דעם שמייכל? איז טאַקע נישט געווען מעגלעך צו באַשאַפן אַ וועלט וווּ דער מענטש זאָל בלייבן אַ קינד אויף זיין גאַנץ לעבן — און דער איינגעבוירענער נייגער, די שפּילעוודיקייט זאָלן נישט פאַרקריפּלט ווערן — הגם ער וועט וואַקסן אין שׂכל, אין וויסן? ער, יעקב, האָט מער נישט געגלייבט, אַז פרומקייט, אָפּגע־היטקייט אין די געטלעכע געבאָטן האָבן געהאַט אַ סך צו טאָן דערמיט. מען האָט געקאָנט זיין פרום, אָפּגעהיט, און בלייבן אַ רשע.

יעדער בן־אָדם, יעדער איינער פאַר זיך, האָט אויף זיין וועג ערגעץ פאַר־בלאָנדזשעט, פאַרלוירן די גלייכע סטעזשקע. יעדער מענטש איז געווען אַן אָדם־הראשון, אַ געפאַלענער פון גאָטס חסד. יעדער איינער האָט געהאַט זיין טאָג, זיין רגע, ווען ער האָט פאַרלוירן די אומשולד — און אריינגעלאָזט די שלאַנג אין האַרצן.

די פראַגע איז געווען ווי אַזוי אויפצופלאַנטערן דעם קנופּ און אַרויס צו דער קלאָרקייט — ווערן צוריק אויסגעגלייכט, צוריקקריגן דאָס האַרץ וואָס איז פּעיִק ליב צו האָבן, אויגן וואָס זיינען צוריק פּעיִק צו זען, צוריקבאַקומען די וואַכע חושים, כּדי אַריינצונעמען דאָס לעבן אין זיך — אוממיטלדיק, און אויף דעם אופן זיך אַליין ליבער באַקומען; באַקומען דרך־ארץ פאַר זיך, און פאַר אַלץ וואָס רינגלט דיך אַרום, און דער עיקר — דרך־ארץ פאַרן צווייטן מענטשן. אייגנטלעך איז דאָס געווען דער אייציקער אופן ווי אַזוי דער מענטש האָט געקאָנט דינען זיין באַשעפער.

אַזוי איז יעקב צוריקגעקומען צו לייבל הויקערס רייד. טרוקענערע, זאַכ־לעכערע רייד, ווי אָט די וואָס האָבן זיך געבאַמבלט אין זיינע, אין יעקבס מחשבות. לייבל הויקער האָט גערעדט וועגן אָפּשאַפן הונגער און נויט. דאָס איז געווען וויכטיק, דער ערשטער שריט. אַ הונגעריקער הונט האָט זיך אויך פאַרהאַלטן אַנדערש ווי אַ זאַטער. אין דעם פּרט איז דער מענטש נישט געווען אַנדערש פון דער חיה. ערשט ווען די פיזישע פאַרלאַנגען זיינען געשטילט געוואָרן, האָט דער מענטש זיך געקאָנט דערהייבן איבערן חיִישן. און אָט דאָס חיִישע איז גאַרנישט געווען ווייניקער חשוב ווי דאָס רוחניותדיקע אין מענטש. ווייל איינס איז געווען געבונדן מיטן צווייטן, איינס האָט אונטערגעהאַלטן דאָס אַנדערע.

„אויב אַזוי...“ האָט יעקב געפּרוווט מאַכן אויספירן, „איז מיין אופן פון טראַכטן מער נישט אין הסכם מיט דעם אופן פון טראַכטן פון אַ פרומען ייִדן. אַפילו אויב איך קאָן זיך נישט דערטראַכטן צו קיין מסקנא וועגן דער עקסיס־טענץ פון אַ גאָט ווי ייִדן זעען אים, ווייל איך מער נישט אָננעמען די תרי״ג־מיצוות ווי אַ רעם פאַר מיין לעבן. די רעם פאַר מיין לעבן וועט זיין זיך צו פירן

ווי דאָס האַרץ און דער שכל דיקטירן מיר. כ'על זען קיינעם נישט צו טאָן קיין בייז, קיינעם נישט באַוועלן, אויף וויפל איך 'על קענען. כ'על מיך באַמיִען... באַמיִען... צו זיין אַ מענטש".

דאָ האָט אים עפּעס אַ צופּ געטאָן אין האַרצן. „אָבער... צי ווייס דאָס זיין אַ מענטש, פירן זיך ווי אַ מענטש, מיך ממילא פאַרזיכערן אין מיין זיין אַ ייִד? ניין, דאָס פאַרקערטע איז גראָד אמת. דאָס זיין אַ ייִד אין ערלעכקייט מיינט זיין אויך אַ מענטש. ווי זשע קאָן איך אָפּוואַרפן די אמונה, וואָס איז מיר פון דור־דורות איבערגעגעבן געוואָרן, און וועלכע איז מיר אין אירע חוקים און גדרים פרעמד געוואָרן — און דאָך בלייבן אַ ייִד? אויס ייִד קאָן איך דאָך נישט ווערן. דער ייִד איז דאָך מיין איך. אפילו אָט די נישט־אמונה מיינע איז דאָך אויך ייִדיש. וואָס איך זוך איז דאָך נאָר אַ נייע כּלי פאַר אַן אַלטן ווייַן... ווייל פאַר מיר האָט דער ווייַן אין דער אַלטער כּלי באַקומען אַ זויערן טעם..."

ער איז פאַרבייגעגאַנגען די קרעטשמע. אַ פּאָר שיכּורע פּויערים זיינען געשטאַנען פאַר דער טיר און געפאָכעט צו אים מיט די פלעשלעך בראָנפן. אפשר האָבן זיי אים דערקענט? אפשר האָט זיך צווישן זיי געפונען זיין חבֿרל פון די קינדער־יאָרן, בראָנעק? ער האָט אַ דאַנקבאַרער צוריקגעפאָכעט צו זיי. דאָ איז אים איינגעפאַלן, אַז ער קוקט אויף זיי מיט ייִדישע אויגן; ער האָט זיי געדאַנקט, אָט מיט דעם פאָכע פון דער האַנט — פאַר נישט אָנפאַלן אויף אים. ס'האָט אַ נאָג געטאָן אין האַרצן. דער פּחד איז ווי אַ מויער געשטאַנען צווישן אים און זיי — און נישט דערלויבט, אַז ער זאָל זיי באַגריסן אין אמתער ברודערשאַפט.

איידער יעקבֿ האָט פאַרלאָזן באַטשאַני האָט ער זיך אויך אַריינגעכאַפּט צו זיין אַלטן חבֿר פון חדר, אַריהלען. אַריהלע איז שוין געווען אַ חתונה־געהאַטער און זיין ווייבל, אַ באַטשאַנישע בעלי־מלאכישע טאָכטער, האָט געטראָגן אירע אייגענע האָר. אַריהלע האָט דערציילט יעקבֿן וועגן דעם אַנדערן באַטשאַני, דעם נייעם און יונגן. ער, אַריהלע אַליין, איז גאָר געוואָרן דער פאַרזיצער פון דעם באַטשאַנישן קאָמיטעט פון „בונד". ער האָט געמאַכט יעקבֿן ביטערע פאַרוווּרפן הלמאַי די גאַנצע פּאָר טעג וואָס ער איז געווען אין שטעטל האָט ער נישט געפונען קיין צייט צו כאַפּן אַ בליק אויף אָט דעם נייעם באַטשאַני.

4

נאָכן צוריקקערן זיך קיין לאָדזש האָט יעקבֿ נישט גלייך אַראָפּגעוואָרפן די קאַפּאָטע און נישט אָפּגעשערט די פאות. ער האָט דאָס אָפּגעלייגט פון וואָך צו וואָך, פון חודש צו חודש. ער האָט געחוזקט פון זיך צוליב זיינע וואַקלעניש.

„אויף וואָס וואַרט איך?״ האָט ער זיך געפרעגט. „אַז דער רבונו־של־עולם זאָל זיך פאַר מיר אַנטפּלעקן און מיר קליפּ און קלאָר באַווייזן, אַז איך האָב מיך פאַרנומען אויף פאַלשע דרכים? כ׳מוז נעמען אויף זיך די אַחריות, און טאָן דאָס וואָס איך האַלט, אַז איך דאַרף טאָן״.

דאָך איז דאָס געווען אַ גרויסער שריט און ער האָט זיך געמוזט אינערלעך צוגרייטן.

לייבל הויקערס חבר, וואָווע צעדערבוים, וועלכער האָט געאַרבעט ביי אַ וועבשטול אין שכנותדיקן צימער, האָט אָפט מאָל זיך באַוויזן לעבן יעקבן ווען ער איז געזעסן מיט לייבלען און אים געצויגן פאַר די פאות. „זאָל עך זיי דיר אָפּהאַקן?״ האָט ער גוטמוטיק־חוזקדיק געלאַכט.

„לאָז דאָס איבער פאַר מיר״, האָט יעקב אים אָפּגעשטופּט פון זיך.

לייבל הויקער האָט זיך אויך געבייזערט אויף וואָווען: „אפשר טשעפּעסטו דיך אָפּ און לאָזסט אונדז צו רו?״

וואָווען איז נישט איינגעפאַלן זיי צו רו צו לאָזן. „פליי צו כאַפּן און פאות אָפּצושערן איז גוט צו מאַכן אויף דער גיך״, האָט ער זיך גאָר אוועקגעזעצט לעבן זיי. „אַל דאָס איבעריקע גייט נישט צו אַזוי שנעל!״

האָט שוין יעקב אויסגענוצט די געלעגנהייט אַרויסצוברענגען פאַר זיי וואָס ער האָט געפילט: „ביי מיר גייט גאָרנישט צו לייכט. כ׳מוז אַלץ איבערקאָכן אין זיך. אַזאַ טבע האָב איך, נו. און אין דעם פאַל זע איך מיך נישט ווי סתּם אַ יונגער־מאַנטשיק וואָס וויל זיך פאַרדייטשן און גיין מיט דער מאָדע. איך... איך זע נישט מיין לעבן ווי עס וואָלט איבערגעשניטן געוואָרן. כ׳זע מיין מאַמען, דעם טאַטן, דאָס חדר, דעם בית־מדרש... כ׳זע אַלעמען וואָס כ׳האָב אָנגעגעגנט, ווי זיי וואָלטן מיך דערפירט ביז אַהער״. ער האָט אַריינגעקוקט אין לייבל הויקערס אויגן דורך די ברילן־גלעזער. „ד׳פאַרשטייסט מיך, לייבל?״ ער האָט אַריבער־געטראָגן דעם בליק אויף וואָווען. „אונדז שטייען מיר אויף די אַקסלען פון אונדזערע אָבות... ווי די אָבות וואָלטן אונדז איבערגעגעבן, יעדן איינעם פון אונדז, פון האַנט צו האַנט, איבערגעוואָרפן פון איין דור צום אַנדערן... ביז אויף די הענט פון אונדזערע טאַטע־מאַמע... מיר טראָגן מיר די גאַנצע ייִדישע געשיכטע אויף זיך״.

„הייליקער גאָט פון פעדערן־שלייסן!״ האָט וואָווע אויסגערופן. „מיר האָבן מיר גענוג געטראָגן געשיכטע. צייט צו מאַכן געשיכטע! און ס׳זענען דאָ מאָמענטן אין דער געשיכטע, פונקט ווי אין לעבן פון אַ מענטש, ווען נאָר אַ גרינטלעכע אָפּעראַציע, אַ שניט מיט אַ מעסער, קאָן ראַטעווען דאָס לעבן״.

איצט האָבן ביידע, סיי וואָווע, סיי לייבל געקוקט אויף יעקבן און דערוואַרט אַן ענטפער. האָט ער זיי געענטפערט: „איך פיל נישט אַזוי...״ און האָט אָפּגעהאַקט.

ביי נאַכט, אויפן געלעגער, האָט ער אַריינגעטראַכט אין דעם וואָס ער האָט

יאָ געפילט. די פאַרבונדנקייט מיטן עבר האָט ער געפילט. דעם אָטעם־שנור פון דורות האָט ער געפילט, און נאָר זיי האָבן אים געגעבן אַ לאַנגן אָטעם אין מאָרגן אַריין. אַציִנד איז ער געגאַנגען ווערן דער ערשטער פון אַלע זיינע דורות אויף צוריק — איבערצורייסן מיט אַ דרך פון לעבן, מיט אַ קאָדעקס פון געזעצן, איבערצורייסן מיט אָפּהיטן מיצוות, אָפּהיטן כשרות, מיטן אופן פון קליידן זיך. און וואָס לענגער ער האָט אַרייַנגעטראַכט דעריִן, דאָס דערוועגטער האָט אים דער שריט אויסגעזען, דאָס מער האָט ער געפילט די אַחריות אויף זיך.

ער האָט זיך צוגעכאַפּט אין ווייסקאָפּס שטיבל, כדי זיך אויסצופּרוּוון. יאָ, ער האָט זיך דאָ געפילט היימיש. אַלע האָבן אים געקענט און מען איז געווען חבריש־פריינדלעך צו אים. די חסידים האָבן גערן געהאַט זיך אויסצוטענהן מיט אים און ער האָט געקאָנט אַ פאַרדבקעטער אָנפירן מיט אַ ווילדן ריקוד בעת אַ סעודהלע. דאָ האָט ער אויך געהאַט זיינע באַגעגענישן מיט ברוך ווייסקאָפּן. דאָ האָבן זיי געשמועסט אָט די שמועסן, אָנגעלאָדענע מיט נישט־דערזאָגטקייטן. נאָך אַלץ האָבן די רייד זיך נישט געקלעפּט, ווי זיי וואָלטן גערעדט, נישט איינער צום אַנדערן, נאָר איינער דורך דעם אַנדערן — צו עמעצן וואָס האָט זיך פאַרשטאַנען אויף יעדן רמז. דאָ, אין שטיבל, האָט זי זיך אויסגעפּיקט, אָט די אויסטערלישע פריינדשאַפט.

אויסער ברוכן האָט יעקב באַגעגנט אין שטיבל דעם אַלטן זוהר־לערנער, וועלכער איז תּמיד געזעסן אין אַ ווינקל, אַן אויסגעטוענער פון אַרום. יעקב האָט צוזאַמען מיט ברוכן, צי אַליין, ליב געהאַט זיך אַריינצולאָזן אין אַ שמועס מיט אים. ס׳האָט אים, יעקבן, נאָך אַלץ געצויגן צו קבלה. די קבלה־רעיונות האָבן פאַרמאָגט אַ לופטיקייט אַ נישט־ערדישע, אַ באַפליגלטקייט. זיי האָבן גע־לאָזט דער מחשבה און דעם דמיון פריי זיך צעשפּילן און אַל דאָס חלומדיקע, וואָס מען האָט געטראָגן טיף אייַנגעגראָבן אין זיך, האָט אויפגעזונגען מיט וואָר־האַפטיקייט — אָט פון אַ פּסוק, צי אַפילו פון אַ קאָמבינאַציע פון ווערטער, אותיות, קלאַנגען. האָט יעקב זיך געפילט אָפּגעפרישט פון אַ שמועס מיטן אַלטן מקובל. אַ זיסקייט, אַ ליבער טעם איז אים צוריקגעקומען אויפן גומען און ער האָט געהאַט דאָס געפיל ווי ער וואָלט זיך געהאַט צוגעהערט שעהען לאַנג צו מתיקותדיקער נגינה.

דאָך האָט יעקב אַרומגענומען דאָס שטיבל מיט אַ לעצטיקן בליק און געפּ־ליסטערט אין זיך: „איך פיל מיך היימיש דאָ, אָבער די־אַ היימישקייט איז מיר ענג געוואָרן".

לסוף האָט ער געטאָן וואָס ער האָט זיך געהאַט פאַרנומען צו טאָן. און גלייך, אין דעם אויגנבליק ווען ער האָט אָפּגעהאַקט די פאות, איז אים באַפאַלן אַ שטאַר־קער פאַרלאַנג צו זען די מאַמען. האָט זי דאָרט, אין באַטשאַני, אין אָט דער

רגע, דערשפירט דעם שניט — אין הארצן? וואס וועט זי טענהן? ווי גרויס וועט דאס מאל זיין דער בעכער פון צער וואס ער וועט איר דערלאנגען?

דער בעל־הבית ר׳ זייוול מאלקעס האט נישט געמאכט קיין גרויסן ענין פון יעקבס געביטענעם אויסזען. אלע זיינע געזעלן האבן שוין לאנג אנגעהויבן זיך צו קליידן „דויטש״, און ער אליין, ר׳ זייוול, האט אויך שעמעוודיק־באהאלטן גענומען וואס א מאל מער ארומשערן דאס בערדל, ווי ס׳איז געווען די מאדע צווישן די ניי־אויפגעקומענע גבירים. סוף־כל־סוף האט מען געהערט צו „דויטש־לאנד״ און מען האט זיך נישט געקאנט אנטקעגנשטעלן די נייע ווינטן וואס האבן גענומען ארייננבלאזן אין אלטן שטייגער. מען איז מער נישט געווען איינ־געשלאסן אין דער אלטפרענקישער, צוריקגעשטאנענער ראסיי. אצינד איז די גאנצע ברייטע וועלט געשטאנען אפן צו געניסן פון איר. די פארברענטסטע ארטאדאקסן האבן דאס פארשטאנען, די חסידים אליין האבן זיך דאך גענומען צו מאדערניזירן די חדרים, און אויך זייער אייגענעם אויסזען: איינער האט דאס געטאן א ביסל מער, אן אנדערער א ביסל ווייניקער, בפרט האט דאס געדארפט טאן א פראקטישער מענטש.

יעקב אליין האט ערשט איצט אנגעהויבן באמערקן זאכן, וואס ער האט פריער, ווען ער איז געווען פארנומען מיט זיינע אייגענע ראנגלענישן, גארנישט באמערקט. אוודאי, אפילו אין ווייסקאפס שטיבל זיינען ארייננגעקומען יונגע־לייט אין היינטצייטיקע קאפעלושלעך אויף די קעפ, און ברוך ווייסקאפ האט דאך נאך בעת זייער ערשטער באגעגעניש געטראגן א פריצישן ווינטערהוט און א פרי־צישן ווינטער־מאנטל; אין גאס איז ער געגאנגען מיט א שטעקן פארהאנגען איבערן ארעם און האט גיכער אויסגעזען ווי א שלאכצעקע זונדל, איידער ווי א חסידישער יונגער־מאן.

ר׳ זייוול מאלקעס האט בשום־אופן נישט געקאנט פארשטיין פאר וואס יעקב האט זיך אזוי געאיילט ווידער אהיימצופארן און צעברעכן דער מאמעס הארץ. ער האט אים טאקע, ווי א גוטער טאטע, אפגערעדט פון פארן.

„וואס מער ד׳עסט דאס אפשלעפן, דאס לייכטער ט׳דיר שפעטער אנקומען״, האט ער מיט שכל אויפגעקלערט יעקבן. „ביסט פארט אן אפשטאמיקער פון וורקער הויף. וואס דארפסטע דיך רייצן? ס׳איז פארט א פראווינץ... ט׳נעמען נאך א ביסל צייט. די דויטשע מגפה פארשפרייט זיך. אומעטום דרינגט זי ארייז... ׳עט זי בקרוב אהין אויך דערגרייכן און מיט דער צייט ט׳קיינער נישט באמערקן...״

יעקב איז איצט געווען א פאלנער וועבער און ער האט ארויסגעהאלפן אין שטוב אויך. די בעל־הביתטע האט זיך גארנישט געקאנט אפלויבן פון אים. און געווען איז גראד פאר פסח; צו טאן האט נישט געפעלט — האט זיך ר׳ זייוולען שטארק נישט געגלוסט אוועקצולאזן יעקבן.

יעקב האָט נישט בדעה געהאַט אויפצוקלערן ר׳ זייוולען פאַר וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק געוואָלט זען די מאַמען. ער האָט זיך דאָס אַליין קוים געקאָנט אויפקלערן. זיך האָט ער נישט גענדאַרפט איבערצייגן, אַז ער וויל נישט צעברעכן איר האַרץ. דאָך האָט זי אים געמוזט זען אין זיין נייעם אויסזען. ער האָט זיך אַ שטעל געטאָן קעגן ר׳ זייוולען און האָט אויסגעפּירט דאָס זייניקע.

ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויפן שאָסיי זוכן אַ פור. אַ ווייטע רייזע געווען און ער האָט געהאַט גענוג צייט אַריינצוטראַכטן. די בילדער פון צעבליטע סעדער, פון שפּראָצנדיקע פעלדער און גערטנער האָבן זיך אַריינגעפלאָכטן און די מח־שבות וועגן ווייטע שלאַכטפעלדער ווו בחורים אין זיין, אין יעקבס, עלטער זיינען געלעגן מיט אויפגעריסענע צעוווּנדיקטע לייבער — אויף פּונקט אַזוי צעגרינטע פליינען. נאָר דאָרט האָט דער צווישטשער פון פייגל זיך געהערט צוזאַמען מיטן קרעכץ פון גסיסה... דאָרט איז מענטשלעך בלוט געווען ביליק ווי וואַסער. בעת־מעשה האָט אינעווייניק, אין האַרצן, דער פּחד זיך פאַרמישט מיטן שטאָלץ. דער פּחד פאַרן אומבאַקאַנטן... פאַר דער אומענדלעכקייט פון אַ וועלט... דער גרויזאַמקייט פון אַ לעבן, ווו מען וועט מוזן זיך אַן עצה געבן — אָן אַ רבונו־של־עולם; און דער שטאָלץ צו שטיין אויף די אייגענע פיס און וואַגן זיך אַליין אַ לאָז צו טאָן — אַנטקעגן אַט דער וועלט, אַט דעם לעבן.

דאָס האַרץ האָט אים געהאַמערט ווען ער איז אַראָפּגעשטיגן אין באַטשאַני. ער האָט געפילט אויף זיך די אויגן פון גאַנצן שטעטל. יאָ, ער האָט געקאָנט זיך אויסקליידן אין די אַלטע בגדים, מאַכן אַן אָנשטעל, אַז די פּאות זיינען בלויז באַהאַלטן אונטערן ייִדישן היטעלע און אַזוי אַדורכגיין דאָס שטעטל. אָבער אויך דאָס האָט ער נישט געוואָלט.

ער האָט געטראָגן אויף זיך אַ לויזן פאַרפלעקטן אַנצוג וואָס וואָוע צעדער־בוים האָט אים געבאָרגט. וואָוע איז געווען העכער און ברייטפּלייציקער פון אים. האָט יעקב געמוזט גוט פאַרציִען דעם פּאַסיק פון די הויזן איבער די זשעברעס, כדי די נאַגאַוויצעס זאָלן זיך אים נישט נאָכשלעפּן; און ער האָט געמוזט אַריבערבייגן די מאַנקעטן פון די אַרבל, כדי ער זאָל נישט אויסזען ווי ער וואָלט נישט געהאַט קיין הענט. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן זיין אייגענע אויסגעקנאָדערטע מאַטשעיאָווקע וועלכע האָט בולט אַנטפּלעקט דאָס אָרט ווו ער האָט אָפּגעהאַקט די פּאות. האָט דאָס שטעטל אים געמעגט אַדורכברענגען מיט הונדערטער פּאָר אויגן, טייטן אויף אים מיט די פינגער. צווישן אים און דער מאַמען האָט געמוזט בלייבן דאָס לשון פון אמת.

אַריינגעקומען אין בוידעמשטיבל, האָבן הינדעלע און די שוועסטער אַ קער געטאָן צו אים די קעפּ און אַ לאַנגע ווײַלע געשטאַרט אויף אים מיט משונה־דיקע גרימאַסעס אויף די פּנימער. נישט זיי האָבן זיך געריכט אויף אים, נישט זיי האָבן זיך צוגעגלייבט, אַז דאָס איז ער. לסוף זיינען זיי געקומען צו זיך, און

ערשט איצט האָבן זיך די מיידלעך צעפּאַטשט מיט די הענט, זיך פריידיק צעשריגן, און הינדעלע איז צוגעפאַלן צו אים מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס.

הינדעלעס פרייד איז צו זען, דאָס צערטלעך־מילדע וואָס האָט אויפגעלויכטן אין איר פּנים — איז אויף קיין האָר נישט געמינערט געוואָרן. זי האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגעבראַכט וועגן זיין הולך, ווי זי וואָלט דאָס נישט באַמערקט. זי האָט גאָר מער ווי בעת דעם פריִערדיקן באַזוך אָנגעקוואָלן פון יעקבס וווקס, פון זיין שיינקייט — הגם ער האָט אין אָט דעם אָנצוג אויסגעזען ווי אַ קונצן־מאַכער, וואָס באַווייזט „ווונדער": האַלט אין איין איינשרומפּן, דערנאָך ציט ער אַרויס די הענט און די פיס פון די אַרבל און נאָגאַוויצעס, און קומט אויס גרעסער.

אָוודאי האָט הינדעלע געזען ווי בלייך און אויסגעדאַרט יעקב איז נאָך אַלץ געווען; באַמערקט, אַז זיינע האָניק־אויגן זיינען געווען פאַרצויגן מיט בעצן פון רויטע אָדערלעך — פון נישט דערשלאָפן. אָבער זי האָט גלייך דערשמעקט דעם פריילינג אין אים, דערשפּירט, אַז ער איז געזינטער ווי אַ מאָל, אַז זיין נשמה איז גאַנצער. אין יעדער זיין באַוועג האָט זי אַנטדעקט אַ כּוח, אַן עקשנות, וואָס זי האָט אַ מאָל נאָר געאַנט, אַז ער פאַרמאָגט.

ער האָט, צעטומלט, דאַנקבאַר, זי געקושט, זי ממש אונטערגעהויבן אין דער לופטן. ס'איז שיִער געווען נישט־אָנשטענדיק. נאָר דאָס געפיל פון דערלייכ־טערונג וואָס ער האָט איר נישט פאַרשאַפט קיין צער, איז געווען אַזוי מאַכטיק, אַז ער האָט ממש נישט געוווסט וואָס אויפצוטאָן.

הינדעלע האָט יאָ געהאַט עגמת־נפש, דאָך האָט זי געוווסט נאָר פון איין זאַך: אַז זי האָט זיך נישט געקאָנט זאַט אָנקוקן אויפן זון. די פּאות זיינען טאַקע וויכטיק געווען און אויך די בגדים וואָס אַ ייִד האָט געטראָגן אויף זיך. אָבער נאַקעט איז דער בן־אָדם אַרויסגעקומען אויף דער וועלט און נאַקעט וועט ער פון דער וועלט אַוועק. נאָך אַ מאָל און איבער אַ מאָל האָט זי זיך פאַרזיכערט: יעקבס אמתער לבוש — איז געווען נישט דאָס, וואָס ער האָט געטראָגן אויף זיך, נאָר דאָס וואָס ער האָט געטראָגן אין זיך. אָוודאי האָט זי פאַרשטאַנען, אַז אָט דער נייער הולך זיינער איז געגאַנגען צוזאַמען מיט די אַפּיקורסישע רייד וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט בעת זיין פריִערדיקן באַזוך. — און ווי פאַרנאַרט איז זי דעמאָלט געווען, וואָס זיי האָבן איר אַזוי ווײ געטאָן! — אויך רייד זיינען געווען אַ דרויסנדיקער בגד.

אָוודאי, טיף אין זיך איז ער געווען גרויסאַרטיק אויסגעקליידט. האָט די גאַנצע וועלט זי געמעגט באַטראַכטן פאַר משוגע. זי האָט געוווסט, בעסער אַפילו פון יעקבן אַליין, אַז ער איז געווען פּונקט אַזאַ גוטער ייִד ווי זיין טאַטע, ווי זיינע אָבות זיינען געווען. און דערצו איז ער געווען אַזאַ פּרינצלעכער. אַפילו אין אָט די טראַנטעס פון אַ פּורים־שפּילער האָט די פּרינצלעכקייט אַרויסגעשטראַלט. און דערצו איז ער געווען אַזאַ האָרץ־גנב. ווען מען האָט געקוקט אויף זיין ליכטיקן

דורכזיכטיק־בלייכן פּנים, דעם פֿאַרחידושט־תּמימותדיקן און דאָך שטאַרק־מענלע־כן, האָט זי געטראַכט, האָט מען נישט אַנדערש געקאָנט נאָר צעעפֿענען דאָס האַרץ מיט ליבשאַפֿט פֿאַר אים.

„ווען ׳עסטע מיר שוין אָנזאָגן די בשׂורה, אַז ד׳ווילסט אַ חתן ווערן?״ האָט זי אים צוריקגעקושט.

„איך בין אַ חתן״, האָט ער געלאַכט. „נאָר די כּלה האָב עך נאָך נישט געפֿונען״.

זי האָט געפֿילט, אַז זי איז „ממש געריירט אויפֿן קאָפּ״ פֿון גליק. און זי האָט זיך נישט געקאָנט אָפּוווּנדערן ווי אַזוי דאָס איז געשען, אַז אָט דער גרויסער און פּראַקטיקער איז אַרויסגעקומען פֿון איר קליינעם, שמאָלן לייב. — האָט זי זיך טאַקע דערפֿילט יונג, מיידליש, לאַכעוודיק. זי האָט זיך דעם גאַנצן פּסח געפּאַרעט אַרום אים, נישט אַראָפּגעלאָזט אים פֿון די אויגן אויף אַ רגע. ס׳איז אַ שאָד געוועזן היזק צו האָבן די פֿרייד. זי האָט אים אונטערגעשטעלט פּסחדיקע פֿיינ־קוכנס און מצה־בראָנען צום טיש. „עס... עס געזונטערהייט״, האָט זי נחתדיק געצווישטשערט.

ווידער איז יעקב אַוועק צו ר׳ פֿייוועלען מילנער זיך נאָכפֿרעגן אויף אַב־ראַשקען. ר׳ פֿייוועלע, וואָס גרעסער ער איז געוואָקסן אין מיסחר, וואָס מער ער איז אָפּגעריסן געוואָרן פֿון זיינע זונדלעך, וועלכע האָבן אַפֿילו אויף די יום־טובים זעלטן איינגעוויליקט אַהיימצוקומען — דאָס כּעסיקער און אומגעדולדי־קער איז ער געוואָרן. דער גאַנצער חן און די לעבנספֿרייד האָבן זיך אָפּגעטאָן פֿון אים. ווען ער האָט נישט געשריגן אויף די אַרויסהעלפֿערס און זיך נישט געקריגט מיט זיין ווייב, מיט צירעלען, האָט ער סתּם געמרוקעט און געשאָלטן, קאַמאַנדעוועט מיט יעדן איינעם, און כּדי אויסצולאָדענען די אומצופֿרידנקייט — אַליין זיך איינגעשפּאַנט אין שלעפּן די זעק מעל, אין פֿאַרריכטן די זעגלען פֿון דער מיל.

ער האָט נאָך אַלץ אָפּגעהיט די ייִדישע מינהגים מיט אַלע פּישטעווקעס, אָבער זיין פֿרומקייט האָט געהאַלטן אין אויסוועפּן. זיינע שמועסן מיט זיין פֿריינד, מיט שמוליקלען רופֿא, פֿון איין זייט, און מיטן הער פֿפּייפֿער, דעם גאָלן שרייבער, פֿון דער אַנדערער זייט, האָבן אים לסוף דערפֿירט צו דער פֿעסטער מסקנא, אַז נאָר אַן אייגן ייִדיש לאַנד האָט געקאָנט ראַטעווען די ייִדישע נשמה. ער איז געוואָרן אַ פֿאַרברענטער ציוניסט, אויף זיין אייגענעם שטייגער.

איצט האָט ער פֿיינט געהאַט דעם ייִדישן כּלי־קודש מיט אַ ווילדער שׂינאה, נישט געקאָנט פֿאַרליידן די קליינקעפּלדיקייט, די באַגרענעצטקייט פֿון דער לומ־דישער וועלט. און פּונקט אַזוי פֿיל פּעך און שוועבל האָט ער געשיט אויף דער ייִדישער אינטעליגענץ, אויף די אַזוי גערופֿענע „פֿאַרטגעשריטענע״, וועלכע האָבן געקוקט אויפֿן פֿאָלק פֿון אויבן אַראָפּ, זיך אָפּגעזונדערט פֿון אים, און אָדער

„געשפּראָכן" פּויליש, רוסיש, צי דייטש, אָדער גע„דברט" לשון־קודש. ר' פּייוועלע האָט געוואָלט אַ ייִדיש לאַנד ווו דעם פּאָלקס לשון זאָל דערהויבן ווערן צו דער חשיבות פון אַ נאַציאָנאַלן לשון — פּאַרן כּבוד פון פאָלק. ער האָט מער ווי איין מאָל זיך שאַרף צעוועריטלט מיט זיינע שבתדיקע אורחים, שמוליקלען רופא און דעם הער פּפייפער, וועלכע האָבן געלאַכט אין די פויסטן ווען ער האָט דערמאָנט די טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ, וועלכע איז לויט אים נאָך געווען אַ געשעעניש פון דער גרעסטער היסטאָרישער וויכטיקייט.

אַ יום־טוב אַזאַ לאַנגער ווי פּסח, אָן די צווי זין זיינע, די אָפּלען פון זיינע אויגן, איז פאַר ר' פּייוועלען געווען אָן אַפּקומעניש. ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט זיך און ער האָט טאַקע אויפגענומען יעקבן ווי אַ צערייצטער לייב, וואָס איז מיד פון דער אייגענער צערייצטקייט.

ער האָט זיך געפרייט מיט יעקבן, אים אַרומגעכאַפּט, געשטורכעט אים גוט־ברודעריש, און זיך אַריינגעלאָזט מיט אים אין אַ לאַנגן שמועס, וואָס איז געווען אַ צעקאָכטער מאָנאָלאָג וועגן פּאָליטיק, וועגן ייִדן און ייִדישקייט און וועגן זיינע טעאָריעס ווי אַזוי צו לייזן אַלע ייִדישע פּראָבלעמען. בעת־מעשה האָט ער נישט אויפגעהערט צו שפּרייזן איבערן גאַניק אין זיין געבלימלטן שטובסורדוט מיט די סאַמעטענע קלאַפּעס, אין די ווייכע שטובלאַטשן, מיט די הענט פאַרפלאָכטן אויף הינטן. נאָר וועגן די זין האָט ער אויסגעמיטן צו ריידן.

אַז יעקב איז צוגעשטאַנען, האָט ר' פּייוועלע זיך פאַרהאַלטן און זיך אָנגע־בייזערט אויף אים: „וואָס ווילסטע וויסן וואָס? אַבראַשקע איז עובר־בטל מיטן קנאַק, איז ער! פון איין זייט ט'ער זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין אַז ר'מוז לערנען קבלה. געהערט אַ משוגעת? פרעג עך דיך, פון וואַנען האָט די אַנשי־קעניש זיך צוגעטשעפּעט צו אים אין אַזאַ מאָדערנער שטאָט ווי קראָקע, הע, זאָג מיר?"

„ער לערנט קבלה?" איז יעקב נשתּומם געוואָרן. ער האָט יאָ געוווּסט פון וואַנען דער דראַנג צו קבלה האָט זיך גענומען צו אַבראַשקען.

„אַזוי ווי ד'קוקסט מיך אָן!" האָט ר' פּייוועלע זיך געקאָכט. „דער שמענדריק! קענסטע דיר פאַרשטעלן ווי משוגע ער איז שוין! און ד'מיינסט, אַז דאָס איז אַלץ? הער אַ מעשה! פון דער אַנדערער זייט פּייניקט ער מיך כ'זאָל אים פאַר־שרייבן אין דער קראָקעווער קונסט־שקאָלע. עפּעס אַ ייִדישער חברה־מאַן, איינער אַ גליצענשטיין־שמיצענשטיין האָט דאָרט שטודירט און איז געוואָרן, ווי מען זאָגט דאָס, אַ גאַנצער סקולפּטאָר. וויל ער, פאַרשטייסטע מיך, דאָס אָפּל פון מיין אויג, אויך ווערן אַזאַ מין עובר־בטלניק. אַ ירידה אין קאָפּ מאַכט ער מיר!"

„און שלמהלע?" האָט יעקב אַ פרעג געטאָן.

„שלמהלע, דער צווייטער אָפּל פון מיין אויג?" האָט ר' פּייוועלע ביטער אויפגעלאַכט. „איז אויך עובר־בטל, זאָרג דיך גאָרנישט. אַז דער רבונו־של־עולם

שיקט צו נחת, שיקט ער דאָס פּאַרוויַז. ער, זעסטע, איז פּונקט קאַפּויער. די נייע צייטן שליידערן איינעם אין איין עק וועלט, פאַרשטייסטע מיך, און דעם צווייטן אין אַנדערן. ווייל אַז ז׳וואָלטן אַלע געשליידערט אין איין זייט, וואָלט זיך דאָך די וועלט איבערגעקערט, הע, פאַרשטייסט מיך? ער, דער בחור מיינער, האָט זיך ווידער געגעבן אַ באַזעץ איבער די ספרים און די וועלט מעג זיך אויפן קאָפּ שטעלן, אַרט עס אים אויך נישט. ווי ליגט אים אַ נחלה, מיט אַ מיל, מיט אַ מיסחר אין זינען, אַ ירושה וואָס אַ טאַטע האָט אַ לעבן אויסגעהאָרעוועט? ווייס עך וואָס! אַ פאַרשניאַשקעטער רב וויל ער ווערן און טו אים עפּעס. ׳עסטע זאָגן, אַז כ׳האָב מיר אַליין דאָס אָפּגעטאָן, ווייל כ׳האָב זיי אָוועקגעשיקט פון דער היים? ניין, ברודערקע, וואָס עך וואָלט נישט האָבן געטאָן, וואָלט עס מיר געהאָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס. אַז מען האָט צוויי יורשים וואָס איינער האָט מורא פאַרן מינדסטן ווינטל דרויסן, און דער צווייטער זוכט נאָר אַ זאַוויערוכע, ׳עט זיך יעדער געפינען דאָס וואָס ער זוכט״. ער האָט שוּוער אַ זיפץ געטאָן און אַרויפגעלייגט די האָנט אויף יעקבס אַקסל. „הע, יעקב, דו ווייסט דאָך יאָ וואָסאַראַ חלומות עך האָב גע־חלומט פאַר זיי... נאָר ווי זאָגט דאָס פאָלק? קרעפּלעך אין חלום זענען נישט קיין קרעפּלעך נאָר אַ חלום״.

אויפן וועג אַהיים האָט יעקב געטראַכט וועגן ר׳ פּייוועלען מיט אַ געמיש פון מיטגעפיל און ווידערווילן. די ליבשאַפט צו קינדער, די געטריישאַפט פון טאַטע־מאַמע האָבן אָפט מאָל אָנגענומען די פאָרעם פון ענגער אייגנליבע. מען האָט געוואָלט די קינדער זאָלן פאַרווירקלעכן די חלומות, וואָס מען האָט געחלומט פאַר זיי — און נישט זייערע אייגענע. און זיין, יעקבס דאַנקבאַרקייט צו הינדעלען איז נאָך גרעסער געוואָרן.

ווען ער איז ביי נאַכט געלעגן אויפן שטרויזאַק אונטערן פענצטער און דער גאָרטן פון די נאָנעס האָט מחיהדיק אַרויפגעשמעקט, האָט ער פון אַן איבערפולטן האַרצן אַ פליסטער געטאָן אין דער פינצטער: „כ׳האָב דיך ליב, מאַמע...״

הינדעלע האָט אים דערהערט. „דאָס נעמלעכע פון מיר צו הערן, מיין זון״, האָט זי אים געענטפערט.

יעקב האָט געטראַכט: זי איז גרויס אין אָט דער קונסט פון אַלע קונסטן: דער קונסט ליב צו האָבן.

יעקב איז צוריקגעקומען קיין לאָדזש אַ באַנייטער. אמת, ער האָט נאָך גע־בלאָנדזשעט, אָבער ער האָט געהאַט אַן אָנשפּאַר אין דער בלאָנדזשעניש. ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך פון באַטשאַני אַן אָפּנקייט, אַ נייגער צו מענטשן, אַ ווילן אַרויסצוגיין פון זיך, לערנען, דערקענען. ער האָט זיך נענטער פאַרחברט מיט לייבלען הויקער און אויך מיט וואָוּוען צעדערבוים.

וואָווע צעדערבוים איז געווען מיט אַ פּאָר יאָר עלטער פון יעקבן. ער איז

געווען אַ ביינערדיקער בחור, אָבער אַ הויכער, ברייטפּלייציקער, מיט אַ גרויסן שויבער נישט־צעקאָמטע האָר, אַ שטאַרק־פאַרשפּיצטער נאָז, וועלכע האָט נאָך בולטער געמאַכט די צוויי טיפע גריבער אין זיינע איינגעפאַלענע באַקן. אַ גאָמבע האָט ער געראָד געהאַט אַ פליישיקע, אַ פעסט־געקנאָטענע, אַ פאַרהויבענע אַרויף, מיט אַ שפּאַלט אין מיטן, וואָס האָט איר אָנגעגעבן די פאָרעם פון אַ באַרנע. דער פאַמיליע־נאָמען צעדערבוים האָט אים שטאַרק געפּאַסט. ער האָט זיך געהאַלטן גלייך ווי אַ צעדער, נישט געקוקט דערויף וואָס ער האָט זיך ממש אויפגעהאָדעוועט ביי דער וועבשטול. ער איז געווען אַ גרויסער רייכערער און אומעטום, אַרום די ברעגעס פון זיין וועבשטול, האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט די רעשטלעך פון נישט־אויסגערייכערטע פּאַפּיראָסן. אָפט מאָל זיינען פאַר אים געלעגן צוויי אָנגעצונדענע פּאַפּיראָסן אויף אַ מאָל און זיין קאָפּ איז תמיד געווען איינגעהילט אין אַ רויכיקן וואָלקן.

וואָווע האָט נישט געהאַלטן פון קיין איבעריקע רייד, אָבער אַז ס'איז געקומען צו ענינים פון דער „באַוועגונג", האָבן זיי אַרויסגעשפּרודלט פון אים ווי פון אַ קוואַל וואָס האָט נאָר געוואַרט, אַז מען זאָל אים אויפשטאָפּן. און מיט לייבלען הויקער האָט ער זיך געהאַלטן אין איין סודען.

דורך דער צייט וואָס יעקב האָט געאַרבעט ביי ר' זייוול מאַלקעס אין וואַרשטאַט האָט זיך די אַטמאָספער דאָ נישקשהדיק געביטן. ר' זייוול איז געוואָרן צוגעלייגטער, און די אַרבעטער האָבן זיך אַ סך ווייניקער געהיט אים נישט אויפצורייצן. יעקב האָט איין מאָל מיטאַגצייט גענומען זיין טעלער עסן מיטן שטיק ראַזאָוון ברויט און זיך אַוועקגעזעצט לעבן וואָווען און לייבלען הויקער וועלכע האָבן געגעסן צוזאַמען.

„וואָווע, וואָס ער זאָל נישט טאָן, טוט ער מיטן גאַנצן האַרצן", האָט לייבל באַמערקט. „ד'הערסט יעדן זופּ וואָס ער גיט? הימל און ערד שאָקלט זיך! און קוקסט ווי ער קייט די לחמה ברויט? ס'ציטערט אַזש די גובערניע!"

„אָבער מיינע ציין ציטערן נישט!" האָט זיך וואָווע אָפּגערופן מיט אַ פול־אָנגעפּאַקט מויל, און זיינע פאַרנעפּלטע קליינע אייגלעך איינגעראַמטע טיף אונטער די אַרויסשטייענדיקע ביינערדיקע ברעמען האָבן זיך צעפינקלט. ער האָט זיך צוגעבויגן צו יעקבן און מיטן פולן מויל אַ פאָנפע געטאָן: „לייבל הויקער, דער פאָלקס־שונא און נישט־פאַרגינער", האָט ער מיטן לעפל אָנגעוויזן אויף לייבלען, „האָט מיר געזאָגט, אַז ד'לייענסט וועגן ספּאַרטאַקוס־אויפשטאַנד".

„ניין", האָט יעקב אים אינפאָרמירט. „כ'לייען 'אַ שטעטל' פון שלום אַשן. דער געוועזענער בעל־הבית מיינער, ר' פייוועלע מילנער פון באָטשאַני האָט עס מיר מיטגעגעבן אַ מתנה".

„האָסטע אַוועקגעלייגט ספּאַרטאַקוסן, כדי צוריקצוקריכן אין שטעטל אַריין?" האָט וואָווע הויך געקראַצט דעם טעלער.

„פֿאַלש", האָט יעקב דערווידערט. אַז ער איז געווען גוט געשטימט, האָט ער נאָכגעמאַכט וואָוועס לצנישן טאָן. „נישט צוריקגעקראָכן בין איך, נאָר כ'בין מיר אַהינגעגאַנגען מיט אַ פּאָעטיש־ליטעראַרישן טראָט, נאָך דעם ווי כ'בין פּאַרטיק געוואָרן מיט ספּאַרטאַקוסן".

„וואָס הייסט ד'ביסט פּאַרטיק געוואָרן מיט ספּאַרטאַקוסן?" האָט וואָווע אַ וואָרף געטאָן מיט דער טשופּרינע.

„כ'האָב געענדיקט דאָס בוך".

„אַזוי זאָלסטע רעדן!" וואָווע האָט אָפּגעווישט דאָס מויל מיטן אָרבל און גענומען איבערקלייבן צווישן די נישט־דערברענטע פּאַפּיראָסן־שטיקלעך אויפֿן וואָרשטאַט, וועלכעס אָנצוצינדן. „טאָ ווי געפֿעלט ער דיר, דער חבר ספּאַרטאַקוס, הע?" וואָווע האָט אָנגעצונדן אַ ברעקל פּאַפּיראָס און זיך איינגעהילט אין אַ וואָלקן פֿון רויך.

„ר'געפֿעלט מיר גאַנץ גוט. אָבער נישט יעדער איז געבוירן צו זיין אַ ספּאַרטאַקוס".

„אָבער צו דער ספּאַרטאַקוס־אַרמיי קאָן יעדער געהערן!" האָט וואָווע אויסגערופֿן. „און ס'איז די העכסטע צייט פֿאַר דיר".

„כ'האָב נישט די טבע פֿון אַ זעלנער", האָט יעקב געצויגן מיט די אַקסלען.

„הייליקער גאָט פֿון פֿעדערן־שלייסן! ד'טענהסט גאָר חרטה?"

„אויף וואָס? כ'האָב דען געשריבן אַ קאָנטראַקט מיט דיר?"

וואָווע האָט זיך באַגעגנט מיט לייבל הויקערס שטרענגן בליק און ער האָט נאָך אַ רגע שווייגן צוגעגעבן מיט אַ מילדערן טאָן: „פֿליי כאַפּן און די רעוואָלוציע מאַכן טוט מען אויף דער גיך, פֿאַרשטייסטע מיך".

„איך מוז קודם וואַרטן ביז די רעוואָלוציע אין מיין קאָפּ ט'זיך איינשטילן", האָט יעקב באַמערקט.

„מיט אַ רעוואָלוציע אין קאָפּ טאָר מען זיך אויך נישט צו לאַנג מייכענען, אַז נישט ווערט מען אַ האַמלעט און מ'קייט איבער אַ געשטויעט טשאָלנט".

„איך אייל מיך נישט צו זאָגן יאָ צו בלוט־פֿאַרגיסונג", האָט יעקב אָפּגעשניטן.

„ס'ט געפֿונען אַן אַנדערן אויסוועג, צדיק אין פּעלץ מיינער?"

„אין דעם גייט עס דאָך... כ'זוך..." יעקב האָט זיך נישט באַליידיקט פֿון אים.

וואָווע האָט געוווינט מיט זיינס אַ „חברטע פֿון דער באַוועגונג", אַ זאָקן־מאַכערין, אין אַן אייגן צימער נישט ווייט פֿון וואָרשטאַט. שבת אין דער פֿרי, ווען יעקב איז נאָך אַ האַלב־וואַכער געלעגן אויף זיין שטרויזאַק, האָט וואָווע זיך באַוויזן פֿאַר אים אין אַ שוואַרצער זויבערער רובאַשקע און אין זויבער־אויסגעפּרעסטע הויזן.

„אַ גוטן אויפֿשטאַנד, פֿאָלקס־שונא מיינער!" האָט ער אויסגערופֿן. „גיב נאָר

אַ הייב אונטער דיין בטלנישן, רעאַקציאָנערן זייט־זשע־מוחל, און לאָמען גיין זיך אַ ביסל איבערגיין, הוק־שטוק!״

זיי האָבן שפּאַצירט איבער באַלוט. יעקב האָט פאַרשטאַנען, אַז וואָווע איז אויסן געווען מיטן שפּאַציר אים, יעקבן, איבערצוצייגן — מיט דעם בילד פון שמוץ און געפאַלנקייט וואָס האָט זיך געשפּרייט פאַר זייערע אויגן — אַז די רעוואָלוציע האָט מען נישט געטאָרט אָפּלייגן, אַז די שטריק איז שוין געלעגן אויפן האַלדז און באו מים עד נפש. וואָווע איז געווען אַ באַלוטער פון דור־דורות. ער האָט געקענט יעדער הויז, יעדער ווינקעלע פון דער געגנט און אַ ים מיט מענטשן וואָס האָבן געוווינט אין די פאַרעיפּושטע הייף. ער האָט דערציילט וועגן לעבנס וואָס זיינען קיין לעבנס נישט געווען, וועגן גורלות וואָס האָבן געשריגן צו די הימלען נאָך אַ חשבון.

„דער רבונו־של־עולם דיינער״, האָט וואָווע זיך אָפּגערופן ווי ער וואָלט געוואָלט אָנקנופּן צו זייער לעצטן שמועס, „ער איז אַ רודף־שלום, הע? און דאָך שטייט געשריבן שוואַרץ אויף ווייס וועגן די מלחמות וואָס ער פירט. און אַז ער אויבן פירט מלחמות, טראָגט ער נישט קיין זיידענע הענטשקעס, אמת צי נישט?״

„ווילסטע אונדז פאַרגלייכן צו אים?״ האָט יעקב אויפגעשמייכלט. „ער האָט פאַר זיך דאָס גאַנצע בילד... אַלץ. און דער בן־אָדם זעט נאָר וואָס עס טוט זיך פאַר זיין נאָז, און אָפילו דאָס זעט ער שלעכט״.

„אָבער פילן פילט ער גוט, דער בן־אָדם, אַז עס טוט אים וויי, יאָ? נעם אַזאַ הערש לעקערטן למשל. אַ שוסטעריונג, אַ שטילע נשמה וואָס האָט אַ פליג אויף דער וואַנט נישט געקאָנט קיין עוולה טאָן. נאָר אַז ער האָט געהערט ווי דער גובערנאַטאָר פאַן־וואַל האָט באַפוילן צו שמייסן יידישע דעמאָנסטראַנטן, האָט עס אים אַ הייב געטאָן פון שוסטער־בענקל, און ער האָט ביי קיינעם נישט געפרעגט, אָפילו נישט ביי זיך, גלייב מיר. ר׳איז אַוועק און געשאָסן פאַן־וואַלן. נאָר הערשל, דער שלימזלניק, דער לאַמאַגע, דער שוסטער־שייסטער, איז דען געווען אַ שיסער פון פאַך? איז אים נישט געלונגען דאָס שטיקל אַרבעט, אָבער דעם קאָפּ האָט ער דערפאַר סיי ווי אָוועקגעגעבן. פאַרשטייסטע וואָס עך וויל דיר זאָגן? לעקערט איז געווען אַ רודף־שלומניק און דאָך... דאָס פּינטעלע מענטש אין אים, דעם נעבעכדיקן גאָרנישט־מיט־אַ־נישט, האָט אַ שפּרינג געטאָן ווי מען וואָלט עס אָפּגעבריט. און דאָס, ברודערקע, איז געשען אין ניינצן פינעף מיט הונדערטער, מיט טויזנטער. פרעג לייבלען. ר׳איז געווען קאָמענדאַנט דאַמאָלס. פאַרשטייסטע שוין? ווען דאָס קריגל ווערט פול, רייסט זיך דאָס אויער אָפּ פון זיך אַליין. אַז ס׳טוט אַזוי וויי, אַז מען קאָן מער נישט אויסהאַלטן — שרייט מען, נישט מען קלערט אַריין. דאָס זעלביקע האַלט ביים געשען אַצינדער. ס׳טוט זיך היימלעך אויף יענער זייט גרענעץ. אונטער דער ערד טוט זיך, אָבער אַ ליאַדע טאָג ט׳עס

אויפֿרייסן. און דאָ... אין אונדזער נייער היימאַט ט׳געשען דאָס זעלבע. די פֿאַליאַקן ווילן אויך נישט מער. אַ בלינדע סטאַדע זענען זיי, די כאַמעס. אין אונדז זעען זיי די סיבה פֿון זייערע אומגליקן, דער רוח זאָל זיי נעמען. אָבער ז׳זענען אַזוי אין דר׳ערד, פּונקט אַזוי טאָפּלט אין גלות ווי אונדז זענען מיר, אַז ז׳עלן מוזן עפֿענען די אויגן און זען ווער עס איז זייער אמתער שונא״.

וואָווע האָט געהאַט שאַרפֿע אַרגומענטן. ער האָט געוווּסט אַ סך, און צו מאָל האָט ער געקלונגען ווי ער וואָלט רעציטירט גאַנצע בראַשורן פֿון אויסווייניק, נאָר אויפֿן באַלוטער לשון, באַפּעפּערט און באַזאַלצן מיט זיינע אייגענע ווערטלעך און אַ שפּאַר ביסל ניבול־פּה. דאָך האָט וואָווע, הגם ער האָט זיך לייכט אויפֿגערעגט, פֿאַרמאָגט אַן אינערלעכע גלייכוואָג וואָס יעקב איז מקנא געווען. וואָווע האָט אויסגעזען צו שפּרייזן אויף אַ גלייכן וועג, אַ קליפּ־קלאָרן. אין זיין באַנעמען זיך מיט מענטשן האָט ער אויך פֿאַרמאָגט אַ מין גראַדליניקייט, אַן אוממיטלדיקייט.

יעקבן האָט געצויגן צו אַזעלכע טיפּן. ער אַליין האָט תּמיד געפֿילט ווי צווישן אים און דעם אַנדערן מענטש וואָלט געשטאַנען אַ מויער. ווען ער האָט מיט וועמען גערעדט, איז אים אויסגעקומען, אַז דאָס רעדט ער טאַקע דורך אַט דער מויער; אַז נישט ער דערהערט דאָס תּמציתדיקע, און נישט מען דערהערט אים. נאָר מיט דער מאַמען, מיט יואלן און אַבראַשקען האָבן זיך געטראָפֿן רגעס ווען די נשמות האָבן זיך אָנגערירט. איז ער, יעקב, מקנא געווען וואָווען וועלכער האָט זיך אויפֿגעפֿירט ווי עס וואָלטן גאָר קיין מחיצות צווישן מענטשן נישט געווען.

מער פֿון אַלץ האָט ער באַווּנדערט וואָווען, ווען יענער האָט זיך אָנגעטראָפֿן מיט דער מענטשלעכער טאָפּלט־פּנימדיקייט, מיט פֿאַלשער אויפֿריכטיקייט. ער, יעקב, האָט זיך אין אַזאַ פֿאַל געפֿילט צעטומלט, ווי ער וואָלט פֿאַרלוירן דעם באָדן אונטער די פֿיס, ווי ער וואָלט געווען אָנמאַכטיק, אומבאַשיצט און שטאַרק פֿאַרשעמט. בעת וואָווע האָט אַן צערעמאָניעס אַראָפּגעפּליקט די מאַסקע פֿון דעם צבֿועקס פּנים.

יעקב האָט געלאָזט וואָווען רעדן און רעדן. ער האָט זיך געשפּאַרט מיט אים, אַרגומענטירט. אָבער אין זיך האָט ער שוין גוט געוווּסט, אַז ער טאָר טאַקע נישט וואַרטן ביז אַלע ספֿקות וועלן זיך אויפֿלייזן און פֿאַרשווינדן. אַזאַ זאַך וועט אפֿשר גאָר קיין מאָל נישט געשען. און ער האָט נישט געקאָנט בלייבן בלויז אַ צוקוקער. ער האָט געמוזט עפּעס טאָן. אַפֿילו ווען דאָס טאָן זאָל קיין ממשותדיקן ווערט נישט האָבן — וועט עס האָבן אַ ווערט פֿאַר אים.

ער האָט זיך געלאָזט פֿירן פֿון וואָווען אויף די אַרבעטער־בירזשעס. טייל פֿון די בירזשעס האָבן זיך געפֿונען אויף די הייף פֿון די שולן און בתּי־מדרשים, אַן איבערבלייב פֿון דער קאָנספּיראַציע אין די צאַרישע צייטן.

„פֿאַרשטייסט״, האָט וואָווע נישט אויפֿגעהערט אויפֿצוקלערן. „ביים צאַר איז

אונדזער לאַגע געווען קליפּ און קלאָר. און ביים דייטש ווייסט מען נישט ווו מען האַלט אין דער וועלט. זענען מיר, הייסט עס, היינט צו טאָג לעגאַל. אָבער אַז מען שטייט אויפן שטאַנדפּונקט פון אַן אומאָפּהענגיק פּוילן... מוז די לעגאַלקייט זיין נאָר אַן אויבערפלעכלעכע״.

איינע פון די פאַרזאַמלונגען צו וועלכע וואָווע האָט יעקבן מיטגענומען, איז פאָרגעקומען אין אַ קאַפעהויז. אונטער דער וואַנט איז געהאַנגען אַ רויטע פאָן מיט צוויי אויפשריפטן: „אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־בונד״ און „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך״. דער זאַל איז געווען פול געפּאַקט מיט בחורים און מיידלעך, וועלכע זיינען געזעסן צוזאַמען, איינער האַרט לעבן אַנדערן, און האָבן געררייכערט. יעקב איז אַזש רויט געוואָרן פון אַט דעם בילד. ס׳איז געווען שבת. די בחורים זיינען געזעסן אין די בלויזע קעפּ, די מיידלעך אין בלוזעס מיט קורצע אַרבל. צוליב דעם רויך האָט מען די פּנימער קוים געקאָנט זען, ס׳איז געווען שווער צו אָטעמען און יעקבן האָט זיך פאַרדרייט דער קאָפּ.

איידער זיי האָבן זיך באַוויזן רעכט אַריינצוקוועטשן אויף אַ באַנק, האָט וואָווע שוין געבעטן אַ וואָרט, און איידער וואָס ווען, האָט ער שוין געדונערט און זיך געכעסט, פאַרגעוואָרפן די חברים און קריטיקירט פאַר דער „אָפּגעטוענער אַרבעט״. דער עולם האָט אויפגעברויזט, זיך געקאָכט. אַ טייל פון זאַל האָט צוגעשאָקלט מיט די קעפּ אויף וואָוועס רייד און געשריגן: „ריכטיק!״; אַנדערע האָבן געדרייט מיט די קעפּ און געשריגן: „פאַלש!״ מען האָט זיך צעשטורעמט קעגן וואָווען, מען האָט אים געמוטיקט, מען האָט געהויבן פויסטן צו אים, געפאָכעט צו אים מיט די הענט. און וואָווע, ווי נישט אים מיינט מען, האָט ווייטער געדונערט און געשטראָפט און געזאָגט וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגן.

אויפן וועג אַהיים האָט וואָווע, צופרידן מיט זיך, אויפגעהייטערט, געשטורכעט יעקבן מיטן עלנבויגן.

„ס׳ט געהערט ווי כ׳האָב דערלאַנגט לשון? דאָס איז דעמאָקראַטיע, בראַטשיקל! היינט, אַז מען רעדט, רעדט מען, נישט ווי אין די אַלטע אומלעגאַלע צייטן ווען מ׳איז זיך צונויפגעקומען אויף די ביידעמער, אויפן בית־הקברות, צי אין קאָנסטאַנטינער וואַלד. דאַמאָלס, אַז כ׳האָב מיך צעקאָכט, האָב עך געמוזט געדענקען צו האַלטן אַ טאַשנטיכל ביים מויל, צו דערשטיקן מיר ס׳קול. היינט איז דאָך אַ מחיה״.

יעקב האָט אים קוים געהערט. ער האָט נישט געהאַט קיין אַנונג וועגן וואָס מען האָט זיך געאַמפּערט אויף דער פאַרזאַמלונג און ער האָט נישט איבערגעפרעגט וואָווען. ער האָט זיך געפרעגט, צי ער וועט זיך קאָנען אַריינפּאַסן אין אַזאַ סביבה, אין אַזאַ לעבן פון טעכנישע, פּראַקטישע אַמפּערייען וועגן דעם, וואָס וואָווע האָט

אָנגערופֿן „אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן". אין אַ געוויסן זינען איז דאָס געווען צו טרוקן פֿאַר אים, פֿאַר יעקבֿן, אַ פֿאַרשמעלערונג פֿון האָריזאָנטן.

דאָך, יעדער מאָל וואָס וואָוועל האָט אים אָנגעבאָטן מיטצוקומען אויף אַ פֿאַרזאַמלונג, איז ער מיטגעגאַנגען — אינערלעך צעבראָכן, געשפּאַנט. צו מאָל האָט ער געהערט יואָלס קול אין זיך: „כּדי אויפֿצוטאָן עפּעס ממשותדיקס, מוז מען פֿאַרשמעלערן דעם האָריזאָנט... מוז מען זיך אַ שטעל טאָן אויף איין שמאָלער סטעזשקע און פֿאַרגעסן וועגן ברייטן שליאַך צו וועלכן זי פֿירט. עקשן דיך איין... קוק און הער... אונטער דעם חילול־השבת, אונטער דעם נעפּל פֿון רויך און רייד טליִען די פֿונקען פֿון קדושה... אַ נייע שבתדיקע שיינקייט".

5

ביז וואָוועל האָט מיטגענומען יעקבֿן אין דעם אַרבעטער־קלוב „די האַרפֿע".

דאָ האָט זיך יעקבֿ דערפֿילט פּונקט אַזוי היימיש ווי ער האָט זיך געפֿלעגט פֿילן אין מאיר ווייסקאָפּס שטיבל. דער קלוב איז געווען אפֿשר צען מאָל גרעסער ווי דאָס שטיבל, און זויבערער אויך. אָבער די ליכטיקייט און וואַרעמקייט וואָס האָבן אים אַרומגענומען האָבן נישט געהאַט קיין שייכות צום אויסזען פֿון די ווענט, צו דער גרייס פֿון די צימערן. קיין משקה האָט מען דאָ נישט דערלאַנגט, אָבער אין איינעם פֿון די צימערן האָט מען יאָ געקאָנט באַקומען אַ גלעזל טיי און אַפֿילו אַ טעלער זופּ. בחורים און מיידלעך, מיטל־יאָריקע פֿרויען און מענער זיינען אויך דאָ געזעסן צוזאַמען, גערייכערט, דיסקוטירט, געלייענט ביכער, צייטונגען, געשמועסט, געלאַכט; צי מען האָט גאָר בחבֿרותא געזונגען ייִדישע לידער, וואָס סיי די ווערטער, סיי די טענער האָט יעקבֿ קיין מאָל נישט געהערט. מענער־שטימען האָבן הויך געפּאָלשעוועט, פֿרויען־קולכלעך האָבן געפּישטשעט, אָבער אַלץ צוזאַמען האָט געקלונגען פֿריש, יונג, מיט אַ התלהבֿות, וואָס האָט אפֿשר איבערגעשטיגן דעם חסידישן, ווייל דאָס פֿרוילעכע און מענלעכע איז דערין געווען צונויפֿגעשפּילט.

דערנאָך איז מען אַריין אין אַ גרויסן פֿול־געפּאַקטן זאַל.

ביי אַ טישל אויף דער סצענע איז געשטאַנען אַ מיטל־וווּקסיקער מאַן, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצער וועלורענער מאַרינאַרקע, מיט אַ שוואַרץ־גרויער געדיכטער טשופּרינע און שוואַרץ־גרויע געדיכטע שלאַכציקע וואָנצעס; אַ בלייך פּנים, אַ זינלעך מויל, אַ פּאָר גרויסע הייסע אויגן, וואָס דער גלעט און דער ברי פֿון זייער בליק האָט דערגרייכט ביז צו די ווייטסטע פּנימער אין זאַל.

ער האָט גערעדט וועגן שפּראַך און וועגן פֿאָלק, וועגן מקורות פֿון פֿאָל־קישער ייִדישקייט. ער האָט גערעדט וועגן דער נשמה פֿון פּשוטן ייִדישן פֿאָלקס־מענטש, דעם עשירותדיקן קוואַל פֿון שעפֿערישער שיינקייט וואָס איז געקומען

צום אויסדרוק אין דעם טאג־טעגלעכן לשון פון בעל־מלאכה, פון דער דינסט־מויד, דער מארק־שטייערין, דער יידישער מאמען, וואס האט איינגעוויגט איר קינד מיט לידער און מעשיות, אין דעם לשון פון באלוטער וועבערס, קרעמערס, סוחרימלעך, אין דעם לשון פון שטאטישע פאבריק־פרויען. ער האט גערעדט וועגן דער גרינדונג פון א יידיש־וועלטלעכער שול, וועלכע וועט אויספורעמען א נייעם שטאלצן ייד.

יעקב האט געשלונגען יעדערווארט. בעת־מעשה האט ער געזען פאר זיך דעם רבין ר׳ שאפסעלען... און האט געהערט אין זיך די שאלה וואס האט אים געפייניקט: ווי אזוי האט מען געקאנט בלייבן א ייד אן דעם יאך פון שולחן־ערוך? אט דער רעדנערביים טישל האט אים אנטקעגנגעטראגן דעם צווייטן טייל פון דער תשובה אויף דער שאלה, דעם טייל וואס האט אים, יעקבן, געפעלט. ווייל דער ערשטער איז קלאר געווען. פרווון זיין א מענטש. איצט האט דאס זיין א מענטש געפונען פארעם, דעם בעכער: לשון, און די אלע אוצרות וואס עס האט אין זיך געטראגן. דאס היימישע, אייגענע גלות־לשון, עברי־טייטש, דער מאמעס לשון, יואלס לשון, דאס לשון מיט וועלכן ר׳ פייוועלע מילנער האט זיך אזוי געקוויקט, אבראשקעס לשון.

וואווע האט אים א שטורכע געטאן מיטן עלנבויגן און צו אים געווונקען מיט א פאר צעפינקלטע אויגן. „כ׳האב דיך איבערראשט, הע?״ יעקב האט אים אנגעקוקט און נישט פארשטאנען. „פרץ איז דאך דאס, גלאמפ איינער״, האט ער געלאכט צעשפילט ווי א קינד. „האסט דיך נישט געכאפט, הע?״

איז דאס, הייסט עס, געווען יצחק לייבוש פרץ, וועמעס ווערק ער, יעקב, האט אזוי פיל מאל געלייענט, וועגן וועמען ר׳ פייוועלע מילנער האט אים גע־פלעגט דערציילן מיט א התלהבותדיקן שוים אויף די ליפן: „מענדעלע און שלום־עליכם זענען שרייבערס״, האט ר׳ פייוועלע געפלעגט זאגן. „אבער פרץ איז מער ווי דאס... א באנייער פון פאלק איז ער״.

איצט האט יעקב איינגעזאפט אין זיך די שטילקייט אין זאל און דעם קלאנג פון דעם פליסנדיקן נאענטן קול וואס האט זיך געטראגן פון דעם טישל פון דער וייטן. און אז דאס קול איז שטיל געווארן און א שטורעם פון אפלאדיסמענטן האט אויסגעבראכן אין זאל, האט זיך פון יעקבס קעל ארויסגעריסן א געשריי, זיך אנגעשלאסן אן דעם אויסגעשריי פון גאנצן המון, און ער האט געפאטשט מיט די הענט, אז די דלאניעס האבן אים אזש וויי געטאן.

מען האט פרצן ממש אויף די הענט ארויסגעטראגן פון זאל. אבער נאך זיין פארשווינדן איז דער עולם זיך אויך נישט פונאנדערגעגאנגען. א פארזאמלונג האט געדארפט פארקומען. וואווס חברים האבן ליב געהאט פארזאמלונגען. זיי האבן געלעבט און געאטעמט אויף פארזאמלונגען, ווי זיי וואלטן אלע געווען

איין צעברויזטער גוף, וואָס פון אים האָט קיינער נישט געקאָנט זיין אָפּגעזונדערט אויף לאַנג. אַ מין במקום דאַוונען אין שול איז אַ פאַרזאַמלונג געווען.

אויף דער סצענע זיינען אַרויפגעקומען אַ פּאָר יונגע מענטשן אין רוסישע בלוזעס מיט גאַרטלען, מיט צעשויבערטע לאַנגע האָר; אַ פרוי אין אַ ווייסער שטרענג־פאַרקנעפּלטער בלוזע ביז אונטערן האַלדז און אין אַ לאַנגן שוואַרצן ראָק, אין הויכע שיך מיט הויכע קנאַפּלען; אַ קליין אויסגעדאַרט ייִדל אין אַ פּאָר שטיוול; און אַ קענטלעך פאַרשווינדל וואָס האָט זיך געפּאָרעט מיט אַ פּאָר ברילן פאַרטשעפּעטע אויף זיינע אויערן מיט אַ דרעטל, צי אַ שטריקל. זיי האָבן זיך אַלע אַוועקגעזעצט ביים לאַנגן טיש, דעם צוגעדעקטן מיט אַ רויט טישטעך, און נאָר דאָס ייִדל אין די שטיוול איז געבליבן שטיין ביים טישל, אַרויס־געצויגן פון קעשענע אַ פּעקל פּאַפּירלעך און אָנגעהויבן צו לייענען, מיט אַ זופּנ־דיק קול, אַ לאַנגע פּאָעמע געווידמעט די קינדער פון באַלוט.

„דאָס איז משה סאָקראַטעס", האָט וואָווע נחתדיק אויפגעקלערט. „משה גוטניק הייסט ער. אַן אַגיטאַטאָר צווישן דער אונטערוועלט, די אַלפאַנסן און די מיידן פון דער פּייפּעראַווקע, נאָך פון די נייַנצן פינעפער צייטן. אויף אַ שרייבער רייבט ער זיך אויך שוין זינט יענע צייטן, און האָט זיך נאָך אַלץ נישט אויס־געריבן. הערסט ווי ער לייענט: ׳מיר פּאָעטן פון די פּאַציאַטקעס, און פון די באַלוטער כאַטקעס... זינגען אַ ליד צום ייִדישן קינד!" וואָווע האָט זיך צעלאַכט: „אַז ווײ און ווינד! אַן אַלטער ביין מאַכט זיך צו נאַר. אַן ערשטקלאַסיקער אַגיטאַטאָר איז ער, אַ וועטעראַן פון אַלע תּפיסות פון לאָדזש און דער אומגעבונג. איז דאָס אים נישט גענוג. נאָר די קרוין פון מליצה־גראַמען, פון אַ פּאָעטישן בטלן מוז ער אָנטאָן, אַנדערש פּאַסט אים נישט!"

נאָך משה גוטניקן האָט די פרוי אין דער ווייסער בלוזע געזונגען פּרצעס ליד: „די אויגן רויט, די ליפּן בלוי..." דער עולם האָט מיטגעברומט מיט איר און דערנאָך זי באַשאָנקען מיט שטורמישע בראַוואָס. בעת־מעשׂה האָט דאָס פאַרשווינדל אין די קרומע ברילן זיך אויפגעשטעלט. און שוין האָט ער געהאַלטן ביידע פויסטן אין דער לופטן, גרייט אָנצוהייבן זיין רעדע.

יעקב האָט זיך קוים צוגעגלייבט די אויגן. „ס׳איז דאָך לייבל הויקער!" האָט ער אויסגערופן.

„וואָס דען האָסטו געמיינט?" האָט וואָווע כּלומרשט גלייכגילטיק געענטפערט. „ר׳איז דאָך דער פאַרזיצער פון שול־קאָמיטעט".

יעקב האָט זיך אויך דערפילט שטאָלץ. לייבל הויקער, זיין רבי אין וועבער־פאַך, זיין „אַגיטאַטאָר", איז געשטאַנען פאַר אַן עולם מענטשן. און אַז ס׳איז שטיל געוואָרן אין זאַל און לייבל האָט אָנגעהויבן צו רעדן, האָט זיך זיין קול צעקלונגען ווי אַ גלאָק, גאָרנישט דאָס זעלבע קול מיט וועלכן ער האָט אַריינגע־רעדט אין יעקבן ביי דעם וועבשטול. ער האָט אויך אויסגעזען אַנדערש, אויס־

געלייכט. און אַז לייבל האָט, רעדנדיק, אָפּערשפּאַצירט פון הינטערן טיש און האָט אָנגעהויבן, רעדנדיק, צו מאַרשירן לענג־אויס דער ראַמפּע און ער האָט געהויבן די פויסטן — האָט ער באַקומען דעם אויסזען כמעט פון... אַ נביא, אויב וואָלט ער זיך יעדער רגע נישט פאַרריכט די דרעטלעך פון די ברילן. אַצינד האָט לייבל באַניצט אַנדערע אויסדרוקן ווי בעת די שמועסן מיט יעקבן, ער האָט גענוצט לאַנגע, שווערע „אויסלענדישע" ווערטער. יעקב האָט זיך גע־פרייט, וואָס נישט געקוקט אויף אָט די פרעמדע ווערטער. האָט ער לייבלען פאַרשטאַנען.

אין לייבל הויקער האָט פונקט ווי אין אים, אין יעקבן, געוואָרקעט דער חלום פון אַן ערדישן גליק, וואָס זאָל אַרומנעמען אַלץ וואָס לעבט, אַלץ וואָס איז פאַראַן אויף דער וועלט. פונקט ווי ער, יעקב, האָט אויך לייבל געוואָלט, אַז יידישע קינדער זאָלן איבערנעמען אָט די בענקעניש — און זי פאַרוואַנדלען אין אַ וואָר. און יעקב האָט, פונקט ווי לייבל, זיך באַגייסטערט מיט דער אידעע פון אַ פרייער יידישער שול, ווו קינדער און לערער וועלן קומען מיט פרייד, ווו דער ווילן צו וויסן וועט נישט געצוימט ווערן, נישט באַגלייט ווערן מיט שמיץ אויפן הינטן, ווו נישט פאַרכט, נאָר ליבשאַפט וועט געדייען.

אויף אַ רגע איז יעקב געקומען צו זיך און געפרווט זיך אויסטשוכען פון דער שיכרות וואָס איז אים באַפאַלן. „אַלץ וואָס איך ווייס", האָט ער געפרווט זיך אויפוועקן פון דער התלהבות, „איז, אַז אידעאַלן... פּערפעקציע זיינען פונקט ווי דער האָריזאָנט... מען גייט צו אים און ער דערווייטערט זיך כסדר... דערפאַר האָט אָט דער בטחון מיינער נישט קיין שייכות צום גן־עדן גופא... נאָר צום גאַנג צו אים".

דערווייל האָט די אַסיפה נאָך אַלץ נישט געהאַלטן ביים ענדיקן זיך. נאָך לייבלען האָט זיך באַוויזן אויף דער טריבונע אַ לייטיש געקליידעטער, פּעטלע־כער יונגער־מאַן מיט אַ שפּיציק בערדל.

„דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר", האָט וואָווע איינגערוימט יעקבן אויפן אויער.

דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר האָט זיך פונאַנדערגערעדט מיט אַ קול וואָס האָט געציטערט מיט פאַרביטערונג.

„וואָס פאַר אַן אומזין, חברים!" האָט ער מיט האַרצווייטיק אויסגערופן. „אַז דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטן זאָלן אין רייכסטאַג שטימען פאַר מיליטע־רישע קרעדיטן פאַר קייזער ווילהעלמס רעגירונג! און זיינען דען די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, מיט פּלעכאַנאָוון, און די אַנאַרכיסטן מיט קראָפּאָטקינען, בעסער? קומען זיי נישט אַרויס מיטן רוסישן הורא־פּאַטריאָטיזם און העצן קעגן דייטשלאַנד? אָט דער בורגפרידן, חברים!" האָט דער רעדנער אויסגערופן. „אָט דאָס גיין האַנט אין האַנט, חברים! אָט דאָס פּאַטריאָטישע און נאַציאָנאַ־

ליסטישע פֿאַרברידערן זיך פֿון אַרבעטער־קלאַס מיט דער בורזשואַזיע איז אַ שוואַרצער פֿלעק אויף אונדזער אַלעמענס געוויסן, חברים!"

יעקב האָט אַ קער געטאָן דעם קאָפּ צו וואָווען. „כ'פֿאַרשטיי נישט", האָט ער צו אים אַ פֿליסטער געטאָן. „דאָס איז דאָך אַן אַסיפֿה וועגן דער נייער שולע, טאָ ווי קלעפּן זיך דאָ זיינע רייד מיט..."

„ווי זיי קלעפּן זיך?" האָט וואָווע זיך גלייך אַ קאָך געטאָן. „ז'קלעפּן זיך שוין איין מאָל! וואָס מיינסטע, מיר גייען מיר בויען אַ שולע אין דער לופֿטן? אונדזער שולע ט'זיין איינגעוואָרצלט אין לעבן. מיר זענען מיר רעאַליסטן, זענען מיר, און ביי אונדז האָט איין זאַך אַ שייכות מיט דער אַנדערער. וואַרט, ס'טע באַלד זען ווי ער'ט פֿאַרבינדן, אַז איין זאַך זאָל קלעפּן מיט דער אַנדערער".

יעקב האָט אַ שמייכל געטאָן צו זיך. ער איז דאָך געווען אויף אַ ייִדישער אַסיפֿה סוף־כּל־סוף. פּילפּול איז געווען אַ ייִדישע טבע. און ס'איז געשען ווי דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר וואָלט טאַקע אונטערגעהערט וואָוועס פֿליסטער. ער האָט אַרויסגעצויגן פֿון דער קעשענע אַ פּאַק פּאַפּירן. זיין פּנים האָט אויפֿגעשיינט, זיין קול האָט זיך צעזונגען, בעת ער האָט אָנגעהויבן צו ציטירן אַרטיקלען פֿון זשאַן זשאָרעס, ראָמען ראָלאַן, סטעפֿאַן צווייג.

„אָט די דענקער, חברים!" האָט ער אויסגערופֿן. „אָט די גרויסע גייסטער, חברים! אָט די נביאים צוביידע זייטן פֿון די שלאַכטפֿעלדער, אָט זיי רעדן מיט דער שפּראַך פֿון אַן אַנדערער אייראָפּע, חברים, די שפּראַך פֿון מענטשלעכקייט, פֿון פֿאַרברידערונג צווישן פֿעלקער! צו אָט דער אייראָפּע געהערן מיר, חברים, די אַרבעטסלאָזע וועבערס, די זאָקן־מאַכערס, די שטריקערס, די שניידערס, די שוסטערס, דער ייִדישער אַרבעטער־קלאַס, דער האַרעפּאַשניק — און אין אָט דעם גייסט, חברים, וועלן מיר דערציִען אונדזערע קינדער, אַז זיי זאָלן צוזאַמען מיט אונדז קעמפֿן פֿאַר אָט דער שענערער, אָט דער בעסערער, גליקלעכער צוקונפֿט, וואָס מיר ווילן און וועלן דערגרייכן, חברים!"

ווען דער רעדנער האָט זיך אָוועקגעזעצט, האָט אַ מבול פֿון בראַוואָס פֿאַרהילכט דעם זאַל. דער עולם האָט זיך ספּאָנטאַן אַ שטעל געטאָן און מיט איבערגענומענקייט אָנגעהויבן זינגען: „ברידער און שוועסטער פֿון אַרבעט און נויט..." יעקב האָט זיך איינגעהערט צו די ווערטער און ווען דער רעפֿריין „מיר שווערן אַ טרייהייט אויף לעבן און טויט", האָט זיך צום לעצטן מאָל איבער־געחזרט, האָט ער מיטגעפֿרעפּלט די ווערטער און געוווּסט, אַז זיין גורל איז אַ געחתמעטער. ער האָט געשווירן אַ שבועה אויף לעבן און טויט.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט ער זיך פֿאַרשריבן אין דער „האַרפֿע". ער האָט גענומען באַרגן ביכער אין דער ביבליאָטעק און האָט נישט אַדורכגעלאָזט קיין

שום צוזאַמענטרעף, קיין שום רעפּעראַט. דאָס קומען צו פֿאַרזאַמלונגען, אויף אַסיפות, דאָס כּסדרדיקע זיין בחבֿרותא איז געווען אַנשטעקנדיק.

יעקבֿ האָט זיך געשראָקן, אַז ר׳ זייוול מאַלקעס וועט אים משלח זיין פֿון דער אַרבעט פֿאַרן אָוועקגיין אין די אָוונטן, אָבער לייבל און וואָווע האָבן אים באַרויִקט.

„ר׳ זייוול ווייסט פּונקט אַזוי גוט ווי אונדז ווייסט מען, אַז סע קאָכט זיך אויף דער וועלט. וואָס מיינסטע דיר עפּעס? זאָל ער נאָר פּרוּוון אַ פּיפּס געבן. האָסט דיך טאַקע פֿאַרדונגען צו אים, אָבער זיינס קיין לייב־אייגענער ביסטע נישט״.

און ר׳ זייוול מאַלקעס האָט טאַקע געוווּסט, אַז עפּעס קאָכט און ברויזט אַרום אים און גרייט זיך אונטערצוגראָבן זיין געזיכערט לעבן. פֿון רוסלאַנד און אויך פֿון דייטשלאַנד האָט אָנגעהויבן אָנצוקומען מוראדיקע ידיעות... דאָ איז לאָדזש האָט דאָס פּעבל, דער „אַרבייטער־קלאַס״, ווידער גענומען הייבן דעם קאָפּ. אַ נייע מגפֿה האָט זיך פֿאַרשפּרייט: פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען. ייִדן האָבן געשלאָסן יד־אחת מיט די גויים. קיין גוטס האָט דערפֿון נישט געקאָנט אַרויס־קומען. האָט מען קודם־כּל געמוזט זען צו לעבן בשלום מיט דער כּנופֿיא... די אייגענע אַרבעטערס. ווי עס מאַכט זיך...

יעקבֿ איז ווי אַ פֿרומער ייִד צום דאַווענען, געלאָפֿן אויף די בירזשעס, אין די טשייניעס, אין די פֿאַראיינען, ווו די אַרבעטערס און אַרבעטלאָזע פֿון אַלע פֿאַכן האָבן זיך געזאַמלט. ער איז געוואָרן אַן עקספּערט אין פֿאַרטיילן פּראָקלאַ־מאַציעס, געגאַנגען פֿון הויז צו הויז, אַרויפֿגעקראָכן אויפֿן אייבערשטן שטאָק, אָוועקגעלייגט אַ פּראָקלאַמאַציע ביי יעדער טיר, ביז אַראָפּ, און אָט אַזוי „גע־דעקט״ גאַנצע גאַסן, גאַנצע קוואַרטאַלן. ס׳האָט לאַנג נישט גענומען און מען האָט אים געשיקט אויף „סכאָדקעס״ ווי אַ פֿאַרשטייער פֿון די באַלוטער האַנט־וועבער־געזעלן.

ער איז געוואָרן דער שטאָלצער אייגנטימער פֿון אַ בונדיש פֿאַרטייביכל. ער האָט אויפֿגעהערט אַריינצוקלערן, צי ער איז פֿולשטענדיק מסכּים מיט די פּרינציפּן פֿון דער באַוועגונג, צי נישט. זיין האַרץ האָט זיך אין איר געפֿילט באַקוועם. דאָס לעבן האָט באַקומען אַ נייע פֿאַרב, אַ נייעם ריטעם. ס׳איז פֿאַראַן געווען אַזוי פֿיל אויפֿצוטאָן, צו טאָן — פֿאַרן פֿאָלק... און פֿאַר איר — דער מאַמען, אַלע מאַמעס. אַוודאי האָט ער געוווּסט, אַז ער לעבט אַצינד מער אויף דער אייבער־פֿלאַך, דרויסנדיק; נישט געווען קיין צייט צו זיין מיט זיך, איינצוהערן זיך צום אינערלעכן קול. אָבער אַזוי האָט דאָס געמוזט זיין אַצינד. נאָר ביי נאַכט, אויפֿן געלעגער, האָט מען געמעגט עס אַ פֿרעג טאָן, דאָס קול, וואָס עס טענהט, אַ פֿלי טאָן מיטן רעיון אַ ביסל ווייטער. „כּדי איך זאָל נישט ווערן ווי דאָס שטיק

גלאָז״, האָט ער זיך געזאָגט. „כּדי איך זאָל נישט בלויז אָפּשפּיגלען דעם אָרום, נאָר אָנהאַלטן מיין אייגענע פאַרב״.

אַז יעקב איז געקומען צום ערשטן נאָוואָמאַדנעם „איבערגעגאַנגענעם״ אָנצוג, האָט ער זיך אויסגעפּוצט אין אים און איז אַוועק אין מאיר ווייסקאָפּס שטיבל, געוואָלט באַגעגענען ברוכן. ס׳איז געווען אַ ווינטערדיקער שבת־צו־נאַכטס, נאָך הבדלה. אין שטיבל איז געווען פאַרזאַמלט אַ נישקשהדיקער עולם חסידים וועלכע האָבן צעהיצט געשמועסט, שטאַרק געסטיקולירט און זיך געקאָכט וועגן די לעצטע נייעסן פון די פראָנטן. ברוך ווייסקאָפּ איז אין שטיבל נישט געווען. אָבער אַ געפּרווירענער כּלי־זמר איז אַריינגעקומען, צוגעשאַרט זיך צום אויוון און אַרויס־גענומען אַ פידעלע פון אונטער דער פּאַזוכע.

אַ חברה בחורים האָבן אים אַרומגערינגלט און צוגעשטאַנען צו אים, אַז ער זאָל עפּעס שפּילן. דער כּלי־זמר האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן. ער האָט אַ פּאָר מאָל אַ בלאָז געטאָן אין די הענט, נאָך אַ ביסל געהאַלטן די פינגער איבערן אויוון און פאַרלייגט דאָס פידעלע אונטער דער גאָמבע. דער עולם האָט אים אַרומגערינגלט און אין דער שטילקייט פון גרויען שטיבל האָבן זיך אַ גיס געטאָן טענער פון אַ זיס־שווערן, נאָגנדיקן ווייטיק. קלאָגנדיק האָבן זיי זיך גע־נומען וויקלען צווישן די שמוציקע, אָפּגעריסענע ווענט, אַראָפּגערונען פון די פאַרפרויר׳ענע שויבן, געהויבן זיך צום אָפּגעשיילטן באַלקן, צום פאַרקאָפּטשעטן הענגלאָמפּ מיט די שוואַרצע בליצערס, אַרומגענומען דעם אָרון־קודש און גע־גלעט די פּאָליצע מיט די אָנגעשוואָלענע, אָפּגענוצט־געבויגענע ספרים, פולע מיט שפּורן פון הענט וואָס האָבן זיי געבלעטערט.

יעקב האָט געוווּסט, אַז הגם ער געהערט מער נישט אַהער, וועט ער זיך פון אָט דעם בילד קיין מאָל נישט באַפרייען. דעם כּלי־זמרס פידעלע וועט אָנגיין און שפּילן אין אים... און ער וועט דעם ניגון טוליען אין זיך ווי אין אַ נעסט.

אויף דער גאַס, אויפן וועג אַהיים, האָט ער באַגעגנט ברוכן. זיי האָבן זיךביידע אָנגעקוקט און זיינען אַרויס מיט אַ געלעכטער.

„כ׳האָב געוווּסט, אַז כ׳על דיך היינט טרעפן!״ האָט ברוך אויסגערופן. ער האָט געטראָגן אַן עלעגאַנטן מאַנטל מיט אַ פוטער־קאָלנער, אַ האַרטן קאַפּעליוש פאַרזעצט אַ ביסל אין אַ זייט אויף זיין קאָפּ ברוינע געקרייזלטע האָר, געהאַלטן אַ שטעקן מיט אַ גאָלקע אין דער באַהענטשקעטער האַנט. ער האָט אָנגענומען יעקבן פאַרן אָרעם. „קום אַרויף צו מיר אויף אַ גלעזל משקה. מ׳עט דערוואַרמען די ביינער״.

זיי זיינען אַרויפגעקומען אין אַ גרויסער, כּמעט אויסגעליידיקטער דירה. בעת זייער אַריינקומען האָבן אַ פּאָר מייז געמאַכט פּליטה פון אַ פאַרדעקטער סאָפע.

„ס׳האָט נישט קיין זינען צו באַהייצן דאָס גאַנצע הויז״, האָט ברוך געפירט יעקבן דורך די צימערן, ביז ער האָט אים אַריינגעפירט אין אַ גרויסער, וואַרע־

מער שטוב מיט אַ הויכן אויוון מיט הייסע קאַפּלעס. אין סתּירה צו די אַנדערע צימערן, איז דאָ געווען אַזוי אַנגעשטעלט מיט מעבל, אַז ס'איז קוים געווען ווו זיך אַ קער צו טאָן: אַ בעט, אַ שרייבטיש, סאָפעס, קאָמאָדעס, פּאָליצעס מיט ביכער, קאַסטנס מיט ביכער, ביכער אויף די פענצטער־ברעטער.

ברוך האָט אַ ווייז געטאָן אויף אַ פּאָליצע פון דער ביכערשאַפע צו וועלכער יעקב האָט זיך צוגעכאַפּט. „ס'ט לאַכן פון מיר. אָבער כ'לערן לאַטיין און פּי־לאָסאָפיע. כ'האָב אַזש פיר לערערס. פאַר אַ שיבוש קאָן מען היינט קריגן די בעסטע פּראָפעסאָרן אויף פּריוואַטע לעקציעס. און ד'זעסט", האָט ער אַ ווייז געטאָן אויף אַ צווייטער פּאָליצע, „דאָס בעסטע פון דער דייטשער ליטעראַטור... און כ'לערן פראַנצייזיש אויך".

יעקב האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. „דאָס זעלבע ביי מיר. אַ ווילדער פּאַרלאַנג... אַ הונגער... אַ דאָרשט צום לערנען... אַלץ וואָלט איך געוואָלט איינשלינגען אויף אַ מאָל. אָבער אַז ד'האָסט לערערס, לערנסטע מסתמא מיט אַ סדר".

„ס'דאַכט זיך דיר", האָט ברוך געלאַכט. „יעדן טאָג וויל איך אָנהייבן פון אַן אַנדער פּעסל. וואָס 'עסטע למשל טענהן צו דעם, אַז איך גיי מיר דאָ אַריינ־שטעלן אַ פּיאַנאָ און מיך לערנען שפּילן, הע? נו, וואָס שטייסטע אין פּאַלטן?" אַליין האָט ער אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם מאַנטל, אים נאָכלעסיק אַ וואָרף געטאָן אויפן בעט און זיך באַוויזן פאַר יעקבן אין אַ געפּאַסטן דייטשמערישן אַנצוג. ווען ער האָט אַראָפּגענומען דעם קאַפּעליוש, האָבן צוויי לאַנגע פּאות זיך אַראָפּגעבאָמבלט פון זיין קאָפּ און אים אַ פּאַל געטאָן צו די אַקסלען. „ד'גלאָצסט אויף מיר, הע?" האָט ער מיט די הענט אַ שטרעק געטאָן די פּאות צו דער זייט. „דו'סט עס געמאַכט מער גרונטאָוונע פון מיר, הע? אפשר ביסטע נישט אַזוי... געקנופּט און געבונדן ווי איך. קודם ביסטע אַ פרעמדער דאָ. איך, אַז איך פאָר צום טאַטן, קריך איך נאָך אַריין אין די חסידישע בגדים. קודם וויל איך אים נישט מצער זיין, ס'פעלט אים אַזוי אויך נישט קיין האַרצווייטיק. צווייטנס, האָב איך נישט קיין חשק מיך אָפּצוזאָגן פון דער ירושה".

„פון וואָסערא ירושה רעדסטע?" האָט יעקב נישט פאַרשטאַנען.

„וואָס הייסט פון וואָסערא? מיין חלק ירושה... דעם טאַטנס מאַיאָנטעק איז נאָך אַלץ עפּעס ווערט". ער האָט אָפּגעמאָסטן יעקבן מיטן בליק און צוגעגעבן ווי ער וואָלט זיך פאַרענטפערט. „מיינע בגדים מוזן דען אַלעמען לאָזן וויסן וואָס עס טוט זיך אָפּ ביי מיר אין קאָפּ?"

„פריער צי שפּעטער, 'עסטע דאָס סיי ווי טאָן", האָט יעקב באַמערקט.

ברוך האָט געדרייט מיטן קאָפּ. „אפשר יאָ, אפשר ניין. איך גיב נישט קיין געלעכערטן צווייער פאַר דעם וואָס ס'עט זיין. דער עיקר איז וואָס עס איז. אַצינד לעבט מען. אַצינד איז מען יונג און אַצינדער דאַרפט מען זען צו האָבן וואָס ווייניקער קאָמפּליקאַציעס. צווייטנס, האַלט איך מיך נישט פאַר קיין אַטעיסט.

כ׳בין אַ הכּל־הבלימיסט, אַ ניהיליסט, צו באַניצן דאָס מאָדערנע לשון. איז מיר טאַקע נישט קיין אונטערשייד — אַזוי צי אַזוי. כ׳בין אַ קאַמעלעאָן און פּאַס מיך אַריין צו דער פאַרב פון דער סביבה. און דו?" האָט ער זיך אַ ווענד געטאָן צו יעקבן. „ביסט טאַקע געוואָרן אַ פֿאַלנער אַפּיקורס?"

יעקב האָט זיך פאַרטראַכט. „כ׳בין נאָך אַ גרעסערער בעל־אמונה ווי אַ מאָל. אָבער גאָט אַליין האַלט אין איין גוססן אין מיר. שטאַרבן, שטאַרבט ער נישט, ער צאַנקט נאָר. דאָס מיינט נישט, אַז כ׳פיל מיך ווי כ׳וואָלט געוואָרן אויס ייִד. פאַרקערט. כ׳פיל מיך מער אויסגעגלייכט, מער צעוואַקסן. אין מיינע אייגענע אויגן פאַרנעם איך מער אָרט". ער האָט קאָמיש אַ ווייז געטאָן מיט די הענט אויף זיך. „דאָס מיינט, אַז כ׳בין מער ייִד, נישט אַזוי?"

ברוך האָט אים דערלאַנגט אַ גלעזל, אים צוגעשלעפּט צו אַ סאָפקע און זיך מיט אים אַוועקגעזעצט. יעקב האָט זיך דערפילט אינערלעך דערוואָרעמט. היינט איז ער גרייט געווען צו רעדן צו ברוכן, נישט שטאַמלען. ער האָט אָנגעקלאַפּט דאָס גלעזל אָן ברוכס און גיך אַריינגעגאָסן דעם בראַנפן אין מויל. ברוך האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו זיין מאַנטל אויפן בעט, אַרויסגענומען פון קעשענע אַ טיטל, פון טיטל אַ פאַרפּעצט פּאַפּירל פול מיט קנאַקוורשטלעך.

„נאַ, פאַרבייס", האָט ער אַריינגעשטופּט יעקבן אַ ווורשטל אין מויל. ער האָט באַמערקט ווי רויט יעקב איז געוואָרן פון דעם גיכן שלוק בראַנפן, צופרידן נאָך אַ מאָל פול געמאַכט זייערע ביידנס גלעזלעך, און צוטראָגנדיק זיינס צו די ליפן, האָט ער אַ זאָג געטאָן: „ביי מיר איז דאָס גלעזל משקה געוואָרן אַ טייל פון מיין לעבנסטיל, ווי מ׳זאָגט דאָס. פאַרשטייסט, ס׳מאַכט מיר לויז אינעווייניק. כ׳פיל מיך לייכטער, כ׳זע בעסער, כ׳הער בעסער און כ׳צי מיך נישט צוריק אין מיין סקאָרופּע, אַז אַזאַ מענטש ווי דו דערנענטערט זיך צו מיר, למשל".

„טויג נישט", האָט יעקב געדרייט מיטן קאָפּ, נישט אין גאַנצן ניכטער. „אַז מיר זאָלן קאָנען שמועסן נאָר ווען מ׳איז בגילופין".

„ווי דען ווילסטע דיך צוזאַמענרעדן, אַז מיר זענען צוויי וועלטן, זענען מיר. איך אַ נגיד, דו אַ קבצן, איך אַ פרומער, דו אַ פרייער!" ער האָט זיך צעקייכט פון געלעכטער.

יעקב האָט שיכורלעך געדרייט מיטן קאָפּ. „אַ פרייער בין עך טאַקע. כ׳בין נאָך אַלץ גאָטס משוגענער, און... מיין פילאָסאָפיע איז, אַז כ׳דאַרף מיך אויפפירן ווי ס׳וואָלט יאָ געווען אַ גאָט, אַפילו ווען ער איז נישטאָ... יאָ, כ׳האָב נאָך אַלץ ליב אַריינצוקלערן אין די ענינים... נאָר אַ מאָל האָט דאָס מיר פאַרשטעלט דעם מענטש און היינט איז פאַרקערט".

„ביסטע דאָך געכאַפּט אויף דער מעשה!" האָט ברוך אויסגערופן.

„נאָך ווי געכאַפּט!" האָט יעקב זיך אַ צינד געטאָן. „פאַרשטייסט", האָט ער זיך צוגערוקט צו ברוכן „כ׳טראָג אין מיר אַ בענקעניש צו דער אויסגעשפּרייט־

קייט פון ערדקיילעך... צו אַלע מענטשן אויף אים. ׳עסטע מיך פרעגן... וועגן דער שׂנאה צום ייִד, העי ? ׳על עך דיר זאָגן, אַז אויב די שׂינאה צום ייִד ׳עט נישט ווערן פרעמד דעם מהות פון גוי, זע איך נישט פאַר קיין גוטס, נישט פאַר די יידן און נישט פאַר די גויים... אין דעם ערדישן עמק־הבכא מוזן די ייִדישע טרער און די גוייִשע ווערן די משקה פון ברודערשאַפט". ער האָט אויפגעהויבן דאָס ליידיקע גלעזל צו ברוכן.

ברוך האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ. „דאַרפסטע דאָך נישט קיין משקה. כ׳זע דאָך, אַז ד׳ביסט פאַרשיכּורט פון הוילע פראַזעס".

יעקב האָט זיך נישט איבערגענומען מיט ברוכס סאַרקאַזם. „אַ הוילע פראַזע ווערט ווייניקער הויל ווען מען פילט זי אויס מיט ממשותדיקע מעשׂים, אמת ?"

„ווי אַזוי באַווייזטע דאָס קונצשטיק ?"

„כ׳בין אַ בונדיסט", האָט יעקב מיט גרויס איבערגענומענקייט געענטפערט.

„טאָ וואָס איז דערפון געדרונגען ? דאָן קיכאָט האָט אויך אויסגעפילט זיינע כימערעס מיט מעשׂים, געשלאָגן זיך מיט ווינטמילן".

„מעג זיין", האָט יעקב אַ צעהיצטער געשאָקלט מיטן קאָפּ. „אויב דו ווילסט, שלאָגן מיר זיך אַלע מיט ווינטמילן סיי ווי. מ׳ראַנגלט זיך מיט אַ ווירקלעכקייט וואָס מ׳פאַרשטייט זי נישט. אָבער דאָן קיכאָט איז... איז נישט געווען גלייכגיל־טיק. דאָס האָט אים געמאַכט מער... מענטשלעך".

ברוך האָט געלאַכט. „וואָס מיינסטע, איך גיי זיי נישט הערן, די בונדאָוועצעס דיינע ? אַוודאי גיי איך, לשם פאַרוויילונג. כ׳גיי צו די ציוניסטן אויך, און צו די טעריטאָריאַליסטן, די אַנאַרכיסטן און צו וועמען נישט ? און דאָס אַלץ מאַכט מיך פאַר נאָך אַ גרעסערן אָנהענגער פון מיין אייגענער פאַרטיי".

„וואָסאָראַ פאַרטיי ?"

„די פאַרטיי פון די פעסימיסטן־ניהיליסטן, ד׳ווייסט דאָך".

„איז דאָך דיר ביטער".

„נישט ביטערער פון דיר".

„איך האָב אמונה... כ׳גלייב".

„בלאָטע !" האָט ברוך אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. „ביי מיר קוקסטע אויס פונקט אַזוי פאַרנאַרט ווי דער חסיד אין שטיבל. יענער רעדט זיך איין, אַז ס׳איז אים וואויל ווי די וועלט, ווייל ער האַלט זיך אָן אין רבונו־של־עולם. און דו רעדסט דיר איין, אַז ס׳איז דיר וואויל ווי די וועלט, ווייל ד׳האַלטסט דיך אָן אין אַ ממלא־מקום, אַ במקום: דעם מענטש !" ברוך האָט חוזקדיק אַ הייב געטאָן דעם פינגער אין דער לופטן. „טאָ גלייב מיר, אַז דער חסיד איז שוין קליגער פון דיר. זיין גאָט איז כאָטש אַ מלך וואָס זיצט אין אַ הערלעכן היכל. און דיינער איז דיין פאַרלייזטער שכן, וואָס ליגט לעבן דיר אויפן געלעגער". ברוכס בליק האָט זיך פאַרטשעפּעט אָן יעקבס הילצערנע טרעפּעס. ער איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט, צעעפנט די

שאַפע און אַרויסגעוואָרפן אַ באַרג מיט שיך אויף דער פּאַדלאָגע. ער האָט דער־לאַנגט יעקבן אַ פּאָר שיך: „נאַ, מעסט אָן!"

די שיך האָבן יעקבן נישט געפּאַסט. איז ברוך צוגעשטאַנען צו אים און אים געצווונגען אָנצומעסטן איין פּאָר שיך נאָך דער אַנדערער, ביז יעקב איז גע־בליבן זיצן אין אַ פּאָר באַקוועמע לאַקערקעס פון שוואַרצן לעדער. ער האָט גוט געפילט, אַז די פרעמדע שיך פּאַסן נישט צו זיין הולך — פּאַסן אים נישט בכלל. אָבער ער האָט געדאַנקט ברוכן און געמאַכט מיט אים נאָך אַ כוסע צו „באַגיסן" די „נייע" שיך.

ברוך האָט זיך אַ וויש געטאָן דאָס מויל און אויסגערופן: „אויב אַזוי, טאָ גיב שוין אַ ציִ אַראָפּ די תחתונים און די מאַרינאַרקע אויך!" ער האָט ברייטער צעפּראַלט די טירן פון דער שאַפע און גענומען זיך פּאָרען ביי די אָנצעגער וואָס זיינען דאָרט געהאָנגען.

יעקב האָט פּראָטעסטירט: „לאָז צו רו, כ'פיל מיך נישט גוט אין פרעמדע בגדים. די שיך איז עפּעס אַנדערש. ס'איז מיר קאַלט אין די פיס אין די טרעפּעס".

ברוך האָט צו אים געפּאַכעט מיט אַן אָנצוג אויף אַ שטעקעלע: „מיינע בגדים רופסטע פרעמדע בגדים? האָסט דאָך ערשט געפּריידיקט ברודערשאַפט. זעסט נישט, גלאָמפּ איינער, אַז פּאָר אַ מאַיאָנטעק 'עסטע היינט נישט קריגן אַזאַ אָנצוג, ד'זאָלסט אויסגיין גאַנץ לאַדזש און די אומגעגנט?"

יעקב האָט פאַרעקשנט געדרייט מיטן קאָפּ. „אַז דאָס בגד וואָס כ'האָב ט'זיך מיר צעפאַלן, 'על איך קומען צו דיר. און זאָג נאַר, ברוך", האָט ער זיך אַ בייג געטאָן פאַרויס. „ס'ט קומען מיט מיר זיך באַקענען מיט מיין חבר, וואָווע צעדערבוים?"

„אַז ד'עסט נעמען דעם אָנצוג, 'על איך קומען".

„כ'על אים נישט נעמען. און ד'עסט סיי ווי קומען, יאָ?"

ברוך האָט צוריק אַריינגעהאָנגען דעם אָנצוג און צעפירט די הענט. „ביסט אַ שוטה. דו ווילסט דאָך מאַכן די רעוואָלוציע, צונעמען דאָס פאַרמעגן ביי די גבירים. און דאָ גיב איך דיר אַליין און ד'נעמסט נישט?"

„ביסט גערעכט". האָט יעקב איינגעשטימט מיט אים. „אַ בזשיק אַזאַ ביי מיר. ס'ט קומען מיט מיר צו וואָווען?"

„אוודאי 'על איך קומען. איך זאָג מיך קיין מאָל נישט אָפּ ערגעץ צו גיין... צו זען..." ער האָט זיך צוריק אָוועקגעזעצט לעבן יעקבן און אים אָנגעקוקט, ווי יעקבן האָט זיך געדאַכט, מיט אַן אייפערזוכט אין בליק. „האָסט אַ סך חברים, האָ?"

„כ'האָב", האָט יעקב שטאָלץ אַ מורמל געטאָן. „ס'איז משפחהדיק ביי אונדז".

ער האָט פאַרשוויגן, אַז דער איינציק נאָענטער איז אים אייגנטלעך געווען וואָווע, און אַז אָפילו צווישן אים און וואָווען איז די נאָענטקייט געווען אַ ווייט־

לעכע, און אַז מיט אים, מיט ברוכן, האָט ער זיך גראָד נענטער געפילט. דאָ איז אים איינגעפאַלן, אַז ער דאַרף ברוכן זאָגן דעם אמת.

„פאַרשטייסט", האָט ער אַ וועגד געטאָן דאָס פּנים צו אים. „כ'בין אין תּוך אַ שווערער מענטש צו לעבן אין אַ געמיינשאַפט. פאַראַן אין מיר דער פּחד זיך אויפצולייזן אין כּלל. איז דער גאַנצער ענין ביי מיר אַ נייעס. כ'מיין דאָס ראַנג־לען זיך אָנצוהאַלטן דאָס יחידישע און דאָס לעבן מיט דער חברה. און ס'לוינט. ווייל וואָס מער איך בין מיט די חברים, דאָס בעסער פיל איך זיך... דאָס בעסער פיל איך מיין איך... אויף אַ נייעם אופן".

„און איך לעב בכּלל אָן חברים", האָט ברוך צעפירט די הענט. „נאָר ביי מיר איז עס נישט קיין פּחד פאַרן פאַרלירן דאָס יחידישע. מיינע יחידישע משוגעתן זענען אַזוי גרויס און אַזוי שטאַרק... ביי מיר איז דאָס גיכער צוליבן פּחד פאַר מענטשן ...ס'קומט נאָך פון די קינדער־יאָרן. צווייטנס, אין מיין שיטה חברט מען זיך נישט".

יעקב איז אָנגעגאַנגען, ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך אַליין: „צו האָבן אַ בשותּפותן ציל מיט אַנדערע... אַ געמיינזאַמען אידעאַל... בינדט שטאַרק צונויף... ס'ווערט אַ גורל־פאַרבונדנקייט, וואָס האַלט דיך אָפט צוזאַמען שטאַרקער ווי בלוט־קרובישאַפט. כ'וואָלט געזאָגט, אַז וואָוּ איז מיר, טראָץ אַלעם, נענטער ווי מיין אייגענער ברודער".

„נענטער ווי איך?" איז ברוך אייפערזיכטיק געוואָרן.

יעקב האָט אים ערנצט אָנגעקוקט. „דו ביסט ווי איך... ביסט איך, אין אַן אַנדערער אויפלאַגע... אין אַנדערע בגדים. איך וואָלט געקאָנט אַוועק אין דיין ריכטונג... און דו אין מיינער, מיין איך".

„אַזוי מיינסטו?"

„אַזוי דאַכט זיך מיר. אונדזער טרויער איז אַן ענלעכער".

„וואָס עפּעס טרויער? איך בין נישט טרויעריק!" האָט ברוך אויסגערופן. „אריינפאַלן אין עצבֿות שטימט נישט מיט מיין שיטה".

„מיט מיינער אַוודאי און אַוודאי נישט!" האָט יעקב אים איבערגעשריגן. „כ'בין נאָך קיין מאָל נישט געווען אַזוי פול מיט לעבן, אַזוי פריי און פריילעך. אָבער אונטער די אַלע דרויסנדיקע שלייערן, ברוך, קאָן איך דאָס נישט פאַר־לייקענען... איז געבליבן די נאָגעניש. כ'ווייס, אַז דערפון וועל איך זיך קיין מאָל נישט באַפרייען... און דו אויך נישט".

ברוך האָט האַסטיק אָפּגעקערט דעם קאָפּ, געבליבן זיצן אין אַ לאַנגן שווייגן, דערנאָך האָט ער זיך אויפגעשטעלט, אַ צי געטאָן יעקבן פאַרן אַרבל און אויסגערופן: „קום, כ'על דיר ווייזן אונדזער בעל־הבתישקייט!"

ער האָט גענומען אַרומפירן יעקבן איבער די פּוסטע צימערן מיט די פאַר־פּרוירענע שויבן און אָפּמשלען וואָס דאָ איז אַלץ אַ מאָל געשטאַנען און וואָס די

גרויסע משפחה פון מאיר ווייסקאָפּ האָט אין יעדן צימער געטאָן; ווי מען האָט אויפגענומען געסט, ווי געגעסן, ווי געלערנט, ווי זיך געקריגט, ווי געשלאָפן. ווי ער האָט גערעדט, האָט זיך פאַר יעקבן פונאַנדערגעוויקלט אַ בילד פון אַ לעבן, וואָס איז אים אויסגעקומען נישט־רעאַל־באַקוועם און אָן דאגות. ברוך איז אַריין מיט אים אין דער קיך און האָט זיך מיט אַ פאַרבענקטער שפּילעוודיקייט אָפּגעגעבן די באַשרייבונגען פון מאכלים וואָס זיינען דאָ פאַרגרייט געוואָרן. לסוף האָט ער מיט אַ חוזקדיקער פייערלעכקייט אַריינגעפירט יעקבן אין זיין פאָטערס, אין ר׳ מאיר ווייסקאָפּס קאַבינעט.

„פון דאַנען, זעסטע״, האָט ער אויסגערופן, „איז מיין וועלט באַשאַפן געוואָרן. דאָ איז ער געזעסן, דער גאָט מיינער, און גיב אַ קוק״, איז ער צו צום שרייבטיש, אויפגעשלאָסן אײן שופלאָד נאָכן אַנדערן. „זעסט וואָס דאָ טוט זיך?״ ער האָט פאַרנורעט די הענט אין אַ באַרג פּאַפּירן. „וועקסלען! מ׳וואָלט דאָס גאַנצע הויז געקאָנט באַהייצן מיט דעם מיסט!״

ווען זיי זיינען צוריק אַריינגעקומען אין ברוכס צימער, האָט יעקב באַמערקט: „דיין טאַטע מוז זיין אַ צעבראָכענער מענטש״.

ברוך האָט גלייכגילטיק געצויגן מיט די אַקסלען. „ר׳איז קיין מאָל נישט געווען קיין גאַנצער מענטש. און ווען איך האָב דאָס אַנטפּלעקט, נאָך אין די שיינע, גוטע צייטן, איז ער ביי מיר צעבראָכן געוואָרן, דער טאַטע־גאָט, פאַרשטייסט?״

„האָסט אים נישט ליב?״ האָט יעקב געפרעגט.

ברוך האָט זייטיק פאַרוואָרפן דעם קאָפּ. „פאַרקערט. מיר האָבן זיך יאָ ליב. ער זיך און איך זיך. און ד׳ווייסט וואָס כ׳האָב גערירשנט פון אים? די תאווה צו געלט. ער האָט געדינט דעם עגל־הזהב מיטן גאַנצן חיות. כ׳על נישט זאָגן, אַז בעת־מעשה האָט ער נישט אויפגעטאָן קיין וויכטיקע זאַכן. ר׳איז געווען דער ערשטער וואָס האָט אין זיינע פאַבריקן אויסגעאַרבעט טעקסטיל־שטאָפן, נישט בלויז פון פּוילישער שעפּסנוואָל, נאָר אויך פון ענגלישן גאַרן, פון באַוואָל. די ערשטע קרעטאָנען האָט ער פּראָדוצירט, די פאַרשיידענע מינים טישטעכער. און דאָס אויסגעפינען פון פּיגאָניע האָט אויך אַ שייכות צו אים. האָט ער, פאַרשטייסטע מיך, גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער לאָדזשער טעקסטיל־אינדוסטריע. איז וואָס? גלייב מיר, אַז ער האָט אָסור געוווסט פון אַ לעבן. אפילו, אַז ר׳איז אַ מאָל געווען אין די בעדער, האָט ער יעדן טאָג געמוזט האָבן אַ ראַפּאָרט וואָס זיין גאָלדענער קאַלב מאַכט. טעלעגראַמעס זיינען געפלויגן אַהין און צוריק. פאַרשטייסט, זיין גוף האָט זיך געפונען אין די שענסטע ווינקעלעך פון אייראָפּע, און זיין קאָפּ איז געווען דאָ, אין אָט די שופלעדלעך״.

„ביסטו דאָך דער היפּוך פון אים...״ האָט יעקב אַ זאָג געטאָן.

„ביסט דיך טועה, ברודערקע!״ ברוך האָט שעלמיש אַ ווונק געטאָן צו

יעקבן. „דער אונטערשייד איז נאָר, אַז מיין חשק צו געלט איז געשטיצט אויפן וויסן, אַז ס׳איז נישט אַזוי גוט מיטן געלט, ווי ס׳איז שלעכט אָן דעם. דאָס, זעסטע, האָט ער, דער גאָט מיינער, זינט די קינדער־יאָרן מיך פּראַקטיש געלערנט. ער האָט אונדז, קינדער, נישט צעבאַלעוועט. דער ווייטסטער וועג איז ביי אים תמיד געווען צו זיין אייגענער קעשענע. דאָס הייסט, אַ נאָמען אין שטאָט האָט ער זיך יאָ ליב געהאַט צו קויפן מיט געלט. אָבער מיטן זיין פאַרשווענדעריש צו ווייב און קינדער קויפט מען זיך קיין כבוד נישט איין. ער האָט זיך געהאַלטן ביי דער טעאָריע, אַז עס איז שעדלעך צו צעפּיעשטשען דאָס הויזגעזינד... פאַרשטייסט? אויף דעם אופן האָט ער אונדז געלערנט ליב האָבן געלט, בענקען דערצו. און לאָמען זיך טאַקע נישט געגאַרן, איידער צו שטאַרבן פון הונגער, איז דאָך פאַרט בעסער צו עסן געבראָטנס. כ׳וויל טאַקע האָבן אַל דאָס גוטע וואָס געלט קאָן קויפן. איך וויל יאָ געניסן דערפון... אַריינכאַפּן וויפל שיינקייט עס לאָזט זיך... ביכער... קונסט... מוזיק... און ווייבער. יאָ, דאָס איז מיין אַרט פרומ־קייט... מיין אופן פון זוכן די... די געטלעכקייט און אַנטרינען פון פחד פאַרן טויט״. אין אַ געביטענעם טאָן האָט ער צוגעגעבן: „צו די אַלע מעלות בין איך נאָך אַ שטיקל מנחם־מענדל אויך. טרעף וואָס איך טו? כ׳גיי אַרום און כ׳קויף אויף אַקציעס... אַסיגנאַציעס, פאַר אַ שיבוש, און כ׳רעד מיר איין, אַז כ׳האָב אַ סמיקאַלקע און דאָס וועט צוריק האָבן אַ ווערט... נו, ווען נאָך זאָגן, אַז... דו ביסט איך?״

יעקב האָט זיך פאַטראַכט. „יאָ... אין תּוך וויל איך דאָס זעלבע וואָס דו... שיינקייט... ביכער... מוזיק... אָבער פריִער פון אַלץ: יושר״.

„טאָ אפשר ווערסטע מיין שותף אויפן מנחם־מענדלשן שטייגער. אַזוי לאַנג ווי כ׳בין נישט קיין עושר, ׳על איך דיך באַהאַנדלען מיט יושר!״

יעקב האָט געלאַכט: „אַ שאָד וואָס עך גיב מיך נישט איין צום מיסחר״.

„כ׳ווייס, אַז ד׳ביסט אַ גלאָמפּ. ביסט מיין היפּוך, דערפאַר דאַכט זיך דיר אויס, אַז מיר זענען זיך ענלעך״. ער האָט פול געמאַכט זייערע ביידנס גלעזעלעך. „דיין איינציקער טאַלאַנט איז צו צרות, לחיים!״

„לחיים!״ האָט יעקב געענטפערט. „כ׳האָב נאָך אַ טאַלאַנט: מיר אָפּצוזוכן גוטע שכנים אויפן געלעגער״.

„נישט קיין פאַרלייזטע?״

„מיט נישט קיין פאַרלייזטע נשמות״, האָט יעקב אים פאַרריכט.

קאַפּיטל זעקס

1

אַ טאָג פאַר דער דעמאָנסטראַציע פאַר אַרבעטער־סאָלידאַריטעט, איז יעקב אַרויס מיט אַ פּעקל פלוגבלעטלעך אין די באַלוטער גאַסן. ער האָט געוואַנדערט פון טויער צו טויער, געלאָפן פון שטאָק צו שטאָק, פאַר יעדער טיר אַוועקגעלייגט אַ בלעטל און געלאָפן ווייטער, אַ צעיאָכמערטער, דערהיצטער — נישט געקוקט אויפן בייסיקן פראָסט.

איילנדיק צווישן איין בלאָטיקן טויער און אַן אַנדערן, האָט ער באַמערקט אַ פּנים... אַ פּאָר ליכטיקע צעפּ האָבן פאַרבייגעמיניעט פאַרביי זיינע אויגן. ער האָט אַ קער געטאָן דעם קאָפּ. דאָס פּנים האָט זיך אַ ווענד געטאָן צו אים. עפּעס האָט גבורהדיק אַ ווייע געטאָן איבערן האַרצן. דער טראָט איז געבליבן איינגעפרוירן, דער גאַנצער גוף איז פאַרשטייפט געוואָרן. אַלץ אין מוח האָט איינגעשטומט. אָט האָבן זיך די צוויי צעפּ דערנענטערט צו אים. די שיפע אויגן זיינען אים אַנטקעגנגעשוווממען. ס'איז אוממעגלעך געווען אַריינצונעמען די גאַנצע געשטאַלט מיט די אויגן.

„דו ביסט יעקב, העי?" האָט ער דערהערט בינהלעס קול.

ער האָט זיך צעפּינטלט מיט די אויגן, געמוזט זי אַנקוקן געניויער. יאָ, דאָס היימישע, דאָס אייגענע איז געשטאַנען פאַר אים און אַרויסגעקוקט פון אַ נייעם גוף, אַ נייער הלבשה — עלעקטריזירנדיק. ער האָט געוואָלט אויסרופן: „ווי שיין דו ביסט!" אָבער דאָס מויל האָט בשום־אופן נישט געלאָזט אַרויסברענגען קיין קלאַנג. ער האָט מיט די אויגן איינגעשלונגען איר פּנים. אָט די שיינקייט האָט נישט געהאַט צו טאָן מיט איר פּנים, נישט מיט דעם פיזישן אין איר — הגם גראַד דאָס פיזישע איז געווען די איבערראַשונג און האָט גורם געווען, אַז ער זאָל אָט אַזוי פאַרשטומט ווערן. ער האָט געזען די הויכע באַקנביינער, די מאָנגאָליש־שיפלעכע אויגן מיטן בייסיק־הייסן פייערל, די זומער־שפּרענקעלעך און די בלייכקייט פון דער הויט. ער האָט געזען דעם שלאַנקן און דאָך פעסט־געבויטן גוף, דעם אַרויסגעהויבענעם פולן בוזעם. אָבער דאָס שיינע, וואָס האָט אים אַזוי

פארכאפט, אים אפהענטיק געמאכט פון התלהבות, איז געווען אט דאס „עפעס" וואס האט מיט אזא כוח ארויסגעשטראלט פון א באהאלטענעם מקור אין איר.

„ני, רעד שוין א ווארט!" האט זי אויסגערופן, צעטראגן, אליין ווי פארבלענדט. אירע באקן, דערהייטלטע פון פראסט, האבן געשיינט דורך דעם פארע־אטעם פון איר מויל, ווי דורך א שלייער.

„ביסט עפעס... גרעסער געווארן", האט ער א פרעפל געטאן.

זי האט אוועקגעשארט די צעפ אויף הינטן. „דו ביסט אויך... מ'ווערט אלט..." האט זי קוים־קוים א שמייכל געטאן.

„ווי גייט דיר דא?" האט ער געפרעגט.

„ס'גייט... ווי א רשע אויף יענער־וועלט". זי האט זיך באמיט צו הערשן איבער זיך. „כ'האב געארבעט אין בערמאנס פאבריק. א שטאפערין בין עך. דער־נאך איז אויסגעבראכן די מלחמה, בין עך... בין עך קראנק געווארן אויף טיפוס. אצינדער ארבעט עך ביי טיכער, אין א שטוב, דארט אין הויז קעגן איבער. כ'דריי פראנדזן. נא, קיק..." האט זי אים געוויזן די הענט מיט פינגער אפגעריבענע ביז בלוט.

ס'איז אים אויסגעקומען ווי זי וואלט אים אנגעפארטרויט די געפרוירן־צעוווג־דיקטע הענט, ער זאל זיי אננעמען און פארטוליען אין די דלאניעס. נאר די ווייכקייט וואס האט אים איינגענומען, האט גראד גורם געווען, אז ער זאל ארויפלייגן א פלוגבלעטל אויף אט די הענט, פארדעקן דערמיט די ווונדן אויף אירע פינגער.

„לייען איבער", האט ער גיך א זאג געטאן. „קום מארגן צו דער דעמאנ־סטראציע. ס'שטייט דא גענוי וואס און ווען. ט'מען זיך זען. אצינד מוז איך לויפן". ער האט זיך אנגעטאן א כוח און זיך אפגעקערט פון איר.

בינהלע איז געבליבן א צעטומלטע, מיטן פלוגבלעטל אין דער האנט. באלד איז זי געקומען צו זיך, און האט זיך א יאג געטאן נאך אים. זי האט אים אנ־געכאפט פארן ארעם.

„כ'קאן נישט לייענען!" האט זי אים אנגעוויזן אויפן בלעטל.

ער איז איר געווען דאנקבאר פארן לאזן אים נאך א מאל זען איר פנים. די איבערלעבונג איז געווען צו שטארק — דערפאר איז ער אנטלאפן אזוי גיך. איצט זיינען זיינע אויגן ווידער פול געווען מיט איר. אלץ וואס ער האט אצינד געוואלט איז געווען אנרירן זי מיט די הענט, דערשפירן איר ממשות. ער האט ארויסגע־נומען דאס בלעטל פון איר האנט און עס איר גיך, פארכריפעט פארגעלייענט.

„מארגן ביין א זייגער אין דער פרי. דאס טעקסטילפאך זאמלט זיך אויף דער פראמענאדע. איכ'ל דארט אויך זיין. כ'בין א וועבער". ער האט איר צוריק ארייננגעשטופט דאס בלעטל אין דער האנט, א שאקל געטאן מיטן קאפ און איז ארייננגעלאפן אין א טויער.

צוגענאָגלט צו איר אָרט, האָט זי אים נאָכגעקוקט. ער האָט מסתמא דער־שפּירט איר בליק אויף זיך, ווייל לויפנדיק איבערן הויף, האָט ער זיך אַ פּאָר מאָל אומגעקוקט.

„וואַרט נאָר, יעקב!" האָט זי אויסגערופן און איז אַריינגעלאָפן אין הויף. „יעקב!" האָט זי זיך פאַרהאַלטן לעבן אים. „כ'האָב נישט פאַרשטאַנען קיין איין וואָרט וואָס ד'האָסט געזאָגט".

ער האָט זיך צעלאַכט מיט אַ הויך, פריי געלעכטער. „כ'בין אַ שוטה, בין איך!" זי האָט האַלב־מיטגעלאַכט מיט אים, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. „צעטומלט געוואָרן בין איך... האָסט געקאָנט אָוועק און כ'זאָל דיך ווידער פאַרלירן. וואַרט דרויסן אויף מיר!" ער איז אַריינגעלאָפן אין אַן אַריינגאַנג.

בינהלע האָט געוואַרט אין טויער. אַן אימה איז זי באַפאַלן אויפן געדאַנק, אַז ס'האָט אַזוי ווייניק געפעלט, אַז זי זאָל אים פאַרלירן אין דעם ים פון הייזער, גאַסן, מענטשן, אין אָט דער שטאָט וואָס האָט אים אויסבאַהאַלטן פון איר ווער ווייסט ווי לאַנג. וואָס איז מיט אים געשען זינט זיי האָבן זיך צעשיידט? זי האָט אים געהאַט אַזוי פיל אויסצופרעגן. איצט וועט זי אים נישט אָפּלאָזן. עס וועט נישט טאָרן געשען מיט אים וואָס עס איז געשען מיט איר ברודער הערשעלען, וועלכער איז נעלם געוואָרן ווי אין וואַסער אַריין. זי האָט נישט אַראָפּגענומען די בליקן פון הויף. ניין, נישט פאַראַן געוועזן קיין אַנדער וועג אַרויסצוגיין פון דאַנען, דורך אָט דעם טויער וועט ער מוזן אַרויסגיין. זי האָט אים נישט געטאָרט פאַרלירן. איר איז אויסגעקומען, אַז ער זאַמט זיך צו לאַנג, אַן אייביקייט איז פאַרביי זינט זי האָט אים געזען.

ער איז אַרויסגעקומען פון אַן אָפּיצינע און זיך גיך דערנענטערט צו בינהלען. זיי זיינען צוזאַמען אַרויס פון טויער און זיך באַטראַכט פון דער זייט. „זיינע אויגן זעען אויס ווי צוויי שיסעלעך מיט וואַרעמען האָניק", האָט זי אַ זאָג געטאָן צו זיך. פּאַמעלעך, מיט אומגלייכע טריט האָבן זיי זיך גערוקט פאַרויס. זי האָט גוט געפילט זיין שפּאַנונג, דעם אומגעדולד.

ער האָט טאַקע אַ וועגנד געטאָן דעם קאָפּ צו איר און איר געוויזן דאָס פּעקל פלוגבלעטלעך. „כ'מוז דאָס פאַרטיילן. זאָג מיר ווו מ'קאָן זיך טרעפן אין אַ שעה אַרום".

„וואָס מיינסטע טרעפן?" האָט זי אים אָנגעקוקט דערשראָקן. זי האָט מורא געהאַט אים אַראָפּצולאָזן פון די אויגן אויף אַ גאַנצער שעה. אַזוי פיל זאַכן האָבן געקאָנט געשען במשך פון אַ שעה. ער האָט געקאָנט פאַרגעסן, זיך טועה זיין וועגן דעם אָרט וואָס זיי וועלן אָפּשמועסן. „כ'על מיט דיר מיטגיין, ביז ד'עסט פאַרטיק ווערן. כ'על דיר צוהעלפן. כ'ווייס אַ סך וועגן פּאָליטיק", האָט זי זיך פאַר אים גערימט.

„ניין", האָט יעקב געדרייט מיטן קאָפּ. „דאָס מוז איך אַליין טאָן. לאָמיר

זיך אָפּשמועסן אויף אַ שעה אַרום, ט'זיין לייכטער". בעת־מעשה האָט אַ ציטער־ניש אים איינגענומען. די געלבע צעפּ האָבן זיך געהויבן אויף איר בוזעם. געלבע געקרייזלטע הערעלעך האָבן ווי אַ וואָלקע געציטערט אויף איר שטערן, ווי דינע פּאהלעך געפלויגן איבער די אויערן אונטער איר באַשליק. דאָס גאַנצע פּנים אירס האָט אויסגעזען צו שווימען, ווי עס וואָלט אָט באַלד געהאַלטן ביים פונאַנדערלאָזן זיך אין דער לופטן און נעלם ווערן.

ער האָט זיך געכאַפּט, אַז זי רעדט עפּעס צו אים, אַז זי פרעגט עפּעס. ער איז געווען צו צעשווידערט, צו פאַרשיכורט, צו פאַרנעמען אירע רייד. זי איז צוגעשטאַנען, אַז ער זאָל זי לאָזן אים באַגלייטן, יאָ, דאָס האָט ער באַנומען. האָט ער לסוף איינגעשטימט און געלאָזט זי וואַרטן אויף זיך פאַר יעדן טויער. אינעם גאַנג פון איין טויער צום אַנדערן, האָט ער געהערט ווי זי רעדט צעשוווּ־מענע רייד וואָס האָבן אים געדאַרפט איבערצייגן, אַז זי ווייסט וואָס ער טוט דאָ, אַז זי ווייסט וועגן „סאָצאַליזום" און „פּאַלעציוניזום". נאָר זי האָט אַזוי קאָמיש צעדרייט די ווערטער, איבערגעביטן די יוצרות! יעדער וואָרט אירס איז געווען אַ קנופּ איבער אַ זאַק מיט רעטענישן. וואָס האָט זי מיט זיך פאַרגעשטעלט? ווער איז זי געווען, די היינטיקע בינהלע, און אין וואָס האָט זי מיט אַזאַ אייפער געפּרוווט אים איבערצייגן? פאַר וואָס האָט זי אויסגעזען אַזוי פאַרלוירן און צעטומלט, אַזוי פריידיק־אויפגעהייטערט און דאָך איבערגעשראָקן? אַזוי שטאַרק און דאָך...

לסוף האָט ער זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט די פלוגבלעטלעך. זיי האָבן זיך גענומען פּאַמעלעך שאַרן פאַרויס איבער די גאַסן, געקויפט בייגל און געקייעט, גערעדט... און נישט דערהערט וואָס דער אַנדערער זאָגט... נישט פאַרשטאַנען. לאַנגע שטילקייטן זיינען געפאַלן צווישן זיי און ווען זיי האָבן זיך דערשראָקן, אַז די שטילקייט קאָן אַ מאָל מיינען, אַז זיי האָבן זיך מער נישט וואָס צו זאָגן, אַז זיי דאַרפן זיך פונאַנדערגיין — האָבן זיי ווייטער אָנגעהויבן צו שמועסן, מיט רייד וואָס האָבן זיך פאַרמיטן, זיך אומגעלומפּערט איבערגעשלאָגן, זיך נישט געקלעפּט.

בינהלע האָט נאָר געוווּסט איין זאַך: אַז זי האָט אים נישט געקאָנט לאָזן אַוועקגיין. זי האָט זיך נישט געטאָרט אָפּרייסן פון אים. דאָס קוקן אויף אים איז געווען אַ היילונג פאַר אַלעם צעווייטיקטן און קראַנקן אין איר. דאָס האַרץ האָט איר געהאַמערט ווי ביי אַ גזלן. זי האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט אָט דעם משונהדיקן נייעם מין פּחד: נישט צו פאַרלירן יעקבן. און דאָ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין אַ ראָג און איר דערלאַנגט די האַנט.

זי האָט אַ צאַפּל געטאָן. „ווו לויפסטע שוין?"

„כ'מוז אַוועקגיין", האָט ער פאַרלעגן געשמייכלט.

„נעם מיך מיט!" האָט זי אויסגערופן.

„כ'קאָן נישט".

„וואָס קאָנסטו עפּעס נישט? 'על עך דיר נאָכגיין!"

„בינהלע..."

קיינער האָט זי קיין מאָל נישט גערופן בינהלע מיט אַזאַ טאָן. איר נאָמען האָט אויף זיינע ליפּן געקלונגען ווי אַ געזאַנג. זי האָט גאָר קיין אַנונג נישט געהאַט, אַז זי האָט פאַרמאָגט אַזאַ פליסנדיקן, גלעטנדיקן נאָמען. זי האָט אויפגעכאַפּט די בענקעניש וואָס האָט זיך געמאָלן אויף זיין אויסגעבלייכטן, אומעטיקן פּנים, געלעגן באַהאַלטן טיף אין די פייכטלעכע האָניק־אויגן, וואָס האָבן איר געלעקט דאָס פּנים מיט אַ צענעמענדיקער צערטלעכקייט, געגלעט מיט זיי אירע באַקן, די ברעמען, די האָר. זי האָט גאָרנישט געקאָנט פאַרטראָגן אָט דעם בליק, נישט געקאָנט אַריינקוקן צו לאַנג אין דער טיף פון אָט די אויגן. זיי האָבן זי איינגעשלונגען, גורם געווען, אַז זי זאָל זיך פילן שוואַך אין גאַנצן לייב, אין די קני.

ער האָט אָפּגעלאָזט איר האַנט, געמאַכט אַ טראָט זיך אָפּצוקערן פון איר. זי האָט אים אָנגעכאַפּט פאַרן אָרעם.

„ד'ווייסט", האָט זי אַרויסגעפּליסטערט ווי זי וואָלט אים וועלן פאַרהאַלטן מיט די טרערן וואָס האָבן זיך אַ שטעל געטאָן אין אירע אויגן. „כ'האָב דאָ געהאַט אַ חברטאָרין. צפורה האָט זי געהייסן. זענען איר אַלע דריי קינדער געשטאָרבן אין שפּיטאָל און זי אַליין איז ווי אין וואַסער אַריין... אפשר זיך ס'לעבן גענומען..." האָט זי זיך צעכליפּעט.

ער איז געשטאַנען אַ טראָט פון איר — און זיך נישט דערנענטערט.

„כ'ווייס וואָס ד'פילסט..." האָט ער פון דעם אָפּשטאַנד געמורמלט. „איך האָב אויך פאַרלוירן אַ פריינד. יואלן דעם שמיד, פון באַטשאַני... האָסט אים געקענט, הע?" זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ. ער האָט צוגעקוקט ווי זי ווישט אָפּ דאָס פּנים מיטן אָרבל און האָט צוגעגעבן. „ס'ווערט שפּעט. כ'מוז לויפן. טאָמער זע איך דיך נישט מאָרגן, טאָ קום אויף דער נאַכט אין דער 'האַרפע', דו ווייסט וווּ די 'האַרפע' איז, האַ?" זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ.

ער האָט זיך אומגעקערט פון איר און אַוועקגעשפּרייזט.

אַ שאַרפער ווייטיק האָט זי אַדורכגענומען. ער איז געווען גלייכגילטיק צו איר צער. ער האָט געהאַט אַ מילד, שיין פּנים, אָבער אין דער אמתן איז ער געווען אַ קאַלטער גזלן. און אפשר איז ער שוין געווען אַ חתונה־געהאַטער, אפשר אַ טאַטע פון אַ פּאָר קינדער? אַ מאַכטיקע, אַן אומבאַקוועמע, אַ ביטערזיסע שיפלות האָט זי איינגענומען. זי האָט זיך ווידער אַ יאָג געטאָן נאָך אים, ווידער אים אָנגעכאַפּט פאַרן אָרבל.

„יעקב... יעקב..." האָט זי געסאָפּעט. „זאָג מיר בלויז איין זאַך. ד'לויפסט צו דיין כלה?"

ער האָט פֿאַרביסן די ליפּן. וואָס איז געווען דער כּוח וואָס האָט אים אָפּגע־האַלטן פֿון אַריינכאַפּן זי אין די אָרעמס און פֿאַרגעסן וועגן אַלץ? ער האָט געהאַט אַ פֿאַרלאַנג זיך אַראָפּצולאָזן אויף די קני פֿאַר איר. ער האָט געהאַט אַ פֿאַרלאַנג זיך אויסצושטרעקן איר צופֿוסנס, זי זאָל איבער אים אַריבערשפּרייזן. איר שיפֿלות האָט זיך געשפּיגלט אין זיין פּנים.

אַזוי האָט ער אַרויסגעפּרעפּלט: „כּ'לויף נישט צו קיין כּלה". ער האָט אָנ־געכאַפּט איר האַנט, זי אַ טרייסל געטאָן און אַנטלאָפֿן.

זי איז אים מער נישט נאָכגעלאָפֿן.

פֿאַמעלעך האָט זי אָוועקשפּאַצירט אין פֿאַרשנייטן קאַלע־גאָרטן, זיך באַגע־גענען מיטן שיינעם משהן. יאָ, נאָך דעם ווי זי איז געזונט געוואָרן און געבליבן אָן צפּורהן, האָט זי אים אויפֿגעזוכט. אויך ער איז קראַנק געוואָרן, ווען די שטאָט האָט נאָך געהערט צו די רוסן; זיך פֿאַרקילט בעת דער שמירה ביי די טעלעגראַ־פֿן־דראָטן און באַקומען אַ לונגען־אָנצינדונג. זיין לעבן האָט אויך וואָכן לאַנג געהימלט.

משה האָט זיך שטאַרק געביטן. ער האָט לגמרי אויפֿגעגעבן די פּאַטעטישע חנדלעך און געוואָרן אַן ערנצטער יונגער־מאַן, צו ערנצט אַפֿילו פֿאַר בינהלעס געשמאַק. ער האָט געלייענט ביכער און נישט אַדורכגעלאָזט קיין איין פֿאַרשטע־לונג אין טעאַטער. זיי האָבן געזען ערנצטע דראַמעס און פֿריילעכע קאָמעדיעס אין רעוויו־טעאַטער. נאָר טאָמער האָט זיך בינהלען פֿאַרגלוסט צו לאַכן גראָד ביי אַן ערנצטער דראַמע און וויינען ביי אַ קאָמעדיע, האָט משה זי געשטראָפֿט און געלערנט, אַז ביי אַן ערנצטער דראַמע טאָר מען נישט לאַכן, ווייל ס'איז נישט „קולטורעל", און אַז בעת אַ קאָמעדיע איז פּשוט אַרויסגעוואָרפֿן דאָס געלט — צו וויינען, אַפֿילו ווען מען איז אַריין אין טעאַטער בחינם, דאָס הייסט „נאַ־גאַפּע".

משה אַליין האָט זיך איצט אַרומגעטראָגן מיט צוויי ערנצטע אַמביציעס: צו ווערן אַ „מאַסן־רעדנער" ביי די „פּאַלעציון", און צו ווערן אַ פּראָפֿעסיאָנעלער אַרטיסט. ער האָט בינהלען מיטגענומען צו די אַרויסטריטן פֿון אַלע גרויסע רעדנערס וואָס זיינען אַראָפּגעקומען קיין לאָדזש, וואָס פֿון זיי האָט ער געוואָלט לערנען די קונסט פֿון רעדנעריי.

ווערדליק בינהלען זיינען משהס צוויי גרויסע אַמביציעס אייגנטלעך געווען איינע. זי האָט געזען וויפֿל אַקטיאָרישס די גרויסע רעדנערס האָבן פֿאַרמאָגט, ווי זיי וואַלטן זיך באַמיט מיט די דונערדיקע און פּאַטעטישע שטימעס נאָכצומאַכן די גרויסע אַרטיסטן פֿון טעאַטער. איר איז אויסגעקומען, אַז וואָס מער אַ רעדנער האָט זיך אויף דער סצענע אויפֿגעפֿירט ווי אַן אַקטיאָר פֿון אַן ערנצטער דראַמע, דאָס מער האָט ער געקלונגען ווי אַ לץ פֿון פֿריילעכן שונד־טעאַטער. דאָך האָט געטראָפֿן, אַז די גרויסע רעדנערס האָבן געמאַכט אויף איר פּונקט אַזאַ רושם ווי

די גרויסע דראַמאַטישע אַקטיאָרן, און זי האָט זיי שפּעטער אַ לאַנגע צייט נישט געקאָנט פאַרגעסן. דערפאַר האָט זי מיטגעחלומט מיטן שיינעם משהן זיינע חלומות.

דער שיינער משה האָט אַרומגעשפּאַצירט אין שניי פון קאַלט־גאָרטן און זי אויסגעקוקט. זי איז צוגעפאַלן צו אים, אַריינגעשטופּט אים דאָס פלוגבלעטל אין האַנט און גיך אַ זאָג געטאָן: „לייען מיר דאָס פאַמעלעך איבער".

ער האָט געוואָרפן אַ בליק אויפן פלוגבלעטל, עס גלייך פאַרקנייטשט אין אַ קנויל און אַריינגעוואָרפן אין רינשטאָק. „אונדז 'עט מען גיין מיט דער פאַלע־ציון אויף דער דעמאָנסטראַציע".

„ס'דען... מיט דער פאַלעציון", האָט זי באַשטעטיקט.

זי האָט נישט געגעבן קיין געלעכערטן צווייער פאַר קיינעמס דעמאָנ־סטראַציעס. ביי איר זיינען דעמאָנסטראַציעס, ווי אַ מאָל, געווען ווי אַ סאָרט פּראָ־צעסיעס, וואָס האָבן זיך וויניק וואָס אונטערשיידט פון די גוייִשע פּראָצעסיעס אין די זונטיקס, אין קאָשטשאָל אַריין. נאָר אַנשטאָט צו טראָגן הייליקע פענער און יוזלען, מיט דער מאַטקע־באָסקע, האָט מען אויף די דעמאָנסטראַציעס גע־טראָגן רויטע פענער, גרויסע בילדער פון די „מאָסן־רעדנער" מיט די טויט־ערנצטע פּנימער. נאָר איין זאַך האָט זי געמוזט איבערפרעגן דעם שיינעם משהן.

„זאָג, ד'ווייסט וואָס די ,האַרפע' איז?"

משה האָט זי פאַרשנדיק אָנגעקוקט: „ס'ט געטראָפן עמעצן פון דער ,האַרפע', הע?"

„און אַז כ'האָב?"

„ס'טע אים געקאָנט פרעגן וואָס די ,האַרפע' איז".

„'על עך אים טאָקע פרעגן!"

דאָס פלעמל פון חשד האָט זיך שטאַרקער צעצונדן אין משהס אויגן. זינט זי, בינהלע, איז פון אים נעלם געוואָרן אַזוי פּלוצעם, האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט אַזעלכע חשדים אויף איר. ער האָט נישט געקאָנט באַנעמען דאָס רעטע־נישפּולע אין איר אויפפירונג, אין אירע שטימונגען, און נישט געוווּסט ווי אַזוי זיך זיי אויסצוטייטשן. און הגם ער האָט געוווּסט, אַז זיינע חשדים זיינען אומזיניק, האָט ער זיך געלאָזט פון זיי פאַרפירן אין אַ פלאָנטער פון פחד־שטימונגען. וואָס מער ער האָט זיך געפילט צוגעבונדן צו איר, וואָס שטאַרקער ער האָט געוואָלט מיט איר חתונה האָבן, דאָס אומזיכערער איז ער געוואָרן אין זיין באַנעמען זיך מיט איר. האָט ער זי אַצינד אָנגעקוקט מיט אַ קרומען פאַרדעכטיקן שמייכל, וואָס איז אויסגעקומען נאָך קרומער, ווייל ער האָט אים געוואָלט באַהאַלטן. ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין בינהלען האָט ער קיין גוטער אַקטיאָר נישט געקאָנט זיין; יאָ, וואָס שטאַרקער עס איז אים עפּעס אָנגעגאַנגען, דאָס ערגער האָט ער געשפּילט. אָפּט האָט ער געטראַכט, אַז ער האָט זיך אפשר געדאַרפט לערנען אָט די קונסט פון איר, פון בינהלען.

ער האָט זיך צוגעבויגן צו איר און אַ פרעג געטאָן: „שפּילסט נישט אַ מאָל די קאָמעדיע מיט מיר?"

„וואָסערא קאָמעדיע?" איז זי אויפגערעגט געוואָרן, ווי געוויינטלעך ווען ער איז אַרויסגעקומען מיט די ווילדסטע, משונהדיקסטע חשדים, ווי אַ פאַר־נאַרטער. „אפשר ווילסטע צוריק דאָס רינגל?"

„כ'וויל נישט צוריק דאָס רינגל. אָבער זאָגן האָסטע מיר געמעגט".

„זאָגן וואָס?"

„אַז... אַז ד'ווילסט דיך פאַרשרייבן אין דער ,האַרפע'. איך האָב דיר באַלד געזאָגט, אַז כ'געהער צו דער פּאַלעציון. צווישן חתן־כלה דאַרפט נישט זיין קיין שום קאָנספּיראַציע, קיין שום סודות, ווייל מאַן און ווייב זענען איין לייב?"

„מ'איז נאָך נישט מאַן און ווייב".

„אָבער מ'עט דאָך זיין, נישט אַזוי? הע, נישט אַזוי?"

„אוודאי אַזוי".

„נו, האַלטסטע נישט, אַז צווישן מאַן און ווייב דאַרפן נישט זיין קיין סודות?"

„אוודאי..." האָט זי געענטפערט און ער איז נישט געווען זיכער, צי זי האָט געמיינט אוודאי יאָ, צי אוודאי ניין. „טאָ וואָס מאַכסטע אַזאַ סוד וועגן דער ,האַרפע'? קענסט מיר נישט זאָגן גלייך, אַז כ'פרעג דיך?"

„ד'ווייסט טאַקע נישט?"

„משה!" האָט זי אויסגערופן, אויסער זיך. זי האָט היינט נישט געהאַט קיין סך געדולד צו אים.

„דער בונדישער קלוב הייסט 'די האַרפע'. אַז כ'על דיך אַהיימפירן, 'על עך דיר ווייזן ס'הויז. איך שטער דיר נישט צו געהערן ווו ד'ווילסט. נאָר זאָלסט זיין ערלעך מיט מיר, וויל עך. און אַז ד'ווילסט וויסן, זענען זיי, די בונדאָווצעס, נישט בעסער פון די באָלשעוויקעס".

דעם אָוונט האָט משה זייער אַ סך גערעדט וועגן ציוניזם און ארץ־ישראל. בינהלע האָט געטראַכט וועגן יונהן סוואַלאַטש, וועלכער איז גענומען געוואָרן אין מיליטער ביי די רוסן, ווי די געוועזענע חברטעס פון דער פאַבריק האָבן איר דערציילט; זינט דעמאָלט איז ער פאַרפאַלן געוואָרן און זי איז געווען זיכער, אַז ער איז געווען אין ארץ־ישראל. איז איר איינגעפאַלן, אַז ס'וואָלט נישט קרום געווען, אַז משה זאָל אויך זיך אַריבערפעקלען אַהין — וואָלט זי געהאַט קאָפּ־מנוחה.

משה האָט אַריינגעבראַקט אַ סך אויסלענדישע ווערטער אין זיינע רייד, און האָט געהאַלטן אין איין איבערחזרן „לעוויצאַ" און „פּראַוויצאַ". אָבער ווען ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן וועגן חלוצים־לעבן, האָט איר יאָ עפּעס אַ נאָג געטאָן אין האַרצן. אַזאַ מין לעבן האָט איר דערמאָנט אָן אַלעם שיינעם פון באַטשאַני;

אַ באַטשאַני ווו זי וואָלט נישט געווען הונגעריק און נישט עלנט. — און זי וואָלט זיך אפשר געלאָזט איבעררעדן פון משהן און וואָלט זיך אויך פאַרשריבן אין דער „פּאַלעציון", סוף־כּל־סוף איז ער דאָך געווען איר חתן, דער נאָענטסטער מענטש וואָס זי האָט פאַרמאָגט אויף דער וועלט, און זי האָט געוווּסט ווי דאָס אָפּצושאַצן — ווען איר וואָלטן זיך נישט צעשפּילט קיין האַרפּעס אין קאָפּ.

משה האָט זי אַרומגענומען און אַריינגעשלעפּט אין אַ טויער אַ פּולן מיט בלאָטע. ער האָט זי געקושט אין מויל, אין די אויגן, געגלעט אירע האָר. „איך האָב דיך ליב, בינהלע", האָט ער געשעפּטשעט. „וואָס ד'זאָלסט נישט טאָן, צו וואָס פאַר אַ פּאַרטיי ד'זאָלסט נישט געהערן, האָב עך דיך ליב".

זי האָט שוין געוואָלט אַרויספּלאַצן און אים זאָגן, אַז אייגנטלעך ווייסט זי נישט וואָס ליבע איז; אַז זי האָט קיינעם נישט ליב און אַז זי ווייסט אַפילו נישט ווען זי וועט זיך דאָס אויסלערנען, פּונקט ווי זי האָט נישט געוווּסט ווען זי וועט זיך אויסלערנען אַ סך אַנדערע זאַכן. אָבער צו איר איבעררשאַשונג און צו זיינער — זיינען איר די אויגן פול געוואָרן. דאָס האָט משהן געמאַכט נאָך ראָמאַנטישער, דאָס האָט אים פאַרזיכערט אין אירע געפילן פאַר אים. און וואָס צערטלעכער ער איז געוואָרן, דאָס שולדיקער האָט זי זיך גענומען פילן לגבי אים.

זי האָט דערקלערט משהן, אַז זי וועט נישט קומען אויף דער דעמאָנסטראַציע, אַז זי האַלט נישט פון קיין דעמאָנסטראַציעס, ווי ער ווייסט. און זי איז אויף מאָרגן אַוועק אויף דער פּראָמענאַדע ווו דער בונדישער צוג האָט זיך פאַרמירט. זי האָט זיך געשטופּט דורכן המון, גענישטערט צווישן די פּנימער — ביז זי האָט געפונען יעקבן. זיין פּנים האָט אויפגעלויכטן און זיך צעפלאַמט, ווען ער האָט זי דערזען.

„בינהלע..." האָט ער אַרויסגעזונגען איר נאָמען מיט אַזאַ ליבלעכקייט, אַז ס'האָט איר אַזש פאַרקלעמט ביים האַרצן. „קום", האָט ער אַ וויג געטאָן מיטן קאָפּ. „מאַרשיר מיט מיר".

איר האַרץ האָט געהאַמערט ווי אַ פּויק. דער שיינער משה האָט מאַרשירט אין צוג פון דער „פּועלי־ציון" — און זי האָט דאָ מאַרשירט לעבן יעקבן. יאָ, זינט נעכטן, זינט זי האָט יעקבן דערזען, האָט זי מאַרשירט לעבן אים. זי האָט טאַקע געוואָלט, אַז ער זאָל זי אַנטעמען פאַרן אָרעם און נישט לאָזן זי אַנטלויפן, נישט לאָזן צוריקאיילן צו משהן. זי האָט מיט קינאה געקוקט אויף די בחורים און מיידלעך וואָס האָבן אָרום איר מאַרשירט אין געשלאָסענע רייען, אָרעם אין אָרעם. אָבער יעקב האָט אַ צעשטראַלטער, מיט אַ פאַררויסענעם קאָפּ, מאַרשירט אין אַ קליינעם אָפּשטאַנד פון איר; געשטעלט פעסטע טריט אויפן אייזיק־בלאָטעדיקן ברוק און באַוועגט מיט די הענט צום טאַקט פון מאַרשליד, וואָס דער אָרקעסטער האָט געשפּילט און דער המון האָט באַגלייט מיט געזאַנג.

האָט זי אויך גענומען מאַרשירן ווי ער, און איר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס שפּרייזן זיי ביידע אויפן ברייטן טאַפּאָליע־וועג... אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן פון צעזונגענע, מונטערע באַגלייטערס.

קיין מאָל אין לעבן האָט זי זיך נישט געפונען אין אַזאַ ים מיט מענטשן, וואָס האָבן זיך אַלע באַוועגט ווי איין גוף; אַלע געהאַט דעם זעלבן שוווּנג, די זעלבע התפעלות. אַרבעטערס זיינען דאָס געווען. און זי איז געווען איינע פון זיי. אַט אַזוי מאַרשירנדיק, מיטן בוזעם פאָרויס, דער טראָט לייכט און ריטמיש, די הענט לויז און פריי, איז איר מיט אַ מאָל קלאָר געוואָרן אַט דאָס אַלץ וואָס דער שיינער משה און אַזוי פיל חברטעס אין דער פאַבריק און אין וואַרשטאַט — און אַפילו צפורה — האָבן אויף אַזאַ פאַרוויקלטן אופן איר געפּרוווט אויפקלערן. זי, בינהלע, האָט געהערט אַהער, צוזאַמען מיט אַט די אַלע אויסגעבלייכטע, אָפּגעשליסענע פּרויען און מענער, וואָס האָבן היינט אויסגעזען אַזוי שטאַרק און אַזוי יום־טובדיק אויסגעצירט. דער עיקר האָט זי געהערט אַהער — צוזאַמען מיט יעקבן. די אַלע אַרום זיי — זיינען געווען אירע אמתע שוועסטער און ברידער, פּונקט ווי צפורה איז איר געווען נענטער ווי אַ לייבלעכע שוועסטער; און צפורהן האָט זי אַט דאָ געפילט לעבן זיך. ווייל אַט די מאַרשירערס דאָ האָבן געוואָלט דערגרייכן נאָר דאָס גוטע, דאָס פיינע פאַר יעדן איינעם. אמת, עס האָט זיך איר, בינהלען, נישט געלייגט אויפן שׂכל ווי אַזוי זיי האָבן דאָס אַלץ געוואָלט דער־גרייכן, אָבער מיט זיי איז געווען איר אָרט. זיי זיינען געווען איר משפחה. זי האָט קלאָר געפילט ווי איר פרייד פון גיין לעבן יעקבן וואָלט וויברירט דורך די רייען. דאָס האָבן זיך די אַלע טויזנטער געפרייט צוזאַמען מיט איר.

זי האָט פון דער זייט געהאַלטן די אויגן אויף יעקבן און האָט גערעדט צו זיך אין דער שטיל, אין האַרצן: „קיין מאָל האָב איך נישט געהאַט קיין היים. אַצינדער ׳עט מיין היים זיין ׳די האַרפּע׳. אויב ער, דער פּראַקטיקער, וואָס גייט דאָ לעבן מיר, געהערט דאָרט, איז דאָרטן דאָס אָרט פאַר מיר. און משה? דער שיינער משה וואָס האָט מיך אַזוי ליב און איך ווייס נישט ווי אים צוריקצושענ־קען... דאָס אַלץ וואָס ער גיט מיר פון זיך... די ליבע. וואָס ט׳זיין מיט אים?״

אירע אויגן זיינען פול געוואָרן, הגם זי האָט זיך גראָד געפילט אַזוי שטאַרק. זינט זי האָט נעכטן באַגעגנט יעקבן, האָט זיך איר כסדר געגלוסט צו וויינען. און איצט, אַז די גאַנצע מענטשן־מאַסע האָט זיך אַ צעזינג געטאָן, צוזאַמען מיט יעקבן: „אין זאַלציקן ים פון מענטשלעכע טרערן...״ האָט זי זיך אַזוי צעכליפּעט, אַז זי האָט קוים געזען ווו אַ פוס צו שטעלן.

יעקב האָט זי אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט און זי אָנגעקוקט מיט ברייט צעחי־דושטע אויגן: „וואָס וויינסטע עפּעס, בינהלע?״

„ווייל... ווייל...״ האָט זי געשטאַמלט. „ווייל ס׳איז מיר גוט״.

2

ווען יעקב האָט צום ערשטן מאָל מיטגענומען בינהלען אין דער „האַרפּע", זיינען די צימערן געווען פול געפּאַקט. אין גרויסן זאַל פון קלוב איז געשטאַנען אַן עולם קאָפּ אויף קאָפּ. פון רוסלאַנד זיינען אָנגעקומען דערפרייענדיקע ידיעות. דאָס רוסישע פאָלק האָט אויפגעברויזט. אין דייטשלאַנד האָט זיך אויך גערו־דערט. דער דערדריקטער און דערשלאָגענער מענטש, דער אַרבעטער, דער פּויער, דער סאָלדאַט האָבן מער נישט געוואָלט טראָגן די קייטן פון זייער גורל. דער יאָך אויף זייער קאַרק האָט געטרעשטשעט מיט דונערדיקע וואַרענונגען.

אַ מענטשל אין אַ פּאָר דינע גלעזער פאַרהאָנגען איבער די אויערן מיט אַ שטריקל פון איין זייט און אַ דרעטל פון דער אַנדערער, האָט שפּאַצירט אַהין און אַהער איבער דער פּלאַטפאָרמע, אַזוי נאָענט צו דעם ברעג, אַז ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער וועט זיך פאַררעדן און אַראָפּפאַלן אין זאַל. ער האָט געהויבן די פויסטן, אַזוי געוואָרפן מיט זיין הויכער גרויער טשופּרינע, אַז זי האָט זיך אויס אַ שטעל געטאָן דובאָם. זיין קול, וואָס האָט אין אָנהייב געקלונגען ווי אַ גלאָק, איז געוואָרן וואָס אַ מאָל הייזעריקער. אָבער וואָס הייזעריקער ער איז געוואָרן, דאָס מער איז דער עולם צוהערערס מיטגעריסן געוואָרן מיטן פייער פון זיין התלהבות.

„דאָס איז לייבל הויקער", האָט יעקב דערקלערט בינהלען מיט אַ פּליסטער.

„ער'ט מיך אויסגעלערנט ס'וועבערפאַך און מיך געמאַכט פאַר אַ בונדיסט".

„אַזאַ געלערנטער מאַסן־רעדנער, און ער איז אַ וועבער?" האָט בינהלע זיך געוווּנדערט.

„ער'ט זיך אַליין געלערנט, אין די נעכט", האָט יעקב איר איינגערוימט. „דאָס וואָס מען לערנט אַליין, קאָן מען בעסער ווי דאָס וואָס מען לערנט מיט אַ רבין".

ווען זיי זיינען אַראָפּ אין גאַס נאָכן מיטינג, האָט בינהלע אויפריכטיק מודה געווען פאַר יעקבן: „ד'ווייסט וואָס כ'על דיר זאָגן? איך גלייב נישט אין דער... דער רעוואָלוציע, וואָס ענק אַלע גלייבן. כ'מיין, קומען צו דעם איז טאַקע שוין באַלד געקומען. אָבער אַז דאָס זאָל עפּעס אַנדערש מאַכן די וועלט גלייב עך נישט".

ער האָט זי באַטראַכט מיט אַ פּאָר ערנצטע אויגן. „פאַר וואָס?"

„פאַר דערפאַר. ווייל אַזוי איז איינגעשטעלט די וועלט. גאָט האָט ליב דעם אָרעמאַן און העלפט דעם גביר. אַ מזל־זאַך. מיין צפורה פלעגט זאָגן: 'איינער האָט נישט קיין אַפּעטיט צום עסן און אַ צווייטער האָט נישט קיין עסן צום אַפּעטיט'".

„דו מיינסט, אַז איין מענטש איז געבוירן צו זיין רייך און דער אַנדערער צו זיין אָרעם?" האָט יעקב מיט פאַרדראָס אַ פרעג געטאָן. „ניין, נאַקעט קומט יעדער אַרויס פון דער מאַמעס בויך, און יעדן קומט אַ גלייכער חלק פון אַלע

גוטע, ווילע זאַכן וואָס זענען דאָ אויף דער וועלט. אַנדערש איז נישטאָ קיין זינען אין גאָרנישט".

„אָבער די... די מאַסן. ז'זענען טאָקע ברידער און שוועסטער ווען ז'גייען אויף דעמאָנסטראַציעס און ז'לײדן פון נויט. און ז'עלן מאַכן אַ רעוואָלוציע פונקט ווי דער מאַסן־רעדנער אין דער ,האַרפּע' האָט געזאָגט, און מ'עט זיך אַפילו לאָזן הרגענען פאַרן סאָציאַליזום. אָבער אַז די רעוואָלוציע 'עט געווינען און אַלע 'עלן קענען צוקומען צו דער שיסל, 'עט סיי ווי דער שטאַרקער אַוועקשטופּן דעם שוואַכערן, און ס'עלן זיך מאַכן נייע רייכע און נייע אָרעמע. אַזוי איז די וועלט געמאַכט. יעדער האָט ליב זיך אַליין אָן עצה צו געבן און מזל דאַרפט מען האָבן, נאָר מזל. אַז דו האָסט אַ מאַמען, איז דאָס דיין דאָברע מזל. און אַז איך האָב אין גאַנצן נישט געהאַט קיין מאַמען, איז דאָס מיין ביטער מזל".

„און אפשר האָסטע נישט קיין מאַמען, ווייל דיין טאַטע האָט נישט גערופן קיין דאָקטער צו איר, אפשר האָט מען זי געקאָנט ראַטעווען?" האָט יעקב שטיל זיך אָפּגערופן. „אָבער כ'על נישט זאָגן... ס'זענען דאָ זאַכן וואָס דער מענטש האָט נישט קיין שליטה איבער זיי. ס'זענען אָבער אויך דאָ זאַכן וואָס דער מענטש איז יאָ בכוח צו בייטן... אַפילו אויב אים דאַכט זיך בלויז... מוז ער כאָטש פּרווון... בייטן אַפילו זיך אַליין. דאָס וואָס ד'זאָגסט, אַז יעדער איז עגאָיסטיש... אָבער דער מענטש מוז דאָך איינזען, אַז דאָס רישעות און דער אומיושר ברענגען אים אַליין אום, אַז נישט 'עט דאָך קיין מאָל נישט נעמען קיין סוף צו מלחמות, צו רעוואָלוציעס, צו מאָרדן. און דער מענטש האָט דאָך... האָט דאָך... גוטס־קייט אויך. ער פילט זיך בעסער ווען ער איז גוט. אַפילו ווען ער איז שלעכט, וויל ער זיין גוט. אַזוי לאַנג איז די וועלט געשטאַנען אויף יסודות פון שינאה... אפשר איז צייט זי אַוועקצושטעלן אויף די יסודות פון ליבשאַפט... יאָ", יעקב האָט דערפילט ווי ער ווערט פאַררייטלט ביים אַרויסזאָגן דאָס וואָרט „ליבשאַפט" און האָט גיך פאַרקירעוועט מיט די רייד. „ווען משה רבנו האָט אויפגעהויבן די האַנט איבערן רויטן ים, אַזוי דערציילט אַ מדרש, האָט זיך דער ים נישט געוואָלט שפּאַלטן אַדורכצולאָזן די ייִדן. ערשט ווען איינער פון די בני־ישראל איז אַריינגעשפּרונגען אין רויטן ים, איז דער נס געשען, און דער ים האָט זיך געשפּאָלטן. אונדז מוז מען זיין די ערשטע, פאַרשטייסט, זיך צו וואַרפן אין רויטן ים..."

בינהלע און יעקב האָבן שפּאַצירט און שפּאַצירט. יעקב האָט געמאַכט אַ טומל אין בינהלעס קאָפּ. אוודאי האָט דאָס וואָס ער האָט געזאָגט אויסגעזען צו זיין אוממעגלעך, אומשׂכלדיק. דאָך האָט זי געוואָלט, שטאַרק געוואָלט גלייבן, אַז דאָס אוממעגלעכע און אומשׂכלדיקע קאָן געשען. זי האָט גענומען טראַכטן, אַז צפורה און אירע קינדער האָבן אפשר נישט געמוזט גיין פון דער וועלט,

און איר מאַמע טאָקע אויך נישט. און אַז טאָן עפּעס צוזאַמען מיט די „שוועסטער און ברידער" האָט אפשר יאָ געלוינט, טאָמער דאָך...

„דו שטעלסט מיר איבער דאָס מעבל אין קאָפּ", האָט זי זיך צו אים אָפּגע־רופן און נערוועז געפלאָכטן און איבערגעפלאָכטן דאָס צעפּל אויף איר בוזעם. אין זיך האָט זי צוגעגעבן: „און דאָס מעבל אין מיין האַרץ..." ווייל בעת־מעשׂה, ווי זיי האָבן געשמועסט וועגן אָט די „פּאַרטייִישע" זאַכן, איז כּסדר אָנגעגאַנ־גען אַן אַנדערער, פאַרבאַרגענער שמועס צווישן זיי... עפּעס אומדערקלערלעכס, וואָס זי האָט אַזוי בולט געפילט אין יעדן טראָט וואָס זיי האָבן צוזאַמען געשטעלט.

דער שוואַרץ־געקלײדטער לאָמפּן־צינדער האָט זיך באַוויזן אין גאַס און אָנגעצונדן די גאַזלאָמפּן איינעם נאָכן אַנדערן מיט אַ לאַנגן האַקעוואַטן דראָנג, וואָס האָט אויסגעזען ווי דער דראָנג וואָס די פּייער־לעשערס אין באַטשאַני האָבן געהאַלטן צום ראַטעווען די בושלען אויף די דעכער. אין דעם געלב־גרינעם ליכט פון די גאַזלאָמפּן האָט די גאַס גענומען אויסקוקן ווי אַ טיפער, לאַנגער קאָרי־דאָר, אַ טונעל מיט בלייך־צעפּינטלטע ליכטער, אין וועלכן זיי ביידע, בינהלע און יעקב, האָבן אַריינגעשפּרייזט. יעקבס פּנים האָט אין דער טונקל אויך אויס־געזען ווי אַ צעלויכטענער לאָמפּ, וואָס פון זיין שיין איז דער טונעל געוואָרן וואָס אַ מאָל ליכטיקער פאַר איר, פאַר בינהלען. און וואָס ליכטיקער עס איז אין איר געוואָרן — דאָס מער האָט זי געפילט ווי טרערן שפּאַרן זיך צו אירע אויגן און ס'האָט זיך איר געגלוסט צו וויינען.

ווען יעקב האָט זי אָפּגעזעגנט פאַרן הויז ווו איר בוידעמשטיבל האָט זיך געפונען, איז שוין געווען שפּעט ביי נאַכט. הגם די נאַכט איז געווען אַ פּע־ברוּאַרדיקע, האָט יעקבן זיך אויסגעדאַכט, אַז ער פילט די ריחות פון די בלומען אין די נאַנעס גאָרטן אין באַטשאַני.

יעקב האָט צוגעזאָגט בינהלען, זי צו נעמען אין קאָנסטאַנטינער וואַלד וואָס האָט זיך געפונען הינטער דער שטאָט. אַ וואַלד אַ סאַסנאָווער, אַ סודותדיק־שטרענגער — נישט ווי דאָס ליכטיקע, צעפּליסטערטע בעריאָזע־וועלדל פון באַ־טשאַני, ווו יאַגדעס און יעזשינעס זיינען זומערצייט אומעטום געוואַקסן. דאָ איז די ערד געווען טרוקן, פול מיט ברוינע נאָדלען, וואָס האָבן געקנאַקט אונטער יעדן טראָט ווי טרוקענע ביינער פון סקעלעטן. אַוודאי האָבן זיך דאָ אויך גע־פונען יאַגדע־קוויטלעך, פּאַזעמקעס און יעזשינעס, אָבער זיי האָבן נישט פאַר־מאָגט דעם טעם וואָס אין באַטשאַני.

געקומען איז מען אין דעם וואַלד דורך דער לאַנגער קאָנסטאַנטינער־גאַס, ווו ס'האָט געלויערט די סכּנה, אַז מען זאָל באַפאַלן ווערן פון שיכּורים און גנבים. דאָס אַליין האָט אָנגעפילט בינהלעס האַרץ מיט אַ מרה־שחורה, נאָך איידער זי האָט גענומען שפּאַצירן אין וואַלד גופא.

דאָך, די לאַדזשער ייִדן האָבן זיך מחיה געווען מיט דעם וואַלד. ס'איז געווען אַ גאַר שיינער, וואַרעמער טאָג אַנהייב מאַרץ. אומעטום האָבן שפּאַצירט גרופּעס יונגע־לייט און מיידלעך; מען האָט זיך איבערגעקלאַפּט, ווי מיט פּילקעלעך, מיט גרויסע נעמען: פון היינע, טאָלסטאָי, ניטשע, דאָסטאָיעווסקי, מאַרקס און ענגעלס; מיט נעמען פון די גיגאַנטישע ווערק וואָס אָט די ריזן האָבן געשאַפן. מען האָט רעציטירט פון אויסווייניק שטיקער פּאָעזיע; מען האָט פּאַראַדירט מיט די ביכער, וואָס יעדער האָט געהאַלטן אונטערן אָרעם, וואָס דיקער דער באַנד, דאָס בעסער. און אַזוי איז מען געווען פאַרנומען מיטן אײַנציק־ווערדיקן אופן פון פירן אַ פלירט אין די היינטיקע קולטורעלע צייטן, בפרט אויף דער שויס פון דער נאַטור, אין דערוואַכטן קאָנסטאַנטינער וואַלד.

געווען אויך איינצלנע ראָמאַנטישע פּאָרלעך, וועלכע האָבן שוין געהאַט די גיגאַנטישע נעמען פון די גייסטיקע ריזן און זייערע ווערק הינטער זיך: האָבן שוין אַפילו ביי דער רעציטאַציע פון פּאָעזיע נישט געהאַלטן, און האָבן ליבערשט געוואָלט זיין אַליין. געווען אויך גרופּעס יונגע־לייט און מיידלעך, וועלכע זיינען נישט געקומען אַהער פאַרלירן קיין צייט. מען איז געזעסן אויף בוימסטעקעס צי אויף דער גאָלער ערד, ערנצט געלערנט אַזאַ צי אַן אַנדער וויסנשאַפט; צי עמעץ, אָנגעשפּאַרט אָן אַ בוים, האָט פאָרגעלייענט די נייסטע שאַפונגען פון שלום אַש, אַברהם רייזענען, דוד איינהאָרן; צי געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן דער נייסטער ייִדישער ליטעראַטור; צי חברה האָט זיך פאַרצויגן מיט אַ ליד, אָן אַלטס צי אַ נייס.

געווען דאָ אויך גאַנצע משפּחות מיט קינדער אין צעפלויגענע טלית־קטנדלעך, מיט ייִדענעס וואָס האָבן זיך געפּאָרעט ביי פּעק מיטן עסן, ביי די פלעשער מיט וואַסער צום טרינקען. קראַנקע זיינען געזעסן אויף אויסלייג־שטולן און געשעפּט לופט, פרומע זקנים זיינען געזעסן אויף נידעריקע בענקלעך מיט צעעפנטע ספרים אויף די קניִען. צווישן די ביימער האָט מען געדאַוונט מינחה.

בינהלע און יעקב האָבן געוואַנדערט צווישן די ביימער, געלאָזט אַ מחיצה פון צווייגן, פון נאָך־נאַקעטע קוסטעס צווישן זיך. אין בינהלען האָט אַ מאָדנער באַדויער... אַ מין צער געוואָרקעט. איר האָט זיך גאַר שטאַרק פאַרבענקט קיין באַטשאַני. זינט זי איז אַנטלאָפן קיין לאָדזש איז זי נאָך קיין איין מאָל נישט געווען אין דער היים. איז זי צוגעשטאַנען צו יעקבן, אַז ער זאָל איר דערציילן ווי דאָרט זעט אויס, וואָס עס טוט דער און יענער; וואָס ער האָט דאָרט געזען און געהערט.

אָבער יעקב איז היינט געווען צוריקגעהאַלטן, שווייגעוודיק — און אַז ער האָט אָנגעהויבן רעדן, האָט ער זיך גענומען איר דערציילן וועגן אָט דעם קאָנס־טאַנטינער וואַלד, אַז דאָ זיינען פאָרגעקומען די ערשטע אומלעגאַלע פאַרזאַמלונ־גען פון „בונד", אַז דאָ האָט מען אין יאָר ניינצן הונדערט פינף דערשאָסן

אַרבעטערס וואָס האָבן געקעמפֿט אויף די באַריקאַדן, וועלכע מען האָט אויפֿגעשטעלט פֿון איבערגעקערטע טראַמווייען, פֿון אַרויסגעריסענע טויערן, פֿון איבערגעקערטע לאַמטערנעס. אַז מען האָט איינגעאָרדנט די לוויות פֿון די קרבנות, זיינען די קאָזאַקן געקומען און באַפֿאַלן די לוויה־צוגן, און מען האָט ווידער אַהערגעבראַכט די „שולדיקע", אין אָט דעם וואַלד, צום דערשיסן — צווישן די טונקעלע, טרויע־ריקע סאָסנעס. איז בינהלען נאָך סקוטשנער געוואָרן פֿון יעקבס רייד.

האָט זי אים, אָט סתּם אַ פֿרעג געטאָן: „און דו... ד׳וואָלסט טאַקע אויף אַן אמת דיך געגאַנגען שלאָגן אויף אַ באַריקאַדע און זיך געלאָזט אַוועקהרגענען?"

ער האָט איר געענטפֿערט מיט אַן אומזיכער קול: „אויף אַ באַריקאַדע וואָלט איך געגאַנגען... וואָס שייך הרגענען, צי לאָזן מיך אַוועקהרגענען... אַזוי גוט קען איך מיך אַליין נישט, צו וויסן... אָבער אין פֿייער פֿון קאַמף הערט מען זיך אויף צו שטעלן די אַלע שאלות, מיין איך".

זי האָט נישט געהאַט קיין ברעקל הנאה פֿון דעם שפּאַציר. יעדער מאָל ווען עס איז צווישן איר און יעקבן נישט געווען קיין קוסט, צי אַ בוים, און ער איז אויסגעקומען נישט מער ווי אַ טראָט דערווייטערט פֿון איר, האָט דאָס האַרץ אין איר בוזעם אָנגעהויבן צו קלאַפּן אַזוי שטאַרק, אַז ס׳האָט אַזש וויי געטאָן. און ווען זי האָט אַזוי פֿון דער נאָענט אויפֿגעכאַפּט דעם בליק פֿון זיינע סאַמעט־וואַרעמע אויגן, פֿייכטע, גלעטנדיקע און היינט עפּעס מאָדנע פֿאַרשאַטנטע, האָט זי געפֿילט ווי זי דערטרינקט זיך אין זייער אומעטיקער בענקעניש. זי איז אין כּעס געווען אויף זיך. „וואָס איז דאָס מיט מיר? ווייניק געהאַט צו טאָן מיט מאַנספּאַרשוינען האָב איך?" האָט זי זיך געשטראָפֿט. „כ׳האָב דאָך זיי אַלע פֿיינט... אַלע... אחוץ דעם שיינעם משהן..."

זי האָט זיך נישט געקאָנט מוחל זיין וואָס יעקבס רייד האָבן איר געקלונגען שענער ווי דעם שיינעם משהס, אַפֿילו ווען יעקב האָט גערעדט וועגן זאַכן וואָס זי האָט וועגן זיי נישט געהאַט קיין חשק צו הערן. דער שיינער משה האָט געהאַט גרויסע פֿעיִקייטן, אַלע מעגלעכקייטן צו ווערן אַ „מאַסן־רעדנער". ער האָט געהאַט אַ גלאַטיקע צונג, אַ טעאַטראַליש־פֿליסנדיק קול, און וואָס ער האָט געזאָגט איז געווען „לייכט צו פֿאַרדייען", אַפֿילו מיט די שווערע ווערטער. — יעקב האָט גערעדט מיט לאַנגע שטילקייטן צווישן די ווערטער. די ווערטער אַליין האָבן ווי געפֿלאַטערט אין דער לופֿטן, אומזיכער, ציטערדיק. דאָך האָבן זיי זיך איינגעבויערט אין מוח און אין האַרצן. אָפֿט מאָל האָט זי אויפֿגעהערט צו פֿאַרשטיין וואָס ער זאָגט. זי האָט געהערט און זיך נישט צוגעהערט. בלויז די פֿיינלעכע זיסקייט אין יעדער קלאַנג האָט זי פֿאַרנומען, צו גלייך מיט דעם באַהאַלטענעם, ליכטיקן, וואָס האָט אַרויסגעשטראָמט פֿון אים און אַריינגערונען אין אירע גלידער.

ביז זי האָט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט אויפֿגעהערט צו רעדן וועגן די קאַלטע

פרעמדע ענינים, וואָס האָבן געהאַט אַזוי ווייניק שייכות צו דעם וואָס האָט זיך אָפּגעטאָן צווישן זייביידן. אַצינד האָט יעקב יאָ געגומען אויפמישן זכרונות. ער האָט זי דערמאָנט דעם אָוונט ווען ער האָט זי צום ערשטן מאָל אַהיימגעפירט פון בלויען באַרג. זי האָט דעמאָלט שטאַרק געוויינט. דאָ האָט ער גאָר פאַרשאַרצט די ברעמען און זיך אויסגעלייטערט.

„ד׳וויסט כאָטש וואָס דיין נאָמען ‚בינה׳ באַטייט?" ער האָט זיך ברייט צעשמייכלט. „די דריטע ספירה ביסטע... ווייסנדיק־שפּעדיק ביסטע... קלוג ווי די מאַמע־ערד".

אָט די אומגעריכטע רייד האָבן זי אויך אויפגעהייטערט. „פאַרשטייסטע שוין פאַר וואָס עך בין אַזאַ מעשׂה־בהמה!"

איר אָפּחוזקן פון זיך האָט אים געאַרט. „רעד נישט אַזוי... ד׳פאַרמאַגסט אַ קלוגשאַפט וואָס דו... דו דאַרפסט אַפילו דעם שׂכל נישט ניצן צו איר".

„אַ שיינעם דאַנק פאַרן קאָמפּלימענט!" האָט זי אויסגערופן. זי האָט נישט פאַרשטאַנען ווי מען האָט געקאָנט זיין קלוג און נישט דאַרפן באַניצן דעם שׂכל דערביי. „אַז עך בין אַזוי קלוג", איז זי שפּילעוודיק געוואָרן, „אַז עך דאַרף אַפילו דעם שׂכל אויף כּפּרות, ׳על עך דיר זאָגן, אַז מיין נאָמען שטאַמט פּראָסט־פּשוט פון אַ בין. כ׳קאָן געבן האָניק און כ׳קאָן שטעכן. און אויסער דעם, שטאַמט מיין נאָמען פון... בינען. אַז עך בין, בין עך... בינה!"

„אַז ד׳בינסט, בינסטע בינה!" האָט ער איבערגעחזרט נאָך איר.

„און דו?" האָט זי געפרעגט.

„וואָס און איך?"

„זאָג מיר וועגן דיר..."

„וואָס ווילסטע וויסן וועגן מיר?"

„אַלץ!" יאָ, זי איז נייגעריק געוואָרן אויף אים. יעדער קלייניקייט וועגן אים האָט זי געוואָלט וויסן. „פאַר וואָס האָסטע דיך אויסגעקליבן קיין לאַדזש, אַ שטייגער?"

„ס׳האָט מיך געטריבן אַהער", האָט ער קורץ געענטפערט.

„געדענקסט, האָסט מיר צוגעזאָגט, אַז ד׳עסט מיך אויפזוכן, ווי נאָר ד׳עסט קומען קיין לאַדזש?"

„זינט איך בין אין לאַדזש, זוך איך דיך", האָט ער מודה געווען. „אָבער לאַדזש איז נישט ווי באַטשאַני. לאַדזש איז ווי אַ טיפער שטורעמדיקער ים".

„יאָ, ווי אַ טיפער ים", האָט זי איינגעשטימט. זי האָט זיך געוווּנדערט ווי אַזוי זי האָט זיך געקאָנט אַזוי גוט פילן און אין דער זעלבער צייט זיין אַזוי טרויעריק.

„און זעסט דאָך, מ׳האָט זיך אָפּגעפונען אין טיפן גרויסן ים, נאָר די כוואַ־ליעס ציִען דיך אַהין און מיך אַהער..."

„וואָס ביסטע אויסן?" האָט זי אים אָנגעקוקט.

„וואָס איך זאָג, בין איך אויסן. געדענקסט די דעמאָנסטראַציע? יאָ, אַ יונגער־מאַן איז יענע וואָך צו מיר צוגעקומען אין גאַס. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט אונדז געזען צוזאַמען אויף דער דעמאָנסטראַציע, און דערנאָך נאָך אַ פּאָר מאָל אונדז געזען צוזאַמען אין גאַס. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז דיין חתן און ער בעט מיך, אַז איך זאָל דיך צו רו לאָזן. אַ לייטישער, פיינער יונגער־מאַן. ביסט טאַקע זיין כּלה, הע?"

ס'האָט איר גענומען אַ ביסל צייט ביז זי האָט זיך געקאָנט גובר זיין און באַשטעטיקן: „יאָ, אַזוי איז דאָס".

זיי זיינען אַרויס פון וואַלד און בינהלע האָט געוווּסט, אַז דאָס וואָס געשעט אַצינד, איז דאָס וויכטיקסטע וואָס איז ווען נישט איז געשען אין איר לעבן. אַט פאַרלירט זי יעקבן און וועט אים קיין מאָל מער נישט זען. ניין, זען וועט זי אים אפשר יאָ. ער האָט דאָך זי היינט מיטגענומען אין קאָנסטאַנטינער וואַלד און ער האָט איר דאָך געראָטן צו פאַרשרייבן זיך אין דער „האַרפע" און זיך דאָרט לערנען לייענען און שרייבן. וועט ער זיך מסתּמא אויך ווייטער אַריינלאָזן מיט איר אין שמועסן וועגן די „קאַלטע" זאַכן, פּונקט ווי היינט — און זיי וועלן קיין מאָל נישט נענטער ווערן.

מיט אַ מאָל איז דאָס אַהיימגיין מיט אים, דאָס ביסל צייט וואָס זי האָט היינט נאָך געקאָנט מיט אים פאַרברענגען — געוואָרן אוממעגלעך צו פאַרטראָגן און זי האָט, נישט אומקוקנדיק זיך אויף אים, זיך אָפּגעריסן פון אָרט און זיך נאָכגעלאָזט אין אַ גאַלאָפּ. אַנטלאָפן פון אים. זי האָט געהערט ווי ער רופט איר נאָך, געהערט זיינע לויפנדיקע טריט הינטער זיך. אָבער זי וועט נישט דערלאָזן, אַז ער זאָל זי דעריאָגן. זי האָט אַ מאָל געוווּנען אַ לויפגעוועט מיט אים. ער וועט מסתּמא אָנשטרענגען אַלע כּוחות זי צו כאַפּן; זי וועט טאָן דאָס זעלבע און אַנטלויפן — נאָר דאָס האַרץ האָט צו שטאַרק געקלאַפּט. דאָס האַרץ האָט געבעטן ביי די פיס, אַז זיי זאָלן נאָכגעבן, זיך פאַרהאַלטן און צווואַרטן אויף אים. האָט זי פאַרלוירן דעם צוטרוי צו זיך. דערווייל זיינען יעקבס לויפנדיקע טריט געקומען וואָס אַ מאָל נענטער. זי האָט, ווייזט אויס, נישט דערשאַצט זיינע כּוחות, זיין ווילן.

ווי נאָר זי האָט זיך פאַרקערעוועט אין אַ ראָג, איז זי אַריינגעלאָפן אין אַ הויז און אַרויף אַ פּאָר שטאָק שטיגן. זי האָט געהערט יעקבן פאַרביילויפן. ווען זי איז צוריק אַרויס אין גאַס, האָט זי מער נישט געזען קיין שפּור פון אים. דרויסן איז געווען טונקל, שיכּורים האָבן זיך געוואַלגערט אין די ווינקלען פון די טויערן. איינער וואָס איז געלעגן אויפן טראָטואַר, מיט די פיס אין רינשטאָק, האָט איר נאָכגערופן. די גאַס איז געווען אַ פינצטערער טונעל — אָן ליכט.

ביי נאַכט, אויפן געלעגער, האָט זי נישט געקאָנט פאַרטרייבן דאָס בילד פון יעקבן. דאָס פּנים זיינס האָט אַראָפּגעשוועבט פון די שויבן, אַראָפּגעשטיגן פון

סופיט, אַרויסגעשווומען פון אַלע ווינקעלעך, גלייך צו איר — און איז אויפן וועג נעלם געוואָרן.

אויף מאָרגן האָט זי נישט געקאָנט איינזיצן אין וואַרשטאַט. ווי נאָר דער בעל־הבית איז אויף אַ רגע פאַרשוונדן פון צימער, איז זי צוגעשפּרונגען צום פענצטער און אַרויסגעקוקט אויף דער גאַס. אפשר שטייט יעקב קעגן איבער? אפשר וועט ער פאַרבייגיין? מיטאָגצייט איז זי אַרויסגעלאָפן אין דרויסן, געניש־טערט מיט די אויגן צווישן דעם צעפילדערטן, פאַרהאַוועטן המון. עפּעס האָט זיך גערודערט אין שטאָט. יאָ, זי האָט געוווסט: אין רוסלאַנד איז אויסגעבראָכן אַ רעוואָלוציע. ס'איז געווען נאַריש צו דערוואַרטן, אַז יעקב זאָל זי היינט אין זינען האָבן. „כ'וויל אים נישט זען... קיין מאָל נישט!" האָט זי זיך פאַרזיכערט — און איז אַוועקגעלאָפן צו זייוול מאַלקעס וועבעריי, ווו יעקב האָט געאַרבעט, אָפּגעשטאַנען דאָרט דעם גאַנצן מיטאָג־איבעררייס, קעגן איבער דעם הויז, מיט די אויגן אָנגעצילט אויפן טויער — אפשר וועט ער אַרויסקומען. ס'איז געווען אַ מילדער טאָג אין מאַרץ, די לופט איז געווען פול מיט פרילינגדיקע צוזאָגן.

אַרויס אין גאַס נאָך דער אַרבעט, האָט בינהלע זיך אַרומגעקוקט, אפשר וואַרט ער. זי האָט דערפילט אַ האַנט אַרום איר אָרעם.

„ס'ט געהערט די נייעס, הע?" האָט משה זי אַ צי געטאָן מיט זיך און האָט אַ צעהיצטער אָנגעהויבן צו רעדן וועגן די וווּנדערלעכע זאַכן וואָס טוען זיך אָפּ אין רוסלאַנד.

ער האָט זי אַריינגעפירט אין אַ ביליקער קיך. זיי האָבן געגעסן אַ ברויטזופּ און דער שייגער משה האָט אויף קיין אויגנבליק נישט צוגעמאַכט דאָס מויל.

„פאַרשטייסט", האָט ער געזופּט סיי די רייד, סיי די זופּ. „די זעלנער האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו שיסן אויף די דעמאָנסטראַנטן אין פּעטראָגראַד. אַ סאָוועט פון אַרבעטער און זעלנער איז געשאַפן געוואָרן, אַ דעפּוטאַציע פון דער צייטווייליקער רעגירונג איז אַוועק צום צאַר קיין פּסקאָוו און ער האָט אַבדיקירט צוזאַמען מיט זיין זון. שטעלסט דיר פאָר? די ראָמאַנאָוו־דינאַסטיע איז געפאַלן!" ער האָט אַריינגערעדט אין איר און אַריינגערעדט, מיט אַ שוים אויף די ליפּן, מיט אַ ממש־שגעונדיקן ברען, די הענט האָבן אים אַזש געציטערט פון שפּאַנונג. ער איז בינהלען נאָך קיין מאָל נישט אויסגעקומען אַזוי ווייט און פרעמד.

אַ מידע, שווערע, מיט אַ לאַסט אין האַרצן און אין גאַנצן גוף, האָט זי זיך פּאַמעלעך אַרויפגעשלעפּט אויף די שטיגן צו איר בוידעמשטיבל. אָט האָט זי געהאַט נאָך אַ האַלבן שטאָק טרעפּן אַרויפצוקריכן. זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן פאַרענטש און אויפגעהויבן דעם קאָפּ. אַ שמוציק, קליין לעמפּל האָט געלויכטן אויף די שטיגן. זי האָט געוואָלט אָפּציילן די צאָל טרעפּן וואָס טיילן זי נאָך אָפּ פון איר טיר — און זי האָט אין דער הייך דערזען אַ וויזיע, אַ דאַכטעניש.

עמעץ אין דער געשטאַלט פון אַ נביא, אַ הויכער געבויגענער ריז מיט אַ גרויער, צעפלויגענער באָרד, מיט דער בלייכקייט פון אַ מת, מיט די בליקן טונקל־טעמפּ און אַ שטערן ווי אַ פאַרכמאַרעטער הימל אין אַ שטורעם — האָט געהויערט אויבן מיט אַ שטעקן פאַרהויבן אין דער הייך — ווי משה רבנו פאַרן אַראָפּלאָזן דעם שטעקן אויפן שטיין, אַז אַ שטראָם וואַסער זאָל אַ שפּריץ טאָן.

בינהלעס אָטעם האָט זיך פאַרהאַקט. אַ גליקזעליקייט האָט אַנגעקוואָלן אין איר האַרצן.

זי האָט אַ צעפּראַל געטאָן די הענט און אַרויסגעלאָזט אַ געשריי: „טאַטשי!״ מיט די אויסגעשפּרייטע הענט האָט זי זיך אַ לאָז געטאָן צו יאָסעלען, כאַפּנדיק צו צוויי שטיגן אויף אַ מאָל. אָט האָט זי שוין באַלד דערגרייכט זיין קאַפּאָטע, אָט באַלד וועט זי אים אַרומכאַפּן!

ווי זי האָט געשטעלט נאָך אַ טראָט צו דער אייבערשטער שטיג, האָט דער שטעקן אין יאָסעלע אַבעדאַלעס האַנט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף איר קאָפּ, עלעהיי דער קאָפּ וואָלט געווען אַ שטיין.

„נאַ!... נאַ!״ האָט יאָסעלע געקלאַפּט און געסאָפּעט. „אום שבת... אום שבת אַרבעט מען! מיט נבזהדיקע יונגען שלעפּט מען זיך אַרום! אַזוי... אַזוי... אַ זונה ז׳מען געוואָרן! אַהיים קום! די רגע! דו חצופה, דו פאַרעך־קאָפּ!״ אַ שווערער כליפּ, אַן איובדיקער יאָמער האָט צוזאַמען מיט די אויסרופן זיך געריסן פון זיין מויל. דער שטעקן האָט זיך נאָך אַלץ געהויבן איבער בינהלען. יאָסעלע איז שיִער נישט אַראָפּגעפאַלן פון די שטיגן.

זי איז געשטאַנען געליימט און אָט אַזוי אויפגענומען די קלעפּ. אַ קאַלטער בייגער איז געווען אין איר, צו זען ווי ווייט ער וועט דערגיין, וואָס ער איז פעיִק געווען איר צו טאָן. דערנאָך האָט זי דערפילט דעם שטראָם בלוט וואָס האָט גענומען רינען איבער איר קאַרק און זי האָט זיך אַ יאָג געטאָן אויף צוריק.

זי האָט געהערט ווי ער רופט איר נאָך: „קום אַהער דאָ! שוין זאָלסטע קומען!״

זי איז אַרויס אויף דער גאַס, זיך געיאָגט פאָרויס און מיט ביידע הענט צוגעהאַלטן דעם קאָפּ. ווען דאָס בלוט האָט גענומען רינען דורך אירע פינגער, איז זי אַריין אין אַ טויער, אַנגעקלאַפּט ביי אַ סטרוזשקע און געבעטן אַ שמאַטע צוצולייגן צו דער וווּנד.

די גויע האָט זיך איבערגעצלמט און געפרעגט: „האָט די רעוואָלוציע שוין אויסגעבראָכן אין לאָדזש?״ בינהלע האָט איר געזאָגט, אַז זי איז געפאַלן אין גאַס. די גויע האָט זיך ווידער איבערגעצלמט און געמורמלט: „אַ שלעכטער סימן. בלוט ט׳זיך גיסן אין די גאַסן ליאָדע טאָג״.

די גויע האָט געוואַשן בינהלעס וווּנד און זיך צעכליפּעט. איר ייִנגסטער זון איז אַוועק זיך אָנשליסן אין דעם פּוילישן באַטאַליאָן וואָס האָט זיך געדאַרפט

צוריקקערן פון רוסלאַנד. איר עלטערער זון איז געווען אַנגעשלאָסן אין פּיל־סודסקיס לעגיאָנען אין עסטרייך. אַז מען האָט איינגעזעצט פּילסודסקין אין דער מאַגדעבורגער תּפיסה זיינען זיך די לעגיאָנען פונאַנדערגעפאַלן. איצט ט׳מען אים פריי לאָזן, דעם „ווודז״, און די כלאַפּצעס וועלן זיך גיין שלאָגן פאַר פּוילן.

„און ווער וועט זיי אָפּווישן דאָס בלוט פון די ווונדן, יעזוס קאַכאַני?״ האָט זי טרעריק געזיפצט. זי האָט זיך צוגעבויגן צו בינהלעס ווונד און אויס־געדופן: „אָלאַ באַגאַ! האָסט דאָך אַן אויפגעשפּאָלטענעם קאָפּ!" זי האָט נישט אַרויסגעלאָזט בינהלען פון איר צימערל, ביז דאָס בלוט האָט זיך אָפּגעשטעלט, און האָט ממשיך געווען דאָס דערציילן וועגן אירע „כלאַפּצעס״ וואָס זיינען אַוועק זיך שלאָגן פאַר אַ פריי פּוילן.

אַרויס אויף דער גאַס, האָט בינהלע זיך געלאָזט טראָגן פון צעכוואַליעטן המון. פנימער צעשראָקענע, געשפּאַנטע, יובלדיקע זיינען איר אַנטקעגנגעקומען, אויסגעקרימט מיט שמייכלען, מיט טרערן — ווי מאַסקעס אויף אַ ריזיקן מאַס־קאַראַד. צייטונג־פאַרקויפערס זיינען געלאָפן איבער די גאַסן און הייזעריק געדו־פן: „עקסטראַ־ווידאַניע! רעוואָלוציע צעשפּרייט זיך איבער גאַנץ רוסלאַנד! מל־חמה ענדיקט זיך!״

בינהלע האָט געקוקט אויף דער מהומהדיקער שטאָט ווי דורך אַ דיקן, געדיכטן שלייער. גאָרנישט האָט איר וויי געטאָן. זי איז געווען פאַרטעמפּט, פריטשמיעלעט. ערשט שפּעט אין אָוונט האָט זי זיך געלאָזט גיין אַהיים. פּאַמעלעך איז זי געקראָכן אַרויף די שטיגן און פון אונטער די ברעמען אַרויפגעקוקט אין דער הייך צו זען, צי די געשטאַלט פון דעם גרויליקן שטראָפער האָט נאָך געוואַרט אויף איר. די האַלב־טונקלקייט אויבן איז געווען פּוסט. אין די קליידער האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן בעט. ערשט אַצינד האָט די ווונד אָנגעהויבן ווייצו טאָן. אין קאָפּ האָט געהאַמערט ווי מיט אַ האַמער. נאָך מער האָט אָנגעהויבן צו ברענען די ווונד, די צעאייטערטע, אין איר האַרצן.

זי האָט אַלעמען אין וואַרשטאַט און אויך משהן דערציילט, אַז זי איז אומ־געפאַלן אויפן טראָטואַר. משה איז אַריין מיט איר צו אַ פעלדשער וועלכער האָט אָפּגערייניקט די ווונד און איר געמאַכט אַ באַנדאַזש אויפן קאָפּ.

„זעסט, בינהלע״, האָט משה זי אַרומגענומען און פעסט צוגעדריקט צו זיך. „צי ד׳ווילסט יאָ, צי ד׳ווילסט נישט, לעבסטע מיט דער רעוואָלוציע״. ער האָט זיך פונאַנדערגערעדט וועגן דעם שטורעם, וועגן דעם ים וואָס איז אַרויס פון די ברעגעס. „און דאָ... אין דייטשלאַנד״, האָט ער ענטוזיאַסטיש געמורמלט אויף איר אויער, „האַלט אויך ביים איבערגיסן זיך. עס ׳עט זיך אַלץ געבן אַ צעבושעווע, ׳עסט זען. אַ שטורעם ט׳דאָ אויך אויסברעכן און זיך צוזאַמענגיסן מיטן שטורעם פון מיזרח... צוזאַמען ׳עלן זיי פאַרפלייצן די וועלט. די צייט פון יושר ט׳זיך אָנהייבן... פּוילן ט׳ווערן באַפרייט און מיר ׳עלן מיר קריגן אַ ייִדיש לאַנד!״

נישט לאַנג דערנאָך איז ער טאַקע געקומען צו לויפן צו איר. „בינהשי!" האָט ער אַ פאַרכליניעטער מיט דער פרייד געסאַפּעט: „די באַלפור־דעקלאַראַציע איז אונטערגעשריבן געוואָרן! אונדז האָבן מיר אַ נאַציאָנאַלע היים!"

3

דער שלום איז אַ קום געטאָן איבער אייראָפּע ווי אַ ווייסע מעווע, וואָס דער שטורעמדיקער שוים האָט זי, אָנשטאָט צו פאַרשווענקען און דערטרינקען — אויסגעשפּיגן צום הימל.

דער שיינער משה, אַ פרעמדער, אַ התפעלותדיקער, אַן איבער־גליקלעכער, האָט געשלעפּט בינהלען איבער די גאַסן און צעפּיבערט אַריינגערעדט אין איר: „פאַרשטייסט, בינהשי, פאַרשטייסט וואָס עס געשעט? אַ נייע וועלט האַלט ביים אויסשיילן זיך פון די שאָלן, ממש פאַר אונדזערע אויגן. אַלע דערנידעריקטע און באַליידיקטע, אַלע אויסגעהונגערטע און אויסגעניצטע, און מיר יידן אויכעט, ׳עלן אויסגלייכן די רוקנס. אַ נייער ייִד, אַ נייער מענטש ט׳אויפשטיין, אַ בעסערער, אַ מער גוטהאַרציקער. ער ט׳נעמען זיין גורל אין די אייגענע הענט און צוריקפירן די וועלט צום פאַרלוירענעם גן־עדן! מיר האָבן מיר געוווּנען די מלחמה וואָס ׳עט אַ סוף מאַכן צו אַלע מלחמות!" — יאָ, משה איז געווען אינספּירירט. ער איז ממש געוואָרן אַ דיכטער. ער האָט געקושט בינהלען אין גאַס און געפּליסטערט אויף איר אויער: „אונדזערע קינדער ׳עלן לעבן אין אַ גליקלעכער וועלט, בינהשי!"

אַזוי איז גאָר אין גיכן געשען. פוילן, די צעפּייניקטע ערד, די כּסדר צעריסענע אויף שטיקער, די צעהאַלבטע און צעפערטלטע, איז ווי אַ פעניקס געבוירן געוואָרן אויף דאָס ניי — אַ באַפרייטע, אַן אויסגעחלומטע און אויסגעבענקטע — פון אירע געטרייע זין, אירע פּאָעטן, אירע זינגערס און באַזינגערס, אירע אַרבעטערס און כלאָפּעס — און אויך פון אירע ייִדן פון שטעט און שטעטלעך. דורך לאַנגע דורות — סיי מיטן שווייס פון זייער פּראַצע, און סיי מיט זייער בלוט בעת פּאַגראָמען, פון איין זייט; און אין קאַמף פאַר איר פרייהייט, פון דער אַנדערער זייט — האָבן זיי זיך איינגעקויפט דאָס רעכט צו רופן אָט די ערד: היימלאַנד.

לאָדזש איז אויפגעשטאַנען אַ שיינעם אינדערפרי און איבער איר האָט פראַנק און פריי געפלאַטערט דער ווייסער פוילישער אָדלער. אַ מיליאָן אָדלערס זייבען אַנטקעגנגעפלויגן פון רויט־ווייסע פענער, פון פענצטער־ברעטער, פון מויערן און טויערן, פון היטלעך און קלאַפּעס. יוזעף פּילסודסקי, דער העלדישער פוילישער זון, דער שאַפער פון די לעגיאָנען, דער אָנפירער פון קאַמף פאַר פרייהייט, איז באַפרייט געוואָרן פון דער מאַגדעבורגער תּפיסה. צו אים האָבן געצויגן די פוילישע חיילות פון דער פרייגעלאָזענער רוסישער אַרמיי, די חיילות פון גענעראַל האַלער אין פראַנקרייך, און די אַרמיי פון אַ פריי פוילן איז

געשאָפן געוואָרן. אויסגעפּוצט אין נייע פּוילישע מונדירן, מיט פּירעקיקע ווייס־אַרומגעהאַפטענע היטלעך מיט אָדלערלעך, האָבן די פּוילישע סאָלדאַטן מאַרשירט און דעפילירט איבער די גאַסן. אָרקעסטערס האָבן געשפּילט. טויזנטער און טויזנטער זיינען געשטאַנען אויף די טראָטואַרן, געפּאַכעט מיט טיכלעך, געכליפּעט און געוואָרפן בלומען. פּראָצעסיעס פון אַנדערע טויזנטער האָבן געשטראָמט דורך אַלע גאַסן — צו די קירכן — כדי צו דאַנקען דעם אַלמעכטיקן פאַר דער באַפרייונג פון אַ הונדערט־און־פופציק־יאָריקן יאָך.

די אויסגעהונגערטע מידע שטאָט האָט זיך צעשמייכלט ווי אַ חולה וואָס איז מיט מזל איבערגעקומען דעם קריזיס און האָט שוין געזען דעם טאָג ווען זי וועט זיך ווידער אַ שטעל טאָן אויף די פיס. די פּוסטע קעשענעס און דער הונגער האָבן מער נישט געשראָקן. דער שטאָטס אַזוי לאַנג איינגעפּרוירענע דינאַמישע פאַנטאַזיע האָט זיך אַ וועק געטאָן און שוין געזוכט צו מאַכן אַ יש מאַין. די צענדליקער און צענדליקער ליידיקע פאַבריקן, די אַרויסשטאַרצנדיקע קוימענס צום הימל — אָן רויך — האָבן די פאַנטאַזיע אונטערגעשפּאַרט און צעבלאָזן.

און באמת, פּאַמעלעך, פּאַמעלעך האָט זיך דער רויך גענומען באַוויַזן פון אַ קוימען דאָ און דאָרט — ער האָט געהאַט אַ זיסן ריח. באַלד איז די שטאָט פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ דיבעם וואָלקן פון גרוי. סירענעס האָבן ווידער גענומען צעטיילן דעם לאָדזשער טאָג אויף חלקים פון מי און שאַפן. דער אַמאָליקער ריטעם האָט אָנגעהויבן פּולסירן דורך די גאַסן־אַרטעריעס. וואָס אַ מאָל שטאַרקער און האַסטיקער האָט לאָדזש גענומען האַוועון און גאַלאָפּירן צו געווינען די פאַרלוירענע צייט — און זיך אַ יאָג טאָן אין דער צוקונפט אַריין.

דער רוסישער בער, פאַרנומען מיט זיך, האָט וואָס אַ מאָל מער זיך גענומען אַרומצוימען מיט אַ שטייג. די רוסישע אַפּזאַצמערק זיינען געבליבן פאַרמאַכט. האָט מען געמוזט געפינען נייע אַפּזאַצמערק, אויב נישט ערגעץ אַנדערש — איז אין אויסגעלערטן, באַדאַרפטיקן פּוילן גופא. אָרעם און רייך איז, מיט דער זעלבער בהלה וואָס מען איז אַנטלאָפן פון שטאָט, געקומען צוריק, נישט צו פאַרלירן די גילדענע געלעגנהייטן וואָס האָבן זיך אַצינד געקאָנט מאַכן. און צוזאַמען מיט די לאָדזשער זיינען אָנגעקומען די קליינשטעטלדיקע ייִדן און גויים — זוכן גליק. דאָס שפּיל פון לעבן איז געווען אָפן. יעדער איינער האָט געמעגט ריזיקירן, פּרווון זיינע כוחות, זיין איינפאַלערישקייט, שפּילן אויף דער רולעטקע פון מזל. — שוין זיינען די גאַסן געווען געפּאַקט מיט צעקלונגענע טראַמווייען, מיט דראָזשקעס, וועגענער, בוידן און האַנט־וועגעלעך. די טראָטואַרן זיינען פאַרדרענגט געוואָרן פון צעהאָוועטע מחנות אַרבעטסלאָזע, געטריבן פון אַן אימפּעט, אַן אומגעדולד. ווי שלאַבעריקע אָדערן און מוסקלען פון אַ גוף, וואָס גרייט

זיך צוריק אָנגעלאָדנט צו ווערן מיט בלוט און ענערגיע, האָבן גענומען אויסזען די גאַסן. די שטאָט איז פאַרשיכורט געוואָרן פון די נייע חלומות וואָס זי האָט אָנגעהויבן חלומען.

בינהלע האָט באַקומען אַרבעט אין אַ נאַר־וואָס געעפנטער פאַבריק. קיין ייִדישע אַרבעטערס האָט מען אויך אין באַפרייטן פּוילן נישט אַריינגענומען אין די פאַבריקן — אָבער ייִדישע שטאַפּערינס יאָ.

און בינהלע האָט אַצינד געהאַט איר אמתע משפּחה אין לאָדזש. די כוואַליע צוריקגעקומענע לאָדזשער ייִדן פון באַטשאַני האָט מיטגעריסן אויך אַ צאָל באַ־טשאַנישע תּושבים און צווישן זיי — אויך רייזעלען, בינהלעס עלטסטע שוועסטער מיט איר משפּחה. רייזעלע האָט דערשמעקט, אַז אין לאָדזש האָט מען איצט טאַקע געקאָנט אויפגעריכט ווערן, און זי האָט זיך אַרויסגעריסן פון באַטשאַני; געקומען קיין לאָדזש מיט איר נעבעכדיק ביסל פאַרמעגן און זיך אַריינגעצויגן אין אַ קעלער, ביים סאַמע סוף פון דער פּיעטריקאָווער־גאַס, וווּ עס האָבן געוווינט מער דייטשן ווי ייִדן מיט פּאָליאַקן — דערפאַר איז דאָ געווען דירה־געלט ביליקער.

רייזעלע איז געווען אַ בעסערע סוחרטע ווי איר טאַטע, יאַסעלע אַבעדאַלע. דער טאַטע האָט באמת קיין מאָל נישט געהאַט דעם קאָפּ ביים מיסחר — און זי גראָד יאָ. זי איז געווען אַ ווייבל, וואָס קיין שום אַרבעט איז פאַר איר נישט געווען צו שווער. זי איז געווען אַ פּינקטלעכע, אַ „דראַביאַזגאָווע" און שפּאָרזאַמע. זי האָט זיך אויף קיינעם מיט גאָרנישט נישט פאַרלאָזן, האָט אַלץ געהאַט אויפן אויג, און נאָך דער חתונה אירער איז זי געוואָרן דער קאָפּ סיי פון דעם טאַטנס קאַלך־און קרייד־קרעמל, סיי פון איר מאַנס האָלץ־און קוילן־סקלאַד. אָבער זי האָט גוט געוווסט, אַז וויפל פּראַצע זי זאָל אין דעם מיסחר נישט אַריינגלייגן, האָט עס אין באַטשאַני צו גאָרנישט נישט געקאָנט דערפירן. דאָס לעבן אין דחקות, אָן אַן אויסזיכט, האָט זי אָנגענומען, ווי לאַנג זי האָט קיין אַנדער אויסוועג נישט געזען. אַצינד האָט זיך אָנגעבאָטן אַן אויסוועג. פאַרלירן איז סיי ווי נישט געווען וואָס. איז געווען אַן עוולה נישט צו ענטפערן דעם רוף, די צוזאָגן אויף גליק — וואָס האָבן זיך געהערט פון דער ווייטער לאָדזש, אַזש אין באַטשאַני. רייזעלע איז נישט געווען קיין שרעקעוודיקע. זי האָט געהאַט כּוח צו וואָגן.

רייזעלע האָט זיך אַזוי איינגעאָרדנט, אַז אַ פּאָר פּויערים, וואָס זי האָט געקענט פון באַטשאַני, זאָלן איר יעדער וואָך צושטעלן קיין לאָדזש פרישן גרינוואַרג, אויפּס פון זייערע נחלאות און אויך קעז, פּוטער און אייער — און זי האָט געעפנט אַ ביליק שפּייזקלייטל אין דעם הויז וווּ זי האָט געוווינט. אירע קונים זיינען געווען די דייטשן פון דער געגנט. גוטע קונים. זיי האָבן געוווּסט ווי אָפּצושאַצן רייזעלעס פּינקטלעכקייט און ערלעכקייט, און זיינען נישט מדקדק געווען וואָס זי האָט פּאַמעלעכל גענומען אַרויפשרויפן די פּרייזן. רייזעלעס קרעמל

איז געווען זויבער, איר סחורה פריש — האָט זיך נישט געלוינט צו שטעלן זיך אויף אַ גראַשן.

רייזעלעס מאַן, דעם רבי ר׳ שאַפּסעלעס זון, וועלכער האָט נאָך יינגלווייז אַרויסגעוויזן חריפות נישט בלויז אין לערנען, נאָר אויך אין מיסחר, איז גראָד אין לאָדזש אַ ביסל צעטומלט געוואָרן. דער אַרומיקער הו־האַ, דאָס האָבן צו טאָן מיט לויטער פּרעמדע, האָט אים געמאַכט פילן ווי אַ מילב, אַ גאָרנישט שבגאָרנישט. האָט ער אין אָנהייב זיך אָפּגעגעבן מער מיטן לערנען ווי מיטן מיסחר. ביז ער האָט זיך פאַרהיימישט אין גערער שטיבל, באַקענט זיך מיט מער יידן און געוואָרן דרייסטער און דרייסטער; אָנגעשטעקט זיך מיט דער געוואַגטקייט פון זיינע מיטדאַוונערס, די נייע ידידים זיינע — און אַזוי האָט ער אַ שיק געטאָן די אויערן אין די גאַסן, מיט אַ פילבאַרקייט אויפגעכאַפּט די גשמיותדיקע פאַרלאַנגען פון די דייטשן אין שטאָט, פון די פּאָליאַקן און יידן — און וואָס אַ מאָל אָפטער האָט ער אַוועקגערוקט דאָס ספר אין אַ זייט און גענומען אַריינקוקן אין רייזעלעס חשבון־ביכער. ער איז מיטגעריסן געוואָרן מיטן אַלגעמיינעם פיבער.

רייזעלעס מאַן האָט אַרויסגעוויזן אַ גרויסן טאַלאַנט פאַר אויסשמעקן דאָס וואָס דער קונה וויל היינט און וואָס ער וועט וועלן מאָרגן. האָט ער דורך זיינע באַקאַנטשאַפטן מיט די חסידים אין גערער שטיבל באַלד געפונען וועגן ווי אַזוי צו באַקומען די נייטיקסטע שפּייזפּראָדוקטן, אויסער גרינסן און פּרוכטן — ווי למשל מעל, צוקער, גרויפּן, אַרבעס, טיי און קאַווע — פאַר די ביליקסטע פּרייזן. אַזוי האָט ער, מיט זיין ווייב רייזעלען, באַלד געעפנט אַ צווייט געשעפטל אין סאַמע צענטער פון דער שטאָט. דאָס מזל האָט צוגעשפּילט. די אויסגעהונגערטע שטאָט האָט זיך געוואָרפן אויף די שפּייזן, אויף אַלץ וואָס איז פאַראַן געווען צו קויפן — און האָט געצאָלט.

בקרוב האָט רייזעלע זיך געדונגען אַ דירה פון צוויי צימערן מיט אַ קיך אויפן סאַמאַראַדנעם „דעפּטאַק", דעם סאַמע צענטער פון דער פּיעטריקאָווער־גאַס. זי האָט אַראָפּגעבראַכט אירע צוויי שוועסטער, רחלען און מאַשעלען, פון באַטשאַני און האָט זייערע מענער געמאַכט פאַר אָנגעשטעלטע אין די נייע קראָמען וואָס זי האָט געעפנט. זי האָט געוואָלט אויך אַראָפּברענגען דעם טאַטן, יאָסעלען, מיט דער יינגערער שוועסטער דבורהלען. אָבער יאָסעלע האָט נישט געוואָלט הערן דערפון און ער איז מיט דבורהלען און איר מאַן בערעלען, דעם אַמאָליקן „לבנה־קריכער", געבליבן וווינען אין דער „קנאַלבודע" אין באַטשאַני.

פון אַ שטאָפּערין אין דער פאַבריק, אַ מיידל פון באַטשאַני, האָט בינהלע זיך דערוווּסט, אַז אירע שוועסטער געפינען זיך אין לאָדזש. דעם זעלבן טאָג, גלייך נאָך דער אַרבעט, איז זי אַרייַנגעפאַלן אין רייזעלעס קראָם אויף דער פּיעטריקאָווער־גאַס.

רייזעלע איז געווען קוים צו דערקענען. זי איז דיקער געוואָרן, שווערער,

און איר אויסגעמאַטערט, צעקניישט פּנים איז געווען מענלעך־האַרט. אַ ביטערקייט און אַן עקשנות, יאָסעלעס ביטערקייט און זיין עקשנות, זיינען געווען איינגעקנעטן אין דעם מויל, מיטביידע ווינקלען פאַרבויגן שאַרף אַראָפּ צו. זי האָט געטראָגן אַ ניי בלאָנד שייטל פון דער לעצטער מאָדע און איז געווען אויסגעפּוצט אין אַ בלאַנקנדיק־ווייסער שירץ. איר בליק איז געווען אַ היימישער, אָבער אַן אייז־קאַלטער — ווען ער האָט דערקענט בינהלען.

איז בינהלע געשטאַנען און געקוקט אויף דער שוועסטער איבער די קעפּ פון די קונים און געוואַרט, געהאָפט, אַז רייזעלעס אייזיקער בליק זאָל זיך צעשמעלצן און דאָס מוטערלעך־ווייכע זאָל זיך צעוואַרעמען אין אים. ווען זי האָט זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן און איז אַרונטער אויף יענער זייט טיש, צוגעפאַלן צו רייזעלען — האָט רייזעלע זי אָפּגעשטופּט פון זיך.

„כ'האָב נישט קיין צייט!" האָט זי שאַרף אַ מרוקע געטאָן און זיך געפּאַרעט מיט די קונים. בינהלע איז געבליבן שטיין לעבן איר. האָט רייזעלע, צווישן באַדינען איין קונה און דעם אַנדערן, זיך אַ קער געטאָן צו איר און אַרויסגעסיקעט: „גיי מיר פון די אויגן! צוליב דיר איז דער טאַטשי שיִער נישט דערהרגעט געוואָרן. צוליב דיר איז ער אין גאַנצן בלינד געוואָרן. אָפּגעקוילעט האָסטע אים!" און אירע אויגן זיינען פון כּעס און פון האַרצווייטיק איבערגעלאָפן מיט טרערן. בינהלע האָט זיך אָפּגערוקט פון איר... אָפּגערוקט — און איז אַנטלאָפן.

דער געדאַנק, אַז אירע שוועסטער זיינען אין שטאָט האָט בינהלען נישט געלאָזט רוען. האָט זי זיך, נאָך אַ פּאָר טעג, ווידער אויסגעקליבן צו רייזעלען. אַ שבתדיקן חגא־טאָג האָט זי אויסגעקליבן ווען די פאַבריק האָט נישט געאַרבעט; זיך אויסגעפּוצט אין איר יום־טובדיק קליידל, פאַרפלאָכטן אַ נייעם באַנד אין די האָר און איז אַוועק אין רייזעלעס דירה אויף דער פּיעטריקאָווער־גאַס.

רחלע מיט מאַשעלען מיט זייערע מענער זיינען געווען צו גאַסט אויף טשאָלנט. בינהלע האָט דערזען די שוועסטערס „קליינוואַרג" וואָס איז שוין געווען נישקשהדיק צעוואַקסן. די קינדער זיינען צוגעפאַלן צו בינהלען מיט אַ גדולה. זיי האָבן מיט איר דערמאָנט די אַמאָליקע שפּילערייען וואָס זי האָט מיט זיי געפּלעגט שפּילן; זי האָט באַוווּנדערט ווי שיין און געזונט די חברה האָט אויסגעזען, נישט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן פון זיי. — און אַזוי האָט זי זיך אַרומגעהאַלדזט מיט רחלען און מאַשעלען.ביים טיש איז געזעסן רייזעלע אין אַ שוואַרץ קלייד מיט אַ בראָש אונטערן האַלדז, מיט ציטער־שפּילקעס אין דער הויב, און האָט ווייטער געטרונקען איר גלאָז שטאַרק־אָנגעצויגענעם טיי, געשלוקט, געזופּט — צוזאַמען מיט די טרערן. רחלע און מאַשעלע האָבן אויך געהאַלטן די טיכלעך ביי די אויגן.

רייזעלעס מאַן וועלכער איז אין אַן אַטלעסענער קאַפּאָטע, מיט אַ זויבער־צעקאַמטער באָרד מאַיעסטעטיש געזעסן אויבנאָן, מיט די צוויי שוואָגערס ביי

דער זייט, האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש און אויסגערופן: „שבת איז היינט, ווייבער, הערטץ אויף צו יאָפּן!"

האָבן די ווייבער נאָך פעסטער פאַרשטעלט די אויגן מיט די נאָזטיכלעך. רחלע האָט צוגעשלעפּט בינהלען צום טיש, מאַשעלע האָט איר געבראַכט אַ גלאָז טיי, און זיי האָבן זיך אַלע צוגערוקט צו רייזעלען.

„אוי, בינהשי", האָט רחלע געזיפצט און זיך געריבן די אויגן מיטן טיכל. „מיטן טאַטן איז נעבעך ביטער. ר'איז פּונקט אַזאַ עקשן ווי ר'איז געווען, וויל נישט קומען אַהער. און ר'איז דאָך נעבעך אין גאַנצן בלינד געוואָרן זינט דער מעשה מיט דיר... אוי, שיִער נישט דערהרגעט געוואָרן דאָ אין לאָדזש, ווען ר'איז געפאָרן דיך אַהיימברענגען... אונטער אַ פור אַרונטערגעפאַלן אין דער פינצטער... קוים זיך דערשלאָגן צוריק קיין באָטשאַני..."

רחלען איז אַזש געוואָרן שווער צו דערציילן, אָט אַזוי, זיך שטיקנדיק מיט די טרערן. האָט איר מאַשעלע אַרויסגעהאָלפן.

„די מיידלעך פון באָטשאַני האָבן פאַרציילט מעשיות וועגן דיר, ווען ז'זענען אַהיימגעקומען פון לאָדזש... פאַר אונדז, פאַרן טאַטן פאַרציילט. ער וואָלט שוין לאַנג געווען געפאָרן נאָך דיר, ווען ער וואָלט געוווּסט ווו ד'ביסט... ביז ר'האָט אַרויסגעקריגן דיין אַדרעס... אָבער נישט בלויז צוליב דיר איז ער בלינד געוואָרן", האָט מאַשעלע צוגעגעבן ווי זי וואָלט געוואָלט בינהלען לייכטער מאַכן אויפן האַרצן. „ס'איז אויך איבער הערשעלען..."

„ווו איז הערשעלע?" האָט בינהלע אַ צאַפּל געטאָן.

„הערשעלע..." האָט מאַשעלע זיך נאָך שטאַרקער צעכליפּעט, „זאָגט מען איז אין ראַסיי. געפאָרן מאַכן די... די רעוואָלוציע. דעם טאַטנס איינציקער קדיש, ווייי און ווינד. מ'טאָר גאַרנישט דערמאָנען זיין נאָמען פאַרן טאַטן".

בינהלע האָט אַ קער געטאָן דאָס פּנים צו רייזעלען, וועלכע האָט נאָך אַלץ געקוקט אויף איר מיט אַ פאַרוואָרף אין די פאַרטרערטע אויגן. בינהלע איז צוגעפאַלן צו איר און איר געוויזן דאָס אָרט אויף איר קאָפּ ווו דער טאַטע האָט איר דערלאַנגט מיטן שטעקן, ווו עס זיינען קיין האָר מער נישט געוואַקסן.

„אַ שיינע ריינע כפּרה..." האָט רייזעלע געשאָקלט מיטן קאָפּ. „צוליב דיר 'עט דער טאַטע גיין פון דער וועלט".

דאָ זיינען אַלע דריי שוועסטער ווידער אַרויסגעקומען מיט די מעשיות וואָס זיי האָבן זיך אָנגעהערט וועגן בינהלען. האָט זי זיך אין מיטן פון זייערע רייד אויפגעשטעלט, און איז אַרויס אָן אַ זיי־געזונט.

דאָך האָט זי זיך נישט געקאָנט צוריקהאַלטן און איז אין גיכן ווידער געקו־מען באַזוכן רייזעלען. בפרט האָט זי געצויגן אַהין פרייטיק צו נאַכטס, ווען איר האַרץ איז אויסגעגאַנגען נאָך אַ ביסל שבתדיקייט, נאָך אַ ביסל לאָקשן מיט יויך ביי אַ טיש מיט אַ ווייס טישטעך און אָנגעצונדענע ליכט. רייזעלע האָט

באַוויליקט זי אויפצונעמען, לאָזן איר זיצן ביים טיש מיט דער גאַנצער משפּחה. נאָר דאָס ביסל לאַקשן האָט בינהלע געמוזט אַראָפּשלינגען צוזאַמען מיט אַזעלכע גרויסע פּאָרציעס מוסר־רייד מצד רייזעלען און די שוואָגערס, מיט אַזוי פיל טרערן מצד רחלען און מאַשעלען — אַז עס האָט איר נישט באַקומען, און זי איז ווידער אַנטלאָפן.

נאָך אַ צייט האָט בינהלע דערציילט די שוועסטער, אַז זי איז אַ כּלה געוואָרן און כּדי זיי איבערצוצייגן, אַז זי נאַרט זיי נישט אָפּ, האָט זי איין שבת מיטגע־נומען דעם שיינעם משהן צו רייזעלען. יענעם טאָג איז די ביטערניש אַרונטער־געשאַרט געוואָרן אונטערן טיש.

נישט אַז דער שיינער משה האָט אַזוי שטאַרק נושא־חן געווען ביי בינהלעס משפּחה, ער איז דאָך געווען אַ גוי און אַן עם־הארץ. אָבער ער האָט פאַרמאָגט דעם כּוח זיי צו געווינען אויף אַן אַנדער אופן. ער איז געווען אַ געבוירענער לאָדזשער, דערצו נישט קיין אַקטיאָר פון פאַך, ווי זיי האָבן געהערט, און אַפילו נישט סתּם קיין וועבער־יונג, נאָר אַ וועבער־מייסטער, אַ פאַרדינער; ער האָט געהאַט אַלע שאַנסן זיך אַרויפצואַרבעטן און עפענען אַן אייגענעם וואַרשטאַט, צי גאָר אַ פאַבריק. אין לאָדזש זיינען אַזעלכע זאַכן געשען ממש איבער נאַכט, בפרט אַז מען האָט געהאַט אַזעלכע באַקאַנטשאַפטן ווי משה האָט געהאַט. דערצו האָט משה פאַרמאָגט אַ געשליפן צינגל, האָט געקאָנט יעדן איינעם אונטער־קומען מיט נאַוואָמאָדנע, קלוגע קאָמפּלימענטן און מיט זיינע קענטעניש אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע און אַנדערע אינדוסטריעס אין שטאָט, און אין דער פּאָליטיק פון נייעם פּוילן און פון דער וועלט בכלל. ס'איז געווען אָנגענעם און אינטערעסאַנט צו זיין מיט אים — סיי פאַר די שוועסטער, סיי פאַר די שוואָגערס, שוין אָפּגערעדט פון דעם יונגוואַרג וואָס האָט געקלעפּט צו אים. ער האָט געקענט אַלע פּאַסאַנאַווע לידער וואָס זיינען געזונגען געוואָרן אין שטאָט.

נאָך אַזאַ וויזיט מיטן שיינעם משהן, האָט רחלע, וועלכע איז געבליבן אַ גרויסע ווייַנערקע, ווייל זי איז געבליבן אַן עקרה, זיך האַרציק צעכליפּעט ביים געזעגענען זיך מיט בינהלען. „זאָרג דיך גאָרנישט", האָט זי געקושט די שוועסטער. „אַ מיידל וואָס איז פאַר דער חתונה אַפילו די ווילדסטע ציג, סטאַטקעוועט זיך דערנאָך. מעיטשים נאָך דער חתונה 'עסטע ווערן אַ לייט, ד'עסט זען".

אַז בינהלע איז נאָך אַזאַ וויזיט געגאַנגען מיטן שיינעם משהן אין יידישן טעאַטער, צי אויף אַ פאַרלעזונג, צי הערן אַ יונגן יידישן שרייבער פאַרלייענען זיינע ווערק אין יידיש — איז זי געווען אַזוי צענומען, אַזוי אַדורכגעווייקט מיט געפילן, אַז יעדער וואָרט וואָס זי האָט געהערט, איז אַריינגעזונקען אין איר, אָנגעלאָדנט מיט אַ פאַרזענלעכן באַטייט. שפּעטער איז זי אָפּגעזעסן ביז האַלבער נאַכט איבער די שרייבפאַפּירן אויף וועלכע זי האָט קאַליגראַפירט די ווערטער

וואָס דער לערער פון דער „האַרפע" האָט זי געלערנט אויפשרייבן. זי איז געווען אומגעדולדיק זיך אויסצולערנען לייענען און שרייבן. זי האָט געהאָפט, אַז דאָס וועט זי קליגער מאַכן, העלפן איר אויפלייזן די קנופּן וואָס האָבן וואָס אַ מאָל מער פאַרפּלאָנטערט איר לעבן.

זי האָט אויסגעמיטן זיך צו באַגעגענען מיט יעקבן אין דער „האַרפע". זי האָט זיך געזאָגט, אַז ס'איז בעסער אַזוי — בעסער פאַר איר. זי האָט זיך געזאָגט, אַז זי האָט אים פאַרגעסן. פון צייט צו צייט האָט זי אים באַמערקט אַריינגיין אין דער „האַרפע"־ביבליאָטעק, אָדער אים באַמערקט אין גאַס, פון דער ווייטן, ווען זי האָט שפּאַצירט מיטן שיינעם משהן. איר האַרץ האָט זיך אויף אַ רגע פאַרהאַלטן; זי איז צעטומלט געוואָרן און דאָס פּנים האָט איר גענומען פלאַמען. אָבער אין זיך האָט זי איבערגעחזרט: „כ'געדענק אים נישט". און זי האָט זיך פאַררעדט מיט משהן און דערנאָך באַזונדער צערטלעך אים אָפּגעענטפערט אויף די קושן, ווען ער האָט זי אַריינגעשלעפּט אין אַ פינצטערן טויער. משה האָט אויסגעמיטן אַרויפצוקומען צו איר אין צימער. „כ'האָב מורא פאַר מיר אַליין", האָט ער איר דערקלערט. זיי האָבן שוין געהאַט אָפּגערעדט אַ זמן־חתונה און האָבן שוין נישט געהאַט לאַנג צו וואַרטן אויפן זיין „דאָס גאַנצע לעבן צוזאַמען".

אַזוי האָט משה טאַקע איין מאָל, ווען ער האָט בינהלען געהאַלטן אין די אָרעמס אין אַ פינצטערן טויער, איר מודיע געווען: „גיב מיר אַפּ אַ מזל־טוב, בינהשי. מ'האָט מיך אַריינגענומען פאַר אַ פאָלנעם מיטגליד אין דער דראַמאַ־טישער סטודיע!"

זי האָט אַנגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר גרויסע אויגן: „וואָס 'עסטע טון אין דער סטודיע?"

ער האָט זי צוגעפּרעסט צו זיך. „נישט קיין סטודניע, נאַרישע קאָזע, נאָר אַ סטודיע. כ'גיי ווערן אַ ראַכט־קער אַרטיסט!"

איז משה טאַקע געווען אַן עקשן און געקאָנט אַדורכפירן דאָס וואָס ער האָט זיך פאַרנומען. איר דרך־ארץ פאַר אים האָט זיך אַ צעוואַקס געטאָן און זי האָט אויסגערופן: „'עסט זען, 'עסט באַלד ווערן אַ מאָסן־רעדנער ביי די פאָלעציון אויכעט!"

האָט ער איר אַ שנעל געטאָן אין דער נאָז: „דאָס נישט! זיין אַ מיטגליד אין דער פאָלעציון איז פאַר מיר גענוג. אַ קינסטלער מוז ווידמענען דאָס לעבן פאַר זיין קונסט. ווייל די קונסט איז אַן אייפערזיכטיקע מוזע".

קאַפּיטל זיבן

1

יעקבס פריינד, ברוך ווייסקאָפּ, איז נאָך דער מלחמה געקומען צו זיך צוזאַמען מיט דער שטאָט לאָדזש. זיינע מלחמהדיקע מנחם־מענדל־פּלענער האָבן זיך אַרויס־געוויזן פאַר ממש געניאַל. איבער נאַכט איז ער געוואָרן אַ ריזיקער עושר. זיין נאָמען האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן איבער דער שטאָט מיט אַ בליץ־שנעלקייט און צוגעהאָלפן האָט דערצו דער נאָמען פון זיין „געפּאַלענעם" טאַטן, וועלכער האָט אויך גענומען זיך שטעלן אויף די פיס.

און וואָס ווייניקער ברוך אַליין האָט זיך פאַרנומען מיט זיינע רייכטימער, מיט די קאָלאָסאַלע אינוועסטיציעס — דאָס גרעסער איז ער געוואָקסן. ער אַליין האָט געהאַט געדולד נאָר פאַר בליציקע איינפאַלן, פאַר אַ שפּיל טאָן אויף דער „סמיקאַלקע", פאַרן ריזיקירן, קאַרק־ברעכעריש זיך אַנגאַזשירן אין איין „אומ־מעגלעכער" אונטערנעמונג נאָך דער אַנדערער. ער האָט געהאַט אַ נאָז פאַר מענטשן, פאַר זייערע שוואַכקייטן, פאַר דער פּסיכאָלאָגישער נאַטור פון דער לאָדזשער מיסחר־וועלט אין איר צונויפשפּיל מיטן מיסחר־לעבן פון פּוילן, פון אייראָפּע. ער האָט פאַרמאָגט אַ ספּעציעלן חוש אַרויסצופילן דאָס וועטער פון דער בערזע, דאָס שטייגן און פאַלן פון דער וואַלוטע, די „האָסעס" און די „בעסעס".

אין פּריוואַטן לעבן איז ברוך גראָד געגאַנגען אין דער ריכטונג פון אייב־האַלטן זיין אַמאָליקן, מלחמהדיקן שטייגער־לעבן, מיט „קליינע" אויסבעסערונגען.

ער איז נאָך אַלץ געווען אַ בחור, אָבער ער האָט איצט פאַרמאָגט אַ מאָדערן אויסמעבלירטע דירה, מיט אַ דינערשאַפט. אין דעם סאַלאָן וווּ ער האָט אויפגע־נומען די „בלומען" און דער לאָדזשער העכערער געזעלשאַפט און די „זומער־פייגל" פון דער לאָדזשער אינטעליגענציע, האָט מען אַחוץ לשון־קודש און פּויליש, געקאָנט הערן אַ סך אַנדערע אייראָפּעיִשע שפּראַכן — און אויך מוזיק. אַ גרויסע קאָנצערט־פּיאַנאָ איז געשטאַנען אין אָט דעם סאַלאָן לעבן גרויסן „ווענעציאַנער" פענצטער, דעם באַהאַנגענעם מיט אָריענטאַליש־געמוסטערטע פיר־האַנגען. אין דעם סאַלאָן האָט מען, אַחוץ קאָנווערסאַציע און מוזיק, אויך געקאָנט פאַרזוכן פון די בעסטע ווײַנען פון אייראָפּע, באַקענען די שענסטע פרויען פון

לאָדזש און שליסן באַקאַנשאַפטן מיט די עקסצענטרישסטע ספּעציאַליסטן אויפן געביט פון קונסט, וויסנשאַפט און פילאָסאָפיע.

זיין געזעלשאַפטלעך געוויסן האָט ברוך געשטילט מיטן פאַרנעמען זיך אויפצובויען אַן ערשטקלאַסיקע גימנאַזיע פאַר יידישע מיידלעך.

מיט יעקבן האָט זיך ברוך צום ערשטן מאָל באַגעגנט נאָך דער מלחמה אויף אַ פאַרלעזונג פון בעל־מחשבותן אין „הזמיר"־זאַל. דער אונטערשייד אין זיין און יעקבס עלטער האָט זיך איצט בולט געלאָזט דערקענען. ער איז פעט און שלאַבעריק געוואָרן. און אין זיין עלעגאַנטער, איבערגעטריבן־שרייַקער קליידונג, האָט ער אויסגעזען ווי עמעצנס רייכער פעטער פון אַמעריקע. ער איז צוגעפאַלן צו יעקבן מיט דער זעלבער אָפענער פריינדלעכקייט ווי אַ מאָל, ווען זיי פלעגן זיך באַגעגענען. ער האָט אָנגעקוקט יעקבן וועלכער איז געווען אויסגעקליידט אין די זעלבע בגדים וואָס ער האָט אים געזען טראָגן מלחמה־צייט, און ער האָט אָפּגעלאַכט פון אים מיט אַן אויפריכטיקן באַדויער: „זעסט, ווען ד'וואָלסט געוואָרן מיין שותף..."

יעקב האָט צוריקגעשמייכלט אַן באַדויער: „ווי זאָגט מיין חבר וואָווע: 'ווען די באָבע וואָלט געהאַט רעדער, וואָלט זי געווען אַ טראַמוויי'. ווען איך וואָלט געוואָרן דיין שותף, וואָלט דיר אפשר דאָס מזל נישט אַזוי צוגעשפּילט. געלט האָט נישט ליב זיך צו חברן מיט מיר. כ'האָב דאָס בירושה זינט דור־דורות".

האָט שוין דער ביטול אַ שפּיל געטאָן אויף ברוכס פולע ליפּן: „באַקאַנט מיר דיין טבע. אַ קבצנסקער זינט דור־דורות. אַ גראַשעדיקער ראַזמאַך, קליינע השגהלעך, אַ בטלנישער צוגאַנג צום אייגענעם לעבן, ווי עס וואָלט קיין צעבראָכענעם צווייער נישט ווערט געווען. זאָג מיר, וואָס 'עט דיר שוין דער סאָציאַליזמוס העלפן?"

יעקב האָט, פונקט ווי אַ מאָל, זיך נישט באַליידיקט פון ברוכן. „טאָמער קומט דער סאָציאַליזם און דער כלל ט'רייך ווערן, 'על איך, דער שלימזל און דער בטלן, מיך מיטכאַפּן אויפן וואָגן. אָבער וויפל מיין לעבן איז ביי מיר ווערט, מעגסטע מיך לאָזן אָפּשאַצן".

דאָס האָט ברוכן איינגעשטילט אויף אַ פּאָר מינוט. זיי האָבן זיך ביידע פאַרשנדיק אָנגעקוקט. מיט אַ מאָל האָט ברוך אַ כאַפּ געטאָן יעקבן פאַר די קלאַפּעס און אים אַ טרייסל געטאָן. „יעקב, האָסט באַמערקט ווי מיר רעדן שוין איינער צום אַנדערן? אַזאַ צייט זיך נישט געזען, און מען הייבט שוין אָן דעם קלאַסנקאַמף. זאָלסט געדענקען!" האָט ער אויסגערופן. „טאָמער דערלאָזסטו, אַז מיין מאַיאָנטעק זאָל זיך שטעלן צווישן אונדזביידן, וועל איך דיר דאָס קיין מאָל נישט מוחל זיין!"

„דו זע קראַנטער וואָס דו קאָנסט אויפטאָן פון דיין זייט", האָט יעקב אים טרוקן געענטפערט. ברוכס רייד האָבן אים פּיינלעך אויפגערייצט.

„איך האַלט דיך נישט פאַר מיין קלאַסן־שׂונא", האָט ברוך אים נישט אָפּגע־לאָזן. „דו מיך יאָ. ביסט נאָך אַלץ אַ בונדאָוויעץ. כ׳קאָן עס דאָך אָראָפּלייענען פון דיין פּנים. און דאַכט זיך, אַז ז׳האָבן שוין גוט אַ טל געמאַכט פון דיר אויכעט".

„זאָרג דיך נישט אַזוי וועגן מיר", האָט יעקב אָפּגעשניטן.

„מ׳איז נאָך אַלץ גוטע פריינד, נישט אַזוי?"

„מיר קאָנען זיין. דער ׳בונד׳ פאַרבאָט מיר נישט צו חברן זיך מיט וועמען איך וויל". יעקב האָט זיך באַפרייט פון ברוכס הענט אויף זיינע קלאַפּעס. „דו האָסט, זע איך, זיך פאַראייגנט אַ טבע איינצורעדן יענעם און אים זאָגן וואָס ער איז און וואָס ער טראַכט. לאָז דאָס אָפּ. לאָז איבער פאַר מיר מיין זייט פון דער מטבע".

ברוך האָט חבריש אויסגעשטרעקט צו אים די האַנט: „מסכּים!"

יעקב האָט אויפגעשמייכלט. „אויב אַזוי, טאָ כאַפּ זיך צו מיט מיר אויף דער אויפנאַמע פאַר די יונגע ייִדישע שרייבערס... פּרצעס יורשים".

„ביסט נאָך אַלץ אַזאַ גרויסער חסיד פון פּרצן, האַ?" האָט ברוך ווידער איראָניזירט.

„נאָך אַ גרעסערער!" יעקב האָט זיך געמאַכט נישט באַמערקן די איראָניע אין ברוכס קול. „איצט קאָן מען זען וואָס פּרץ האָט אויפגעטאָן. ר׳האָט אוועק־געשטעלט די מאָדערנע ייִדישע ליטעראַטור אויף פעסטע יסודות, אויפגעבויט אַ בנין פון פאָלקס־אוצרות, געהאָלפן אויספורעמען דאָס נייע פּנים פון פאָלק. טאַקע דערפאַר ווייל ער האָט איינגעזאַמלט, געשטרעבט איינצוזאַמלען אונדזער רייכטום נישט בלויז פון היינט, נאָר פון אַלע דורות. יאָ... אין מיין ייִדישקייט... אין ייִדישקייט בין איך נישט קיין אָנהענגער פון איבערהאַקן. קיין שום פאָלק קאָן נישט בויען אַ נייַ לעבן אָן אַ פונדאַמענט. אונדזער פונדאַמענט איז דער עבר..."

„וויי געוואַלד!" האָט ברוך אויסגערופן. „ד׳רעדסט דאָך עפּעס ווי אַ צייטונג־אַרטיקל! וואָס מאַכסטע דאָס אַזאַ צימעס מיט פּרצן, רבונו־של־עולם! פאָלק אַהין און פאָלק אַהער! דערצייל מיר נישט, אַז ער האָט געפּרוווט אַרויסצופירן דאָס פאָלק פון געטאָ, פון גייסטיקן געטאָ. פונקט פאַרקערט!"

„וואָס מיינסטו פונקט פאַרקערט?"

„ס׳איז דאָ אַ גרויסע ברייטע וועלט, מיין איך... מיט אַ קונסט... מיט אַ שיינקייט. ס׳איז דאָ אַ וועלט־ליטעראַטור... אַ קולטור..."

מער און מער האָט יעקב געשפּירט די גרויסע ענדערונג אין ברוכן. „דווקא פּרץ..." האָט ער אַ מורמל געטאָן, „האָט אויסגעהאַקט פאַר אונדז אַ טויער צו דער וועלט... גראָד מיטן בויען אָן אייגענע ליטעראַטור... מיטן העלפן בויען

יִדיש־וועלטלעכע שולן. אַז מען עפנט טיר און פענצטער אַריינצולאָזן פרישע לופט איז געגוג. ס׳הייסט נישט, אַז מ׳דאַרפט דורך די טיר און פענצטער אַנטלויפן פון דער אייגענער שטוב. לופט דאַרפט מען לאָזן אַריינקומען, דאָס אייגענע קול דאַרפט מען לאָזן אַרויסקומען, אָבער פון דער אייגענער הויט טאָר מען נישט אַרויסשפּרינגען... דאַמאָלס פאַרלירט מען אַלע וועלטן. כ׳קלינג דיר ווידער ווי אַ צייטונג־אַרטיקל, הע?״

„יאָ, כ׳זע, אַז ד׳האָסט דיך אויסגעלערנט צו זיין אַ גאַנץ שיינער בעל־דרשן״, האָט זיך ברוך פאַרקרימט. „אָבער לאָמען זיך נישט גענאַרן. ווי קאָנסטע נעמען פּרצן און אים פאַרגלייכן מיט אַזאַ... אַזאַ מין טאָלסטאָי, אַזאַ דאָסטאָיעווסקי... אַ פרידריך ניטשע, אַ שאָפּענהאַוער, אַ מעטערלינק... אַ ווערהאַרען?״

„איך וויל אים באַלד נישט פאַרגלייכן״, האָט יעקב אַ צעקאָכטער דערווידערט. „פּרץ האָט נישט קיין גלייכן. ער איז דאָס וואָס ער איז און דאָס איז פאַר מיר גענוגג״. ער האָט זיך גובר געווען, זיך באַרויִקט און פאַרשנדיק־ערנצט באַטראַכט ברוכן. ער האָט צוגעגעבן: „ד׳ווייסט טאַקע נישט, צי ד׳מאַכסט דיך נישט וויסן, אַז די יִדישע מאַסן וועקן זיך ערשט אויף... אַז זיי האָבן נישט קיין וועלטלעכע בילדונג... אַז אין דעם פּרט דאַרפט מען זיי ערשט לערנען. אַז מיר זענען בקי נאָר אין רעליגיעזע ספרים, און דאָס אויך נאָר אַ קלענער טייל פון אונדז, אַז נאָר צו דעם צוועק האָט אונדז דאָס חדר געלערנט דעם אַלף־בית. און וויפל זענען אַפילו דאָס חדר נישט אויסגעזעסן, צי בכלל אין חדר נישט געגאַנגען? און וואָס וויסן און וואָס קענען די יִדישע פרויען, אַ העלפט פון פאָלק? אין פינצטערניש און אין אומוויסן לעבן זיי. האָסט שוין טאַקע אַלץ פאַרגעסן, ברוך?״

ברוך האָט געדרייט מיטן קאָפּ: „ניין, נישט פאַרגעסן, כ׳האַלט דאָך אַליין אין אויפבויען אַ גימנאַזיע פאַר יִדישע מיידלעך. נאָר זאָל דיר נישט איינפאַלן, אַז מען וועט דאָרט דיין פּרצן לערנען, צי אַנדערע דיינע ליטעראַרישע מיטל־מעסיקייטן״.

„און יִדיש ס׳טע זיי לערנען?״

„משוגע מיינע שונאים! קיין העברעיִש אויך נישט! זאָלן זיי קודם־כּל ווערן ווערדיקע יִדישע טעכטער פון פּוילן. פּויליש איז די לערנשפּראַך אין מיין גימנאַזיע און דייטש און פראַנצייזיש זענען די אַנדערע אָבליגאַטאָרישע שפּראַכן״. ער האָט אויפגעשמייכלט. „דאָס צוויבערדיקסטע וועזן אין דער וועלט, יעקב, איז אַ יִדישע קולטורעלע יונגפרוי... די חנעוודיקע חכמה, די עלעגאַנץ פון איר גייסט און דער פיזישער רייץ... דאָס איז די שיינקייט אַליין. נעם למשל אַזאַ פּאַננאַ פּאָלטשאַ... אַ שילערין פון מיין שול. אַ יונגיטשקע נאָך... אָבער...״

„און וואָס פאַר אַ שייכות האָבן זיי צו זייער פאָלק, דערקלער מיר?״ האָט יעקב איבערגעהאַקט ברוכן אין די רייד.

„כ׳האָב דיר דאָך ערשט געזאָגט דעם שייכות, און לאָז מיך שוין צו רו מיט דעם גאַנצן בטלנישן ענין פון פאַלקישקייט. די מאַסע קאָן מען סיי ווי נישט דערהייבן צו פיינערע זאַכן. גיב זיי אַ בולקע מיט פוטער, טאַקע ווי דיין באַנטשען שווייג. פאַנעם עט צירצענזעס! ברויט און ביליקע פאַרווייליגונגען גיב זיי״. ער האָט זיך צוגעבויגן צו יעקבן. „גיב אַ בעסערן קוק אויף זיך אַליין. וואָס דיין פאַרבונדנקייט מיט דער מאַסע האָט צו דיר געטאָן. גיב זיך נאָר דאָס אַ פרעג. אַ פאָר מינוט רעד איך דאָ מיט דיר, און איך זע געגנוי... ביסט אָוועק פון דעם פּאַעטישן, דעם באַפליגלטן... ס׳ט פאַרלאָזן דאָס מיסטעריעזע... דאָס קבלהדיקע... ביסט אָוועק פון ברייטן פילאָסאָפישן רעיון. אַראָפּ צו דער ערד ביסטע פון דעם גרויסן פלי... פון דעם גרויסן געזאַנג. פון דיינע חלומות איז געוואָרן נישט מער ווי אַ געגנעץ. אַ פאַרטיימענטש געוואָרן! אָנגעבראַקט זיך דעם קאָפּ מיט אַכילה־פילאָסאָפיעס, מיט קאַרל מאַרקסעס קיכן־ווירטשאַפט און טעפּלעך־עקאָנאָמיע! האָסט דיר איינגעצוימט דעם קאָפּ מיט אַ כאָמעט און פּרעדיקסט באַמבאַסטישע רייד. דערלאַנגסט מיר פאַפּירענע קינסטלעכע בלומען און בייזערסט דיך, וואָס איך שפּיר נישט זייער פאַרפום!״

יעקב האָט אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ און געפּאַכעט מיט אַ פינגער אין ברוכס פּנים.

„ביז די אַכילה־פילאָסאָפיעס ברענגען נישט קיין לייזונג, קאָן זיך דער מענטש צו קיין אַנדערע פילאָסאָפיעס נישט נעמען! אָוודאי האָב איך מיך געביטן. כ׳האָב געמוזט. אָבער איך האָב נישט קיין מורא, וואָהין די ענדערונגען אין מיר זאָלן מיך נישט ברענגען. דו האָסט יאָ מורא פאַר די ענדערונגען אין דיר. דערפאַר האָסטע מיך גלייך לכתחילה געוואָרנט, אַז דער באַזילבערטער שפּיגל קאָן זיך אַ שטעל טאָן צווישן אונדז. האָסט אַריבערגעטראָגן אויף מיר די מורא, וואָס דו טראָגסט אַליין״.

ברוך האָט אויסגעגלאָצט די אויגן אויף אים. „האָסט שטודירט פּרוידן?״ ער האָט קרום אויפגעשמייכלט.

יעקב האָט געצויגן מיט די אַקסלען: „נאָך נישט באַוויזן...״

ברוכס פּנים איז געוואָרן געביטן. אויך זיין קול האָט געקלונגען אַנדערש. ער האָט אַ זאָג געטאָן האַלב ערנצט, האַלב אין שפּאַס: „אויב מיין שפּיגל פאַרבלענדט און פאַרבלינדט מיך טאַקע אַזוי שטאַרק, מוזסטע ערשט רעכט האַלטן אַן אויג אויף מיר״.

זיי זיינען ביידע פאַרשוויגן געוואָרן. דערנאָך האָט ברוך, כּדי אָנצובינדן צו דער וואַרעמקייט וואָס האָט אַ מאָל וויברירט צווישן זיי, גענומען דערציילן יעקבן וועגן זיין נייער דירה און די ביכער וואָס ער האָט זיך איינגעשאַפן.

„און כ׳מאַך גרויסן פאַרשריט מיט דער פּיאַנאָ אויך״, האָט ער צוגעגעבן ווי ער וואָלט געחוזקט פון זיך. „מיין לערער זאָגט מיר, אַז איך בין צו אַלט צו

ווערן אַווירטואָז און איך זאָג אים, אַז איך בין גענוג יונג זיך אויפצופירן ווי אַ ווירטואָז, און האָבן פאַרגעניגן פון די פּאָר יאָר. און ד׳דאַרפסט טאַקע זען די טעפּעכער און פאַרצעלייען וואָס כ׳האָב מיר איינגעשאַפן, די קונסט־מאַלערייען... די סקולפּטורן... אמת, נישטאָ קיין איינהייטלעכער סטיל ביי מיר אין די צימערן. דאָס איז דערפאַר ווייל כ׳האָב נישט קיין איינהייטלעך ליבע־לעבן...״ ער האָט אַ ווונק געטאָן צו יעקבן. „יעדער דאַמע, יעדער מיידל, וואָס גייט אַדורך דורך מיינע הענט, לאָזט איבער איר חותם אויף דער אויסשטאַטונג פון דער דירה, אויף דעם סטיל פון דער ׳קוויזין׳ מיינער אַריינגערעכנט. איין סטיל, פאַרשטייסטע מיך, פאַלגט נאָך דעם אַנדערן. און אַט דער מיש־מאַש איז גוט, איז מיר באַקוועם. אין תוך שפּיגלט ער אָפּ דעם כאַאָס אין מיין געמיט, נישט אין זייערן. נאָר ס׳איז פאַראַן די פאַננע פאָלטשע... די יונגע סטודענטקע פון מיין גימנאַזיע...״ ער האָט געוואָלט זאָגן מער, נאָר האָט אָפּגעהאַקט און איז צוריק אַריבערגעגאַנגען צו דער באַשרייבונג פון זיין דירה.

יעקב און ברוך זיינען צוזאַמען געגאַנגען אויף דער אויפנאַמע פאַר יונגע יידישע שרייבערס, און ברוך האָט זיך אויפן אָרט פאַרליבט אין שלום אַשן, אים צוגעשיקט אַ וויזיט־קאַרטע און אים פאַרבעטן צו זיך אין שטוב.

„וועסט אויך קומען?״ האָט ער אַ פרעג געטאָן יעקבן מיט אַן אומזיכער קול. „כ׳וויל אשרן קאָהן אויך פאַרבעטן, און זען ווי אַזוי ליטעראַטור פאַרהאַלט זיך מיט קאַפּיטאַל. אָבער דו מוזסט קומען צו מיר נאָך איידער... כּדי מיר זאָלן קענען זיין אַליין און כאַפּן אַ שמועסל ווי אין די אַלטע גוטע צייטן... און דאָס מאָל וועסטע מוזן נעמען איינעם פון מיינע אַנצעגער... וועסט זיך בעסער פילן״.

יעקב האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט. „אַרבעט נישט אַזוי שווער. איכ׳ל נישט קומען. איך פאַרבעט דיך אויך נישט צו זיך״.

„דו׳סט מיך יאָ מיטגענומען... צו דיין חבר, ווי הייסט ער דאָרט?״

„וואָווע צעדערבוים. כ׳צווייפל, צי כ׳וואָלט דיך היינט מיטגענומען צו אים״.

„ד׳הייבסט שוין ווידער אָן, יעקב?״

„כ׳האָב שוין לאַנג אָנגעהויבן!״ יעקב האָט נאָך העכער געלאַכט, אַ געלעכטער וואָס האָט אים אַליין געקלונגען משונהדיק פרעמד.

ברוכן איז עפּעס נישט אויסגעקומען אַרויפצונעמען יעקבן צו זיך אין דער נייער דירה און זיי האָבן זיך פון צייט צו צייט באַגעגנט אויף רעפעראַטן פון פאַרשיידענע פּערזענלעכקייטן וואָס זיינען אויפגעטרעטן אין שטאָט, למשל, פון הלל צייטלינען, צי דעם אָראַטאָר זשאַבאָטינסקי. ווייזט אויס, אַז ברוכן איז נישט אָנגעקומען לייכט זיך צו באַפרייען פון די צויטן פון זיין יידישקייט. יעדער מאָל וואָס זיי, יעקב און ברוך, האָבן זיך באַגעגנט, איז געוויינטלעך די באַגריסונג געווען אַ פרידיקע. דערנאָך זיינען זייערע קעגנזייטיקע געפילן פאַרנעפּלט,

פּאַרפּלאָנטערט געוואָרן אין די סתּירות און אין דעם אָנגרייפּערישן כּעס בעת די וויכּוחים וואָס זיי האָבן געווײַנטלעך פּאַרפּירט.

איין מאָל זײַנען זיי צוזאַמען אַרויס פֿון אַ רעפּעראַט און פֿאַרוואַנדערט אויף דער פּיעטריקאָווער־גאַס. ברוך האָט זיך פֿונאַנדערגערעדט.

„ביסט אַ מבֿין אויף די ריכטונגען און שטרעמונגען וואָס האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אויף ייִדישע קעפּ?" ער האָט לײַכט געקלעפּלט יעקבֿן אין אַקסל. „יעדער קרעמער רופֿט דיך אַרײַן צו זיך מיט זײַן סחורה. אַז ד'הערסט איין רעדנער, דאַכט זיך דיר, אַז בײַ אים שטייט אײַן דער אמת. הערסטע אָן אַנדערן, מיינסטע, אַז דער אַנדערער ט'דיר ברענגען די גאולה. דרייסטע דיך אויף רעכטס, אויף לינקס, אַהין און אַהער, ביז עס הייבט דיר אָן צו שווינדלען אין קאָפּ. און אַז איך וואָלט שוין למשל געקומען צו אַן אַנטשיידענעם אויספֿיר, אַז אַסימילירן וויל איך מיך ניִשט, הייב איך אויף ס'נײַ אָן צו דרייען דעם קאָפּ אויף רעכטס און אויף לינקס צו די ייִדישע קרעמלעך: חסידיזם, אגודה, ציוניזם פֿון טויזנט שאַטירונגען, בונדיזם, טעריטאָריאַליזם, אַנאַרכיזם. און איך, פֿאַרשטייסטע מיך, בין אַ געבוירענער פּוילאַק. כ'האָב ניִשט קיין געדולד אויפֿצוראַמען און מאַכן אַ פּאַזשאַנדעק אין קאָפּ. ליגן דאָרט די אַלע פּראָגראַמען אָנגעהויפֿנט ווי בערג מיסט. ביז איך קאָן מיך שוין ניִשט אַרומדרייען אין דער ענגעניש, און איך גיב זיי אַלע אַ קער אַרויס פֿון קאָפּ. אַזוי בלײַב איך מיר מיט מײַן טײַערן גאָרנישטיזם, מײַן ניהיליזם, און איך הייב אָן צו אָטעמען מיט בײדע נאָזלעכער. אויב ד'ווילסט שוין יאָ וויסן, ברודער, איז דער דאַרוויניזם דער איינציקער אַנגעמבאַרער 'איזם'. דער מענטש איז אין תּוך אַ חיה, מעג ער זיך אויפֿן קאָפּ שטעלן".

„אַ חיה וואָלט ניִשט געהאַט אַזעלכע פּראָבלעמען ווי דו האָסט ערשט פֿאַרגעשטעלט פֿאַר מיר". האָט יעקבֿ אים דערווידערט. „די חיה לעבט בשלום מיט איר חיהשקייט, דער מענטש מיט זײַנער — ניִשט. ער מוז, אויסער דער פּרעס, האָבן אידעען און אידעאַלן, כאָטשבי בלויז כּדי זיי אויסצולאַכן. אַך און ווי איז צו אים און צו זײַנע שכנים, אויב ער בלײַבט בלויז מיטן חיהשן".

איין זאַך האָט ברוכן באַגײַסטערט: דער פֿאַקט וואָס פּוילן איז געוואָרן אַ פֿרײַע מדינה. און אין דעם פּרט האָט יעקבֿ מיטן גאַנצן האַרצן אײַנגעשטימט מיט אים. וואָס די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט ניִשט געזאָלט ברענגען מיט זיך — און ברוך האָט געהאַלטן, אַז גאָרנישט קיין גוטס; און יעקבֿ, אַז אַ סך גוטס — זײַנען זיי מסכּים געווען, אַז אין פֿאַל פֿון פּוילן האָט דער יושר געזיגט. גראָד זײַנען דאָס געווען טעג ווען דאָס באַפֿרײַטע פּוילישע פֿאָלק, פֿאַרשיכּורט מיט דער פֿרײַהייט, האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דער שׂינאה צו אַלעם וואָס איז ניִשט געווען סלאַוויאַנסקע־פּויליש. די „האַלערטשיקעס", די סאָלדאַטן פֿון גענעראַל האַלערס פֿרײַהייט־אַרמיי, האָבן זיך אומגעקערט פֿון פֿראַנקרײַך און פֿון גרויס התפּעלות גענומען שנײַדן ייִדישע בערד און בעת־מעשׂה מיטגעשניטן שטיקער

באקן. — האבן זיך ברוך און יעקב געטרייסט, אז דאס זיינען פארבייגייענדיקע דערשיינונגען. אז באלד וועט זיך אנהייבן דאס בויען פון דעם אמתדיק באפרייטן פוילן אויף ליבעראלע, מערבדיקע יסודות — לויט ברוכן; אויף סאציאליסטישע — ווי יעקב האט נאך אלץ דערוואַרט; און דאס פוילישע פאלק וועט אויס־געאיידלט ווערן.

ברוך איז צוגעשטאנען צו יעקבן: „זאג מיר, באמנות... דו הערסט נישט אויף צו רעדן וועגן באנייונג. טא פאר וואס פרוווסטע כאטש נישט באנייען א ביסל דיין אייגן לעבן, הא? וואס איז דער תכלית, זאג מיר, פון אפקוועטשן א לעבן ביי דער וועבשטול? זאגסט, אז ד'האסט נישט קיין סמיקאלקע פארן מיסחר, גוט. אבער צווישן וועבעריי און מיסחר זענען דאך פאראן טויזנטער אויסוועגן".

„וואס פאר אן אויסוועגן, א שטייגער למשל?" האט יעקב געפרעגט.

„טו עפעס וואס צעפרעסט נישט אזוי דאס חיות, וואס לאזט דיך אויסגלייכן דעם רוקן כאטשבי אויף א מילימעטער. אז ד'ווילסט דיך אויסהיטן נישט צ'ווערן חלילה א גביר, טא זיי לכל־הפחות נישט קיין גזלן צו זיך אליין, כאטשבי פאר מיין טובה וועגן, אז כ'זאל מיך קאנען חברן מיט א נארמאלן מענטש, נישט מיט קיין שטיק וועבשטול".

יעקב האט א מאך געטאן מיט דער האנט: „ס'לוינט נישט. ליאדע טאג ט'מען מיך סיי ווי נעמען אין מיליטער".

קיין סך צייט זיך אפצוגעבן מיטן געדאנק פון גיין אין מיליטער האט יעקב נישט געהאט. ער איז געווען אריינגעטאן אין דער פיבערדיקער פארטיי־ארבעט. פאראיינען האבן זיך ארגאניזירט, ארבעטער־ראטן האבן זיך געשאפן, קולטור־אינסטיטוציעס זיינען געוואקסן ווי שוואמען נאך א רעגן.

אין ווארשטאט וווּ יעקב האט געארבעט זיינען פארגעקומען גרויסע ענדע־רונגען. וואווע צעדערבוים האט ביי זיך אין שטוב איינגעשטעלט אן אייגענע וועבעריי און לייבל הויקער איז אוועק צו אים ארבעטן. אויף דעם אופן זיינען זיי ביידע געווען פריי זיך אפצוגעבן מיט דער פארטיי־ארבעט, ווען נאר עס איז נייטיק געווען. — און ר' זייוול מאלקעס האט זיך דערפילט פריי זיך צו נעמען צו יעקבן. די ארבעט האט געברענט ביי ר' זייוולען אין ווארשטאט. ער האט אזש צוגענומען א שטאק פון דעם שכנותדיקן הויז אריינצושטעלן נייע וועב־שטולן. קיין וועבערהענט צו דער ארבעט האבן אויך נישט געפעלט, מיט דער מאסע ארבעטסלאזע האנטוועבערס וואס זיינען פון דער פראווינץ געקומען זוכן גליקן אין לאדזש. האט טאקע ר' זייוול געהאלטן אין איין שטעלן יעקבן אול־טימאטומס, אין איין ארומקריגן זיך מיט אים.

יעקב האָט זיין אָפּמאַך מיט ר׳ זייוועלען נישט באַנייט. ער האָט זיך לסוף געלאָזט איבעררעדן פון ברוכן און האָט איינגעשטימט, אַז ברוך זאָל אים שאַפן עפּעס אַ שטעלע.

גליך בעת זייער קומענדיקער באַגעגעניש האָט ברוך באַגריסט יעקבן מיט אַ ברייטן שמייכל:

„איך זאָג דיר, יעקב, דאָס לעבן שאַפט שענערע פּאַבולעס ווי די שענסטע מעשׂה־ביכער. שטעל דיר פאָר, אַז גלייך נאָך דעם ווי דו האָסט איינגעשטימט כ׳זאָל דיר געפינען אַ פּאָסטן, האָב איך אָפּגעשטאַט אַ וויזיט ביי מיינעם אַ גוטן פריינד, אַ דיאַמאַנטן־סוחר, וואָס זיין טאָכטער... די פּאַננע פּאָלטשע, איז אַ סטודענטקע ביי מיר אין שול. זי... זי טאַקע וועט דאָס אַ שיינעם העלן טאָג ווערן די אינטעלעקטועלע ייִדישע שיינהייט... מיט אַ קאָלאָסאַלן גייסטיקן און פיזישן צויבער, וואָס עס איז אַזוי אומגהייער שווער אים זיך קעגנצושטעלן...״ הייסע פלעמלעך האָבן געבליצט מיט שקאַצישע פונקען אין ברוכס אויגן. „יעדנפאַלס... ווען כ׳בין אַרויס פון זייער דירה, איז מיר געפאַלן אין די אויגן אריין ר׳ איטשעלע היטלמאַכערס עלעגאַנטע שיכגעשעפט אויפן פאַרטער. האָב איך זיך מאָמענטאַל דערמאַנט, אַז ר׳ איטשעלע האָט מיר אַ מאָל געהאַט געזאָגט, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין באַטשאַני. איז, ברודערקע, דער ענין נאָך דעם זעלבן אָוונט דערליידיקט געוואָרן. כ׳בין אַוועק צו ר׳ איטשעלען אין קאַנטור. און ד׳קאָנסט אָנהייבן אַרבעטן ביי אים אַפילו שוין מאָרגן״.

2

יעקב איז געוואָרן „אַ מענטש״ אין ר׳ איטשעלע היטלמאַכערס עלעגאַנטן שיכגעשעפט פאַר עלעגאַנטע דאַמען.

ר׳ איטשעלע איז טאַקע באמת געבוירן געוואָרן אין באַטשאַני און איז געווען דעם באַטשאַנישן האָלץ־סוחרס ייִנגסטער ברודער. ווי אַ קינד האָבן אים די עלטערן געהאַט אוועקגעשיקט פון דער היים בעת דעם גרויסן פּאָגראָם נאָכן טויט פון צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. ער איז אויפגעוואַקסן אין אַ פעטערס שטוב, אין לאָדזש, געלערנט אין אַ ישיבה און נאָכן טויט פון זיינע עלטערן זעלטן באַזוכט דאָס היימשטעטל.

ר׳ איטשעלע, אַ געוועזענער חסיד, האָט נישט לאַנג צוריק געהאַט געלאָזט אין גאַנג אַ גרויסע שיכפאַבריק און ער האָט זיך פאַרנומען צו באַקליידן די „באַר־וועסע״ פיס, נישט נאָר פון די רייכע דאַמעס פון לאָדזש, נאָר פון דער גאַנצער פוילישער רעפּובליק. זיין שיכגעשעפט אויף דער פּיעטריקאָווער־גאַס האָט גע־דינט ווי אַ מין רעקלאַמע־פענצטער, ר׳ איטשעלעס אַ מין שפּילעכל. ווייל הגם ר׳ איטשעלע איז געווען זייער אַן ערנצטער און בכבודיקער מאַן, האָט ער דאָך,

ווי יעדער מאַן, זיך געבייטיקט אין אַ שפּילעכל, וואָס האָט האַרמאַנירט מיט זיין באַזונדערן כאַראַקטער.

ר׳ איטשעלע איז ווי די מערסטע פאַרמלחמהדיקע גבירים געווען אַן אַרויפּ־געאַרבעטער בעל־תּורה, וואָס האָט גלייך נאָך דער מלחמה איינגעלייגט וועלטן זיך צוריק צו דערשלאָגן צו דעם מצב וואָס ער האָט געהאַט דערגרייכט פאַר דער מלחמה. געהערט האָט ער צו דעם מין לאַדזשער אויפטוערס וואָס זיינען מיטביידע פיס געגאַנגען אויף דער ערד און געהאַט דעם קאָפּ אין די הימלען — סיי פון תּורה, סיי פון מיסחר. פלייס און פאַנטאַזיע, חריפות און פּיפּיקייט, אָריענטאַציע און איינפאַלערישקייט האָבן זיך געפּאָרט אין זיין כאַראַקטער. און מיט דעם האָט ער זיך טאַקע אונטערשיידט פון ר׳ מאיר ווייסקאָפּ, ברוכס טאַטן, דעם למדן, וועלכער איז געווען אַ שטייף־נאַקנדיקער, מיפּולער בויער, אַן עלאַס־טישקייט. ער האָט געבויט, ווען די שטאָט האָט זיך געבויט; רייך געוואָרן, ווען די שטאָט איז רייך געוואָרן — און שיִער נישט אָפּגעווישט געוואָרן פון דער אייבערפלאַך ווען די שטאָט האָט זיך איינגעבראָכן, מלחמה־צייט.

ר׳ איטשעלע היטלמאַכער איז אין אַ סך פּרטים גיכער ענלעך געווען צו יעקבס פּריִערדיקן בעל־הבית, ר׳ זייוול מאַלקעס. ער האָט פאַרמאָגט די פעיִקייט פון אַזאַ מין ליאַלקע, וואָס ווי מען זאָל זי נישט וואַרפן, שטעלט זי זיך אויף די פיס, — און געניצט האָט ער דערביי דעם קאָפּ. ווי נאָר די מלחמה האָט זיך געענדיקט און די וועלט האָט זיך געביטן — האָט ער זיך אויך אָנגעהויבן צו בייטן און אַריינפּאַסן זיך.

געווען איז ר׳ איטשעלע היטלמאַכער אַ מענטש וועלכער האָט געלעבט נישט נאָר פאַר זיך. דער איינציקער פון זיין גרויסער משפּחה וואָס האָט זיך אַזוי גיך געשטעלט אויף די פיס, איז ער תּמיד געווען באַלאַגערט מיט אַן אָנגע־לויף פון קרובים, ידידים, שטאָטישע און צוגעפּאָרענע, וואָס האָבן אָפּגעריסן ביי אים די טירן. מען איז געקומען צו אים נאָך געלט אויף ברויט און אויף אַ נדן, נאָך געלט כּדי זיך איינצואָרדענען אַ שטיקל מיסחר, אויסער דעם וואָס שלוחים פון אַלע מעגלעכע צדקה־חברות און געזעלשאַפטן האָבן געהאַלטן אין איין קומען צו אים נאָך גמילות־חסדים.

ר׳ איטשעלע איז גלייך נאָך דער מלחמה אַריבער פון גערער שטיבל אין אַלעקסאַנדרער; גראָד אַזוי האָט זיך מיט דער גאַנצער ענדערונג אין זיין לעבן, געענדערט זיין חסידישער אויסבליק. אָבער גראָד נאָך אָט דעם שריט, האָט ר׳ איטשעלע געהאַט וואָס אַ מאָל וויניקער צייט זיך אָפּצוגעבן מיט חסידישע ענינים — און מיטן רבונו־של־עולם בכלל. ער איז געווען פאַרנומען מיטן ציילן די וועקסלען און יעדער פרייע מינוט אָפּגעגעבן אויף צו שיקן די נאָז, די אויגן און אויערן אין דער איבערגעביטענער וועלט אַריין. ער איז אַליין אַרומגעפאָרן איבער די שטעט פון באַפרייטן פּוילן כּדי צו „שמעקן די לופט״. זיינען אים

פּאַסאַנען פון דאַמענשיך מער געלעגן אין קאָפּ ווי ש״ס און פּוסקים. אַזוי פיל נייע סטילן און דערפינדונגען אין שיך־אויסאַבעטונג, אין לעדער־צוגרייטונג האָבן זיך דערטראָגן אַהער פון מערב. האָט מען זיי געדאַרפט אויפכאַפּן ווי נאָר די לופט האָט זיי אַנגעבראַכט אַהער, און נישט וואַרטן ביז עמעץ אַנדערש וועט זיך פעדערן, אויסכאַפּן די איינפאַלן און זיי אונטערטראָגן דעם קונה, אָדער גיכער — דער קונהטע.

און כדי ער זאָל אַנגיין פאַר אַ היינטצייטיקן מענטש, האָט ר׳ איטשעלע היטלמאַכער זיך אויסגעשטאַט אין אַ מאָדערנעם הולך, געטראָגן אַ דרייפּערטל־דיקן אייבערראָק, אַ האַרטן שוואַרצן קאַפּעליוש און אַ דייטשמעריש־פאַרשוירן בערדל. די פּאות האָט ער געהאַלטן אָדער פאַרשטעקט אונטערן קאַפּעליוש, אָדער פריי — אָפּהענגיק מיט וועמען ער האָט געהאַט צו טאָן און ווו ער האָט זיך אין געגעבענעם מאָמענט געפונען. דאָך, הגם ער האָט זעלטן אַריינ־געשטעלט אַ פוס אין שטיבל, צי אין בית־מדרש, האָט ער געטראָגן אַ גוואַלדיק געפיל פון שולד און אַ בענקעניש האָט אים געצופּט אין האַרצן צו די אַמאָליקע דערהויבענע צייטן אין זיין לעבן, ווען ער איז געווען אַ „גאַנצער״ ייִד.

יעקב איז ר׳ איטשעלען גלייך געפעלן געוואָרן. ר׳ איטשעלע האָט זיך געפילט נאָענט ווי אַ קרוב צו אים, נישט נאָר דערפאַר ווייל יעקב האָט אויך געשטאַמט פון באַטשאַני, זיין געבורט־שטעטל, דאָס אָרט ווו זיין משפּחה־שטאַם האָט געוואָרצלט, נאָר אויך דערפאַר ווייל ר׳ איטשעלע האָט געזען אין יעקבן אַ קרובישע נשמה, אַ יונגער־מאַן וואָס האָט אַריבערגעטרעטן דעם גדר אַ סך מער ווי ער אַליין — מסתּמא דערפאַר ווייל ער איז געווען ייִנגער — און וועלכער האָט דעם ענין געגומען גאַרנישט מיט קיין לייכט האַרץ. ער האָט מיט דעם בחור געקאָנט רעדן סיי אויפן בית־מדרש־לשון, סיי אויף דעם מאָדערנעם לשון. און הגם ער האָט קוים געהאַט אַן אויגנבליק צייט, האָט יעקב אַזוי שטאַרק ביי אים אויסגענומען, גלייך ביי דער ערשטער באַגעגעניש, אַז ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין אַ שמועס מיט אים וועגן חסידות, זיך פונאַנדערגערעדט וועגן ר׳ מענדעלע קאָצקער; און אַז ער האָט דערהערט, אַז יעקב שפּילט שאָך, האָט ער אים פאַרבעטן אויף אַ פּאַרטיע אויף דעם נאָענטסטן שבת נאָך הבדלה.

ר׳ איטשעלע האָט געהאַט אַ הויכן לומדישן שטערן, אַ שאַרף־אויסגעשניטן מויל, אַ פאַרשפּיצטע גאָמבע און די קלוגשאַפּט זיינע האָט אַרויסגעקוקט נישט נאָר פון זיינע אויגן, נאָר פון זיין גאַנצן געשטעל און פון זיין באַנעמען זיך. קיין קינדער האָט ר׳ איטשעלע נישט געהאַט, אָבער ווייזט אויס, אַז אַ קוואַל פון נישט־אויסגעלעבטע פאָטערלעכע געפילן האָט יאָ געשפּרודלט אין אים. ער האָט זיי געלאָזט קומען צום אויסדרוק אין זיין באַציונג צו די וואָס זיינען געקומען צו אים נאָך הילף. ער האָט אויך יעקבן אַרונטערגענומען אונטער זיינע פליגל.

„נישטאָ קיין זאַך וואָס איך׳ל פאַר דיר נישט טאָן״, האָט ער אין אַ צייט

אַרום דערקלערט יעקבן. „זאָג מ׳יר נאָר וואָס ד׳ברויכסט״. און ער איז טאַקע גלייך אַריין אין שכנותדיקן חדר לעבן דעם „קאָנטור״, אין זיין דירה, און האָט, פונקט ווי ברוך ווייסקאָפּ אַ מאָל, זיך באַלד צוריק באַוויזן מיט אַ מאָדערנעם אָנצוג אויף אַ שטעקעלע. „נאָ, מעסט דאָס אָן״, האָט ער פאַרגעשלאָגן יעקבן.

יעקב האָט זיך פאַררייטלט: „אַ יישר־כּוח... כ׳נייטיק מיך נישט...״

ער, יעקב, האָט אָפּט געהערט פון מענטשן אַזעלכע פאַרשלאָגן. מען האָט געוואָלט טאָן פאַר אים, באַקליידן אים, פאַרבעסערן זיין לאַגע, העלפן אים מיט דעם און מיט יענעם. דאָס איז אים געווען דערווידער און עס האָט אים אויפגערעגט. וואָס האָט ער דאָס אַזעלכעס פאַרמאָגט אין זיך וואָס האָט גורם געווען, אַז מענטשן זאָלן אויף אים קוקן ווי אויף אַ נעבעכל? ער האָט זיך געשעמט, נישט פאַרשטאַנען וואָס עס איז געווען דער מער מיט אים. אָפּט מאָל איז אים גאָר געווען שווער אָפּצוזאָגן די טובות וואָס מען האָט אים געוואָלט טאָן — כּדי נישט צו פאַרשעמען יענעמס גוטע כּוונות.

פונקט ווי אין פאַל מיט ברוך ווייסקאָפּן, האָט אויך די באַקאַנטשאַפט מיט ר׳ איטשעלען גורם געווען, אַז דער באַגריף פון קלאַסן־מחיצות זאָל מטושטש ווערן און די אָפּגרענעצונג צווישן „מיר״ און „זיי״ זאָל פאַרבלאַסט ווערן. ער, יעקב, האָט געדאַרפט פיינט האָבן ר׳ איטשעלען דעם קלאַסן־שונא, וועלכער האָט זיך גאָרנישט אָנשטענדיק באַצויגן צו זיינע אַרבעטערס און זיי זיינען זייער אָפּט געווען געצוווּנגען צו שטרייקן. אָבער ער איז אַריינגעקומען אין ר׳ איטשעלעס הויז ווו עס האָט זיך געטאָן ווי אויף אַ יאַרמאַרק מיטן כּסדרדיקן געגיי פון אַלע מינים צייטווייליקע און סטאַלע קעסטקינדער. און ער האָט צוגעקוקט צו ר׳ איטשעלעס מעשׂים־טובים, אויסגעהערט זיינע ערנצטע דאגות וועגן דעם און יענעם, געזען מיט וויפל פרעמדע און אייגענע ער איז טאָג־טעגלעך געגאַנגען צום טיש — דעם טיש וואָס איז פון אין דער פרי ביז ביי נאַכט געווען באַשטעלט מיט דעניצעס עסן, באַלייגט מיט לאַבנס ברויט.

איז דאָס פיינט האָבן געווען אַ שווערע זאַך. די טעאָריע פון קלאַסנקאַמף איז דאָ געבליבן בלויז אין מוח. ווייל ער, יעקב, האָט גערן געהאַט ר׳ איטשעלען. ער האָט גערן געהאַט אַרויפצוקומען צו אים אין שטוב „אויף אַ שאַך״, זיצן אין בעל־הבית׳ חדר, אויף אַ שווערן, לעדערנעם פאָטעל. אַ משרת האָט אַריינגעבראַכט טיי, אַ שטאַרק אָנגעצויגענעם, מיט פליטשן ציטרין, מיט אַ קלאָש צוקער, אַ טעלערל איינגעמאַכטס. נאָך די פאַרטיעס שאַך פלעגט נאָכקומען אַ שמועסל, לייכט, אָנגענעם, וועגן אַלעם וואָס האָט זיי ביידן אינטערעסירט — אַחוץ פאָליטיק.

פאָליטיק האָט ר׳ איטשעלע פיינט געהאַט בלב־ונפש. פאָליטיק איז געווען ביי אים אַ שפּיל פון טייוול, אַ שפּיל פון ליגנס, אַ ליציטאַציע פון בלאָפערייען, אַ באָדן פאַר צעבלאָזענע, קליינלעכע אַמביציעס, וואָס האָבן דערפירט צו דער

ירידה פון דער וועלט. און יעקבן איז נישט געגאַנגען אין לעבן קלאָר צו מאַכן פאַר ר׳ איטשעלען ווי אַזוי ער אַליין האָט זיך פּאַרקוקט אויף דעם ענין. ער האָט קליפּ און קלאָר געוווּסט, אַז יעדער איינער האָט געזען דאָס לעבן לויט דעם וואָס עס האָט זיך געטאָן אין זיין קעשענע, אויף וועלכער זייט פון דער באַריקאַדע ער האָט זיך געפונען. און פּרווון איינער דעם אַנדערן איבערצייגן, איז אין דעם פאַל געוועזן נישט מעגלעך. קיינער האָט נישט געוואָלט טראַכטן אַנדערש ווי אין הסכם מיט זיינע פּערזענלעכע אינטערעסן. דאָס שמועסן מיט ר׳ איטשעלען וועגן אַלעם אין דער וועלט, אויסער פּאָליטיק — האָט יעקבן אַנטשפּאַנט פון טומלדיקן, אָנגעשטרענגטן פּאַרטיי־לעבן און האָט אים אָפּגעפרישט.

יעקבס באָטשאַנישער צעלאָמיעטער פּויליש האָט נישט געמאַכט דעם בעסטן איינדרוק אויף ר׳ איטשעלען, וועלכער האָט טאַקע אַליין נישט גערעדט קיין בעסערן — אָבער וועלכער איז געוועזן אַ מבין אויף אַ גוטן פּויליש, ווען ער האָט אים געהערט. ער האָט טאַקע אָנגעזאָגט יעקבן, ווען ער האָט אים אַריינגענומען אין זיין עלעגאַנטן שיכגעשעפט ווי אַ פּאַרקויפער, אַז ער זאָל זיך אַ נעם טאָן צו לערנען דאָס לשון, און דערווייל זאָל ער זיך האַלטן נאָענט פון דעם הויפּט־פּאַרקויפער, דעם פּאַן מאַריס.

„דער פּאַן מאַריס רעדט אַ קלאַסישן פּויליש", האָט ער דערקלערט יעקבן מיט אַ הוזקדיק שמייכעלע. „ווייל ער האָט געענדיקט אַ קלאַס... איין קלאַס גימנאַזיע. אויסער דעם", האָט ר׳ איטשעלע צוגעגעבן, „איז דער פּאַן מאַריס אַזוי אינטעליגענט, אַז ער רעדט נישט קיין וואָרט יידיש און ער פאַרגעסט בכלל, אַז ער איז אַ געמלעטער. נאָר וואָס? ר׳איז מיינער אַ קרוב, מיט אַ שמינטע־ליגענט ווייב מיט צוויי טעכטער גימנאַזיסטקעס, און קיין אַנדער פאַך אין האַנט האָט ער נישט... און קיין אַרבעטסלאָזע, ווי ד׳ווייסט, פעלט נישט אין שטאָט... האַלט איך אים. פאַרשטייסט?" ר׳ איטשעלעס אויגן האָבן וואָרעם אויפגעלויכטן. „ווער ווייסט? דער פּאַן מאַריס קאָן נאָך אַ מאָל ווערן אַ שטיקל ייִד לעבן דיר. און... און אפשר ווייסטע נישט, יעקב, נאָר דאַכט זיך, אַז אויב אַפילו אַ גזלן וואָלט געווען אַ ביסל צייט מיט דיר, וואָלט ער זיך אויך אפשר אַ קאַפּעטשקעלע אויסגעמענטשלט".

„זאָגט דאָס נישט, ר׳ איטשעלע", האָט יעקב צעטומלט אַ שטאָמל געטאָן.

„פאַר וואָס זאָל איך נישט זאָגן, אַז איך פיל אַזוי?"

„מיך נישט אַריינצוברענגען אין אַ פאַרלעגנהייט". יעקב האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ און איז אַרויס פון ר׳ איטשעלעס חדר ביי צייטנס, נישט אַרויסצופּלאַצן און דערקלערן ר׳ איטשעלען גלייך אין די אויגן, אַז ער, יעקב, איז אַ בונדיסט. לויט אים נאָך, האָט ר׳ איטשעלע שוין אַ ביסל איבערגעכאַפּט די מאָס מיט זיין פריינדלעכקייט.

דער געהאַלט וואָס יעקב האָט באַקומען אין ר' איטשעלעס עלעגאַנטן שיכגעשעפט איז נישט געווען קיין סך אַ גרעסערער ווי דאָס וואָס ער האָט פאַרדינט אין דער וועבעריי. דערפאַר איז די אַרבעט געווען אַ לייכטערע, און אַנגענעמערע און דער אַרבעטסטאָג אַ קירצערער. יעקב האָט איצט געטראָגן אַ שיינעם אַנצוג ביי דער אַרבעט, ווייסע מאַנקעטן, אַ שטייפן קראָגן מיט אַ שניפּס. דער אַנצוג איז געווען אַ מין ברווינער „מונדיר" וואָס אַלע פאַרקויפערס האָבן געטראָגן, און אַזוי ווי יעקב האָט זיינעם געירשנט פון דעם פריִערדיקן פאַרקויפער, זיינען די הויזן געווען אַ ביסל צו קורץ אויף אים.

דער פאָן מאָריס, וועלכער האָט אין האַרצן, אַנשטאָט דאַנקבאַרקייט, געטראָגן אַ גיגאַנטישע קינאה צו ר' איטשעלע היטלמאַכער, האָט יעקבן אָפּט דערמאָנט וועגן דעם פריִערדיקן פאַרקויפער. דער פריִערדיקער פאַרקויפער, האָט דער פאָן מאָריס אינפאָרמירט יעקבן, איז געווען אַ פאַכמאַן אין דער שיכבראַנזשע און אַן ערשטקלאַסיקער „פאַלאַניסט", און דערצו אַ מענטש מיט אַ משפּחה אויסצוהאַלטן. ר' איטשעלע האָט אים משלח געווען בלויז דערפאַר ווייל ער האָט געוואָלט אַריינגעמען אים, יעקבן — דעם גרינהאָרן און פּראָסטאַק — אויף זיין אָרט. דער פאָן מאָריס האָט די עפּיטעטן „גרינהאָרן" און „פּראָסטאַק" נישט אַרויסגעבראַכט אויף די ליפּן, אָבער ער האָט דאָס אַזוי קלאָר געמאַכט, אַז יעקב האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין אַנדערש.

האָט זיך יעקב נישט געוווּנדערט וואָס דער העפּלעכער פאָן מאָריס האָט נישט געהאַט קיין גרויסע סימפּאַטיע פאַר אים און וואָס די איבעריקע פאַרקויפערס האָבן אויך געקוקט אויף אים מיט אומצוטרוי. ס'איז געווען משונהדיק. דאָ, אין שיכגעשעפט, איז ער, יעקב, געווען ר' איטשעלעס אַ מענטש, זיך געפונען אויף יענער זייט פון דער באַריקאַדע — און ער האָט אַליין גענומען פאַרלירן די סימפּאַטיע צו זיך. ער האָט כסדר געהאַט אין זינען דעם אַנגעשטעלטן וועמעס ברויט ער האָט געגעסן, בפרט, אַז דער פאָן מאָריס האָט בקול־רם אינפאָרמירט די אַנדערע פאַרקויפערס, אַז זייער אָפּגעזאָגטער קאָלעגע האָט נאָך אַלץ קיין פּאָסטן נישט געפונען און אַז ביי דער היינטיקער אַרבעטסלאָזיקייט בלייבט אים נישט איבער עפּעס אַנדערש צו טאָן, ווי זיך נעבעך אויפהענגען צוזאַמען מיט זיין אינטעליגענטער משפּחה.

אַז יעקב האָט זיך אַנגעקוקט אין שפּיגל ווו די קונהטעס האָבן זיך באַטראַכט אין די שיך וואָס זיי האָבן געמאָסטן, האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער זעט אין שפּיגל נישט זיך — נאָר ר' איטשעלען. ער האָט בולט געהערט ר' איטשעלעס קול, מילד, פאַטערלעך אים דערמאָנענ: „איין זאַך זאָלסטע געדענקען, יעקב, טאָמער פאַלט דיר אַ מאָל איין אַריינצוקריכן אין דעם זומפּ וואָס רופט זיך פאַראייען־שמאַרטייען, וואָס זיי זאָלן נישט זיין, האַק איך אָפּ מיט דיר. בלויז אין דעם פאַל, פאַרשטייסטע מיך, וועל איך זיין אַ נוקם־ונוטר לגבי דיר. ווייל ביי

דעם אַלעם, ביז איך נאָך אַלץ אַ ייִד בלב־ונפש און די... די באַנדעס קאָנען גאָך דערפֿירן צו אונדזער אונטערגאַנג, יאָ אַ פֿריי פּוילן, נישט אַ פֿריי פּוילן".

„וואָס רעדט איר, ר' איטשעלע?" האָט יעקב מיט אַ ביטול צו זיך, אין האַרצן געענטפֿערט דעם בעל־הבית. „דאָ געהער איך דאָך אויסשליסלעך צו אייער פּאַרטיי".

ער האָט אַנגעהאַלטן דעם סוד וועגן זיינע פּאָליטישע דרכים און ביי דער אַרבעט זיך נישט אויסגעגעבן מיט קיין וואָרט, כּדי מען זאָל נישט דערטראָגן צו ר' איטשעלען. בכלל האָט ער דאָ אַ ביסל געשפּילט דעם תּם, כּדי עס זאָל זיך דעם פּאַן מאָריס נישט לוינען אים אַזוי שאַרפֿזיניק צו קריטיקירן, צי מסורן אויף אים. ער, יעקב, האָט זיך געפֿילט צוגעבונדן צו ר' איטשעלען, ווי ער וואָלט נאָר וואָס געפֿונען אַ טאַטן און מורא באַקומען אים אַזוי גיך צו פֿאַרלירן. און דער צופֿאַל וואָס זיין, יעקבס אַזוי פֿרי־פֿאַרשטאַרבענער עלטסטער ברודער האָט אויך געהייסן איטשעלע, האָט אָט דעם סענטימענט נאָך פֿאַרשטאַרקט. — און גראָד דאָס געפֿיל האָט אים אָנגעפֿילט מיט בזיון. דאָ האָט ער געהאַט צו טאָן מיט אַ ליבשאַפֿט צו אַ מענטשן — וואָס האָט געטראָגן די סכּנה, אַז ער, יעקב, זאָל פֿאַרלירן זיין אייגן פּנים.

נישט געקוקט דערויף וואָס די הויזן זיינען געוועזן צו קורץ אויף אים, האָט יעקב אויסגעזען פּרינצלעך ביי דער אַרבעט. אַ שלאַנקער און אַ זגראַבנער, דאָס פּנים שמאָל, מיט געטאַקטע אידעלע שטריכן, אַ פֿיינער הויכער שטערן, אַ גלאַטיקע נוס־ברוינע הויט, אַ קאָפּ פֿול מיט געדיכט־צעפּאַליעטע ברוינע האָר און דערצו: דער מאַמע הינדעלעס קוים־קוימיקער שמייכל באַהאַלטן אין די ווינקלען פֿון מויל — דאָס אַלץ האָט געצויגן מענטשלעכע בליקן צו זיך. איין מאָל באַמערקט, האָט מען געמוזט כאַטש נאָך אַ מאָל אַ קוק טאָן אויף אים. עפּעס צוציִענדיקס איז געווען אין זיין פּנים. אַ מילדקייט האָט אַרויסגעשטראַלט פֿון זיין מענלעך־יונגער געשטאַלט, צו מאָל אַ טרויעריקע צעטומלטקייט, וואָס האָט דערוועקט אין מענטשן אַ ווילן אים אָנצונעמען פֿאַר אָט דער שטאַרקער, אויסגעפּראַצעוועטער האַנט, ווי עס וואָלט געווען אַ קינדס הענטל — און אים טרייסטן, אַז אַלץ איז אַ סך פּשוטער ווי אים דאַכט זיך. ס'זיינען אויך פֿאַראַן געווען מענטשן, ווי למשל דער פּאַן מאָריס און די אַנדערע פּאַרקויפֿערס, וועמען די זעלבע שטריכן פֿון יעקבס אויסזען זיינען אויסגעקומען אַנטיפּאַטיש. טייל האָבן אים געהאַלטן פֿאַר אַ בטלן, אַנדערע פֿאַר אַ צבֿועק.

די דאַמען, די אַמאָליקע און ניי־אויפֿגעקומענע גבֿירטעס וועלכע זיינען אַריינגעקומען אין געשעפֿט אַרומגעהילט אין טייערע פֿוטער־מאַנטלען, אין גראַציעזע זילבערפֿוקסן, אַרומגעוויקלט מיט אַ וואָלקן פּאַרפֿומען־ריחות, האָבן אַרויסגעוויזן יעקבן ממש אַן אונטערטעניקע מוטערלעכע, צי שוועסטערלעכע אויפֿמערקזאַמקייט — בעת זיי האָבן אים דערלאַנגט אַ פֿוס אָנצומעסטן אַ שוך. בעת־מעשׂה האָבן זיי טיף אַריינגעקוקט אין זיינע אויגן, און נישט געקוקט אויף זיין קרומען

און לאַמען פּויליש, האָבן זיי פאַרלאַנגט, אַז נישט קיין אַנדערער, נאָר יעקב זאָל זיי באַדינען. די אַנדערע פּאַרקויפערס האָבן אונטערגעשמייכלט אין די ווינקעלעך, סיי מיט קינאה, סיי מיט פאַרגעניגן.

„פּאַניע פּאַלין, זיי ווילן אייך...״ האָבן זיי אונטערגעשטופּט יעקבן פאַרן אַקסל, ער זאָל צוגיין צו דער צי יענער קונהטע.

יעקבן האָבן די גלעטנדיקע פרויענבליקן אָנגעפילט מיט נאָך אַ גרעסערן ווידערווילן צו זיך. „ז׳קוקן נישט אויף מיר, נאָר אויף עפּעס אַ ליאַלקע״, האָט ער אין זיך געצאַרנט.

דאָך האָט געטראָפן, אַז ווען אַ יונגע פרוי האָט געקוקט אויף אים, בעת זי האָט אים, אַזוי אינטים, דערלאַנגט דעם אָנטבלויזטן פוס אין אַ זיידענעם זאָק — האָט די ביטערניש זיך פאַרמישט מיט טראָפּנס זיסקייט. ער איז געוואָרן צעטומלט, פאַרכישופט. דער קאָנטאַקט פון זיין האַנט מיט אַן אידל־אויסגעשניטענער סטאָפּע איז געווען עלעקטריזירנדיק. עס האָט באַטייט אַ סך מער ווי אַ האַנטדרוק, הגם דאָ האָט זיך געהאַנדלט אין אַזאַ פּראַקטישן ענין ווי צופּאַסן אַ פּאָר פּאַנטאָפל. אַ סטאָפּע האָט אַ פרוי אַרומגעטראָגן באַהאַלטן פון אַלעמענס אויגן; בעת אַ האַנט, אַפילו אין אַ הענטשקע, איז געווען פריי פאַר יעדן צו זען. און דאָס האַלטן אַזאַ סטאָפּע אָנפּאַרטרויט אין דער האַנט — כדי זי צו באַפּאַנצערן, באַשיצן פון שטיינער, פון קעלט און בלאָטעס — האָט געשאַפן אַ פאָדעם פון אויגנבליקלעכער נאָענטקייט.

עלטערע פיס איז אים אָנגעקומען אַ סך לייכטער צו באַדינען. די עלטערע פרויען האָט מען געקאָנט אָן גרויסער שפּאַנונג ענטפערן אויף די וואַרעמע בליקן מיט אַ פריינדלעכן כמו־זונישן שמייכל. דערפאַר האָבן אָבער די פיס גופא געשאַפן גרעסערע פּראָבלעמען. מער ווי איין מאָל האָט יעקבן עפּעס אַ צופּ געטאָן ביים האַרצן: אַ מיטגעפיל פאַר אַ פוס. דורך אָט די פיס האָט ער זיך אָנגעהויבן לערנען וועגן די פרויען וועמען זיי האָבן אָנגעהערט. ער האָט געקאָנט אָנען וועגן אַ פרויס לעבן — לויט די אויסגעקרימטע, געהויקערטע פיספינגער, די אָרויס־שטאַרצנדיקע זייטנביינער, די פּלאַטפיס, די הינעראויגן, די איינגעוואַקסענע נעגל, דיביילן אויף די פּאָדעשוועס. דאָס אַלץ זיינען געווען אַ פרויס מיילשטיינער אויף איר וועג דורכן לעבן, געוויזן ווו זי האַלט — וויפל יוגנט ס׳איז נאָך פאַרבליבן אַרום אירע קנעכלעך, וויפל פרייד זי האָט נאָך געקאָנט פאַרנעמען מיט די פינגערשפּיצן, וויפל אומרו... און וויפל עס האָט זי נאָך אָפּגעטיילט פון דער אייביקער רו.

יעקב האָט זיך אָפט מאָל געוווּנדערט וואָס וועגן די פרויען, זיינע קליענט־קעס, די רייכסטע דאָמעס פון שטאָט, האָט ער קיין מאָל נישט געטראַכט ווי וועגן אָנגעהעריקע צום פיינטלעכן לאַגער. דער ביטול צו זיך, וואָס ער האָט געפילט, האָט געהאַט צו טאָן מיט דער ראָלע וואָס ער האָט דאָ געשפּילט, מיט דער עצם

פונקציע זיינער — אָבער האָט נישט געהאַט קיין דירעקטן שייכות צו זיי. אַ סך נעמען פון די דאָמעס האָט ער גוט געקענט. קעגן זייערע מענער, צי זייערע פאָר־טערס האָט מען געשטורעמט אויף די מאַסן־מיטינגען. דאָך האָט יעקב צו זיי גופא, צו די פּרויען, גיכער געפילט אַ מין צערטלעכקייט, ווי מען פילט צו זינגפיי־גל אין טייערע שטייגן. זיי האָבן געהערט צו גאָר אַן אַנדערער ראַסע, נישט צו דער פון זייערע מענער, און אויך נישט צו דער ראַסע פרויען — זיינע, יעקבס חברטעס.

3

די שוואַרצהאָריקע פּאַננאַ פּאַלטשאַ האָט פאַרמאָגט אַ פּאָר זייער גרויסע, זייער שוואַרצע אויגן, פולע מיט אַ ברייקן טרויער. זי האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין שיכגעשעפט אַפילו ווען זי האָט נישט געברויכט קיין נייע שיך. זי איז געווען אַ בת־יחידקע ביי אַ טאַטן, אַן אַסימילירטן, פויליש־רעדנדיקן יוועליר, ברוך ווייסקאָפּס אַ באַקאַנטן, און האָט געוווינט אויפן ערשטן שטאָק, אין דער דירה דירעקט איבערן געשעפט. גאָר אָפט האָט מען דורכן סופיט געקאָנט הערן דער פּאַננע פּאַלטשעס לייכטע טריט, צי איר געזאַנג פון פוילישע באַלאַדעס, וואָס זי האָט זיך באַגלייט אויף דער פּיאַנאָ, צי איר פאַרשייט וואָרעם געלעכטער.

אין געשעפט האָבן זיך געטראָפן שעהען ווען עס האָבן זיך קיין קליענטקעס נישט געוויזן. דעמאָלט האָט יעקב געקאָנט אַרויסלויפן אויף אַ שעה דערליידיקן אַ פּאַרטיי־ענין, אָדער ער איז געזעסן אין לאַגער־חדרל דעם אָנגעפּראָפּטן מיט פּאַליצעס שיך, מיט בערג מיט שאַכטלען, און ער האָט געלייענט.

קיין סאָציאַליסטישע ליטעראַטור האָט ער נישט מיטגענומען אין געשעפט אַריין. וואָס מער ער האָט דערקענט זיינע קאָלעגן, די אָנגעשטעלטע, דאָס מער האָט ער זיך אויסגעהיט פאַר זיי. זיי האָבן טאַקע אים, יעקבן, באַטראַכט פאַר אַ שונא, ר׳ איטשעלע היטלמאַכערס אַ שפּיאָן — אָבער זיי אַליין האָבן געדרייט מיט די נעזער אויף דער „זשידאָווסקער כאַלאַטע" וועלכע פאַרשאַפט חרפּה און בושה דער גאַנצער לאָדזשער „ספּאָלעטשענסטווע" — מיט זייערע דעמאַנסטראַציעס און שטרייקן. זיי האָבן גערעדט וועגן דעם „זשידלאַטשען", דאָס הייסט דעם יידיש־רעדן פון פּראָסטן פאָלק, ערגער ווי עס וואָלטן זיך דערלויבט אַנטיסעמיטן. און אַפילו ווען אַ קליענטקע איז געווען אַ גבירטע פון אַלטן שניט, האָט געטראָגן אַ שייטל און האָט צעקאַלעטשעט ביז אומפאַרשטענדלעכקייט דאָס פוילישע לשון — האָבן אָט די ריטערלעכע קאַוואַלערן איר נישט אַרויסגעהאָלפן מיט קיין יידיש וואָרט. מיט גליטשיקע, העפלעכע שמייכלעך האָבן זיי זיך צוגעהערט ווי די יידענע פּייניקט זיך אויף פויליש און מוטשעט זיך אויפצוקלערן ווו דער שוך קוועטשט זי — דערנאָך האָבן זיי אין פּערפעקט־עלעגאַנטן פויליש געבעטן די „שאַנאָוונע פּאַני" זי זאָל דערקלערן וואָס זי האָט אייגנטלעך נאָר וואָס געזאָגט.

די פּאַרקויפערס האָבן נעמלעך געהאַלטן, אַז סוף־כל־סוף האָט מען דערלעבט צו לעבן אין דער „זשעטש פּאָספּאָליטאַ פּאָלסקאַ" — און נישט ערגעץ אין פּיפּידוווקע, — און רעדן פּויליש איז געווען אַ פּאַטריאָטישער חוב.

אַז די פּאַננע פּאָלטשע איז געווען אין דער שטימונג, האָט זי אויפן וועג צוריק פון דער גימנאַזיע אָפּגעטרעטן אין שיכגעשעפט כאַפּן אַ שמועסל מיט די אינטעליגענטע קאָוואַלערן־פּאַרקויפערס. גלייך דעם ערשטן מאָל ווען זי האָט יעקבן באַמערקט זיצן אין שכנותדיקן צימערל מיט אַ בוך, איז זי צוגעשפּרונגען צו אים, זיך אַריבערגעבויגן איבער זיין אַקסל, אויסגערופן: „וואָס לייענט איר?" און אַז זי האָט געזען וואָס ער לייענט, האָט זי אין אַ סאַרקאַסטיש־שפּילעוודיקן טאָן אַ פרעג געטאָן: „איר לייענט ביכער אין פרעמדע שפּראַכן, פּאַניע פּאַלין?"

„דאָס איז נישט קיין פרעמדע שפּראַך", האָט ער איר רויִק געענטפערט. „דאָס איז ייִדיש". ער האָט געוואָרט, אַז זי זאָל אים צו רו לאָזן. זי האָט אים נישט אינטערעסירט; זי האָט אים גיכער אויפגערעגט מיט איר חוצפּהדיקער האַל־טונג, ווי זי וואָלט געווען יעדן איינעמס צעפּיעשטשעטע בת־יחידקע. ער האָט נישט געהאַלטן פאַר זיין חוב זי צו אַמוזירן.

„און וואָס לייענט איר דאָס אַזעלכעס אין ייִדיש, פּאַניע פּאַלין?" איז זי אָנגעגאַנגען אין דעם זעלבן טאָן, און בעת־מעשׂה פון דער ווייטנס זיך איבער־געווונקען מיט די אַנדערע פּאַרקויפערס.

„זשאַן קריסטאָף' לייען איך", האָט יעקב אָפּגעשניטן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז זי ווידער צוגעקומען צו אים און געפרעגט:

„איר לייענט נאָך אַלץ 'זשאַן קריסטאָף', פּאַניע פּאַלין?"

„נאָך אַלץ", האָט ער געענטפערט.

„טאָ לייענט מיר פאָר אַ שטיקל..." איז זי צוגעשטאַנען. „כ'וויל הערן ווי עס קלינגט אין ייִדיש. איך פאַרשטיי ייִדיש", האָט זי זיך באַרימט פאַר אים. „כ'לערן דייטש אין גימנאַזיע".

אַ לאַנגע ווײַלע האָט ער זיך געוואַקלט, לסוף האָט ער אויפגעמישט אַן אָפּשניט וואָס איז אים באַזונדער צוגעפאַלן צום האַרצן און ער האָט איר גאַר פּאַמעלעך גענומען פאַרלייענען:

„דאָס תּכלית וואָס די מאַמע האָט אים מיטגעגעבן ווי אַ באַגלייטער אין זיין גלות איז געוואָרן פאַר אים אַ קוואַל פון חלומות. הגם ער האָט עס נישט געלייענט מיט אַ רעליגיעזן געפיל, איז די עטישע און וויטאַלע ענערגיע פון אָט דער העברעיִשער איליאַדע געוואָרן פאַר אים דער קוואַל אין וועלכן ער האָט אין די אָוונטן אָפּגעוואַשן זיין נאַקעטע נשמה פון רויך און בלאָטע, פון זיין וויטיק".

יעקב האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און ער האָט דערזען פאַר זיך אַן אַנדערע פּאַננע פּאָלטשע. אין אירע שוואַרצע גרויסע אויגן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַ

קינדערשע פּאַרגאַפטקייט, אַזאַ מיט וועלכער קינדער נעמען אויף דאָס מיסטע־ריעזע אין אַ מעשׂה.

„ווי מאָדנע", האָט זי אַ פּרעפּל געטאָן. „איך האָב מיר אויך אויסגעשריבן דעם זעלבן אָפּשניט אין מיין נאָטיצבוך". און אַ ביסל וואַכער האָט זי צוגעגעבן. „אויף פּויליש, פאַרשטייט זיך, איך לייען נאָך נישט גענוג גוט פראַנצייזיש".

דער נייגער האָט זיך אַ צינד געטאָן אין אים. דאָס מיידל האָט פאַרמאָגט צוויי פּנימער, איינס פון אַלע טאָג און אַ צווייטס: דאָס איצטיקע. און ער האָט זי געהאַט געגעבן אַזאַ פּאַרטיק אָפּ אין געדאַנק, און זיך נישט משער געווען.

ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ: „ס'איז טאַקע בעסער צו לייענען אין אָריגינאַל, אָבער... אַזאַ ווערק שיילט זיך אַרויס פון דער שפּראַך ווי פון אַ שאָל".

„דאָס איז אמת", האָט זי איינגעשטימט. זי איז געווען ערנצט. מיט די לאַנגע שוואַרצע האָר וואָס האָבן אַראָפּגעשיינט איבער אירע אַקסלען און דעם איידעלן אָוואַל פון איר פּנים, מיט איידל־ייִדישע שטריכן, האָט זי אויסגעזען ווי אַ ייִדישע פּרינצעסין, ווי אסתּר המלכּה. „אָבער וואָס מיך וווּנדערט", איז זי אָנ־געגאַנגען. „איז ווי מען קאָן דאָס דערפילן אין ייִדיש, וואָס איז איבער הויפּט קיין שפּראַך נישט".

זי האָט לייכט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צו אים, אַ וויג געטאָן די שווערע טעקע, אַ פּאַכע געטאָן מיט דער האַנט צו די אַנדערע אַנגעשטעלטע, און איז מיט אַ צוריקגעהאַלטענעם טראַט אַרויס פון געשעפט.

די פּאַננע פּאַלטשע איז נאָך אָפטער צוגעקומען צו יעקבן זען וואָס ער לייענט. זי האָט געטראָגן דאָס געוויינטלעכע פּנים אויף זיך. יעדער מאָל וואָס זי האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער זיין אַקסל, האָט זי זיך פאַרקרימט: „שוין ווידער ייִדיש!" און דאָס שטיפעריש־שפּאַטישע פייערל האָט זיך אָנגעצונדן אין אירע אויגן.

יעקב איז געוואָרן געדולדיקער מיט איר. ער האָט איר געענטפערט: „ייִדיש איז מיין מאַמע־לשון. ס'איז דאַ אַזוי פיל צו לייענען... און אויף ייִדיש גייט מיר שנעלער. און..." האָט ער צוגעגעבן, „ייִדישע ליטעראַטור מוז מען דאָך אַוודאי לייענען אויף ייִדיש".

„ייִדישע ליטעראַטור!" האָט זי אויסגערופן און אירע אויגן האָבן געגנומען בליצן מיט פונקען פון אַ פאַרביסן־ביטערן כּעס. ער, יעקב, האָט אַן ענלעכן בליק באַמערקט ביי אַ סך מענטשן וואָס האָבן נישט געהאַלטן פון ייִדיש. ס'איז נישט געווען סתּם, אַז די שפּראַך איז עמעצן נישט געווען צום האַרצן, נאָר ייִדיש האָט מען פיינט געהאַט מיט אַ מין בייסיקער, פאַרזענלעכער שׂינאה. „ווי שעמט איר זיך נישט צו באַניצן דאָס הייליקע וואָרט 'ליטעראַטור'" האָט זי אַרויסגעפּלאַצט, „אין שייכות מיט דעם זשאַרגאָן פון נידעריקסטן סאָרט? איר מאַכט חוזק פון מיר!"

„איר מאַכט חוזק פון זיך", האָט יעקב רויִק געענטפערט.

„פאַר וואָס מאַך איך חוזק פון זיך, האַ? דערקלערט מיר!" איז זי אָנגרייפּע־ריש געבליבן שטיין מיט אַ פויסטל פאַרלייגט אויף דער היפּט.

„ווייל איר זענט איגנאָראַנט", האָט ער געענטפערט. ער האָט געוואָלט צוגע־בן דאָס וואָרט „אַראָגאַנט" אויך, אָבער ער האָט זיך צוריקגעהאַלטן. בעת־מעשה האָט זיך אים געגלוסט אָנצוכאַפּן דאָס מיידל פאַר די אַקסלען און אַרויס־טרייסלען די קראַנקע רציחה פון איר... און בעת־מעשה האָט זיך אים געוואָלט אַ גלעט טאָן די שיינענדיקע פּאַסמעס האָר וואָס זיינען אַראָפּגערונען אויף אירע אַקסלען, און פרעגן דאָס אויפגערייצטע מיידל־קינד פאַר וואָס זי באַהאַלט איר אמת פּנים; וואָס פאַר אַ וואָרעם עס האָט אַזוי צעפרעסן איר געמיט, אַז זי האָט אַזש געמוזט אויסשרייען, אויסשפּייען אַזוי פיל גאַליקייט.

די פאַננע פאַלטשע האָט זיך ביטער צעלאַכט: „איך בין איגנאָראַנט! איך בין איגנאָראַנט און דער פאַן פאַלין וועלכער ווייסט נישט ווען צו זאָגן 'דוויע' און ווען צו זאָגן 'דוואַ' איז נישט איגנאָראַנט!" האָט זי אויסגערופן צו די אַנדערע פאַרקויפערס. „טאַ אפשר וועט איר מיר זאָגן, טייערער פאַניע פאַלין", האָט זי זיך חוזקדיק פאַרנייגט פאַר אים, „וואָס דאַרפן אַביוואַטעלעס פון דער פּוילישער רעפּובליק רעדן פאַר אַ שפּראַך? דאַרפט מען טאַקע גאַווראַטשען אויף יידיש און זשידלאַטשען אויף פּויליש?" זי האָט געזען ווי דער פאַן מאָריס און זיינע אַרויסהעלפערס שעפּן נחת פון איר, און זי איז אָנגעגאַנגען מיט איר הויכן אַרויסרופערישן טאָן, ווי אַן אַקטריסע וואָס שפּילט פאַר דער גאַלאַרקע. „אַזוי ברענגט מען כבוד זיך און אונדזער ניי פאַטערלאַנד?" האָט זי זיך גע־בייזערט. „אַ וווּנדער, אַז די פאַליאַקן האָבן אייך פיינט און שפּייען אויף אייך?"

יעקב האָט זיך אומעטיק צעשמייכלט. „און אויף אייך נישט, פאַננע פאַלטשע?"

„זאָלט איר וויסן אַז נישט!" האָט זי זיך צערעוועט, אויסער זיך פון כעס. „איך רעד אַ בעסערן פּויליש פון אַ סך כאַמעס זייערע. און איך קען בעסער מיצקעוויטשן און סלאָוואַצקין און די גאַנצע פּוילישע ליטעראַטור ווי עס קענען טויזנטער פאַליאַקן ביי אונדז אין שטאָט! און כ'בין אַ בעסערע פּאַרטריאָטקע און אַ בעסערע פּאָלקע פון אַ סך פון זיי אויך!"

יעקב האָט געוואָרפן אַ בליק אויף דער פאַננע פאַלטשעס שוואַרצע האָר, אויף אירע אויגן אין וועלכע אַ פייַן האָט פאַרבאָרגן געבריט, אויסגעמישט מיט דעם כעס און פאַרביטערונג, און ער האָט געטראַכט, אַז אסתר המלכה האָט מסתמא אַזוי אויסגעזען אין די טעג פון איר אומבאַהאַלפנקייט.

„איר שרייט, פאַננע פאַלטשע", האָט ער רויִק אַ זאָג געטאָן. „אָבער אייערע האָר און אייערע אויגן שרייען נאָך העכער!"

„נישט אמת!" איז זי נאָך מער צערייצט געוואָרן. „דער קאָליר פון מיינע

האָר האָט נישט קיין שייכות דערמיט. איך קאָן זיי אָפּפאַרבן אויף בלאָנד אויב איך וויל!"

„און די אויגן — אויף בלוי? און וואָס וועט איר טאָן מיט דעם ייִדישן טרויעריקן בליק אייערן?"

„רעדט מיר נישט איין אַזעלכע אידיאָטיזמען, פּאַניע־לעבן!" האָט זי זיך גאַליק צעלאַכט. „איר קרעכצנדיקע, אָכצנדיקע לאַמאַגעס, זעט אומעטום טרויער, נאָר טרויער! שטענדיק שלאָגט איר אָן אַ פּאַזשעבאָון טאָן. מיין בליק איז צאַרנדיק! דאָס איז ער! איר ווילט מיך מיט גוואַלד צוריקשלעפּן אין אייער עיפּושדיקן זומפּ! אָבער נעמט זיך דאָס איין מאָל פאַר אַלע מאָל גוט אין זינען אַריין. איך בין נישט ייִדיש און איך וויל נישט זיין און קיינער קאָן מיך צו דעם נישט צווינגען, פאַרשטאַנען? איך בין אַ פּאָלקע און אַ שטאָלצע דערצו, פאַרשטאַנען?" זי האָט אַ כאַפּ געטאָן די טעקע און איז צו צו די פּאַרקויפערס, וועלכע האָבן מיט הנאה נאָך אַלץ צוגעקוקט צו דער סצענע. „איר'ט געהערט, פּאַניע מאַריס, די פאַררעטעריש־סקאַנדאַליעזע, די אַלט־פּרענקיש־בטלנישע רייד?"

דער פּאַן מאַריס און די איבעריקע פאַרקויפערס האָבן באַדויערנדיק געשאָקלט מיט די קעפּ: „דאָס איז ליידער אונדזער לאַגע".

„אָבער זי טאָר אַזוי נישט פאַרבלייבן!" האָט די פּאַננע פּאָלטשע געקלאַפּט מיטן פויסטל אין טיש און זיך נישט געקאָנט באַרויִקן. „מיר מוזן קעמפן קעגן די וואָס באַליידיקן אונדזער כבוד! מען מוז זיי אויסראָטן, פאַרניכטן ביז צום לעצטן, אַז קיין זכר זאָל פון זיי נישט בלייבן!"

די קומענדיקע מאָל וואָס די פּאַננע פּאָלטשע איז אַריינגעקומען אין געשעפט, האָט זי זיך דעמאָנסטראַטיוו נישט אומגעקוקט אויף יעקבן. און אַז זי האָט יאָ געכאַפּט אַ זייטיקן בליק אויף אים, האָט זי זיך פאַרקרימט, געמאַכט אַ גרימאַסע און גיך אָפּגעקערט דעם קאָפּ. זי האָט געשמועסט מיט די אַנדערע פאַרקויפערס און זיך געפּרווט מיט די אינטעליגענטע קאַוואַלערן פאַרטיפן אין איר באַליבטער טעמע: ביכער, ליטעראַטור. זי איז געווען אַ גרויסע קענערין פון זשעראָמסקין, ריימאָנטן, וויספּיאַנסקין, נאַרווידן און זיך גוט אָריענטירט אין דער גאַנצער אייראָפּעישער ליטעראַטור, אַריינגערעכנט די קלאַסישע, גריכיש־רוימישע. בעצם האָט זי שוין געהאַלטן ביים גרייטן זיך צו דער מאַטורע.

די העפלעכע קאַוואַלערן האָבן, אין תוך גענומען, נישט געהאַט קיין גרינגע אַנונג וועגן וואָס די פּאַננע פּאָלטשע האָט אַזוי זאַפטיק גערעדט — און זיי האָבן געפּרווט איר עלעגאַנט אָפּענטפערן מיט אַ גלעט איבערן אָרעם, מיט אַ טיף־ערנצטן בליק און מיט פיין־קלינגענדיקע קאָמפּלימענטן; און אויף דעם אופן אַרומגעבעט די אינטערעסאַנטע טעמע מיט פוכיק־אָנגעבלאָזענע פראַזעס. די פּאַננע פּאָלטשע האָט גוט געוווּסט, אַז זי מאַכט זיך צו נאַר און האָט געוואָרפן נאָך כעסיקערע בליקן אויף יעקבן.

ביז זי האָט זיך גובר געווען און איז צוגעקומען צו אים. זי האָט זיך, ווי איר טבע, אַריבערגעבויגן איבער זיין אַקסל און אויסגערופן: „וואָס דען? נאָך אַלץ יידיש?"

יעקב האָט אַ צופרידענער אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו איר. „אָבער זעט וואָס! 'קוואָ וואַדיס' פון שענקעוויטשן לייען איך!"

זי האָט פאַרשאַרצט דאָס נעזל. „כ'האָב געוווּסט, אַז 'קוואָ וואַדיס' איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף אַלע שפּראַכן אין דער וועלט, אָבער..."

איר בליק האָט זיך באַגעגנט מיט זיינעם און ער האָט ערנצט און שטיל זיך צו איר אָפּגערופן: „קוואָ וואַדיס, פּאַננע פּאַלטשע?"

איר פּנים האָט זיך געביטן, ווי אַ שלייער וואָלט זיך אַראָפּגעשיילט דערפון. אַ ווייכקייט האָט מילדער געמאַכט דעם בליק פון די טונקעלע אויגן און אירע ליפּן האָבן זיך צוזאַמענגעצויגן, פאַרשנורט, ווי זי וואָלט מיט זיי וועלן צוריק־האַלטן אַ סוד.

זי האָט אים נישט געענטפערט אויף דער פראַגע, נאָר באַמערקט אין אַ געביטענעם טאָן: „דאַכט זיך, אַז מיר ליידן ביידע פון דעם זעלבן משוגעת: ביכער". און זי האָט אים געגומען דערציילן וואָס זי לייענט, וואָס זי האָט געלייענט, און וואָס זי האָט בדעה צו לייענען. זי האָט זיך נישט געקאָנט אָפּוווּנדערן וואָס פון דער צאָל ביכער וואָס זי האָט דערמאָנט, האָט יעקב אַ סך געהאַט געלייענט, אָדער געהערט וועגן זיי.

ביסלעכווייז האָבן דער פּאַננע פּאַלטשעס לאַיאַליטעטן צו די אַנגעשטעלטע פון שיכגעשעפט זיך געביטן. זי איז אַריינגעפאַלן אין די שטילע נאָכמיטאָגן, באַגריסט זיך מיט די פאַרקויפערס און איז גלייך צו צו יעקבן. די פאַרקויפערס האָבן געוואָרפן שפּיציקע בליקן אין זייער ריכטונג, און ווען פּאַלטשע איז זיי פאַרבייגעגאַנגען אויפן וועג אַרויס, האָבן זיי איר נאָכגערופן: „געדענקט פּאַננאַ פּאַלטשו, מיר'ן דערציילן דער מאַמושע, אַז איר פלירטעוועט מיט קאַוואַלערן!" און זיי האָבן מיט היפּער־זיסע שמייכלעך געפּרוווט פאַרשטעלן דעם פאַקט, אַז זיי האָבן זיך געפילט שטאַרק געטראָפן.

ס'האָט לאַנג נישט גענומען און די פּאַננע פּאַלטשע האָט פאַרבעטן יעקבן, אַז ער זאָל אַרויפקומען זען איר אייגענע ביבליאָטעק. צו איר איבערראַשונג, האָט ער איר לאַנג נישט געענטפערט, און ווען ער האָט דאָס שוין געטאָן, איז דאָס געווען מיט אַן אומהעפלעכן צי מיט די אַקסלען.

„איך לייען דאָך נישט קיין פּויליש".

ער האָט זיך אויפגעפירט סקאַנדאַליעז, מאַגיערנלאָז ביז גאָר. זי האָט זיך באַהערשט און איז צוגעשטאַנען: „איך וועל אייך פאַרלייענען. די פּוילישע פּאָעזיע קאָן זיך דרייסט פאַרגלייכן מיט דער רוסישער", האָט זי אים פאַרזיכערט.

ער האָט געדרייט מיטן קאָפּ: „אין מיטן טאָג לייען איך נישט קיין פּאָעזיע". ער האָט דאָס געזאָגט מיט אַ קוים־קוימיקן שמייכל און צוגעגעבן: „אַפֿילו נישט קיין ייִדישע. ביי טאָג מוז איך זיין ניכטער, און פּאָעזיע מאַכט מיך אָפּט מאָל שיכּור".

זיין באַמערקונג איז איר געפֿעלן, אָבער זי האָט געמאַכט איינע פֿון אירע געוויינטלעכע גרימאַסעס: „פֿהאָ... ייִדישע פּאָעזיע! וויפּאַטשינעס פֿון אַלטע לייט, מסתּמא!"

„ניין, פֿון יונגע", איז יעקבֿס שמייכל ברייטער געוואָרן. „נאָר מיט אַן אַלטער טראַדיציע".

ער האָט דערוואַרט, אַז זי זאָל זיך אַ ביסל מער צעקאָכן און ער וועט פּטור ווערן פֿון זוכן אויסריידן נישט אַרויפֿצוגיין צו איר. אין תּוך האָט ער נישט געהאַט קיין חשק זי צו געווינען פֿאַר ייִדיש. זי האָט נישט קיין אַנונג געהאַט וועגן דעם לשון און נאָך ווייניקער אַנונג געהאַט וועגן ייִדישן לעבן. ער האָט זיך נישט געהאַלטן פֿאַר אַ ריטער וואָס איז בּיכולת געווען צו באַפֿרייען די שלאָפֿנדיקע פּרינצעסין פֿון איר גלעזערנעם פּאַלאַץ.

יעקבֿ האָט נישט געקענט די פֿאַננע פּאַלטשען. אויף מאָרגן ווען ער איז נאָך דער אַרבעט אַרויס פֿון געשעפֿט, האָט ער זי דערזען שטיין אין דרויסן, וואַרטן אויף אים. ער האָט געוואָלט גיך אַריבערלויפֿן די גאַס, אָבער זי האָט אים אָנגעכאַפּט פֿאַרן אָרעם און אים מיט כּוח אַרויפֿגעפֿירט צו זיך אין שטוב.

זיי זיינען אַריינגעקומען אין אַ רחבֿותדיק־גרויסער דירה, אויסגעצירט מיט טיולענע פֿירהאַנגען, מיט אַ שיינענדיק־מאַסיוו מעבל און מיט צעפֿינקלטע שפּיג־לען און קאַנדעלאַבערס. די פֿאַננע פּאַלטשע האָט אַדורכגעפֿירט יעקבֿן דורך אַ לאַנגן קאָרידאָר מיט אַ צאָל צעעפֿנטע טירן צו ביידע זייטן. די טירן האָבן ווי רעמען אַרומגענומען דאָס בילד פֿון צימערן און צימערלעך דעקאָרירטע מיט גאָלד־באַראַמטע בילדער, סקולפּטורן, פּאָרצעלייען, סאָפֿקעס, שאַפֿקעס, גאָבעלינען און טעפּעכער. יעקבֿ האָט זיך געוווּנדערט ווי איין משפּחה פֿון דריי מענטשן האָט געקאָנט לעבן אין אַזאַ ריזיקער דירה און זיך פֿילן געמיטלעך.

„דער טאַטוש מיט דער מאַמושע זיינען פֿאַרבעטן אויף קאָלאַציע", האָט די פֿאַננע פּאַלטשע אים אינפֿאָרמירט. „מיר זיינען אַליין אין הויז, גאָט זיי דאַנק, בלויז די ניאַניע איז אין קיך". זי האָט אַריינגעפֿירט יעקבֿן אין איר צימער, וואָס כּמעט אַ העלפֿט דערפֿון האָט פֿאַרנומען אַ פּיאַנאָ. „איר קוקט אויף דער פּיאַנאָ?" האָט זי געפֿרעגט, אַראָפּגעוואָרפֿן דעם מאַנטל פֿון זיך און אים נאָכלעסיק אַ שליידער געטאָן צוזאַמען מיט דער טעקע אויפֿן פּיאַנאָ־געזעס. „זי דאַרפֿט אייגנ־טלעך שטיין אין סאַלאָן, אָבער... ווי זאָל איך אייך דאָס זאָגן? אָפּט מאָל דאַרף איך איר געזעלשאַפֿט. נישט שפּילן, בלויז זיין מיט איר... ווי מען איז אַ מאָל מיט אַ פֿריינד און מען דאַרף נישט רעדן".

זי האָט צעפּירט די הענט און געבליבן שטיין אַנטקעגן יעקבן אין איר גראַ־נאַטענעם גימנאַזיע־קלײדל מיט פּליסירטע פּאָלדן און אַ ברייטן ווייסן מאַ־טראָסן־קאָלנער פון וועלכן אירע שוואַרצע האָר האָבן זיך נאָך שטאַרקער אָפּגעשלאָ־גן מיט זייער שוואַרצקייט. זי האָט אויסגעזען יינגער, קינדערשער און מער דירעקט. דאָס שטעכיק־בייסיקע איז פאַרשוווּנדן פון איר פּנים.

„נו, וואָס שטייען מיר?‟ האָט זי אויסגערופן און אַראָפּגעוואָרפן די שיך.

זי האָט געטראָגן דיקע ברוינע זאָקן ווי אַלע שולמיידלעך און ווען זי האָט אַ שפּרונג געטאָן אויף דער סאָפקע און געבליבן זיצן מיט פאַרצויגענע פיס אונטער די שירעמדיקע פּליסן פון איר קלײדל, בלויז מיט די סטאָפּעס אין דרויסן — האָט יעקב מעכאַניש געוואָרפן אַ בליק אויף די סטאָפּעס. זיי זיינען געווען קליין, פיין אויסגעשניטן. איצט האָט ער דורך די זאָקן געקאָנט זען די פאָרעם פון יעדן איינעם פון אירע דראָבנע פּיספינגער.

ער האָט קוים באַוויזן זיך צוצושפּאַרן אויפן אַנדערן ברעג פון דער סאָפע, און שוין האָט זי זיך פונאַנדערגערעדט וועגן איר שול, אירע חברטעס, אירע שטודיעס, אירע לערערס. זי האָט אים פאַרפּלייצט מיט אַ ים פון רייד, שפּאַסיקע באַמערקונגען, שול־אַנעקדאָטן, געלעכטערס — וואָס זייער ציל איז געווען, ווי יעקב האָט גלייך פאַרשטאַנען, צו מאַכן אים פילן היימיש. ווען זי האָט אָנגערופן דעם נאָמען פון איר דירעקטאָר, דעם גרינדער פון איר גימנאַזיע, דעם פאַן ווייסקאָפּ — האָט יעקב פאַרביסן די ליפּן. ער האָט געהאַט אַן אימפּולס מודה צו זיין, אַז אָט דער ליבלינג פון די מיידלעך אין דער גימנאַזיע, אָט דער גרויסער מענטש, אָט דער נאָבלסטער מאַן אויף דער וועלט, איז אים, יעקבן, נישט געווען קיין פרעמדער. אָבער ער האָט באַשלאָסן ליבערשט צו פאַרשווייגן דעם פאַקט.

די פאַננע פאָלטשע האָט גלייך באַמערקט מיט וויפל נייגער און שפּאַנונג יעקב האָט זיך אַצינד צוגעהערט צו איר, האָט זי זיך דעלעקטירט מיט ווייטער־דיקע רייד וועגן פאַן ווייסקאָפּ, און וועגן דער באַזונדערער נאָענטקייט וואָס האָט זי מיט אים געבונדן, ווייל ער איז געווען אַ פריינד פון איר משפּחה.

„אַלע מיידלעך זיינען מיר אייפערזיכטיק‟, האָט זי געכיכיקעט. „זיי זיינען אַלע פאַרליבט אין אים, איבערן קאָפּ!‟ זי האָט אונטערגעוואָרט אַ רגע, געשטאָכן יעקבן מיט אירע לאַכנדיקע אויגן. „איר פרעגט מיך גאָרנישט, צי איך בין אויך פאַרליבט אין אים?‟

„איר זענט?‟ האָט יעקב געפרעגט אַ צעטומלטער, און איז רויט געוואָרן.

„ער איז פאַרליבט אין מיר!‟

„איר... איר האָט געזאָלט מיר פאַרלייענען...‟ האָט ער אַרויסגעשטאַמלט.

זי האָט פאַרוויקלט די אונטערשטע ליפּ, כלומרשט באַליידיקט. „וואָס איילט איר זיך אַזוי, פּאַניע יאַקוב?‟

ער איז געווען שטאַרק הונגעריק, אָבער ער האָט נישט געוואָלט, אַז זי זאָל

אים מכבד זיין מיט שפּייז. ס'איז אים דאָ דושנע געוועזן. ער האָט געוואָלט אָנ־טלויפן און האָט געטראַכט ווי אַזוי דאָס אַדורכצופירן וואָס גיכער, וואָס גלאַטיקער. דערווייל האָט די פּאַננע פּאַלטשע אַ צי געטאָן פאַר אַ גלעקל, און אַן אַלטעטשקע האָט זיך באַוויזן אין צימער, געקליידט אין שוואַרצן, מיט אַ ווייסן טשעפּיק אויפן קאָפּ.

„ברענג אונדז טיי, גיאַניו, מיט שאָקאָלאַד־קיכלעך!" האָט פּאַלטשע באַפוילן. די גיאַניע האָט אָנגעקוקט יעקבן מיט אַ פרעגנדיקן בליק און איז אַרויס. די פּאַננע פּאַלטשע איז צוגעשפּרונגען צו דער ביכער־שאַפע און אַרויסגענומען אַ דין בענדל. „מירן אָנהייבן מיט קאָכאַנאָווסקין, פאַרשטייט זיך", האָט זי געמאָלדן. „איר האָט געהערט וועגן יאַן קאָכאַנאָווסקין, פּאַניע יאַקוב?" האָט זי אים ווידער אָנגערופן ביי זיין ערשטן נאָמען.

יעקב האָט אומזיכער אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ: „עפּעס וואָס..."

„איר קאָנט מיר זאָגן דעם אמת", האָט זי אים געמוטיקט. „און וואָס קוקט איר מיך אַזוי אָן, ווי איר וואָלט מורא געהאַט פאַר מיר? איך בייס נישט... נאַ, קוקט, כ'האָב שוואַכע ציין", האָט זי אים געוויזן אירע דראָבנע ווייסע ציינדלעך.

„גוט", האָט ער זיך צעשמייכלט. „איך ווייס גאָרנישט וועגן קאָכאַנאָווסקין. דערציילט".

פּאַלטשע איז שטאַרק ערנצט געוואָרן. איר שטערן האָט זיך אַזש לייכט פאַר־קאַרבט. „אייגנטלעך האָט מען געדאַרפט אָנהייבן אַ סך פריִער. קאָכאַנאָווסקי געהערט שוין צום פּוילישן רענעסאַנס, איר פאַרשטייט?" זי האָט אַ ווייז געטאָן אויף דעם בענדל וואָס זי האָט געהאַלטן אין האַנט. „אָט די 'טרענעס' דאָ... עלעגיעס, לאַמענטן אויפן טויט פון זיין קליין טעכטערל אורשולאַ... דאָס איז זיין קרוינווערק..."

די גיאַניע איז אַריינגעקומען מיט אַ זילבערנער קרוג, מיט צוויי גלעזער און אַ טעלער שאָקאָלאַד־קיכלעך אויף אַ טאַץ און זיי אַוועקגעשטעלט אויף אַ קליין טישל. זי האָט איינגעגאָסן טיי און דערלאַנגט איין גלאָז יעקבן און דאָס צווייטע פּאַלטשען, און נישט אַראָפּגענומען די בליקן פון דעם יונגן־מאַן אין די אָפּגעטראָגענע מלבושים וואָס האָבן גיכער געפּאַסט פאַר אַ בייגל־הענדלער ווי פאַר איר פּאַניענקעס אַ פריינד.

יעקב האָט רויִק אויסגעהאַלטן איר בליק און ווי נאָר זי איז אַרויס, האָט זיך זיין אויפמערקזאַמקייט קאָנצענטרירט אויפן טעלער מיט די קיכלעך. ער האָט צוזאַמען מיט דער פּאַננע פּאַלטשע אַ זופּ געטאָן די טיי, און האָט בעת־מעשה אַ טראַכט געטאָן וועגן דער קעניגין מאַריע אַנטואַנעט וועלכע האָט געעצהט די מאַסן, וואָס האָבן זיך געקלאָגט אַז זיי האָבן נישט קיין ברויט, אַז זיי זאָלן עסן קוכן. ער האָט העפלעך געוואַרט, אַז די פּאַננע פּאַלטשע זאָל אים מכבד זיין מיט אַ קיכעלע, און ווי נאָר דאָס איז געשען און די פּאַננע פּאַלטשע

האט כרופענדיק די קיכלעך, ממשיך געווען דאס דערציילן וועגן יאן קאכאנאווס־קין, האט יעקב זיך אין גאנצן איבערגעגעבן אין רשות פון דעם שאקאלאד־קיכל וואס האט זיך מיט אלע וווּנדערלעכע טעמען צעשמאלצן אין זיין מויל.

לסוף האט ער זיך דערוואוּסט, אז די פאננע פאלטשע זאל אנהייבן לייענען „די טרעני אויפן טויט פון אורשולען״. ער האט זיך צוגערוקט נענטער צום טעלער, מיט גרויס איבערגעגעבנקייט זיך צוגעהערט צו די טראגישע סטראפעס, און בעת־מעשה אריינגעשטופּט אין מויל איין קיכעלע נאכן אנדערן. ער האט אויפגעהערט צו טראכטן צי ער פירט זיך אויף אנשטענדיק צי נישט. א תאווה צו די קיכעלעך האט אים איינגענומען און די ווייסע בלויזן וואס האבן זיך גענומען באוויזן אויפן טעלער האבן פול געמאכט זיין הארץ מיט אן אומ־באשרייבלעכן צער.

ווען די פאננע פאלטשע האט אויפגעהויבן די אויגן פון בוך, האט יעקב אוועקגעדרייט דעם קאפּ.

צו זיין איבערראשונג האט ער דערהערט ווי זי רופט אויס: „איר זעט ווי אונדזער געשמאק איז ענלעך? איך האב אויך ליב די שאקאלאד־קיכלעך!״

אין דעם מאמענט האט יעקב גערן באקומען די פאננע פאלטשען. „זיי האבן א הימלישן טעם!״ האט ער אויסגערופן.

„וועט מען ברענגען נאך!״ איז פאלטשע אריינגעפאלן אין א התפעלות. זי האט א כאפּ געטאן דעם לערן טעלער און אין די בלויזע זאקן ארויסגעפלויגן פון צימער. באלד איז זי געווען צוריק און אויפן טעלער איז געלעגן א טאפּלטער הויפן שאקאלאד־קיכעלעך. „עסט!״ האט זי אים געמוטיקט און א כאפּ געטאן א קיכל אין מויל.

יעקב האט זיך צוגעכאפּט צו די קיכלעך אן צערעמאניעס. לסוף האט ער זיך אפּגערופן א האלב־געזעטיקטער: „איר מוזט די גאנצע זאך מיר נאך א מאל פארלייענען ווייל... מיין פויליש איז ערגער ווי כ'האב געמיינט״.

זי האט גערן איינגעשטימט. זי האט גענומען לייענען און אויפקלערן. א טראגישע און דאך לייטערנדיקע ליבשאפט פון א טאטן צו א פארשטארבן טעכ־טערל; א ליבשאפט וואס האט מיטן כוח פון דיכטונג אריבערגעשריגן דורך יארהונדערטער. אן אנדערש מאל וואלט ער, יעקב, זיך מסתמא שטארק אריינ־געלעבט אין אט דעם לירישן אויסגאס פון א מענטשנס צער. אבער איצט האט ער מער געטרונקען מיטן אויער דעם קלאנג פון דער פאננע פאלטשעס זינגעווו־דיק־פליסנדיקן קול, ווי די סטראפעס גופא. איר קול האט פארמאגט אן ענלעכקייט צו אירע שווארצע, אראפּפליסנדיקע האר — טונקעלע קאסקאדעס ליכט וואס האבן פארשאטנט די קאסקאדעס פון אומעטיקע ווערטער. און נאך עפּעס האט אים געשטערט אין קאנצענטרירן זיך אויף דעם וואס זי האט געזאגט: דער פאקט, וואס איז אים געווען קליפּ און קלאר, אז די פאננע פאלטשע האט זיך פאר־

מאַסטן ברייט און גרינטלעך אים צו „דערציִען" אין דער פּוילישער ליטעראַטור, שריט ביי שריט. נישט אַז דאָס האָט אים געאַרט. פאַרקערט, ס'איז געוואָרן שפּאַנענדיק צו זיצן דאָ מיט איר, קוקן אויף איר, הערן זי רעדן, פאַרלייענען. וואָס עס האָט אים געשטערט איז געווען די שאלה וואָהין דאָס האָט אים געקאָנט דערפירן.

ער האָט זיך נישט געפילט אומבאַקוועם אין דער פאַננע פּאָלטשעס אַנוועזנהייט. זי איז געווען דירעקט, אוממיטלדיק — נישט ווי ער אַליין איז געווען, אָבער ווי ער האָט ליב געהאַט, אַז מענטשן זאָלן זיין. זי איז אפשר געווען אַ ביסל צו אוממיטלדיק פאַר זיין געשמאַק. אָבער דאָס גראָד האָט אים דרייסט געמאַכט.

בעת דער קומענדיקער באַגעגעניש האָט ער איר גענומען דערציילן די מעשיות פון פאַנאַיט איסטראַטי וואָס ער האָט נאָר וואָס געהאַט געלייענט.

די פאַננע פּאָלטשע האָט וואָס אַ מאָל אָפטער אָפּגעוואַרט יעקבן. אויב ער איז נישט געווען צו הונגעריק און נישט געהאַט קיין פאַרטייפליכטן, איז ער מיט איר אַרויף צו איר אין שטוב. ער האָט באַמערקט, אַז זי פאַרבעט אים נאָר דעמאָלט ווען אירע עלטערן זיינען נישטאָ אין דער היים און ער האָט גאָרנישט געהאַט קעגן דעם; און ס'האָט אים אויך נישט געאַרט וואָס די פריינדשאַפט מיט איר איז געווען נישט מער ווי איינע פון אָט דער בת־יחידקעס עקסטראַוואַגאַנטע שפּילן.

אָפט מאָל, אַז די פאַננע פּאָלטשע האָט אַנטדעקט, אַז דער באַר אין סאַלאָן איז נישט פאַרשלאָסן, האָט זי אים מכבד געווען מיט אַ גלעזל ליקער. אַז דער אַלקאָהאָל האָט זיך גענומען פונאַנדערטראָגן איבער זיינע גלידער, האָט ער אָנגעהויבן צו שפּינען פאַר איר מעשיות וואָס ער האָט אַליין פאַרטראַכט, אָט טאַקע בעת ער איז אַזוי געזעסן מיט איר — פונקט ווי ער האָט דאָס אַ מאָל געטאָן אויף זיינע שפּאַצירן מיט אַבראַשקען, ווען ער איז געווען בגילופין מיט דעם באַטשאַנישן רחבות און מיט אַבראַשקעס בייגער.

אין מיטן דערציילן האָט ער אויפגעכאַפּט דעם טונקל־אָפּענעם, איינשלינגנדיקן בליק פון אירע אויגן, די חלומדיקע צעשפּילטקייט אַרום איר מויל און ער האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז פאַר אים זיצט אַ קליין מיידעלע און אַז ער אַליין איז אַ קינד — און די מעשה איז געוואָרן נאָך מעשהדיקער.

איין מאָל, ווען דער פאָדעם פון דער מעשה האָט זיך אויסגעדריוועט, איז זי לאַנג געבליבן זיצן אַ פאַרהאַרכטע און דערנאָך מיט אַ שווערן, אָנגעלאָדענעם פליסטער אַ מורמל געטאָן: „פאַרשרייבט דאָס, פאַניע יאַקוב. אַזאַ שיינקייט טאָר נישט פאַרלוירן גיין".

„די שיינקייט פון מיין פּויליש?" האָט ער געשפּאָטט.

„אַ, אייער פּויליש. דאָס האָב איך גאָרנישט באַמערקט".

„דאָס איז אַ גרויסער קאָמפּלימענט. באַזונדערש ווען ער קומט פון אייך!"

„הערט אויף צו חוזקן פון מיר, פּאַניע יאַקוב. איר מוזט פאַרשרייבן די מעשה. איך וועל אייך צוהעלפן".

„דאָס וועט מיך מאַכן פאַר אַ שרייבער, פּאַננע פּאַלטשע. און שרייבן גע־הערט נישט צו מיינע אַמביציעס".

זי האָט אים ערנצט, שווייגנדיק אָנגעקוקט, דערנאָך אַ פרעג געטאָן: „וואָס זיינען אייערע אַמביציעס, פּאַניע יאַקוב?"

ער האָט געצויגן מיט די אַקסלען. „כ'האָב נישט געטראַכט דערוועגן".

„איר האָט גאָרנישט קיין פּערזענלעכע אַמביציעס, קיין איינע נישט?"

ער האָט זי אָנגעקוקט מיט אַ לאַנגן פרעגנדיקן בליק. וואָס זיינען טאַקע געווען זיינע אַמביציעס... זיינע פּערזענלעכע? די פּאַננע פּאַלטשע איז זיך פונאַנדערגעשוומען פאַר זיינע אויגן און ער האָט אַריינגעקוקט אין אַ ווייט... אין זיך.

ער האָט אומזיכער אַ מורמל געטאָן: „אפשר האָב איך איינע..." האָט ער מודה געווען. „כ'וויס נישט צי מען קאָן דאָס אָנרופן אַמביציע. אָבער כ'וואָלט למשל געוואָלט... געוואָלט קענען גוט ליב האָבן. דאָס איז גוואַלדיק שווער".

„שווער?" האָט זי קינדיש אָנגעשפּיצט די ברעמען. „ס'איז דאָך לייכט. ס'קומט אַליין פון זיך, ניין?"

„גוט ליב צו האָבן, האָב איך געזאָגט".

„ליב האָבן איז גוט", האָט זי אים געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין.

ער האָט זיך אומבאַקוועם אַ דריי געטאָן אויף דער סאָפע. אָט האָט ער זיך גענומען אַריינפּלאָנטערן אין אַ שמועס וואָס ער האָט גיכער געוואָלט אויסמיידן. דאָך האָט ער שוין געמוזט זאָגן וואָס ער האָט געטראַכט.

„ליבע וואָלט געדאַרפט זיין גוט. אָבער אָפט מאָל איז זי עגאָ‏איסטיש, אַפילו צעשטערעריש, פאַר דעם וואָס מען האָט ליב, און אויך פאַר דעם וואָס האָט ליב. אין ליבע גופא באַגעגענען זיך אַזוי פיל סתירותדיקע געפילן, טייל פון זיי זיינען דער היפּוך פון דער ליבע גופא, און זיי אַלע באַהאַלטן זיך אויס אונטערן מאַנטל פון דעם שיינעם וואָרט".

די פּאַננע פּאַלטשע האָט געבערענט, געפּלאַטערט, פאַרכאַפּט מיט דער אינטרי־גירנדיקער טעמע. יעקב האָט געשמייכלט אין זיך. מסתמא האָט אָט דאָס גימנאַ־זיסטקעלע גאַנצענע טעג פילאָסאָפירט מיט אירע חברטעס וועגן ליבע, מסתמא האָט זי אונטערגעשטראָכן יעדער שורה אין די ביכער, וווּ עס האָט זיך גערעדט וועגן ליבע. און וועגן וואָס האָט זי געשמועסט מיט די בחורים, די גימנאַזיסטן, ווען זי האָט מיט זיי געפלירטעוועט? האָט זי מיט זיי נאָר אַנאַליזירט דאָסטאָיעווס־קין און זיי האָבן מיט איר זיך פאַרהערט אין דער געשיכטע פון גריכנלאַנד און

רוים? — און אפשר איז ער, יעקב, גאָר געווען דער ערשטער מאַן מיט וועמען זי האָט באַרירט אָט די אַנגעלאָדנטע טעמע? ווייל אויב נישט — וואָלט זי דען געווען אַזוי אויפגעברויזט־אומרויִק, אַזוי איבערגענומען, אַזוי ערנצט־פרעגנדיק?

ער האָט דערהערט דעם צעציטערטן קלאַנג פון איר קול: „וואָס מיינט פאַר אייך... די... די ליבע?"

ער האָט זיך אַנגעשטעקט פון איר אומרו, אָבער געענטפערט האָט ער גלייך: „פאַר מיר מיינט דאָס פּראָסט און פשוט העלפן אַ צווייטן מענטשן לעבן. מיין מאַמע, למשל, העלפט מיר לעבן".

די פאַננע פּאַלטשע האָט זיך פּאַמעלעך אויפגעשטעלט, צו צו דער פּיאַנאָ מיט קעציש־ווייכע אומהערבאַרע טריט, אַ גלעט געטאָן די קלאַווישן... איין אַקאָרד... אַ צווייטן. און צו גלייך מיט די אַקאָרדן האָט זיך געטראָגן צו זיין אויער איר קול, פליסטערנדיק־אַנגעלאָדנט.

„איך וויל אייך העלפן לעבן, יאַקוב".

ער איז אויפגעשפּרונגען פון דער סאָפע אַ צעטומלטער. „אַ... אַ דאַנק", האָט ער אַ שטאַמל געטאָן, אויסגעהאַלטן איר אָפּענעם, איינשליגנענדיקן בליק, און קוקנדיק אויף איר, זי אויפגעהערט צו זען. ער האָט מער גאָרנישט געהאַט וואָס דאָ צו טאָן. האָט ער אויסגעשטרעקט צו איר די האַנט. זי האָט אים דערלאַנגט אירע, אַ פאַרפרעסטע אין אַ פויסטל, ווי ביי אַ קינד אין ווייטיק. פּאַמעלעך האָט זי פונאַנדערגעוויקלט די פינגער און אים אָפּגעענטפערט שלאַבעריק, מיט אַ האַנטדרוק.

אויף מאָרגן האָט אים די פאַננע פּאַלטשע אָפּגעוואָרט ווי קיין מאָל גאָר־נישט און אים גענומען פאַרן אָרעם. ער האָט באַמערקט די אַנגעשוואָלנקייט אונטער אירע אויגן און האָט זיך משער געווען, אַז זי האָט געוויינט. ער האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט אַרויפצוגיין צו איר אין שטוב. ער האָט נישט געהאַט קיין צייט און נישט דאָס געמיט אַפילו אין גאַס צו פאַרביטן מיט איר אַ פּאָר ווערטער. די פּויליש־באָלשעוויסטישע מלחמה איז געווען אין סאַמע ברען און אין זיין קאָפּ האָט געבושעוועט אַ שטורעם.

זי האָט נישט אָפּגעלאָזט זיין אָרעם און געפּרוווט שפּאַסן מיט אים: „איך שווער אייך, אַז מיך אַרט נישט אייער אַבסעסיע מיט יידיש און נישט אייערע אַנדערע אַבסעסיעס... איר מעגט זיך האָבן אייערע סקאַנדאַליעזע, דערהויבענע מיינונגען וועגן דער באַלוטער פּאָספּולסטווע... נו, קומט!" האָט זי אים אַ צי געטאָן. ער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט און איר קול האָט זיך געביטן, וואָרעם־אַנגעלאָדנט געוואָרן. „איך פאַרשטיי נישט..." זי האָט אַ רגע געשוויגן. „דערפאַר ווייל איך האָב אייך געזאָגט... געלאָזט וויסן, אַז איך האָב אייך ליב... שטראָפט איר מיך?" ער האָט פאַרביסן די ליפּן און זי איז דרייסטער געוואָרן. „ווען איך

וואָלט דאָס פאַרשוויגן, וואָלטן מיר געבליבן פריינד, האַ? פאַר וואָס טאָרן מענטשן נישט זאָגן דאָס גוטע וואָס זיי פילן?״

„זייט מיר מוחל״, האָט ער געפּרעפּלט. „אַנטשולדיקט״. ער האָט זיך געפּרוּווט באַפרייען פון איר האַנט אַרום זיין אָרעם.

זי האָט אים נישט אָפּגעלאָזט. „כ׳וועל אייך נישט מוחל זיין. איר מוזט אַרויפקומען. כ׳זאָג אייך צו, אַז איך וועל זיך מער נישט... נישט נאַריש מאַכן. מירן לייענען צוזאַמען...״

איז ער ווידער אַרויף צו איר אין צימער. זיי האָבן, ווי געוויינטלעך, געטרונקען טיי, געכרופּעט קיכלעך, געלייענט און געשמועסט וועגן ביכער.

די פּאַננע פּאָלטשע איז באמת געווען באַלעזן, אינטעליגענט און ס׳איז געווען באַלערנדיק און אָנגענעם צו שמועסן מיט איר. זי האָט אים אַפילו געמאַכט פאַרגעסן וועגן דער מלחמה... די זאָרגן... די פליכטן זיינע. אָבער זי האָט געהאַט צו גליטשיקע שוואַרצע האָר און צו טיפע, צו שוואַרצע, צו פאַרשלינגענדיקע אויגן. זי האָט געהאַט אַ בויגעוודיקע פיגור, אַ דראַבנע צאַרט־אויסגעשניטענע סטאָפּע און אַ קעצישן גאַנג. יעדער איר באַוועג, יעדער פלי פון איר בלייכן, קליינעם הענטל מיט די שלאַנקע דינע פינגער, ווען זי האָט עפּעס דערקלערט, האָט געוואָרפן צו זיך מיט אַ הייסן פאַרבאָרגענעם רוף, פון אַ פייער וואָס האָט געטליִעט אין דעם קילן, סודותדיקן לייב אירן — אַ רוף אַן פאַרבאַהאַלטן.

כדי אָנצוהאַלטן די קלאָרקייט פון די געדאַנקען, האָט ער פאַרפירט דעם שמועס אויף האַרטע, קאַלטע דרכים. ער האָט אויפגערופן די ווירקלעכקייט פונעם דרויסן אין זיין מחשבה און האָט גערעדט צו איר וועגן דער סאָציאַלער לאַגע, וועגן דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, וועגן דער מלחמה מיט די באָלשעוויקעס וואָס האָט זיך צעבושעוועט צוליב די גרענעצן. ביז איצט האָט ער קיין מאָל נישט באַרירט אָט די טעמעס מיט איר. און עס האָט אָצינד אויך נישט געהאָט קיין זינען, סיידן ער וואָלט איר געקאָנט לכל־הפחות ווייזן אָט די וואָר, זי זאָל זי זען מיט אירע אייגענע אויגן.

דאָך האָט ער נישט אויפגעהערט צו ריידן. וואָס שטאַרקער דער רוף פון איר לייב האָט זיך צעברויזט אין זיינע גלידער, דאָס מער האָט ער זיך צעפייערט, געהאַלטן אַן אָנגעלאָדענע דרשה פאַר איר וועגן די אָנגעצונדענע האָפענונגען פון מיליאָנען, וועגן די נייע צייטן וואָס האַלטן ביים קומען, צייטן פון יושר, פון אמתער ברודער־ליבע, פון פריינדשאַפט צווישן פעלקער און דער פרייד פון זאַטע קינדער. ער האָט אַפילו געעפנט דאָס האַרץ פאַר איר און איר דערציילט וועגן זיין צער אין שייכות מיט דער מלחמה צווישן פוילן און די סאָוועטן.

„יאָ״, האָט ער איר דערקלערט, „איך בין פונקט אַזאַ גוטער פוילישער פּאַטריאָט ווי איר, פּאַננע פּאָלטשע... דערפאַר האָב איך צעשפּאָלטענע געפילן... כ׳מיין, וואָס שייך פוילן און די סאָוועטן. ווייל דאָרטן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד

בויט זיך אַצינד דאָס נייע לעבן, דער ערשטער גרויסער עקספּערימענט. און, איר פאַרשטייט... עס וועט זיין שווער פאַר מיר צו גיין אין דער פּוילישער אַרמיי און קעמפן קעגן דער רויטער אַרמיי, אַן אַרמיי פון פּויערים און אַר־בעטערס...״

די פאַננע פאַלטשע האָט אַנגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר אויגן: „איר? קעמפן?״

ער האָט זיך צעשמייכלט. „וואָס ווונדערט איר זיך אַזוי? כ׳זע נישט אויס אויף קיין וואַזשנעם סאָלדאַט, מיינט איר? נישקשה, גרעסערע שלימזלען האָבן זיך אויסגעלערנט די תורה גאָר גיך. וואַרט איך אויף מיין מאָביליזאַציע־צעטל״.

זי האָט אַ שוידער געטאָן. דאָס בלוט איז אָפּגעפלאָסן פון איר פּנים. „ווי מאַדנע״, האָט זי געפּרעפּלט. „איך בין אַ פּאַטריאָטקע... און דאָ וויל איך נישט, אַז איר זאָלט גיין אויפן פראָנט״.

„איך וויל אויך נישט...״

איידער ער האָט פאַרענדיקט דעם זאַץ, איז זי שוין געווען לעבן אים, איר גוף האַרט לעבן זיינעם, די אויגן אָפן און ברייק, אַנטקעגן זיינע. אירע אָרעמס האָבן זיך פעסט, פעסט פאַרפלאָכטן אַרום זיין האַלדז און זי האָט זיך כמעט אָנגעהאַנגען אָן אים.

„איך קאָן נישט העלפן...״ האָט זי געשטאַמלט. „כ׳האָב דיך ליב... כ׳וויל נישט, אַז עפּעס זאָל דיר געשען!״ זי האָט זיך צעכליפּעט, איר קאָפּ צוגעפּרעסט צו זיין ברוסטקאַסטן.

ער האָט דערפילט אַ שוואַכקייט אין די גלידער, אָט ווי ער וואָלט געהאַלטן ביים אַראָפּלאָזן זיך פאַר איר אויף די קני. ער האָט אַרויפגעלייגט די דלאָניעס אויף אירע האָר און גענומען איר פּנים צווישן זיינע הענט. „אַ דאַנק...״ האָט ער געפּליסטערט.

זי האָט צוגעטראָגן די פייכטע, זאַלציקע ליפּן צו זיין מויל. „וואָס דו וועסט וועלן, וועל איך פאַר דיר טאָן״, האָט זי אַריינגעהויכט די ווערטער אין זיין מויל און עס פאַרפרעסט מיט אירע ליפּן.

„כ׳וויל נישט... כ׳דאַרף נישט, אַז ד׳זאָלסט עפּעס טאָן פאַר מיר״, האָט ער זי צוריקגעקושט, די פינגער טיף פאַרנורעט אין אירע שוואַרצע קאַלטנס האָר.

„כ׳וויל... כ׳וויל דו זאָלסט זיין מיין ערשטער... מיין לעצטער געליבטער״, האָט איר קול שווער, טיף אַריינגעזונקען אין אים.

ער האָט נישט געוואָלט זיין איר ערשטער און לעצטער געליבטער. ער האָט נישט געוואָלט זיין איר געליבטער בכלל. ס׳איז געווען אַזוי לייכט זיך צו לאָזן פאַרטראָגן און אויפהערן זיין קאַפּיטאַן פון דער אייגענער שיף. — זי האָט אים, דראָבנע און דין ווי זי איז געווען, געטראָגן אין זיין גאַנצער גרייס... אַוודאי

האָט זי אים געטראָגן... ווייל זיינע אייגענע פיס זיינען ערגעץ געלאָפן אַראָפּ די טרעפּ...

אַט איז ער געלעגן איבער איר אויף דער סאָפקע. און קוקנדיק אויף איר, האָט ער געזען סאָניען, די שניידערין, די פּאַרטיי־אַקטיוויסטקע, מיט וועלכער ער פלעגט פאַרברענגען די נעכט. ווען ער האָט צום ערשטן מאָל געפּרוווט אַ קוש טאָן סאָניען, האָט זי אים אָפּגעשטופּט פון זיך. „איך מאַך אייך אַ שטרענגן פאַרוואורף, חבר פּאַלין", האָט זי צו אים געזאָגט. „דער קאַפּיטאַל רייסט זיך צו דער מאַכט, אַ מלחמה בושעוועט, אין באַלוט שטאַרבן פיצלעך קינדער פון הונ־גער, און איר האָט אַזעלכע זאַכן אין זינען?" אָבער דערנאָך האָט זי אויך געוואָלט „טאָן אַלץ" פאַר אים.

און דורך סאָניען און דורך פּאַלטשען האָט ער געזוכט — זי — די מאַמע־ערד מיט די ליכטיקע צעפּ — וואָס איז אַנטלאָפן פון אים.

„מיין דעוויז איז געווען נישט צו באַוועלן קיינעם..." האָט אַ קול, ווי דורך אַ טרובע, מיט חוזק געטרובעט אין זיין קאָפּ.

4

איצט, אַז ער איז אַהיימגעפאָרן קיין באַטשאַני אויף פּסח, האָט יעקב מיטגע־נומען מתנות פאַר דער מאַמען און די שוועסטער — און דערצו, יעדער מאָל אַ פּאָר נייע שיך פאַר איינער פון זיי. אָבער, אַז ער איז אָנגעקומען קיין באַטשאַני, איז ער נישט געזעסן אין שטוב ביי דער מאַמען ווי אַ מאָל. ער איז געלאָפן זיך זען מיט זיין חבר, אַריהלען, וועלכער איז געווען דער אָנפירער פון באַטשאַ־נישן „בונד".

יאָ, די פּאַרטיי האָט איצינד געהאַט אַן אייגענעם „לאָקאַל", פּונקט ווי די אַנדערע פּאַרטייען. דער „לאָקאַל" איז באַשטאַנען פון אַ גרויס צימער אין איינער פון די גויִישע כאַלופּעס אויסערן שטעטל. צוזאַמען מיט אַריהלען איז יעקב אַוועק אַהין. אַן עולם האָט שוין געוואַרט אויף זיי. ער, יעקב, דער גאַסט פון לאָדזש, האָט געדאַרפט אָפּגעבן אַ גרוס פון דער באַוועגונג. ער האָט געדאַרפט האַלטן אַ רעדע — צי ער איז יאָ געווען אַ רעדנער, צי נישט. אַזוי האָט זיך געפירט. דאָס האַרץ האָט אים געהאַמערט. ער האָט פיינט געהאַט דאָס רעדן פאַר אַן עולם. ער האָט גערן געהאַט דאָס שמועסן אין צווייען, אויג אויף אויג.

אָבער קיין אַנטרינונג פון דער פליכט — וואָס האָט געדאַרפט זיין אַ כבוד — איז נישט געווען.

אַט האָט אים אַריהלע שפּאַסיק פאַרגעשטעלט פאַרן עולם, וועלכער האָט דאָך אים גוט געקענט — און שוין איז ער, יעקב, געשטאַנען אַליין אַנטקעגן דער פולער שטוב אויפגעהייטערטע, געשפּאַנטע צוהערערס מיט צעלויכטענע

פּנימער. ער האָט אָנגעשטעלט דעם בליק גראָד אויף די בחורים וואָס האָבן געטראָגן לאַנגע קאַפּאָטעס און האָבן אים דערמאָנט אָן יואלן דעם שמיד. צו זיי האָט ער אָנגעהויבן צו רעדן, געוואָלט אַרויסברענגען דעם רעיון, אַז די ייִדישע אמונה האָט אויף אַ גלייכן וועג געפֿירט צו בונדיזם, וועלכער האָט אָנגעגעבן אַ חשיבות דעם גלות־לעבן; אַז ישעיהס חלום איז געווען אַ בונדישער חלום, אַז יוחנן בן־זכאַי, וועלכער האָט אויסגעפּועלט ביים רוימישן קאָמאַנדיר וועספּאַסאַן אַ דערלויבעניש צו גרינדן אַ ישיבה אין יבנה, איז געווען דער ערשטער בונדיסט, ווייל ער האָט געגלייבט אין מאָראַלישן כּוח, דעם גייסטיקן כּוח פֿון פֿאָלק, וואָס זיין הויפּט־כּלי־זין איז געווען דאָס וואָרט פֿון די נביאים. ער האָט זיי דערמאָנט ווי דער אר״י הקודש האָט אויסגעטייטשט דעם מאמר פֿון תּלמוד וועגן דער אויסגעשפּרייטקייט פֿון ישראל צווישן די אומות־העולם.

„דער רבונו־של־עולם האָט געטאָן אַ גערעכטע זאַך׳ האָט האר״י געזאָגט״, האָט יעקב זיך געקאָכט. „ווייל נאָר אַזוי קאָן דער רבונו־של־עולם ברענגען די גאולה פֿאַר דער וועלט. און האר״י האָט געהייסן זיינע תּלמידים מקיים זיין די מיצווה פֿון ׳ואהבת לרעך כּמוך׳ דורך תּפֿילה טאָן נישט נאָר פֿאַר ייִדן, נאָר אויך פֿאַר די גויים. מיר, בונדיסטן, וואַרפֿן טאַקע אָפּ די אתּה־בחרתּנו־אידעע, די באַזונדערע אויסדערוויילטקייט פֿון אונדזער פֿאָלק, אָבער מיר וואַרפֿן נישט אָפּ די שליחות, די מיסיע פֿון יעדן יחיד בייצוטראָגן צו דער דערלייזונג פֿון מענטש!״

יעקב האָט גערעדט וועגן דעם ווי געקנופּט דער ייִדישער גורל איז מיטן גורל פֿון נישט־ייִד, אַז דער קאַמף קעגן דער „קליפּה״, דער „סיטרא־אחרא״ — דעם שלעכטס אין דער וועלט, מוז געפֿירט ווערן מיט געמיינזאַמע כּוחות, אַז עס איז נישט פֿאַראַנען געווען קיין דערלייזונג בלויז פֿאַרן פֿאָלק־ישראל אין אַ וועלט פֿון רישעות. און ער האָט גערעדט וועגן דעם, אַז דער „בונד״ איז געווען דער יורש פֿון חסידיזם, אַז די צוגעבונדנקייט צום לשון פֿון פֿאָלק און דער פֿאָלקשאַפֿונג איז געווען אַ מאָדערנער חסידישער אהבת־ישראל. — דערנאָך האָט ער גענומען דערציילן וועגן די אויפֿטוען פֿון דער פּאַרטיי אין דער שטאָט לאָדזש.

נאָך דער פֿאַרזאַמלונג האָט דער עולם זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַ שפּאַציר איבערן שטעטל, פֿאַרוואַנדערט אַזש ביז „אונטערן הויף״, מיטן שמאָלן טאָפּאָליע־וועג.

יעקב האָט אויסגעלערנט דעם עולם די נייע לידער וואָס מען האָט געזונגען אין לאָדזש, און בעת־מעשה האָט אים גענאָגט אַן אומצופֿרידנקייט מיט זיך. ער האָט נישט גוט גערעדט, צו פֿאַרפּלאָנטערט, צו כאַאָטיש, צו בטלניש. דאָס אין וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק געגלייבט, האָט אויף זיינע ליפּן געקלונגען ווי אויסגעדראָשענע פֿראַזעס. יאָ, ווען ער האָט געהאַט פֿאַר זיך אַן עולם מענטשן,

אַ מאַסע, האָט זיך עפּעס אין אים פאַרשלאָסן און ער איז געגאַנגען אויפן וועג פון לייכטסטן ווידערשטאַנד. ער איז נישט געווען ווי לייבל הויקער, וועלכער האָט אין אָנבליק פון דער מאַסע ערשט געלאָזט צעפייערן זיין פאַנטאַזיע, באַקומען פליגל און געוואָרן גאָר אַן איבערגעביטענער מענטש. דאָך האָט ער, יעקב, געוווסט, אַז ער וועט נישט אויפגעבן דאָס רעדן פאַר אַן עולם, ווען דאָס וועט פאַרלאַנגט ווערן פון אים. ווייל אַפילו מיט דער אומגעלומפּערטקייט זיינער, האָט ער געמוזט דינען זיין נייער אמונה.

ער האָט זיך פעסטער אַרומגעאָרעמט מיט דער באָטשאַנישער חברה, און זיין קול האָט געקלונגען הויך און פאַרדבקעט.

ער האָט זיך נישט געקאָנט צוגלייבן ווי שטאַרק באָטשאַני האָט זיך געביטן זינט דעם סוף פון דער מלחמה. ווי פון אַ טויזנט־יאָריקן שלאָף האָט דאָס שטעטל דערוואַכט, און בעת די יום־טוב־טעג האָט עס אויסגעזען צו געהערן צו דער יוגנט, וועלכע האָט געכוואַליעט איבער די גאַסן און געסלעך. קליין ווי באָטשאַני איז געווען, האָבן אַלע יידישע פּאַרטייען, אַלע שאַטירונגען, אַלע ריכטונגען און שטרעמונגען וואָס האָבן די לעצטע יאָרן אַ צעוויג געטאָן דאָס יידישע לעבן — אויפגעשפּראָצט אין באָטשאַני ממש פון אונטער דער ערד.

דאָך, הגם די אַלע שיטות האָבן נישט געלעבט צווישן זיך גאָר בשלום, האָט דאָס נייע באָטשאַני אָפּגעגעבן כבוד דעם גרוי־האָריקן פירער פון דער ציוניס־טישער באַוועגונג — שמוליקלען רופא. ער האָט נאָך אַלץ געהאַט זיין ראַזורע אויפן מאַרקפּלאַץ און געטאָן זיין אַרבעט פּונקט ווי אַ מאָל, אָבער די שטאָט האָט שוין געהאַט אַ דאָקטער און שמוליקל רופא, מיט זיין ווייב, דער הייבאַם, וועלכע האָט שוין לאַנג געהאַט אויפגעגעבן איר פאַך, הגם זי האָט זיך לסוף אויסגעהיילט פון די מיגרענעס — האָבן זיך איצט נאָך מער געקאָנט אָפּגעבן זייער אַרבעט אין דעם שטאָטישן ציוניסטישן קאָמיטעט. האָט אַריהלע, וועלכער האָט געשטעלט זיינע ערשטע „אידעישע" טריט אין שמוליקלס עסשטוב, אַריינ־געפירט יעקבן אָפּגעבן שלום דעם אַלטן וועטעראַן פון אַ נייער יידישקייט — און שמוליקל רופא האָט זיך מיט זיין אַמאָליקן פייער אַריינגעלאָזט אין אַ צעקאָכטער דיסקוסיע מיטביידע יונגע־לייט.

דאָך האָט זייט ביי זייט מיט דעם נייעם באָטשאַני נאָך געלעבט דאָס אַלטע, אַמאָליקע, מיטן כּלי־קודש, מיט דער שיינער „נייער" שול, וועלכע איז שוין געווען היפּשלעך איינגעזונקען אין דער ערד פון איין זייט — און האָט נאָך אַלץ אָפּגעהיט אין זיך די נשמה פון דער שטאָט: אַ צעשפּאָלטענע נשמה. ווייל פּונקט ווי דאָס נייע באָטשאַני האָט געבליט פול מיט אימפּעט און התלהבות, האָט דאָס אַלטע געוועלקט אין ביטערניש און ווייטיק. דאָס נייע זיינען געווען די קינדער, דאָס אַלטע — טאַטע־מאַמע. צווישן ביידע האָט זיך געשפּרייט אַ תהום, וואָס די יונגע האָבן געפּרווט אויבנאויפיק פאַרדעקן מיט די לאַנגע

קאַפּאָטעס וואָס אַ סך האָבן נאָך געטראָגן. בפרהסיא האָט מען אָפּגעהיט דעם שבת, כלומרשט געפּאַסט יום־כּיפּור.

אין דער היים איז אויך געווען אַ צעשפּאַלטנקייט פון געפילן. יעקב האָט זיך געפילט סיי היימיש, סיי פרעמדלעך.

די עלטערע שוועסטער, גיטעלע, איז אויסגעוואַקסן אַ מויד אַ ברען, אַ שלאַנקע, אַ פלינקע, מיט אַ קאָפּ געדיכטע ברוינע קרויזן, אַ פיינער מילכהויט, מיט ראָזע בעקלעך און אַ געטאָקט נעזל. זי האָט געהאַט אַ חנעוודיק רויט מיילעכל פול מיט ניין מאָס רייד, אָבער מיט כּלל־ענינים האָט זי זיך נישט איב־טערעסירט. זי איז געווען אַ פריילעכע, צעזונגענע „קאָזע", אַ שטיפערקע, און איז געגאַנגען אַהין ווו זי האָט געקאָנט געפינען פאַרגעניגן. אָבער די יינגערע שוועסטער, שיינדעלע, וועלכע איז מיט איר דראַבנעם געבוי און מיט איר געמיט געווען ענלעך צו הינדעלען, איז געווען אַ חברטע אין „השומר־הצעיר" און זי האָט זיך אַריינגעלאָזט אין לאַנגע, ערנצטע דיסקוסיעס מיט יעקבן.

הינדעלע איז געזעסן אונטערן פענצטער און זיך צוגעהערט צום שמועס צווישן די קינדער.

צווישן איר און יעקבן איז נאָך געווען קלאָר און ליכטיק. דאָך האָבן זיי בײדע געפילט, אַז זי האָט אים באַגלייט נאָר ביז אַ באַשטימטן פונקט; אַז ערגעץ אויפן וועג איז זי שטיין געבליבן און אים נאָכגעקוקט מיט אַ ציטערניש אין האַרצן. „אפשר איז דאָס געשען דערפאַר ווייל מיר זיינען אויף אַזוי לאַנג צעשיידט?" האָט יעקב זיך געפרעגט. „דערפאַר וואָס מיר נעמען נישט אָנטייל איינער אין דעם אַנדערנס טאָג־טעגלעכקייט?"

„איך הייב דיך אָן זען דורך אַ נעפּל, מיין זון..." האָט הינדעלע געפליסטערט אין זיך.

ער האָט דעם פליסטער אַרויסגעלייענט פון איר בליק און נישט געוואָלט זיך אונטערגעבן דער צעשיידונג פון זייערע נשמות. „מעגן אַזעלכע זאַכן געשען היינטיקע טעג", האָט ער צו זיך געזאָגט. „אָבער צווישן אונדז ביידן טאָר דאָס נישט געשען. מיר זיינען צוויי באַזונדערקייטן — אומצעשיידבאַרע".

געערדט דערוועגן האָבן זיי קיין מאָל נישט. ס'האָט מער נישט געטראָפן, אַז ער זאָל זיך אָוועקזעצן מיט איר און שמועסן ביז שפּעט אין דער נאַכט. אַפילו ווען אַ געלעגנהייט האָט זיך אָנגעבאָטן — האָבן זיי זיך געמאַכט דאָס נישט באַמערקן; ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט, אַז נישט געקוקט אויף דער ליבשאַפט, זאָלן רייד נישט שפּרייטן נאָך אַ שווערערן שאָטן צווישן זיי.

איין מאָל, ווען זיי זיינען אַלע געזעסן ביים טיש, און דער פרומער ברור־דער, שלום, איז געווען מיט זיי און זיי זיינען געווען אַריינגעטאָן אין אַ לייכטן שמועסל וועגן אַמאָליקע צייטן, וועגן באַטשאַני, האָט הינדעלע זיך אויפגעשטעלט

פון טיש, פאַרוואָרפן די פאַטשיילע איבער די אַקסלען, אַרונטערגענומען אַ צוגע־דעקט טעפּעלע עסן אונטער איר, און איז אַרויס פון שטוב.

גיטעלע האָט אונטערגעשמייכלט און מיט אַ ווונק זיך צוגעבויגן צו יעקבן: „צו יאַסעלען אַבעדאַלע גייט זי. קענסט נישט די מאַמען? זי מוז האָבן וועמען צו ניאַנטשען".

שיינדעלע האָט געשטראָפט די שוועסטער: „וואָס מאַכסטע חוזק? ר' יאַסעלע לאָזט זיך נישט אַזוי לייכט ניאַנטשען. אָבער וואָס האָט ער פאַר אַן עצה?" זי האָט דערקלערט יעקבן: „דבורהלע איז אַנטלאָפן פון בערעלען, איר מאַן, אַנטלאָפן קיין אַרגענטינע מיט הענעכל דעם באַרשטן־מאַכערס זון. איז יאַסעלע געבליבן אַליין. אַן עקשן איז ער. די רייכע טעכטער ווילן אים נעמען קיין לאָדזש, אָבער ער וויל נישט הערן דערפון... און בלינד איז ער. נו, האָט די מאַמע רחמנות אויף אים. ער טרייבט זי פון זיך, אָבער זי איז אויך אַן עקשן. זי קאָרמעט אים און פּירט אים אַהיים פון קרעמל, און אין קרעמל גופא העלפט זי אים אויך אַרויס. ס'וואָלט מיך נישט געאַרט, נאָר טייל מאָל קומט זי צוריק פון אים אַ פאַרוויינטע".

שלום וועלכער איז פאַרבליבן דער זעלבער האַמעטנער שוויגער וואָס אַ מאָל, האָט קורץ־אָפּגעשניטן: „די מאַמע האָט אַלץ ליב איבערצוטרייבן, טרייבט זי איבער אין איר מסירת־נפש פאַר אים אויך".

בינהלע האָט זיך צענאָגט אין יעקבס האַרצן. ער האָט געשטווינט. ס'איז אים אויסגעקומען ווי די מאַמע, הינדעלע, וואָלט אָפּגעפּילט דעם שייכות וואָס ער, יעקב, האָט געהאַט מיט יאַסעלען. ווי זי וואָלט, נישט ווייסנדיק, געוווסט; ווי זי וואָלט אויף אַ מיסטעריעזן אופן געהערט דעם ניגון פון זיין געמיט, מיט־געברומט מיט אים, מיטגעבענקט מיט אים.

„אפשר ברענגט מען אים אַרויף צום סדר?" האָט יעקב פאַרגעשלאָגן.

גיטעלע האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: „ווייס עך וואָס. אַ מענטש ווי אַ שטיין. מען פאַרלירט דאָס רחמנות אויף אים. צווייטנס, ווער דאַרפט אַ פרעמדן, נאָך דערצו אַזאַ מרוק אין שטוב? ר'קאָן פאַרשטערן דעם סדר. זאָל מען זיין כאָטש איין מאָל די גאַנצע משפחה צוזאַמען און לאָז זיין פריילעך ביי אונדז!"

די סדרים האָט אָפּגעריכט שלום און דער פסח איז געווען אויבנאויפיק אַזאַ יום־טובדיקער ווי תמיד. יעקב האָט באַטראַכט דעם עלטערן ברודער זיינעם וועלכער האָט זיך אַזוי ווייניק געביטן, ווי אין באַטשאַני וואָלט גאַרנישט געשען. „צווישן אונדז האָט זיך די מויער פון שטומקייט אָוועקגעשטעלט נאָך פריִער, נאָך איידער... אפשר האָט דאָס אַ שייכות צו דער פאַרשיידנקייט פון דער מאַמעס ליבשאַפט צו יעדן פון אונדז?" האָט יעקב געטראַכט און אַריבערגעטראָגן די בליקן אויף שלומס שטילער, שווייגעוודיקער פרוי. די צוויי זיינען געווען אַזוי

ענלעך צו זיך און אַזוי אײדל צונױפֿגעשפּילט מיט זיך. שלום איז נאָך אַלץ געווען אַ טרעגער אױפֿן פֿאַטשעיאָוו, דאָך האָט זי אויסגעזען ווי אַ נגידישע אײדעלע טאָכטער. דער שלום־בית צווישן איר און שלומען האָט אױך אָראָפּ־געשמעקט פֿון איר, אױך אים, יעקבן, אײפּערזיכטיק געמאַכט.

אַזוי האָט זיך די משפּחה אָנגעהאַלטן אין דער הגדה של פּסח — און אין שלומס קינדער, די יורשים ביים טיש. די הגדה האָט אַלעמען פֿאַרקנופּט אין אײנס, אַ משפּחה, אַ גאַנצקייט — אין דער פֿרייד פֿון יציאת־מצרים. אליהו הנביא האָט געטרונקען פֿון דעם כּוס און די הערצער זײַנען געווען ווי די הערצער פֿון חולמים.

דאָס שווערסטע איז געווען דאָס געזעגענען זיך. הינדעלע האָט זיך נישט געקאָנט אָפּרײַסן פֿון יעקבן. איר פּנים האָט געוויקט אין טרערן. גיטעלע און שײנדעלע האָבן זיך אויך נישט געשעמט צו וויינען און אַפֿילו שלום האָט געהאַט פֿאַרנעפּלטע אויגן. אָט דאָס, וואָס מען האָט קיין איין מאָל נישט דערמאָנט דורך די טעג, און וואָס איז כּסדר געווען אויף אַלעמענס געדאַנק: די מעגלעכקייט, אַז מען זעט זיך צום לעצטן מאָל... אַז יעקב קאָן אַ ליאַדע טאָג אָוועק אויפֿן שלאַכט־פֿעלד — האָט אַצינד יעדער וואָרט, יעדער טרער פֿאַרחתמעט אין זכּרון.

5

צוריק אין לאָדזש, האָט דאָס לעבן מיטגעריסן יעקבן ווי אַ שטורעמווינט.

דעם ערשטן מיי איז ער „קראַנק" געוואָרן — און דאָס האָט אַרויסגערופֿן אַ חשד ביים פֿאָן מאָריס.

די ייִדישע פּאָעטן, אַרטיסטן און מאָלערס האָבן, כּדי צו דעמאָנסטרירן זײַער „קינסטלערישע פֿרייהייט", פֿאַראַדירט איבער די גאַסן אין אויסטערלישע בגדים. זיי האָבן זיך געקליידט ווי יעגערס, מיט הויכע שטיוול, ברייטע הויזן און דייטשמערישע יעגער־מאַרינאַרקעס. אַנדערע זײַנען אַרומגעגאַנגען אין מיטן העלן טאָג אין „וויעטשאָראָווע" אָנצעגער. נאָך אַנדערע האָבן געטראָגן לויזע פּעלערינעס, קאַפּעליושן מיט גרויסע ראַנדן און פֿאַרשלייפֿטע קאָקאַרדעס אונטערן האַלדז, ווי זיי וואָלטן אַראָפּגעקומען גלייך פֿון רעמבראַנדטס אַ בילד.

אָט אַזאַ רעמבראַנדטישע „אויסשטאַטונג" האָט יעקב באַשלאָסן זיך אויס־צובאָרגן ביי דעם מאָלער העלמאַנען, וועלכער איז געווען אַ סימפּאַטיקער פֿון „בונד" און פֿלעגט אָפֿט אַריינקומען צו וואַווע צעדערבוים צוזאַמען מיט משה סאָקראַטעס. דערצו האָט יעקב זיך אָנגעטאָן אַ פּאָר טונקעלע ברילן און גענו־מען אַ שטעקן אין האַנט.

דער דעמאָנסטראַציע־צוג האָט פֿאַרביימאַרשירט ר' איטשעלע היטלמאַכערס שיכגעשעפֿט אויף דער פּיעטריקאָווער־גאַס. אָנגעקומען צו אָט דעם געפּערלעכן

פונקט, האָט יעקב געוואָרפן זייטיקע בליקן אין דער געפּערלעכער ריכטונג. די טיר פון געשעפט איז געווען פאַרמאַכט מיט זשאַלוזן און פּרענטעס, אָבער אין שויפענצטער, איבער דער שיך־אויסשטעלונג, האָבן ווי אויסגעשניצטע טאָוול־דעקאָראַציעס אַרויסגעשטאַרט, ווי פאַרהאָנגען אין דער לופטן, די פּנימער פון אַלע פאַרקויפערס, מיטן פאַן מאָריס אַרייַנגערעכנט.

יעקב האָט פאַרביסן די ליפּן. ווידער האָט ער געהאַט דאָס געפיל ווי ער וואָלט געווען אַ פּאַיאַץ, אַ לץ, אויסגעקליידט אין פרעמדע בגדים, אַ פרעמדער הויט. ער האָט זיך געשעמט, נישט נאָר פאַר די חברים, נישט נאָר פאַרן פאַן מאָריס און די אָנגעשטעלטע, טאָמער האָבן זיי אים דערקענט — נאָר פאַר זיך אַליין. ער האָט נישט געפילט קיין ברעקל פון דעם אייפער וואָס האָט געוויינט־לעך אים געטראָגן פאַרויס בעת אַ דעמאָנסטראַציע. אַנשטאָט צו האַלטן דעם קאָפּ פאַרריסן, מאַרשירן מיט אַן אַרויסגעשטעלטן בוזעם, מיטזינגען אויף אַ קול די לידער — האָט ער געפרוווט איינשרומפן, זיך אַרייַנפּאַקן און נעלם ווערן אין דער מאַסע. אַנשטאָט צו זינגען האָט ער קוים־קוים באַוועגט מיט די ליפּן, ווי ער וואָלט זיך געשראָקן, אַז דער פאַן מאָריס, דאָרט אין געשעפט, וועט אים דערהערן.

ווען ער איז אויף מאָרגן צוריקגעקומען צו דער אַרבעט, האָט דער פאַן מאָריס פריינדלעך אַ פרעג געטאָן: „איר פילט זיך היינט בעסער, פאַניע פאַלין?"

יעקב איז רויט געוואָרן. „אַ סך בעסער", האָט ער אַ מרוקע געטאָן.

„וואָס איז אייך אייגנטלעך געווען?" האָט דער פאַן מאָריס זיך צוגערוקט נענטער צו אים. „נישט אַ מאָל דאָס רויטע פיבער? איר ווייסט מסתּמא בעסער פון מיר, אַז דער פאַן היטלמאַכער האָט נישט ליב, אַז מען זאָל קראַנק ווערן דעם ערשטן מיי..."

יעקב האָט זיך אָפּגעקערט פון אים. ער איז געווען צופרידן וואָס דער פאַן מאָריס און די אָנגעשטעלטע האָבן אים דערקענט און ווען אפשר אים צושטעלן „אַ בענקעלע" צו ר' איטשעלע היטלמאַכער. דאָס איז געווען אַ לעקציע פאַר אים, איין מאָל פאַר אַלע מאָל, כּדי ער זאָל געדענקען, אַז ער איז געווען אַ שלעכטער אַקטיאָר, אַן אומגעלומפּערטער ליגנער און אַז דאָס באַקליידן זיך אין פרעמדע בגדים האָט אים געמאַכט אויסזען לעכערלעך — קודם־כּל אין זיינע אייגענע אויגן. אחוץ דעם האָט ער געלעבט אין אַ נייעם, פרייען פּוילן. אויב ער זאָל היינט נישט קאָנען באַווייזן פאַר דער וועלט דאָס אייגענע פּנים — טאָ וואָס פאַר אַ זינען האָט דאָס אַלץ געהאַט?

אָבער דער אינצידענט איז גיך פאַרגעסן געוואָרן. אין דער אמתן, זיינען נישט דער פאַן מאָריס און נישט די אַנדערע אָנגעשטעלטע געווען הונדערט־פּראָצענטיק זיכער, אַז דאָס האָבן זיי טאַקע געזען יעקבן מאַרשירן אין דעם מייצוג. עפּעס האָבן זיי בשום־אופן נישט געקאָנט צונויפפּאָרן דעם פאַרחלומטן

געוועזענעם חסידל, דעם פאַן היטלמאַכערס ליבלינג, דעם ליבלינג פון די פאַרפומירטע קליענטקעס, דער פאַננע פאַלטשעס „מיענטע״ — מיט די וווּלגאַרע, פאַרחוצפּהטע לאַזונגען וואָס האָבן אַראָפּגעשריגן פון די רויטע פענער און טראַנספּאַרענטן. צווייטנס, האָבן זיי אים געהאַלטן פאַר אַ צו גרויסער לעמישקע און אַ פּחדן — אַנטייל צו נעמען אַפילו אין אַזאַ לעגאַלער אַוואַנטורע.

איז יעקב אַנגעגאַנגען מיט דער אַרבעט אין געשעפט.

די פאַננע פאַלטשע איז אין געשעפט גופא מער נישט אַריינגעקומען, אָבער זי האָט אים אָפּט אָפּגעוואַרט אין דרויסן. ער איז מער נישט אַרויסגעגאַנגען צו איר, נישט געקוקט אויף אירע טרערן און איר פאַרצווייפלטן צושטיין צו אים. זי האָט אַ וויכטיקן סוד אים צו פאַרטרויען, האָט זי געפּרעפּלט אַ צעפּלאַ־טערטע, צעציטערטע. זיין האַרץ האָט זיך געשפּאַלטן אין צווייען, פון פּיין, פון חרפּה. דאָך האָט ער איר דערקלערט קאַלט און העפלעך, אַז ער וויל נישט האָבן איר דורכפאַל ביי די עקזאַמענס אויף זיין געוויסן, די דאַטע פון איר מאַטורע האָט זיך דאָך דערנענטערט; און אַז ער אַליין, ווי אַ מיטגליד פון „בונד״, איז געווען שטאַרק פאַרנומען ביי פאַרטיי־אַרבעט. ער האָט נישט מורא געהאַט, אַז זי וועט אים פאַרשיטן. ער האָט דאָך כּמעט ווי בכיוון אומעטום געלאָזט שפּורן, אַפילו ביי דער אַרבעט. אַ מאָל פאַרגעסן אַ בוך מיט אַ „געפּער־לעכן״ אינהאַלט, צי אַריינגעוואָרפן אַ פאַרטיי־אויסגאַבע אין מיסטקאַרב, אַז מען זאָל געפינען באַוויזן קעגן אים.

ער האָט נישט געזאָגט קיין ליגן דער פאַננע פאַלטשע. ער איז געווען איבערן קאָפּ אַריינגעטאָן אין דער פאַרטיי־אַרבעט. געווען אַ פיבער, נישט גע־קוקט אויף דער מלחמה וואָס איז אָנגעגאַנגען — אין דעם פונאַנדערבוי פון דער פאַרטיי — אין פאַרצווייגן די נעץ פון קינדערהיימען, אַנטוויקלען די שולן, שאַפן אינסטיטוציעס, פאַראיינען, אויסבויען די קינדער־און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. און עס זיינען געווען די אומאויפהערלעכע דיסקוסיעס ווו מען האָט זיך געפּרוווט קלאָרער מאַכן די שטעלונג לגבי דעם ראַטן־פאַרבאַנד, לגבי פּוילן. יעקב האָט זיך געאַמפּערט מיט לייבל הויקער, מיט וואָווע צעדערבוים, מסכּים געווען אויף אַ קוצו של יוד דאָ, אויף אַ קוצו של יוד דאָרטן; דער קאָפּ פאַרשריגן, פאַרקאַכט, פאַרטומלט מיט דעם וואָס מען האָט געטאָן, געדאַרפט טאָן — אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט אַפילו אין שלאָף דיסקוטירט און אַרויסגעבראַכט זיין שטאַנדפּונקט.

דאָך האָט ער זיך אין האַרצן געפילט אומבאַקוועם וועגן דער פאַננע פאַל־טשען. ער איז דעם מיידל שולדיק געווען איין זאַך: דעם אמת. דערפאַר, ווען זי איז אין איינעם אַ טאָג צוגעקומען צו אים אין גאַס, האָט ער אַרויסגעצוווּנגען די ווערטער פון זיך.

„פאַלטשאַ״, האָט ער אַ מורמל געטאָן. „נישטאָ קיין צוקונפט פאַר אונדז ביידן צוזאַמען״.

ער האָט געוואָלט זי אָפּגעזעגענען, דערלאַנגען די האַנט, אָבער ער האָט מורא געהאַט, אַז זי וועט אים צוציִען צו זיך. האָט ער דאָס אויפגעגעבן און האָט זיך אָפּגעקערט פון איר. אַ פּאָר מאָל, בעת די נאָכקומענדיקע טעג, איז ער אַרויס פון געשעפט מיטן געפיל, אַז זי וואַרט אויף אים אין דרויסן. זי האָט נישט געוואַרט.

דערביי איז געשען, אַז נישט געקוקט אויף זיין שטאַרק אַקטיוון לעבן, סיי אינערלעכן, סיי אויסערלעכן, האָבן די דערמאָנונגען פון לעצטן פּסח אין באַטשאַני יעקבן נישט צו רו געלאָזט, נישט ביי טאָג, נישט ביי נאַכט. ער איז אַרומגעגאַנגען און געשפּירט די באַטשאַנישע לופט אין די נאָזלעכער. די בענקעניש צוריק אַהיים, די ציִעניש צו אַלעם ליבלעכן, פאַרגאַנגענעם איז געווען אַזוי גרויס — אַז ער איז אַ פּאָר מאָל אוועק צום הויז ווו בינהלע האָט געוווינט און האָט זי דאָרט אָפּגעוואַרט, כּדי זי כאָטש זען פון דער ווייטן. אָבער ער האָט קיין מזל נישט געהאַט.

איין מאָל האָט ער דורכן שויפענצטער פון שיכגעשעפט געזען זי פאַרבייגייין געאַרעמט מיטן שיינעם משהן. ער האָט באַוויזן אויפצוכאַפּן איר פּנים, דעם בייסיק־פּיקאַנטן שיין פון אירע שיפּע אויגן, די זינלעכע ליפּן. ער איז אַרויס פּאָר דער טיר און האָט איר אַזוי לאַנג נאָכגעקוקט, ביז זי איז פאַרשוווּנדן פון די אויגן. ער האָט געזען אירע צעפּ פאַרפלאָכטן אין אַ קראַנץ אַרום איר קאָפּ, איר שלאַנקע און דאָך אויסגערונדיקטע פיגור. אין איר גאַנג, אינעם באַוועג פון אירע היפטן איז געווען אַט דאָס סודותדיקע „עפּעס" וואָס האָט אים תּמיד געכּישופט. זי האָט אויפגעוועקט אַ באַהאַלטענע שפּאַנונג אין אים, ווי זי וואָלט אַרויסגעלאָזט אַן אַראָמאַט פון זיך, אַ מין שטראַלן וואָס האָבן עלעקטריזירט פון דער ווייטן. זי האָט געטרעטן מיט דער גאַנצער סטאָפּע, און דאָך לייכט, צעוויגט. איר גאַנצער גוף האָט אויסגעזען צו וויסן, אַז עמעץ פאָלגט איר נאָך מיטן בליק.

„דאָרט שפּרייזט די מאַמע־ערד..." האָט ער אין זיך געפליסטערט. „די פּלאָנעטע ערד האָט פאַרבייגעצויגן פאַרביי מיר און פאַרשוווּנדן".

לאַנג נאָך דעם ווי ער האָט זי געזען, האָט יעקב געטראָגן אַט דאָס בילד פון בינהלען אין דמיון. עס האָט געפונען אַן אָרט אין זיין זכּרון צו גלייך מיט דעם ערשטן בילד פון איר — אויפן בלויען באַרג, הינטער דער מיל, ווו זי איז געזעסן אין צעריסענעם קאַפטאַן מיט אַ קרענצל כאַבּרעס אין די געלב־רויטלעכע צעשויבערטע האָר. ביידע בילדער פון איר האָבן זיך באַגעגנט אין זיינע שיר־השירימדיקע חלומות פון אַ מאָל, פון היינט. ער האָט זיך געזען זיצן מיט איר ביי אַ שבתדיקן טיש. זי האָט געטראָגן אַ ווייס מלכּה־קלייד און ער אַ שוואַרצן מלך־טראַכט, צווישן זיי — צוויי אָנגעצונדענע ליכט. זיי האָבן אויפגעהויבן

דעם כּוס וויין; דער בורא־עולם האָט געגריסט זיין ווייב — אין זיך. די שכינה איז צוריקגעקומען פון לאַנגן גלותדיקן וואַנדער צו פּראַוועון שבת מיט אים. די געטלעכקייט האָט געהויערט איבער אַ גשמיותדיק בעט און עס פאַרוואַנדלט אין אַ געלעגער ווו די צוויי־האַלביקע איינס האָט זיך געאייניקט מיטן אין־סוף...

אַ צווייט מאָל האָט יעקב אויפגעכאַפּט דעם שיין פון בינהלעס פּנים אין אַ המון אַרבעטערס און אַרבעטערינס אויף אַ גאָרטן־פּאַרווײַלונג לטובת די ייִדיש־וועלטלעכע שולן אין דעם הינטערשטאָטישן גאָרטן פון „העלענוווּעק”.

זי האָט געטראָגן אַ ווייס־געבלימלט „כלאַפּקע”־קלייד, מיט אַ שטרויהוט אויפן קאָפּ, אַרומגענומען אַרום ראַנד מיט אַ קרענצל שטאָפענע בלומען — און האָט אַרויפגעקוקט צו דער סצענע אונטערן פרייען הימל, ווו אַ דראַמאַטישע טרופּע האָט אויפגעפירט אַ פאַרשטעלונג. יעקב האָט נאָכגעפאָלגט איר צע־שטראַלטן בליק צו דעם שלאַנקן בחור אויף דער סצענע, וועלכער האָט צוזאַמען מיט זיינע חברים אויסגעשפּילט אַ פראַגמענט פון „גרויסן געווינס”. ער האָט דערקענט בינהלעס חתן. האָט ער צוריקגעפירט דעם בליק צו איר, צו דעם שטיקל פון איר קאַרק און פלייצע וואָס די פאַרהויבענע צעפּ און דאָס אויס־געשניטענע קלייד האָבן אַנטפּלעקט און דער שטרויהוט האָט פאַרשאָטנט מיט אַ העלן שאָטן. ער האָט זיך געפרעגט צי דאָס פּאָרל האָט שוין חתונה געהאַט. פון דעם שטראַלנדיקן, דעם ווייך־ווייבלעכן אין איר פּראָפיל האָט געווייעט אַ שטילע רו, אַ זאַטקייט, און יעקב האָט געזאָגט צו זיך: „ס'איז איר גוט... זי זעט אויס גליקלעך...” און ער האָט אַוועקגעשפּרייזט ווייטער.

נאָך אַ מאָל האָט ער זי געזען אין האַרבסט, בעת אַ טעקסטילשטרייק. אַ דעמאָנסטראַציע פון שטרייקנדיקע אַרבעטערס האָט פאַרביימאַרשירט דרויסן, פאַרן געשעפט. יעקב איז צוגעלאָפן צו דער טיר כאַפּן אַ קוק — און ער האָט דערזען בינהלען מאַרשירן מיט אַ פעסטן טראָט, אַן אַרויסגעהויבענער ברוסט, אָרעם אין אָרעם מיט אַ שורה אַרבעטערס און אַרבעטערינס. זי האָט געזונגען מיט כּוח, מיט איבערגעגעבנקייט. עס זיינען אים געקומען אויפן זינען די אויפקלערונג־שמועסן וואָס ער האָט מיט איר אַ מאָל געפירט.

אַן אומגעריכטער טומל האָט זיך געמאַכט אין גאַס.

דער פאַן מאָריס האָט אויסגערופן צו יעקבן: „פּאַניע פּאַלין, קומט אַריין, מען פאַרשליסט!” און ער האָט זיך צעקלונגען מיט די שליסלען ווי מיט אַ טרעוואָגע־גלאָק.

אָבער יעקב, אַנשטאָט אַריינצולויפן אין געשעפט, איז אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס. דער טומל אין דעמאָנסטראַציע־צוג האָט זיך געשאַפן פון דעם וואָס איין מחנה אַרבעטערס האָט מאַרשירט צו גיך און איז ממש אַרויפגעפאַלן אויף דער אַנדערער. האָבן זיך די פאָדערשטע רייען גענומען רוקן גיכער פאָרויס, כּדי

צו מאַכן אַרט פאַר די נאָכקומענדיקע. יעקב האָט זיך געשטופּט צווישן די האַסטיק־מאַרשירנדיקע רייען, געזוכט בינהלען.

„יעקב!" האָט זי אַרויסגעלאָזט אַ מין נצחונדיקן געשריי, ווי נאָר זי האָט אים באַמערקט פון דער ווייטן, אָפּגעטיילט פון איר מיט צענדליקער קעפּ. ער האָט געוואָלט זיך אַדורכרייסן צו איר דורך די געשלאָסענע רייען און בשום־אופן נישט געקאָנט. דער שטראָם האָט אים מיטגעריסן פאָרויס, דאָך איז ער אויסגעקומען אַ ביסל נענטער צו איר. „וואָס הערט זיך ביי דיר?" האָט ער דער־הערט ווי זי רופט אויס צו אים לויפנדיק.

„כ'אַרבעט אין היטלמאַכערס געשעפט!" האָט ער צוריקגערופן, מיטן קאָפּ פאָרריסן אויף צוריק, בעת די מאַסע האָט אים מיטגעריסן פאָרויס.

„וואָס זאָגסטע?" האָט זי נישט דערהערט ווייל דער עולם האָט אָנגע־הויבן צו זינגען „טשערוואָני שטאַנדאַר".

„ער איז אַ קנעכט ביי דער בורזשואַזיע! ביי היטלמאַכערן אַרבעט ער!" האָט אַ פריילעכער בחור הינטער יעקבן אויפגעכאַפּט און אויסגערופן צו בינהלען.

„נידער מיט היטלמאַכערן דעם בלוטזויגער!" האָט אַ צווייטער אַרבעטער אונטערגעכאַפּט.

„ווו וווינסטע, בינהלע?" האָט יעקב גערופן, היפּנדיק פאָרויס, דער קאָפּ נאָך אַלץ געוואָנדן אויף צוריק. „האָסט דיך איבערגעצויגן?"

זי האָט נישט דערהערט. דער המון האָט גערעוועט: „מיר פאָדערן גערעכ־טיקייט! זאָל לעבן דער אַרבעטער־קלאַס! זאָל לעבן די ייִדישע אַרבעטער־פרוי! זאָל לעבן אַ סאָציאַליסטיש פוילן!"

יעקב האָט זיך געפּלאָנטערט צווישן די פיס פון די דעמאָנסטראַנטן. אַ שווער־לייביקער פלאַקאַטן־טרעגער האָט אים אַ שטורכע געטאָן און זיך אָפּ־גערופן מיט אַ באַסאָוון קול: „עי, חבר, אָדער ד'ווערסט אַ טישלער און ד'מאַכסט פיס, אָדער ד'שליסט דיך אָן אין די רייען!"

יעקב האָט צוזאַמענגענומען אַלע כוחות און זיך אַ ריס געטאָן אויף צוריק, פונאַנדערגעבראָכן די רייען און זיך דערשלאָגן צו בינהלעס ריי. איידער ער האָט באַוויזן זיך אָנצושליסן אין איר, האָט ער אַ סאָפּע געטאָן צו בינהלען: „האָסט שוין חתונה געהאַט?"

„ניין, כ'האָב נישט!" האָט זי אים אָנגעכאַפּט פאַרן אָרעם. „און דו?"

„ניין, ניין, מיר ווילן קיין וואָפן טראָגן! ניין, ניין מיר ווילן נישט מער קיין קריג!" האָט עמעץ אָנגעהויבן צו זינגען אין דער ריי פאַר זיי.

„אָבער ד'ווייסט וואָס עס איז געשען, יעקב?" האָט בינהלע געלאַכט, גע־שריגן. „מ'האָט מיך אויסגעוויילט אין קאָמיטעט פון 'יאַף'!" זי האָט אין גאַנצן געשפּרודלט מיט פרייד. „שטעלסט דיר פאָר? מיך האָבן זיי אויסגעקליבן! כ'קאָן נאָך אַפילו נישט לייענען און שרייבן! און איך זינג אין כאָר אויכעט!"

ס׳איז געווען קלאָר, אַז זי האָט געטראָגן אָט די נייעס וועגן זיך מיט גרויס אומ־געדולד, כדי דאָס אים צו לאָזן וויסן.

פון פאַרנט האָט דער עולם אָנגעהויבן צו זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל״. באַלד האָט דער גאַנצער „צוג״ אונטערגעכאַפּט. יעקב און בינהלע, געאַרעמט, צוזאַמענגעוואַקסן, נאָענט ווי קיין מאָל פריִער אין זייער לעבן, האָבן אין איין קול מיטגעזונגען.

באַרוישט פון אָט דער נאָענטקייט, ביידע איין גוף, איין קול, האָבן זיי זיך געטראָגן פאָרויס מיטן כוח און דעם אימפּעט פון דער מאַסע, מיטגעריסן מיטן התלהבותדיקן פּאַטאָס. בינהלע האָט געטראַכט, אַז אויב עס איז באמת פאַראַן געווען אַזאַ געפיל ווי גליק, האָט זי דאָס אצינד, אין דעם מאָמענט איבער־געלעבט. יעקב האָט גאַרנישט געטראַכט. זיינע חושים זיינען געווען געשפּאַנט, שאַרף. איין פאַרלאַנג האָט ער געהאַט: צו זיין נאָך נענטער מיט בינהלען, אַ הייב טאָן זי אויף די הענט, אויפהייבן זי איבער די קעפּ פון המון און לאָזן אירע צעפלאַכטענע זוניקע צעפּ פלאַטערן איבער דער שטאָט — ווי אַ פאָן.

דערנאָך זיינען די רייען לויז געוואָרן, וואָס אַ מאָל לויזער — און דער המון איז געוואָרן ווי אַ טייך צווישן די הייזער־מויערן. אַזוי האָט מען איין געדיכטן קנויל אַריינגעשטראָמט אין „וואַדני רינעק״, ווו אַ מיטינג האָט געזאָלט פאָרקו־מען. יעקב האָט נאָך באַוויזן אַ צעפלאַמטער, אַ פאַרדבקעטער אַריינצופליסטערן אין בינהלעס אויער: „ד׳זעסט, די צייטן פון האָפענונג זענען אָנגעקומען...״

דער שיינער משה איז ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן לעבן זיי, אַ נעם געטאָן בינהלען פאַרן אָרעם און גענומען זיך מיט איר שטופּן דורכן קנויל פון דער מאַסע, נענטער צו דער עסטראַדע. יעקב האָט זיי נאָכגעקוקט ביז דער לעצטער רויטלעכער שימער פון אירע געלע צעפּ איז פאַרשוווּנדן אין דעם ים פון קעפּ, אונטערגעגאַנגען פאַר אים — ווי אַ זון אין די כוואַליעס.

אויף מאָרגן האָט ר׳ איטשעלע היטלמאַכער געשיקט נאָך יעקבן. ר׳ אי־טשעלע האָט שוין פון לאַנג געהערט פון דעם פּאַן מאָריס, אַז עפּעס איז קשי מיט יעקבן. איצט, נאָך דעם וואָס איז נעכטן בעת דער דעמאָנסטראַציע געשען, איז אפילו נישט נייטיק געווען אויסצופאָרשן יעקבן. אין דער צווישנצייט האָט ר׳ איטשעלע באַוויזן צו האָבן זיינע אייגענע חשדים. ער, ר׳ איטשעלע, האָט פאַרמאָגט אַ גוט אויער, אַ קלוגס, אַ פילבאַרס. די פאַרטיימענטשן האָבן זיך פאַראייגנט אַ מין אופן פון רעדן, האָבן באַנוצט אַ ספּעציעלע קאַטעגאָריע אויס־דרוקן און האָבן בכלל זיך פאַרהאַלטן אַנדערש ווי דער רוב אומפאַרטייִשע ייִדן. און ר׳ איטשעלע האָט בעת די שמועסן מיט יעקבן באַמערקט די בהדרגהדיקע ענדערונג אין אים.

אָבער וואָס מער ער האָט געשמועסט מיט יעקבן, דאָס נענטער איז דער יונ־

גער־מאַן אים געוואָרן. געוויינטלעך, אַז ער, ר׳ איטשעלע, האָט באַגעגנט אַ מענ־טשן און געהאַט אַ גוטע מיינונג וועגן אים, איז געשען, אַז וואָס בעסער ער האָט אים באַקענט, דאָס ווייניקער גוט איז די מיינונג געוואָרן. און דאָ איז געשען עפּעס פאַרקערטס. ס׳האָט זיך נישט געהאַנדלט אַזוי ווייט אין דער מיינונג — ווי אין דעם געפיל וואָס ער האָט באַקומען פאַר יעקבן. אַ מענטש אַזאַ ווי ער, ר׳ איטשעלע, תּמיד אַרומגערינגלט מיט משפּחה, ידידים, סוחרים, איז זעלטן געווען אַליין, סיידן ער האָט זיך פאַרמאַכט אין אָט דעם „קאַנטור״ זיינעם און קיינעם צו זיך נישט אַריינגעלאָזט. דאָך האָט עפּעס אַ וויסטע איינזאַמקייט אים גענאָגט — ביז יעקב האָט זיך באַוויזן אין זיין לעבן.

ער האָט זיך דאָס גאָרנישט געקאָנט דערקלערן, ר׳ איטשעלע. אַוודאי האָט באַטשאַני געשאַפן אַ פאַרבונדנקייט צווישן אים און יעקבן, אָבער נישט דאָס איז געווען די סיבה פאַר וואָס עס האָט זיך אים אַזוי לייכט געשמועסט מיט יעקבן. ער האָט זיך נישט געשעמט צו באַוויזן פאַר אים אויך די שאָטנדיקע זייטן פון זיך, עפּענען פאַר אים אַ שפּעלטל פון זיין איבערגעלאָדנטער נשמה — און געפינען דערלייכטערונג אין דעם בחורס בליק, וואָס איז קיין מאָל נישט געווען קיין אורטיילנדיקער, נאָר אַ זוכנדיקער; ווי ער וואָלט צוזאַמען מיט אים, ר׳ איטשעלען, זיך אַרויסגעלאָזט אויף דער פיינלעכער נסיעה אין דעם וואָלד פון אינערלעכע פּלאָנטערנישן, פון שולד... פון נישט־דערפילטע התחייבותן און נישט־געשטילטע פאַרלאַנגען. צו מאָל האָט ר׳ איטשעלע געטראַכט, אַז ווען ער וואָלט געהאַט אַן אייגענעם לייבלעכן זון, איז נאָך געווען אַ ספק צי דער זון וואָלט אים אַזוי גוט פאַרשטאַנען ווי יעקב. ער האָט זיך דערמיט פאַר יעקבן נישט אויסגעגעבן, אָבער יעדער מאָל וואָס יעקב האָט זיך באַוויזן ביי אים אין דעם „קאַנטור״ — איז געווען יום־טוב ביי אים, ביי ר׳ איטשעלען.

דערפאַר האָט זיך ר׳ איטשעלע געמאַכט נישט הערן וואָס דער פאַן מאָריס רעדט צו אים און ער האָט זיך באַמיט צו פאַרגעסן זיינע אייגענע חשדים. און ווען דער פאַן מאָריס איז אַרויסגעקומען לעצטנס אויך מיטן צולאָג פון אַנדערע מסירות אויף יעקבן, אין שייכות מיטן אומגליק וואָס עס האָט געטראָפן מיט דעם יוועלירס טאָכטער, דער פאַנגע פּאָלטשען — האָט ר׳ איטשעלע זיך אַזוי צעכעסט, אַז ער האָט געוויזן דעם פאַן מאָריס די טיר. אַזוי ווייט וואָלט ער, ר׳ איטשעלע, קיין מאָל נישט געגאַנגען מיט זיינע פאַרדאַכטן אויף יעקבן. ער האָט אים צו גוט געקענט.

ר׳ איטשעלע גופא האָט דורך דער צייט וואָס יעקב האָט פאַר אים געאַרבעט אַליין אַדורכגעמאַכט אַ נישקשהדיקע מעטאַמאָרפאָזע. ער האָט געהערט צו דער סמעטענע פון דער שטאָט. מיט ייִדן האָט ער געהאַט צו טאָן נאָר אין מיסחר און בעת די יום־טובים, אין דער שול. אָבער געהערט האָט ער אַצינד אַליין צו אַ פּאָליטישער פּאַרטיי. ער איז געווען אַ חשובער מיטגליד פון דער „אגודה״ —

און ווי אַ פּועל־יוצא דערפון איז זיין שׂינאה צו די יִדישע „לינקע" נאָך גרעסער געוואָרן, נאָך בייסיקער און ביטערער.

אָבער בשום־אופן האָט דאָס נישט דערוועקט ביי אים קיין שׂינאה צו יעקבן, אַפילו איצט, ווען ער האָט אַלץ קליפּ און קלאָר געוווּסט. דאָך האָט ער געמוזט אים אַרויסרופן צו זיך. אַנדערש האָט ער האַנדלען נישט געקאָנט. אַלע אָנגעשטעלטע זיינען געווען עדות פון יעקבס אַרויסלויפן פון געשעפט און זיך אָנשליסן אָן דער דעמאָנסטראַציע. און ער, ר' איטשעלע, האָט געמוזט קוקן דעם אמת אין די אויגן אַריין, גיין קעגן זיך אַליין — קעגן יעקבן.

ר' איטשעלע האָט יעקבן נישט פאַרבעטן זיצן, ווען יעקב איז אַריינגעקומען צו אים אין חדר. אָבער ער איז נישט גלייך אַרויסגעקומען מיט דער גרונטיקער שאלה, יעדנפאַלס נישט דירעקט.

„איך וואָלט פאַרבעטן אונדזער ביינדס פריינד, ברוך ווייסקאָפּן אויך", האָט ער פאַמעלעך אָנגעהויבן, „סוף־כל־סוף האָט ער דיך פאַרגעשלאָגן פאַרן פאָסטן. כ'וואָלט אים געבעטן ר' זאָל אַליין מישפטן וועגן דעם ענין. אָבער ווי דו ווייסט מסתמא, האָט ברוך פאַרלאָזן לאָדזש אין גרויס איילעניש..."

„ברוך?" האָט יעקב אַ מורמל געטאָן.

„ד'ווייסט גאָרנישט? כ'פאַרשטיי. ס'פּאַסט אים מסתמא נישט מער... זיך צו חברן מיט דיר".

„וואָס האָט פּאַסירט?" יעקב האָט געמאַכט אַ טראָט נענטער צו ר' איטשעלעס שרייבטיש.

„ס'וווּנדערט מיך דאָך וואָס ד'ווייסט נישט. גאַנץ לאָדזש רעדט. ד'ווייסט דאָך ווי מענטשן האָבן ליב זיך צו קאַרמען מיט לשון־הרע און געפעפערטע מעשׂיות. דער פאַן מאָריס האָט מיר אַפילו אָנגעדייט, אַז ד'ביסט געווען באַקאַנט מיט דעם מיידל".

יעקבן האָט זיך דער אָטעם פאַרהאַקט. הגם נישט געבעטן, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן פרייען פאָטעל קעגן איבער ר' איטשעלען. בעת־מעשׂה האָט אַ קול געשריגן אין אים: „אַצינדער צווינג דיך צו זיין אַן אַקטיאָר! מאַך דעם אָנשטעל... דו מוזסט! מאַך אַ גלייכגילטיק פּנים!"

ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צו ר' איטשעלען: „כ'בעט אייך, זאָגט מיר וואָס עס איז געשען". זיין קול איז געווען פאַרכריפּעט.

ר' איטשעלע האָט געקוקט יעקבן גלייך אין פּנים. „ס'אַ מיאוסע מעשׂה. און איך האָב דיך נישט גערופן אַהער צו רעדן לשון־הרע מיט דיר... יעדנפאַלס, דאָס מיידל איז געווען שטאַרק צעבאַלעוועט. זי האָט עפּעס געהאַט צו טאָן מיט אַ באַלוטער גראַבן־יונג און ער האָט זי צו רעכט געמאַכט, פאַרשטייסטע מיך... טאַטע־מאַמע זענען בסוד־סודות אַוועק קיין ווין מיט איר... ...נו, פּטור צו ווערן פון עסק... דערנאָך איז אָנגעקומען די בשׂורה, אַז דאָס מיידל האָלט שמאָל...

יאָ, ווייזט אויס, אַז ז'האָט ברוכן אויך פאַרדרייט דעם קאָפּ. מ'שמועסט אין גאַס אַז ער האָט דאָס, ווי מען זאָגט דאָס אויף היינטיקן לשון, זיך שטערבלעך פאַר־ליאַפּעט אין איר. האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז אַוועק קיין ווין... און אַצינ־דער, לאָמען צוריקגיין צו דעם וואָס פאַרשאַפט מיר צער... יאָ, וואָס ברענט מיך, יעקב, ווי אַ פייער. ענטפער מיר גלייך אין די אויגן אַריין: צו וואָסאָרא פּאַרטיי געהערסטו?"

יעקב האָט פולשטענדיק פאַרלוירן דעם חוש פאַר דער רעאַליטעט. אין אַ טיפן פינצטערן גרוב האָט ער זיך געפונען. פון דאָרט האָט ער ווי נישט איז געענטפערט ר' איטשעלען, נישט מיט זיין אייגן קול, נאָר מיט אַ דעם אַנדערן קול, וואָס האָט זיך פון אים אַרויסבאַקומען דעמאָלט, אין דאָרף, ווען יואל איז געשטאָרבן.

ר' איטשעלע איז אַנגעגאַנגען: „געדענקסט דעם באַדינג וואָס כ'האָב דיר געשטעלט, הע? מוז איך דיר אַצינדער געבן דעם אויסוואַל: אָדער ד'בלייבסט ביי מיר, אָדער ד'בלייבסט ביי דיין פּאַרטיי".

ביי יעקבן האָט דער קאָפּ פיבערדיק געאַרבעט. ער האָט זיך געפּרוווט דערמאָנען זיינע לעצטע באַגעגענישן מיט פּאַלטשען און האָט נישט געקאָנט. נאָר אַ סאַפּע האָט ער געדענקט. איר לייב קעגן זיינעם. האָט זי אים מכבד געווען מיט אַ גלעזל משקה יענעם טאָג? זי האָט זיך מסתמא פאַרחברט מיט ווער ווייסט וועמען, נאָך דעם ווי ער האָט אָפּגעזאָגט זיך מיט איר צו באַגעג־נענען. דאָך האָבן אַלע זיינע גלידער, דאָס גאַנצע חיות זיינס געהודזשעט: „איך! איך! מיין שולד!" ר' איטשעלע האָט אים געמוזט דערמאָנען, אַז ער וואַרט אויף אַ תשובה.

אין דער רציחה קעגן זיך, איז יעקב אויפגעשפּרונגען אויף די פיס און האָט אַרויסגעפּלאַצט: „איר ווייסט אַליין, אַז אייער שאלה איז לעכערלעך. כ'האָב אין דר'ערד דעם פּאַסטן!"

ר' איטשעלעס פּנים האָט זיך אויסגעקרימט און זיך באַדעקט מיט אַ נעץ פון ווייטיק־קנייטשן. „דו מוזסט נישט זיין אַזוי חוצפּהדיק צו מיר", האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַן אומזיכער קול. „האָסט דיר שוין טאַקע איבערגעטראַכט די זאַך גרינטלעך?... ביי דער היינטיקער לאַגע. וואָס ס'טע טון זיך צו פאַרדינען דיין שטיקל ברויט?" ער האָט אַ שלינג געטאָן און צוגעגעבן מיט אַ קרעכץ. „כ'האָב דיך באַהאַנדלט ווי... אַ טאַטע".

געדאַנקען־כוואַליעס האָבן געשניטן איבער יעקבס מוח מיט אַ ווילדער שנעלקייט. „כ'מוז פאַרגעסן דערוועגן איצטער... פאַרגעסן! כ'האָב גענוג צייט. דאָס גאַנצע לעבן מיינס האָב איך צו טראָגן די לאַסט..." האָט ער געפּרוווט אַרויפ־צווינגען די גלייכגעוויכט אויף זיך.

ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צו ר' איטשעלען.

„ס׳איז ווי יענע מעשׂה, ר׳ איטשעלע...״ האָט ער אַ זאָג געטאָן. „די מעשׂה מיטן עבֿודה־זרהניק וואָס אַבֿרהם אָבֿינו האָט אַרויסגעוואָרפֿן פֿון געצעלט. איר געדענקט וואָס דער רבונו־של־עולם האָט דאַמאָלס געזאָגט צו אַבֿרהמען? ׳איך האָב מיט דעם אַפּטרינניקן זיבעציק יאָר אויסגעהאַלטן׳, האָט ער געזאָגט, ׳און דו קאָנסט אים איין נאַכט אַפֿילו נישט געדולדיק פֿאַרטראָגן?׳ ״

איז אַט דער ביישפּיל געווען אויפֿן אָרט? נישט וויכטיק. אַט איז ער געקומען אויף זיין, אויף יעקבֿס צונג. ער וועט אָנגיין מיט די רייד. צי אפֿשר זאָל ער גלייך אַרויסלויפֿן מיט אַ טראַסק אין טיר? וואָס איז שוין וויכטיק געווען? ס׳איז געווען אַלץ איינס. דאָך, ער וועט נישט באַליידיקן ר׳ איטשעלען. ער וועט אים נאָר זאָגן דעם אמת, מיט דער גאַנצער ליבשאַפֿט און דרך־ארץ, וואָס ער טראָגט פֿאַר אים, וועט ער אים זאָגן.

ער האָט זיך אויסגעגלייכט. געקומען נאָך נעענטער, גאָר נאָענט צו ר׳ איטשעלעס טיש און אים געקוקט גלייך אין פּנים אַריין.

„אויב איר האָט זיך געהאַלטן פֿאַר מיין טאַטן... האָב איך זיך באַטראַכט ווי אייערס אַ זון, געווען אייך געטריי, יאָ. כ׳האָב געזען אייערע מעשׂים. איר באַהאַנדלט אייערע אַרבעטערס אין דער פֿאַבריק ווי ווערעם. און דאָך האָב איך אייך פֿאַרטראָגן, אָנגעהאַלטן די פֿריינדשאַפֿט מיט אייך. ניין, נישט ווייל איך האָב אייך געברויכט... ווייל איר זענט דער בעל־הבית... נאָר אַט, יחיד צו יחיד. אמת, כ׳האָב אייך אָפּגענאַרט. נישט אַרויסגעקומען מיטן אמת. ווייל כ׳בין נישט פֿריי פֿון שוואַכקייטן. כ׳האָב נישט געוואָלט פֿאַרלירן די שטעלע. ס׳איז מיר דאָ גוט געווען. דער עיקר האָב איך אייך נישט געוואָלט פֿאַרלירן. כ׳האָב פֿרי פֿאַרלוירן מיין אייגענעם טאַטן, אפֿשר דערפֿאַר. נאָר אפֿשר זיינען מיינע חבֿרים גערעכט. נישטאָ קיין געמיינזאַמע שפּראַך צווישןביידע זייטן פֿון דער באַריקאַדע. האָט מיר אַ גוטן!״

ער האָט זיך אַ קער געטאָן צו דער טיר.

„יעקבֿ!״ האָט ר׳ איטשעלע אַ געשריי געטאָן. יעקבֿ האָט זיך פֿאַרהאַלטן, אומגעקערט דעם קאָפּ. האָט ער ריכטיק געזען, צי האָבן אים די אויגן גענאַרט? ער האָט געמאַכט אַ שריט צוריק אין צימער אַריין און געקוקט אויף דעם הדרת־פּנימדיקן, מאַיעסטעטישן ייִדן הינטערן שרייבטיש. צוויי גרויסע טרערן זיינען געשטאַנען אין ר׳ איטשעלעס אויגן. „יעקבֿ... כ׳וויל נישט, אַז ד׳זאָלסט אַוועקגיין...״ האָט ר׳ איטשעלע געפּרעפּלט.

יעקבֿ האָט ברייט פֿונאַנדערגעריסן די אויגן. אַ שיפֿלות, אַ פֿאַרשעמטקייט האָט אים איינגענומען צוזאַמען מיטן חושך פֿונעם פֿינצטערן תּהום אין וועלכן ער האָט זיך געפֿונען. ער האָט געשטאַרט אויף דעם ייִדן. דאָס האַרץ האָט אים געהאַמערט. ער האָט נישט געוווּסט וואָס עס קומט פֿאַר מיט אים. דערנאָך האָט

ער ווידער דערהערט דאָס קול אין זיך, דאָס אייגענע, אייגנסטע קול — אַ פּאַר־דרענגטס, פאַרקריפּלטס — אָבער זיינס. עס האָט אים דיקטירט די רייד:

„איך האָב שוין לאַנג געהאַט אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז איך קאָן אויף דעם פּאָסטן נישט בלייבן. כ׳בין מער נישט בכוח... כ׳קאָן דאָרט נישט קוקן אויף זיך אינעם שפּיגל״.

„אָבער... אָבער״, האָט ר׳ איטשעלע אויסגעשטרעקט ביידע הענט איבערן טיש. „׳על איך דיר אויסזוכן אַן אַנדערע שטעלע״.

„יישר־כוח, ס׳איז נישט נייטיק״.

„אָבער... צו מיר קענסטע דאָך אַרייקומען... מאַכן אַ שאָך...״

„יישר־כוח. כ׳על נישט האָבן קיין צייט דערצו״.

יעקב איז גיך אַרויס פון ר׳ איטשעלעס „קאַנטור״.

קאַפּיטל אַכט

1

פון די טיפענישן פון יִיאוש, האָט יעקב, ווי איינער וואָס ראַנגלט זיך נישט אונטערצוגיין, געלאָזט אַרויפשווימען צום באַוווסטזיין די קלאָרקייט, אַז ער האָט ליב בינהלען. ער האָט דאָס וויסן מער נישט פאַרטריבן פון דער מחשבה, מער נישט פאַרלייקנט, צי עס פאַרטומלט. אָט דאָס איז עס געווען. זיין אַמאָליקע ייִנגלשע בענקעניש צו איר איז געוואָרן די ליבשאַפט פון אים — דעם מאַן, ווי נישט-שלמותדיק, ווי נעבעכדיק ער איז געווען.

פאַר אים, ווי אַ מאַן, זיינען דאָס נישט געווען קיין צייטן פון גענאַרן זיך אַליין. דער אמת וועגן זיך און וועגן דעם אַרום האָט געשטאָכן אין די אויגן אַפילו דורך פאַרמאַכטע אויגן-לעדלעך. ווען ער האָט זיי געעפנט אין דער פרי — האָט דער היינט, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע פּרעגצייכנס, אים געשטאָכן אין די אויגן מיט דער שאלה: „איז דער טאָג נאָך מיינער? וועט דער גורל באַלד קלאַפּן אין טיר און מיך רעקרוטירן צו ווערן אַ זעלנער, זיך צו שלאָגן — נישט פאַר מיין אידעאַל ווי אַ גאַנצער — נאָר פאַר אַ העלפט פון אים: פאַר פּוילן. בעת איך וועל פּרווון צעשטערן זיין צווייטע העלפט: דעם ציטערדיקן שפּראָץ פון אַ נייער געזעלשאַפט אין סאָוועטן-פאַרבאַנד?"

גלייך דערנאָך איז געקומען די צווייטע פּיינלעכע שאלה:

„און וואָס מכוח אָט דער געזעלשאַפט אין סאָוועטן-פאַרבאַנד, איצט, נאָך דעם ווי די באָלשעוויקעס זיינען געקומען צו דער מאַכט, אַ געזעלשאַפט געבויט אויף די קברים פון ווער ווייסט וויפל אויסגעשאָכטענע מענטשן? און וואָס מכוח דעם נייעם פרייען פּוילן, אין וועלכן אַזוי וויניק האָט זיך אין תּוך געביטן? וואָס מכוח פּוילנס פירער, יוזעף פּילסודסקי, דעם טרוימער פון אַ גערעכטער געזעלשאַפט אין אַ גערעכטער רעפּובליק, אים, דעם מיטגליד פון דער פּוילישער סאָציאַליסטי־שער פּאַרטיי, וועלכער האָט דערקלערט צו זיינע חברים: 'איך שטייג אַרויס אויף דער סטאַנציע ניעפּאָדלעגלאָשטש'? — איז דאָס דער הייליקער אידעאַל פאַר וועלכן איך דאַרף זיין גרייט צו שטאַרבן? גרייט צו הרגענען? איך וואָס האָב מיך אַזוי לאַנג געוואַקלט און בין נאָך אַלץ נישט זיכער, צי בלוט-פאַרגי־

סונג האָט אַ באַרעכטיקונג אַפילו אין נאָמען פון באמת דערהויבנסטן, הייליקסטן אידעאַל? דער גורל טרייבט לצנות מיט מיר, שטעקט אַרויס צו מיר אַ גרויסע צונג".

יאָ, עפּעס אומזויבערס, באַליידיקנדיקס איז געווען אין אָט דער מלחמה — אינעם קאַמף פאַר גרענעצן, צווישן די וואָס האָבן נאָר וואָס געוווּנען די פרייהייט.

האָט יעקב, ווי כדי צו רייניקן זיך — זיך אָפּגעגעבן מיטן געדאַנק וועגן בינהלען.

ער האָט אויך געטראַכט וועגן שיינעם משהן, מיט קינאה, אָבער אויך מיט אַ נייגער און אַ מאָס פריינדלעכקייט. ער האָט זיך נישט פאַרמאָסטן צו קאָנקורירן מיט משהן. זיי זיינען נישט געווען קיין גלייכע קאָנקורענטן, נישט אַצינד, ווען יעקב איז געווען צעבראָכן פון דער שולד און פון די שלעכטע מחשבות וועגן זיך; אָבער אויך נישט פריִער. צווייטנס, האָט יעדן איינעמס ליבשאַפט פאַרמאָגט אירע אייגענע פאַרבן, איר אייגענע אינטענסיוויטעט און מען האָט זיי נישט געטאַרט פאַרגלייכן.

ער, יעקב, איז געווען אַ טייל פון בינהלעס עבר, וואָס האָט מער נישט עקסיסטירט — סיידן אין איר זכרון. משה, דער נאַבעלער משה, דער ווילער מענטש, איז געווען אַ טייל פון בינהלעס הייגט. און פונקט ווי דאָס נאַבעלע האָט געהאַט די אייבערהאַנט איבערן נידעריקן, אַזוי האָט אויך דער הווה געהאַט אַן איבערהאַנט איבערן עבר — אַזוי האָט משה געהאַט אַן איבערהאַנט איבער אים — יעקבן.

אָבער אָט די אויספירן האָט געמאַכט נאָר דער שׂכל. אין האַרצן האָט יעקב זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון געפיל, אַז דאָס וואָס האָט אים געבונדן מיט בינהלען האָט קיין שייכות נישט געהאַט מיט די קוואַליטעטן פון כאַראַקטער, צי מיטן נעכטן און דעם הייגט — נאָר מיט דער איינמאַליקייט, דער צייטלאָזיקייט פון ליבע. אַוודאי האָט משה געהאַט אַ רעכט אויך אַזוי צו פילן. אָבער אַ קול האָט אים, יעקבן, אונטערגעזאָגט אין האַרצן, אַז אויב זי גיט זיך אַפילו נישט אָפּ קיין קלאָרן דין־וחשבון דערפון — פילט בינהלע אויך מיט אַלע רמ"ח אברים איר פאַרוואַנדשאַפט, נישט מיט משהן, דעם נאַבעלן, נאָר מיט אים — דעם זינדיקן. זי האָט דאָס נישט געדאַרפט מרמז זיין מיט רייד. איר פּנים, איר גאַנץ חיות האָבן דאָס אים געזאָגט יעדער מאָל וואָס זיי האָבן זיך באַגעגנט.

טאָ וואָס? — האָט ער זיך געפרעגט. דער פאַקט איז געווען, אַז משה האָט געהאַלטן ביים אַוועקנעמען בינהלען פון אים אויף אייביק. דער פאַקט איז געווען, אַז אַפילו די דינע, די שפּינוועבדיקע פעדעם, וואָס האָבן אים, יעקבן, פאַרבונדן מיט בינהלען, האָבן זיך שוין כמעט געהאַט אויסגעדריוולט. דאָס איז געווען די וואָר. און ער, יעקב, האָט עפּעס געדאַרפט טאָן, געמוזט טאָן דערוועגן, אויב האָט ער געוואָלט, מיט דער גאַנצער מאָסע פון שולד וואָס ער האָט געטראָגן —

דאָך אָנגיין מיטן לעבן. און אַפילו ווען ער זאָל שטאַרבן מאָרגן, האָט ער געמוזט טראַכטן וועגן זיין לעבן, מיט די ליכטער און שאַטנס, ווי אַ גאַנצקייט — מיט אַ מאָרגן.

אָבער וואָס צו טאָן האָט ער נישט געוווסט. האָט ער זיך געדאַרפט שלאָגן מיט משהן ווי צוויי חיות שלאָגן זיך איבער אַ „זי״? דאָס איז אים אויסגעקומען קאָמיש. און ער וואָלט אויך באַליידיקט בינהלען דערמיט. אַחוץ דעם האָט ער נישט געהאַט דעם מינדסטן חשק צו שלאָגן זיך מיט משהן. ער האָט געהאַט דרך־ארץ פאַר אים. משה האָט געהאַט אַלע רעכט, ווייל בינהלע האָט אים די רעכט געגעבן.

איז יעקבן איינגעפאַלן, אַז בינהלע האָט כאָטש איין מאָל געדאַרפט הערן פון אים, פון יעקבן, וואָס ער פילט צו איר, קליפּ און קלאָר. און זי האָט אים געדאַרפט כאָטש איין מאָל ענטפערן, קליפּ און קלאָר, וועגן דעם אויסוואַל אירן — און דערמיט באַשטימען סיי איר גורל, סיי זיינעם און משהס. אוודאי איז געווען משונהדיק צו זיין אַ פרייער מענטש און דאָך לאָזן אַן אַנדערן, אַ פרוי, באַשטימען דיין גורל. אָבער אַזוי איז דאָס געווען. בינהלע האָט סיי אים, סיי משהן געהאַט אין איר מאַכט. די פרייהייט פון דעם פויגל אין שטייג איז געווען באַגרענעצט דורך די אַנדערע פייגל וואָס האָבן זיך אין דער שטייג געפונען.

אָבער קודם־כל האָט ער געמוזט זיך זען מיט ברוך ווייסקאָפּן. ער האָט געמוזט קלאָר מאַכן עפּעס מיט אים און ער האָט געמוזט אויסגעפינען וואָס עס איז געשען מיט דער פאַנגע פאַלטשע. אין הסכם מיט זיין אורטייל איבער זיך — איז ער געווען דער וואָס האָט איר ווי געטאָן, זי ממש אומגעבראַכט, נישט וויכטיק צי דאָס איז טאַקע אין דער אמתן געווען ער, נישט וויכטיק צי זי האָט זיך דערהאַלטן ביים לעבן, צי חלילה נישט. יאָ, אַן דעם וויסן וועגן פאַלטשען האָט ער קיין שאַנס נישט געהאַט, קיין בטחון, קיין מוט.

ער האָט קיין מאָל נישט באַזוכט ברוכן אין דער נייער דירה. איצט איז ער יעדן טאָג אַרויפגעגאַנגען די שטיגן אַהין, אַריין אינעם קאָרידאָר וואָס איז געווען באַהאַנגען מיט שפּיגלען און געפרעגט דעם באַדינער אין דער ליוועריע, צי ברוך איז שוין צוריקגעקומען, ווען ער האָט געדאַרפט צוריקקומען. ביז דער באַדינער האָט אים געגעבן אַן אַדרעס אין ווין, ווו ברוך האָט געהייסן זיך שיקן די פּאָסט. יעקב האָט געשריבן אַ בריוו און טעג פון וואַרטעניש האָבן זיך אָנגעהויבן. איצטער האָט ער געוואַרט אויף צוויי קאָנווערטן, איינעם פון ברוכן און איינעם מיטן מאָביליזאַציע־צעטל. ער האָט זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן.

ער האָט אָנגעהויבן אַרומצוזוכן בינהלען.

ער איז געווען זיכער, אַז זי וווינט נישט מער דאָרט ווו ער האָט זי געפלעגט אָפּוואַרטן. אויב האָט זי אים געזאָגט איר נייעם אַדרעס די געציילטע מאָל וואָס

זיי האָבן זיך באַגעגנט, האָט ער אים נישט דערהערט, נישט געוואָלט דער־הערן, נישט געוואָלט וויסן — אויס מורא פאַר זיך. האָט ער אַצינד גענומען אַרומזוכן בינהלען איבער דער שטאָט, און די שטאָט האָט זי באַהאַלטן פון אים. די שטאָט האָט זיך געריצט מיט אים מיט דאַכטענישן, מיט פרויען פון אַן ענלעכן גאַנג, מיט אַן ענלעכן קאָליר פון די האָר. בינהלע איז פאַראַן געווען ערגעץ, אַ שטויבעלע אין ים און ער — אַ צווייטס. שטויבעלעך אויפן ים האָבן זיך זעלטן באַגעגנט, און אויב יאָ, האָט נישט זייער ווילן, נאָר דער צופאַל זיי צוזאַמענגעבראַכט.

איז יעקבן איינגעפאַלן אויפצוזוכן דעם שיינעם משהן. דער שיינער משה איז געווען אַ באַקאַנטער יונגער אַקטיאָר אין שטאָט, קינד און קייט האָט אים געקענט פון די פאָפולערע רעוויו־פאָרשטעלונגען, פון די אַרויסטריטן אויף פועלי־ציוניסטישע אונטערנעמונגען, דערצו איז משה איצט געווען אַ פונקציאָ־נאַר פון „האַנטווערקער־פאַראיין״.

יעקב האָט אים טאַקע לייכט געפונען. משה איז אַרויסגעקומען פון דער געביידע ווו דער פאַראיין האָט זיך געפונען, אָנגעטאָן ווי אַן אַרטיסט: די האָר אין אַ לאַנגער פאָלקע, מיט אַ פעלערינע, מיט אַ שטעקעלע אין דער האַנט, ווי ער וואָלט נאָר וואָס אַרויס פון טעאַטער. יעקב איז אים נאָכגעגאַנגען פון דער ווייטנס. אַזוי האָט משה אים געהאָלפן געפינען בינהלען.

זי איז אַרויסגעקומען פון אַ פאַבריק־טויער. באַלד איז איר אָרעם געווען אין משהס אָרעם, און אַזוי האָבן זיך די צוויי געמיטלעך געטראָגן פאָרויס. יעקב איז נישט געווען זייער שטאָלץ מיט זיך, מיטן נאָכגיין זיי. אַ פּאָר מאָל האָט ער געוואָלט אַנטלויפן. וואָס פאַר אַן איינפאַל ער האָט דאָס געהאַט! ער, דער פאַר־שפילטער „מאָראַליסט״ — זיך אַריינצורייסן אין שלומדיקן לעבן פון צוויי מענטשן און עס פרווון צעשטערן. אָבער די פיס האָבן געטראָגן דאָס האַרץ און דאָס גאַנצע חיות זיינס — פאָרויס. היינט האָט ער נישט געוואָלט זיין קיין צדיק. בינהלען האָט ער געוואָלט, און ער האָט איר געמוזט אַנטקעגנגיין, נאָכגייענדיק איר — כדי זי זאָל באַשטימען זיין גורל.

ער האָט נישט געוואָלט וואַרטן און זען צי זי וועט אָפּגעזעגענען משהן, צי זיי וועלן צוזאַמען פאַרשווינדן ערגעץ אין אַ הויז. דאָך האָט ער אָפּגעוואַרט ביז זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן אויף אַ רגע פאַר אַ טויער. יעקב האָט מאָביליזירט דעם גאַנצן מוט וואָס ער האָט פאַרמאָגט אין זיך, איז צוגעלאָפן צום פּאָרל, זיי פאַרהאַלטן מיט אַ מין גראַטעסקן, חוצפהדיקן זשעסט און נישט ווילנדיק — אַן אומגעריכטן שטויס געטאָן משהן מיטן עלנבויגן. יעקב האָט באַמערקט ווי דאָס בלוט איז אָפּגעפלאָסן פון בינהלעס פנים.

אירע ליפּן האָבן זיך צעציטערט: „יעקב...״

„אַנטשולדיקט...״ האָט יעקב קרום אַ שמייכל געטאָן צו משהן, „כ׳בין באמת

נישט איסן געווען". ער האָט זיך גיך אַ קער געטאָן צו בינהלען און אַרויס־געפּלאַצט: „כ'דאַרף מיט דיר עפּעס רעדן!"

אַ שטילקייט איז געפאַלן צווישן זיי דריי, געקלונגען אין די אויערן. די ערד האָט זיך געוויגט אונטער יעקבן. די פּנימער פון בינהלען און משהן האָבן אים געשווינדלט פאַר די אויגן.

לסוף האָט ער דערהערט בינהלעס פּרעפּל: „כ'על צוקומען צו דער ,האַרפּע'".

יעקב האָט שטייף אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ צו משהן און איז אַריבער־געלאָפן אויף יענער זייט גאַס.

דעמאָלט האָט ער זיך געכאַפּט, אַז בינהלע האָט אים נישט געזאָגט ווען זי וועט צוקומען צו דער „האַרפּע". ס'איז נישט וויכטיק געווען. ער וועט וואַרטן אויף איר הײַנט, מאָרגן, איבער מאָרגן. עפּעס האָט אים אַ שנייד געטאָן אין האַר־צן: און אַז זי וועט קומען, וואָס וועט ער איר זאָגן? אַז ער וויל חתונה האָבן מיט איר — ער, דער אויסוואָרף, דער קבצן, דער אַרבעטסלאָזער, וואָס זיצט שוין וואָכן אויף קעסט ביי זיין חבר וואָווע צעדערבוים, ווייל ער ריכט זיך, אַז מען וועט אים ליאַדע טאָג רופן אין מיליטער? — האָט ער זיך נישט געדאַרפט אָנשפּייען אין פּנים? ער, דער שיינריידער, דער בעל־חלומות, איז דאָך געווען נישט מער ווי אַן עגאָיסטישער בטלן.

אַ פּאָר שעה שפּעטער האָבן זיי זיך באַגעגנט פאַר דער „האַרפּע". יעקבן האָט דער פּולס געהאַמערט אין מויל. אַלע גלידער האָבן געפּלאַטערט פון שוואַכקייט. די הויט אויפן לייב האָט געבריט, געשטאָכן און ער האָט געשווידערט פון שפּאַנונג. ער האָט נישט פאַרמאָגט קיין כוח צו פאַרלענגערן די סצענע. און אויך זי האָט אויסגעזען באַרוישט, פאַרלוירן, ווי דאָס לשון וואָלט ביי איר אָפּגענומען געוואָרן.

„כ'האָב דיר בלויז געוואָלט זאָגן", האָט ער אַרויסגעשטאַמלט, „אַז איך האָב דיך ליב. מער גאָרנישט".

ס'איז געווען שווער צו קוקן אויף איר בלייך פּנים, אָבער ער האָט געמוזט. ער האָט געהאַלטן אָנגעהאַנגען די בליקן אויף איר זינלעך האַלב־צעעפנט מויל וואָס האָט אויסגעדריקט די אומבאַהאָלפנקייט אירע. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער שיקלט.

מיט אַ מאָל האָט בינהלע אַרויסגעפּלאַצט: „צו דעם האָסטע מיך גערופן?" פונקען האָבן זיך צעשפּריצט פון אירע אויגן. איידער ער האָט באַוויזן אָפּצו־כאַפּן דעם אָטעם, האָט זי זיך אָפּגעקערט פון אים און איז אַנטלאָפן.

ער איז איר נאָכגעלאָפן און זי אָנגעכאַפּט פאַרן אָרעם. „כ'האָב דיר דאָס געמוזט זאָגן קליפּ און קלאָר", האָט ער געסאָפּעט. „גלייך אין די אויגן אַריין. ס'איז וויכטיק פאַר מיר!"

„פאַר דיר!" האָט זי אויסגעשריגן, אויסער זיך. „און פאַר מיר נישט! לאָז מיך אָפּ!"

„ניין", האָט ער געדרייט מיטן קאָפּ. „שוין דאָס צווייטע מאָל אַנטלויפסטע, ווען ס'קומט צו רעדן וועגן וויכטיקע זאַכן!" האָט ער צוריקגעשריגן אין אַ פאַרצווייפלטן כעס.

„וואָסאָרא וויכטיקע זאַכן?" האָט זי זיך געריסן פון זיין האַנט. „משה האָט שוין געדונגען אַ דירה!"

„האָט ער געדונגען", האָט יעקב געשוימט די ליפּן. „אָבער דו מוזסט מיר זאָגן... גלייך אין די אויגן אַריין... וואָס... וואָס פילסטע צו מיר?" פאַרבייגייערס האָבן אויפגעכאַפּט זיין פראַגע און אומגעקערט די קעפּ צו דעם פּאָרל, פאַרווילט אונטערגעשמייכלט. „וואָס פילסטע צו מיר?" האָט ער איבערגעחזרט אין אַ שטילערן טאָן און נאָך אַלץ נישט אָפּגעלאָזט איר אָרעם.

„גאָרנישט! גאָרנישט פיל עך צו דיר!" — זי האָט זיך אַ ריס געטאָן פון זיין האַנט מיטן גאַנצן כּוח. דערנאָך איז זי געבליבן שטיין צוגענאָגלט צום אָרט און אים אָנגעקוקט מיט נעפּלדיק־פאַרזשמורעטע אויגן, די אונטערשטע ליפּ פּייכט אַרויסגערוקט, ווי אַ קינד וואָס האַלט ביים פונאַנדערוויינען זיך. — „לאָז מיך צו רו, יעקב..." האָט זי געקעמפּט מיט איר קול. „לאָז מיך אָפּ..." האָט זי געבעטן, הגם ער האָט זי מער נישט צוגעהאַלטן. אירע אויגן זיינען געווען ווי צוויי פולע בעכערס. זי האָט זיך פּאַמעלעך אָפּגעקערט פון אים און מיט אַ צוריקגע־האַלטענעם טראָט געגומען זיך דערווייטערן.

יעקב האָט דערהערט יואל דעם שמידס קול אין זיך: „לאָז נאָך... קלעפּ נישט... טו נישט מער קיין גוואַלד, אַפילו נישט אין דער מחשבה — נישט איר, נישט זיך".

2

פאַרנעפּלטע טעג זיינען נאָכגעקומען. דאָס האַרץ איז געוואָרן אַ שלאַכטפעלד וווּ דער דרך־ארץ צו זיך האָט געקעמפט מיטן יאוש, מיט דער האָפענונגלאָזיקייט. די מלחמה מיט די באָלשעוויקעס איז אָנגעגאַנגען און יעקב, אַן אַרבעטסלאָזער, האָט זיך אַרומגעשלעפּט מיט אַנדערע אַרבעטסלאָזע איבער דער שטאָט. ווידער איז דאָ אַלץ פּאַראַליזירט געוואָרן. פאַבריקן האָבן אויפגעהערט צו אַרבעטן. די גבירים האָבן זיך מיט די משפחות אַריבערגעפּעקלט אין די דערפער און קליינע שטעטלעך.

לעוו טראָצקי האָט געוואָרפן די לאָזונג „דאַיאָש וואַרשאַווו", גיב אַהער וואַרשע, און גענעראַל טוכאַטשעווסקיס רויטע חיילות האָבן זיך גענומען דער־נענטערן צו דער ווייסל. אין שטאָט האָבן באַנדעס פּוילישע „פּאַטריאָטן" געעפנט אַ „לאַקאַלן פראָנט" און זיך פאַרנומען צו פירן שלאַכטן מיט די שטאָטישע

„באַלשעוויקעס״: די נישט־באַשיצטע ייִדישע אײנוווינערס. מען איז זיי באַפֿאַלן אין די גאַסן, אין די הײַזער און קראָמען.

מען האָט אַדורכגעפֿירט רעוויזיעס ביי די טוערס פֿון די ייִדישע פּאַרטייען. אַ צאָל פֿון זיי האָט מען אַרעסטירט און אינטערנירט אין אַ לאַגער, אין דאָמביע. יעקב האָט צוזאַמען מיט וואָווע צעדערבוים זיך אַנגעשלאָסן אָן דער בונדישער באַיאָווקע פֿון דער זעלבשוץ.

לסוף איז עס געשען. יעקב האָט פֿאַרמיטן דעם „פּריזיוו״ אין די צאַרישע צייטן, און אונטער דער דײַטשער אָקופּאַציע האָט ער, אויסער נויט און קעלט, נישט געפֿילט דעם גרויל פֿון דער מלחמה. אָבער אַצינד, אין נײַעם פֿרײַען פּוילן — איז ער אַרויסגעשלעפּט געוואָרן פֿון תּהום פֿון זײַן פּערזענלעכער מפּלה, אַראָפּ־געשלעפּט געוואָרן פֿון די הימלען פֿון חלומות וועגן אַ נײַער געזעלשאַפֿט. איינעם אַ טאָג האָט ער זיך געפֿונען מיטן מאָביליזאַציע־צעטל אין האַנט. ער איז צוגעטיילט געוואָרן צו דער צווייטער דיוויזיע אונטער דער אָנפֿירונג פֿון גענעראַל רידז שמיגלי.

ער האָט זיך געריכט דערויף. דאָך איז דער רוף, זיך מאָמענטאַל צוצושטעלן, אָט באַלד אויסצוקליידן זיך אין אַ סאָלדאַטסקן מונדיר מיט אַ פּויליש אָדלערל אויפֿן היטל, און אָפּפֿאָרן צום פֿראָנט זיך שלאָגן פֿאַרן באַפֿרײַטן פּוילן, קעגן אַ באַפֿרייט רוסלאַנד — אַראָפּגעפֿאַלן אויף אים ווי אַ דונער פֿון הימל. מסתּמא דערפֿאַר ווייל ער איז לעצטנס אַזוי שטאַרק געווען אַרײַנגעטאָן אין זיך, אַזוי פֿאַרנומען מיט זײַנע אייגענע אינערלעכע שלאַכטן, אַז אַפֿילו דאָס פּרוּוון דער־טרינקען דעם ווייטיק אין פּאַרטיי־לעבן, אין די איבונגען פֿון דער באַיאָווקע, אינעם ים פֿון ביכער, פֿון נײַע אידעען, אין דיסקוסיעס — האָט נישט געהאָלפֿן. גוט איז געווען וואָס ער האָט געוווינט ביי וואָווע צעדערבוים. האָט ער כאָטש פֿיזיש געקאָנט אַנטלויפֿן פֿון זיך. וואָוועס דירה איז דאָך גיכער געווען אַ קלוב, ווי אַ פּריוואַטע וווינונג. האָט מען זיך כאָטש דרויסנדיק געקאָנט פֿאַרטומלען.

האָט יעקב פֿאַרבראַכט דעם אָוונט מיטן מאָביליזאַציע־צעטל און מיט די חברים אין וואָוועס שטוב. אויפֿן ברעג פֿון טיש האָט ער געשריבן אַ בריוול צו דער מאַמען. ערשט דערנאָך, ווען אַלע זײַנען זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען, האָט ער זיך אַרײַנגעלאָזט אין אַ שמועס מיט וואָווען.

ס'איז געווען אַ נאַכט פֿאַר אינטימע, וויכטיקע רייד צווישן פֿרײַנד. אָבער וואָווע האָט קיין אָנונג נישט געהאַט וואָס אין יעקבן קומט פֿאָר און ער האָט זיך פֿונאַנדערגערעדט וועגן זיך.

„ד'ווייסט וואָס כ'על דיר זאָגן?״ האָט ער זיך אָפּגערופֿן צו יעקבן. „אַ מענ־טשנס היים איז ווי אַ לעבעדיק נפֿש. אָן אמתע היים מיין עך. און מיין היים... אַ יריד ׳עסטע זאָגן... אוודאי. ווייל אַנדערע פֿילן זיך דאָ אויך אין דער היים. זי...״ האָט ער אַ וויז געטאָן מיט אַ בייג פֿון קאָפּ אויף זײַן פֿרוי, באַלטשען,

וועלכע איז שוין געשלאָפן. „זי האָט אַריינגעהויכט די נשמה דעריז. דערפאַר, זעסטע, טאָמער אַרעסטירט מען מיך, צי מען מאָביליזירט מיך... 'עט מיר זיין סיי לייכטער, סיי שווערער. ס'עט זיין שווערער זיך אָפּצורייסן, אָבער לייכטער, ווייל כ'על וויסן, אַז באַלטשע האַלט דאָס אויף".

וואָווע איז נישט געווען קיין סענטימענטאַלער. ער האָט אויסגעמיטן צו באַווייזן פאַרן דרויסן דאָס ווייכע וואָס ער האָט פאַרמאָגט אין זיך. א סימן פון שוואַכקייט איז דאָס ביי אים געווען. האָבן טאָקע זיינע רייד עפּעס אַ ריר געטאָן אין יעקבן, גאָר שטאַרק, גאָר טיף.

אין מיטן שמועס האָט יעקב פאַרוואָרפן אויף זיך דעם מאַנטל און אַ זאָג געטאָן צו וואָווען: „וואַרט נישט אויף מיר. גיי שלאָפן". און ער איז אַרויס פון שטוב.

אַן גרויסן יישוב־הדעת, אָן מחשבות אין קאָפּ בכלל, האָט ער אָוועקגעוואַנדערט צום הויז ווו ער האָט געזען בינהלען זיך פאַרהאַלטן מיט משהן. ער איז אַריין צום הויזוועכטער און זיך נאָכגעפרעגט אויף בינהלעס דירה. פּאַמעלעך איז ער אַרויף די פיר שטאָק טרעפּן ביז צו איר נייער פּאַציאַטקע און אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. בינהלע איז שוין געשלאָפן. אויף יענער זייט טיר איז געווען שטיל. איז ער געשטאַנען צוגעקלעפּט מיטן מויל צום שליסללאָך און געפּליסטערט, נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל, אומצאָליקע מאָל, מעכאַניש, ווי אַן אויטאָמאַט: „עפן, בינהלע. כ'בין געקומען זיך געזעגענען".

לסוף האָט ער דערהערט ווי זי פּאָרעט זיך אויף יענער זייט טיר. זי האָט אים אַריינגעלאָזט אין אַ טונקל־צעשאָטנט צימערל. ס'האָט איר גענומען אַ פּאָר מינוט ביז זי האָט מיט יעקבס הילף אָנגעצונדן אַ נאָפטלעמפּל. זי איז געשטאַנען פאַר אים אַ צעשויבערטע, די האָר אין לאַנגע כאַאָטישע פּאַסמעס, ווי ליכטקנויטן, פונאַנדערגעוואָרפן איבער איר ווייסן באַרכנטענעם נאַכטהעמד. דאָס לבנה־ליכט וואָס האָט זיך אַריינגעגאָסן דורכן פענצטער איבערן דאַך האָט זיך אויסגעמישט מיטן שיין פון נאָפטלעמפּל און געפאַלן אויף איר פּנים.

איידער זי האָט באַוויזן זיך אַ באַוועג צו טאָן, אַרויסצורעדן אַ וואָרט, האָט ער איר געמאָלדן: „כ'גיי אויפן פראָנט. טאָמער פאַרסטע קיין באַטשאַני, גיי אַריין צו דער מאַמען מיינער. איך... איך בין דאַמאָלס אַריין צו דיין טאַטן... ווען ד'ביסט אַוועק קיין לאָדזש..."

בינהלע האָט געזוכט זיין בליק אינעם צעפינטלטן שיין פון דעם נאָפטלאָמפּ. ער האָט זיך אַ רוק געטאָן צו דער טיר, געפּרעפּלט אַ געזעגענונג, געפּאַכעט צו איר מיט דער האַנט, ווי זי וואָלט געווען מיילן ווייט. — און דאָ איז זי אַ פאַל געטאָן אויף אים מיט אַ לאַנגן וויינענדיקן כליפּ. אירע אָרעמס האָבן זיך, ווי אָן איר ווילן, אַ הייב געטאָן צו זיין האַלדז. אַזוי זיינען זיי געשטאַנען צוגעקלעפּט צו זיך, נישט בכוח זיך אַ ריר צו טאָן, נישט בכוח דאָס מויל צו עפענען.

שפּעטער אין דער נאַכט זיינען זיי נאָך אַלץ אַזוי געלעגן אויף בינהלעס בעט, צוגעקלעפּט איינער צום אַנדערן. יעקב האָט ערשט רעכט פאַרשטאַנען וואָס עס האָט באַטייט באַגערן עמעצן אַזוי שטאַרק — ביז צום אויפהערן באַגערן. מויל צו מויל זיינען זיי געלעגן, הויט צו הויט, גליד צו גליד, און קיין קלאַנג נישט אַרויסגעבראַכט פון זיך. בינהלע האָט יעקבן נישט דערציילט וועגן יוהן, נישט וועגן גייגערן, נישט וועגן משהן. און ער האָט איר נישט דערציילט וועגן וואַנדען, נישט וועגן דער פאַננע פאַלטשען און נישט וועגן די איינזאַמע נעכט ביי דער זייט פון סאַניען, דער שניידערין. געווען די אייביקייט די איינציק־מאַליקע וואָס האָט אַלץ פאַרווישט, אָפּגערייניקט, אָן טרערן, אָן שמייכלען, אָן ליכט און אָן פינצטערניש.

אויף מאָרגן איז בינהלע אַוועק מיט יעקבן צו וואָוען אין שטוב זיך גע־זעגענען און דערנאָך איז זי אַוועק מיט אים צו די קאַשאַרן. זיי זיינען געווען אויסגעמאַטערט פון דער נאַכט, פון אָט דער וואַכער רו, פון דעם פּחד פאַרן טויט און דער פרייד מיטן לעבן. איצט האָבן זיי יאָ גערעדט, אַ סך גערעדט. אָבער אין דער צעטומלעניש האָבן זיי נישט געהערט איינער דעם אַנדערנס רייד, און נישט די אייגענע רייד. בלויז דאָס לשון פון זייערע צונויפגעפלאָכטענע פינגער איז געווען קלאָר. אַלץ אַרום האָט אויסגעזען נישט־רעאַל; ווי זיי וואָלטן אין דער רעאַלקייט פון זייער אייגענער, אינטימער וועלט, געגאַנגען דורך די גאַסן פון אַ שטאָט, וואָס זיי האָבן געזען אין אַ קאָשמאַר.

ווייל די גאַסן אַרום זיי האָבן געפיבערט. יידן זיינען געלאָפן לענג־אויס די מויערן און פאַרשוווּנדן דאָ אין איין טויער, דאָ אין אַן אַנדערן — ווי מען וואָלט זיי נאָכגעיאָגט.

„געטץ אַכטינג, קינדערלעך!" איז אַ ייד צוגעשפּרונגען צו יעקבן און בינהלען. „גוים שפּאַלטן קעפּ! אויף דעם פרייהייטספּלאַץ איז אַ שחיטה!" און ער האָט זיך אַ דערשראָקענער אַ לאָז געטאָן ווייטער.

אויפן וועג האָט יעקב אַריינגעטאָן די האַנט אין קעשענע און אַרויסגענומען פון איר אַ בלעכל מיט אויסגעקריצטע יידישע אותיות. „נאַ דיר לעצט־געלט..." האָט ער זיך קרום צעשמייכלט און איר אַריינגעשטופּט דאָס בלעכל אין האַנט. „ס'אַ קמיע וואָס כ'האָב אַ מאָל געקראָגן פון ר' סענדערלען דעם מקובל".

זי האָט קרום צוריקגעשמייכלט און אָפּגעשטופּט זיין האַנט מיטן בלעכל. „דו האַלט זי... ברויכסט זי. איך האָב נאָך דעם געלעכערטן צווייער וואָס ד'האָסט מיר געגעבן אין באַטשאַני. ט'דאָס זיין מיין קמיע..."

בינהלע און יעקב האָבן זיך פאַרהאַלטן פאַר די קאַשאַרן ווו אַ המון רע־קרוטירטע מיט זייערע משפּחה־מיטגלידער זיינען געווען פאַרזאַמלט. אַרום איז געווען אַ געפילדער, אַ געוויין. מען האָט זיך געקושט און געהאַלדזט. יידישע פרויען אין שייטלעך, פּוילישע אַרבעטערינס פאַרהילט אין פאַטשיילעס ביז

איבער די קעפּ האָבן אַרומגעאַרעמט זייערע זין. בינהלע און יעקב האָבן זיך אָנגעקוקט. מער איז זיי נישט געגעבן געוואָרן ווי אָט די פאַרלאָפּענע נאַכט פון מנוחה און אָט דער פרימאָרגן פון הריגה און צעשיידונג. דאָס איז עס געווען. אַ קוש. אַ האַנטדרוק. אַ פּאַכע מיט דער האַנט. אַ לעצטער בליק.

אָפּגעזעגנט יעקבן, איז בינהלע אַוועק צו דער געביידע פון „האַנטווערקער־פאַראיין" וווּ משה האָט געאַרבעט. זי איז אַרויף אין זיין קליינעם ביוראָ־צימערל. משה איז געזעסן איבער אַ פּאַק פּאַפּירן און האָט עפּעס געחשבונט. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, זיין פּנים האָט אויפגעלויכטן. אָבער איידער ער האָט באַוויזן צו עפענען דאָס מויל, האָט זי אַראָפּגעצויגן דאָס פּלאַטין־רינגל פון פינגער און עס אַוועקגעלייגט אויפן באַרג פּאַפּירן אונטער זיין נאָז.

„איך פאָר צוריק קיין באַטשאַני", האָט זי אים דערקלערט. „כ'קאָן מיט דיר נישט חתונה האָבן". איידער זי איז אַרויס, האָט זי צוגעגעבן: „גיב אַכטונג... מ'שלאָגט ייִדן".

אין אַ שעה אַרום איז זי געווען אויפן וועג צו דער באַן. אויפן וועג האָט זי געזען ווי די בהלה האָט איינגענומען די שטאָט. רציחה האָט זיך געיאָגט נאָכן פחד דורך די גאַסן. „אַ טויט די ייִדן און די באָלשעוויקעס!" האָבן זיך פון אומעטום געהערט געשרייען. ווי אַנטלאָפענע פון משוגעים־הייזער זיינען ייִדן געלאָפן מיט ווילדע פּנימער, מיט מויזיש־צעשראָקענע אויגן, אָפּגעשטעלט איינער דעם אַנדערן צו וואָרענען ווו עס איז געפערלעך פאַרבייצוגיין, און געלאָפן ווייטער.

אויפן וואָקזאַל האָט בינהלען פאַרטשעפּעט אַ פּאַרוויינטע פרוי מיט צוויי פאַרשלאָפענע קינדער ביי דער האַנט. כלומרשט האָט זי געוואָלט וויסן ווי שפּעט עס איז, אין דער אמתן האָט זי לויט בינהלעס פּויליש געוואָלט אויסגעפינען צי זי איז אַ ייִדישע, צי נישט.

„קאָכאַנאַ פּאַני", האָט זי זיך געבעטן ביי בינהלען. „איר האָט אַ פּנים פון אַ פּאָלקע... שטייט דאָ לעבן אונדז".

בינהלע האָט איר צו ליב געטאָן. די פרוי איז געווען אַן אינטעליגענטע, אַ פּויליש־רעדערין און האָט געוווינט אויפן פריהייט־פּלאַץ.

„פּראָשע פּאַני..." איז די פרוי אויסגעבראָכן אין אַ ספּאַזמאַטיש געוויין. „מיט מעסערס און מיט העק זיינען זיי געקומען אין מיטן דער נאַכט, אויפגעבראָכן טירן, אויסגעריסן לאַדנס, געהאַקט שויבן און אַרויסגעוואָרפן דאָס מעבל דורך די פענצטער, צוזאַמען מיטן צעריסענעם בעטגעוואַנד. ז'האָבן אַלע ייִדן אַרויס־געטריבן פון די הייזער, געשפּאָלטן קעפּ... מיר האָבן אָפּגעשפּילט מיט מזל, פּראָשע פּאַני. מיין מאַן ט'אונדז פאַרשלאָסן אין אַ קאַמער. ער אַליין ט'זיך אַנגעשלאָסן אין אַ באַיוווקע פון יונגע־לייט... זיי האָבן פאַריאָגט די פּאָגראָמטשי־קעס מיט שטאָבעס און העק. שפּעטער איז געקומען אַ נייע באַנדע מיטן געשריי:

'שמיערטש זשידאָם!' און ס'האָט זיך ווידער אָנגעהויבן". די פרוי איז געשטאַנען אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער מויער, מען זאָל זי אויפן וואָקזאַל נישט באַמערקן... זי האָט זיך געטרייסלט און האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט גערדאַווענט, און די קינדער, דערשראָקן, שלעפּעריק האָבן זיך געשאָקלט מיט איר. „אין דער פרי איז מיין מאַן צוריקגעקומען, געהייסן פאַרפּאַקן אַ וואַליזקע און פאָרן מיט די קינדער קיין וואַרשע. ער'ט נאָכקומען, האָט ער מיר צוגעזאָגט... ווי אַ טרופּ האָט ער אויסגעזען..." דער פרויס קינדער האָבן זיך צעוויינט. זי האָט פאַרביסן די ליפּן און גענומען זיי באַרויִקן.

אָנגעקומען אין באָטשאַני, אויף דער ניי־אויסגעבויטער באַן־סטאַנציע, האָט בינהלע מיטן קלומיקל אין דער האַנט זיך אַרויסגעלאָזט אויפן שמאָלן טאָפּאָליעווער. דאָ האָט זי אַ מאָל געפלעגט אָפּוואַרטן דעם פּאַניטש, דעם פּריצס זון, ער זאָל פאַרבייפאָרן אין דער קאַרעטע, צי פאַרביירייטן אויפן ווייסן פערד. דורך דאַנען פלעגט זי אַהיימגיין פון דער פליושפאַבריק, אַרויסלאָזן זיך אויף לאַנגע שפּאַצירן. ווי זיס איז איר אויסגעקומען יענער טרויער אירער, אין פאַרגלייך מיטן היינטיקן. מיט פרעמדע אויגן האָט זי באַטראַכט די געביידע פון דער ניי־אויסגעבויטער שקאָלע. דער שקאָלעגלאָק האָט געקלונגען און אַ כאַליאַסטרע באָרוועסע קינדער האָט זיך געלאָזט לויפן פון אַלע זייטן צו דער געביידע. דערנאָך האָט זי געזען דאָס נייע ראַטהויז ביים ראַנד פון מאַרקפּלאַץ און די אַלטע קירך מיט דער פּלעבאַניע. קעגן איבער איז געווען דער פּאָטשטעיאַוו. דאָרט איז אַוודאי דער טאַטע, יאַסעלע אַבעדאַלע, געזעסן אין קלייטל. איז זי אַדורך דעם מאַרקפּלאַץ פון דער זייט פון דער קירך. פאַרבייגייערס אין די געסלעך האָבן איר נאָכגעקוקט, דערקענט זי און נישט דערקענט.

זי איז אַרויף די צעלאַמיעטע טרעפּ צו הינדעלעס בוידעמשטיבל. די טיר איז געווען פאַרמאַכט אויף אַ קייטל, האָט זי אויפגעקייטלט און איז אַריין אינעווייניק. באַלד איז אָנגעקומען גיטעלע מיט אַן עמער וואַסער.

„איך בין בינהלע, יאַסעלע אַבעדאַלעס..." האָט בינהלע זיך צו איר דערנענטערט. „כ'בין יעקבס כלה... היינט אין דער פרי איז ער אַוועק צו די זעלנער".

גיטעלע האָט אַרויסגעלאָזט אַ פאַרשטיקטן פּישטש, צוגעכאַפּט די האַנט צום מויל. דערנאָך האָט זי אויסגערופן: „וואַרט דאָ צו!" און איז אַרויסגעלאָפן פון צימערל.

בינהלע האָט זיך צוגערוקט צום פענצטער און אַרויסגעקוקט אויף די נאַנעס גאָרטן, אויפן שטעטל. אויפן קעגן־איבערדיקן דאַך זיינען געשטאַנען צוויי בושלען לעבן אַלטן ראָד, אויף וועלכן זייער נעסט האָט זיך געפונען. זיי האָבן אויסגעזען ווי „מענדל און גנענדל" — נישט געביטענע זינט אירע קינדער־יאָרן. זי האָט אַריינגעקוקט אין די נאַנעס גאָרטן. צום ערשטן מאָל האָט זי אים געזען,

אינעווייניק. אַ גרין בלומיק אינדזועלע פון רו — און פון דער זייט פלויט, פון הויף... אַט זיינען זיי אָנגעקומען: די אַלטע מאַמע מיט די צוויי טעכטער. די שטיגן דרויסן האָבן זיך צעקרעכצט, צעיאָמערט, געבראָכן אונטער דער לאַסט פון צער.

אין שמעקנדיקן בוידעמשטיבל איז געווען תישעה־באָב. הינדעלען איז באַ־פאַלן אַ ציטערניש וואָס זי האָט בשום־אופן נישט געקאָנט גובר זיין. — נאָר ס'איז געווען אַט דאָס מיידל, בינהלע... איר שייכות מיט יעקבן... איר שייכות מיט איר, מיט הינדעלען... די אַטעם־פאַרכאַפּנדיקע, גרויליק־אויסטערלישע און לאַקנדיק־טרייסטנדיקע שפיל וואָס דער גורל האָט געשפּילט...

דער אָנבליק פון בינהלען האָט לסוף צוגעהאָלפן, אַז הינדעלע זאָל זיך אַ ביסל באַרויִקן. האָט זי שפּעטער אַריין אַ פרעג געטאָן בינהלען: „און מיטן טאַטן ס'טע דיך שוין געזען?"

בינהלע האָט האַסטיק אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ: „כ'וויל אים נישט זען!" זי האָט פרעגנדיק אָנגעקוקט הינדעלען מיט די טעכטער. „אַז איר'ט מיך לאָזן... אפשר קאָן עך דאָ בלייבן אַ ביסל?"

„אַז ד'ביסט יעקבס כלה", האָט גיטעלע אַ זאָג געטאָן מיט אַ געמאַכטער הייטערקייט, „דאַרפסטע נישט פרעגן אַזעלכע שאלות".

הינדעלע האָט זיך געווישט די אויגן און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. „קאָנסט שלאָפן אויף יעקבס שמאָלן הייניקע נאַכט. נאָר פאַרגעס נישט, אַז ד'האָסט אַ טאַטן", האָט זי כמעט שטרענג אַ זאָג געטאָן. זי האָט פאַרוואָרפן אויף זיך די פאַטשיילע. „לויפּץ מיר נישט נאָך", האָט זי מיטן זעלבן שטרענגן טאָן אַ זאָג געטאָן צו די טעכטער. „מאַכץ עפּעס צו עסן". און זי איז אַרויס פון שטוב.

זי איז אַוועקגעלאָפן אין אַנדערן עק שטאָט, צו יאָסעלען אַבעדאַלע אין דער כאַלופּע. יאָסעלע איז געזעסן אין שטוב, לעבן דער שוועל. ביי דער קיך האָט זיך אַרומגעפּאָרעט פּעשעלע שליאַך, אַן איינגעהויקערט קליין ווייבעלע. הינדעלע האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן יאָסעלען אויף דער שוועל און איז אַרויס מיט אַ פאַרשטיקטן יאָמער.

„ר' יאָסעלע, אייער בינהלע איז דאָ ביי מיר... און... מ'האָט מיר צוגע־נומען יעקבן אין דער מלחמה אַריין..."

יאָסעלע האָט זיך קוים אַ באַוועג געטאָן. אין זיין פאַרקריידטער איבעצע, מיט דער ווייסער לאַנגער באָרד צעוואָרפן איבער איר, איז ער געזעסן אויפן בענקל און געשטאַרט פאַר זיך.

„שכנטע", האָט ער זי געפרווט אומגעלומפּערט טרייסטן. „און אַז איר'ט זיך צערייסן דאָס האַרץ פון צער, ט'אייך עפּעס העלפן? מיט דער באַשערטקייט גייט נישט צו שלאָגן זיך. און איר... איר, דער מויד", האָט ער צוגעגעבן. „זאָגט איר..."

הינדעלע האָט אים איבערגעריסן: „ז׳איז יעקבס כּלה, אַזוי זאָגט זי״.

„יאָסעלע האָט אַ קיי געטאָן די ליפּן, אַ גלעט געטאָן מיט דער האַנט די באָרד, אָנגעכאַפּט איר שפּיץ, אַ קיי געטאָן, אים צוריק אַרויסגענומען. זיינע נאָך אַלץ פולע, שאַרף־געצייכנטע ליפּן האָבן אָנגענומען די פאָרעם פון עפּעס, צו וואָס זיי זיינען ביז ערשט נישט לאַנג צוריק, קיין מאָל נישט געוווינט געווען: די פאָרעם פון אַ שמייכל.

„יאָסעלע״, איז זי נשתומם געוואָרן. „מיר... מיר שניידט דאָס האַרץ און איר לאַכט״.

„חס־וחלילה, הינדעלע... מיר שניידט אויך דאָס האַרץ... גייט, זאָגט פּעשע־לען, ז׳זאָל זיך אויפהערן מישן דאָרט ווו מ׳בעט זי נישט״.

איידער הינדעלע האָט באַוויזן זיך אַ קער צו טאָן אין שטוב אַריין, איז פּעשעלע שליאַך אונטערגעקומען צו דער שוועל מיט אַ שיסעלע קאַרטאָפל־זופּ און עס דערלאַנגט הינדעלען: „גיטע אַכטינג, ס׳בריט!״

הינדעלע האָט אוועקגעדרייט דעם קאָפּ, אַז פּעשעלע זאָל נישט באַמערקן איר פאַרוויינט פּנים. „יישר־כּוח״, האָט הינדעלע אַ פליסטער געטאָן צו פּעשעלען און וויינענדיק גענומען קאָרמען יאָסעלען.

3

הינדעלע און יאָסעלע אַבעדאַלע האָבן געהאַט אַ בשותּפותן סוד.

מיט אַ צייט צוריק, איידער די פּויליש־באָלשעוויסטישע מלחמה איז אויס־געבראָכן, האָט הינדעלע געהאַט אַ לאַנגן שמועס מיט ר׳ מנשהלען דעם שדכן. אָנגעהויבן האָט זי דעם שמועס מיט אַ לאַנגן אַריינפּיר וועגן זייער לאַנגער באַקאַנטשאַפט און גוטפריינדשאַפט, און זי איז איבערגעגאַנגען מיט אים אַ בינטל זכרונות, כּדי נאָך וווייכער צו מאַכן זיין האַרץ פאַר איר. און באמת, ווי הינדעלע האָט גערעדט, גאַרנישט ווי איר שטייגער, פאַר פייער און פאַר וואַסער — האָט דער אַלטער ר׳ מנשהלע, וועלכער האָט די ציינער אויפגעגעסן ביים צונויפ־פאָרן דאָס באַטשאַבישע יונגוואַרג, זיך משער געווען, אַז הגם דאָס שדכן־פאַך איז געווען אין דר׳ערד און די שטאָט איז זיך לעצטנס גאַנץ גוט באַגאַנגען אָן זיין אָפּטרעפן דעם רבונו־של־עולמס כּוונות ביים צוזאַמענשטעלן זיווגים — איז זי, הינדעלע, זיין אַלטער גוטער פריינד, דאָך געקומען ראַטעווען זיין דרך־ארץ צו זיך. געקומען אים בעטן, אַז ער זאָל זיך עוסק זיין אין געפינען שידוכים פאַר אירע צוויי טעכטער וועלכע האָבן זיך שוין מסתּמא דערנענטערט צו די צוואַנציקער, און וואָלטן אין די אַמאָליקע צייטן שוין געווען מאַמעס פון קינדער.

נאָך איידער הינדעלע איז פאַרטיק געוואָרן מיטן אַריינפּיר, האָט ר׳ מנשהלע אָפּגענומען פון אונטער דער פּאַזוכע דאָס פאַרפעצטע שוואַרצע ביכעלע זיינס. הגם ער האָט לעצטנס קיין וואָשנע טראַנזאַקציעס נישט געמאַכט, האָט ער זיך

נאָך אַלץ געפירט ווי אַ מאָל, און פּינקטלעך, לויטן אַלף־בית, זיך פאַרשריבן אַלע צוגעקומענע שידוכים־קאַנדידאַטן, שוואַרץ אויף ווייס, מיט אַלע מעלות, ווייל קיין חסרונות האָבן זיי ביי אים קיינע נישט געהאַט — ווייל וואָס זיינען דען וויכטיק געווען די חסרונות, אויב קרומע טאַטע־מאַמע האָבן געקאָנט ברענגען אויף דער וועלט גלייכע קינדער?

און ער, ר׳ מנשהלע, האָט טאַקע געהאַט די ריכטיקע צוויי חתן־בחורים פאַר אַזעלכע צוויי געראָטענע מיידלעך ווי הינדעלעס, הגם זיי זיינען שוין געווען אַזוי גוט ווי פאַרזעסענע, און האָבן קיין גראָשן נדן ביי דער נשמה נישט פאַרמאָגט. אָבער די צייטן אין באַטשאַני זיינען געווען מאָדערנע, און אַזאַ מאָדער־נער שדכן ווי ר׳ מנשהלע איז תּמיד געווען, האָט געוווּסט, אַז היינט צו טאָג זיינען אַזעלכע כּלהשע מעלות ווי שיינקייט און חכמה געשטיגן אין ווערט, און האָבן שוין באַלד געקאָנט פאַרטרעטן אַ נדן.

„אַט האָב עך פאַר אייך, למשל, אַ זיווג פאַר אייער... אייער גיטעלען, ממש די פינגער צו קושן". האָט ער הינדעלען איבערגעריסן אין מיטן די רייד. „און דאָ האָב עך אַ בחור וואָס ׳עט זיין פונקט צוגעמאָסטן פאַר אייער... שיינדעלען".

און אַזוי ווי הינדעלע האָט ווייטער גענומען אַריינרעדן אין אים, ווי זי וואָלט היינט איינגענומען פלוידער־וואַסער, האָט ער זי געלאָזט רעדן, אַריינגעטאָן די האַנט אין דער אַנדערער פאַזוכע און האָט אַרויסגענומען אַ קאָנווערט פול געפּאַקט מיט פאָטאָגראַפיעס וואָס עלטערן האָבן בסוד־סודות אים צוגעשטעלט פון חתנים־און כּלה־קאַנדידאַטן פון כוואַסטי און פון אַנדערע שטעט, און אַ צווייטן נאָך אַ גרעסערן קאָנווערט מיט פאָטאָגראַפיעס פון באַטשאַנישע יונגע־לייט און מיידלעך.

„די צייטן זענען היינט אַזעלכע..." האָט ער איר ווידער איבערגעשלאָגן אין די רייד מיט אַ שמייכעלע. „יונגוואַרג וויל זיך נישט פאַרלאָזן אויף אַ שדכנס געשמאַק... און אַפילו נישט אויף טאַטע־מאַמעס געשמאַק... אַ פּנים וויל מען זען".

האָט שוין הינדעלע אַליין איבערגעריסן אירע רייד און אויך ר׳ מנשהלעס רייד, אָוועקגערוקט פון זיך זיין האַנט מיט די קאָנווערטן, מיטן שוואַרצן ביכעלע און אים רויִק קלאָר געמאַכט: „כ׳רעד וועגן אַ חתן פאַר מיר אַליין".

ר׳ מנשהלע האָט זיך געגעבן אַ בייג אַוועק פון טיש, ווי ער וואָלט געוואָלט בעסער אָנקוקן אָט די אַלטע אויסגעמאַרזשעטע ייִדענע, פון וועלכער ס׳איז „גאָר־נישט געבליבן", פעסטצושטעלן, צי זי איז נישט אַ מאָל חסר־דעה געוואָרן און ער האָט איבערגעפרעגט מיט אַ שטאַמל: וואָס מיינט איר... פאַר אייך... אייך אַליין?"

„כ׳מיין", האָט זי זיך נישט פאַרלוירן. „אַז כ׳וואָלט אַ שידוך געטאָן מיט יאָסעלען אַבעדאַלע".

„וואָס?" איז ר׳ מנשהלע אַזש אויפגעשפּרונגען פון אָרט.

זי האָט אים אַ צי געטאָן פאַרן אַרבל, אַז ער זאָל זיך צוריק אַוועקזעצן און אַז ער איז אַ פאַל געטאָן צוריק אויפן בענקל, איז זי אָנגעגאַנגען: „כ׳וויל, אַז

איר זאָלט מירצעשעם מאָרגן באַלד אין דער פרי אַריינגיין צו אים און אים פאַרלייגן דעם שידוך״.

„איר זענט אַראָפּ פון זינען, הינדעלע...״ האָט ר׳ מנשהלע געפּלעפּט, צע־טומלט, געדרייט מיטן קאָפּ.

„שפּילט אַ ראַליע היינטיקע צייטן אַראָפּצוגיין פון זינען?״ האָט זי, ווי מנשהלען האָט זיך געדאַכט, קאָקעטיש אונטערגעשמייכלט מיט די צעקנאָדערטע ליפּן. „און... און אויב זענט איר מיר טאָקע אַזאַ גוטער פריינד ווי איר פאַר־זיכערט מיך, טאָ זייט זיך מטריח, ר׳ מנשהלע, און טוט וואָס עך בעט אייך״.

דער צאָרן האָט שוין אַ קאָך געטאָן אין ר׳ מנשהלען: „נישט ביי מאָטיען!״ האָט ער אויסגערופן. „איר מעגט אייך זיין משוגע, געזונטער־פרישערהייט. אָבער איך בין נישט!״

„פאַר מיר, פאַר הינדעלען דער סופרטע... ט׳איר דאָס נישט טאָן, ר׳ מנשה־לע?״ האָט זי געפרעגט און אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זי ווינקט צו אים שעלמיש מיט גרויסע פלוימען־אויגן אַרומגעזיימטע מיט רויטע קענטלעך, פון אָפּטן וויינען.

הגם ר׳ מנשהלע האָט שוין אַ סך יאָרן נישט געהאַט צו טאָן מיט יאַסעלען אַבעדאַלע, האָט ער גוט געדענקט דעם טעם פון יענע צייטן ווען ער האָט יאָ געהאַט צו טאָן מיט אים. ער האָט טאָקע זעלטן פאַרביטן מיט אים אַ וואָרט און אים אויסגעמיטן ווי אַ נישט־גוטן. און דאָ איז הינדעלע געקומען צו אים מיט אַזאַ מעשה, מיט אַן איינפאַל וואָס האָט אין זיך קיין ברעקל מיושבדיקייט נישט פאַרמאָגט, אַן איינפאַל וואָס איז געווען אַזוי אויסטערליש — אַז ער איז אַפילו לעכערלעך נישט געווען.

וואָס אַ ייִדענע האָט אַלץ געקאָנט אַריינשפּרינגען אין קאָפּ אַריין, אַפילו דער לייטישסטער און קלוגסטער פון זיי! וואָס ער האָט געדאַרפט טאָן, ווי אירס אַ גוטער פריינד, איז געווען — זיין דאָס קאָפּויערדיקע פון אַ שדכן, און זי אָפּרעדן פון דעם משוגעת, נישט דערלאָזן... — אָבער דאָ זיצט זי פאַר אים און הערט נישט אויף צו פאַרלאַנגען דאָס קאָפּויערדיקע פון קאָפּויערדיקן. אַוודאי האָט מען נישט געדאַרפט האָרכן אַ גוטן פריינד, אַז ער האָט געבעטן, מען זאָל אים העלפן אַליין זיך אָפּשעכטן. אָבער ער האָט דאָך געזען, אַז זי וועט נישט אָפּטרעטן פון אים, אים נישט צו רו לאָזן... און פאַרט האָט זי אים אין די ערגסטע צייטן אויסגערעדט זיינע עגמת־נפשן און אים געטרייסט מיט קלוגע, איידעלע רייד...

האָט ר׳ מנשהלע, ווילנדיק־נישט־ווילנדיק זיך געמוזט איר אָפּדינען אויף אָט דעם משונהדיקן אופן. ר׳ מנשהלע, וויסנדיק קלאָר אויף וואָס ער שטעלט זיך אויס, האָט זיך מטריח געווען און איז אַוועק צום בלינדן יאַסעלען.

און ס׳איז טאָקע געשען פונקט ווי ר׳ מנשהלע האָט זיך געריכט. ווייל, אַז עס האָט דערגרייכט צום בלינדן יאַסעלעס אויערן, קלאָר און שאַרף, מיט וואָס

ער, ר׳ מנשהלע שדכן, האָט דאָס געהאַט די העזה זיך אַריינצוכאַפּן צו אים — האָט יאָסעלע, ווי זיין טבע, געלאָזט אין גאַנג די הענט, אַ הייב געטאָן דעם שטעקן, אויסגערופן: „מיקנשמאַלץ! מיקנשמאַלץ!" — און נאָר אַ דאַנק יאָסעלעס בלינדקייט, איז ר׳ מנשהלע אַרויסגעקומען פון זיין קלייטל מיט גאַנצע ביינער.

אַז הינדעלע האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין יאָסעלעס קרעמל אים אַרויסהעלפן אין באַדינען אַ קונה, האָט יאָסעלע זיך צו איר מיט קיין איין וואָרט נישט אָפּ־געררופן. אַז זי האָט אים שפּעטער אַריינגעבראַכט אַ ביסל עסן, האָט ער עס נישט געוואָלט אָנרירן.

האָט הינדעלע אים תמימותדיק אַ פרעג געטאָן: „איר זענט עפּעס נישט מיט אַלעמען, ר׳ יאָסעלע?"

האָט שוין יאָסעלע אַרויסגעפּלאַצט: „איר זענט נישט מיט אַלעמען! גערירט אויפן זינען זענט איר!"

„כ׳ווייס", האָט הינדעלע אים רויִק געענטפערט. „ר׳ מנשהלע האָט מיר דאָס זעלבע געזאָגט".

יאָסעלע האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיטן שטעקן אָן דיל: „ס׳גענאַר ׳על עך נישט לאָזן פון מיר מאַכן, בשום־אופן נישט!" זי האָט אים גאָרנישט געענטפערט און איז אַרויס פון קרעמל.

אַז זי איז פאַר נאַכט אַריינגעקומען אים העלפן פאַרלייגן דעם פרענט איבער דער טיר, האָט ער שוין מיט אַן אַנדערן טאָן, אַ רויִקערן, זיך צו איר אָפּגערופן: „אַבי כ׳האָב געמיינט, אַז איר האָט אַ כשר יִדיש האַרץ".

„אויף מיין האַרץ בין עך נישט קיין מבין", האָט זי אים אַריבערגעפירט איבערן רינשטאָק. „ווייל אָט האָב עך, למשל דאַמאָלס, ווען וואַצלאַוו ספּאַ־קוויני ט׳זיך אויפגעהאַנגען, מיך גאָר שטאַרק געפרייט. און דאָס איז אַ גרויסע זינד. ווייל ער האָט מיר און די קינדער געראַטעוועט דאָס לעבן. אָבער גאָט איז מיר אַן עדות, אַז מיין כוונה לגבי אייך איז אַ כשרע. און אַז איר ווילט זיך מיט מיר נישט משדך זיין, קאָן מען בלייבן גוטע פריינד אַזוי אויכעט".

„כ׳האָב נישט קיין גוטע פריינד!" האָט יאָסעלע זיך אַ טרייסל געטאָן און אויף אַ רגע אַראָפּגענומען די האַנט פון הינדעלעס אַקסל. „רחמנות האָט גאָרנישט צו טאָן מיט גוט־פריינדשאַפט".

זי האָט אים יעדן טאָג אַהיימגעפירט און איצט האָבן זיי געדרעפּטשעט אין דער ריכטונג פון יאָסעלעס געסל, איין האַנט זיינע אויף איר דראַבנעם אַקסל; אַ שווערע, האַרטע האַנט; מיט דער אַנדערער האָט ער געקלאַפּט מיטן שטעקן. יאָסעלע האָט זיך קיין מאָל נישט געלאָזט אַהיימפירן פון עמעצן אַנדערש און באַטשאַני איז שוין פון לאַנג געוווינט געוועזן צו זען אָט דאָס בילד פון די צוויי אַלטע לייט יעדן טאָג נאָכן שליסן די קרעמלעך; און קיינער האָט זיך אויף זיי נישט אומגעקוקט.

„ווען איר, שכנטע, וואָלט געווען בלינד, איר זאָלט אַפּגעהיט ווערן, וואָלט עך אייך אויכעט אַהיימגעפירט", האָט ער צוגעגעבן.

„איך בין... בלינד", האָט זי אַ פליסטער געטאָן. „פאַר וואָס זאָלט איר נישט האָבן קיין רחמנות אויף מיר? ווער ווייסט, ר׳ יאָסעלע, ווער עס פירט דאָ ווּעמען? נישט איין מאָל האָט איר מיר אַ זאָג געטאָן איין וואָרט, איין קלוג וואָרט, און ס׳האָט מיר געעפנט די אויגן... און ס׳האָט מיר געסטייעט אויף טעג אַרויס. צוויי אָפּגעזונקענע זענען מיר דאָך... געראַטעוועטע פון אַ שיפבראָך. די קינדער העט ווייט פאַרויס, גאָט זיי דאַנק. וואָס מען האָט געהאָט זיי מיטצוגעבן אויף דער לאַנגער נסיעה אין לעבן אַריין, האָט מען זיין שוין געגעבן, גוט צי שלעכט... אָבער אַנדערש מאַכן קאָן מען שוין דאָס נישט. און דאָס ביסל צייט וואָס ס׳איז געבליבן פאַר אונדז... איז דאָך ממש אַ זינד נישט אויסצולעבן, ר׳ יאָסעלע. יאָ, זאָגט מיר, אַ שטייגער, וואָס קאָן דער רבונו־של־עולם האָבן קעגן דעם, אַז אונדז זאָלן מיר ביידע... זיך אָנהאַלטן איינער אָן אַנדערן אין דער פינצטער? מירן דאָך קיינעם נישט באַוועלען. און איך ׳על נישט מוזן לויפן אין די ווינטער־נעכט צו אייך... זיך אַראָפּרעדן פון הארצן... און איר׳ט נישט דאַרפן וואַרטן ביז כ׳על אַריינקומען, טאָמער ברויכט איר עפּעס... ווייל טאָמער בעט עך אַ מאָל אייערס אַ שכנה, ז׳זאָל מיר טאָן אַ געפעליקייט און אַריינגיין צו אייך עפּעס אָפּ־קאָכן... אַז עס מאַכט זיך מיר אַ מיכשול און כ׳קאָן נישט אַריינקומען צו דער צייט... ווייס עך דאָך ווי איר נעמט זיי אויף..."

„ווייל ז׳האָבן נישט קיין געלעגנק אַ מענטשן אַ טובה צו טאָן... באַלד הייבן ז׳אָן צו בעל־הבתעווען מיט מיר", האָט יאָסעלע געמרוקעט.

הינדעלע האָט אַזוי אַ לאַנגע צייט אַריינגערעדט אין יאָסעלען און צו קיין טאָלק איז זי מיט אים נישט געקומען. האָט זי דאָס אויפגעגעבן און זיי זיינען ווייטער אַנגעגאַנגען אין געוויינטלעכן סדר. הינדעלע האָט געטראַכט, אַז יאָסעלע האָט שוין וועגן דעם גאַנצן איינפאַל אירן לאַנג געהאַט פאַרגעסן.

אַז יאָסעלע האָט איצט מיט זיינע גלידער זיך געקאָנט ווייניק באַוועגן און ער איז גאַנצענע טעג אָפּגעזעסן אויף אַ בענקל אין קרעמל צי אין דער היים, און אַ מענטש האָט מיט די גלידער זיך דאָך געמוזט אַ ריר טאָן — האָט ער זיי, די גלידער, אַריבערגעטראָגן אין קאָפּ. די וועלט איז פון זיינע אויגן נעלם געוואָרן, אָבער אין זיין קאָפּ איז זי פאַראַן געווען און איבער איר האָט ער זיך דאָרט ערשט צעוואָנדערט; דאָרט האָט ער אַריבערגעטראָגן זיין כוח, געבויט, געמייסט־רעוועט — מחשבות. וועגן דער וועלט, וועגן איר באַשעפער, וועגן מענטשן, וועגן זיינע קינדער, און אויך וועגן זיך. ער האָט אַריינגעטראַכט וועגן עניינים פון לעבן, זיין לעבן, געוואָלט זיך פאַרשטיין, געוואָלט זיך זען ווי פון דרויסן. ער האָט זיך וואָס אַ מאָל מער געוווּנדערט אויף זיך, אויף זיין אייגענער באַריש־

קייט. און זאכן וואס זיינען אים אויסגעקומען א מאל וויכטיק, זיינען איצט אים אויסגעקומען לעכערלעך; זאכן וואס ער האט גענומען א מאל טויט־ערנצט, זיינען אים איצט אויסגעקומען ממש קאמיש.

אנגעהויבן האט עס זיך מיט זיין צוריקקער פון לאדזש, ווען ער איז אהיים־געקומען אן בינהלען, א צעוואונדיקטער, ממש מיט א געוווּנען לעבן — ווייל ער איז שיער נישט דערהרגעט געווארן פון א פור, ווען ער איז אין זיין בלינדער־פארבלענדנדיקער אויפרעגונג ארונטערגעפאלן אונטער די רעדער. דעמאלט האט ער נאך א ביסל געזען אויף די אויגן. דערנאך איז דבורהלע אנטלאפן פון איר מאן, און פון אים, פון יאסעלען, און איז אוועק מיטן בארשטן־מאכערס יונג קיין ארגענטינע. דעמאלט איז עס געשען: דעמאלט האט ער זיך צום ערשטן מאל אין זיין לעבן צעלאכט. דאס לעבן איז אים אויסגעקומען גראטעסק, קאמיש. „מיקנשמאלץ!" האט ער אין זיך אויסגערופן. „איך בין נישט ווי איוב, דער שוטה, צו קומען מיט מיין צעטל פרעטענציעס צום רבונו־של־עולם!"

און אז הינדעלע די שכנה איז אריינגעקומען און אים געפרעגט מיט א צע־גאסן קול: „וואס הערט זיך, ר' יאסעלע?"

האט ער, וואס האט קיין מאל פריער נישט געהאט די טבע צו שפאסן, זיך אפגערופן: „אלץ דאס זעלבע, שכנטע. איך בין נאך אלץ מיטן רבונו־של־עולם אדרבה ואדרבה, און ער איז מיט מיר נאך אלץ נישט אזוי איי־איי..."

אזוי האט ער געלאזט דער גרויסער פינצטערניש אים ארומנעמען ווי א פוכנע פערענע. ער איז געווען גרייט פאר איר... א גאנץ לעבן האט ער זיך געגרייט צו איר. נישט אז ער האט זי געוואלט. ער איז דאך אפילו אריין צו שמוליקלען רופא פרעגן אן עצה און שמוליקל איז מיט אים אליין אריינגעפארן קיין כוואסטי צום דאקטער... און ער האט אויך פון אים געהערט דעם פסק־דין. אבער איצט, אז זי איז געקומען, די פינצטערניש, האט ער שלום געמאכט מיט איר און זי איז געווארן ווי א פוכנע פערענע וואס האט זיך געלייגט אויף זיין געמיט און פארדעקט אלע שארפקייטן, זיי אפגעווישט. זיין אמאליקע אויפ־גערייצטקייט האט זיך אויפגעוועקט אין אים נאר ווען אים האט זיך געדאכט, אז מען חוזקט פון זיין אומבאהאלפנקייט, צי ווען מען האט אים ארויסגעוויזן אן איבערגעטריבענעם רחמנות.

זי, די שכנה פון דערבייאיקן קרעמל, הינדעלע די נודניצע, ווי ער האט זי אין הארצן גערופן מיט א מין לצנישער ווארעמקייט, האט אויסגעזען צו האבן אקוראט די געהעריקע מאס מיטגעפיל און דערלאנגט האט זי דאס אזוי, אז עס האט נישט געערט. נאר א טבע האט זי געהאט אריינצורעדן אין אים... גראד אזוי ווי זי וואלט קלאר געזען וואס עס האט זיך אפגעטאן אין זיין קאפ. אוודאי האט ער זי אפט געטריבן פון זיך. וואס פאר א פנים האט געהאט צו לאזן אן אישה אריינרעדן אין זיך אזוי פיל שעהען, טאג נאך טאג? — אבער אז זי האט

זיך נישט געוויזן, האָט ער זי אויסגעקוקט. אַז זי איז געזעסן פֿאַר איר קרעמל און ער פֿאַר זיינעם, און איר קול האָט צו אים דערגרייכט דין־שאַרכנדיק, ווייך, ווי עס וואָלט געווען פֿייכט, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער איז גאָרנישט בלינד. ער האָט זי געזען אין איר קול... געשפּירט ווי זי רירט אים אָן מיט איר קול.

ער האָט איר קיין מאָל פֿאַר גאָרנישט נישט געדאַנקט, ווייל אַ דאַנק איז אים אויסגעקומען, פּשוט — צו ביליק. זי האָט זיך דאָך נישט נאָר פֿאַרנומען מיט אים, נאָר אַכטונג געגעבן אויף זיין קרעמל אויך. אמת, די קונים האָבן זיך אַליין באַדינט אין קרעמל און זעלטן האָט אים ווער אָפּגענאַרט. אָבער זי האָט געהאַלטן אָן אויג, געוואַכט פֿון דער זייט, אַפֿילו ווען ער האָט זיך אויסגעלערנט בלינדערהייט צו באַדינען די קונים אַליין און האָט געקאָנט אָפּציילן דאָס געלט לויט דער גרייס פֿון די מטבעות.

נאָך דעם שדכן, ר' מנשהלעס באַזוך, האָט ער דערפֿאַר געהאַט גרויס פֿאַר־איבל אויף איר. די ייִדענע האָט זיך געוואָלט מקריב זיין פֿאַר אים! ער האָט דעם געדאַנק נישט געקאָנט פֿאַרטראָגן. ער האָט אים געמאַכט פֿילן שפּל, נעבעכדיק און ער האָט זיך געמוזט אָפּטרייסלען פֿון אים וואָס גיכער, פֿאַרגעסן דערוועגן.

אָבער פֿאַרגעסן האָט ער זיך נישט געלאָזט. פֿאַרקערט, ער האָט זיך לאַנג געקאָכט און איבערגעקאָכט אין אים... ביז ער האָט דערהערט ווי דער אַנדערער וואָס איז געווען ער — האָט זיך פֿונאַנדערגעלאַכט אַ פֿריי גרויס געלעכטער, און ער האָט דערפֿילט ווי נישט נאָר די גרויסע פֿינצטערנישט ווערט וואָס אַ מאָל לייכטער — נאָר ער אַליין ווערט לייכט ווי אַ פֿעדער.

יאָ! דער איינפֿאַל איז אים גראָד געפֿעלן געוואָרן! אָפּטאָן אַזאַ זאַך איז געווען אין זיין היינטיקן נוסח. עס האָט פֿאַרמאָגט אַ מין טראַציקייט, אַ לה־כעיסדיקייט. — און ער האָט בולט דערזען די שכנה, די נודניצע, אַראָפּקומען קיין באַטשאַני אַ כלה ווערן, מיט דעם גרויסן שווערן קולעטש האָר אויף איר קאָרק, מיט איר טראָט וואָס האָט קוים באַרירט די ערד. אוודאי איז אים זיין מאַרימל בעסער געפֿעלן — אָבער מאַרימל האָט אים מער נישט אַנגעריִרט, און זי, היינ־דעלע, האָט — מיט איר קול, מיט איר דינעם אַקסל אויף וועלכן זיין האַנט האָט זיך יעדן טאָג אָנגעשפּאַרט.

דערנאָך האָט זיך אַבעלע־נאַר פּלוצעם צוריק באַוויזן אין שטעטל; אַ פֿאַר־עלטערטער אַבעלע, ווייסער ווי ער איז געווען, דין ווי אַ שטאָק, אָבער מיט דעם זעלביקן תּמעוואַטן שמייכל אויף זיין פּנים. קיינער האָט נישט געקאָנט דערגיין פֿון אים וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט, ווו ער איז געווען, און ווי אַזוי ער האָט געטראָפֿן צוריק קיין באַטשאַני. אַז מען האָט אים געפֿרעגט: „אַבעלע, ווו ביסטע געווען?"

האָט ער פּונקט ווי אַ מאָל געענטפֿערט: „דאָרט".

האָט מען אים געפרעגט: „ווו דאָרט?"
האָט ער געענטפערט: „הינטערן גיטן אָרט".

קינד און קייט האָט באַגלייט אַבעלען צו יאָסעלעס קרעמל. אַבעלע האָט זיך קוים געשלעפּט אויף די פיס. ער איז געווען באָרוועס, די סטאָפּעס באַלייגט מיט יאַטערנדיקע ביילן און ווונדן. ווי נאָר ער איז צוגעקומען צו יאָסעלען, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט לעבן יאָסעלעס פיס, איינגעקאָרטשעט דעם גוף און אין אַ רגע אַרום האָט זיך דערהערט זיין הויך שוועד שנאָרכן. יאָסעלע האָט דאָס מויל נישט געעפנט. דער עולם פאַר דער טיר פון קרעמל האָט אַ ווײַלע גע־שמועסט, ספּעקולירט ווי אַזוי אַבעלע האָט זיך געקאָנט נעמען אַהער און מען איז געקומען צו דער מסקנא, אַז מסתמא האָט אַן אָמנעסטיע אַבעלען באַפרייט פון אַ תפיסה ערגעץ אין ראַסיי, צי אין פּוילן. געבליבן איז נאָר דאָס רעטעניש ווי אַזוי אַזאַ שוטה, האָט פּונקט ווי אַ הונט געקאָנט אויסשפּירן דעם וועג צוריק. דערנאָך איז מען זיך פונאַנדערגעגאַנגען.

אַז יאָסעלע איז געקומען צו זיך פון דער איבערראַשונג און ער האָט דער־פילט אַבעלעס וואַרעמען אָטעם אויף זיינע פיס, האָט ער זיך צעלאַכט אין זיך, און אַ מורמל געטאָן: „זעסט אַבעלע, פון אַלע זיבן... ביסטו מיר איינער געבליבן..."

יאָסעלע און אַבעלע־נאַר האָבן זיך אַנגעהויבן פּאַרשטיין ווי דורך עפּעס אַ באַזונדערן חוש, און ס'איז יאָסעלען אָנגעקומען גאַנץ לייכט אויסצולערנען אַבע־לען ער זאָל אים אַרויסהעלפן מיטן גיין און קומען. ער האָט אויך געוואָלט אַהיימ־נעמען אַבעלען, ער זאָל וווינען מיט אים, אָבער אַבעלע איז יעדער נאַכט אַנטלאָפן פון שטוב און איז אַוועק זיך לייגן שלאָפן אין קעמערל אויפן פּאַטשעיאַוו.

יאָסעלע האָט אַריינגעטייטשט ווונדערלעכע זאַכן אין אַבעלעס באַווייזן זיך — און אַ שטילקייט האָט זיך צעזונגען אין אים, ווי ער, יאָסעלע, וואָלט געהאַט אַריבערגעשפּרייזט עפּעס אַ גרענעץ און אַריינגעקומען אין גאַר אַ נייעם מלכות.

אַזוי האָט ער אַ צייט שפּעטער, ווען הינדעלע האָט זיך אַריינגעכאַפּט צו אים, זיך שטאַרק דערפרייט מיט איר. זינט ער האָט געהאַט אַבעלען, האָט ער זעלטענער פּאַרבראַכט מיט איר, אַפילו די טעפּלעך עסן פלעגט זי אים באַזאָרגן מיט אַבעלען. אַזוי האָט ער, יאָסעלע, געוואָלט. איצט, גלייך ווי זי האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים, האָט זיך זיין קול געמיטלעך צעשאַרכט.

„און זאָגט מיר, שכנטע, צו וואָס דאַרפט מען אונדז האָבן דעם שדכן, ר' מנשהלען, העי?"

הינדעלע האָט אָנגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר אויגן. זי האָט אים אַ לאַנגע צייט נישט געענטפערט. זי איז נישט געווען זיכער צי דאָס מאַכט ער נישט אַ מאָל חוזק פון איר. לסוף האָט זי זיך אָפּגערופן: „ביי יידן פירט זיך אַזוי".

יאָסעלע האָט אַ גלעט געטאָן די באָרד. „און האָט אייך דער שדכן געזאָגט, אַז עך בין בלינד ווי אַ פּאָס... און כ'בין נישט קיין לייכטער מענטש אויך נישט,

און אַז חוץ מזה, ׳על עך מיט פרנסה אויך נישט קענען אייך קיין סך אַרויס־העלפן? און אַז וואָס כ׳על יאָ קענען, איז... טאָמער פעלט אייך אויס אַ ביסל צרות...״

הינדעלע האָט זיך נאָך אַלץ נישט געכאַפּט אין וואָס פאַר אַ טאָן יאָסעלע רעדט צו איר. „וואָס זענט איר אויסן, ר׳ יאָסעלע?״ האָט זי אַ שטאַמל געטאָן.

„כ׳בין אויסן״, האָט ער געענטפערט, „אַז אַצינדער קענען מיר באַשטימען דעם זמן־החתונה. און... און מ׳עט דאָס האַלטן בסוד, ביז מ׳עט קיין ברירה נישט האָבן״.

אַזוי זיינען הינדעלע און יאָסעלע חתן־כלה געוואָרן, האָבן באַשטימט אַ זמן־חתונה און האָבן דאָס געהאַלטן בסוד, אַזוי אַז קיינעם איז קיין שפּור פון חשד נישט געקומען אויפן געדאַנק.

נאָר דאָ איז אויסגעבראָכן די מלחמה מיט די באָלשעוויקעס און הינדעלע איז געוועזן אַזוי איבערגענומען מיט דער זאָרג וועגן אירע זין, אַז זי האָט קוים געוווסט וואָס מיט איר טוט זיך. האָבן הינדעלע און יאָסעלע אָפּגערוקט דעם זמן־חתונה אויף נאָך דער מלחמה, אם־ירצה־השם.

4

אַצינד, אַז בינהלע איז אַנגעקומען קיין באַטשאַני מיט דער בשורה פון יעקבס גיין אויפן פראָנט, און מיט דער צווייטער בשורה: אַז זי, בינהלע, איז געוועזן יעקבס כלה — האָט הינדעלע זיך גאָר אָן יאָסעלען נישט געקאָנט באַגיין. זי האָט זיך געמוזט אויסוויינען פאַר אים, און געמוזט זיך לאָזן טרייסטן פון אים. זי האָט זיך ערגעץ אַנדערש קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. געוועזן עפּעס אַ ליכטיקייט אַפילו אין יאָסעלעס שווייגן, און בלויז פון זיצן לעבן אים אַ ביסל, האָט זי זיך געפילט דערלייכטערט.

אָפט מאָל האָבן זיי זיך צוזאַמען געוווּנדערט ווי דער גורל האָט געפירט די פעדעמער פון געפיל צווישן מענטשן און ווי ער האָט טייל מאָל קאַמיש־משונה־דיק און טייל מאָל פיינלעך־שיין די גורלות פאַרבונדן, ממש ווי אין אַ מעשׂה־ביכל. און ווייל הינדעלע האָט געוווּסט, אַז דאָס לעבן איז פאַרט נישט קיין מעשׂה־ביכל — האָט זי געציטערט, אַז עס זאָל איר נישט אָפּטאָן קיין יסורימ־דיק שפּיצל, און זי האָט נאָך מער געפלאָנטערט איבער יעקבס גורל.

זי איז טאַקע געוועזן אַ נודניצע, הינדעלע, און זי האָט נישט אויפגעהערט צוצושטיין צו יאָסעלען: „שוין צייט, כ׳לעבן, אַז איר זאָלט זיך איבערבעטן מיט בינהלען״.

ווי געוויינטלעך, האָט זי געלייענט זיינע מחשבות. זי האָט געוווּסט, אַז זינט בינהלע איז אין שטאָט, לאָזט דער געדאַנק וועגן איר אים נישט צו רו. זי האָט

אויך געוווּסט, אַז אויב איז נאָך פֿאַראַן געווען אין אים אַ ווייטיק, איז בינהלע געווען אין דער סאַמער יאָדרע פֿון אים. זיין פֿאַרביסענע ביטערניש קעגן הערשעלען האָט אים שוין לאַנג געהאַט אָפּגעלאָזן. אים, דעם קדיש זיינעם, איז ער מוחל געווען אַט ווי מען איז מוחל אַ מת. אָבער בינהלע האָט נאָך אַלץ געלעבט אין אים, ווי די שולד וואָס ער האָט לגבי איר תמיד געפֿילט, וואָלט זי אים נאָך טייערער געמאַכט. אַל דאָס ווייכע און צערטלעכע וואָס ער האָט געטראָגן אונטער דער האַרטער שאָל פֿון זיין הארצן — האָט געטראָגן בינהלעס נאָמען. צו מאָל איז אים אויסגעקומען, אַז אויף אַ געהיימען אופֿן האָט זי, בינהלע — אַ דאַנק די פֿונקען פֿון ליבשאַפֿט וואָס זי האָט אין אים וואָך געהאַלטן — אים צוזאַמענגעפּירט מיט הינדעלען. יאָ, דאָס ווונדער פֿון אַ מענטשלעך האַרץ... פֿון די וועגן וואָס עס זוכט זיך אָפּ צום דרויסן, זיינען געווען גרויס. און הינדעלע האָט אויך געוווּסט, אַז ער, יאָסעלע, האָט מורא געהאַט פֿאַר דער באַגעגענישט מיט דער טאָכטער — און אַז זי דאַרף אים דאָ ביישטיין.

אַזוי האָט ער לסוף אַרויסגעבראַכט אויף די ליפּן: „שיקט זי אַריין".

בינהלע האָט גאַנצענע טעג אַרומגעבלאָנקעט איבער באָטשאַני ווי אין אַ פֿרעמדער, נישט־וואָרער וועלט, וואָס מען האָט געדענקט פֿון אַ חלום. דאָ האָט זי געוואָרט אויף יעקבן, וועלכער איז אויך געווען אַ פֿרעמדער, נישט־וואָרער, פֿון וועלכן זי איז אַוועק ווי פֿון אַ חלום — און צוריקגעגאַנגען צו אים דורך אַלע וועגן פֿון איר לעבן. זי האָט אים אויסגעקוקט בעת זי האָט געוואַנדערט איבערן ברייטן טאַפּאַליע־וועג און זיך פֿאַרנומען צום בלויען באַרג. זי האָט געוואָרט, אַז ער זאָל איר אַנטקעגנקומען, ווי זי פֿלעגט אַ מאָל דערוואַרטן דעם ערשטן בושל. יאָ, אַלץ וואָס עס איז איר געבליבן פֿון יונהן איז געווען דאָס שעפּסענע פּעלצל, און פֿון משהן — די זיידענע אַפּאַשקע, מיט די פֿאַרגעס־מיך־נישט־בלימעלעך אין מוסטער. זי האָט געהאַלטן די אַפּאַשקע צווישן אירע זאַכן אין קלומיקל, אַן אָנדענק, אַ זכר פֿון דער עוולה וואָס זי האָט אים געטאָן. זי איז אים שולדיק געווען אַ חוב, וואָס זי וועט אים קיין מאָל נישט אָפּצאָלן. דאָס איז געווען אַלץ. זי איז געווען יעקבס און יעקב איז געווען אירער.

אַז זי איז אַרויפֿגעקומען אין בוידעמשטיבל, האָט זי זיך באַגעגנט מיט הינדעלעס פֿרעגנדיק־בעטנדיקע בליקן. „ביסט געווען ביים טאַטן?"

בינהלע האָט זיך קוים געקאָנט צוריקהאַלטן און נישט אַנברוגזן זיך אויף הינדעלען. וואָס איז דאָס געווען הינדעלעס עסק, צי זי איז יאָ געווען ביים טאַטן, צי נישט? דער פֿאַקט וואָס זי, בינהלע, איז געווען יעקבס כּלה, האָט נאָך זיין מאַמען נישט געגעבן די רעכט זיך אַריינצומישן אין איר לעבן.

„נישט געווען", האָט זי קורץ אָפּגעשניטן. „און איך וויל אים נישט זען".

הינדעלע איז נישט נתפּעל געוואָרן. זי האָט געזען, אַז בינהלעס נערוון הענ־

געז אויף אַ האָר. אָבער זי, הינדעלע, האָט זיך נישט געקאָנט העלפן. בינהלעס אַ גלעט, אַ קוש, אַ װאַרעם װאָרט, אַ ביסל װייכקייט, אָן עוקץ צערטלעכקייט — אָט דאָס האָט זי שטאַרק געװאָלט פאַר יאָסעלען, אַזאַ מין מתּנה האָט זי געװאָלט פאַר אים אויסקעמפן.

האָט זי נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל איבערגעחזרט און צוגעשטאָנען צו בינהלען: „גיי אַריין צו אים, קינד... דערפריי אים...״ און אַז בינהלע האָט זיך האַסטיק אַ קער געטאָן צו איר, געעפנט דאָס מויל אַרויסצוקומען מיט אַ שאַרף װאָרט, האָט הינדעלע אַריינגענומען בינהלען אין די אָרעמס און געפּרוּװט מיט אַ גלעט װייכער מאַכן די שטייפקייט, די פאַרביסנקייט פון דעם מיידל. „איך װייס, מיין קינד...״ האָט זי געפּרעפּלט. „ס׳איז נישט לייכט״.

האָט בינהלע איר געװיזן דאָס אָרט אויפן קאָפּ װוּ דער טאַטע האָט איר דערלאַנגט מיטן שטעקן און װוּ ס׳זיינען מער קיין האָר נישט צוריקגעװאַקסן. „כ׳קאָן דאָס אים נישט מוחל זיין״, האָט זי דערקלערט.

„זיי יאָ מוחל״, האָט הינדעלע זי נישט אויפגעהערט צו גלעטן.

„יעדן אינדערפרי, ביים קעמען זיך, האָב עך אים אין זינען״, האָט בינהלע אומבאַהאָלפן געצאַרנט, װייל זי האָט אויך זיין בלינדקייט געהאַט אין זינען, און זי האָט שטאַרק געװאָלט אים זאָגן, אַז זי איז אים מוחל.

„האָב אין זינען די גאָלקייט פון זיין לעבן״, האָט הינדעלע נישט אָפּגעלאָזט. „אַז מען איז מוחל אַ נאָענטן... איז מען מוחל זיך. און גלייב מיר, ער איז טאַקע בלינד, אָבער זיין האַרץ איז נישט...״

איז בינהלע לסוף אַװעק באַזוכן דעם בלינדן טאַטן אין קריידקרעמל.

זיי האָבן כמעט נישט פאַרטוישט קיין רייד צװישן זיך. אָבער דאָס בלויזע אַריינקומען אירס אַהער האָט עפּעס אויפגעלייזט אין ביידן. עפּעס איז פאַרענ־דיקט און אָפּגעװוישט געװאָרן. בינהלע האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף דער פאַרקריידטער פאַדלאָגע, לעבן אַבעלען־נאַר װעלכער האָט פאַרבראַכט שטיקער פון זיינע טעג לעבן יאָסעלעס פיס, און זי האָט זיך גענומען אויסשמועסן מיט אַבעלען װי אַ מאָל, אין די קינדער־יאָרן.

זי איז געבליבן װוינען ביי הינדעלען, אָבער זי איז אַלע טאָג געקומען אין קריידקרעמל און באַדינט די קונים. זי האָט אַרומגעפירט יאָסעלען װוּ ער האָט געװאָלט גיין און זי איז נתפּעל געװאָרן פון דער גבורה װאָס האָט נאָך אַלץ אַרויסגעשטראַלט פון דעם אומבאַהאָלפענעם זקן. ער איז נאָך אַלץ געװען איר מאַכטיקער טאַטע. דער איינציקער קאָנטאַקט צװישן אים און איר איז געװען דער באַריר פון זיין האַנט; דער גרויסער, פאַרמעטן־געררונצלטער; דער האַנט װאָס האָט איר, בינהלען אַ מאָל דערלאַנגט קלעפּ. איצט האָט ער זיך אָנגע־האַלטן אָן איר מיט אָט דער האַנט. אָפט מאָל האָט ער פעסטער פאַרפרעסט די פינגער אַרום איר דלאָניע, אפשר האָט ער זיך געװאָלט בעסער אָנהאַלטן אָן

איר, און אפשר האָט ער איר אויף דעם אופן געוואָלט לאָזן וויסן ווי שטאַרק ער האָט באַדויערט... זי איז דאָך געווען זיין יינגסטע, זיין באַליבטסטע.

ס'איז נישט געשען ווי הינדעלע האָט זיך געווונטשן. דער קוואַל פון צערט־לעכקייט האָט פריי און אָפן נישט געקאָנט אַ שפּרודל טאָן פון זיי. אַפילו דאָס רעדן איז זיי נישט אָנגעקומען לייכט. יאָסעלע האָט בינהלען גאָרנישט אויסגעפרעגט און זי האָט אים גאָרנישט דערציילט. נאָר איין מאָל, ווען זי האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיטן אומרו, מיט איר זאָרג וועגן יעקבן, האָט זי אים געפרעגט, צי ער ווייס, אַז יעקב איז איר חתן.

יאָסעלע האָט זיך צעהוסט. צו איר איבערראַשונג איז ער אַרויסגעקומען מיט אַ הייזעריק געלעכטערל, אַ שאַרכנדיקס. אין זיך האָט ער שוין געקאָנט הויך און פריי לאַכן, אָבער זיין קול האָט זיך נאָך אַלץ געלערנט אַרויסברענגען דעם ריינעם קלאַנג פון אַ געלעכטער.

ער האָט פאַרפרעסט אירע הענט אין זיינע און זיך אָפּגערופן. „ביסטע דאָך אַן אשת־חיל. גייסט חתונה האָבן מיט אַ זעלנער".

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט ברייט־פונאַנדערגעריסענע אויגן. דער טאַטע, יאָסעלע אַבעדאַלע, האָט זיך געוויצלט. מער נאָך: אַ קינדערשע פרייד האָט זיך צעלויכטן אויף זיין לעדערנעם־צעקנייטשטן פּנים. ער האָט נאָך אַלץ נישט אָפּ־געלאָזט אירע הענט; זיי ביידע אַריינגענומען אין איינער, און מיט דער אַנדערער אָנגעכאַפּט דעם שפּיץ פון דער באָרד און אים אַריינגעשטופּט אין מויל, כדי צו־ריקצוהאַלטן זיך פון זאָגן מער — צוריקצוהאַלטן דעם סוד וואָס האָט זיך געפרעסט צו זיינע ליפּן.

ווי נשתומם איז זי געוואָרן, ווען ער האָט זי נאָך בענטער אַ צי געטאָן צו זיך און אַ זאָג געטאָן: „אַנו, לאָמיך זען, כלה־מויד, ווי ד'זעסט אויס". ער האָט זי אַראָפּגעצויגן לעבן זיך, אַרויפגעלייגט ביידע הענט אויף איר פּנים און מיט די פינגער געגומען וואַנדערן איבער איר שטערן, די אויגן, דער נאָז, די באַקן, דער גאָמבע. ער האָט דאָס קיין מאָל נישט געטאָן ווען ער האָט זי געקאָנט זען מיט די אויגן. דעם טאַטנס ערשטער באַריר. — און דאָ האָט ער מיט אַ מאָל דערשפּירט ווי זיינע פינגער ווערן פייכט און ער האָט אָוועקגעכאַפּט די הענט פון איר פּנים ווי אַן אָפּגעבריטער. „פע... נישט שיין אַ כלה־מויד זאָל וויינען". ער האָט זיך צעהוסט. זיינע אַשיקע אויגן, אָן אַ פונק, זיינען פייכט געוואָרן.

דער זומער איז פאַרביי. בינהלע און הינדעלע האָבן באַקומען בריוו — פון יאָבלאָנני, הרוביעשאָוו, זאַמאָשטש. הינדעלעס בריוו האָט מען געלייענט צוזאַ־מען, בקול־רם. בינהלע האָט וועגן אינהאַלט פון אירע בריוו בלויז דערציילט. אויף דער שוועל פון יאָסעלעס קרעמל האָט זי זיך אָוועקגעזעצט שרייבן אַן

ענטפער. אַז זי האָט נישט געדענקט ווי מען שרייבט אַן אות, האָט זי געפרעגט יאָסעלען און ער האָט איר מיט אַ באַוועג פון דער האַנט אָפּגעמשלט.

אויף חנוכּה האָט בינהלע געקויפט פאַר יאָסעלען אַ געשטריקטע וואָלענע יאַקע ביי יאַדווישען, איר חברטע פון די קינדער־יאָרן. יאַדווישע איז אַצינד געווען אַ מאַמע פון פיר קליינע שיקסלעך און דעם היינטיקן יאָר האָט זי נישט געשווענגערט, ווייל איר מאַן איז געווען אויפן פראָנט און האָט זיך געשלאָגן מיט די מאָסקאַלעס. אויך ער איז געווען אין דער צווייטער דיוויזיע און אויך זיינע בריוו זיינען געקומען פון די זעלבע אָרטשאַפטן וואָס יעקבס; האָבן זיי זיך ביידע געטיילט מיט יעדן ברעקל נייעס וועגן דער מלחמה.

יאַדווישע האָט איצט געמוזט צופאַרדינען מיט שטריקן יאַקעס אין די נעכט און בינהלע האָט זיך אונטערגענומען זיי פאַר איר צו פאַרקויפן און אויך מאַכן דערביי אַ פּאָר גראָשן. אָפט האָט די גאַך־אַלץ־זשוואַווע יאַנקאָווע פאַרבעטן בינהלען אויף אָוונטברויט. בינהלע האָט פונקט ווי אַ מאָל זיך דערפילט היימיש לעבן אָט דעם טיש. זי האָט דערציילט די נסים „ז׳מיאַסטאַ לאָדזשי" און די פויערים און פויערטעס און יאַדווישעס חברטעס, וואָס זייערע מענער זיינען אויך געווען אויפן פראָנט, האָבן געשטוינט ווי אַזוי מען קאָן לעבן אין אַזאַ אָנגעפּאַקטן רוי־כיקן מוראַשניק, אָן אַ פעלד און אָן אַ בוים. שפּעטער איז געקומען בינהלעס ריי צו שטוינען. די פויערים און פויערטעס האָבן געהאַט זייערע זין און מענער אויף די שלאַכטפעלדער — און דאָך האָבן זיי אַלע, פונקט ווי יאַדווישע, אָנגענומען זייער גורל מיט אַ מין פאַטאַליסטישן בטחון, אָן פּראָטעסט — בעת אין איר, אין בינהלען, האָט אַלץ געשטורעמט און געצאַרנט. פאַר איר, פאַר בינהלען, האָט זיך דאָ אַלץ באַוועגט צו געלאַסן, צו שלווהדיק־פּאַמעלעך.

דערנאָך האָט זיך אונטערגערוקט אַ וואָך וואָס איז שוין גאָרנישט געווען שלווהדיק. אַ ראָטע אולאַנעס האָט קוואַרטירט אין שטעטל און זיך פאַרווילט מיט אָנפאַלן אויפן פּאַטשעיאָוו און אויף ייִדישע הייזער. מען האָט אַרעסטירט זעליגן דעם שניידער און שמוליקלען רופא און זיי אַוועקגעשיקט אין תּפיסה־לאַגער אין דאָמביע, לעבן קראָקע. דערנאָך איז צוריק שטיל געוואָרן.

כּדי צו פּטרן צייט, האָט בינהלע אַרויסגעהאָלפן מיט דער ווירטשאַפט אין דער שטוב ביי הינדעלען און האָט אויך געקאָכט עסן פאַר יאָסעלען. אָבער דאָס אַלץ האָט פאַרשלונגען צו ווייניק צייט. אַז זי האָט נישט געהאַט וואָס צו טאָן, איז זי געזעסן ביים פענצטער, אַראָפּגעקוקט אין קלויסטער־גאָרטן און באַטראַכט די נאָנעס וואָס האָבן שפּאַצירט צווישן די בייטן. אויב אין דאָרף האָט זיך אַלץ באַוועגט שלווהדיק־פּאַמעלעך, האָט זיך בינהלען אויסגעדאַכט, אַז ביי די נאָנעס איז די צייט לגמרי שטיין געבליבן. דאָך האָט זי געפילט אַ קרובישאַפט מיט אָט די פּאַמעלעך זיך באַוועגנדיקע נאָנעס — הגם אין איר האָט אַלץ געברויזט.

זי האָט געפילט אַן אינערלעכע זויבערקייט, אַ צניעותדיקייט. די פּאַרפומען וואָס האָבן אַרויפגעשמעקט פון גאָרטן האָבן ווי אַרויסגעשמעקט פון איר אַליין.

ביי נאַכט איז בינהלע געשלאָפן אויף יעקבס שטרויזאַק אונטערן פענצטער. פאַרן איינשלאָפן האָבן די פיר פרויען געשמועסט וועגן יעקבן. די זאָרג וועגן אים האָט ווי אַ שוואַרצע פלעדערמויז געפלאַטערט איבער זייערע קעפּ. און אַז די זאָרג איז אויף אַ טאָג־צווי, געוויינטלעך נאָך דעם ווי עס איז אָנגעקומען אַ בריוו פון אים — לייכטער געוואָרן, האָט הינדעלע דערציילט קאָמישע מעשׂיות וועגן יעקבן אין די קינדער־יאָרן, די קאָמישע קלאָץ־קשיות וואָס ער האָט געפלעגט שטעלן, די שפּילערייען וואָס ער האָט פאַרטראַכט מיט די שוועסטערלעך. אָדער שיינדעלע האָט רעציטירט מיצקעוויטשעס, צי סלאָוואַצקיס פּאָעמעס אויף אויס־וויניק, צי ביידע שוועסטער האָבן זיך צעברומט מיט וואַנדעס אַ ליד:

„דו וועסט גיין דורכן באַרג, דו וועסט גיין דורכן באַרג,
און איך דורך דער דאָלינע.
דו וועסט בליִען מיט דער רויז, בליִען מיט דער רויז
און איך מיט דער קאַלינע".

די חדשים האָבן זיך פּאַוואָליע פאַרבייגעשלעפּט. די צייטן פון יאָר האָבן זיך געביטן. בינהלע האָט זיך ערנצט גענומען צום האַנדלען מיט די סוועטערס וואָס יאַדווישע און די אַנדערע פּויערטעס האָבן געשטריקט. נאָך אַ זומער איז געווען פאַרביי און די סוועטערס האָבן זיך גוט פאַרקויפט צווישן די צוגעפאָרענע פון די גרויסע שטעט. איז בינהלע געווען צופרידן וואָס זי איז קיינעם נישט געפאַלן צו לאַסט.

ס'איז געווען אַ ווינטיקער טאָג אָנהייב הארבסט ווען בינהלע האָט זיך אָוועקגעלאָזט צום בלויען באַרג מיט אַ פּעקל סוועטערס, אָנצובאָטן זיי צירעלען, פּייוועלע דעם מילנערס ווייב, צי ר' פּייוועלעס אורחים.

ווי זי איז אַריין אין הויף און זיך גענומען דערנענטערן צום ווייסן היל־צערנעם הויז, האָט זי באַמערקט אַן איינגעשפּאַנטע בריטשקע. ר' פּייוועלע און צירעלע זיינען אויף איר געזעסן און אַן עלטערער פּויער האָט געלאַדנט אויף איר שטיקער באַגאַזש. ר' פּייוועלעס און צירעלעס קעפּ זיינען געווען געוואַנדן צו אַ יוגנטלעכן חברה־מאַן וואָס האָט זיך אַרומגעהאַלדזט מיט אַן עלטערער פּויער־טע — מיט פרעדקען, דער „אַמעשי".

„אַבראַשקע, זאָל שוין נעמען אַ סוף! די באַן גייט אַוועק אין אַ האַלבער שעה אַרום, הייב אַ פוס!" האָט ר' פּייוועלע גערופן אומגעדולדיק. ער איז געווען אין גאַנצן גרוי, זיין פּנים צעקנאַדערט און אויסגעטריקנט, אָבער ער האָט נאָך אויסגעזען שטאַרק און פעסט. דער יונגער חברה־מאַן האָט זיך אַ קער געטאָן צו אים. בינהלע האָט דערזען דאָס פּנים פון קליינעם אַבראַשקען, געביטן און דאָך ווייניק וואָס געביטן. זיינע הייסע שוואַרצע אויגן האָבן לעבעדיק געפינקלט.

אין זיין געשטעל האָט ער אויסגעזען ווי אַ קאָפּיע פון ר׳ פּייוועלען, מאַסיוו, פעסט. אָבער ער איז געווען העכער פון זיין פאָטער און פאַראַן געווען אַ לייכט־קייט, אַ זגראַבנעקייט אין זיין יעדן באַוועג, וואָס ר׳ פּייוועלע האָט נישט פאַרמאָגט.

נישט געטראַכט קיין סך, האָט בינהלע זיך אַ לאָז געטאָן צום בחור, אים אָנגעכאַפּט ביים אַרבל, אין דער רגע ווען ער האָט בדעה געהאַט אַרויפצושפּרינגען אויף דער בריטשקע. „געדענקסט מיך?" האָט זי אַרויסגעפּלאַצט.

ער האָט זיך צוריקגעבויגן, אָנגעשפּיצט די ברעמען, פאַרגראָבן די פינגער אין די צעשויבערטע קוטשמעס פון זיינע פעך־שוואַרצע האָר, זיך אַ קראַץ געטאָן אין קאָפּ און אויסגערופן: „ביסט דאָך... ביסט דאָך ס׳מיידל וואָס האָט זיך מיט מיר געקאָלערט באַרג־אַראָפּ... ביסט געווען באַהאַנגען מיט קרענצלעך פון כאַבערס!" ער האָט געלאַכט, אַ פאַרכישופטער, און איר געוויזן צוויי שורות ווייסע, צעשי־מערטע ציין, יעדער צאָן ווי ער וואָלט פאַרמאָגט זיין אייגענעם שמייכל.

„אַבראַשע, ווי גאָט איז דיר ליב!" האָט ר׳ פּייוועלע זיך צעדונערט. דער עלטערער פויער איז אַרויפגעקראָכן אויף דער קעלניע און אַ נעם געטאָן די לייצעס.

„כ׳מוז מיך איילן!" האָט אַבראַשקע אונטערגעהויבן אַ פּוס; ער האָט אויסגעזען צו באַדויערן וואָס ער לאָזט זי דאָ אָט אַזוי שטיין. „כ׳פאָר קיין פּאַריז... שטודירן".

„שטודירן..." האָט זי איבערגעחזרט און נישט געוווסט וואָס זי זאָגט, אַזוי פרי־טשמיעלעט איז זי געווען פון דער אומגעריכטער באַגעגעניש, פון די זכרונות וואָס האָבן זיך אַ שטעל געטאָן מיט זייער גאַנצער פרישקייט פאַר איר זכרון. זי האָט דערזען ווי ער קריכט אַרויף אויף דער בריטשקע און זעצט זיך לעבן עלטערן פויער אויף דער קעלניע. זי איז צוגעשפּרונגען נענטער. „יעקב איז אויפן פראָנט!" האָט זי אויסגערופן.

דער פויער האָט אַ סווישטשע געטאָן מיט דער בייטש אין דער לופטן. די בריטשקע האָט אַ ריר געטאָן. אָבער אַבראַשקע איז אַראָפּגעשפּרונגען פון איר און איז צוריקגעקומען צו לויפן צו בינהלען. „ד׳קענסט זיך מיט יעקבן, הע?" האָט ער סאַפּעדיק אויסגערופן און זי אָנגעכאַפּט פאַרן אָרעם. זי איז נישט בכּוח געווען אים צו ענטפערן. „זאָג אים... זאָג אים..." האָט ער געשטאַמלט און געפּרעסט איר האַנט. „זאָג אים, אַז כ׳על זיין אַ סקולפּטאָר... און זאָג אים..." ער האָט זי אָפּגעלאָזט, זיך אָפּגעקערט פון איר און זיך נאָכגעלאָזט אין אַ גאַלאָפּ נאָך דער בריטשקע.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן בינהלעס צווייטער האַרבסט אין באַטשאַני.

די בושלען זיינען אַוועקגעפלויגן. דאָס שטעטל האָט זיך גענומען גרייטן צו די ימים־נוראים. ס׳איז אָנגעקומען אַ גרויער אינדערפרי. הינדעלע איז געווען אויפן פּאַטשעיאַוו. גיטעלע און שיינדעלע זיינען געווען אין כוואַסטי איינקויפן

סחורה אויפֿן ערב־יום־טובדיקן פֿאַרקויף אין קרעמל. בינהלע האָט געראַמט דאָס בוידעמשטיבל, געשייערט די קרומע פֿאָדלאָגע און אונטערגעברומט דאָס ליד: „די אויגן רויט, די ליפּן בלוי...״ וואָס זי האָט געהאַט אויסגעלערנט אין וואַרשטאַט ווו זי האָט געדרייט פּראַנדזן פֿון פֿאַטשיילעס. די ווערטער פֿון אָט דעם ליד און די מעלאָדיע האָבן זי תּמיד שטאַרק צענומען און אַצינד, אַז זי האָט זיך דער־מאָנט דאָס ליד און עס אָט אַזוי געברומט... בעת אין פֿענצטער איז געשטאַנען אַ גרויער הימל, אָן אַ צוזאָג... און אַ ראש־השנה האָט זיך אונטערגערוקט צו באַלאַסטיקן די אומזיכערקייט אין האַרצן — האָט איר גענומען הייס ווערן אין די אויגן און טראָפּנס טרערן האָבן גענומען אַראָפּקאַפּען פֿון איר שפּיץ־נאָז אויף דער נאַסער, אָנגעזייפֿטער פֿאָדלאָגע.

אין מיטן פֿון אָט דעם מעלאַנכאָלישן אונטערברומען, אונטערכליפּען, האָט בינהלע דערהערט, ווי אין אַ חלום — אַ ווייט, ווייט ווידערקול. זי האָט עס גיכער דערהערט מיט די גלידער, ווי פֿאַרנומען מיט די אויערן. ס'איז איר אויס־געקומען ווי דער ווינט וואָלט אין די בלעטער דרויסן צערטלעך אויסגעשאַרכט איר אייגענעם נאָמען.

„בינהלע...״

נאָר איין פּאָר ליפּן האָבן געקאָנט אָט אַזוי אַרויסכישופֿן איר נאָמען, און בינהלע האָט אַ שפּרונג געטאָן אויף די פֿיס, האַלב־אויסגעכלוסניעט די שיסל מיט וואַסער, און איז צוגעפֿאַלן צום פֿענצטער. אין ערשטן אויגנבליק האָט זי אַזש גאָרנישט געזען. און דערנאָך: ער איז דאָ געווען!

אויפֿן הויף, אונטערן פֿענצטער איז געשטאַנען יעקב אין אַ גרינעם, זעל־נערישן מונדיר, דער קאָלנער צעקנעפּלט אונטערן האַלדז. דער בלויזער קורץ־געשוירענער קאָפּ קרויזנהאָר האָט לייכט געווייעט אין פֿרימאָרגן־ווינט. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן דאָס פּירעקיקע היטל מיטן ווייסן אָדלערל, אין דער אַנדערער — דעם באַפֿרייונג־שיין. זיינע אָרעמס זיינען געווען אויסגעשטרעקט, ווי ער וואָלט געוואָרט, אַז בינהלע זאָל אַראָפּפֿליען צו אים פֿון פֿענצטער. דער רוף פֿון זיינע אויגן איז געווען אַזוי מאַכטיק, אַז זי האָט דאָס שיִער נישט געטאָן.

אַזוי האָט זיך איר פֿאַרדרייט דער קאָפּ — פֿון די ריחות וואָס האָבן אַרויפֿגע־שמעקט פֿון די נאַנעס גאָרטן.

5

דער נס איז געשען. יעקב און בינהלע זיינען געווען צוזאַמען. דער קאַפּריזנער גורל האָט דאָס מאָל אַ שפּיל געטאָן מיט אַ רחמימדיקן קאַפּריז און אין אַ רגע פֿון חסד פֿריי געמאַכט דעם וועג צווישן צוויי — וואָס זיינען געווען צעשיידט און האָבן זיך ליב געהאַט.

אַ רגע וואָס לאָזט זיך אָנרופֿן: גליק. דער ערשטער אויגנבליק פֿון נישט־

געצוימטער פרייד. דרויסן, אויף די צעלאָמיעטע שטיגן פון הינדעלעס כאַלופּע איז ער זיך פאַרלאָפן. אומגעלומפערט זיינען בינהלע און יעקב צוגעפאַלן צו זיך, אומגעלומפערט זיך פאַרקלאַמערט מיט די אָרעמס... און זיך צוזאַמען אַראָפּ־געקייקלט פון די טרעפן, צוזאַמען זיך צוריק אַ שטעל געטאָן אויף די אויס־געקרימטע פיס, זיך אַראָפּגעזעצט אויף אַ שטיג... פנים צו פנים, הענט צו הענט, מויל צו מויל. גרויס איז געווען דאָס ווונדער פון באַרירן אַט דאָס, וואָס מען האָט פאַרלאַנגט מיטן גאַנצן חיות. אַן אויגנבליק וואָס לאָזט זיך נישט מעסטן מיט דער מאָס פון צייט, נאָר מיט דער מאָס פון לעבן און טויט, וואָס אַט דער אויגנבליק איז גובר געווען.

די פרייד איז געווען אַזוי פאַרשיכּורנדיק, אַז זי האָט אַזש פאַרטעמפּט די חושים, אָפּגענומען דאָס לשון, און איז געווען אַזוי נאָענט פון יסורים, אַז ס׳איז מער נישט מעגלעך געווען זי צו פאַרטראָגן: עס האָט פאַרפעלט אָטעם. האָט מען אין דער האַלב־טונקלקייט זיך לייכט אָפּגעשטופּט... אפשר ווען אַט אַזוי די אויגן זיך בעסער אָנזעטיקן...

ביז בינהלע האָט אַ כאַפּ געטאָן יעקבן פאַרן אָרעם און אים אַרויפגעשלעפּט אין דער פּאַציאַטקע. די גרויקייט דרינען איז איצט געווען פול מיט ליכט. נאָר ס׳איז דאָ געווען צו ענג, צו דעמפּיק. איז מען זיך ווידער געפאַלן אין די אָרעמס און זיך ווידער אָפּגערוקט איינער פון אַנדערן... איבערצוּוואַרטן די שפּאַנונג...

בינהלעס האַרץ האָט געהאַמערט. דאָס איז ער געווען, איר יעקב. דער זעלבער, דער אייגנסטער. דאָך איז ער געווען אַן אַנדערער, נישט געגנוי דער, וועמען זי האָט אַנטקעגנגעשפּאַנט דורך די געסלעך פון באַטשאַני, וועמען זי איז אַנטקעגנ־געגאַנגען דורך אַלע סטעזשקעס פון איר לעבן. אויף אים האָט זי דאָס געוואַרט — און דאָך נישט געגנוי אויף אים. ווייל עפּעס האָט ער אָנגעוואָרפן אַן אימה אויף איר. אַן אימה פאַר דער ליבשאַפט וואָס האָט אויפגעהערט צו זיין אַ חלום און איז געוואָרן ממשות? צי אפשר גאָר אַן אימה פאַר דעם, וואָס זי האָט געלייענט אין זיין בליק, אין די ברוינע אויגן וואָס האָבן געפלעגט זיין ווי צוויי שיסעלעך האָניק. איצט האָט זיין בליק געמיניעט מיט ליכט און שאָטן, סיי מילד, סיי ווילד. און זי האָט אים געוואָלט דינען — מיט דער מילדקייט און ווילדקייט וואָס ער האָט אויפגעוועקט אין איר. אפשר האָט זי זיך געשראָקן פאַר אַט דער גרייט־קייט צו דינען?

יעקבס האַרץ האָט געהאַמערט: דאָס איז זי געווען, זיין בינהלע. די מאַמע ערד... זיין ערד, וואָס ער האָט איינגענומען, וועט איינעמען... און קיין מאָל נישט פאַרמאָגן. ווייל פּונקט ווי די ערד, וואָס האָט געקאָנט געהערן צו דעם און צו יענעם — איז זי אין איר תּוך געווען פריי. יאָ, אימהדיק־פריי. און זי האָט זיך אויך געביטן, געווען אַנדערש. נישט־געגנוי די, אַן וועמענס בילד ער האָט זיך גע־קלאַמערט אין דימיון, בעת ער איז געלעגן אין די אָקאָפּעס — נאָר אַ מעכטיקערע

נאָך, אַ מער גבורהדיקע, אין דער נאַכגיביקער, ממש אונטערטעניק־יסורימדיקער ווייכקייט פון איר בליק, פון איר יעדער תּנועה. אַ מער סודותדיקע. אַ מער רייצנדיקע. דאָס האָט זי אים איינגענומען, מנצח געווען... אונטערטעניק גע־מאַכט — און ער האָט געהאַט אַ שטאַרקן חשק, אַט אַזוי ווי זיי זײַנען געשטאַנען, אַ רגע נאָענט, די צווייטע רגע אָפּגערוקט פון זיך, צו פאַלן איר צו די פיס, צו באַגראָבן דאָס פּנים אין איר שויס, אין איר בוזעם, און אויסשרייען... מתוודה זײַן זיך...

פאַמעלעכל האָבן זיי ביידע דערוואַכט צו דעם וואָס האָט זיי אַרומגערינגלט. יעקב האָט אַרומגענומען דאָס צימערל מיט די אויגן. ווי ווייניק האָט זיך דאָ געביטן און ווי אַנדערש איז אים אַלץ אויסגעקומען. קלענער און הייליקער: אַט ווי דער ארון־קודש אין יענעם דאָרפישן שולכל וווּ די מידע ייִדישע זעלנערס פון זײַן פאָלק האָבן בעת אַ לאַנגן נאַכטיקן מאַרש זיך אַרײַנגעכאַפּט. ער האָט אַ קער געטאָן דעם בליק צום פענצטער. די ריחות פון די לעצטע רויזן, פון האַרבסטבלומען האָבן אַרויסגעשמעקט פון זײַן אַמאָליקן געלעגער, דאָרט אויף דער פּאַדלאָגע; פון שעניקל וווּ ער פלעגט שלאָפן אין זײַנע קינדער־יאָרן...

בינהלע האָט דערזען די שיסל אויף דער פּאָדלאָגע, די לוזשע וואַסער וואָס זי האָט אויסגעכלוסניעט, בעת זי האָט דערהערט יעקבס קול, פריִער. אין דער לוזשע האָט זיך געשפּיגלט דער ווייסער פּירהאַנג, נאָר וואָס אויסגעוואַשן לכּבוד יום־טוב. אַ ווײַסע שלום־פּאַן. יעקב האָט זיך גערוקט צום פענצטער, מיט די בליקן אויף איר, בינהלען.

„זאַכטע, ד'עסט דיך דערטרינקען אין דער שיסל וואַסער!" האָט זי הייזעריק אויפגעלאַכט, אַ כאַפּ געטאָן די שיסל, זי אויסגעגאָסן דורכן פענצטער, אַ שטעל געטאָן דעם פוס אויף דער שמאַטע אויף דער פּאַדלאָגע, געגעבן אַ רייב אַהין און אַהער, און מיט דער פייכטער האַנט אָנגעכאַפּט יעקבן פאַר דער דלאָניע.

זיי זײַנען אַוועקגעלאָפן צו הינדעלען אויפן פּאַטשעיאַוו.

הינדעלע האָט זיי דערזען אָנקומען פון דער ווייטן. אַ רגע איז זי געבליבן שטיין פּריטשמעליעט. דערנאָך האָט זי דערהערט קולות פון אַלע זײַטן, פון די קרעמערקעס, די קונים, דער חברה קינדער. „הינדעלע! הינדעלע!" האָט מען גערופן צו איר, ווי זי צו דערמינטערן. מען האָט געטייט מיט די פינגער, „זעטץ נאָר ווער ס'גייט!" מיט אַ מאָל איז זי אַ פלי געטאָן פאָרויס, די פּאַטשיילע אויף אירע אַקסלען האָט זיך צעפלאַטערט ווי אַ פּאָר פליגל.

„זון־לעבן!" האָט זי אַ קריי געטאָן נישט מיט איר קול און שוין איז איר דראָבנער גוף געווען אַרומגעוויקלט מיטן זונס אָרעמס.

בינהלע איז געשטאַנען אין אַ זײַט און איז זיי מקנא געווען. צווישן מאַמען און זון איז אַלץ געווען פּשוט. אַרום האָט זיך געזאַמלט אַ הייטער געזעמל ייִדן און ייִדענעס. „רופּטץ ווער שלומען!" האָט בינהלע אַ קאָמאַנדע געטאָן און

אַליין איז זי אַריינגעלאָפֿן אין קאַלך־און קרייד־קרעמל, ווו יאָסעלע אַבעדאַלע איז געזעסן אַ פֿאַרקוקטער אין די ווייטן. „טאַטשי, ר׳איז דאָ!" האָט זי אויס־געשריגן און זיך אַראָפּגעלאָזט צו זיינע פֿיס.

„כ׳ווייס... כ׳ווייס..." האָט יאָסעלע זי געקלעפּלט אין פּלייצע. „געלויבט זאָל זיין זיין ליבער נאָמען".

„כ׳ווייס... כ׳ווייס..." האָט אַבעלע־נאַר, וועלכער איז געזעסן צו דער אַנ־דערער זייט פֿון יאָסלעס פֿיס איבערגעחזרט, און זיין צעשמייכלט מויל האָט געגייוועט.

דערנאָך האָבן בינהלע און יעקב דעם גאַנצן איבעריקן טאָג געזען דערצו, אַז זיי זאָלן נישט זיין אַליין. זיי האָבן צוזאַמען אַרומגעשמייעט אויפֿן פּאַטשע־יאָוו, געלאָזט זיך פֿאַרהאַלטן פֿון דעם און יענעם, געלאָזט טאַטעס און מאַמעס אויספֿרעגן וועגן זייערע זין; צי יעקב האָט זיי געזען, געהערט וועגן זיי. אויך פּויערים זיינען אָנגעלאָפֿן אַהער, צו יעקבן, אים אויספֿרעגן וועגן זייעריקע זין, איידעמס, שכנים. כאַליאַסטרעס שקצימלעך און חדר־יינגלעך האָבן אַרומגעהאָוועט דעריאַכמערטע. גענדז און קאַטשקעס האָבן געקוואַקעט, הינט האָבן געבילט, פֿייגל האָבן געקרייזלט הויך איבער די קעפּ. טומל, געשרייען האָבן פֿאַרטויבט די אויערן. — האָט מען זיך געלאָזט פֿאַרטומלען. אַזוי פֿיל גוטסקייט, אַזוי פֿיל געדולד האָבן געהאַט די הערצער. אַזוי פֿיל צייט געהאַט פֿאַר אַט דער יום־טובדיקער וועלט.

טויבע־קריינדעלע די טיקערין, אַן איינגעשרומפּן ווייבעלע מיט אַ טאָפּ באָבע־אַרבעס פֿאַרהאַנגען אויף אַ שטריקל אַרום איר האַלדז, האָט זיך צוגעשטופּט צו בינהלען און איר אַ שטורכע געטאָן מיטן עלנבויגן. „ביסט כאַטש אַ מבין אויף דיין חתן, מאַרזעפּעלע? אַ מעדאַל ט׳ער דאָך קריגן. פֿאַר העלדישקייט. דערפֿאַר ט׳מען דאָך אים אָפּגעלאָזט אַהיים אויף יום־טוב. יאָ... די גאַנצע שטאָט רעדט. דער סטאַראָסטע אַליין ט׳געזאָגט..."

„אַז אַ שטאָט רעדט, זאָל מען גלייבן!" האָט בינהלע אויסגערופֿן און דער־פֿילט ווי דער שטאָלץ צעפֿראַלט איר האַרץ. זי האָט איבער די קעפּ וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט געקוקט אויף יעקבס ברוינעם געקרייזלטן קאָפּ האָר און געלאָזט דעם בליק, צוזאַמען מיטן ווינט צערטלען יעדער זיין הערעלע, יעדער קרויז.

נאָר מיט אַ מאָל האָט עס איר אַ ברען געטאָן אין האַרצן. אַ מעדאַל פֿאַר העלדישקייט? דאָס באַקומט מען דאָך נאָר פֿאַר איינשטעלן דאָס לעבן! אַוודאי... ער האָט איינגעשטעלט אויך איר לעבן... איינגעשטעלט זייער ליבע, וואָס איז אַזוי לאַנג געהאַנגען אויף אַ האָר און זיי האָבן זי קוים אָפּגעראַטעוועט! דאָס פּנים האָט איר גענומען פֿלאַמען, דער כּעס האָט זי צעטראָגן: „ר׳איז דאָך געבליבן דער זעלביקער גרינער גאַנער וואָס אַ מאָל!" האָט זי אין זיך געצאַרנט.

„דער זעלביקער גרויסער ווייסער פון דעם וואס ס'לערנען די ביכער און דער גארנישט ווייסער פון דעם וואס סע לערנט דאס לעבן. ווי האט ער זיך דערוועגט צו טאן אזא זאך? א שוטה איז ער, נישט קיין העלד! און איך 'על מיט אים נישט חתונה האבן, ניין, נישט ביי מאטיען! ווייל ס'איז דאך קלאר ווי דער טאג, אז דאס אלץ וואס איז פאר מיר הייליק, איז ביי אים שוין ביי צייטנס נישט ווערט קיין געלעכערטן צווייער!"

דא האט זי זיך פארטראכט און געמוזט אויפשמייכלען צו זיך. „איך בין דאך א גרעסערע שוטה פון אים! ווייל כ'גענאר מיך אליין... ווייל וואס 'עט שוין ווערט זיין מיין לעבן, טאמער האב איך מיט אים נישט חתונה? און אז ער וואלט געווען א רוצח, א גנב, א שווינדלער, וואלט איך אים דען נישט נאכגעלאפן אפילו אין גיהנום אריין?"

די נאכט איז צוגעפאלן. בינהלע האט אפגעטרעטן יעקבן זיין שטרוישעניק אונטערן פענצטער אין בוידעמשטיבל און איז אוועק נעכטיקן אין איר טאטנס כאלופע. די גאנצע נאכט איז זי אפגעלעגן אויף דער שמאלער צעוויגטער קויקע, א וואכע און אין זכרון געוואנדערט דורך אלע סטעזשקעס פון איר לעבן, וואס האבן דערפירט צו אט דעם היינטיקן, וויכטיקסטן טאג פון אלע אירע טעג.

פאר טאג איז זי אראפ פון געלעגער און זיך געלאזט דורכן זיך־וועקנדיקן שטעטל צו יעקבס הויז. א זון האט געהאלטן ביים ארויסקומען און דער הימל האט זיך געוואשן אין א ראזער שוים פון קליינע לויזע וואלקנס. פארשלאפענע פאסטעכלעך האבן געטריבן שיטערע סטאדעס קי דורך די געסלעך, ארויס צו די פעלדער. יידן מיט טלתים אונטער די אָרעמס האבן געאיילט אין בית־מדרש אריין, צי אין דער שול. כאצקעלע דער אלטער וואסער־טרעגער האט פארבייגע־טשלאפעט מיט צוויי עמערס וואסער פארהאנגען אויף דער אקס וואס איבער זיינע איינגעזונקענע אקסלען. פארן אריינגאנג פון דער שול איז געשטאנען א געזעמל יידן אריינגעטאן אין א צעקאכטן שמועס. זיי האבן אויסגעזען וואך, ווי זיי וואלטן אט אזוי דא געהאט פארבראכט די גאנצע נאכט.

מיט א מאל האט זי דערזען יעקבן איר אנטקעגנקומען. זיי האבן זיך פאר־האלטן אין אן אפשטאנד פון זיך, אומבאקוועם זיך צעשמייכלט; ווי צוויי שעמעוו־דיקע קינדער, קוים געוואגט זיך צו קוקן אין די אויגן. די הערצער האבן זיך צעהאמערט. זיי האבן אויסגעשטרעקט צו זיך די הענט, ווי זיי וואלטן אט אט געגאנגען זיך פאלן אין די אָרעמס. אבער זיי האבן זיך בלויז דערלאנגט די הענט און אין אן אפשטאנד פון זיך, געגומען שפרייזן אין דער ריכטונג פון ברייטן טאפאליע־וועג.

פלוצעם האט ער זיך פריי צעלאכט און אויסגערופן: „כ'קאן מיך געוועטן אז איך 'על דער ערשטער צולויפן צום בעריאזע־וועלדל!"

זי האט אים נישט געענטפערט, נאר גלייך זיך נאכגעלאזט אין א גאלאפ.

ס׳איז גוט געווען זיך אַט אַזוי נאָכצולאָזן איבער דער פריי און לאָזן זיך טראָגן פון די פיס. ס׳איז געווען, אַט ווי מען וואָלט זיך נאָכגעיאָגט נאָך די קינדער־יאָרן, נאָכן ערשטן אויפבלי פון גוף; ווי מען וואָלט אַריבערגעהיפּט איבער אַל דעם האָמעטנעם, סתּירותדיקן, וואָס האָט איבערגעריסן דעם גלייכן וועג און פאַרפּלאָנטערט די טריט, פאַרווישט דעם ציל... דאָס שטרעבן. איצט האָט זי, בינהלע, קלאָר געוווסט וואָהין זי לויפט.

אָבער איר האַרץ איז געלאָפן גיכער ווי די פיס. אָפּגעוויינט געוואָרן פון לויפן. די וואָכן און חדשים פון וואַרטן אויף יעקבן, פון פּלאָטערן איבער זיין גורל, איר גורל, און דער נעכטיקער טאָג, דער טאָג פון דער באַגעגעניש, און די פאַרגאַנגענע נאַכט פון טראַכטענישן — האָבן זיך נישט געלאָזט אָפּטרייסלען. אַ טייל פון איר זיינען זיי געוואָרן און האָבן געלאָסטיקט אין די פיס. יעקב איז געווען העט פאָרויס. זי איז געבליבן העט הינטער אים, מיט די בליקן אָנגעהאָנגען אָן זיין געקרייזלטן קאָפּ, דאָרט ווייט.

לסוף איז ער שטיין געבליבן, זיך אומגעקוקט און זיך נאָכגעלאָזט אין אַ גאַלאָפּ צוריק צו איר. איצט האָט ער זי נצחונדיק אַריינגעכאַפּט אין די אָרעמס און זי אַ טראָג געטאָן מיט זיך.

דאָס בעריאָזע־וועלדל איז געשטאַנען צעשעפּטשעט, צעפּליטערט, איינגעטונקען אין אַ ים פון גאָלד־ברוינע פאַרבן און טונקעלן גרין. פון צווישן די ווייסע שטאַמען באַדעקטע דאָ און דאָרט מיט ראָלקעס פון זיידיק־דינער אָפּגעשיילטער קאָרע, האָט אַהערגעזילבערט דער סטאַוו. אַ בעזעם שטראַלן פון דער נאָר וואָס אַרויסגעקומענער זון האָט מיט לאַנגע גאָלדענע ריטלעך געקערט די דינע גע־קאָרבטע כוואַליעלעך איבער דער צעשימערטער וואַסערפלאַך. ביים ברעג, נישט ווייט פון דעם אָרט וווּ קיילעלע די כּלה האָט זיך דערטרונקען, האָט אַן עדה דעמבעס געדאַוונט שחרית, אונטערן באַגלייט פון אַ צמאַטשקע־צווישטשערײַ פון כמאַרעס פאַרפאַרעטע פייגל. נישט ווייט פון דאָרט איז געלעגן דער לאַנגער, מיט־מאָך פאַרוואַקסענער שטאָם פון אַ בעריאָזע, וואָס אַ דונער האָט אין איר געטראָפן מיט יאָרן און יאָרן צוריק. צוויי פון אירע צווייגן האָבן נאָך אַלץ געלעבט, זיך געהויבן שיף־אויס צו דער הייך, באַדעקט מיט גאָלדענע בלעטער. די צווייגן האָבן אויסגעזען ווי צוויי ביימער.

„יואל דעם שמידס חברל, דער בוים...״ האָט יעקב אין זיך אַ זאָג געטאָן, בעת ער האָט זיך מיט בינהלען צוגעשפּאַרט אויפן שטאָם.

אַ קוש. ליפּן האָבן צעעפנט אַלע חושים, צעעפנט דעם גוף. ליפּן האָבן צוריקגעשטויסן, פאַרשלאָסן אין בוזעם די ווערטער פון דער וידוי וואָס האָט זיך געריסן אַרויסצוקומען.

יעקב האָט זיך געטרונקען אין דער פייכטקייט פון בינהלעס מויל. וויפל מאָל האָט ער אין די אָקאָפּעס געזען פאַר זיך אָט דאָס זינלעכע, פאַרשלינגנדיקע

מויל און געחלומט דערטרונקען צו ווערן דערין ביז צום פאַרגעסן. איצט האָט ער צו דער זעלבער צייט וואָס ער האָט געהאַלטן זיין מויל אויף בינהלעס, גע־שפירט אַזאַ אָנגעשפּיצטע וואַכקייט אין זיך, ווי דאָס צווישטשערן פון די פייגל, ווי יעדער מינדסטער ריח פון די ביימער, דעם מאָך, דער ערד, ווי די דערוואַכונג פון דער וועלט צו אַ נייעם טאָג — וואָלטן געווען אינעם טעם פון בינהלעס קוש.

און בעת־מעשה... בעת־מעשה איז אָט די אָנגעשפּיצטע וואַכקייט זיינע געווען אַ טייל פון יענער נאַכט אויפן פּראַנט, אונטער פייער. דער קלין פון צעצווייגטן טייך האָט זיך געצייכנט אין חושך צו ביידע זייטן... די פוילע שטראָמען שוואַרץ פון בלוט. צווישן די אָרעמס פון טייך: די געשענדטע, אויפ־געריסענע ערד... ביימער מיט די אַרויסגעריסענע וואָרצלען, געשטרעקט צום הימל ווי בינטלעך הענט מיט צעשפּרייטע פינגער... אַ צעטרייבערט פעלד פול מיט רייפן קאָרן וואָס אַ פויער האָט נישט באַוויזן אָראָפּצונעמען... און צווישן די זאַנגען: פּגרים פון פערד, געדערעם פון קי... דאָס געשטאַנק פון מענטשלעכע פּגרים... דער ריח פון געריכערטער מענטשנהויט.

יאָ, דאָ אין בעריאָזע־וועלדל האָט דאָס האַרץ אויפגעריסן מיט זאַלפּן פון גליקזעליקייט און — צו גלייכער צייט — אויפגעריסן דאָרטן, מיט די ערשטע זאַלפּן פון דער ביקס וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט האַלטן אין דער האַנט... די ביקס וואָס איז געוואָרן אַ טייל פון זיין גוף, איר ריטעם — אַ טייל פון זיין אָטעם, און דאָס ציען ביי איר צינגל איז אָנגעקומען אַזוי לייכט, אַזוי פּשוט ווי דאָס פינטלען מיט אַן אויג.

וואָס הייסער, וואָס תאוהדיקער ער האָט געצערטלט בינהלען, דאָס עקשנות־דיקער און גרויליקער האָט דער זכרון יעקבן אריינגעזויגן אין יענער וואָר; דאָס אַכזריותדיקער האָט ער אים צוריקגעפירט צו דער שעה פון זיין נצחון, דער שעה פון זיין מפּלה, דעם סיום, ווען ער האָט פאַרענדיקט די „אויסשולונג פון זינד" און געשטאַרט אויף זיין טראָפּיי: דעם באַרוועסן מת, אין פאַרשאַרצטן היטל מיטן רויטן שטערן...

מיט אַ כּעס האָט ער אַ כאַפּ געטאָן בינהלען פאַר דער האַנט און זי גע־שלעפּט מיט זיך דורכן וועלדל, דורכן פעלד, אין דער ריכטונג פון דער חורבה וואָס איז אַ מאָל געווען יואל דעם שמידס הייזל.

פון דער קוזשניע דערלעבן און פון דעם שטעלעכל וווּ יואל האָט געפּלעגט האַלטן זיין קו, איז קיין שפּור נישט געבליבן. אַלץ געווען פאַרוואַקסן מיט גראָז. כמאַרעס געלבע פּוטער־בעכערס און כאַברעס האָבן דאָ פריילעך אַרויסגעוווּנקען פון טונקעלן גרין. די פּויערים האָבן, ווייזט אויס, צענומען אַלצדינג נישט לאַנג נאָך יואלס טויט און ווי אַ זכר געלאָזט בלויז יואלס כאַטקע, וואָס פון איר איז פאַרבליבן אַ פּירעק פון פאַרפוילטע אויסגעשטשערבעטע ברעטער, אָן אַ דאַך.

דער נייער סטעלמאַך, אַ גוי, האָט געהאַט זיין שמידערייַ נעבעטער צום שטעטל, לעבן האַלץ־סוחרס פעלדער.

הויך גראָז איז געוואַקסן אויפן אָרט ווו יואלס קויקע איז אַ מאָל געשטאַנען. דערלעבן: אַ גרויס־בערגל פון ליים און שטיינער, אַ הויפן פון אייזנשטיקער און אַ האַלבער סעקלעט, אַ שוואַרצער, פון יואלס קיך.

יעקב און בינהלע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף בינהלעס אויסגעשפּרייטער פאַטשיילע איבער דער קעמפּע גראָז וואָס איז געווען פייכט פון טוי. הענט האָבן זיך פאַרפלאָנטערט אין הענט און געזוכט הויט, לייב. ער האָט געפּרוווט אַראָפּ־ציִען דאָס קלייד פון איר, פאַרפלאָנטערט זיך אין די פאַלדן, די קנעפּלעך. האָט זי קלינגעוודיק אויפגעלאַכט, מיט איין זגראַבנעם באַוועג פון די אָרעמס זיך באַפרייט דערפון אַליין, און זיך באַפרייט פון אַלץ וואָס זי האָט געטראָגן אויף זיך, און געהאָלפן אים... און אויפגעקרעכצט, אויפגעזיפצט — מיט דעם תענוג פון פילן זיין הויט מיט יעדן קעמערל פון אירער, און פילן ווי עס קילט און בריט דער פייכטער טוי. גיריק, הונגעריק האָט זי אים געשענקט דאָס מויל, אים געשענקט די אָרעמס אונטערצוהאַלטן זיין קאָפּ, און אים געשענקט די פיס צו האַלטן זיינע צווישן זיי, און אים געשענקט זיך, נצחונדיק, יובלדיק, קוים וויסנדיק וועלכער גליד געהערט וועמען.

בעת־מעשה איז זי געווען פול מיט שטוינען, מיט וווּנדער אויף זיך, אויף אָט דעם שענקען זיך אַזוי פריי, אויף אָט דעם ווילן איינשטימען צו אים, מיט אים. ווי ענלעך דאָס איז געווען צו אירע טרעפעניש מיט יונהן סוואַלאַטש, ווי ענלעך אַפילו צו דער אחזריות און גוואַלד פון גייגערן — און ווי ניי, ווי אַנדערש, ווי איינציקמאַליק... און ווי הייליק.

און ער — ער האָט אויך קוים געוווּסט, צי ער איז ער, צי ער איז זי, בינה־לע; אַזוי האָט זי אים איינגעזויגן אין זיך אין איר נאַכגיביקייט, אין איר הת־להבותדיקער וויליקייט. אַזוי מאַכטיק און זיגעריש האָט ער איינגענומען די ערד... זי...

בעת־מעשה האָט ערגעץ, אין אַ ווינקעלע פון זכרון, נאָך פייערדיקער געלויכטן יענע נאַכט פון נצחון, פון זיין מפּלה... נאָכן גרויסן זיג. ער, אַ שיכּורער, צווישן שיכּורע סאָלדאַטן אין דער כאַלופּע אַ פולער מיט נאַקעטע שיקסעס. זייערע האַרטע בריסטן, זייערע קיילעכדיקע ווייסע הינטנס האָבן געבאַמבלט, געמיניעט פאַר די אויגן ווי באַלעמס אין די הענט פון אַ זשאָנגלער, אַ קונצן־מאַ־כער. דער ווייסער בויך פון אַ שיקסע, דער חנעוודיקער נאַפּל, אָט ווי אַ לאָך אין אַן אויסגעהוילטער שיסל... אין וועלכער ער האָט אויסגעבראָכן אַלץ וואָס ער האָט געהאַט געגעסן און פאַרזויפט מיט אַ פּאָר שעה פריִער...

דאָ איז געווען בינהלעס בויך און דער נאָפּל אין מיטן: אַ הייליק געפעס...

דערנאָך זיינען זיי לאַנג געלעגן איינער אין דעם אַנדערנס אָרעמס, אין

אַזאַ פּולקומער און פולער שטילקייט, אַז זיי האָבן נישט באַמערקט, אַז זיי האָבן נישט אויסגערעדט קיין איין וואָרט צו זיך. ערשט ווען די קירך אין ווייטן באַטשאַני האָט זיך דיסקרעט צעקלונגען אויפן מיטאָגדיקן אַניאָל פּאַנסקי, האָט בינהלע זיך מיט אַ מאָל אונטערגעהויבן און אונטערגעלענט דעם קאָפּ מיטן אָרעם.

„אפשר זאָגסטע מיר שוין פאַר וואָס מ׳גייט דיר געבן אַ מעדאַל, הע?" האָט זי אַ פרעג געטאָן.

ער האָט פאַרהאַלטן זיין האַנט, וואָס האָט זיך פּאַמעלעכל געגליטשט איבער איר היפט און איר געקוקט גלייך אין פּנים; איר איז אויסגעקומען ווי זיין בליק וואָלט זיך געפּלאָנטערט, ווי ער וואָלט געשיקלט. „אַ מעדאַל פאַר פּחדנות". האָט ער געענטפערט.

זי האָט זיך צעלאַכט. „דאָס וואָלט געווען קליגער. צו געבן מענטשן מעדאַלן פאַר פּחדנות און נישט פאַר העלדישקייט. אין אַ מלחמה דאַרפט מען זיין אַ שוטה צו יאָגן זיך נאָך מעדאַלן. טאָמער קאָן מען נישט מאַכן פּליטה, דאַרפט מען זען זיך צו היטן דאָס בינטל ביינער... סיידן מ׳זוכט אַ וועג דערפון פּטור צו ווערן".

ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, איינגעשטימט מיט איר. „ס׳לעבן איז מיר נאָך קיין מאָל נישט געווען אַזוי טייער. דו האָסט עס מיר נאָך טייערער געמאַכט... צוויייטנס, נישט געווען פאַר וואָס עס מקריב צו זיין, נישט מיין מלחמה איז דאָס..." מיט אַ מאָל האָט ער זיך אונטערגעהויבן און פאַרגראָבן דעם קאָפּ אין דער ווייכקייט פון איר בויך. „בינהשי..." האָט ער הויך און קלאָר אַ זאָג געטאָן. „כ׳האָב דערהרגעט אַ מענטש... אַ ייִד".

זי האָט נישט פאַרשטאַנען: „בלויז איינעם?"

„כ׳ווייס נישט וויפל מער... אָבער מיט אים בין איך געווען אויג אויף אויג... כ׳זע אים כסדר... אַ באַרוועסער רויטאַרמייער... אַ נידעריקער, אַן עלטערער פון מיר... באַוואַקסן מיט אַ ווילדער באָרד... שוואַרצע דערשראָקענע אויגן..."

„פאַר דעם גיט מען מעדאַלן, הע?" האָט זי זיך פאַרקרימט.

„דאָס רופט מען אַ נס... דער נס ביי דער ווייסל". ער האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ. „בינהשי, כ׳האָב דיר דאָס אַצינד נישט געטאָרט זאָגן".

„וואָס עפּעס נישט?" האָט זי פּראָטעסטירט. „ד׳מוזסט מיר שוין זאָגן. אַלץ. מאַן און ווייב זענען איין לייב", האָט זי איבערגעחזרט דעם שפּרוך וואָס זי האָט אַזוי אָפט געפלעגט אַ מאָל הערן פון איר געוועזענעם חתן, משהן.

„נישטאָ קיין סך צו זאָגן. ער איז געווען אויפן וויוויאַד, פּונקט ווי איך. כ׳בין געווען מיט מיינס אַ חבר, אַ קאָמוניסטל, וואָס האָט זיך מיט מיר געהאַלטן צוזאַמען. ס׳איז געווען אַ פּאָר שעה איידער דער אַטאַק אונדזערער האָט זיך אָנגעהויבן. מ׳האָט געוווסט, אַז ס׳גרייט זיך אַ גיהנום... און... איך... האָב... כ׳האָב געוואָלט מאַכן פּליטה — יאָ, דעזערטירן. מיין חבר האָט געוואָלט זיך אַריבער־רייסן צו די רויטע... מען האָט זיך צעווערטלט... פאַרבלאָדזשעט... כ׳האָב אים

פאַרלוירן פון די אויגן. ס׳איז געווען פינצטער חושך און דאָ כ׳גיב אַ קוק... אַ היטל מיט אַ רויטן שטערן. ׳סטוי!׳ האָט ער אויסגערופן און איך האָב גלייך אַ צי געטאָן פאַרן צינגל״.

„פון וואַנען ווייסטע, אַז ער איז געווען אַ ייִד?״ האָט זי געפרעגט.

„כ׳האָב געהערט... צי אפשר האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער האָט אויסגערופן ׳שמע...׳ און איך האָב אין דער זעלבער רגע אויסגעשריגן ׳שמע־ישראל׳ און געשאָסן... גענומען לויפן ווי אַ משוגענער. כ׳ווייס נישט ווי אַזוי כ׳בין צוריק־געקומען אין לאַגער. כ׳האָב ראַפּאָרטירט וואָס עס איז געשען. אַ שעה שפּעטער האָט מען גענומען אַ גאַנצן רויטן אָפּטייל אין פּלען... אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער אַטאַק... און... כ׳קאָן דיר אָפּגעבן אַ גרוס פון דיין ברודער״.

זי האָט אַ צאַפּל געטאָן: „פון הערשעלען?״

„כ׳האָב געהערט וועגן אים פון אַ ייִדישן פּלעניק, אַן אָדעסער. ער׳ט מיר געזאָגט, אַז זיין קאָמאַנדיר איז געווען אַ בחור פון פּוילן... פון באַטשאַני. אַז ר׳איז אַ קרעמפּער בלאָנדער חברה־מאַן, מיט זומער־שפּרענקעלעך און מיט שיפּ־לעכע אויגן... טראָגט ברילן...״

בינהלע האָט זיך צעוויינט. צו אָנגעלאָדנט מיט איבערלעבונגען איז געווען אָט דער לאַנגער מעת־לעת. נאָר גלייך איז זי אין כעס געוואָרן אויף זיך. ווי האָט זי געמעגט היינט וויינען? און זי האָט אויפגעשמייכלט דורך די טרערן:

„כ׳קאָן דיר אויכעט אָפּגעבן אַ גרוס. פון דעם שמענדריק אַבראַשקען. אַ יונג מיט ביינער געוואָרן. ר׳איז געפאָרן קיין פּאַריז ווערן אַ סקולפּטור״.

„אַ סקולפּטאָר מיינסטע״, האָט יעקב איר פאַרריכט.

„אוודאי מיין איך אַ סקולפּטאָר. וואָסראַ אָנשיקעניש פון אַ פאַך איז דאָס?״ יעקב האָט איר דערקלערט.

6

די מלחמה מיט די באָלשעוויקעס איז געווען געענדיקט. די פּוילישע רעפּוב־ליק האָט באַקומען אירע פעסטגעשטעלטע גרענעצן.

הינדעלע און יאָסעלע אַבעדאַלע האָבן באַשלאָסן מגלה צו זיין זייער סוד פאַר די קינדער. צו דעם צוועק האָט זיך יאָסעלע אפילו געלאָזט פירן קיין לאָדזש, אַ זאַך וואָס ער פלעגט יאָר־יערלעך אָפּזאָגן זיין רייכער טאָכטער רייזע־לען. אַז ער איז צוריקגעקומען קיין באַטשאַני און זיך באַגעגנט מיט הינדעלען, איז זיי קלאָר געוואָרן איין זאַך: די קינדער זיינען נישט געווען צו שטאַרק באַגייסטערט. נישט אַז די קינדער האָבן זיי, חלילה, אויסגעלאַכט אין די אויגן — אָבער ס׳איז געווען בלי שום־ספק, אַז די קינדער האָבן די זאַך געהאַלטן פאַר אַ קליפּ און קלאָר משוגעת, וואָס נאָר פאַרקאַלכטע אַלטקייט און פאַרנאַרטקייט האָט געקאָנט צוטראַכטן.

לויט יאָסעלעס באַריכט האָט זיין טאָכטער רייזעלע געזאָגט: „ס׳פעלט דיר דען עפּעס, טאַטע? ד׳דאַרפסט דאָך נאָר אַ פּיפּס טאָן און ד׳עסט האָבן פון אַלעם גוטן. כ׳על דיר דען זשאַלעווען צו באַצאָלן פאַר אַ מענטש אַכטינג צו געבן אויף דיר? פאַר וואָס קומסטע נישט קראַנטער קיין לאָדזש, אַנשטאָט דיר פאַר־דרייען דעם קאָפּ מיט אַ ווייב אויף דער עלטער? אָן אַלטע יִדענע האָט אַלטע געוווינהייטן און דו, טאַטע, ביסט אויכעט נישט פון די לייכטע פּאַסאַזשירן. דערצו ׳עסטע אַריינקריכן אין אַ משפחה פון לויטער אָרעמע־לייט און וואָסאָראַ סגאַל מענטשן אָט די צדיקים אין פּעלץ זענען, קאָנסטע דאָך אַליין זען. דער יעקב האָט דאָך אָוועקגענומען בינהלען פון אַ לייטישן חתן... אַ פאַר וואָכן פאַר דער חתונה... ז׳האָבן דאָך שוין אַפילו געהאַט געדונגען אַ דירה״.

רייזעלעס רייד האָבן זיך געלייגט אויפן שכל און אירע שוועסטער האָבן איינגעשטימט מיט איר און די אידעמס האָבן איינגעשטימט מיט זייערע ווייבער. „איר שטעלט זיך אויס לייטנס געלעכטער, שווער״, האָבן זיי יאָסעלען געוואָרנט.

און הינדעלע האָט אָפּגעגעבן יאָסעלען אַ באַריכט, אַז אירע קינדער זיינען אויך נישט מלא־שׂימחה צוליב דער גוטער בשׂורה וואָס זי האָט זיי אָנגעזאָגט. זיי האָבן אויך געהאַלטן, אַז יאָסעלע און הינדעלע דאַרפן זיך נישט צו נאָר מאַכן מיט דער חתונה־צערעמאָניע; אַז יאָסעלע קאָן זיך דרייסט אַזוי אויך אַרויפ־ציִען אין בוידעם און פאַרנעמען דאָס שכנותדיקע קעמערל, וועט הינדעלע קענען בעסער אויף אים אַכטונג געבן, אויב זי וויל, און נישט דאַרפן לויפן צו אים אין דעם אַנדערן עק שטאָט אין די פינצטערע אָוונטן.

נאָך דעם ווי הינדעלע און יאָסעלע האָבן געמאַכט דעם סך־הכל פון דעם וואָס זייערע קינדער האָבן זיי געעצהט יאָ צו טאָן און נישט צו טאָן, האָט יאָסעלע הייטער אויסגערופן: „מיקנשמאַלץ! לאָמען באַשטימען דעם זמן־חתונה!״

נאָר דאָ האָבן הינדעלע און יאָסעלע געהאָט דעם ווונדערלעכן איינפאַל, וואָס האָט זיי ביידן געמאַכט גאָר שטאַרק לאַכן. ס׳איז זיי נעמלעך איינגעפאַלן, אַז מען זאָל גאָר שטעלן צוויי חופות צוזאַמען, און יעקבן און בינהלען חתונה מאַכן בעת דער זעלבער שׂימחה. הינדעלע איז טאָקע אויפן אָרט אָוועקגעלאָפן נאָכן יונגן פּאָרל און זיי ביידן געבראַכט צו פירן צו יאָסעלען, ער זאָל אַרויסקומען מיטן פאָרשלאָג.

יעקב און בינהלע זיינען אַ רגע שטיין געבליבן פאַר די צוויי אַלטע לייט מיט אָפענע מיילער. דערנאָך האָבן זיי ביידע צוזאַמען און יעדער באַזונדער גענומען דערקלערן הינדעלען און יאָסעלען אַ לאַנגע פאַרוויקלטע דערקלערונג, וואָס איר הויפּטזינען איז געווען: אַז זיי זיינען נישט באַגייסטערט מיטן איינ־פאַל. האָבן שוין הינדעלע און יאָסעלע געהאָט דאָס ביטערע טראָפּנדל אויך — אַז זייער שׂימחה זאָל זיי באַקומען, און אַצינד איז זיי מער גאָרנישט געשטאַנען אין וועג צו באַשטימען דעם זמן־חתונה.

די חתונה האָט געזאָלט זיין אַ שטילע און באַשיידענע — אָבער דאָ האָט זיך אַריינגעמישט באַטשאַני של־מעלה. די בושלען זיינען נאָך דאָ געווען און ביי זיי איז אויך גראָד יענעם טאָג פאָרגעקומען אַ חתונה. זיי האָבן צעקלאַקעטע אָרומגעפלאַטערט איבער הינדעלעס הויף ווו די שימחה איז געפּראַוועט געוואָרן.

און באַטשאַני של־מטה איז אויך נישט געבליבן הינטערשטעליק. דאָס גאַנצע שטעטל איז זיך צונויפגעקומען צו לויפן ווי אויף אַ בייז ווונדער. הינדעלעס חברטע, נעכעלע די געשטופּלטע, די אַלמנה פון ר׳ לייבעלען, דעם העלדישן שמש פון דער שול, האָט זיך געפּאַרעט ווי אַ מחותנתטע פון דער כלהס צד. און דער רב אַליין, שוין נישט מער קיין יונגער, אָבער נאָך אַלץ אַ הדרת־פּנימדיקער, האָט זיך געפּאַרעט ווי דער מחותן פון חתנס צד.

צו דער חתונה איז געקומען ר׳ פּייוועלע דער מילנער מיט זיין ווייב צירעלען און מיטגעבראַכט אַ פולע בריטשקע מיט משקה און מתנות און מיט בעטלער־קאַליקעס וועמען ס׳איז שווער געווען צו קומען צו פוס. שמוליקל רופא וועלכער איז באַפרייט געוואָרן פון דאַמביער לאַגער איז געקומען מיט זיין ווייב דער הייבאַם. פּישעלע קצב איז געקומען מיט דער חברה פון די „דריי פּייען" און מיט די פורמאַנעס און יאַטקע־יונגען, אָבער אָן זיין עילויישן זון, אַריהלען, וועלכער איז אומגעקומען אין דער פּויליש־באָלשעוויסטישער מלחמה. דער אַלטער שוחט, שרה־לאהלע דער שוחטקעס אלמן איז געקומען מיט זיינע טעכטער און איידעמס. דער אַלטער דיין האָט שוין נישט געלעבט, אָבער זיין גאַנצע משפּחה האָט זיך אויך צוגעשטעלט, צו גלייך מיט ר׳ שאַפּסעלען דעם אַלטן גמרא־מלמד און זיין בני־בית. סוף־כּל־סוף איז מען דאָך געווען מחותנים. און אויך די שכנות פון יאָסעלעס גאַס זיינען געקומען, צוזאַמען מיט פּעשעלען שליאָך און טויבע־קריינדעלען דער טיקערין. געפעלט האָבן נאָר די מיטגלידער פון דער אומ־געקומענער בראַנטשעלען דער קרעכצערינס משפּחה, וועלכע האָבן אָנגעהאַלטן אַ ברוגז מיט יאָסעלען זינט זיין טאָכטער דבורהלע איז אַנטלאָפן פון איר מאַן בערעלען, דעם געוועזענעם „לבנה־קריכער". אָבער ס׳איז געקומען דער שדכן ר׳ מנשהלה, נישט געקוקט אויף אַלץ, און, פאַרשטייט זיך, אויך דער בדחן, ר׳ דבטשעלע מיט דער גאַנצער חסידישער קאַפּעליע, צוזאַמען מיט די חסידים פון אַלע שטיבלעך. און קיין פאַרטרעטערס פון נייעם באַטשאַני האָבן אויך נישט געפעלט, פאַרבעטן פון יעקבן און בינהלען, גיטעלען און שיינדעלען.

און אחרון אחרון חביב: הינדעלעס זון שלום איז געקומען מיט זיין שיינער משפּחה און יאָסעלעס קינדער און אייניקלעך זיינען אָנגעקומען צו פאָרן פון לאָדזש מיט גאָר וואָזשנע מתּנות.

די קאַפּעליע האָט געשפּילט אַ פריילעכס. די שעלצער חסידים האָבן גע־האָצקעט און געטאַנצט מיט די כוואַסטער, די בונדיסטן מיט די ציוניסטן, די יידישיסטן מיט די העברעיסטן.

פון די דעכער אַרום און אַרום און פון דיביימער אויפן הויף האָבן צוגע־קוקט די פויערים. אַ פּאָר יונגע, אין צעקנעפּלטע פּוילישע סאָלדאַטסקע מונדירן, האָבן אַפילו אַרויפגעקלעטערט אויפן פּלויט פון די נאַנעס גאָרטן, און פון דאָרט צוגעקוקט. צווישן זיי איז געזעסן דער לאַנגער סטעפּעק און בראַנעק, מאַנקע דער אַלטער וועשינס זון. מאַנקע אַליין האָט זיך צוזאַמען מיט נעכעלען דער געשטופּלטער געהאַט אָנגעפּאַרעט ביים צוגרייטן די סעודה. איצט איז זי, אָן אויסגעפּוצטע אין איר זונטיק־קלייד, געזעסן אויף איר פּריזבע צוזאַמען מיט וואַנדען, וועלכע איז געווען צעוואַקסן, מעוברת און האָט געהאַלטן אַ קליין קינד אין די אָרעמס, און מיט יאַדווישען, מיט דער יאַנקאָווע און מיט יאַנעקן, וועלכער האָט אַ בגילופינער געדרייט די ברייטע זייט פון זיינע נישט־גלייכע גרויע וואָנצעס.

אַבעלע־נאַר האָט געטאַנצט אין סאַמע מיטן פון רומל און געלאַכט זיין תּמעוואַטע געלעכטער.

דער אָנהייב

(נאָכוואָרט)

דער אויסגעשטערנטער נאַכטיקער הימל איבערן וואַגאָן איז שטיין געבליבן. די זומערדיקע פּוילישע ערד דרויסן האָט געענדיקט איר אַנטלויפן. די באַן האָט זיך פאַרהאַלטן אויף דער סטאַנציע פון אַ גרענעצשטעטל און אין דער זיס־שאַרפער פאַרפומיקער שטילקייט פון אַרום האָט זיך באַוויזן אין וואַגאָן דער וואַכמאַן פון דער פּוילישער גרענעץ־פּאָליציי. ער האָט זיך דער־נענטערט צום מיידל וואָס איז געזעסן ביים אָפענעם פענצטער. זי האָט נערוועז אַ שלינג געטאָן די מחיהדיקע לופט און אים דערלאַנגט איר פּאַספּאָרט, גילטיק פאַר אַן איינמאָליקן אַריבערטרעטן די פּוילישע גרענעץ. דאָס שפּילעוודיקע ווינטל וואָס האָט זיך אַריינגעוויקלט פון דרויסן, האָט געבלעטערט די פּאָר זייטלעך פון ביכל, ווי עס וואָלט געפּרוווט שטערן דעם גרענעץ־פּאָליציאַנט אין אויפמישן דאָס זייטל וואָס ער האָט געזוכט.

„אייער נאָמען און אַדרעס?" האָט ער טרוקן, אייליק אַ פרעג געטאָן.

„מרים פּאָלין", האָט זי געענטפערט. „לאָדזש, אוליצאַ פּוסטאַ, נר' 6".

ער האָט באַטראַכט איר פאָטאָגראַפיע און דערנאָך אַריבערגעטראָגן דעם פאָרשנדיקן בליק אויף איר. „ווי לאַנג זענט איר געווען אין לאַנד?"

ווי לאַנג? איר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס לעצטע ברעקל „לאַנד" דרויסן זאָגט איר אונטער מיט ווינטיקע ליפּן: „אַ קיימאַ־לן פון טויזנט יאָר". נאָר דאָ איז איר בליק אַריינגעפאַלן אין גלייכגילטיקן בלוי פון וואַכמאַנס אויגן און זי האָט געענטפערט: „איך בין דאָ געבוירן".

ער האָט געלייגט אַ סטעמפּל אויפן זייטל מיט דער וויזע און מיט אַ פעדער אַריינגעשריבן די דאַטע פון דרייסיקסטן יולי, ניינצן הונדערט זיבן און פערציק. בעת ער האָט איר צוריק דערלאַנגט דאָס ביכעלע האָט זיך זיין בליק אויף אַ רגע פאַרהאַלטן אויף דעם אויסטאַטויִרטן אוישוויץ־נומער אויף איר אָרעם. „דאָווי־דזעניאַ!" האָט ער געשעפטמעסיק צוגעלייגט אַ פינגער צום דאַשיק און זיך אָפּגעקערט פון איר.

„אַדיע...” האָט זי צוריקגעפּליסטערט צום גראַנאַטענעם דרויסן.
די באַן האָט זיך אַ טראָג געטאָן פאָרויס.

העט־העט אויף צוריק איז געלאָפן דער זכרון פון בלוט. העט־העט אויף צוריק האָט זיך געקייטלט און געקייקלט דאָס רינגעגראַד פון דורות; אויף סטעגעס פון צייט זיך ירושהדיק אַריינגעשנורט אין דעם טונעל פון חושכן שוויי־גן — ווו אַלע שפורן פון המשכדיקייט זיינען פאַרווישט געוואָרן. ביז דאָס ליכט פון קיום האָט זיך ווידער באַוויזן אויף דער אַנדערער זייט פון גורל־ראָד. — און העט־העט פאָרויס האָט זיך געקייקלט דאָס רינגעגראַד פון דורות.

אַזוי האָט דער זכרון פון בלוט כסדר געזוכט דעם פאָדעם פון דער אייביקייט, צו פאַרגאָרטלען זיך מיט אים ווי מיט אַ נאַפּלשנור און זיך לאָזן אַריבערטראָגן איבערן תהום פון פרעגצייכנס, וואָס אויף יעדן פון זיי איז דער צער געהאָנגען ווי אויף אַ שפּיציקן האָק. העט־העט צוריק... העט־העט פאָרויס — איבער צייט און שטח, איבער היים און גלותן, איבער איינגעוואָרצלטקייט און נע ונדן, איבער ליכט פון אמונה און שייטער־הויפנס פון שינאה, איבער פאַרשאָלטענע תוהו־ובוהוס, דורך גן־עדנס און מדבריות, דורך בערג און טאָלן, ימען און קאָנטינענטן.

לעגענדעס פון לעבן פאַרדרימלטע אין אונטערבאַוווסטזיין. קוים־געאָנטע אָנונגען וועגן טאַטע־מאַמע... און וועגן טאַטע־מאַמע פון טאַטע־מאַמע. אור־אור־קדמונדיק — צום אָנהייב וואָס האָט נישט קיין אָנהייב.

אָט זיינען זיי אַרויסגעקומען פון דאָרטן — זיי — מרים פאַלינס אורטאַטעס און אורמאַמעס פון טאַטע־מאַמע: פון דעם פריִער... פון דעם ווייטער... און דער־נאָך פון אור־כשדים. דורך דעם טאָל פון פרת און חדקל האָבן זיי געצויגן אין נאָמאַדישן וואַנדער, געטריבן פון אַן אומרו וואָס האָט אפשר געהאַט צו טאָן נישט נאָר מיט דער טריקעניש פון פליינען, נאָר אויך מיטן דאָרשט פון דער נשמה, מיט דער תאווה צו דעם וואָס איז אויסער דעם גשמיותדיקן לבוש... צום געזאַנג פון חומר — צו גייסטיקייט — צו געטלעכקייט וואָס בתוך יעדער פאָרעם, איבער יעדער פאָרעם.

פון דעם טאָל פון פרת און חדקל האָבן זיי געצויגן קיין חרן, און פון דאָרט: אין דעם לאַנד פון מילך און האָניק (ווי אָפּט האָט דער מילך־און־האָניק פאַרמאָגט דעם טעם פון סם און זיין זיסקייט איז געווען און פאַרבליבן אין דער פרייד פון באַשאַפן ליכטיקע וויזיעס ?). וואַגאַבונדן, וואַנדערערס זיינען זיי געווען. וואָגלערס דורך סטעפּעס פון בענקשאַפט, געטריבן פון ערדישע נויטן און געהיימע נשמה־דיקע גאַרעניש.

אפשר...

אפשר האָט איינער פון אירע, פון מרים פאַלינס אורזיידעס געהערט צו

אברהם אָבינוס סוויטע פֿון פֿאַסטעכער? צי אפֿשר איז ער אַברהמען און זיין ווייב שׂרהן אָנגעשטאַנען ווי אַ גליד־שוועסטערקינד? און אפֿשר האָט מרים פֿאַ־ לינס אַן אורזיידע זיך שפּעטער געהאַדעוועט אין יצחק אָבינוס הויז און דערנאָך האָט דער פֿאַרליבטער יעקב אָבינו אים אַנפֿאַרטרויט די סודות פֿון זיין הארץ: דאָס פֿאַרפּלאָנטערטע גלוסטן צו רחלען — דורך לאהן?

אַראָפּגענידערט קיין מצרים האָבן אירע אורבאָבעס און אורזיידעס. קאָן דאָך געמאָלט זיין, אַז זייערע קינדער האָבן מיט דעם חומשדיקן יוספֿס קינדער געשפּילט אין סטרולקעס, און אַז די קינדער פֿון אָט די קינדער האָבן מיט יוספֿס אייניקלעך שוין געשפּילט אַ בלינץ אויפֿן הויף פֿון פּרעהס פּאַלאַץ. ביז דער פּרעה וואָס האָט נישט געקענט יוספֿן האָט זיך אַריינגעצויגן אין די מלכותדיקע חדרים — און די פֿאַרשפּילטע קינדער זיינען שקלאַפֿן געוואָרן און האָבן פּירא־ מידן געבויט.

קאָן זיין, אַז אַ יורש פֿון אָט די קינדער, אַ מיידל, אירס, מרים פּאַלינס אַן אורבאָבע, האָט צוזאַמען מיט משה רבנוס שוועסטער, וועלכע האָט אויך געהייסן מרים, זיך באַהאַלטן צווישן די ריטלעך ביים טייך, צו זען וואָס עס וועט געשען מיט דעם עופּעלע משה וועלכער איז אָנעקגעשווומען אין קיישל מיטן שטראָם. און אפֿשר האָט אַ זון פֿון יענעם מיידל זיך פֿאַרקלאָגט אויף זיין גורל פֿאַר דעם אומרויִק־פֿאַרבענקטן פּרינץ משה?

זיינען זיי שקלאַפֿן געוואָרן און דערנאָך — פֿרייע מענטשן. ווידער האָבן זיי געוואָנדערט אין מידבר פֿון אומרויסן און תשוקה און זיך געשפּייזט מיטן מן פֿון חלומות. וויפֿל פֿון זיי זיינען אומגעקומען, כּדי דער זאָמען פֿון ירושהדיקייט זאָל זיך ראַטעווען? ווער פֿון זיי האָט דערלעבט צו שטיין אונטערן הר־סיני און מיט די אייגענע אויערן פֿאַרנעמען? — און אפֿשר איז איינעם פֿון יענע אורטאָטעס געגעבן געוואָרן צו זיין אין דער נאָענטער סביבה פֿון משהן, דעם אייניציקמאָליקן אמתן פֿירער פֿון אַן עדה — דעם כּבד־פּה, דעם זינדיקן, לעסטערנ־ דיקן, יושר־מאָנענדיקן זוכער פֿון אַ וועלט־געוויסן — און ער האָט ביי משהן געלערנט, אַז געזעץ אַן דרך־ארץ און ליבע איז ערגער ווי געזעצלאָזיקייט, און געלערנט צו ווערן אַ קנעכט פֿון אַ גאָט־אידעאַל?

— און שפּעטער, ווען זייערע קינדער האָבן לסוף געזעגנט צום אויסגעבענקטן לאַנד כּנען — ווער פֿון זיי האָט געהערט די שופֿרות ביי די מויערן פֿון יריחו, געזען די זון זיך פֿאַרהאַלטן אין איר וועג אין גבעון, און די לבנה אין טאָל פֿון אילון? צו וואָס פֿאַר אַ שבטים האָבן זיי, די עלטער־עלטער־זיידעס געהערט? ווו האָבן זיי אויפֿגעשלאָגן זייערע געצעלטן און וואָס איז געווען זייער קרובי־ שאַפֿט מיט די ערשטע שופֿטים? האָט נישט בינהלע, מרים פּאַלינס מאַמע, וועלכע איז אין אוישוויץ נאָכגעלאָפֿן איר טאָכטער וויערקען... פֿאַרמאָגט די גבורה

פון שמשון־הגיבור? און וויערקע, די שוועסטער, די שווייגנדיקע געטאָ־דיכטערין, האָט זי זיך נישט איבערגערופן מיט דבורה הנביאה?

און די סאַמע וואָרהאַפטיקסטע פון אַלע ירושהדיקע קרובישאַפטן — די קרובישאַפט מיט מלך דודס הויז — ווי וואָרהאַפטיק איז זי געווען? האָט טאַקע דער יִחוס־בריוו וואָס די באָבעשי הינדעלע האָט אָפּגעהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ, שוואַרץ אויף ווייס צוריקגעפירט איר אָפּשטאַם צו דודס זאָמען — און דערפאַר האָט זי באַהאַנדלט אירע זין ווי זיי וואָלטן געווען די איינציקע לעגיטימע יורשים צום מלכותדיקן טראָן?

און דער מלך שלמה, אַזאַ נאָענטער און היימישער אין זיין מעשׂה־בוך פּראַקטיקייט, מיט זיינע מענטשלעכע שוואַכקייטן, מיט זיין פאַרליבטקייט אין לעבן, זיינע הבל־הבלים־שטימונגען, זיין דאָרשט צו וויסן, זיין הונגער צו שיינ־קייט — וויפל פון זיין מהות האָט זיך איינגעוואָרצלט אין אַלעם וואָס איז געווען נשמהדיק־אייגן?

און אפשר איז טאַקע געשען, אַז יעקב, מרים פּאַלינס טאַטע, אין זיין קדמוני־נישן גילגול, האָט דאָרט, ערגעץ אין מלך שלמהס גערטנער, זיך אין פריינד־שאַפט באַגעגנט מיט דעם יינגל אַבראַשען, אין זיין קדמונישן גילגול — דעם אַבראַשקען פון באָטשאַני וועלכער האָט שפּעטער שקיצירט געטאָ־לאַנדשאַפטן, פאַרוואַנדלט זיי אין לאַנדשאַפטן פון שיר־השירים און איר, מרימען, פאַרבעטן אויף זיי אַרומצוטאַנצן? אפשר האָט ער שוין דאָרטן, ערגעץ צווישן וויינגאָרטן און בית־המיקדש, צוגעטראַכט דעם שיינעם נאָמען פאַר איר: רינה — געזאַנג? ווייל זיינע און איר נשמה האָבן אָפּט געהויזט צוזאַמען. מסתמא שוין דעמאָלט...

און פון דאָרט, פון דעם גלאָריע־רייכן בית־המיקדש, פון זיינע שוועלן וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן צו טרייסלען — וואָהין האָט דער שטויב פאַרטראָגן די פעדעם פון ירושה — קיין מלכות־יהודה? מלכות־ישראל? האָט ווער פון די אורטאַטעס און אורמאַמעס מיט די אייגענע אויערן פאַרנומען דאָס פייערדיקע וואָרט פון די נביאים? אפשר האָט גאָר עמעץ פון זיי, אַ באָרוועסער, אַ פאַר־הילטער אין אַ צעפלויגענער זאַק־פּעלערינע אַליין אויסגעזונגען זיינע באַפליגלטע חזיונות אויף אַ מידבּרדיק־שטויביקן בערגל?

ווער פון זיי איז פאַרטריבן געוואָרן אין גלות־בבל און פאַרהאַנגען די האַרפעס אויף ביימער־צווייגן? וועמעס טרערן האָבן זיך פאַרמישט מיט די וואַסערן פון בבלס טייכן? האָט ווער פון זיי געזוכט טרייסט ביים אַלטן ירמיהו, צי אפשר אויף פּאַפּירוסן פאַרחתמעט ירמיהוס קלאָגלידער־מאָנאָלאָגן — אַז דורות שפּע־טער, ווען ס׳וועלן מער קיין ווערטער נישט זיין, זאָל דעם נביאס קלאָגליד אַראָפּרינען פון שטומע ליפּן? — האָט דאָך מרים פּאַלינס זיידע פון טאַטנס צד, כאַמעלע דער סופר, ביז זיין לעצטן אָטעם פאַרבראַכט שרייבנדיק און איבער־

שרייבנדיק פּסוקים, פינקטלעך, געטריי, מיט דערהויבענער אָפּגעציטערטקייט און פאַרכט פאַר יעדן אות.

מסתּמא האָבן זיי, די אָבות פון טאַטנס צד, זיך אומגעקערט אַהיים פון גלות־בבל און זיך באַזעצט אין ירושלים, דער שטאָט ווו די לופט זינגט שירה און יעדער שטיין אויף יעדן געבערג איז רוחניות איבערגעקנעטן אין באַרירלע־כער ממשות. און ווי נישט שייך האָט דאָך עמעץ פון זיי — אין דעם וואָס אַ מאָל טונקעלערן, אָבער גייסטיק וואָס אַ מאָל רייכערן שפּעטער־אַריין, געמוזט האָבן כאַטשבי אַ ברעקל חלק אין דעם תּלמוד־בבלי, צי גאָר ירושלמי. יאָ, טרעגער־גיבורים פון נשמה־יתירהדיקע אוצרות האָבן זיי געמוזט זיין, ווייל אויב נישט, טאָ ווי וואָלט זייער גלײַיקער אָטעם זיך געקאָנט דעראָטעמען צו מרים פאַלינס טאָטן, צו יעקבן, און האַלטן וואָך דעם פלאַם פון בטחון אין זיין בוזעם?

אַוודאי זיינען די אורשטאַמיקע פון דער מאַמעס צד דאָרט אויך געווען. אָבער זיי — זיי זיינען געווען דאָס זאַלץ פון דער ערד: חכמים פון לעבן. קערנדיק, וואָך מיט אַלע חושים, ערדיש, פאַרביסן.

זיי זיינען אפשר געווען פון די וואָס האָבן לאַנג און געטריי מתפלל געווען צו בעל און עשתרת, געטער פון ממשות און טאָג־טעגלעכקייט, וואָס מען האָט זיי געקאָנט באַנעמען, באַרירן. און ס'איז זיי אָנגעקומען שווער צו ברעכן יעדער מין געטריישאַפט. אָבער ווי נאָר ס'איז זיי ליכטיק געוואָרן אין די קעפּ און זיי האָבן דעם גאָט פון ישראל אַריינגענומען אין די הערצער, זיינען זיי גרייט געווען אויף מסירת־נפש און קידוש־השם. זיי זיינען געווען אָן עם־קשי־עורף, עמך־שער־און־אייזן: עקשנים. דאָס האָבן זיי מסתּמא פאַרלאָזט דעם אַקער, צי די רינדער אין פעלד, זיך אָנגעשלאָסן אָן די חשמונאים און געשמידט כּלי־זין פאַר יהודה המכבי. מסתּמא האָבן זיי נישט איין העלדישקייט באַוויזן מיט זייער גרייטקייט זיך מקריב צו זיין פאַר דעם וואָס איז אייגן. אָבער זיי האָבן געהערט צו יענעם מין גיבורים וועמעס נעמען מען פאַרצייכנט נישט אויף טאָוולען, צי אויף פאַרמעטן.

דערפאַר קאָן געמאָלט זיין, אַז דער מאַמעס אָן אורבאָבע, אַ פאַרעקשנטע טאָכטער פון ירושלים, האָט שפּעטער־אַריין דערלאַנגט די מענער עמערס מיט ברענענדיקער סמאָלע צו די באַלאַגערטע מויערן — בעת איר געליבטער, דעם טאַטנס אָן אורזיידע, האָט געהאָלפן יוחנן בן זכאי זיך אַרויסגנבענען פון דער שטאָט, כּדי ער זאָל אויפשטעלן די ישיבה אין יבנה.

און ווען ציון איז חרוב געוואָרן... — ווער פון די אורשטאַמיקע, יאָ, ווער פון זיי איז געווען צווישן די געפאַנגענע פון רוים? וואָס איז מיט זיי געשען? ווו זיינען זיי אַוועק — פון יענעם צעשיידוועג, צעטרייבוועג, ביים אָנהייב פון וואַנדער וואָס דויערט נאָך?

מסתמא האָבן זיך דאָרט, העט־העט צוריק, די ירושה־זאָמען צעשיידט אויף לאַנגע דורות. איינער, דעם טאַטנס, האָט זיך אפשר געשלענגלט דורך ספרד, צרפת, אשכנז... דורך קרייצצוגן, אינקוויזיציע, עלילת־דם, שוואַרצער מגפה. דער צווייטער, דער מאַמעס, האָט מיט אַן ענלעכן מזל, מסתמא זיך געצויגן דורך טערקיי, קאַווקאַז און אויפגעשווומען אין ראַסיי...

אפשר איז איינע פון דער מאַמעס אָפּשטאַמיקע געווען די יִדישע קעכין וואָס האָט ביים כּוזרישן מלך איינגעפּירט אַ יִדישע קיך? צי אפשר איז זי גאָר געווען דעם כּוזרישן מלכּס אַ קעפּסוויב און האָט יעדע נאַכט געקנעלט מיט אים די ליבע־אינטימקייטן לויטן תּנכישן און תּלמודישן נוסח? צי אפשר האָט זי אים גאָר איבערגעטייטשט אויף כּוזריש די בריוו וואָס חסדאי אבן־שפּרוט, דער וויזיר אין הויף פון קאַליף פון קאָרדאָווע, האָט צו אים געשיקט מיט אַ ספּעציעלן פּאָטשטאַליאָן? — און אפשר איז, על־פּי רמזדיקן צופאַל, געשען, אַז דעם וויזירס סעקרעטאַר איז גראָד געווען אַן אָפּשטאַמיקער פון טאַטנס צד און דאָס האָט ער אָט די בריוו געשריבן מיט דער אייגענער האַנט?

און עס לייגט זיך אויפן שׂכל אויך אַ חשד, אַז שפּעטער, גאָר שפּעטער, האָט זיך אָט דאָס ירושה־פּעדעמל דער מאַמעס פאַרמישט מיט אַ פרעמדער פּיברע. מעגלעך, אין די צייטן פון גוואַלד און אַכזריות, פון קידוש־השם און פּיקוח־נפש, אין טעג פון קאָזאַקן און היידאַמאַקן — ווען יִדישע טעכטער האָבן מיט זייערע לייבער געצאָלט פאַר דער פּריווילעגיע פון זיין אַנגעהעריקע צום אתּה־בחרתּנו־פאָלק. האָט דען נישט די באָבעשי מרים, אָדער מאַרימל, ווי דער זיידע יאַסעלע פון דער מאַמעס צד האָט גערופן זיין ווייב, געהאַט געלב־פלאַקסענע האָר, שיפּלעכע אויגן און מאָנגאָליש־הויכע באַקנביינער, וואָס אירע קינדער האָבן פון איר געירשנט?

— אַזוי האָבן זיך געצויגן און געשלענגלט די ירושה־פּעדעם, איינער פון מערב און דער צווייטער פון מיזרח; זיך אַדורכגעזיפּט און אַדורכגעזאָטן דורך מדינות און לשונות, דורך נגישות און פורעניות און זיך אַריינגעוואָרצלט אין דעם לאַנד פון די ליאַכן, דער גרין־פעלדערדיקער פּאָלאַניאַ־פּאָלסקאַ. אַ נאָמען וואָס האָט זיך אַזוי לאַקנדיק געלאָזט פאַרטייטשן אין חומש־לשון אויף: פּה־לין. אַ נאָמען וואָס איז אַריין אינעם וואַנדער־און וואָגל־לשון, יִדיש — ווי „פּוילן״, און אַזוי אַרום געשאַפן דעם מקור פון מרימס פאַמיליע־נאָמען: פּאָלין.

דאָ האָבן זיך די ירושה־פּעדעם פאַרהאַלטן און איינגעקנופּט לעבן די שפּעדיקע בערגלעך פון דרומדיקן טאָל פון דער ווייסל — און זיך באַגעגנט אין סאַמע מיטן פון אַ זומפּיקן רינג, אין שטעטעלע באַטשאַני, וואָס האָט זיך אַזוי גערופן ווייל בושלען האָבן ליב געהאַט צו פאַרלייגן דאָרט זייערע נעסטן אויף די דעכער.

דאָרט האָט איין טאָג, ביים סאַמע סוף פֿון ניינצנטן יאָרהונדערט, דער באַ־טשאַן איבערן דאַך געבראַכט דער באָבעשי הינדעלע אַ יִנגעלע מיט אויגן פֿון אַ האָניק־קאָליר: יעקבן, דעם טאַטן. און דער באַטשאַן וואָס האָט געוווינט אויף דער באָבעשי מאַרימלס דאַך האָט איר אַ פּאָר יאָר שפּעטער געבראַכט אַ מיידעלע מיט אַ פּאָר געלב־פֿלאַקסענע הערעלעך אויפֿן שפּיץ קאָפּ: בינהלען, די מאַמען.

מרים פֿאָלין האָט געוואָרפֿן אַ בליק אויף דעם פּוילישן פּאַספּאָרט אין איר האַנט, דעם פּאַספּאָרט וואָס זי וועט מער קיין מאָל נישט באַנוצן. זיינע טאָוולען זיינען געווען ווייך און פֿייכט פֿון אירע טרערן. זי האָט זיך אויסגעגלייכט און אויפֿגעהויבן די אויגן צום אויסגעשטערנטן הימל.